This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

5 1974

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע

מײַ
5
1974

אינהאלט

דער מאגיסטראלער וועג פון אונדזער ליטעראטור — די הײַנטצײַטיקײַט

כאַים מעלאמוד. די פּראָזע אין „סאָוועטיש היימלאנד" פארן 1973 יאָר אין שײַן פון די פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקײַט. הערשל פּאָליאנקער. עטלעכע ווערטער וועגן דער פארצייכענונג. בוזי מילער. דער בארוף פון אונדזער ליטעראטור. אווראָם גאָנטאר. איך טראכט אזוי. שמועל גאָרדאָן. הײַנטצײַטיקײַט און הײַנט־טאָגיקײַט. כאַים מאלטינסקי. וועגן דעם לייענער, וועגן ירושע און טראדיציע. טעוויע גען. דער טיפּסטער קוואל. הערש רעמעניק. אופגאבן פון דער קריטיק. ארן ווערגעליס. די ייִדישע ליטעראטור איז ניט קיין ליטעראטור פונעם נעכטן 3

לעבעדיקע גרוסן

מארק ראזומני. ריגע וועט זײַן די שטאָט פון מײַן בענקשאפט 31

טעוויע גען. צוגאסט בא א דיכטער 40

פּובליציסטיק

מאטעריאלן פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון ייִסראָעל וועגן הײַנטצײַטיקן ציִעניזם 43

זיאמע טימענטשיק. ס'איז מיר פיל געגעבן (לידער) 62

יעכיִעל פאליקמאן. פײַער און אש. (ראָמאן. צווייטער טייל) 64

אווראָם גאָנטאר. דורך דוירעס דורך טיפע (לידער) 120

דווירע כאַראָל. לירישע העפטן (סאָף) 124

עלישעווע קאנצעדיק. א מאמע (דערציילונג) . 134

אבע פינקעלשטיין. פונעם סאָלדאטישן בלאָקנאָט 138

ריווע באליאסנע. א הארץ דארף גלייבן (לידער) . 144

יאָסל בוכבינדער. שעפע (לידער) 145

דאָרע כײַקינע. ווי זומער — די שטערן אין הויך (לידער) 145

זיכרוינעס. אוראן גוראלניק. נעכטן, הײַנט, מאָרגן (סאָף) 147

פאקטן פון אונדזער ליטעראטור־געשיכטע. דער איבערוף פון צײַטן. איזי כאריק. וואסיליעווע קארינע (ליד) 160

פּאָרטרעטן פון הײַנטצײַטיקע ייִדישע שוישפּילער. כאַיםביידער. א לעבן אף דער בינע 163

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאגע. פרידע ראסקין. דער קינסטלער יויסעף טשײַקאָוו 172

אונדזערע מיטיילונגען. ל. ווילסקער. פיר אומבאוווּסטע בריוו פון י.־ל. גאָרדאָן צום באראָן גינצבורג . . . 176

פון דעם שרײַבערס נאָטיץ־ביכל. ייִסראָעל סערעבריאני. א קליינער טראקטאט וועגן גרויסער ליבע . 180

דאָס איז טשיקאווע. י. גינעווסקי. אין דער פרײַנטלעכער פעלקער־מישפּאָכע 184

כראָניק 159, 162, 179, 185

נאָטיצן אפן קאלענדאר 186

לאָמיר זינגען נײַע לידער. ליבע אין טראנשיי. ווערטער פון ארן ווערגעליס. מוזיק פון סערגיי טשעבאָטאריאָוו. 188

עליע פאלקאָוויטש. שמועסן וועגן ייִדישער שפּראך. 190

הויפּט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

א. גאָנטאר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, י. טשיטשעלניצקי (שטעלפארטרעטער פון הויפּט־רעדאקטאָר), נאָטע לוריע, מ. לעוו, כ. מאלטינסקי, ב. מילער, כ. מעלאמוד, ה. פּאָליאנקער, ס. פרײַ.

פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר

י. שוסטער

דער מאַגיסטראַלער וועג פון אונדזער ליטעראַטור — די הײַנטצײַטיקײַט

די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאנד" האָט געווידמעט איר לעצטע פלענארע זיצונג דער פראַגע וועגן דער הײַנטצײַטיקער טעמע אין דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור.

מיר ברענגען דאָ דעם טעקסט פון די ארויסטרעטונגען פון די מיטגלידער פון דער רעדקאָלעגיע.

כאַיִם מעלאַמוד

די פראָזע אין „סאָוועטיש היימלאנד" פארן 1973 יאָר אין שײַן פון די פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקײַט

אין מעשעך פון א סאך יאָרן זע איך אָפּט איינעם און דעם זעלבן כאָלעם: ערגעץ אױף דער אוקראַינע האָט זיך מיטאמאָל באוויזן אן ארומגערינגלטע, נאָך ניט קיין צעגראָמירטע פאשיסטישע טייל. עס ווערט געמאָלדן א מאָביליזאציע, איך באקום אויך א פּאָוועסטקע, און איך לאָז זיך אין וועג ארײַן אָפּזוכן מײַן פּאָלק. איך געפין אים, טרעף זיך מיט א סאך מײַנע פרײַנט, סאָלדאטן און אָפיצערן פון די מילכאָמע־יאָרן, און מיר ציִען זיך ביסלעכווײַז ארײַן אין דעם שוין לאנג־פארגעסענעם סאָלדאטישן שטייגער. דערנאָך קומט עפּעס א א מעשונעדיקע שלאכט. אױף מיר וואלגערן זיך אָן עטלעכע פאשיסטן, איך האלט אין איין אָפּשלאָגן זיך, מיט וואָס נאָר עס מאכט זיך, שלאָג זיך מיט אן אויסזיכטלאָזער האָפענונג, אז דער כאָלעם, וואָס האָט זיך אזוי מוירעדיק פארצויגן, וועט זיך אמאָל ענדיקן. איך כאַפּ זיך אוף א פארשוויצטער, א ציטערנדיקער, ליג לאַנג צווישן כאָלעם און וואָר און האָב זייער מוירע, איך זאָל ווידער ניט אנשלאָפן ווערן. איך ווייס שוין: לאָמיך נאָר צומאכן די אויגן, וועט דער כאָלעם ווידער אוועק מיט זײַן שוידערלעכן גאנג.

איצט, ווען איך האָב גענומען בלעטערן אונדזער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", גרייטנדיק זיך צו דער הײַנטיקער פלענארער זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע, אױף וועלכער מיר זײַנען פארבעטן ארויסצוזאָגן זיך וועגן דער פּראָבלעם פון הײַנטצײַטיקײַט, איז מיר געקומען אפן געדאנק, אז מיסטאמע בין איך ניט איינער אזא, וואָס אין אים לעבט נאָך די פארגאנגענע מילכאָמע מיט אלע אירע העלדנטאטן און שוידערן. זי איז פאר אונדז, שרײַבער, ווי פאר אלע מענטשן אױף דער וועלט, נאָך ניט געוואָרן בלויז געשיכטע, כאָטש וועגן איר זײַנען שוין אָנגעשריבן הונדערטער בענדער געשיכטלעכע ווערק און ניט ווייניקער ראָמאנען.

ווען מיר לייענען הײַנט א טאלאנטפולע שילדערונג פון דער מילכאָמע, דוכט זיך אונדז, אז געשעען איז דאָס ניט מיט צענדליקער יאָרן צוריק, נאָר טאַקע הײַנט, ווײַל דאָס אלץ ליגט

ניט בלויז אין אונדזער זיקאָרן, נאָר אין אונד־
זער בלוט, אין אונדזער אָטעם. ערשט דערנאָך קאָנען מיר א טראַכט טאָן, אז די אלע מאָראַלישע פּראָבלעמען, וועלכע ווערן באַרירט אינעם ווערק — סאָוועטישער פּאַטריאָטיזם, אינטערנאַציאָנאַליזם, אײַנגעוואָרצלטקײַט אין דער מוטער־ערד, הומאַניזם, פעלקער־פרײַנטשאַפט — האָבן הײַנט צו טאָג באַקומען א באַזונדערע וואָג.

איז אָט, וואָס זשע מיינען מיר, ווען מיר רעדן וועגן די פּראָבלעמען פון הײַנטצײַטיקײַט? נאָך די פּילצאָליקע דיסקוסיעס, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען פאר די לעצטע יאָרן אין אונדזער פּרעסע, איז פאר אונדז אלעמען קלאָר, אז דאָ גייט א רייד ניט בלויז וועגן ווערק, אין וועלכע עס זײַנען באַשריבן די געשעענישן פונעם סאָף זעכציקער, צי פון דעם אָנהייב זיבעציקער יאָרן, נאָר וועגן ווערק, אין וועלכע עס ווערן באַרירט די געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטיש־מאָראַלישע פּראָבלעמען פון אונדזער צײַט, דאָס, וואָס רעגט אונדזער זיקאָרן, באַאומרויִקט אונדזער געוויסן, אונדזער געמיט, לאָזט ניט שלאָפן דורך די נעכט און קומט אָפט צו כאָלעם. אָפּשאַצן א ווערק פונעם שטאַנדפּונקט פון דער הײַנטצײַטיקײַט הייסט אויך אָפּשאַצן זײַן קינסטלעריש־אידייִשע אָנגעזעטיקטקײַט, פעסטשטעלן, וויאַזוי רופט זיך דאָס אָפּ און רופט זיך איבער מיטן לעבן, וויאַזוי שרײַבט זיך דאָס ווערק אַרײַן אין די אידעאָלאָגישע גרענעצן פון אונדזער צײַט, וויאַזוי באַשיצט עס און באַשטעטיקט אונדזערע ווערטן, אונדזערע קאָמוניסטישע אידעאַלן.

פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט, מיין איך, דאַרפן אָפּגעשאַצט ווערן די ווערק, וועלכע זײַנען געווידמעט דער מילכאָמע און דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. דאָס זײַנען ווערק ניט בלויז וועגן מילכאָמע, נאָר קעגן מילכאָמע, ניט בלויז וועגן, נאָר קעגן פאַשיזם, ווערק, וואָס קעמפן פאר שאָלעם, פאר פעלקער־פרײַנטשאַפט, און דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע און אָנגעווייטיקסטע פּראָבלעמען פון אונדזער צײַט.

וועגן דעם האָב איך געטראַכט, לייענענדיק אין „סאָוועטיש היימלאַנד" לעווס „קורסאַנטן", ליזענס „גרינע מאַצייוועס", פּעטשערסקיס „אופּשטאַנד אין סאָביבאָר", קיפּניסעס „טאָגביכער" און א ריי אנדערע ווערק אָף דער מילכאָמע־טעמע.

דאָס זעלבע האָט אויך א שײַכעס צו דער „אלטער" טעמע וועגן ביראָבידזשאַן. ווען בוזי מילער האָט אָפּגעדרוקט זײַנע ערשטע קאַפּיטלען וועגן עמקען, האָט זיך זייער געוואָלט, אז דאָס ווערק זאָל פאַרברייטערן זײַנע האָריזאָנטן. און ס'איז אוודאי גוט, וואָס „עמקע" איז אויסגעוואקסן אין „לויטערקײַט", אין א ברייטן לײַוונט וועגן ביראָבידזשאַן, פול מיט לויטערקײַט. מיט לויטערקײַט פון בילד און וואָרט, מיט לויטערקײַט פון געדאַנק, מיט לויטערקײַט פון אידייִשער אָנגעוועגדטקײַט.

דער אינטערנאַציאָנאַליזם איז כאַראַקטעריסטיש פאר די געפילן, געדאַנקען און טועכצן סײַ פונעם „קאָרענאָי דאַלנעוואָסטאָטשניק" יעגאָר איוואַנאָוויטש, סײַ פונעם רוסישן אָפיצער אַכרימאָוויטש, וואָס זינגט שיין ייִדישע לידלעך, סײַ אין דער ברייטער גאַלעריי ייִדישע געשטאַלטן — בויער פון ביראָבידזשאַן. טאַקע אין אזא זויבערער לופט האָט עמקע געקאָנט אויסוואַקסן אלס דיכטער — פּאַטריאָט און אינטערנאַציאָנאַליסט. ביז גאָר הײַנטצײַטיק, כ'וואָלט געזאָגט — אַקטועל, קלינגט די קעגנשטעלונג פון צוויי העלדן, צוויי וועלטן, צוויי קעגנזעצלעכע וועלט־אָנשויוּנגען פון עמקען און ליבקינען. די פּאָלעמיק איז אמבוילעטסטן אַנטפּלעקט אינעם קאַפּיטל, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין דעקאַבער־נומער פונעם זשורנאַל, ווו דער סיכסעך צווישן עמקען און ליבקינען ווערט באַזונדערס פאַרשאַרפט. דאָס איז א סיכסעך פון דער אידעאָלאָגיע פון קאָלעקטיוויזם, אינטערנאַציאָנאַליזם און עכטן אָפּטימיזם מיט דער אידעאָלאָגיע פון אינדיווידואַליזם און פּעסימיזם, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאר ליבקינען, דעם מענטשן פון א פרעמדער, קאַפּיטאַליסטישער „פּלאַנעטע". עמקע האָט געפילט, אז מיט אָט דער וועלט וועט אויסקומען זיך שלאָגן, און דער געשלעג דויערט ביז איצט. דאָס וויכטיקסטע איז אָבער עמקעס הייסער גלויבן, אז „אָף דער וועלט איז נאָך פאַראַן א סאַך שמוץ, נאָר לויטערקײַט איז פיל מערער"... דאָס איז דער גלויבן אויך פונעם אויטאָר.

דער הײַנטיקער סאָוועטישער מענטש מיט זײַנע הויכע מאָראַלישע נאָרמעס, מיט דער פאַרליבטקײַט אין זײַן אַרבעט, אין זײַן שטאָט, אין זײַן גאַס, אין זײַן לאַנד איז ברייט פאָרגעשטעלט אין העשל ראַבינקאָוויטש דערציילונגען. פון די טיפענישן פונעם פאָלקס־לעבן זײַנען אַרויסגעכאַפּט דער יונגער לערער, וואָס גייט פרײַוויליק אַרבעטן אין סאַמע ווײַטסטן דאָרף און באַגײַסטערט אלע לערער מיט זײַן ענערגיע; דער מענטש, וואָס איז געוועזן אַמאָל אַרויסגעשטויסן אָפּן סאַמע דנאָ פונעם לעבן און איצט איז ער געוואָרן א באַוווּסטער געלערנטער; די קינדער, וועלכע ווייסן ניט וועגן אזעלכע ווערטער ווי „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ"; דער פאָשעטער מענטש, וואָס פילט, אז איצט איז געקומען די צײַט פון פלאַנצן ביימער. אין דער דערציילונג „באַם טעלעוויזאָר" באַרירט ליובע וואַסערמאַן זייער א וויכטיקע מאָראַלישע פּראָבלעם. די גײַסטיקע ווערטן פונעם סאָוועטישן מענטשן

ווערן קעגנגעשטעלט די געבלאָזענע מיליאָנען און פאלשע צירונגען פון די מײַרעוודיקע ביזנעסמענער.

עס רופן זיך שטארק איבער ליובע וואסערמאנס דערציילונג „גאלעך” און סאלוואדאָר באָרזשעסעס „ראטעווע, ברודער”. ביידע ביראָבידזשאנער שרײַבער דעמאסקירן די ציִעניסטישע ליגנערײַען וועגן די „אכיינו בניי ייִסראָעל”. ביידע שילדערן די אינטערנאציִאָנאלע סאָלידאַרישקײַט פון די ארבעטער, וועלכע קעמפן קעגן זייערע אונטערדריקער, ביידע ווײַזן, וויִאזוי די ארבעטער (אינעם ערשטן פאל אין דער פארמילכאָמעדיקער פאלעסטינע, אינעם צווייטן — אין בראזיליע) געפינען דעם וועג צום קאָמוניסטישן אונטערערד, צו לענינען.

איצט וועל איך דערמאָנען אייניקע אנדערע דערציילונגען און נאָוועלן אין „סאָוועטיש היימלאנד”.

ערשטנס, וועגן דער צאָל. אין די צוועלף זשורנאל־נומערן פארן 1973 זײַנען מיט דערציילונגען און נאָוועלן ארויסגעטראָטן זיבעצן אווטאָרן, ס׳איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אריבער פערציק ווערק פון אָט דעם זשאנער. שווער צו זאָגן, צי דאָס איז גענוג, צי ווייניק, נאָר ס׳איז אומבאשטרײַטבאר, אז די דערציילונגען און נאָוועלן האָבן דאָס יאָר פארנומען אין זשורנאל אן אָנגעזעען אָרט.

איך בין ווייניק באקאנט מיט ב. האלפערנס פראָזע. האָבן מיך דערפאר זייער דערפרייט זײַנע דערציילונגען „מײַן ייִכעס” און „דאָס גרויסע הויז” מיט זייער גוטער, יאָדערדיקער שפראך. אין דער דערציילונג „דאָס גרויסע הויז” האָט דער שרײַבער זייער געלונגען באַוויזן דעם גאנג פון דוירעס, דאָס פארשווינדן פונעם אלטן, דעם געבורט פונעם נײַעם.

ס׳איז איבעריק צו באטאָנען, אז פאָליאנקערס דערציילונגען זײַנען פון גאָר אן אנדער מין. הערשל פאָליאנקער איז א מײַסטער פון קאָמישע סיטואציעס. אין זײַנע דערציילונגען „די ווײַסע וואָראָנע” און „א גאסט אין שטעטל” ווערט אויסגעלאכט דאָס קליינלעכע, דאָס לעפישע אין אונדזער לעבן, דאָס קליינבירגערלעכע צופאסן זיך. בעעמעס ווײַסע וואָראָנעס אין אונדזער לעבן זײַנען יענע פארעלטערטע אקטריסעס און דער פּוסטעוואטער קולטורניק, וואָס זיי מיינען צו מאכן א קאריערע דורך „הויכע באקאנטשאפטן”. און ווי געפעלט אײַך עפעס דער אמעריקאנער קנעפל־פרעזידענט דזשייקאָב, וואָס שנײַדט זיך אויס זײַן צוגעטראכטן אפּענדיקס, ווײַל בא אונדז קאָסט דאָס קיין געלט ניט?

די ווערק פון אונדזערע לייענער הייבן אָן פארנעמען א באמערקבאר אָרט אינעם זשורנאל. ב. שיינגאוטערס דערציילונג „פראו לויִזע” און נ. סיראָטינעס — „א באגעגעניש אין טשערקאס”, און לאָמיר שוין צושרײַבן אהער אויך אי. שולקינעס דערציילונג „ער”, טראָגן אין זיך יענע אָנלאָדונג, וועגן וועלכער איך האָב גערעדט אין אָנהייב. דאָס זײַנען דערציילונגען אנטימילכאָמעדיקע, אנטיפאשיסטישע, זיי רופן צום קאמף פאר שאָלעם, זיי רופן צו וואכזאמקײַט קעגן פאשיזם, וועלכער איז נאָך ניט פארשוווּנדן פון אונדזער ערד.

ס׳איז זייער וויכטיק, וואָס דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד” באקאנט די לייענער מיט אייניקע ווערק פון די ייִדישע שרײַבער פון אמעריקע און פון אנדערע לענדער. אין די דערציילונגען פון ל. כאנוקאָוו און ב. גלאזמאן דערפילן מיר די שארפע סאָציִאלע קאָנטראסטן אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, די אָפּגעפרעמדטקײַט, אָפּגעזונדערטקײַט, איינזאמקײַט פונעם יאָכיד, וואָס בלאָנדזעט ארום ווי אין א פרעמדער וועלט. דער לייענער דערפילט אויך דעם קאמף פון די פּראָגרעסיווע, רעוואָליוציאָנערע קויכעס קעגן דער אומענטשלעכער קאפיטאליסטישער אָרדענונג.

איך מיין, אז באהאנדלענדיק די פראָזע פונעם פארגאנגענעם יאָר, האָבן מיר די פולע רעכט צו זאָגן, אז די אָפּגעדרוקטע ווערק האָבן צוגעגעבן פיל מאמאָשעסדיקס יענע ליטערארישע און קולטור־ווערטן, וואָס מיר רופן זיי אָן — סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור. מיר האָבן די רעכט צו זאָגן נאָך א זאך: מיט די פארשיידענע פּראָבלעמען, וועלכע זײַנען באַרירט געוואָרן אין די ווערק, מיטן שילדערן די פארשיידענע פעריִאָדן און ווינקעלעך פונעם ייִדישן לעבן, מיט זייער הויכן קינסטלערישן ניוואָ און אידייִשער אָנגעזעטיקטקײַט קעמפן אונדזערע ווערק קעגן דעם צעיושעטן ציִעניזם, וואָס האָט שוין אויסגעפּרוּווט אלע סאמען און רעכילעסן אָף פארפירן מיט שעקער די ייִדן פון גאָר דער וועלט, אָף צעבויטען דעם געמיט און אָפּסאמען די מויכעס פון די סאָוועטישע ייִדן. אונדזערע ווערק קעמפן מיטן ציִעניזם אפילע דאן, ווען זײַן נאָמען ווערט ניט דערמאָנט, ווײַל אונדזער ליטעראטור, אירע פּראָבלעמען און פערסאָנאזשן, די מאָראלישע און אידייִשע פּרינציפּן, וואָס זי טראָגט אין זיך, זײַנען פּונקט דער היפּעך צו דעם, וואָס עס פּריידיקט דער ציִעניזם. אונדזער ליטעראטור איז דער טרעגער פון די הויכע אידעאלן פונעם קאָמוניזם, פון פעלקערפרײַנטשאפט, פון שאָלעם, פון אונדזער סאָוועטישן אינטערנאציִאָנאליזם.

און דאָך... מיר וואָלטן געזינדיקט קעגן זיך אליין, ווען מיר זאָלן זאָגן, אז די פּראָזע רופט ארויס בא אונדז פולשטענדיקע באפרידיקונג. אונדז פעלן גרעסערע ווערק, טאקע ווערק וועגן דעם היינט, וועגן די געשעענישן און פּראָבלע־

מען פון די זיבעציקער יאָרן, וועגן דעם, מיט וואָס עס לעבן און פּאָרוואָס עס קעמפן אַלע פעלקער פונעם ראַטנפאַרבאַנד.

ווייניק זײַנען באַ אונדז ראָמאַנען און דערציילונגען, אין וועלכע עס טרעט אַרויס אונדזער מיטצײַטלער אַליין — דער סאָוועטישער מענטש, דער אַרבעטער און געלערנטער, דער קאָלווירטניק און דער אינזשעניער, פאָרשטייער פון פאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטן און נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט, וועלכע האָבן געשאַפן און אויסגעפורעמט די נײַע היסטאָרישע געמיינשאַפט, וואָס הייסט — סאָוועטיש פאָלק. אוודאי דאַרף באַזונדערס אינטערעסירן דעם ייִדישן שרײַבער דאָס אָרט פון די סאָוועטישע ייִדן אינעם קאַמף פאַר שאַפן און אַנטוויקלען די דאָזיקע געמיינשאַפט. גראַד אַף דעם געביט קומען דאָך פאָר שאַרפע אידעאָלאָגישע געראַנגלען, גראַד דאָ שטויסט זיך צונויף דער הײַנט מיטן נעכטן, דער אַלץ בלײַענדיקער אינטערנאַציאָנאַליזם מיט די רעשטלעך פונעם נאַציאָנאַליזם, און אין דער ייִדישער סוויווע — מיטן ציוניזם. די פּובליציסטיק אין אונדזער זשורנאַל האָט אין דעם געביט פאַרפולט מיט זיך א סאַך בלויזן, באַזונדערס די פּובליציסטיק פונעם פאַריקן יאָר. די קינסטלערישע פּראָזע איז אין דעם פּראַט געבליבן הינטערשטעליק.

מיר לעבן אין א צײַט, וואָס יאָגט זיך מיט אַזאַ קאָלאָסאַלער גיכקייט, וועגן וועלכער ס'האָט ביז איצט ניט געוווּסט די געשיכטע פון דער מענטשהייט. די וויסנשאַפטלעך-טעכנישע רעוואָלוציע האָט געבוירן און אויפגעשטעלט ניט בלויז ריין עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, נאָר אויך מאָראַליש-פּאָליטישע. אין דעם, אויב א טראַכט טאָן, איז די באַזונדערקייט פון אונדזער נײַנטן פינפיאָר, דאָס, וואָס שיידט אים אונטער פון די פאַריקע פינפיאָרן, סײַ לויט די אויסערגעוויינלעך הויכע פּאַרמעסטן, סײַ לויט די מיטלען, מיט וועלכע די צילן ווערן פאַרווירקלעכט. געגנוג בלויז זיך דערמאָנען: די ערד פונעם קאַטלאָוואַן פאַר דער ערשטער דניעפּרישער הידראָסטאַנציע האָבן אַרויסגעפירט אַף קליינינקע האַנט-וועגעלעך טויזנטער מענטשן. דאָס איז געווען די „טעכניק" פונעם ערשטן פינפיאָר. איצט האַנדלט זיך וועגן מאַטעמאַטישע מעטאָדן פון אָנפירונג. די עלעקטראָניק איז אַרײַנגעדרונגען אין אַלע געביטן פון אונדזער אינדוסטריע, אַף די נײַע בויונגען אַרבעטן גיגאַנטישע עקסקאַוואַטאָרס און 100-טאָניקע לאַסטמאַשינעס.

און איבער דעם אַלעמען — דער מענטש. דער מענטש פונעם נײַנטן פינפיאָר, וואָס איז שוין גאָר אַן אַנדערער, א מענטש מיט נײַע זיטן, מיט נײַע מאָראַלישע נאָרמעס, מיט א נײַעם קוק אַף וועלט-זאַכן, מיט א נײַעם געפיל פון זײַן אייגענער ווירדע און אייגענער פּערזענלעכקייט, מיט א טיפן באַגריף פון זײַן אָרט אין דעם, וואָס הייסט — מענטשהייט.

אַף צו אָפּשפּיגלען די פּראָבלעמען פון דער צײַט פעלן אונדז אויס ווערק פון דער גרויסער פאָרם. אין די פריִערדיקע יאָרן האָט אונדזער ליטעראַטור, ווי באַוווּסט, געגעבן א ריי ראָמאַנען וועגן דער הײַנטצײַטיקייט. איך האָב אין זינען שמואל גאָרדאָנס „פרילינג", טעוויע גענס „אונדזערע צײַטן" און אייניקע אַנדערע פּראָזעווערק. אין זיי איז געווען דער מאַמאַשעסדיקער הײַנט, דער העלד פון אונדזער צײַט.

מע קאָן אַרויסשטעלן א ריי אַנדערע טײַנעס צו אונדזער פּראָזע. ניט אַלע ווערק זײַנען אַף דער געהעריקער קינסטלערישער הויך, פאַראַן דערציילונגען, קליינקאַליבערדיקע לויט די באַרירטע פּראָבלעמען. דאָס וויכטיקסטע, וועגן וואָס מיר ריידן הײַנט, איז אָבער די נויטווענדיקייט שאַרף א קערעווע טאָן זיך מיטן פּאָנעם צו דער הײַנטצײַטיקייט — מיט אַלע אונדזערע קושים, מיט אַלע אונדזערע קינסטלערישע מיטלען און מעגלעכקייטן, מיט די געמיינזאַמע קוױכעס פון אונדזער גאַנצן אָטריאַד פּראָזאַיקער.

פאַרשטייט זיך, אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור זײַנען ניטאָ קיין „אָפּגעפרעגטע טעמעס" און „פאַרווערטע פּערזאָנען". דאָס דערווײַזט די פּראַקטיק פון אונדזער זשורנאַל פאַר אַלע זײַנע יאָרן. נאָר עס קומט א צײַט, ווען דער שרײַבער אַליין לייגט אַוועק אַף א שטיקל צײַט איין ווערק, זייער א וויכטיקס, און נעמט זיך פאַר א צווייטן, וואָס ער האַלט איצט פאַר מערער וויכטיק. האָט דאָך שאַלאָכאָוו אַוועקגעלייגט אין אַנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן זײַן „שטילן דאָן" און גענומען שרײַבן דעם ראָמאַן „אויפגעאַקערטע רויערד". האָט דען בערגעלסאָן ניט אָפּגערוקט א ביסל אין א זײַט זײַן „באַם דניעפּער", קעדיי שאַפן א ווערק וועגן ביראָבידזשאַן? איך מיין, אַז איצט איז די דאָזיקע אויפגאַבע פאַר אונדז ניט ווייניקער וויכטיק. זאָלן געשריבן ווערן ווערק וועגן דער מילכאָמע און וועגן דער ווידערשטאַנד-באַוועגונג, זאָלן געשריבן ווערן ווערק וועגן בירגערקריג און קאָלעקטיוויזאַציע און אַפילו היסטאָרישע ווערק וועגן פריִען און שפּעטן מיטלאַלטער, נאָר זאָלן אין דער ערשטער ריי זיך באַווײַזן ווערק וועגן אונדזער צײַט, וועגן אונדזער מיטצײַטלער.

דער לייענער האָט צו אונדז גערעכטע טײַנעס, ער שטעלט אַרויס א סאַך פּראַגן, אַף וועלכע מיר מוזן ענטפערן.

הערשל פּאָליאַנקער

עטלעכע ווערטער וועגן דער פאַרצייכענונג

רײדנדיק וועגן דער נאָוועלע, האָט אַלעקסיי טאָלסטאָי אַמאָל געזאָגט, אַז דאָס איז „די שווערסטע פאָרם פון דער קונסט... אין אַ גרע־סער ווערק, אַ ראָמאַן, אַ פּאָוועסט (גרויסע דערציילונג) קאָן מען דעם לייענער „פאַרריידן די ציין" מיט אַ גוטער באַשרײַבונג, מיט לע־בעדיקן דיאַלאָג, פײַנעם פּייזאַזש, נאָר דאָ זײַנט איר אינגאַנצן, ווי אויף דער דלאָניע... קליינע פאָרם באַפרײַט אײַך אָבער ניט פון גרויסן אינהאַלט..."

איך דענק, אַז דאָס האָט אַ שײַכעס אויך צו דער פאַרצייכענונג.

עמעצער האָט זייער טרעפלעך כאַראַקטערי־זירט די פאַרצייכענונג, ווי אַ מין אויסשפּירער, אַ „ראַזוועדטשיק" פון דער גרויסער פראָזע, איר „לײַכטע קאַוואַלעריע", וואָס קאָן גלײַך „אויף די פרישע שפּורן פונעם לעבן" אַרײַנדרינ־גען אין דער סאַמע געדיכטעניש פון די צאַפּלדיקע געשעענישן און זיי פאַרנאָטירן, אופהייבנדיק מיט דעם גרויסע לעבנס־פּראָ־בלעמען.

אויב דער שרײַבער מוז האָבן אַ געוויסע די־סטאַנץ און צײַט, קעדיי שאַפן דאָס גרויסע פאַראַלגעמיינערנדיקע ווערק, קאָן די פאַרציי־כענונג פאַרטיק ווערן שנעלער און בלײַבן איינ־צײַטיק אַ פולבאַרעכטיקט קונסט־ווערק, אויב זי איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט טאַלאַנט, מיט האַרץ, מיט פאַרינטערעסירונג.

מיר האָבן עכטע מוסטערן פון דער פאַרציי־כענונג, וואָס עס האָבן אונדז איבערגעלאָזט אונדזערע קלאַסיקער מענדעלע, פּערעץ, שאָ־לעם־אַלייכעם, ווי אויך די טאַלאַנטפולע פאַ־לאַנגע סאָוועטישע פּראָזאַיקער.

זײַנען דען די ווערק פון די דאָזיקע שרײַבער ניט געקניפּט און געבונדן מיט דער פאַרציי־כענונג און צי ניט פון זייערע פאַרצייכענונגען קומען די גרויסע ראָמאַנען?

קאַסרילעווקע און „אײַזנבאַן־געשיכטעס" שאָלעם־אַלייכעמס, „פישקע דער קרומער" און „דאָס קליינע מענטשעלע" מענדעלעס, „בילדער און סקיצן" פּערעצעס זײַנען דען ניט געשאַפן געוואָרן אויף די פרישע שפּורן פונעם געזעענעם און געהערטן אין די שטענדיקע רײַזעס איבער שטעט און שטעטלעך? אונדזערע גרויסע שרײַ־בער האָבן זיך ניט געדאַרפט וואָוקלאָזן אין די לאַבירינטן פון דער אוראַלטער געשיכטע, זיי זײַנען געווען מיטן פאָלק, געלעבט מיט זײַנע אינטערעסן, זיך געפרייט מיט זײַנע פריידן און געוויייטעקט מיט זײַנע ווייטעקן און ליידן.

הערשל אָרלאַנדס „הרעבליעס" און אַלבער־טאָנס „בייראָבידזשאַנער" זײַנען דען ניט גע־שאַפן געוואָרן אויף די פרישע שפּורן פונעם לעבן? די דאָזיקע ווערק שטעלן מיט זיך פאָר עכטע מוסטערן פון דער פאַרצייכענונג.

און דעם ניסטערס בוך פאַרצייכענונגען „דרײַ הויפּטשטעט", וואָס האָט אַרויסגעפירט דעם שרײַבער־סימבאָליקער אויף דער ברייטער ריאַ־ליסטישער מאַגיסטראַל פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור, האָט דען ניט באַשײַנט דעם אָנגע־זעענעם מײַסטערס גרויסע שאַפונג?

די עכטע שרײַבער אונדזערע האָבן דער־נעענטערט דעם אָטשערק, די פאַרצייכענונג צו עכטער קונסט, צו דער גרויסער פּראָזע, און דערפאַר זײַנען זייערע פאַרצייכענונגען — גרע־סערע און קלענערע — געבליבן אינעם גאָלדע־נעם פאָנד פון אונדזער ליטעראַטור.

די שרײַבער האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז די פאַרצייכענונג איז זייער אַן ערנסטע פאָרם פון דער ליטעראַטור, ווײַל זי שפּיגלט אָפּ שטיקער געשיכטע פון דער הײַנטצײַטיקײַט. לויט דער ליטעראַטור וועלן די קומענדיקע דורות קאָנען לערנען, זען, וויאַזוי זייערע אָוועס האָבן איי־בערגעבויט אין די גרעסטע שווערקײַטן דאָס לעבן אויף נײַע סאָציאַליסטישע יעסודעס, וויאַזוי די מענטשן פון די פערציקער יאָרן זײַנען בײַ־געקומען דעם בלוטיקן סוינע, וואָס איז געקו־מען פאַרניכטן דאָס לאַנד, די גרויסע דעראָבע־רונגען פון די פאַרברידערטע פעלקער אונדז־זערע.

אין די ערשטע פינפיאָרן האָבן אין דער סאָ־וועטישער ליטעראַטור באַזונדערס שטאַלץ גע־קלונגען די אָטשערקן. מיר געדענקען אויך גוט די פאַרצייכענונגען פון די ייִדישע פּראָזאַיקער, וועלכע זײַנען געווען גאַנץ אָפּטע געסט אויף די בויונגען, אין די קאָלווירטן, אין בייראָבידזשאַן.

און דאָ איז דאָס אָרט אונטערצושטרײַכן די פילצאָליקע דאָקומענטאלע פארצייכענונגען, וואָס עס האָבן דעמלט אָנגעשריבן מוישע אראָנסקי, מוישע כאשטשעוואצקי, נאָטע לוריע, שמועל גאָרדאָן, כאיִם מעלאמוד, יעכיִעל פאליקמאן, העשל ראבינקאָוו, בוזי מילער, עליע גאָרדאָן און אנדערע.

דער פארצייכענונג־זשאנער האָט באזונדערס געקלונגען אין די שווערע יאָרן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, ווען די ווערק זײַנען געקומען פונעם סאמע פײַער, אָנגעשריבענע פון אונדזערע באגאבטע שרײַבער־פראָנטאָוויקעס, וועלכע האָבן אין די שווערסטע באדינגונגען פונעם פראָנט־לעבן ניט אוועקגעלייגט די פען און פארצייכנט די העלדישקײַט פון די סאָלדאטן פון פארשיידענע פעלקער.

און עס איז בעפיירעש א שאָד, וואָס ביז איצט האָבן מיר נאָך ניט צונויפגענומען די דאָזיקע פארצייכענונגען און רעפּאָרטאזשן פון די רומפולע יאָרן און זיי ניט ארויסגעגעבן אין א בוך־פאָרם! שטיקער לעבן פון פײַער זײַנען דאָס געווען! בילדער פון סאָלדאטישער מעסירעסנעפעש און טרײַשאפט צו אונדזער ערד!

קימאט דער גרעסטער טייל פון אונדזערע פראָזאיִקער, ווי אויך דיכטער, האָבן זיך אזוי צי אנדערש צוגערירט צו דער פארצייכענונג. דאָס איז דער ערשטער טראָט צו דער הײַנטצײַטיקײַט, צום צאפלדיקן לעבן.

גרויס זײַנען די ניצכוינעס פון אונדזערע פעלקער אף אלע באצירקן פון דער קאָמוניסטישער בויונג. די העלדישקײַט פון די סאָוועטישע מענטשן אף די גרויסע בויונגען, די קאָלאָסאלע דערגרייכונגען פון דעם קאָלווירטישן פויערטום אף די פעלדער באגײַסטערן די שרײַבער און קינסטלער אונדזערע און גיבן זיי וווּנדערלעכן שטאָף פאר זייער שאפונג.

עס ווערן געשאפן אפן מאטעריאל פון דער הײַנטצײַטיקײַט גרעסערע קונסט־ווערק, און גראָד דאָ איז פאראן א ברייט פעלד פאר דער קינסטלערישער פארצייכענונג, וואָס איז באַרופן אָפּשפּיגלען דאָס נײַע און וויכטיקסטע אין אונדזער טאָגטעגלעכן לעבן. אָבער מע מוז געדענקען, אז מיט א קאלטער, גלײַכגילטיקער פען איז אומעגלעך אָנשרײַבן אן עכטע פארצייכענונג. א קאלטן רעגיסטראטאָר וועט זיך ניט אונטערגעבן דער צאפלדיקער מאטעריאל, עס וועט זיך גאָרנישט ניט באקומען. קורץ — מיט דער גאנצער ערנסטקײַט, מאָביליזירנדיק דעם פולן ארסענאל טאלאנט, קענטעניש, באאָבאכטונגס־קראפט, פארינטערעסירונג און האָבנדיק זײַן אידייִשע שרײַבער־פּאָזיציע, דארף דער קינסטלער צוגיין צום שאפן א פארצייכענונג. און נאָך איין זאך מוז מען געדענקען — די פארצייכענונג דארף רעגן, רופן, דערמאָנען, זי טאָר ניט זײַן סקוטשנע, זי דארף פארמאָגן איר אידיי, איר סוזשעט, ווײַל אָן דעם איז דאָס בלויז ארויסגעוואָרפענע האָרעוואניע, און ניט דער לייענער און ניט אליין דער מעכאבער וועט ניט האָבן קיין נאכעס, קיין פארגעניגן.

אין די לעצטע יאָרן איז די פארצייכענונג געוואָרן אין „סאָוועטיש היימלאנד” אן אָפטערער גאסט, איידער פריִער. און דאָס איז גאנץ פארשטענדלעך, ווײַל דער זשורנאל באמיט זיך אָפּשפּיגלען די הײַנטצײַטיקײַט, דאָס לעבעדיקע לעבן פון אונדזער לאנד, די געשעענישן אין אונדזער צײַט.

דער לייענער פונעם זשורנאל האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק געלייענט מיט גרויס אינטערעס שמועל גאָרדאָנס פארצייכענונגען וועגן צעלינא, וועגן די שטעטלעך אף אוקראיִנע. דאָס זײַנען ניט געווען קיין לויפנדיקע נאָטיצן, אָנגעשריבענע פון א גלײַכגילטיקן פארבײַפאָרער. דער לייענער פילט, אז עס רעדט מיט אים אן ערנסטער שרײַבער, א דירעקטער און פארינטערעסירטער אָנטיילנעמער פון דער גרויסער בויונג אונדזערער. דער מעכאבער האָט מיט פולער רעכט אײַנגעשלאָסן שפעטער די פארצייכענונגען אין זײַן בוך, ווײַל אין זיי זײַנען באוויזן געוואָרן שטיקער לעבן און זיי זײַנען לויט זייער פאראלגעמיינערונגס־קראפט און אידייִשקײַט געוואָרן ליטעראַרישע פאקטן.

דאָס קאָן אויך געזאָגט ווערן בענעגייע א רײ פארצייכענונגען, וואָס עס האָבן פארעפנטלעכט אין זשורנאל טעוויע גען, שירע גאָרשמאן, אלעקסאנדער גובניצקי (כאָטש די לעצטע פארצייכענונג זײַנע וועגן קאמאז קאָן מען ניט צורעכענען צו די געלונגענע) און דער פארשטאָרבענער דיכטער מאָטל גרוביאן.

דאָ ווילט זיך מיר מאכן א קורצן איבערבליק פון די פארצייכענונגען, געדרוקטע אין 1973 יאָר, און א קוק טאָן, ווי האלטן מיר אין כעזשבן מיט דעם וויכטיקן זשאנער, וואָס מוז פארנעמען א נאָך גרעסער אָרט אין אונדזער שאפונג.

פאר דעם פארגאנגענעם יאָר האָט זיך דער טעמאטישער דיִאפּאזאָן פון דער פארצייכענונג באדײַטנדיק פארברייטערט. קימאט אין יעדן נומער פון אונדזער זשורנאל געפינען מיר דאָזיקע דאָקומענטאלע ווערק פון דער אָדער יענער קוואליטעט און פארנעם. אורטיילנדיק לויט די אָפּקלאנגען באם לייענער, קאָן מען מיט רעכט זאָגן, אז די אָטשערקן רופן בעפיירעש ארויס אינטערעס צוליב זייער אקטועלקײַט.

אָט האָט זיך דער דיכטער כאיִם מאלטינסקי פארמאָסטן אף א גרעסערער פארצייכענונג, וואָס איז געווען געדרוקט אין די ערשטע צוויי

נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ פאַרן פאַ־
ריקן יאָר. דאָס איז אַ באַשרײַבונג פון דעם שטעטל אוזדע, ניט ווײַט פון מינסק, וואָס איז באַקאַנט דעם דיכטער פון די פריִערדיקע יאָרן, און ער איז איצט אַהין ווידער אַראָפּגעקומען צו זײַנע העלדן.

מיט פיל כיין, ליריש און אָפט מיט לײַכטן הומאָר, איז באַשריבן דאָס שטעטל אוזדע מיט זײַנע אײַנוווינער — פּשוטע סאָוועטישע מענטשן, עכטע פּאַטריאָטן פונעם פאָטערלאַנד, וואָס רופן אַרויס צו זיך גרויס סימפּאַטיע.

אַזאַ איז דער שמיד יוסף קאָנטאָראָוויטש, וועלכער איז אָפּגעשטאַנען צענדליקער יאָר בײַ דער קאָוואַדלע, און ווען ער איז עלטער געוואָרן, „אַריבערגעגאַנגען אַף מעלוכישע קעסט“, אַף פּענסיע, האָט ער ניט געקאָנט זיך געזעגענען מיט דער אַרבעט און איז געוואָרן אַ בינענציכטלער. מיט וואָס פאַר אַ ליבע און קענטעניש גייט אַרום אָט דער מענטש מיט דער שײַנער ביאָגראַפיע אַרום די בינשטאָקן, אַרום זײַנע בינען — האָרעפּאַשניקעס! מיט קורצע קאָלאָריטפולע שטריכן האָט דער שרײַבער געשאַפן אַ געשטאַלט, וואָס פאַרקריצט זיך אַף לאַנג אין זיקאָרן. עס פאַרגעדענקט זיך אויך דינע גראַזאָווסקע, די געוועזענע פּאַרטיזאַנקע, איר העלדישקייט אין דער צײַט פון די שווערסטע אויספּרוּוון. דער שרײַבער דערציילט וועגן עכטער פעלקער־פרײַנטשאַפט, ווי אַזוי די ווײַסרוסישע שכיינים האָבן געהאָלפן ראַטעווען ייִדן בעשאַס דער פאַשיסטישער מאַגייפע.

אָבער אַזעלכע עפּיזאָדן ווערן דערציילט, ווי שטיקער געשיכטע, דעריקער אינטערעסירט דעם מעכאַבער דאָס לעבן פון אונדזערע מענטשן איצט, זייער טרײַע אַרבעט, זייער אָנטייל אין דער בויונג פונעם נײַעם לעבן.

עס טרעפט, אַז מאַלטינסקין פירט אונטער דער געפיל פון מאָס, און דעמלט זעט מען די שוואַכע ערטער פון זײַן פאַרצייכענונג. מאַלטינסקי האָט זיך באמת אַרויספירן וואָס מער געשטאַלטן, נאָר דאָס ברענגט צו סכעמאַטיזם. דער קינסטלער איז ניט קיין פאָטאָגראַף, ניט אַלץ דאַרף ער אַרײַננעמען אין דער פאַרצייכענונג, ער מוז האָבן אין זינען, אַז בלויז דאָס כאַראַקטעריסטישע קאָן רעגן און פאַרכאַפּן דעם לייענער.

צום זשאַנער פאַרצייכענונגען דאַרף אויך פאַרעכנט ווערן אַרן ווערגעליסעס „בריוו פון אייראָפּע“, וועלכע זײַנען געדרוקט געוואָרן אין די ערשטע זשורנאַל־נומערן פאַרן 1973.

דער מעכאַבער האָט לעצטנס באַזוכט אַ גאַנצע ריי לענדער פון אייראָפּע, און ער דערציילט דעם לייענער וועגן דעם, וואָס ער האָט געזען און געהערט אין יענע מעקוימעס. ער באַווײַזט דעריקער די מענטשן, וועלכע ער האָט באַגעגנט אַף זײַן וועג, גיט איבער זייער שטאַנדפונקט וועגן פאַרשיידענע וועלט־געשעענישן. אַ גרויסע צאָל פרײַנט און פײַנט האָט ווערגעליס אין וועג באַגעגנט. די גרעסטע טייל בריוו זײַנען דורכגעזאַפּט מיט פובליציסטישע שאַרפע „אײַנשפּריצונגען“, זיי זײַנען קעמפעריש און אומקאָמפּראָמיסלעך.

דערציילנדיק וועגן פּראַג, סאָפיִע, רוים, מאַכט דער אויטאָר ברייטע עקסקורסן אין דער געשיכטע, דערמאָנט געגנוי די ערטער, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיט דער ייִדישער געשיכטע. די „בריוו“ זײַנען אָנגעשריבן מיט אַ שאַרפער פען און זיי לייענען זיך מיט שפּאַנונג. אַמערסטן ווילט זיך מיר אָפּמערקן די בריוו־פאַרצייכענונג ווערגעליסעס וועגן בולגאַריע, וועגן אָט דעם וווּנדערלעכן לאַנד, ווו יאָרנלאַנג האָבן האַנט־בײַ־האַנט געקעמפט פאַר זייער פרײַהייט בולגאַרן און ייִדן; דאָ האָט דער מעכאַבער באַוויזן אַ גאַנצע ריי געשטאַלטן פון עכטע רעוואָליוציאָנערן. דורך דער פאַרצייכענונג ווערט דורכגעפירט די ליניע פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, ס׳איז באַוויזן די פרײַנטשאַפט פון ייִדן און בולגאַרן אין די שווערסטע יאָרן פון אויספּרוּוו און אין דער איצטיקער סאָציאַליסטישער בויונג.

אין דער באַשרײַבונג פון איטאַליע זײַנען די בריוו אַ ביסל צעצויגן, און דאָס שוואַכט אָפּ די שפּאַנונג. אָבער אין גרונט גענומען, זײַנען די בריוו־פאַרצייכענונגען אַקטועל, אינטערעסאַנט און לייענען זיך מיט גרויס אינטערעס.

צו די געלונגענע ווערק פונעם דאָקומענטאַלן זשאַנער, וועלכע זײַנען פאַרעפנטלעכט אין אונדזער זשורנאַל, ווילט זיך אָפּמערקן כאַיִם ביידערס פאַרצייכענונג וועגן ביראָבידזשאַן. דער דיכטער האָט אַ לענגערע צײַט פאַרבראַכט אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט און איז גוט באַקאַנט מיט די יִשוּווים און קאָלווירטן, מיט די מענטשן, וואָס בויען די געגנט און זײַנען אײַנגעבירגערט אין איר. כאַיִם ביידערן אינטערעסירט דאָס נײַע, צאַפּלדיקע, די ענדערונגען, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען פאַר די לעצטע יאָרן אַף אָט דער ערד, און ער שאַפט אַ ריי אינטערעסאַנטע בילדער פונעם ביראָבידזשאַנער לעבנשטייגער, מאָלט מענטשן — יונגע און אַלטע, — גיט איבער דעם שטורמישן ריטם, דעם פּאַטאָס פונעם לעבן אין דער געגנט.

ביידער קאָן אָפּטיילן דאָס ערשטראַנגיקע פונעם זײַטיקן. ער פאַרגעסט ניט צו דערמאָנען אויך אין יענע שווערע יאָרן, ווען די ערשטע איבערוואַנדערער זײַנען געקומען צו דער בירע, דערציילט טרעפלעך וועגן די פּיאָנערן פון ביי־

ראַבידזשאַן־בוי, וואָס האָבן באַטראַכט די ווילדע טײַגע און זײַנען איצט צווישן די בעקאַוועדיקסטע מענטשן פונעם קאַנט.

וועגן ביראָבידזשאַן האָבן אונדזערע שרײַבער שוין א סאַך געשריבן, און ס׳איז א שאָד, וואָס אין כאַים ביידערס פאַרצייכענונג טרעפן מיר אייניקע עפּיזאָדן, וואָס זײַנען אונדז שוין פון לאַנג באַקאַנט און מע וואָלט זיי לײַכט געקאָנט אויסמײַדן.

ווי מיר זעען, האָבן זיך אונדזערע בעקאַוועדיקע דיכטער אַקטיוו אײַנגעשלאָסן אין דער שאַפונג פונעם פאַרצייכענונגס־זשאַנער, און דאָס איז דערפרייענדיק.

און ווו זשע זײַנען ערגעץ אונדזערע פּראָזאיקער, יענע, וואָס האָבן אזא גרויסע דערפאַרונג פון שרײַבן אַטשערקן און זיי האָבן פיל אופגעטאָן אין דעם פּראַט? מע קאָן ניט זאָגן, אז אין 1973 יאָר איז בא זיי געווען א רײַכע גערעטעניש פון פאַרצייכענונגען. מע איז פאַרנומען, זעט אויס, מיט די גרעסערע פּראָזאישע ווערק. די בעלעטריסטן האָבן ווי פאַרגעסן אין דעם אזוי נייטיקן דאָקומענטאַלן זשאַנער. עמעס, מיר האָבן געלייענט אין 1973 יאָר די פאַרצייכענונגען — רעפּאָרטאַזשן פון נאָטע לוריע, שמועל גאָרדאָן, כאַים מעלאַמוד, וועלכע שילדערן די אַרבעט פון די קיִעווער, ווילנער, טשערנאָוויצער שרײַבער און קונסט־טוער. די דאָזיקע ווערק זײַנען אָנגעשריבן מיט א זאַפטיקער שפּראַך, לעבעדיק, און זיי גיבן א רעאַליסטיש בילד וועגן דעם קולטור־לעבן אין א גאַנצער ריי אונדזערע באַליבטע סאָוועטישע שטעט. די פאַרצייכענונגען — רעפּאָרטאַזשן זײַנען גוט אופגענומען געוואָרן מיצאַד אונדזערע לייענער, עס האָבן זיי איבערגעדרוקט פיל אויסלענדישע אויסגאַבעס. אָבער פון די באַגאַבטע פּראָזאיקער אונדזערע קאָנען מיר דערוואַרטן אויך פאַנאַנדערגעוויקלטע פאַרצייכענונגען וועגן די בויונגען פונעם נײַנטן פינפיאָר, וועגן אונדזערע סאָוועטישע מענטשן אָפּן נײַעם עטאַפּ פונעם קאַמף פאַרן קאָמוניזם.

אַלעקסאַנדער גובניצקי, וואָס איז אין די פאַריקע יאָרן געווען טעטיק אין דאָקומענטאַלן זשאַנער, באַרײַכערנדיק די ליטעראַטור מיט א גאַנצער ריי אינטערעסאַנטע פאַרצייכענונגען וועגן בויער, שאַפערן, איז דאָס מאָל געקומען מיט א ווייניק געלונגענער, איבערפלעכלעכער פאַרצייכענונג וועגן „קאַמאַז”. ס׳איז בעפיירעש א שאָד. דער שרײַבער, וואָס פאַרמאָגט א גוטע פאָלקסטימלעכע שפּראַך און א שאַרף אויג אָף אופכאַפּן דאָס נײַע אינעם לעבן, און ער איז אַן אָפּטער גאַסט אָף די וויכטיקע בויונגען, — ער איז בעקויעך צו געבן דעם לייענער עכטע, אינהאַלטרײַכע פאַרצייכענונגען.

פאַרענדיקנדיק מײַן קורץ וואָרט וועגן דער פאַרצייכענונג, דאַרף איך ווידער אונטערשטרײַכן, אז דער דאָזיקער העכסט־וויכטיקער זשאַנער פאַרנעמט אין „סאָוועטיש היימלאַנד” אַן אָנגעזעען, בעקאַוועדיק אָרט. מע דאַרף אָבער שטרעבן, אז די פאַרצייכענונג זאָל בא אונדז ווערן פולבלוטיקער, טיפער. מיט מער ערנסטקײַט מוזן זיך באַציִען די שרײַבער צו דער שילדערונג פון דער צײַט און פון די מענטשן. דער אָפּקלײַב פון מאַטעריאַל דאַרף זײַן א שטרענגערער. עס איז נייטיק צו געפינען נײַע פאַרבן פאַר דער פאַרצייכענונג, אויסמײַדן שטאַמפּן, געדענקען, אז די „איך־פאָרם” הייסט לאַכלוטן ניט, אז דער אוטאָר מוז דערציילן אין דער ערשטער ריי און געגנוי וועגן זיך — וויאַזוי ער איז געפאָרן, וויאַזוי מע האָט אים אין קאָלווירט אָדער אָף דער בויונג אופגענומען, מיט וואָס מע האָט אים מעכאַבעד געווען און אין וואָס פאַר א מין טראַנספּאָרט ער איז געפאָרן...

דער לייענער וואַרט פון אונדזערע שרײַבער און פובליציסטן הויכקינסטלערישע, אידייִש־פולבלוטיקע פאַרצייכענונגען, וואָס זאָלן רעגן, רופן, לערנען; פאַרצייכענונגען, וועלכע שפּיגלען אָפּ די גרויסע אופטוען, די העלדישע טאַטן פון אונדזערע מענטשן, פון אונדזער שטורמישער צײַט. דער אַטשערק — דאָס איז א גלײַכבאַרעכטיקטער זשאַנער פון דער פּראָזע, און ער מוז אופגעהויבן ווערן אָף דער געהעריקער ליטעראַריש־קינסטלערישער און אידייִשער הייך.

אונדזער באַדײַטנדיקער קאָלעקטיוו יידישע סאָוועטישע שרײַבער איז בעקויעך זיך ספּראַווען מיט אָט דער בעקאַוועדיקער אופגאַבע.

בוזי מילער •

דער באַרוף פֿון אונדזער ליטעראַטור

די פּראַגע וועגן דער היינטצײַטיקייט איז גע־שטעלט אין טאָגסיידער פֿון דער פּלענאַרער זי־צונג פֿון דער רעדקאָלעגיע פֿון אונדזער זשור־נאַל, און דאָס איז ריכטיק. זי שטייט דאָך פֿאַר דער גאַנצער פֿילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער לי־טעראַטור. דאָס איז איינע פֿון די פּראַגן, וועלכע זײַנען אייגנטלעך, קיינמאָל ניט אַראָפּגעגאַנגען פֿונעם טאָגסיידער.

יעדעס גוט ווערק איז אַלעמאָל היינטצײַטיק. און עס איז דאָך שוין פֿון לאַנג געוואָרן אַ קלאַל, אַז וואָס מער אַקטועל אַ ווערק איז פֿאַר זײַן צײַט, אַלץ מער פֿאַרהיט עס אָט די מײַלע אויך פֿאַר די שפּעטערדיקע דורות. אָן איידעס דערצו — די וועלט־קלאַסיק.

דער פֿײַערדיקער וועג פֿון אונדזער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור איז געוואָרן דער אָק־טיאַבער פֿון 1917 — „אָקטאָבער — אָן אָנהייב אָן „אַ", ווי עס האָט געזאָגט איינער פֿון אירע קלאַ־סיקער דאַוויד האָפֿשטיין. זײַן האַרץ, ווי ער האָט געזאָגט, איז געווען „דעם העלן טאָג אַ כאַווער". און טאַקע דערפֿאַר האָט ער מיט אַזאַ פֿרייידיק־לײַדנשאַפֿטלעכן געפֿיל אין דער צײַט פֿונעם געבורט פֿון דער נײַער סאָציאַליסטישער עפּאָכע אויסגערופֿן: „ווי טרויעריק־זיס איז מענטש צו זײַן!"

אַ סאַך שטרײַטן זײַנען פֿאַרגעקומען אַרום דער פֿראַגע וועגן דעם, וואָס מע דאַרף פֿאַר־שטיין אונטערן באַגריף היינטצײַטיקייט? צי מיינט מען דאָ נאָר דאָס, וואָס קומט פֿאָר בוכ־שטעבלעך היינט צו טאָג, היינטיקע וואָך, היינ־טיקס יאָר, אָדער אין דעם באַגריף גייען אַרײַן גרעסערע צײַט־אָפּשניטן? עס איז געבליבן, אַז היינטצײַטיקייט דאַרף מען פֿאַרשטיין, ווי אַ גאַנץ ברייטן באַגריף. לאָמיר זאָגן — די גאַנצע סאָוועטישע עפּאָכע — דאָס איז אונדזער היינט־צײַטיקייט.

מע קאָן פֿרעגן: דאַרף מען פֿאַררעכענען צו דער היינטצײַטיקער ליטעראַטור אַ ווערק, וואָס שילדערט די געשעענישן פֿון אָקטיאַבער 1917? יאָ. און פֿון בירגערקריג? אויך. און פֿון דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע? אוודאי. און פֿונעם נאָכמילכאָמעדיקן אויפֿשטעל־פֿערי־אָד? געוויס. נאָך מער — אַפֿילע אַ ווערק אויף אַ גאַנץ ווײַטער היסטאָרישער טעמע, וואָס איז אָנגע־שריבן אין אונדזערע טעג און אַנטהאַלט אין זיך אונדזער היינטיקן קוק אויף די געשילדערטע גע־שעענישן, קאָן אויך פֿאַררעכנט ווערן ווי אַ פֿאַקט פֿון אונדזער היינטצײַטיקער ליטעראַטור.

און דאָך... און דאָך דאַרף מען אונטערשיידן היינטצײַטיקייט און היינטצײַטיקייט — אַזאַ, וועגן וועלכער ס'איז אָקאָרשט געגאַנגען אַ רייד, און אַזאַ, וועגן וועלכער עס ווערט געזאָגט אין דער רעמאַרקע צו אַ פּיעסע: „די האַנדלונג קומט פֿאָר אין אונדזערע טעג". דעם לייענער ציִען אַלעמאָל צו אַזעלכע ווערק, אין וועלכע ער קאָן דערקענען זיך אַליין, זײַן היינטיקן טאָג, די כאַווײרים לויט דער אַרבעט און די שכיינים לויטן הויז. ער איז דאַנקבאַר דעם שרײַבער, אויב יענער באַרירט אין זײַן בוך פּראַגן, איבער וועלכע אויך ער, דער לייענער, פֿאַרטראַכט זיך. און אויב דער שרײַבער העלפֿט אים נאָך אין אָט די פּראַגן ריכטיק זיך פֿאַרנאַנדערצוקלײַבן, איז ער אוודע און אוודע דאַנקבאַר. אויב אין אַ זשורנאַל־נומער וועלן זײַן אָפּגעדרוקט אַ ווערק פֿון אַ באַוווסטן שרײַבער אַף אַ היסטאָ־רישער טעמע און אַ ווערק פֿון אַ יונגן און ניט גאָר רײַפֿן אויטאָר אַף היינטצײַטיקער טעמאַ־טיק, וועט דער לייענער פֿריִער זיך נעמען צום צווייטן ווערק. און דאָס איז נאַטירלעך. לאָמיר אַ בלעטער טאָן די קלאַסיקער, וועלן מיר זען, אַז זיי האָבן אַלעמאָל באַרירט פּראָבלעמען, וועלכע זײַנען געווען לעבנסוויכטיק, אַקטועל פֿאַר זייערע מיטצײַטלער. יעדעס ווערק זייערס איז געווען אַ וועזנטלעכער פֿאַקטאָר פֿונעם גע־זעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון זייער צײַט. אויב נעמען די ייִדישע קלאַסיקער — מענדעלען, שאָלעם־אַליי־כעמען, פּערעצן, — האָבן זיי דען ניט אָפּ־גערופֿן זיך אַף די סאַמע ברענענדיקע פּראַגן פֿונעם ייִדישן לעבן, זיי האָבן דען ניט גע־שעפּט מיט פֿולע הויפֿנס זייער טיפּאַזש און פּראָבלעמאַטיק פֿון דערווירקלעכקייט, וואָס האָט געשפּרודלט אַרום זיי?

רעדנדיק וועגן דער היינטצײַטיקייט אַף די זײַטן פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", דאַרפֿן מיר שטעלן די פֿראַגע אַזוי: ווי האַלט עס מיט שילדערן די ווירקלעכקייט פֿון די זי־בעציקער יאָרן, אין וועלכע מיר לעבן? מיט דער היינטצײַטיקייט אין ברייטערן באַ־

גריף, וועגן וועלכער עס איז גערעדט געוואָרן אויבן, האַלט עס ניט שלעכט. אין זשורנאַל זײַנען געדרוקט געוואָרן ווערק וועגן דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און בירגערקריג, וועגן די ערשטע פינפיאָרן און דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע, וועגן דעם נאָכמילכאָמעדיקן אופשטעל־פעריאָד. ווי האַלט עס אָבער מיט ווערק וועגן אונדזער הײַנטיקן טאָג?

די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט ריכטיק געטאָן, ארויסטראָגנדיק צו דער באַהאַנדלונג די דאָזיקע פראַגע, ווײַל, אויב אָנווענדן דאָ א פּראָדוציר־טערמין, איז עס טאַקע באַ אונדז א „שמאָל" אָרט.

מיר וועלן ווײַט ניט גיין נאָך קיין באַווײַזן. לאָמיר איבערבלעטערן די דערשינענע נומערן פאַרן 1973 יאָר. ניט פרווונדיק אָפּצושאַצן די גרעסטע פּראָזע־ווערק, וועלן מיר בלויז אָפּמערקן די צײַט, וואָס ווערט אין זיי געשילדערט. אין די ערשטע דרײַ נומערן איז אָפּגעדרוקט כאַיִם מעלאַמודס ראָמאַן „קאַלטס און וואַרעמס". דאָס ווערק איז געווידמעט דער איבערוואַנדערונג פון דער שטעטלשער אָרעמשאַפט אין נײַזלאַטאָפּאָליער נאַציאָנאַלן ראַיאָן און דעם אָנהייב פון דער קאָלעקטיוויזאַציע — סאָף צוואַנציקער, אָנהייב דרײַסיקער יאָרן. אין פערטן נומער איז פאַרעפנטלעכט אווראָם גאָנטאַרס גרעסערע דערציילונג „דער נאַקעטער פּרינץ" מיטן אונטערקעפּל „קינדער־יאָרן" — די צײַט פון בירגערקריג. מישע לעווס ווערק „קורסאַנטן" אין די נומערן 4—5 שילדערט דעם אָנהייב פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע. די פּאָרזע־צונג פון כאַסקל טאַבאַטשניקאָווס „באַרשעווער מאַטיוון" אין זעקסטן נומער קערט אונדז ווידער אום צו די צוואַנציקער יאָרן. אָנערעך די זעלבע צײַט אַנטשטייט פאַר אונדז אין שירע גאָרשמאַנס „כאַנעס שאָף און רינדער" אין די נומערן 7 און 9. איציק קיפּניס „פון מײַנע טאָגביכער" — דער פעריאָד פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע. יעכיִעל פאַליקמאַנס „דער מאַמעס מײַסעס" פירן אונדז אוועק צום שרײַבערס קינדער־יאָרן. דאָס זעלבע — ריווקע רובינס „דריידשע". אַלעקסאַנדער ליזענס גרעסערע דערציילונג אין די נומערן 10 און 11 פונעם זשורנאַל „וואָס שווײַגט איר, גרינע מאַציוועס" איז געווידמעט דער פאַרגאַנגענער מילכאָמע.

באַזונדער דאַרף געזאָגט ווערן וועגן נאָטאַן זאַבאַרעס ראָמאַן „אונטער דער הייסער זון פון פּראָוואַנס", וועלכער איז פאַרעפנטלעכט אין די זשורנאַלן נומער 9 און 10. אָט דער ראָמאַן האָט גאָרניט צו טאָן מיט אונדזער הײַנטצײַטיקײַט. דאָס איז אָבער איינס פון יענע זעלטענע ווערק, וואָס קאָנען באַשײַנען א ליטעראַטור פון יעטווידער צײַט. וועגן דער ווײַטער עפּאָכע און וועגן די ווײַטע מעקוימעס ווערט דערציילט מיט אַזויפיל וויסן און קענטשאַפט, מיט אַזא פײַנקײַט אַרײַנצודרינגען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די מענטשן, אַז דאָס ווײַטע ווערט נאָענט. דאָס ווערק אַף א היסטאָרישער טעמע איז געוואָרן א וויכטיקער פאַקט פון אונדזער הײַנטצײַטיקער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

פון דעם שטאַנדפּונקט אָבער, פון וועלכן מיר באַטראַכטן דאָ די פּראָזע־ווערק פונעם יאָר, האָבן מיר אין זאַבאַרעס ראָמאַן א רעקאָרד־גרויסע דערווײַטערונג פון אונדזער צײַט.

אין כאַיִם מעלאַמודס סעריע דערציילונגען „איקער שאָכאַכטי", וואָס ווערט פּאָרגעזעצט אין 11־טן נומער, ווערט דערציילט וועגן דעם שטעטל כאַשטשעוואַטע פון יענע צײַטן, ווען דער אווטאָר און זײַנע לאַנדסלײַט האָבן געמאַכט די ערשטע טריט אין לעבן, — דאָס הייסט, ווידער טאַקע די צוואַנציקער יאָרן. עמעס, דאָ ווערן זיי שוין באַווײַזן מער רעטראָספּעקטיוו, ווי א דערמאָנונג פון די אַמאָליקע יוגנטלעכע, וואָס אַצינד פאַרנעמט יעדערער פון זיי א פעסט און אָנגעזעען אָרט אין לעבן. מע איז שוין זיידעס און באָבעס, און אַז מע קומט זיך צונויף, דערמאָנט מען זיך וועגן דעם, וואָס אַמאָל איז געווען... פאַראַן איינעם ווערק א פּרווו צו באַווײַזן דעם ייִנגערן דאָר מיט זײַנע פּראָבלעמען. נאָר אויב די פאַרגאַנגענהײַט, דעם טיפּאַזש פון דער אַמאָליקער כאַשטשעוואַטע מאָלט כ. מעלאַמוד מיט אייל־פאַרבן, צייכנט ער דעם הײַנטיקן טיפּאַזש דערווײַל נאָר מיט א בלײַער, און מע דאַרף עס פאַרשטיין אַזוי, אַז דאָס זײַנען עסקיזן פאַר קינפטיקע ווערק, אין וועלכע דער הײַנטיקער טאָג מיט זײַנע הײַנטיקע מענטשן וועט פאַרנעמען דעם אויבנאָן.

און דערווײַל... דערווײַל גיט די אויבן געמאַכטע איבערעכענונג פון די פּראָזע־ווערק אין זשורנאַל א גרונט פאַר אַן אויספיר, וועלכער לאָזט זיך אויסדריקן טאַקע מיטן נאָמען פון כאַיִם מעלאַמודס לעצטע דערציילונגען: „איקער שאָכאַכטי"... איינעם איקער, הייסט עס, האָבן מיר פאַרגעסן... און דער איקער איז דאָך — דער הײַנטיקער טאָג פון אונדזער לעבן מיט זײַן אָנגעשטרענגטער מי, מיט אַלע זײַנע געלייזטע און ניט געלייזטע פּראָבלעמען.

מער אָדער ווייניקער דײַטלעכע סימאָנים פונעם הײַנטיקן טאָג וועלן מיר טרעפן אין די איבערגערעכנטע זשורנאַל־נומערן אין די קלענערע דערציילונגען פון ה. פאַליאַנקער, ה. ראַבינקאָוו, אין די נאָוועלעטן פון מ. ראַזומני און אין א רײ אַנדערע ווערק, נאָר דאָס איז דאָך ניט גענוג.

און ווי האַלט עס מיט דער הײַנטצײַטיקײַט אין דער דיכטונג?

מע מוז מיט באַדויערונג אָפּמערקן, אַז אָפט לייענען מיר לידער, וווּ די הײַנטצײַטיקייט האָט אפילו ניט געגנעכטיקט, לידער, וואָס לויט זייער אינהאַלט האָבן זיי געקאָנט אָנגעשריבן ווערן אויך מיט הונדערט יאָר צוריק. צום בײַשפּיל אַזוינס:

מײַן באַלעבאָסטע, אָט די אַלטינקע און ווילע,
וואָס האָט אַ לעבן אָפּגעלעבט אין דאָרף,
אין קאָלדרע, אײַנגענורעט אפן אויוון —
זי מורמלט עפּעס אינעם שלאָף.

דאָס איז פון הירש רעלעסעס ליד „באַנאַכט" („סאָוועטיש היימלאַנד", נום, 4, 1973). דער דיכטער שרײַט אויס:

וואָס זאָל איך טאָן? צו וואָס זיך נעמען?
איך קוק, און ס'איז קיין וויכטיקערס פאַראַן...

אָט דאָס ניט וויסן וואָס צו טאָן, צו וואָס זיך נעמען, — זאָל דאָס זײַן כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער הײַנטיקער פּאָעזיע? פאַרשטייט זיך, אַז ניט. און וואָס הייסט — קיין וויכטיקערס פאַראַן? וויכטיקערס איז יאָ פאַראַן. דערזען אינעם אייביקן דאָס הײַנטיקע, ווײַל אויב ניט, וועלן מיר דאָך גאָרניט קאָנען צוגעבן צו דעם, וואָס איז שוין באַוווּסט. נאָר אויב מע וויל דערזען אַליין און איבערגעבן אַנדערע דאָס נײַע, דאָס הײַנטיקע, דאַרף מען, ווײַזט אויס, פאַרנעמען אַן אַנדער פּאָזיציע. ניט אַזאַ, ווי עס פאַרנעמט דער אויטאָר, וועלכער פאַרענדיקט זײַן ליד, ניט אָפּרײַסנדיק דאָס אויג פון די שנייעלעך:

קאָלזמאַן זיי פליִען און צו מיר זיי ווינקען,
עס ווערט פון זיי אַ הויפן שניי,
און ס'איז מיר גוט אַזוי אין שטילן ווינקל
מיט מײַנע פריידן, מיט מײַן וויי.

וועלכע פריידן, וואָס פאַר אַ וויי? דאָס ווערט ניט דעשיפרירט, כאָטש גראָד דאָס וואָלט געקאָנט צוגעבן דער ליד אַ הײַנטצײַטיקן באַטײַט. און דאָס „שטילע ווינקל", אין וועלכן דער דיכטער פילט זיך אַזוי גוט, איז אַוואַדע ניט דאָס אָרט, ניט די פּאָזיציע, פון וועלכער מע זאָל קענען אויסקוקן און שאַפן די ליד פון אונדזערע גאָר ניט שטילע, קאַמפּספולע טעג.

יאָסל בוכבינדער האָט זײַן ציקל לידער אינעם אכטן זשורנאַל־נומער פאַרן 1973 יאָר אָנגערופן „פעסטע וואָרצלען", נאָר גראָד קיין פעסטע וואָרצלען איז אין זיי ניט צו מערקן. גיכער איז צו מערקן אַ מין לײַכטקײַט, אויבנאויפיקײַט, בייליקע שפּילעוודיקײַט. דער דיכטער דערקלערט זיך אין ליבע צו אַלע טײַכן, צו אַלע מינים שײַן — פון די שטערן, פון דער זון, פון דער לעוואָנע. ער אַנטפלעקט פאַרן לייענער אַזאַ נײַס, אַז וואָס מער מע גייט צום האָריזאָנט, אַלץ מער דערווײַטערט זיך דער האָריזאָנט... אָדער אַזאַ מין „אַנטפּלעקונג":

ניט מיט צוגעמאַכטע אייגעלעך
פליִען פרילינגדיקע פייגעלעך.
— — — — — — — — — — —
בלויז מיט אייגעלעך צעעפנטע,
בלויז מיט קעפּעלעך דערהויבענע
פליִען אום די פייגעלעך
צו הימלען די בלוי־אויגיקע.

צום גליק זײַנען אַזעלכע לידער אין זשורנאַל אַן אויסנאַם. געוויינלעך באַזינגען די פּאָעטן דעם הײַנטיקן סאָוועטישן מענטשן מיט זײַן פאַרטיפטן אויפנעמען אַלדאָס פּרעכטיקע אין לעבן און אין דער נאַטור, מיט זײַן שאַרף נעגאַטיווער באַציִונג צו אַלץ, וואָס שטערט דעם נאַטירלעכן גאַנג פונעם לעבן.

ס'איז געזעצמעסיק צו שטעלן די פראַגע, ווי האַלט עס מיט דער טראַדיציע פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג, וועלכע גייט פון אירע גרויסע אָנהייבער — מיט דער טראַדיציע אַקטיוו זיך אָפּרופן אף יעדער וויכטיקער געשעעניש אינעם לעבן פון דעם לאַנד, פון דער וועלט? די דאָזיקע טראַדיציע פילט זיך אינעם אַלגעמיינעם געוועב פון דער דיכטונג פון אַווראָם גאָנטאַר, כאַיִם מאַלטינסקי, הירש בלאָשטיין, מאָטל טאַלאַליעווסקי, שלוימע טשערניאַווסקי, דאָרע כײַקינע, דאָוויד בראָמבערג און אַנד. אַ בולעטער בײַשפּיל פון טרײַהײַט צו אָט די פּרוכטבאַרע טראַדיציעס זעען מיר אין דער שאַפונג פון אַרן ווערגעליסן.

אַ וויכטיקער באַצירק פון אונדזער אידעאָלאָגישער אַרבעט איז אַצינד דער קאַמף קעגן דער ציִעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע פאַרטומלט די מויכעס בא אייניקע מענטשן. דעמאַסקירן די ציִעניסטישע רעכילעס־טרײַבער, אויפדעקן דעם פאַרפירערישן מיין פון זייערע פאַלשע צוזאָגעכצן, באַווײַזן, ווי עס האָבן זיך אָפּגענאַרט די, וואָס האָבן זיך געלאָזט כאַפּן אף דער ציִעניסטישער ווענטקע, ראַטעווען אַנדערע פון אָט דעם פאַטאַלן שריט — מיט דעם אַלעם דאַרף זיך איצט פאַרנעמען אונדזער ליטעראַטור. זי האָט ניט קיין רעכט צו פאַרשווײַגן די דאָזיקע דערשײַנונג, זי מוז זאָגן איר וואָגיק וואָרט. מיט גרויס באַפרידיקונג האָבן מיר אַלע באַגעגנט די „פּובליציסטישע פּאָעמע" פון אַרן ווערגעליס, ווי אויך אַזעלכע לידער זײַנע אף אָט דער טעמע, ווי „טרײַב אַוועק די פאַלשע קרויווים", „פאַרוואָס בא דיר איך פרעג", „שלאָך עט אַמי".

אַ וויכטיקער אויפטו פון אונדזער זשורנאַל איז זײַן פּובליציסטישער אָפּטייל, די רובריקעס „טריבונע פון לעבן", „קאָמענטאַרן פון רעדאַק־

ציע", „מיר ענטפערן אָף די פראַגעס פון אונד־זערע לייענער", „מענטשן, זייער צײַט און זייער גורל" און אַנדערע. די דאָזיקע אידייִשע ליניע אינעם זשורנאַל פאַרוואַנדלט אים אין אַן עכטן שלאַכט־אָרגאַן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, און דאָס באַטײַט, אַז עס פּולסירט אין אים דאָס לעבעדיקע בלוט פון דער הײַנט־צײַטיקייט.

אין אַ גרעסערער מאָס דאַרף מען אָנפילן מיט אָט דעם לעבעדיקן בלוט די פּראָזע און די פּאָעזיע, די שאַפונג פון אַלע אונדזערע שרײַבער און דיכטער, און דאַן וועט די ייִדישע סאָוועט־טישע ליטעראַטור נאָך מיט מער גלאַנץ און דערפאָלג קענען אויספילן די גרויסע און נאָ־בעלע אופגאַבן, וועלכע שטייען פאַר איר הײַנט צו טאָג.

אווראָם גאָנטאַר

איך טראַכט אַזוי

מעגלעך, אַז מײַן וואָרט וועגן פּאָעזיע און הײַנטצײַטיקייט וועט אַרויסרופן דערווידערונ־גען, קעגנזעצלעכע מיינונגען. באַשטיין, אַז אָט די דאָזיקע באַטראַכטונגען זײַנען מאָסגעבנדיק, וואָלט געווען אַמווייניקסטן ניט באַשיידן. איך טראַכט אַזוי...

ווען עס גייט אַ רייד וועגן גרויסער ליטעראַ־טור, וועגן עכטער דיכטונג, קאָן גאָר ניט גע־שטעלט ווערן די פראַגע — הײַנטצײַטיקייט, צי ניט הײַנטצײַטיקייט. די היסטאָרישע ראָמאַנען פון טאָמאַס מאַן און ליאָן פויכטוואַנגער, פּונקט ווי די ווערק פון שאָלעם אַש וועגן קריסטוסן, צי זאַלמען שניעורס ביכער וועגן רעבן און וועגן קייסער, צי די געשיכטעס פון באַשעוויסן, ווו עס ווערן געשילדערט שרעטעלעך און שיידים, טראָגן מיט זיך גאַנץ באַשטימטע אידייִשע און אידעאָלאָגישע אײַנשטעלונגען, און כאָטש די האַנדלונג קומט פאָר אין פאַרגאַנגענע צײַטן, זײַנען די אַלע ווערק, אָן צווייפל, הײַנטצײַטיק און ביז גאָר ווירקזאַם. אויב דער שרײַבער פּירט ניט פאָרויס, פאַרנאַרט ער אָף צוריק, און דאָס איז זײַן הײַנטצײַטיקע פונקציע.

אָט טראַכט איך:

לערמאָנטאָווס לידער וועגן איינזאַמען זעגל, וועגן די שטערן, וואָס ריידן צווישן זיך; פּוש־קינס נאַטור־לידער, ווינטער־לידער, די לידער וועגן האַרבסט, זײַנע ליבע־לידער, די וווּנדער־לעכע מײַסעלעך; צענדליקער און צענדליקער לידער פון טיוטשעוון, נעקראַסאָוון, יעסענינען, האָפּשטיינען, האַלקינען, וואָס האָבן, דאַכט זיך, ניט קיין סימאָנים פון דער צײַט, אויב ניט רע־כענען די לעקסיק, לידער וואָס געהערן ניט צו די אויסגערופענע אייביקע טעמעס, — זיי זײַ־נען הײַנטצײַטיק צי ניט הײַנטצײַטיק? ווײַזט אויס, אַז אָפּטראָגן זיי צו דער קאַטעגאָריע פון ניט הײַנטצײַטיקע איז אומעגלעך.

אָט די אויסגערופענע נייטראַלע לידער ווערן פון יאָר צו יאָר אײַנגעשלאָסן אין די לערנ־ביכער, אָנהייבנדיק פונעם ערשטן קלאַס. אָף אַזעלכע לידער־מוסטערן ווערט דערצויגן דער געשמאַק, די ליבע פונעם קינד צו דיכטונג.

איך האָב ניט בעדייע צו פרײַדיקן נייטראַל־קײַט אין אונדזער פּאָעזיע, ווײַל מע קאָן זיך ניט אויסמאָלן, אַז אַ דיכטער זאָל ניט מיטגע־ריסן ווערן מיט דער פילאָסאָפיע פון זײַן צײַט, מיט די אָנשטרענגונגען און טרוימען פון זײַן פאָלק, אַז ער זאָל זיך ניט לאָזן מיט די וועגן, וועלכע עס האָט אָנגעצייכנט זײַן היימלאַנד.

די גרעסטע דיכטער פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור, בעסוכעם אויך פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, האָבן געשאַפן וויכ־טיקע ווערק וועגן בירגערקריג, וועגן דער גרוי־סער פאַטערלענדישער מילכאָמע, וועגן די העלדנטאַטן פון די סאָוועטישע מענטשן. האַל־קינס „געטאָגראַד", פּעפערס לידער „וועגן זיך און אַזוינע, ווי איך", זײַן פּאָעמע „שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ", מאַרקישעס „ברידער", די לידער און פּאָעמעס פונעם צווייטן דאָר ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער — טייף, גרוביאַן, ווערגעליס, דריז, מאַלטינסקי, באָרוכאָוויטש, כײַקינע, טאַלאַלאַיעווסקי — באַשטעטיקן דאָס.

דאָס בילד, די וויזיע פונעם דיכטער איז, ווי איך טראַכט, אַ דירעקטע אָפּשפּיגלונג פון דער

ווירקלעכקײַט, פון דעם הײַנט, און דאָס איז שוין בעמיילע ווירקזאם, עס רופט ארויס געדאנקען און אסאָציאציעס וועגן די הײַנטצײַטיקע פּראָבלעמען.

דער גרויסער דאָוויד האָפשטיין, איינער פון די זײַלן פון דער סאָוועטישער ייִדישער דיכטונג, האָט אַף אייביק זיך פארקריצט אין אונדזערע נעשאָמעס מיט זײַן ליריק. אין אונדזער זיקאָרן און אין באוווסטזײַן זײַנען פארבליבן די לידער „אָקטיאבער“, „פּראָצעסיע“, „מיר שטאמען פון פעלדזן“. די לידער פון אָט דעם דאָזיקן שניט האָבן באגעגנט און גערימט דעם הויכן גאנג פון דער אָנגרײַפנדיקער רעוואָליוציע. דאָס זײַנען געווען לידער פון נײַע ריטמען, לידער־מארשן, לידער־אָדעס. מיט זיי האָט דער דיכטער באגריסט דאָס אופגעריכטע, יויוולדיקע פאָלק.

מיר זײַנען מיטגעריסן געוואָרן פונעם שאלנדיקן פּײַקל־געפּויק, מיר האָבן מארשירט אין דעמאָנסטראנטן־קאָלאָנעס, דעקלאמירט אַף פּײַערלעכע פארזאמלונגען:

> מיר גייען אין דײַנע פאָרנטיקע רייען...

און אינעם ריטם פון פּײַקל־געקלאנג האָבן מיר מאמעש זיך פארכלינעט:

> און שטעקלעך וועקנדיקע שיטן שרויט אַף
> שטײַפן פּײַקל...

דאָס זײַנען געווען נײַע ריטמען, נײַע לידער — הײַנטצײַטיקע לידער, מיט זיי האָט האָפשטיין אָנגעהויבן א נײַעם עטאַפּ אין דער ייִדישער פּאָעזיע. אָבער די צײַט שטייט ניט אַף אן אָרט, און, ווי דער דיכטער האָט זיך אויסגעדריקט, האָבן כאדאָשים זיך געצוועלפט און געקייטלט אין יאָרן, און איצט, נאָך דעם, ווי עס זײַנען פאָריבער יאָרצענדליקער, איז די גאָלדענע הונדערטפּראָצענטיקע פּראָבע געשטעלט געוואָרן ניט אַף האָפשטיינס ציקלען „גאָלד“ און „פלאסטמאסע“, נאָר אַף „בא וועגן“. אין אונדזערע נעשאָמעס איז אַף שטענדיק געבליבן דאָס געזאנג „אין ווינטער־פארנאכטן“, די לידער וועגן טונקעלן מיידעלע מיט דער שווארצער פלאש, וועגן עפּל...

נאטירלעך, אז מיר פאסן אויף דעם דיכטער אינגאנצן גענומען — מיט אלע זײַנע געלעגנהײַטס־לידער, מיט זײַן „גאָלד“ און „פלאסטמאסע“, מיט זײַנע ווידמונגען, און דאָס איז דערפאר, ווײַל דאָוויד האָפשטיין איז דער שעפער פון די לידער, וועלכע האָבן באגריסט די אָקטיאבער־רעוואָליוציע, דער שעפער פונעם באנד ליריק.

איציק פעפערס „פלאסטן“, „גרויסע גרענעצן“, האלקינס „קאָנטאקטן“, אָליעווסקיס „שאכטעס“ דערמאָנען מיר, ווײַל אין דער פארגאנגענהײַט זײַנען זיי פארעכנט געוואָרן פאר הײַנטצײַטיקע פּאָעמעס. קיין וועזנטלעכע שפּורן האָבן זיי אין דער ליטעראטור ניט געלאָזט.

מיט ליבע דערמאָנען מיר כאריקס „מיט לײַב און לעבן“, זײַנע הארציקע לירישע לידער, וואָס עטעמען מיטן פאָלקס־נוסעך — „אזוי, צי אזוי, נאָר עס שמעקט שוין מיט מארט...“

עס רירן אונדז אָבער ווייניק די אויסגעשרייען: „אלע־אלע, אלע־אל, אלע גייען צום אווראל“...

אין זײַן בוך „אין וווקס“ האָט בוזי אָליעווסקי באזונגען דאָס פארגייענדיקע שטעטל, וואָס איז אים אײַנגעבאקן געווען אין הארצן, און מיר, זײַנע לייענער, האָבן עס דערפילט. די „שאכטעס“ זײַנען אָבער ניט געווען זײַן צווייטער „איך“, און ווי טאלאנטפול דער דיכטער זאָל ניט געווען זײַן, האָט ער אונדז ניט געקאָנט מיטרײַסן מיט זיך.

פעפערס לידער וועגן דער מאמע, וואָס פרעגלט אײַנגעמאכטס אַף „לעווײַ, מע זאָל ניט דארפן!“, די לידער „דאָס בערעזענע געזינדל“, די פּאָעמע „שאָטנס פון ווארשעווער געטאָ“ — אלע געשטאלטן, וואָס האָבן פּעפערן פארפאָלגט, גייען אויך נאָך אונדז. די אויסגעמאָלטע בילדער שטייען אונדז פאר די אויגן, זיי מאָנען נעקאָמע און רופן אין שלאכט.

עס איז קיין סאָפעק ניט, אז שמועל האלקינס „טיפע גריבער, רויטע ליים“, זײַנע מילכאָמע־לידער, די ליבע־ליריק האָבן אָפּגעשפּילט און שפּילן איצט אויך א פיל גרעסערע ראָל, איידער זײַנע „קאָנטאקטן“.

דער עכטער שעפער נעמט זיך צו דער פּען נאָר דעמלט, ווען ער קאָן מער ניט שווײַגן, ווען ער מוז אומבאדינגט זאָגן דאָס, וואָס אים מאטערט. דעריבער טראכט איך: דערזען אַף אן אייגענעם אויפן, וויאזוי עס פארגייט די זון איז הײַנטצײַטיק. די הײַנטצײַטיקײַט נעסטעט זיך דאָ אין דער לעקסיק, אינעם געבוי פון דער פראזע, אין דער וויזיע און אסאָציאציע. אזוי, אז פיל טײַנעס צום דיכטער, וועלכער שרײַבט ניט דירעקט אַף דער ברענענדיקער טעמע, זײַנען פאר מיר ניט גילטיק.

וועגן דער דיכטונג פון אייניקע אווטאָרן פון „סאָוועטיש היימלאנד“ מוז געזאָגט ווערן גאנץ שארף: צום אלעם ערשטן דארף געשטעמפּלט ווערן באנאלקײַט. באנאלקײַט פון וואָרט, פון גראם, פון בילד, פון ריטם און פון אלע אנדערע קאָמפּאָנענטן, וואָס זײַנען דער גרונט און דער אָטעם פון פּאָעזיע. איבערזינגען פרעמדע מאָטיוון, צוייגענען בילדער, געדאנקען איז, פארשטייט זיך, ניט דאָס זעלבע, וואָס באווירקט ווערן פון א פּאָעט, וועלכער איז דיר נאָענט.

דער דיכטער מוז מיט זיך אליין פירן א שטענדיקן קאמף, ניט דערלאָזן, אז אים זאָל

פירן דאָס ערשטע גרינגע וואָרט, ווײַל אין אזא מין ליד קאָן דער לייענער מיט פאַרמאַכטע אויגן טרעפן, וואָס עס שטייט אין דער צווייטער שורע, וואָס פאַר א גראַם מע דאַרף דערוואַרטן.

אז דער סאָד, די געהיימניס פונעם דיכטערישן פאַרטראַכט זאָל ווערן אַן אנטדעקונג, א דערפינדונג, — צו דעם דאַרף מען דערגריין מיטן אייגענעם געדאַנק. קיין שום נאָכמאַכונג קאָן דאָ קיין שוטעף ניט זײַן.

עס מוז דאָ אויך געזאָגט ווערן וועגן נאָכלעסיקײַט און פּאַשעטער אומבאהאָלפנקײַט, וואָס האָט א טענדענץ ארויסגעגעבן צו ווערן פאַר מאָדערניזם.

שלעכטע אינווערסיע, דיסהאַרמאָניע, אנטימוזיקאַלישקײַט, גראַם־שטראַם וועט הײַנט קיינער ניט פלאָנטערן מיט זוכענישן, מיט שעפערישע פּרוּוון.

אין דער רוסישער ליטעראַטור זײַנען געווען כליעבניקאָוו, קירסאַנאָוו. אויך איצט זײַנען פאַראַן דיכטער, וואָס זוכן. אָבער זוכן איז פּונקט אזוי שווער, ווי געפינען.

אָט ליגט פאַר מיר א נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" — איינער פון די נומערן, וואָס זײַנען דערשינען אין 1973, דאָס איז דער נומער דרײַ. איך וואָלט געקאָנט נעמען אַן אנדער נומער, פון דעם וואָלט דער טאָך זיך ניט געביטן — דער אויספיר וואָלט געווען דער זעלבער.

אינעם נומער דרײַ זײַנען פאַרעפנטלעכט לידער פון פאַרשיידענע דיכטער. מע קאָן זיכער זאָגן, אז אפילו דער קאָמפּעטענטער לייענער וועט אין געוויסע פאַלן ניט קאָנען אָנרופן דעם אוטאָר, ביז ער וועט ניט א קוק טאָן אויף זײַן נאָמען. איך, צום בײַשפּיל, וואָלט אויך זיכער געקאָנט אָנרופן דעם אוטאָר פון די לידער וועגן איטאַליע. דאָס ענערגישע וואָרט, דער אומדערוואַרטער פאַרגלײַך, דער געוואַגטער אסאָנאַנס און פיל אנדערע קאָמפּאָנענטן זײַנען כאַראַקטעריסטיש נאָר פאַר דעם דאָזיקן דיכטער — פאַר ווערגעליסן. ס'איז ניט שווער צו דערקענען כאַיִם מאַלטינסקיס ליד, מאָטל גרוביאַנס אויסערלעך צעבויטעטן פערז, שיקע דריזס לידער־נאָוועלן, איטשע באָרוכאָוויטשעס ספּעציפישן געבוי פון דער פּראָזע און אלץ דערפאַר, וואָס די דאָזיקע שעפער שעפּן פונעם אייגענעם נעשאָמע־ארסענאַל.

ס'איז קעדײַ צו באַמערקן, אז קיינער האָט קיינמאָל אָט די אָנגערופענע דיכטער ניט געקאָנט פאַרוואַרפן, אז זיי זײַנען ניט הײַנטצײַטיק. שיקע דריזס לידער וועגן שיכעלעך, הייטעלעך, וועגן ענעק־בענעק, וועגן זיידן און דער באָבען, באָרוכאָוויטשעס און מאַלטינסקיס מיניאַטיורן וועגן דער נאַטור, וועגן ליבע צום מענטשן זײַנען געוויס הײַנטצײַטיק, שוין אָפּגערעדט פון ארן ווערגעליסעס לירישע לידער און פּאָעמעס.

דער אויספיר קומט אליין: עכטע פּאָעזיע, פּאָעזיע, וואָס רעדט צו דער נעשאָמע — איז שטענדיק הײַנטצײַטיק.

שמועל גאָרדאָן

הײַנטצײַטיקײַט און הײַנט־טאָגיקײַט

אָט די צוויי ענג־באַהעפטע צווישן זיך באַגריפן ווערן צומאָל ווי קעגנגעשטעלט איינער דעם אנדערן. בײַס דער הײַנטצײַטיקײַט ווערט אָפּגעגעבן, און מיט רעכט, דער אויבנאָן, דער הייכל, איז די הײַנט־טאָגיקײַט שיר ניט געשטעלט געוואָרן אויסער דעם גדער פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור. לויט אייניקע קריטישע ארויסזאָגונגען קומט אויס, אז די הײַנט־טאָגיקײַט קאָן דינען בלויז ווי אַן אָביעקט פאַר דער פאַרצייכענונג, און ניט מער. פונדאַנען, אפּאָנעם, נעמט זיך, וואָס באַם אנאַליזירן א קינסטלעריש ווערק ווענדן אייניקע אָן דעם טערמין „פאַרצייכענונגסאַרטיק". בענעגייע דעם צו יענעם קאַפּיטל פון א ווערק, ארויסגייענדיק ניט דערפון, וואָס דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז פּאַשעט און פּראָסט שוואַך אָנגעשריבן און האָט אזויאַרום צו דער פאַרצייכענונג אויך קיין שײַכעס ניט, נאָר פון דעם, וואָס די צי יענע זײַטלעך זײַנען געווידמעט דער הײַנט־טאָגיקײַט. אויב ארויסגיין פון דער דאָזיקער האַנאָכע,

קומט אויס, אז אזעלכע שרײַבער ווי טשעכאָוו און שאָלעם־אַלייכעם האָבן אַ קנאַפּע שײַכעס צו דער קינסטלערישער פּראָזע, וואָרעם קימאַט אַלע זייערע ווערק, ווי מיר ווייסן, זײַנען געווידמעט דער הײַנט־טאָגיקײַט פון זייער צײַט. וועלכע דערציילונג צי נאָוועלע מיר זאָלן ניט נעמען בײַ אָט די צוויי וועלט־קינסטלער, איז זי דאָך אין גרונט וועגן דעם דעמלטיקן הײַנט. און פונקט ווי סע געפינען זיך איצט אייניקע ליטעראַטן, וואָס דערקלערן די ווערק, וועלכע שפּיגלען אָפּ די טאָגטעגלעכקײַט, אַלס פּאַרצייכענונגען, אָדער אין בעסטן פאַל, אַלס פּאַרצייכענונגסאַרטיקע, אַזוי האָבן אויך אין טשעכאָווס און שאָלעם־אַלייכעמס צײַטן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געקרוינט די ווערק פון די דאָזיקע צוויי גאונים מיטן באַזונדערס מאָדערנעם פאַר יענער צײַט טערמין — פעליעטאָן.

מיט וואָס דערקלערט זיך אָבער, וואָס אי טשעכאָווס, אי שאָלעם־אַלייכעמס ווערק, ווי די ווערק אויך פון אַנדערע באַדײַטנדיקע שרײַבער, וועלכע האָבן אָפּגעשפּיגלט דעם הײַנטיקן פאַר זיי טאָג אין שמאָלן זין פון וואָרט, זײַנען איינצײַטיק אויך געווען דער שפּיגל פון דעם הײַנט אינעם ברייטן זין פון וואָרט, דער שפּיגל פון דער צײַט, און וואָס פיל פון זייערע ווערק האָבן ניט פאַרלוירן זייער הײַנטצײַטיקײַט אויך אין אונדזערע טעג? פאַרשטייט זיך, אַז ניט דערמיט, וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעקערט פון דער טאָגטעגלעכקײַט, נאָר פונקט פאַרקערט. צײַט איז ניט קיין אַבסטראַקטער, נאָר אַ גאַנץ קאָנקרעטער באַגריף. זי באַשטייט פון קאָנקרעטע יאָרן, כאָדאָשים, וואָכן, טעג, און יעדער טאָג ברענגט מיט זיך אַרײַן זײַן צושטײַער אין דער צײַט — אי דאָס, וואָס גייט דורך, אי דאָס, וואָס בלײַבט איבער. די צײַט לאָזט דורך זיך דורך די טעג, ווי דורך אַ זיפּ. עכטע גרויסע קינסטלער זײַנען גרויס אויך דערמיט, וואָס אויסגעפינענדיק אין דעם קאָנקרעטן טאָג דאָס, וואָס ער לאָזט נאָך זיך איבער, פאַרמאַכן זיי ניט די אויגן אויך דערויף, וואָס גייט פאַרבײַ, וואָס איז צײַטווײַליק. זיי קאָנען דערזען אין דעם קאָנקרעטן הײַנטיקן טאָג דאָס, וואָס בלײַבט איבער, און עס באַגריסן, און באַווײַזן אויך דאָס, וואָס גייט פאַרבײַ — אין דעם באַשטייט, לויט מײַן מיינונג, די הײַנטצײַטיקײַט פון אַ ווערק און ניט אין קעגנשטעלן דער הײַנטצײַטיקײַט די הײַנט־טאָגיקײַט.

קעדיי די הײַנטיקע באַהאַנדלונג זאָל ניט טראָגן קיין אַבסטראַקטן כאַראַקטער, נאָר זי זאָל זיך סוימעך זײַן אַפן אַנאַליז פון קאָנקרעטע ווערק, וואָלט מען געדאַרפט (ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן קימאַט אַף אַלע אונדזערע פריערדיקע פּלענאַרע זיצונגען פון דער רעדקאָלעגיע, און וואָס עס דאַרף, ווי מיר שײַנט, געטאָן ווערן אויך אַף ווײַטער) געניי און אַלזײַטיק באַהאַנדלען די ווערק, וואָס זײַנען פאַרן דורכגעגאַנגענעם האַלביאָר געווען פאַרעפנטלעכט אין אונדזער זשורנאַל. דאָס וואָלט געגעבן אַ מעגלעכקײַט ניט בלויז טעאָרעטיש באַטראַכטן די פראַגע וועגן דער הײַנטצײַטיקײַט, וועלכע האָט פאַר אונדז, פאַר דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, אַ באַזונדער באַדײַטונג. די גרויסע צײַט וועט אונדז, ייִדישע שרײַבער, ניט מויכל זײַן, אויב מיר וועלן זי ניט אָפּשפּיגלען. אַף וועמען נאָך האָט זי אויסצורעכענען אין אָט דעם ספּעציפישן פראַט, אויסער ווי אַף אונדז? פאַר איר זײַנען מיר דאָך דערווײַל פאַררעכנט אַלס די לעצטע...

קוים אָבער די פראַגע וועגן די פאַרעפנטלעכטע ווערק שטייט ניט דאָס מאָל ספּעציעל אַף דער טאָג־אָרדענונג, האָב איך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, ניט אָפּגעפרישט אין זיקאָרן די פּראָדוקציע פון אונדזער זשורנאַל אַזוי, אַז איך זאָל זיך נעמען זי אַצינד דעטאַל אַנאַליזירן. נאָר אַ פּאָר ווערק, הויפּטזאַכלעך די, אין וועלכע די הײַנט־טאָגיקײַט איז אַריבער אין הײַנטצײַטיקײַט, ווילט זיך, כאָטש פאַרלויפיק אָפּמערקן, באַווײַזן, אַז גאָר קיין גרויסע טײַנעס קאָן נאָך דערווײַל די צײַט צו אונדז ניט האָבן.

אין טעוויע געננס יעדן ווערק, אפילע אין זײַן ראָמאַן „אונדזערע צײַטן", געפינען מיר די אָפּשפּיגלונג פון דער טאָגטעגלעכקײַט, פון יענער טאָגטעגלעכקײַט, וואָס זי איז אויך הײַנטצײַטיקײַט. די קראַפט פון שירע גאָרשמאַנס דערציילונגען און נאָוועלן שטעקט אין דעם, וואָס מיר זעען אין זיי לעבעדיקע פולבלוטיקע געשטאַלטן פון אונדזערע מיטצײַטלער, ווי אויך אין דער בילדערישקײַט פון דער שפּראַך, אין איר אײַנקלאַנג מיט דער הײַנטצײַטיקײַט.

דערקלערן, אַז בלויז דער הײַנט באַשטימט די הײַנטצײַטיקײַט פון דעם אָדער יענעם ווערק, וואָלט געהייסן פאַרייניפאַכן און פאַרשמעלערן די פּראָבלעם. הײַנטצײַטיקײַט איז, פאַרשטייט זיך, אַ פיל ברייטערער באַגריף. זי שליסט אײַן אין זיך אויך ניט ווייניק פּראָבלעמען פונעם ווײַטן און אפילע פונעם גאָר ווײַטן אַמאָל, די אַזויגערופענע אייביקע טעמעס, ווי ליבע, טרײַהײַט, אײַפערזוכט. צו די דאָזיקע אייביקע טעמעס, צום באַדויערן, געהערן נאָך דערווײַל אויך מילכאָמעס, — נאָר דורך אָט די זיך איבערכאַזערנדיקע מאָטיוון, ווי ליבע און אײַפערזוכט, אשטייגער, אַנטפּלעקט זיך אויך די קאָנקרעטע געגעבענע צײַט. עמעס, אין אייניקע אַזעלכע ווערק, פאַרעפנטלעכטע אין „סאָוועטיש היימלאַנד", זעען מיר מער די אויסערלעכע סימאָנים פון דער צײַט, ווי די צײַט גופע. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס אַפן פאָדערגרונט שטייען די געשעענישן, די פּאַסירונגען און ניט דער

מענטש, דעמלט, ווען דורך דעם מענטשן, דעם שעפער פון דער געשיכטע, דאַרף אין אַ קינסט־לערישן ווערק באַוויזן ווערן די צײַט.

אַלס באַווײַז, וויאַזוי אין אַ קינסטלערישן ווערק פון היסטאָרישן פּלאַן אַנטפּלעקט זיך די צײַט דורך דעם מענטשן, קאָן געבראַכט ווערן די דערציילונג פון אוורהם גאָנטאַר „דער נאַ־קעטער פּרינץ”. די ייִדישע סאָוועטישע ליטע־ראַטור האָט גאַנץ ברייט באַלויכטן די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. שוואַרצ־מאַן, האָפשטיין, קוויטקאָ, מאַרקיש, פעפער, דאַניעל, קיפּניס און פיל אַנדערע האָבן גע־ווידמעט ניט ווייניק ווערק יענע העראָישע טעג. אוורהם גאָנטאַרס „נאַקעטער פּרינץ” געהערט טעמאַטיש אויך צו יענער ווײַטער צײַט. און אויב מיר נעמען אויף דאָס דאָזיקע ווערק ווי אַ הײַנטצײַטיקס, איז עס דערפאַר, ווײַל אין אים אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז די אינערלעכע וועלט פון אַ קינד אין אַ שטורמישער טקופע, און די אינערלעכע וועלט איז פאַרן לייענער שטענדיק אַ הײַנטצײַטיקע פּראָבלעם.

די הײַנטצײַטיקייט האָט אויך אַנדערע וועגן אַף צו אַנטפּלעקן זיך, און איינער פון זיי איז — דאָס אַריבערוואַרפן אַ בריק פונעם נעכטן אינעם הײַנט, ווי מיר זעען עס אין מישע לעווס גרעסערער דערציילונג „קורסאַנטן” און אין בער האַלפערנס „דאָס גרויסע הויז”. דאָס גע־מיינזאַמע פון אָט די צוויי ביז גאָר פאַרשיי־דענע דערציילונגען, סײַ לויט זייער טעמאַטיק, סײַ לויט זייער זשאַנער, באַשטייט ניט בלויז דערין, וואָס אין זיי ווערט באַוויזן די פאַר־גאַנגענהײַט, ווי עס זעט און עס נעמט זי אויף דער מענטש פון די זיבעציקער יאָרן, נאָר וואָס דורך אָט דער איבערגעוואָרפענער בריק מאַכן מיר ניט איין מאָל דורך צוזאַמען מיט די העלדן דעם וועג פונעם נעכטן אינעם הײַנט.

דאָס נײַע, וואָס עס האָט מיט זיך אַרײַנגע־בראַכט אין דער ביראָבידזשאַנער ליטעראַטור בוזי מילערס דערציילונג „לויטערקײַט”, איז, פאַרשטייט זיך, ניט דאָס באַשרײַבן די אַמאָליקע טײַגאַנקע, — וועגן דעם איז נאָך מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק געווען אַ גאַנץ היפּשע ליטעראַטור. דער הויפּט־העלד פון „לויטערקײַט” איז אין טאָך ניט בלויז דער שרײַבער קאַ־זאַקעוויטש, נאָר שאָלעם ליבקין, אַ מענטש, וואָס איז געקומען פון אַן אַנדער סאָציאַלער וועלט. דער קאָנפליקט באַשטייט אין דעם, וואָס שאָלעם ליבקין נעמט אויף די הײַנטצײַטיקייט אָן דער הײַנט־טאָגיקײַט, ער זעט ניט אינעם קאָנקרעטן דורכגייענדיקן הײַנט די דערהויבנ־קײַט, וואָס עס האָט באַגײַסטערט די ערשטע פּיאָנערן פון דער גרויסער בויונג.

דער לייענער האָט אויפגענומען נאָטאַן זאַבאַ־רעס היסטאָרישן ראָמאַן „דער טאָג איז נאָך גרויס”, ניט געקוקט דערויף, וואָס אין אים ווערט געשילדערט אַזאַ ווײַטע טקופע, ווי דער סאָף פונעם צוועלפטן — דער אָנהייב פונעם דרײַצנטן יאָרהונדערט, אויך טיילווײַז אַלס אַ הײַנטצײַ־טיק ווערק, ניט לויט דער טעמאַטיק, פאַרשטייט זיך, נאָר לויט דער באַלויכטונג און אויפפאַסונג פון די געשעענישן. אַ באַזונדערס וויכטיקע באַ־דײַטונג האָט פאַר אונדז הײַנט „דער טאָג איז נאָך גרויס” דערמיט, וואָס אין אים איז באַוויזן די קעגנזײַטיקע באַווירקונגען פון דער אַראַבישער און ייִדישער קולטור און אויך די ברידערלעכע צוזאַמענלעבונג פון די פעלקער.

איך וואָלט געקאָנט אָנרופן נאָך אייניקע ווערק, פאַרעפנטלעכטע פאַר דעם דאָזיקן צײַט־אָפּשניט, וואָס באַווײַזן, ווי רײַך מיר זײַנען מיט טאַלאַנטן און אַז אונדזער ליטעראַטור איז אין גרונט אַ הײַנטצײַטיקע. זי איז אָבער אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס אָן אײַנזײַטיק הײַנטצײַ־טיקע, ווײַל אין איר פעלט, ווי מיר האָבן גע־זען, די הײַנט־טאָגיקײַט. מע קאָן ניט בויען קיין ליטעראַטור בלויז מיט באַלײַכטן די פאַר־גאַנגענהײַט אין שײַן פונעם הײַנטיקן טאָג. הײַנטצײַטיקייט אין פול און ברייטן זין פון וואָרט באַדײַט פריִער פון אַלץ — אָפּשפּיגלען דעם הײַנטיקן טאָג, די פּראָבלעמען וועלכע קו־מען טאָגטעגלעך אויף. און דאָס איז, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אומעגלעך אָן אַ ראַדיקאַלן קער צו דער הײַנטצײַטיקער טעמאַטיק. מיר זײַנען אַ ליטעראַטור ניט אַף ייִדיש, נאָר אַ ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור, און מיר טאָרן ניט פאַרבײַגיין די פּראָצעסן, צומאָל גאַנץ קאָמפּלי־צירטע פּראָצעסן, וועלכע קומען פאָר צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג.

די אָפּשפּיגלונג פון די דאָזיקע פּראָצעסן פונעם ייִדישן לעבן איז, פאַרשטייט זיך, פאַר־בונדן מיט אַ גאַנצער ריי שוועריקײַטן, אין וועלכע ס'האָבן זיך ניט אַנגעשטויסן די ייִדישע שרײַבער אינעם פאַרמילכאָמע־פּעריִאָד. ס'איז ניטאָ דאָס ייִדישע פאַרמילכאָמעדיקע שטעטל, דאָס ייִדישע פאַרמילכאָמעדיקע דאָרף. די ייִדי־שע באַפעלקערונג איז געוואָרן קימאַט דורכויס אַ שטאָטישע, און די נאָכמילכאָמעדיקע שטאָט שיידט זיך אויך שטאַרק אונטער פון דער פאַרמילכאָמעדיקער. די פראַגע גייט דאָך אָבער ניט אַזוי אין באַווײַזן די שטאָט צי דאָס דאָרף, דעם זאַוואָד צי די פאַבריק, נאָר אין באַ־ווײַזן דעם מענטשן פון אונדזערע טעג. אַזאַ מעגלעכקײַט גיט אין אַ גרויסער מאָס די שיל־דערונג פון דער מישפּאָכע, ווי אַ סאָציאַלער איינס, פון דער מישפּאָכע, וועלכע שיידט זיך, אַגעוו, אויך אונטער פון דער פאַרמילכאָמעדי־קער, טיילווײַז אַפילע מיט איר נאַציאָנאַלן באַ־שטאַנד.

מיט דער דאָזיקער הײַנט־טאָגיקײַט דאַרף זיך

פאַרנעמען ניט בלויז די פאַרצייכענונג, וועלכע מע האָט געקרוינט, כ'וויים ניט פאַרוואָס, אלס די אויסשפּירערן, וואָס גרייט צו דעם באָדן פאַר דער פּראָזע.

מיר שײַנט, אַז ניט שטענדיק נוצן מיר צום אָרט דעם טערמין „פאַרצייכענונג". אויך אין אונדזער זשורנאַל באַגעגענען זיך צומאָל אונטער דער רובריק „פאַרצייכענונג" געוויינלעכע צײַטונגס־אַרטיקלען, אינטערוויוען, טעאַטראַלע רעצענזיעס...

אַ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דעם פאַרצייכענונגס־זשאַנער גיבן, צום בײַשפּיל, טורגענעווס „קסאָווים פון אַ יעגער", לעסקאָווס „לעדי מאַקבעט פון מצענסקער אויעזד". אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור — מייער אַלבערטאָנס „ביראָבידזשאַן", דעם ניסטערס רײַזע־בילדער, בערגעלסאָנס „ביראָבידזשאַנער"... דער אונטערשייד פון אַ דערציילונג און אַ פאַרצייכענונג באַשטייט אין גרונט גענומען אין דעם, וואָס אין דער פאַרצייכענונג איז דאָס געשטאַלט ניט קיין אויסגעטראַכטס, נאָר אַ רעאַלס, די געשעענישן זײַנען ניט קיין אויסגעטראַכטע און דער אַדרעס איז אַ פּינקטלעכער. אָבער דאָס איבעריקע: די שפּראַך, די נאַטור־בילדער, טיילווײַז אויך דער סוזשעט, שיידט די פאַרצייכענונג מיט גאָרנישט ניט אונטער פון דער דערציילונג. אַלס אַ מוסטער קאָנען אונדז, צום בײַשפּיל, דינען כאַיִם מאַלטינסקיס דיכטערישע באַריכטן און כאַיִם מעלאַמודס לעצטע פאַרצייכענונגען. כאַיִם מעלאַמוד כאָזערט אָבער ערטערווײַז איבער זיך אַליין, שעפּט פאַר די פאַרצייכענונגען שטאָף פון זײַנע אייגענע פּראָזע־ווערק.

צוליב פאָרשטענדלעכע, נאָר לאַכלוטן ניט באַרעכטיקטע זעלבסט־באַגרענעצונגען, וואָס שטאַמען פון אָרגאַניזאַציאָנעלע טעמים, איז אין אונדזער זשורנאַל נאָך ביז איצט ניט אָפּגעשאַצט געוואָרן די סעריע רײַזע־בילדער פון אַרן ווערגעליס, וואָס האָט באַקאַנט דעם ייִדישן לייענער מיטן אַלגעמיינעם און ייִדישן לעבן אין אַ ריי לענדער. די רײַזע־בילדער, וועלכע טיילן זיך אויס מיט אידייִשער צילגעווענדטקייט, קלאָרן געדאַנק, הויכער קינסטלערישער מײַסטערשאַפט און זײַנען אינעם פאַרצייכענונגס־זשאַנער אינגאַנצן נײַ פאַר דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

מײַן טײַנע צו דער קריטיק, וואָס זי גייט צומאָל פאַרבײַ וויכטיקע דערשײַנונגען אין אונדזער ליטעראַטור, איז ניט דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעבראַכט. מיט עטלעכע יאָרן צוריק האָב איך זיך געוואַנדט וועגן דעם מיט אַן אַרטיקל „ווּ איז די קריטיק?" — אין שײַכעס דערמיט, וואָס די קריטיק האָט זיך מיינסטנטייל פאַרנומען מיט ליטעראַטור־געשיכטע און ליטעראַטור־וויסנשאַפט און ניט מיטן לעבעדיקן ליטעראַרישן פּראָצעס.

כ'קאָן ניט זאָגן, אַז אויף מײַן „איעקאָ?" האָט די קריטיק זיך ניט אָפּגערופן מיט אַ „הינעני". פאַר דער לעצטער צײַט, און דאָס דאַרף באַזונדערס ווערן אונטערגעשטראָכן, זײַנען אין „סאָוועטיש היימלאַנד" געווען פאַרעפנטלעכט אָפּרופן קימאַט אויף אַלע דערשינענע ביכער און אויך אויף אַ טייל ווערק, וואָס זײַנען נאָך ניט דערשינען אין אַ בוך־פאָרם. און דאָס מוז, פאַרשטייט זיך, ווערן פאַרגעזעצט.

און צולעצט — דאָ איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו פון אַוראָם גאָנטאַרן צו פאַרזאַדיזירן, אַזוי צו זאָגן, די שאַפונג פון עטלעכע שרײַבער, דערבײַ איז דער רעדנער געקומען צום אויספיר, אַז אין דעם פריִיִקן פעריִאָד האָבן אָט די שרײַבער געשאַפן דורכויס הויך קינסטלערישע ווערק און אינעם ווײַטערדיקן פעריִאָד — שיר ניט דורכויס שוואַכע ווערק.

זײַענדיק אין גרונט מאַסקים מיט דער אָפּשאַצונג, וועלכע אַוראָם גאָנטאַר האָט דאָ געגעבן עטלעכע ווערק פון אונדזער ירושע, קאָן איך אָבער אין קיין שום פאַל ניט אײַנשטימען, אַז די אידייִש־קינסטלערישע ווערט פון אַ ווערק איז פאַרבונדן מיט אַ באַשטימטן שעפערישן פעריִאָד פונעם קינסטלער. בײַ יעדן שרײַבער זײַנען פאַראַן מער געלונגענע און ווייניקער געלונגענע ווערק. די סיבה דערפון, וואָס אַפילו בײַ גרויסע וואָרטמײַסטערס טרעפן זיך דורכפאַלן, דערקלערט זיך אָפט מיט דעם, וואָס זיי איז ניט אינגאַנצן געווען נאָענט און באַקאַנט דאָס, וואָס זיי האָבן זיך גענומען שילדערן, זיי האָבן דעם שטאָף ניט דורכגעלאָזט, אַזוי צו זאָגן, דורך זיך.

אויף אונדזער פאָריקער פּלענאַרער זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע איז גאַנץ ברייט און אַלזײַטיק באַהאַנדלט געוואָרן די פּאָעזיע. דעריבער רעד איך ניט וועגן איר. איך וויל בלויז זאָגן, אַז איך בין אינגאַנצן אײַנשטימיק מיט די באַמערקונגען, וועלכע זײַנען געמאַכט געוואָרן בענוגע דער דיכטונג, אַז זי איז אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס הינטערשטעליק אין באַצוג צו דער פּראָזע אין אָפּשפּיגלען דעם הײַנט.

דאָס דאָזיקע וואָרט מײַנס וויל איך פאַרענדיקן מיט דעם, פון וואָס איך האָב אָנגעהויבן. הײַנטצײַטיקייט און הײַנט־טאָגיקייט זײַנען ניט קיין קעגנגעשטעלטע באַגריפן. אָפּשפּיגלען אַלזײַטיק אויך די הײַנט־טאָגיקייט, באַווײַזן אונדזערע מיטצײַטלער, הייסט פאָרזעצן די גרויסע טראַדיציעס פון אונדזער ליטעראַטור, וועלכע איז שטענדיק געווען אַ הײַנטצײַטיקע.

כאַים מאַלטינסקי •

וועגן דעם לייענער, וועגן יערושע און טראַדיציע

די היינטיקע פּלענאַרע זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע האָט אויפגעמונטערט מיין געמיט, באַזונדערס דערמוטיקט מיך, אַ געקומענעם קיין מאָסקווע פון אַן אַנדער שטאָט, דאָס לייענען צווישן די זיצונגען די וואַרעמע און האַרציקע בריוו פון די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכע קומען אָן פאַר דער לעצטער צייט אין רעדאַקציע. פון די דאָזיקע לעבעדיקע גרוסן איז צו זען, אַז אין פילצאָליקע שטעט און שטעטלעך פאַרמאָגן מיר ליבהאָבער פונעם ייִדישן וואָרט, געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער, הייסע פּראָפּאַגאַנדיסטן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, פאַר וועמען „סאָוועטיש היימלאַנד" איז געוואָרן אַ נויטווענדיקייט.

די רעדאַקציע האָט זיך פון די ערשטע טריט אירע געשטעלט אויף אַ ריכטיקן וועג — אויף וויפל דאָס איז מעגלעך אונטערהאַלטן אַן ענגע פאַרבינדונג מיטן לייענער. דאָס גיט איר אַ מעגלעכקייט פון דער ערשטער האַנט צו דערוויסן זיך וועגן די ווונטשן און פאַרלאַנגען פונעם געבראַוכער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור — וואָסערע פון די פאַרעפנטלעכטע ווערק זיינען אים מער צום האַרצן און צו וועלכע ווערק בלייבט ער גלייכגילטיק. די לייענער פונעם זשורנאַל זיינען די ערשטע אויך מיטלבאַרע קריטיקער.

אין משך פון די לעצטע זיבן־אַכט יאָר האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט צו באַגעגענען זיך מיט זייער פיל לייענער פון ייִדישער פּאָעזיע. פאַר זיי האָב איך געלייענט מיינע לידער־ציקלען, וועלכע איך דרוק אין זשורנאַל. זאָל דאָס מיר פאַרגעבן ווערן, נאָר איך בין נאָך ניט אינגאַנצן זאַט מיט אַזעלכע באַגעגענישן. באַזונדערס וואָלט זיך מיר וועלן וואָס גיכער נאָכאַמאָל צו טרעפן זיך מיט די זשיטקאָוויטשער, טשערווענער, אוזדער, יעלסקער, נאַראָווליער, סלוצקער ייִדן, וועלכע איך האָב געווידמעט פאַר דער לעצטער צייט אַ סאַך נייע לידער. און אויב איר ווילט וויסן, דאַרף מען גאָר צוליב די דאָזיקע באַגעגענישן ניט האָבן קיין אַקטאָווע זאַלן, גרויסע אַאודיטאָריעס, קלובן. ס'איז גענוג פאַר דעם אַ קליין לייען־זאַלכל אין דער ראַיאָנער ביבליאָטעק, אָדער אין דער ביבליאָטעק באַם דאָרפסאָוועט.

אַז איך רייד שוין אַצינד וועגן נייע נעסיעס איבער די שטעט און שטעטלעך — אינעם שטייגער פון די סאָוועטישע שרייבער הייסן אַזעלכע יאַזדעס שעפערישע קאָמאַנדירונגען — ווייל איך אונטערשטרייכן, אַז עס פרייט די הילף, וועלכע ס'ווייזט אונדז אַרויס אין דעם פּראַט דער אַלפאַרבאַנדישער פאַריין פון די שרייבער. אַ סך מען האָט איר, אַז דער שרייבער־פאַריין האָט דערצו נאָך אויסגעטיילט מיטלען דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" צו פּרעמירן צוויי בעסטע פאַרצייכענונגען באַם אונטערפירן דעם סאַכאַקל פונעם 1973 יאָר. אַ פאַרצייכענונג מיט אַ שעפערישער קאָמאַנדירונג איז, אָן שפּאַס, אַ זיווג, וואָס איינער אָן דעם אַנדערן קאָן ניט אויסקומען. די שעפערישע קאָמאַנדירונגען העלפן אונדז ענגער און העפטיקער פאַרבינדן זיך מיטן טאָגטעגלעכן לעבן פון אַרבעטס־קאָלעקטיוון, באַקענען זיך מיט העלדן פון סאָציאַליסטישער מי. קורץ — די דאָזיקע קאָמאַנדירונגען גיבן אונדז אַ ברייטערע מעגלעכקייט אָפּצושפּיגלען אין אונדזערע ווערק די היינטצייטיקייט. מערקווירדיק, אַז אַפילו קעדיי צו שילדערן דעם אַוואַר, דאַרף מען אויך זיין איינגעטונקט אינעם היינטיקן טאָג — אָן דער היינטצייטיקייט איז דער שרייבער, ווי אַ פיש אָן וואַסער. ווערק, וואָס שפּיגלען ניט אָפּ די צייט, אין וועלכע זיי ווערן געשריבן, זיינען פון טאָמיד אָן געווען און פאַרבליבן בלייכע, בלוטלאָזע, אָן לייב און לעבן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס אָף דער היינטיקער פּלענאַרער זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע איז באַרירט געוואָרן דאָוויד האָפשטיינס שאַפונג, האָב איך זיך, אַגעוו, דערמאָנט, ווי אַזוי אונדזער גרויסער דיכטער האָט נאָך מיט 45 יאָר צוריק אָף אַ העכסט פּאָעטישן אויפן פאָרמולירט די פראַגע פון דער היינטצייטיקייט אין דער קונסט. אין זיין ליד, געווידמעט איזי כאַריקן, האָט ער געשריבן:

אָ, צייט! אַ צענדליק יאָר אין טאָג אין איינ;ום,
אין איין מעסלעס אין פריי;ען,
ניטאָ קיין צייט דאָס אַלטע צו באַוויינען —
באַוויז דערזען דאָס נייע!..

אין מעשעך פון דעם יאָר האָב איך אומגעפּער א דרײַ כאַדאָשים געלעבט אין יעלסק און נאָראָוליע אַף פּאָליעסיע און אינעם שטעטעלע פּאַרעטשיע פון גראָדנער געגנט. איך האָב זיך נאָענט באַפרײַנדעט מיט א היפּשער צאָל פּאַמיליעס פון די דאָזיקע יישווים, באַקאַנט זיך מיט זייער טאָגטעגלעכן לעבן, אויב מע קאָן זיך אזוי אויסדריקן. איך האָב צוזאַמען מיט זיי, אַף א קורצער צײַט אײַנגעשפּאַנט זיך אין זייער לעבנס־וואָגן, אַרײַנגעדרונגען אין זייערע דײַגעשן און זאָרגן. אין רעזולטאַט פון דעם לענגערן זײַן האיאָר אין די שטעטלעך האָב איך מײַנע נײַע לידער געווידמעט קאָנקרעטע מענטשן, געשטאַלטן פונעם הײַנטצײַטיקן לעבן. און איך וויל, פאַרשטייט זיך, זען אָפּגעדרוקט די דאָזיקע לידער אַף די שפּאַלטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד". עמעס, דער פאַרוואַלטער פון פּאָעטישן אַפּטייל אוורהם גאָנטאַר האָט אַנומלטן באַמערקט, אז אים געפעלן מער מײַנע לירישע מיניאַטורן איידער מײַנע לירישע רעפּאָרטאַזשן.

אָבער די אַזויגערופענע רעפּאָרטאַזשן זײַנען דאָך אויך, אין גרונט גענומען, ציקלען לידער וועגן מענטשן און פּייזאַזשן פון קאָנקרעטע ערטער. און עפּשער לייגט דאָס וואָרט „רעפּאָרטאַזש" גופא אַרוף אַפן לידער־ציקל א גרויען וואָכעדיקן כויסעם? מיר פּערזענלעך דוכט זיך, אז פון אַלע לידער, וואָס איך האָב פאַר די לעצטע פיר־פינף יאָר געדרוקט אין זשורנאַל, זײַנען די מער אײַנגעגעבענע — גראָד די לידער פון דעם לירישן רעפּאָרטאַזש „פון מײַן זשיטקאָוויטשער העפט".

דער פאַרוואַלטער פונעם פּאָעטישן אָפּטייל האָט אין זײַן וואָרט פּאַכמאַניש און טרעפלעך קריטיקירט א ריי לידער אין „סאָוועטיש היימלאַנד". בעלי־סאָפעק זײַנען די גרונט־כעסרוינעס פון די דאָזיקע לידער — קליינקאַליבערדיקײַט פון דער טעמע און שפּראַך־אָרעמקײַט. אין דער שאַפונג פון א ריי פּאָעטן פעלט פאַרוואָרצלטקײַט אינעם פאָלקס־לעבן.

מיט איין שטעל אין א. גאָנטאַרס אַרויסטרעטונג אַף דער הײַנטיקער זיצונג בין איך ניט מאַסקים -- מיט זײַן אָפּשאַצונג פון דאָוויד האָפשטיינס שאַפונג. גאָנטאַר האַלט, אז עס זײַנען דאָ, אזוי צו זאָגן, צוויי האָפשטיינען — האָפשטיין דער ליריקער און דער ריטאָרישער האָפשטיין. פון איין האָפשטיינען, דעם דיכטער פון „אין ווינטער־פאַרנאַכטן אַף רוסישע פעלדער", איז גאָנטאַר איבעראַשט, און פון דעם „שפּעטערדיקן האָפשטיינען" כאַפּט ער ניט קיין גרויסע היספּײַלעס. מיר שײַנט, אז אַזאַ צוגאַנג איז א פאַלשער. האָפשטיינס קלאַסישקײַט דריקט זיך אויס, פונקט פאַרקערט, אין דער וווּנדערלעכער שליימעסדיקײַט, נאַטירלעכקײַט און טיפער אופריכטיקײַט, מיט וועלכע עס איז פון אָנהויב ביזן סאָף דורכגעדרונגען זײַן שאַפונג. האָפשטיינס אָטעם, האָפשטיינס קאָל קלינגט מיר ליב אַרויס פון יעדער שורע זײַנער. און גראָד די סאַמע העלסטע לידער האָפשטיינס זײַנען די, וועלכע ער האָט געווידמעט דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

אייביק וועלן אין די הערצער פון יידישע לייענער קלינגען דאָוויד האָפשטיינס שורעס:

אַף שאַנדן־שטאַנגען וואַקלט זיך און וואַקלט
דער אַלטער גאָט.
מיט לופט געלאַטעט פלאַטערט אַלץ און
פלאַטערט
די אַלטע רויטע פאָן —
צוריק קיין טראָט!

און האָפשטיין רופט אַרויס פון דער טיף פון זײַן נעשאָמע:

הײַנט בין איך אויך א שטיקל קלינגענדיקער
קופּער,
איך היפּער
שטילע סאַמעטענע טריט
און וועק די מידע,
כ'באַדעק דעם זיפץ פון אָפּגעשוואַכטע
מיט הילכיקן געלעכטער,
צוריק קיין טראָט!

דער דיכטער האָט אין די דאָזיקע שורעס אויסגעדריקט די טיפע פרייד פון מיליאָנען האָרעפּאַשנע יידן פון ראַסיי, וועלכע האָבן מיט באַגײַסטערונג אויפגענומען די רעוואָליוציע און אַנטשלאָסן און געוואָגט זיך באַטייליקט אין איר. און בלויז די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די וועלט, בלויז די גרויסע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע דערלייזונג און דערוואַכונג פון די פּילצאָליקע פעלקער פון רוסלאַנד, דערונטער אויך פון דעם יידישן פאָלק, האָט געגעבן האָפשטיינען די מעגלעכקײַט שעפעריש צו פאַרפּולקומען, ראַפינירן און פאַרוואַנדלען אין פינקלענדיקע דימענטן זײַנע לידער. און מיט וואָס איז נאָך אזוי גרויס אין מײַנע אויגן דאָוויד האָפשטיין? — מיט זײַן צוגאַנג צו קונסט, מיט זײַן טיפן אומיטלבאַרן באַנעמען די פּראַגע פון יערושע פון דעם פאָלק, מיט דעם רעספּעקט און יירַאס־האַקאָוועד צו די ווערטן פון אָוואָר. באַזינגענדיק מיט היסלײַוועס די נײַע צײַט, האָט ער ניט אויפגעהערט אײַנצײַטיק צו שעפּן די שיינקײַט און קלוגשאַפט פון די פאַרגאַנגענע דוירעס. איך וועל זיך דערלויבן צו ציטירן האָפשטיינס „רויטע בליטן" און מיט דעם אויך אילוסטרירן מײַן צוגאַנג צו דער פּראָבלעם הײַנטצײַטיקײַט — פאַרגאַנגענהײַט, אַלטע מאָטיוון — נײַע מאָטיוון:

איך בין
אַף אַלטן שטאַם אַף מײַנעם
מיט צווײַגן הענגענדיקע גראָווע פלאַקסן
אַ יונגע צווײַג,
און איין באַגער נאָר האָב איך —
וואַקסן!

איך גרין,
איך שטײַג
אַהין,
וווּ ס'העלט —
איך וויל מיט רויטע בליטן טײַנען
מיט גרויסער וועלט!
פון אַלטן שטאַם פון מײַנעם,
פון אַלטן זאַפט
נאָך שעפּ איך יונגע קראַפט,
נאָך זויג איך אַלטע ווײַנען,
און ווען די נאַכט פאַרלאָזט
דעם קאַלטן רוים,
באַ ערשטן בלי פון זון —
פון אַלטן שטאַם,
פון אַלטן ראָסט
פאַרשיקערט קוקט מײַן יונגע קרוין
אַנטקעגן זון!..

האָפּשטיינס גרויסע און ערלעכע שאַפונג לאָזט זיך ניט צעטיילן, פאַנאַנדערגרענעצן, עס איז אַ שאַפונג פון איין גוס, אומיטלבאַר פאַרגאַנצט, ווי עס איז וווּנדערלעך שיין און גאַנץ זײַן עפּל:

דו ריינער לאָגל פול מיט ווײַן מיט
שנייִק־האַרטן,
ווי דורכזיכטיק, ווי דופּטיק איז דײַן
דינינק הײַטל,
ווי מילד פאַרזיגלט ביסט מיט שטעמפּעלעך
מיט צאַרטע
פון ביידע זײַטן!

האָפּשטיין איז אַ גאָען פון ייִדישער פּאָעזיע. נאָך מענדעלען, פּערעצן און שאָלעם־אַלייכעמען איז ער מײַן פערטער ליבלינג.

די סאָוועטישע ייִדישע דיכטער פונעם צווייטן און דריטן דאָר, וואָס זײַנען טעטיק אין „סאָוועטיש היימלאַנד" און פאַרמאָגן היפּשע דערגרייכונגען אין זייער שאַפונג, האָבן זיך נאָך אין אַ סאַך הינזיכטן וואָס צו לערנען באַ האָפּשטיינען, שוואַרצמאַנען, קוויטקאָן, קושניראָוון, מאַרקישן, פיִנינבערגן, האַלקינען, פעפערן, כאַריקן. דעריקער דאַרף מען זיך באַמיִען נעמען באַ זיי פאַר אַ מוסטער, וויִאַזוי צו זײַן געטרײַ זיך אַליין, דעם אייגענעם דורכגעמאַכטן לעבנסשליאַך, דער אייגענער ביִאָגראַפיע. האָסטו אָפּגעלעבט אַ שיין, זאָל זײַן אַ שווער־פאַרהאָרעוועט לעבן, טאָ זײַ מיט דעם שטאָלץ אין דײַנע ווערק, באַשיץ עס, האָב עס ליב. און זאָל מיר דערלויבט זײַן אַף דער הײַנטיקער פלענאַרער זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע זאָגן דעם כאָשעוון קריטיקער הערש רעמעניק: איך בין ניט מאַסקים מיט דער קאַטעגאָרישער באַהויפּטונג, וואָס איר האָט געמאַכט אין אײַער אַרטיקל „פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור" („סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 10), אַז „דער איצטיקער דאָר שרײַבער האָט זיך שוין דערהויבן צו אַזאַ שטופע פון מײַסטערשאַפט, וואָס איז ניט נידעריקער פון דער מײַסטערשאַפט פונעם ערשטן סאָוועטישן ליטעראַרישן דאָר".

איר האָט עס ניט דערוויזן.

טעוויע גען

דער טיפּסטער קוואַל

איך וועל זיך דערלויבן מײַן אַרויסטרעטונג אָנהייבן פון ברענגען אַ פּאָר קלוגע ווערטער, וואָס עס האָבן געזאָגט קלוגע און גוטע שרײַבער:

„עס איז ניטאָ אַף דער וועלט קיין שווערערע זאַך, ווי צו שרײַבן פּאָשעטע ערלעכע פּראָזע וועגן מענטשן", — האָט געזאָגט ערנעסט העמינגווײ. און נאָך פריִער האָט באַלזאַק געזאָגט, אַז „דער סאָד פון אַ גרויסן און שטענדיקן דערפּאָלג ליגט אינעם עמעס".

אָנשרײַבן אַן עמעסדיקן, עכט־קינסטלערישן ראָמאַן וועגן דעם הײַנטצײַטיקן לעבן איז ניט גרינג. דאָס לעבן איז קאָמפּליצירט, דאָס לעבן טראָגט אונטער נײַע קאָנפליקטן, נײַע דראַמאַ־

טישע, אָפּטמאָל טראַגישע סיטואַציעס. מיט א צענדליק יאָר צוריק זײַנען פאַר א ייִדישן סאָוועטישן שרײַבער, וואָס שרײַבט אַף הײַנטצײַטיקע טעמעס, ניט געשטאַנען אַזוי שאַרף אייניקע פּראָבלעמען, ווי זיי שטייען איצט, הײַנט צו טאָג. די „נאַקעטע" פּראָבלעמען פאָדערן א הויך־קינסטלערישע שילדערונג, א פאַרקערפּערונג אין בולעט־אַרויסגעבראַכטע געשטאַלטן. דערווײַל, איידער ס'איז געקומען דער ברייטערער לײַוונט, דער פאַנאַנדערגעוויקלטער ראָמאַן, דאַרפן פאַרפּילן דעם בלויז די קלענערע דערציילונג, די נאָוועלע, די פאַרצייכענונג.

איינער פון די פּרוקטבאַרע אופּטוען פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז דאָס, וואָס פון די ערשטע נומערן זײַנע האָט ער אָנגעהויבן אינטענסיוו קולטיווירן די דאָקומענטאַלע פּראָזע. ס'איז גענוג צו מאַכן אַן אויבנאויפיקן איבערבליק פון דער ליטעראַרישער פּראָדוקציע פאַר די אַרייבער צוועלף יאָר, וואָס עס עקזיסטירט דער זשורנאַל, קעדיי זיך איבערצײַגן, אַז די דאָקומענטאַלע פּראָזע האָט פאַרנומען אַן ערשטראַנגיק אָרט, אויב ניט דעם אויבנאָן, אין דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. ס'איז, דוכט מיר, ניטאָ באַ אונדז אַזא שרײַבער, וואָס זאָל אין מעשעך פון די צוועלף יאָר האָבן אָנגעשריבן א זאַך, וועלכע איז ניט געבויט אַף פאַקטישן מאַטעריאַל. די דערפאַרונג פון אַזעלכע שרײַבער, ווי שמואל גאָרדאָן, יויסעף ראַבין, בוזי מילער, מישע לעוו, כאַיִם מעלאַמוד, שירע גאָרשמאַן, אַלעקסאַנדער גוביניצקי, דערווײַזט ווי פּרוקטבאַר ס'איז דער דאָקומענטאַלער זשאַנער, א דערהויבענער ביז צו א גענוגנדיקער קינסטלערישער מאַדרייגע, ווי ער איז נוציק ניט נאָר דעם לייענער, — אויך דעם שרײַבער. עס וואַקסן אויס באַדײַטנדיקע ווערק, וואָס וועלן האָבן א לאַנגן קיִעם אין דער ליטעראַטור. אַפילע אַזעלכע אָנהענגער פון דער „אייביקער" טעמע, ווי דער ראָמאַניסט נאָטע לוריע און דער ליריקער כאַיִם מאַלטינסקי, האָבן לעצטנס אויך זיך גענומען צום דאָקומענטאַלן זשאַנער, זיי האָבן אָנגעשריבן פאַרצייכענונגען, אין וועלכע די גרויסע שטאָט קיִעוו און דאָס קליינע שטעטעלע אוזדע שטייען אונדז גוט פאַר די אויגן. איך זאָג עס אַלץ צוליב דעם, קעדיי מיר זאָלן אויך אַף ווײַטער שאַפן נײַע הײַנטצײַטיקע דאָקומענטאַלע ווערק.

הײַנט איז ווייניק צו קומען אין די צעכן פון זאַוואָדן און פאַבריקן, זײַן אַף נײַ־בויונגען. דאָס איז זייער וויכטיק, אָבער ס'איז ניט גענוג. מיר דאַרפן זײַן אָפטע געסט באַ מענטשן אין שטוב, זיצן מיט זיי ניט נאָר באַ א יאָמטעוודיקן טיש, נאָר אויך באַ א טיש א וואָכעדיקן. וואָס מערער מיר וועלן זען דאָס לעבן פון אינעווייניק, אַלץ בעסער וועלן מיר שרײַבן.

איך וויל זאָגן א פּאָר ווערטער וועגן אונדזער קריטיק. שײַעך זאָגן קריטיק. דער אָטריאַד פּראָפעסיאָנעלע קריטיקער איז זייער א קליינער. הערש רעמעניק, אַרן ראַסקין, ייִסראָעל סערעבריאַני גיבן אָפּ זייער א סאַך ענערגיע, קעדיי צו באַווײַזן אַרײַנקוקן אין א סאַך ווינקלען פון אונדזער ליטעראַרישער ווירטשאַפט. מיר לייענען מיט פאַרגעניגן זייערע אַרטיקלען, וועלכע באַרירן פראַגן פון ליטעראַטור־געשיכטע און פונעם „לויפנדיקן" ליטעראַרישן פּראָצעס. ס'איז קימאַט שוין ניטאָ באַ אונדז אַזא שרײַבער, וועמען אונדזערע כאַשעווע אומדערמידלעכע קריטיקער זאָלן ניט האָבן אָפּגעפּאָרטרעטלט. די ליטעראַרישע פּאָרטרעטן ווערן געמאַכט מיט קענטשאַפט, מיט ערודיציע, מיט אַכטונג און ליבשאַפט צו די שרײַבער.

כ'מיין, אַז גראַד דער קריטישער אָפּטייל פונעם זשורנאַל האָט א רעזערוו, וואָס קאָן וועזנטלעך אַרויסהעלפן אים און לינדערן דעם מאַנגל אין קריטיקער. דער קאָנטינגענט פון אונדזערע לייענער, אין אַלגעמיין גענומען, איז זייער א קוואַליפיצירטער. דאָס זײַנען מענטשן, וואָס קלײַבן זיך גוט פאַנאַנדער אין די קליינע אויסיעלעך, זיי זײַנען ניט נאָר ליבהאָבער, — אויך קענער פון דער ייִדישער ליטעראַטור. די איבערזיכטן פון די לייענער־בריוו, וואָס ווערן פון צײַט צו צײַט פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַל, באַשטעטיקן, דוכט מיר, מײַן געדאַנק אין דער פולער מאָס. די אָפּשאַצונגען, וואָס די „פּאָשעטע לייענער" גיבן די געדרוקטע ווערק, זײַנען אַף א גאַנץ הויכן ניוואָ. לויטן אופטראָג פון דער רעדאַקציע איז מיר איינמאָל אויסגעקומען צו שרײַבן אַזא איבערזיכט, און, גריבלענדיק זיך אין די פּאַפּקעס מיט די בריוו, האָב איך אָפּטמאָל געפונען פאַרטיקע רעצענזיעס אַף אונדזערע ראָמאַנען, דערציילונגען, פאַרצייכענונגען. דאָס זײַנען געווען אָפּהאַנדלונגען מיט א פאַרטיפערטן צוגאַנג צו ליטעראַרישע דערשײַנונגען און פּראָבלעמען, דערבײַ זײַנען זיי געווען אָנגעשריבן מיט א זאַפּטיקער שפּראַך.

א. ווײַן פון כערסאָן, ל. רעוווזין פון טאַשקענט, ש. ראַפּאָפּאָרט פון לענינגראַד, א. טרייבעלסקי פון אָמסק האָבן פריש, אייגנאַרטיק אָנגעשריבן זייערע אָפּרופן וועגן א ריי נײַע ווערק. כ'האָב זייערע בריוו אײַנגעשלאָסן אין מײַן איבערזיכט, און כ'בין זיכער, אַז דער ברייטער לייענער האָט געהאַט פון דעם נוץ. איך צווייפל ניט, אַז אויך די „אָפּקלאַנגען, מיינונגען, רעפּליקעס" פון אווראָם קיסין, מוישע נעמיראָווסקי, אווראָם טרעמבאָוועלסקי האָבן באַם לייענער אויסגענומען. די קורצע אַרטיקלען האָבן באַוויזן, אַז די אויטאָרס זייערע קענען ניט נאָר זאָגן מעווינעס, — זיי האַלטן אויך גאַנץ פעסט די פען אין דער האַנט.

יאַנקעוו פֿליך האָט אין זײַן אַרטיקל „וועגן צוויי דיכטערישע אופֿטועןן אין „סאָוועטיש היימלאַנד" געגעבן אַן אַנאַליז פֿון מוישע טייפֿס איבערזעצונג פֿון „שיר־השירים" און פֿון שי־קע דריזס אייגנאַרטיקער שרײַב־מאַניר. דאָס אַרטיקל איז אָנגעשריבן קאָנקרעט, זאַכלעך, ווען מע לייענט עס, דערוויסט מען זיך עפּעס נײַס, כאָטש וועגן די צוויי באַוווּסטע דיכטער זײַנען שוין געווען געדרוקט אַנדערע אַרטיק־לען.

אינעם זעלבן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" (אָקטיאַבער, 1972) איז אָפּגעדרוקט נאָך אַ קריטיש אַרטיקל — פֿון בינ־אָמין קאַטליאַר. ער הייבט אָן דערפֿון, וואָס „איך בין נישט קיין קרי־טיקער און נישט קיין ליטעראַטור־פֿאָרשער, סאַ־כאַקל בין איך אַ לייענער". אָבער דאָס איז אַ קוואַליפֿיצירטער לייענער, וואָס קאָן זאָגן זײַן קריטיש וואָרט.

אַ גרויסע באַפֿרידיקונג האָט מיר זעלבסט געבראַכט יִיצחק באַראַוויטשעס אַרטיקל וועגן מײַן ראָמאַן „אונדזערע צײַטן", און נישט נאָר דערפֿאַר, ווײַל ער האָט געגעבן אַ פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג מײַן אַרבעט. זײַן אַרטיקל „פֿונעם טכום־שטעטל צום אַקאַדעמישן שטעטל" איז געווען אַן אָפּרוף אויפֿן ערשטן טייל פֿונעם ראָ־מאַן, און דער אָפּרוף האָט מיר געהאָלפֿן שרײַבן די ווײַטערדיקע טיילן. עס איז געווען אַן אָפּ־שאַצונג אַ גײַסטיקע און אַ פֿאָדערנדיקע, אַ זאַכלעכע און אַ פֿאַראַלגעמיינערנדיקע.

יעדערער פֿון אונדז, שרײַבער, האָט זײַנע „שעפֿן" צווישן די לייענער. אַזעלכע מענטשן דאַרף די רעדאַקציע אַלזײַטיק סטימולירן. זייע־רע מאַנוסקריפּטן דאַרפֿן זיך נישט פֿאַרליגן אין די טישקעסטלעך. דאָס איז אונדזער בעסטער אַקטיוו, וואָס נישט נאָר ער לאָזט נישט דורך קיין איין זאַך, וואָס מיר דרוקן אָפּ און ער לייענט זי מיט דער גרעסטער אויפֿמערקזאַמקײַט, — ער איז אַליין בעקוועם אַרײַנברענגען אַ צושטײַער אין אונדזער קריטיק.

געהערט זײַנען די קריטיקער, ווען זיי שרײַבן פֿיל וועגן די הויכע טראַדיציעס, וואָס די איצ־טיקע שרײַבער האָבן געיאַרשנט בײַ די קלאַ־סיקער, בײַ די פֿאָרגענגער. מיר אַלע האָבן זיך געלערנט און לערנען זיך ביז הײַנט בײַ מענ־דעלען, בײַ פּערעצן, בײַ שאָלעם־אַליינכעמען. מיר האָבן זיך אויך געלערנט בײַ די מעכטיקע רוסישע קלאַסיקער, בײַ די אייראָפּעיִשע און אַמעריקאַנער וועלט־שרײַבער. אָן טראַדיציעס, אָן ווירקונגען, אָן יערושעדיקײַט זײַנען נישטאָ קיין שרײַבער. מיר האָבן געלערנט און לערנען זיך בײַ אַנדערע, און מיר גייען ווײַטער, יע־דערער פֿון אונדז שוין מיט זײַן אייגענעם נוס־סעך, מיט זײַן אייגענער פּען, און וואָלטן מיר געהאַט יונגע שרײַבער, וואָלטן זיי שוין עפּשער געקאָנט עפּעס אָפּלערנען אויך בײַ אונדז, שעפֿן אויך פֿון אונדזער דערפֿאַרונג. אָבער מיר אַלע וועלן שטענדיק זײַן טאַלמידים באַם לעבן — בײַ דעם גרעסטן און טיפֿסטן קוואַל פֿאַר אַלע נײַע שאַפֿונגען.

הערש רעמעניק

אויפֿגאַבן פֿון דער קריטיק

אויב די קינסטלערישע ליטעראַטור איז אַלס קלאַל פֿאַרבונדן מיט דער הײַנטצײַטיקײַט, איז די ליטעראַטור־קריטיק אַוודאי און אַוודאי אָפּן ענגסטן אויפֿן אויסגעבונדן מיט די סאַמע אַק־טועלע פּראָבלעמען פֿונעם הײַנטיקן לעבן. די געשיכטע פֿון דער אַלוועלטלעכער, פֿון דער רוסישער און ייִדישער ליטעראַטור באַווײַזט, אַז פֿאַר דעם שרײַבער איז נוצלעך בלויז אַזאַ קריטיק, וואָס וועקט און רופֿט אים אַקטיוו זיך אַרײַנמישן אין לעבן.

דער עמעסער קריטיקער איז אַ באַגײַסטע־רער, אַ וואָרט־זאָגער און אידייען־טרעגער, אַ מאַיאַק און אַ וועגווײַזער פֿאַר דער ליטעראַטור און פֿאַר די שעפֿער. אויב נישט, איז ער נישט קיין קריטיקער. אַפֿילו ווען דער קריטיקער באַטראַכט און אַנאַליזירט ליטעראַטור־היסטאָ־רישע, טעאָרעטישע פּראָבלעמען, טוט ער עס אויך אין אַספּעקט פֿון הײַנטצײַטיקײַט. די פּראָבלעמען פֿון הײַנטצײַטיקײַט שטייען איצט אין צענטער פֿון דער גאַנצער סאָוועטי־

שער ליטעראַטור און, נאַטירלעך, אויך פון דער ייִדישער ליטעראַטור. די דאָזיקע פּראָבלעמען זײַנען אין אונדזער ליטעראַטור גענוג קאָמפּליצירט. דאָס זײַנען ניט בלויז פראַגן פון באַציִונגען מיט דער ייִדישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד, נאָר אויך קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פונעם ייִדישן לעבן באַ אונדז אין לאַנד.

הײַנטצײַטיקייט באַטײַט ניט — כאַפּן א קאָמאַנדירונג און „מאַכן" א פאַרצייכענונג, געבן אַן איבערפלעכלעכע, אויבנופיקע און פאַרבײַגייענדיקע באַשרײַבונג, אָדער אויסטראַכטן אַזוינס, וואָס האָט קיין שײַכעס ניט צום רעאַלן לעבן. די קריטיק דאַרף ניט מיד ווערן צו רופן דעם שרײַבער, ער זאָל שאַפן עכט־קינסטלערישע דאָקומענטאַלע ווערק וועגן דעם לעבן פונעם סאָוועטישן מענטשן, וועגן זײַן מי אין שטאָט און אין דאָרף, אין דער אינדוסטריע און אין דער לאַנדווירטשאַפט, אין דער הויכשול און אין וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט, אין דער לאַבאָראַטאָריע און אפן טראַנספּאָרט.

די הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט גענײטע מײַסטערס — דיכטער און פּראָזאִיקער — מיט א היפּשער שעפערישער דערפאַרונג. עס זײַנען שוין פאַראַן ווערטפולע ראָמאַנען און פּאָעמעס, נאָוועלן און לידער, דערציילונגען און פאַרצייכענונגען וועגן דעם הײַנטצײַטיקן לעבן פון די ייִדישע מאַסן באַ אונדז אין לאַנד.

די קריטיק דאַרף זײַן פילבאַר, נאָכשפּירן די דערפאָלגן פון דער ליטעראַטור און פון יעדער מײַסטער באַזונדער, שטיצן און באַגריסן דעם דערפאָלג פונעם שרײַבער.

די קריטיק טאָר אָבער ניט זײַן גלײַכגילטיק צו קינסטלערישער און אידייִשער מינדערווערטיקײַט, צו קאָניונקטורישקײַט אין שילדערן די הײַנטצײַטיקײַט. אין אייניקע ווערק פאַר דער לעצטער צײַט לאָזן זיך בוילעט פילן באַלעבעסלדיקע, מעשטשאַנסקע טענדענצן, צוגעשמאָלצן דערבײַ מיט „טיפּזיניקע", „פילאָסאָפישע" און פּסיכאָלאָגישע קאָליזיעס, מיט עפּיגאָנישער פּרעטענציִעזקײַט אַף גרויס־ליטעראַטור. עס טרעפט, אַז אָנשטאָט צו ווײַזן דעם נאָרמאַלן לעבנסשטייגער פונעם סאָוועטישן מענטשן, זײַנע דערגרייכונגען, זײַנע שוועריקײַטן, זײַנע לײַדנשאַפטן, זײַן האַס און זײַן ליבע, שילדערט מען צוגעטראַכטע קאָליזיעס, מיט אומגעלומפּערטע אינטריגעס פון די „אינטערעסאַנטע" ראָמאַנען און דערציילונגען ביז דער רעוואָליוציע, מיט וועלכע עס האָבן זיך פאַרכאַפּט די קליינשטעטלדיקע באַרישניעס.

אין דער הײַנטצײַטיקער דיכטונג טרעפן זיך ניט זעלטן באַנאַלע לידער, ווו עס דאָמינירט דאָס אויסגעדראָשענע וואָרט, דאָס בילד, וואָס רעגט ניט און וועקט ניט באַם לייענער קיין געפילן און איבערלעבונגען, אויב אפילע ער טוט זיך אָן א קויעך און לייענט די לידער איבער. אין אַזעלכע לידער איז אפילע אַלץ גלאַט און ריכטיק — דער גראַם, דער ריטם, דער פערזן־געבוי, דאָס בילד. זיי זײַנען אָבער אַזוי איינאַרטיק און באַקאַנט, אַז בייסן לייענען דאַכט זיך, אַז דו האָסט זיי שוין געלייענט נעכטן און פאַראַיאָרן און מיט צען יאָר צוריק...

די הײַנטצײַטיקע קריטיק האָט נאָך ניט געזאָגט קיין ערנסט וואָרט וועגן אַזעלכע דערשײַנונגען אין דער ליטעראַטור. אויב אין די צוואַנציקער יאָרן פלעגט געשען, אַז אונדזער קריטיק האָט „געבושעוועט", האָט זי איצט, ווי מיר דאַכט, אָנגעוווירן איר קריטישן טעמפּעראַמענט און איז געוואָרן, ווי מע דריקט זיך אויס, א קאָמפּלימענטאַרע קריטיק, וואָס האַלט אין איין לויבן דעם אווטאָר. איך רעד דאָ ניט וועגן די סיבעס דערפון.

א וויכטיקע פּראָבלעם פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער קריטיק איז די ייִדישע ליטעראַטור אין אויסלאַנד. מיר שטעלן איצט ניט די פראַגע, ווי ס'האָט אַמאָל, אין מיטן פון די צוואַנציקער יאָרן, זי געשטעלט, לעמאָשל, מ. ליטוואַקאָוו — וועגן העגעמאָניע. איצט שטייט די פראַגע ניט וועגן העגעמאָניע, נאָר וועגן הילף און שטיצע דער פּאָרגעשריטענער ליטעראַטור, וועגן אידייִשער אויפקלערונג און אויפווירקונג אַף דער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך נאָך ביז איצט אידייִש ניט באַשטימט, האָט נאָך ניט קלאָר געמאַכט אירע פּאָזיציעס אינעם אידעאָלאָגישן קאַמף, וועלכער גייט איצט אָן אין דער וועלט, און, לעסאָף, וועגן אויפדעקן דעם טאָך פונעם אַנטיסאָוועטיזם אין אויסלאַנד. מיר דאַרפן אַנטשיידן קעמפן קעגן די „סאָוועטאָלאָגן", די רעאַקציאָנערע ליטעראַטור־פאָרשער, וואָס פאַרקריפּלען דעם טאָך פון דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור און די געשיכטע פון דער ליטעראַטור אין דער פאַרגאַנגענהײַט.

אין „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנען פאַר דער צײַט פון זײַן עקזיסטענץ פאַרעפנטלעכט געוואָרן א ריי פּאָלעמישע אַרטיקלען, וועלכע האָבן אַרײַנגעטראָגן קלאָרקײַט אין דער ליטעראַטור־פאָרשונג און אין דער ליטעראַטור־געשיכטע. די דאָזיקע אַרבעט דאַרף פאָרגעזעצט ווערן ווײַטער.

א וויכטיקע אויפגאַבע פון דער קריטיק און פון דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור־פאָרשונג איז שאַפן א צוזאַמענהענגענדיקע מאַרקסיסטישע וויסנשאַפטלעכע געשיכטע פון דער נײַער ייִדישע ליטעראַטור (אין 19 און אין 20 יאָרהונדערט). באַ הײַנטיקן טאָג זײַנען שוין פאַראַן גענוג פּאָראַרבעטן פון די עלטערע קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער און פון די הײַנטיקע

קריטיקער; די דאָזיקע אַרבעטן גיבן אַ מעגלעכ־קייט צו שאַפֿן סײַ די קאָנצעפּציע פֿונעם ליטעראַטור־היסטאָרישן פּראָצעס, סײַ די גרונט־שטריכן פֿון יעדן קינסטלער באַזונדער.

די צאָל ייִדישע קריטיקער איז בײַ הײַנטיקן טאָג גאָר אַ קליינע. די מער אַקטיווע וואָרט־מײַסטערס פֿון אַנדערע זשאַנרען וועלן דאָ מוזן קומען צו הילף דער קריטיק. די דאָזיקע אַרבעט ווערט שוין געטאָן. די רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד” האָט צוגעצויגן אַ ריי שרײַבער צו קריטיק און ליטעראַטור־פֿאָרשונג. עס זײַנען שוין פֿאַראַן באַשטימטע רעזולטאַטן אין דעם געביט. די ווײַטערדיקע אינטענסיווע באַטייליקונג פֿון די פּראָזאַיִקער און דיכטער אין דער ליטעראַטור־קריטיק און אין דער פֿאָרשונג איז מעגלעך און נייטיק.

מיט געמיינזאַמע קויכעס פֿון דער גאַנצער ליטעראַטור וועלן מיר דערפֿאָלגרײַך לייזן די הײַנטצײַטיקע אויפֿגאַבעס, וועלכע שטייען פֿאַר אונדז.

אַרן ווערגעליס

די ייִדישע ליטעראַטור איז ניט קיין ליטעראַטור פֿונעם נעכטן

די פֿראַגע וועגן הײַנטצײַטיקייט, אָדער, ווי מע זאָגט אויך, איצטיקייט, איז אין דער אָנווענדונג צו ליטעראַטור אַזאַ נאַטירלעכע און פֿאַרשטענדלעכע, אַז ס'איז, מיין איך, פּאַשעט אַן אוולע זי צו פֿאַרנעפּלען מיט טיפֿזיניקע גריבלענישן און אָנגעטראַכטע באַוואָרענישן. עס איז לעכערלעך, ווען מע שטעלט דער הײַנטצײַטיקייט באַדינגונגען: ס'זאָל, כאָלילע, ניט פֿאַרגעסן ווערן די פֿאַרגאַנגענהייט, מע זאָל ניט איגנאָרירן דעם אָוואַר... פּונקט ווי דאָס לעבן גופֿא, איז די ליטעראַטור אַן אָרגאַנישע אייניקייט פֿון פֿאַרגאַנגענהייט, געגנוואַרט און צוקונפֿט. עפּעס געדענקט זיך ניט, אַז אין די ערנסטע ספּעורן פֿון שעפֿערישקייט זאָל ווען־ניט־איז זײַן אַ טענדענץ צו שילדערן בלויז און אויסשליסלעך דאָס הײַנטיקע לעבן. מע דאַרף אָבער זײַן נאַיִוו צו מיינען, אַז עס קאָן געמאָלט זײַן אַ ליטעראַטור דורכויס פֿון היסטאָרישע ראָמאַנען...

דעריבער — לאָמיר זיך ניט ברעכן אין אַן אָפֿענער טיר. הײַנט ריידן מיר וועגן דער פֿאַרבינדונג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור מיט דער הײַנטצײַטיקייט, מאָרגן וועלן מיר, קאָן זײַן, פּונקט אָט אַזאַ אויפֿן שטעלן די פֿראַגע וועגן דעם היסטאָרישן ראָמאַן — וועגן אָפּשפּיגלען אין דער פֿולער מאָס אַזעלכע טעמעס, ווי די פּאַטערלענדישע מילכאָמע, דער בירגערקריג, דאָס לעבן אין טכום־האָמושעוו.

מיר ווייסן וועגן די אַכרײַעסלאָזע פּרווון אָף דער אַזויגערופֿענער „בירגערלעכער זײַט” פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור צו אָפּגרענעצן דאָס הײַנטצײַטיקע ייִדישע שאַפֿן פֿון די אינטערעסן פֿונעם מענטשן־קאָלעקטיוו, אַקלימאַטיזירן עס אין אַ מין ליטעראַרישן אַקוואַריום, אין וועלכן עס ווימלען אַרום דעקאָרירטע פֿישעלעך — „ווערק” וועגן פּערזענלעכע פֿאַמיליען־אָנגעלעגנהײַטן, וועגן פּריוואַטע לעבנס. דאָס איז אָבער ניט קיין נײַס, די געשיכטע כאַזערט זיך איבער, און אַלעמאָל וואַרפֿט אָפּ די לעבעדיקע ליטעראַטור אַזעלכע אומגעלומפּערטע פּרוּוון. בײַ י.־ל. פּערעצן לייענען מיר: „וואָס הייסט פּריוואַט־לעבן? פּריוואַט לעבט אַ מענטש אין אַ מידבער, פּריוואַט לעבט אַ פּאָרעש אין וואַלד, עפּשער נאָך אַ פּאַרצײַטיקער באַטלען הינטערן בעסמעדרעש־אויוון. אַ מענטש צווישן מענטשן איז קיינמאָל ניט פּריוואַט. דער, וואָס טוט עפּעס, — ביפֿראַט דער, וואָס שרײַבט! — לעבט געזעלשאַפֿטלעך, עפֿנטלעך; דער מוז זײַן אָדער נוצלעך, אָדער שעדלעך”...[1]

קיינער פֿון אונדז צווייפֿלט ניט, אַז פֿאַר דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור זײַנען פּערעצעס ווערטער, אַזוי צו זאָגן, אַ פּאַראַגראַף אין איר קאָנסטיטוציע. אויב אַזוי, דאַרפֿן מיר זאַכלעך, מיט אַ קלאָרן פֿאַרשטאַנד, זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן אין די קאָנקרעטע אַספּעקטן פֿון דער אוועקגעשטעלטער אויפֿן טאָגסיידער פֿראַגע וועגן הײַנטצײַטיקייט.

---

[1] י.־ל. פּערעץ „ליטעראַטור און לעבן”. ווילנע — וואַרשע, 1926. ז. 59—60.

מיר האָבן אין זינען די הײַנטצײַטיקייט פון די זיבעציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, און אַזאַ קאָנקרעטקייט באַוואָרנט אונדז פון סכאָלאַסטיק און פון אַקאַדעמישע באַנאַלקייטן. יעדערער פון אונדז, אײַנטונקענדיק די פען, קעדיי צו נעמען זיך שרײַבן, דאַרף, לעכאָלהאַפּאָכעס, שטעלן זיך אַ ציל צו זאָגן עפּעס נײַס אין פאַרגלײַך מיט זײַנע פאָרגייער אין דער ליטעראַטור. אַ זײַטל פון שמועל גאָרדאָנס אָדער טעוויע געַנס אַ הײַנטצײַטיק ווערק דאַרף זײַן „אינסטרומענטירט" לאַכלוטן אַנדערש, אײדער אַ זײַטל פון בערגעלסאָנס אָדער ניסטערס ווערק און אויך, פאַרשטייט זיך, אײדער אַ זײַטל פון שמועל גאָרדאָנס און טעוויע געַנס ווערק פון די דרײַסיקער — פערציקער יאָרן. דער פּערסאָנאַזש פון אונדזער איצטיקער ליטעראַטור זעט אַנדערש אויס און ער לעבט צווישן אַנדערש־אויסזעענדיקע מענטשן און זאַכן אין פאַרגלײַך מיטן פּערסאָנאַזש פון דער ליטעראַטור פון די דרײַסיקער — פערציקער יאָרן.

מע קאָן עס באַווײַזן אָנשוילעך, אפילע — עקספּערימענטאַל. צוויי פּערסאָנאַזשן פון פאַרשיידענע צײַטן (דעם פּערסאָנאַזש פון די דרײַסיקער יאָרן וועלן מיר אָנרופן „איקס", פון די זיבעציקער — „איגרעק") קלײַבן זיך אַרויסגיין פון שטוב. איגרעק שליסט אויס פון דער עלעקטראָ־נעץ אַ פײַן־געמאַכט קעסטל מיט אַן עקראַן, אויף וועלכן ער האָט ערשט געזען, ווי אַ מענטש שטעלט שפּאַן — פּונקט אין אָט דער מינוט! — אויף דער אויבערפלאַך פון דער לעוואָנע. איקס האָט אויסגעשלאָסן דעם ראַדיאָ־אויפנעמער, פון וועלכן ס'האָט זיך געלאָזט הערן אַ דראָונג פונעם דײַטשיש־פאַשיסטישן פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער געבעלס, אַז דער רײַכסווער וועט שוין אינגיכן האָבן ראַקעטע־האַרמאַטן, און ס'וועט פּראַקטיש זײַן מעגלעך צו „טראַנספּאָרטירן" אַ סנאַריאַד ביז לאָנדאָן... איקס טוט אָן קאַלאָשן, ווען וועלכע איגרעק האָט קיין אַנונג נישט, און לויפט פונעם דריטן שטאָק איבער די טרעפּ, האַלטנדיק זיך בײַ דער הילצערנער פּאָרענטש. איגרעק לאָזט זיך אַראָפּ מיט דער ווינדע פונעם 16־טן עטאַזש. ער איז אָנגעטאָן אין אַ מאַנטל פון סינטעטישן שטאָף, די שיך — אויף גראָבע פּאָדעשוועס פון קינסטלעכער גומי, דער אָנצוג — אַ טערילענוועער, דאָס העמדל — פון ניילאָן... בײַ איקסן איז דאָס אָנטאָן געמאַכט „פון צײַג" און „פון לעדער" — אָן קונצן. איקס גייט איבער דער גאַס. אין זײַנע יאָרן פלעגן די צײַטונגען דרוקן רעפּאָרטאַזשן, פולע מיט דראַמאַטישע קאָנפליקטן, וועגן דער בויונג פון אַ דרײַשטאָקיקן ציגלנעם קאָרפּוס פאַר אַ קינדערגאָרטן. איגרעק טוט זיך אַ כאַפּ, אַז פאַר די פּאָר כאַדאָשים, וואָס ער איז געווען אין אַ קאָמאַנדירונג איז אויסגעוואַקסן — אָן באַזונדערע קאָנפליקטן — שיר ניט אַ גאַנצער קוואַרטאַל פון בעטאָן־ און גלאָז־געפורעמטע בלאָקמויערן, וועלכע רופן זיך „טורעמס" — „באַשניעס"...

שטעלט אײַך פאָר, אַז מוישע קולבאַקס „זעלמעניאַנער" — דער זעלבער „איקס" — ווערט דורך עפּעס אַ ווונדער אַריבערגעטראָגן אויפן הײַנטצײַטיקן קאַלינין־פּראָספּעקט אין מאָסקווע. ער וואָלט ניט געוווּסט, אַז קעדיי דורכגיין די גאַס אין דער ברייט, דאַרף מען זיך אַראָפּלאָזן אונטער דער ערד. די קאָנטורן פון די „צעעפּנטע", ווי ביכער, מוירעדיק־הויכע הײַזער וואָלטן אין זײַנע אויגן אויסגעזען, ווי טעאַטראַלע דעקאָראַציע. נו, וואָלט מען זיך שוין אָנגעלאַכט פון דעם זעלמעניאַנער...

אָבער וואָרט עטוואָס צו, לאַכט ניט. מיר האָבן פּאַשעט צו טאָן מיט פאַרשיידענע צײַטן. קולבאַק, בערגעלסאָן, ניסטער האָבן געהאַט פאַר זיך אַן אַנדער „שטאָף", אײדער מיר הײַנט. דער מענטש האָט געלעבט אין אַן אַנדער שטייגער, זײַן לאָשן האָט ניט אַנטהאַלטן די אָנשיכטונגען פון דער קיבערנעטיק־עפּאָכע, זײַנע שנעלקײַטן זענען הײַנט אויס מאַמעש לעכערלעך, און אין דער זעלבער צײַט, ווען מע זאָל זאָגן מייער אַלבערטאָנס פּערסאָנאַזשן, אַז פון מאָסקווע קיין ביראָבידזשאַן קאָן מען זיך דערקלײַבן פאַר 8 — 9 שאָ, און ניט פאַר 10 מעסלעס, ווי אין די דרײַסיקער יאָרן, וואָלטן זיי אויך געלאַכט פון אַזאַ פאַנטאַזיע.

קורץ, ס'איז ניט מעגלעך „אַרײַנשרײַבן" דעם הײַנטיקן מענטשן אינעם נעכטיקן שטייגער. די ליטעראַטור, וועלכע ווערט געשאַפן איצט, דאַרף זײַן דורכויס איצטיק. די סוזשעטן, די קאָליזיעס, די צוזאַמענשטויסן, די אופטועז, די צווישנבאַציונגען צווישן מענטשן, זייער אָנטאָן, זייערע רייד, די גאַס, דער טראַנספּאָרט, די שפּײַז, באַזונדערס — די קאָלעקטיווע פאָרמען פונעם לעבן, די געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען דאַרפן אויסזען אַזוי, ווי זיי זעען אויס אין דער רעאַלער הײַנטצײַטיקייט, אַנדערש וועט די ליטעראַטור זײַן אַנטיקינסטלעריש, אַנטירעאַליסטיש, לאַכלוטן אומנוצלעך.

מיר ווייסן מיט אײַך וועגן אַ פאַל, ווען אַ שרײַבער — איך האָב אין זינען עליע גאָרדאָנען — נעמט שוין פון לאַנג ניט קיין אָנטייל אין דעם לעבעדיקן ליטעראַרישן פּראָצעס פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור. וואָס איז מיט אים געשען? לייענענדיק די ווערק, וועלכע ער האָט פאַרן לעצטן יאָרצענדליק פאַרעפנטלעכט אין אַ בוך־פאָרם אין רוסישער איבערזעצונג און אין ייִדיש, קומען מיר צום אויספיר, אַז דער דאָזיקער שרײַבער, וועלכן מע רופט „קאָלווירטישער" (אַזאַ טערמינאָלאָגיע

איז, לויט מײַן איבערצײַגונג, פּעלערהאַפט. קאַלווירטישע שרײַבער זײַנען די, וועלכע לעבן אין קאַלווירט; און לעבנדיק אין קאַלווירט, קאָן מען אויך זײַן א „אינדוסטריִעלער" שרײַבער), דער דאָזיקער שריפטשטעלער האָט זיך אין זײַנע ווערק פאַרהאַלטן בא לעבנס־פאַרמען, וועלכע האָבן ערעוו דעם קריג טאַקע עקזיסטירט, אָבער נאָך דעם קריג און ביז הײַנטיקן טאָג זײַנען זיי — היסטאָריע...

איך האָב געבלעטערט ע. גאַרדאַנס בוך „אין אייגענע קאַנטן" (מאָסקווע, 1969) און זיך געבראָכן דעם מויעך, צי די קאַלווירטישע דערציילונגען זײַנען דאָרט היסטאָרישע — וועגן די אַמאָל־עקזיסטירנדיקע יידישע נאַציאָנאַלע קאַלווירטן, — צי עפּשער האָט גאָר דער שרײַבער, ראַכמאָנע־ליצלאַן, איבערגעפּלאַנטערט די צײַטן. לויט ע. גאַרדאַנס בוך קומט אויס, אַז די יידישע נאַציאָנאַלע קאַלווירטן, וועלכע די פאַשיסטן האָבן פאַרניכטעט צוזאַמען מיט די מענטשן, זײַנען נאָך הײַנט אויך א רעאַלער פאַקט. ס'איז אָבער אַלעמען באַוווּסט, אַז קיין יידישע נאַציאָנאַלע קאַלווירטן זײַנען שוין פון לאַנג ניטאָ. און, אשטייגער, די פּראָבלעם פון ליקווידירן דעם יידישן באַלעגוף אַלס קלאַס וואָלט איצט, קאָן זײַן, געקאָנט געשטעלט ווערן אין דער ליטעראַטור, ווען מע זאָל זי באַווײַזן אין אַספּעקט פון דער פאַרגאַנגענהײַט, רעטראָספּעקטיוו, אפן היסטאָרישן פּאַן, און, נאַטירלעך, באַם באַדינג, אַז אין קינסטלערישן זין זאָל די שילדערונג אויסהאַלטן דעם אויספּרווו פון א לענגערער צײַט. ע. גאַרדאַנס דערציילונגען וועגן די יידישע נאַציאָנאַלע קאַלווירטן באַפרידיקן ניט, צום באַדויערן, די דאָזיקע פאָדערונגען, און דעריבער קאָן מען זיי ניט פאַררעכענען פאַר א דערשײַנונג פון דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור. אזא אַרט „לעבן אף די אַלטע אָפּשפּאַרונגען" נעמט זיך, ווײַזט אויס, פון דעם, וואָס ע. גאַרדאַן ווייסט ניט דאָס הײַנטצײַטיקע קאַלווירטישע דאָרף און, ניט געפינענדיק אינעם רעאַלן לעבן קיין יידישע נאַציאָנאַלע ערד־ווירטשאַפטן מיט אָרעם־פּויערים, באַלעגופים אדגל., לאָזט ער זיי איבערצוטראָגן זיך אפן פּאַפּיר אין אונדזער צײַט.

איך האָב געבראַכט דעם דאָזיקן קאָנקרעטן בײַשפּיל, קעדיי ס'זאָל קלאָרער ווערן, וואָס מיר ווילן, ווען מיר רופן אוף די הײַנטצײַטיקע טעמע אין דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור. אָפּט הערן מיר פון די סקעפּטיקער: שאָלעם־אַלייכעם האָט געהאַט יידישן שטייגער, פּראָבלעמען פונעם יידישן טכום־לעבן. די סאָוועטישע יידישע קלאַסיקער האָבן געהאַט דאָס שטעטל, די פּראָבלעם פון פּראָדוקטיוויזאַציע. יידן האָבן אין די צײַטן פון אונדזערע פאַרגאַנגער געלעבט קאָמפּאַקט, געהערט אף יידיש — געגעבן מאַטעריאַל פאַר קינסטלערישע ווערק. הײַנט איז דאָס אַלץ ניט פאַראַן. וועגן וואָס שרײַבן?

אזא „לאָגיק" נעמט זיך פון מאַנגל אין טאַלאַנט.

ליטעראַטור נייטיקט זיך ניט אין גינסטיקע באַדינגונגען. ביזוואַנען סע וועלן זײַן מענטשן, וועט זײַן ליטעראַטור. ווען ס'געשעט אזוי, אַז פון א פאָלק איז פאַרבליבן איין מענטש, און ער דערציילט וועגן דעם אין א שריפטלעכער פאָרם, איז עס ליטעראַטור פונעם נאָך ניט פאַרשוווּנדענעם פאָלק. די סקעפּטיקער זאָגן, אַז זיי ווייסן, וואָס עס איז שוין ניטאָ בא די הײַנטצײַטיקע יידן. אדערבע — זאָלן זיי עס באַווײַזן אין קינסטלערישע ווערק. די אופגאַבע פון א ליטעראַטור איז — שילדערן דעם רעאַלן מאַצעוו פונעם פאָלק. וואָס אזוינס זײַנען מיר איצט? — אף אָט דער פראַגע איז מעכויעוו צו ענטפערן די הײַנטצײַטיקע ליטעראַטור.

און מע דאַרף אויך ניט פאַרגעסן אין דער אופווירקונגס־קראַפט פון קינסטלערישער ליטעראַטור. איך וויל ניט זאָגן, אַז מיט ליטעראַרישע ווערק זײַנען מיר מעסוגל צו ווידער אופשטעלן דעם יידישן שטייגער, אופלעבן די סוויווע, האַגאַם — איך געדענקט אוואַדע טאָלסטאָיס ווערטער וועגן די טורגעניעווישע מיידלעך: „טורגעניעוו האָט אָפּגעטאָן א גרויסע זאַך מיט דעם, וואָס ער האָט אָנגעשריבן וווּנדערלעכע פאָרטרעטן פון פרויען. קאָן זײַן, אַז אזעלכע, ווי די, וועלכע ער האָט געשריבן, זײַנען ניט געווען, נאָר ווען ער האָט זיי אָנגעשריבן, האָבן זיי זיך באַוויזן. דאָס איז עמעס. איך אַליין האָב שפּעטער געטראָפן טורגענעווישע פרויען אין לעבן"...

עס איז אויסער יעדן סאָפעק, אַז אומאָפּהענגיק פון די אָדער יענע אומשטענדן, איז דער באַרוף פון די יידישע שרײַבער, וועלכע שרײַבן הײַנט, צו שילדערן דאָס פאָלקס־לעבן אין דער צײַט, וועלכע עס האָבן שוין ניט באַוויזן צו זען און צו שילדערן עס די פאָרגייער, און דאָס איז זי טאַקע, די פּראָבלעם פון הײַנטצײַטיקײַט!

מע דאַרף אויך וואָרענען וועגן דער טענדענץ צו פאַרשמעלערן די פּראָבלעם, דערפירן זי צום ענג־נאַציאָנאַלן אויסדרוק. הײַנטצײַטיקײַט פאַר דער יידישער ליטעראַטור באַטײַט — ניט בלויז באַווײַזן דעם הײַנטיקן יידן, נאָר — און אין דער ערשטער ריי — באַווײַזן די הײַנטיקע וועלט. דער אומגליק פון דער בירגערלעכער ליטעראַטור אין אויסלאַנד באַשטייט דעריק, וואָס אירע שעפער פאַרשטייען ניט דעם דאָזיקן עמעס. אַלס רעזולטאַט ווערט איצט, פאַר די אויגן פון אונדזער דאָר, געשלאָסן דער לעבנס־ציקל פון אָט דער ליטעראַטור. אינעם לעצטן (אָקטיאַבער 1973) נומער פונעם פערטל יאָר־

זשורנאל „זײַן“ האָבן מיר געלייענט א כאראקטעריסטיש ארטיקל פון דעם קריטיקער „פאָרווערטסיסט“ אווראָם שולמאַן, איינעם פון די אײדעס בא דעם פאַרשווינדן פון דער בורזשואזער ייִדישער וואָרט־שאַפונג. שולמאַן האָט אין א ניו־יאָרקער קאַפע געשמועסט מיט א ייִדישן בירגערלעכן בעלעטריסט, און וועגן דעם דערציילט ער אין זײַן ארטיקל „א געשריבענער ענטפער אף א נישט־געשריבענער פראַגע“. שולמאַן האָט זיך אָנגעפרעגט באַם ייִדישן שרײַבער: „פאַרוואָס איז עס, וואָס אפילע די קליינע צאָל ייִדישע בעלעטריסטן, וואָס איז אונדז געבליבן אין אמעריקע, שרײַבן קימאַט אלע וועגן פאַרגאַנגענהײַט, וועגן שטעטל — דערמאָנונגען פון אמאָל? פאַרוואָס געפינט מען אזוי זעלטן א דערציילונג וועגן איצטיקן ייִדישן לעבן אין אמעריקע?“

א גוזשצלעכע פראַגע! דער ייִדישער יישעוו פון די פאַרייניקטע שטאַטן ציילט הײַנט זעקס מיליאָן נפאַשעס. אין אזא שטאָט, ווי ניו־יאָרק, קאָן גיין א רייד וועגן א קאָמפּאַקטער ייִדישער באַפעלקערונג, ווײַל יעדער דריטער — פערטער בירגער איז דאָרט א ייִד. א טייל פון ניו־יאָרק — וויליאַמסבורג — איז, קאָן מען זאָגן, א „ייִדיש שטעטל“. צי איז פאַראַן אין אָט דער נאַציאָנאַלער סוויווע „ארבעט“ פאַר דער הײַנטצײַטיקער טעמע אין דער ליטעראַטור? לויט די אָנגאַבן פונעם „ייִדישן בוך־אַלמאַנאַך“ (באַנד 31, 1973 — 1974), וועלכער איז אָקאָרשט דערשינען אונטער דער אופיציט פונעם „דזשויש בוק קאָונסיל“ בא דער „נעשאַנאַל דזשויש וועלפעיר באָארד“ אין ניו־יאָרק, זײַנען צווישן מײַ 1972 און מײַ 1973 דערשינען אין אמעריקע 22 ייִדישע ביכער. דאָס איז ניט נאָר שפּאָט ווייניק פאַר אזא פילצאָליקן, טומלדיקן, פילפאַרטייִשן, אַמביציעזן ייִשעוו, נאָר — און דאָס רופט ארויס דעם גרעסטן אומרו — צווישן די טעוועלעך פון אָט די ביכער וועט איר ניט געפינען קיין איין דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונג פונעם איצטיקן לעבן פון די ייִדן אין אמעריקע, קיין איין באַשרײַבונג, וויאזוי עס ארבעטן, שלאָגן זיך אויס די פּאַרנאָסע, קעמפן פאַר זייערע רעכט, אשטייגער, די 20 טויזנט ייִדן — טאַקסי־טרײַבער אין ניו־יאָרק (די ציפער איז גענומען פונעם לעצטן באַריכט פון דער „ניו סקול פאַר סאָשעל ריסוירטש“, וועלכער ווערט געבראַכט אין דער בראָשור „די אָרעמעלײַט פון ניו־יאָרק און דער ייִדישער ארבעטער־קלאַס“). לאָמיר פאַריינוועגס אָפּמערקן, אז אין ניו־יאָרק רעדט מען נאָך אלץ וועגן א „ייִדישן ארבעטער־קלאַס“, די „ווײַסע קעלנער“־ארבעטער. אָבער די הײַנטיקע בירגערלעכע אמעריקאַנער ייִדישע שרײַבער „ווייסן ניט“ וועגן דער עקזיסטענץ פון אזעלכע אמעריקאַנער ייִדן — מענער־ און דאַמען־שנײַדער, פיזישע ארבעטער אין קאָמונאַלע אונטערנעמונגען, טאַקסי־טרײַבער, אָנגעשטעלטע פון נידעריקע שטופעס, קאָלערליי „סעקרעטאַרינס“, „רעסעפּשאָניסט“, אופזוער אדגל. יוסעף אפּאטאָשו, אײַזיק ראַבוי, לאַמעד שאַפּירא, מוישע נאַדיר, לעבנדיק אין אמעריקע, האָבן דאַווקע גוט וועגן זיי געוווּסט און באַשריבן זייער לעבן אין ווערק־דאָקומענטן פון דער עפּאָכע... צווישן די 22 לעצטנס דערשינענע אין אמעריקע ייִדישע ביכער וועט איר געפינען קליינקאַליבערדיקע, פערזענלעך־באַדײַטנדיקע זיכרוינעס, בײַאָגראַפיעס, איזקערמאַטיוון, קורבן־באַשרײַבונגען, רעליגיעזע און ציוניסטישע טעמעס, קיין איין לעבנס־רעפּאָרטאַזש! קיין איין הײַנטצײַטיקע פּראָבלעם!

און איר ווייסט, וואָס דער אַנאָנימער ייִדישער בעלעטריסט האָט בא א טעפּעלע קאַווע געענטפערט דעם קריטיקער אווראָם שולמאַן? אף דער פראַגע „פאַרוואָס געפינט מען אזוי זעלטן א דערציילונג וועגן איצטיקן ייִדישן לעבן אין אמעריקע?“ האָט ער געענטפערט: „צי איז אָבער פאַראַן אזא זאַך, ווי ייִדיש־אמעריקאַנער לעבן? דאָס ייִדישע לעבן דאָ איז ניט סאָליד, עס איז ניט יוסט. עס האָט ניט קיין אייגנאַרט און האָט ניט קיין שטייגער“...

מע קאָן, הייסט עס, שטעלן א ליכטל נאָך דער בירגערלעכער ייִדישער ליטעראַטור אין אמעריקע. אינטערעסאַנט, וואָס עס וועט וועגן דעם זאָגן דער אמעריקאַנער ייִדישער לייענער...

די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַרישע געזעלשאַפטלעכקײַט שטעלט ארויס א קורצע און פאַרשטענדלעכע פּראָגראַם פאַר דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור: ענגע פאַרבינדונג מיט דער הײַנטצײַטיקײַט; אָנגעהעריקײַט צום פּראָגרעס. די קימאַט דרײַצן יאָרגאַנג פון אונדזער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ — דאָס איז דער פּראַקטישער אויסדרוק פון אזא לעבנס־פּראָגראַם.

פאַרשטייט זיך, דער וועג צו דער הײַנטצײַטיקער טעמע איז ניט קיין גלאַטער און ניט קיין גרינגער. ניט אלע אונדזערע פאַרצייכענונגען זײַנען גלײַכווערטיק. אָבער קיינער וועט ניט לייקענען, אז „סאָוועטיש היימלאַנד“ איז איצט דער איינציקער ייִדישער זשורנאַל, ווו דער דאָזיקער זשאַנער ווערט קולטיווירט. פון די ראָמאַנען און דערציילונגען אף הײַנטצײַטיקע טעמעס, וועלכע זײַנען פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד“, קאָן מען צונויפשטעלן עטלעכע באַדײַטונגספולע פאַר דעם הײַנטיקן און פאַר דעם קומענדיקן לייענער בענדער. דער דיכטערישער זשאַנער רופט, עמעס, ארויס אונדזער זאָרג. אָבער בא אלע שוואַכקײַטן איז דאָך די סאָוועטישע ייִדישע פּאָעזיע פאַרבליבן די איינציקע היטערין פון די נאָבעלע

טראַדיציעס פון דער סאָציאַלער ליד און פון דעם הויכקינסטלערישן לירישן מאָטיוו אינעם ייִדישן ליטעראַרישן שאַפן.

וועגן דער דיכטונג ווילט זיך מיר זאָגן באַזונדערס. די צוויי ליטעראַרישע גרונט־זשאַנרען — פּראָזע און פּאָעזיע — האָבן בא אונדז אין דער ליטעראַטור ניט איין מאָל זיך געביטן מיט די ערטער לויט דער וויכטיקײַט און אָפּעראַטיווקײַט. מיר האָבן נאָך ניט פאַרגעסן די איינמוטיקע באַהויפּטונגען פון דער קריטיק אין די צוואַנציקער — דרײַסיקער יאָרן, און אפילע שפּעטער, אַז דאָס ערשטע אָרט געהערט דער דיכטונג, און נאָך איר „הינקט אונטער" די בעלעטריסטיק. הײַנט, ווען מיר טוען א קוק אַף צוריק, געפינען מיר גופע אין דער דיכטונג פון יענע יאָרן, און אפילע בא יעדן דיכטער־פאָרגייער, „בעסערע" און „ערגערע" צײַטן. דאָס איז נאַטירלעך. מיר דאַרפן אָבער ניט פאַרגעסן, אַז פּאָעזיע איז א געשמאַק־זאַך. אין דער עפּאָכע פון וויסאַריאָן בעלינסקי האָט דער פּאָפּולערער זשורנאַליסט באַראָן בראַמבעוס מיט דער גאַנצער ערנסטקײַט באַהויפּטעט, אַז עפּעס א גאָספּאָדין טימאָפייעוו איז „העכער פון פּושקינען". אין זיבעצנטן יאָר, צווישןביידע רעוואָלוציעס, איז גאַנץ פּעטראָגראַד געווען פאַרקלעפּט מיט אַפישן וועגן איגאָר סעוועריאַנינס פּאָעזאָ־קאָנצערטן, און אין די סטודענטישע אַודיטאָריעס האָט זיך אַף קיין רעגע ניט אָפּגעשטעלט דער וויקועך: ווער איז דער דיכטער פונעם יאָרהונדערט — סעוועריאַנין, אָדער בלאָק. אויך בא אונדז אין דער ייִדישער דיכטונג זײַנען געווען פּאַראַדאָקסאַלע עפּיזאָדן פון דעם מין. דערמאָנט זיך, כאָטשבי די צײַט, ווען ראַפּישע קריטיקער פלעגן אַרויסשטעלן פאַר מאַרקישן, קוויטקאָן, פינינבערגן, האָפּשטיינען דעם מוסטער פון כאַיִם גילדינען...

אַגעוו, וועגן האָפּשטיינען. מע הערט שוין ריידן וועגן „צוויי האָפּשטיינס", פּונקט ווי וועגן „צוויי האַלקינס", „צוויי פעפערס", „צוויי מאַרקישעס": ווען זיי האָבן געשריבן „טריסטיִא", „די צענטע", „סיביר", „אוראַל", „אַזקאָרע", זײַנען זיי געווען „גרויס", ווען זיי האָבן זיך א ווענד געטאָן צו „גאָלד", „קאָנטאַקט", „פּלאַקאַטן אַף בראָנזע", „ווענט", זײַנען זיי געוואָרן „קליין". אַזאַ קוק אַף דער שאַפונג פון די דיכטער איז פאַלש, ווײַל עס ווערן קעגנגעשטעלט די באַגריפן „גוטע לידער" און „הײַנטצײַטיקע לידער".

אין דער ייִדישער דיכטונג איז געווען איין האָפּשטיין — א שפּראַכלעכער, סטיליסטישער, מוזיקאַלישער, מעטאַפאָריש־דענקענדיקער פּענאָמען, דער זעלטנסטער סאָלאָוויי אין סאָד, און אפילע ווען האָפּשטיין האָט געשריבן א זאַכלעך צעטעלע צו עמעצן, איז עס געווען אויסגעוועבט פון זײַן אָריגינעלן נערוון־אומרו און האָט זיך „געזונגען" אַף זײַן „מעלאָדיע". אַזאַ דיכטער, ווי האָפּשטיין, האָט ניט געקאָנט און ניט געדאַרפט „צופּאַסן זיך" צו דער צײַט. ער איז געווען אַליין אַן אַנטפּלעקונג פון דער צײַט. מיט איר איז ער געקומען, מיט איר איז ער אַוועק. פאַר מיר פּערזענלעך איז יעדע שורע האָפּשטיינס פון גרויסער וויכטיקײַט, און גוט טוט די רוסישע סאָוועטישע ליטעראַטור־וויסנשאַפט, ווען זי זאַמלט אויף און פאַרעפנטלעכט אין די פולע אַקאַדעמישע אויסגאַבעס און אין די בענדער פון „ליטעראַטורנאַיאַ נאַסלעדסטוואָ" יעדעס אָנגעשריבן וואָרט פון פּושקינען, לערמאָנטאָוון, טיוטטשעוון, בלאָקן, מאַיאַקאָווסקין, יעסענינען.

די גרויסע סאָוועטישע ייִדישע דיכטער האָבן געלעבט מיט דער צײַט, ניט צוגעפּאַסט זיך צו איר. דעריבער האָט געלעבט און איז געווען גרויס זייער דיכטונג. נאַטירלעך, אין זיי איז געפלאָסן דאָס בלוט פון די אָוועס — אָנהייבנדיק פונעם שעפער פון „שיר־השירים" און ביז דעם שעפער פון „איך קום ווי א שטאָלצער קאָמעט, ווי די זון, ווען עס הייבט אָן צו טאָגן". די אָוועס — אומבאַדינגט! אָן די אָוועס זײַנען טרוקן די וואָרצלען! אָבער גערעכט איז געווען איינער א פראַנצויזישער היסטאָריקער — מאַרק בלאָק (די נאַציסטן האָבן אים דערשאָסן), ווען ער האָט באַמערקט, אַז „מענטשן זײַנען מער ענלעך צו זייערע צײַטן, ווי צו זייערע אָוועס". אויב דו ווילסט, כאָטשעווער שריפטשטעלער, איבערלאָזן עפּעס ווערטפולס פאַר דער קומענדיקער צײַט, — הער זיך גוט צו צו דער איצטיקער. מע קאָן דערווידערן: די צײַט איז ניט שטענדיק גערעכט. די אינקוויזיציע האָט, ווי באַוווּסט, געפאָדערט פון גרעקאָן, ער זאָל מאָלן זײַנע מלאָכים מיט קלענערע פליגל, ווי געוויינלעך. ווען גרעקאָ זאָל געווען עס פאָלגן, וואָלט ער געבליבן שטעקן אין דער דאָגמע... דאָס איז ריכטיק. אָבער די אינקוויזיציע איז ניט געווען די צײַט, נאָר א פאַרגוואַלדיקונג פון דער צײַט, פּונקט ווי די הײַנטיקע צײַט איז ניט דער אימפּעריאַליזם, איז ניט דער אַנטיסאָוועטיזם, איז ניט דער ציִעניזם.

די ייִדישע ליטעראַטור וויל לעבן. זי וויל ניט זײַן קיין ליטעראַטור פונעם נעכטן. די בעסערע שעפערישע קויכעס פון דער ייִדישער ליטעראַטור גייען מיט דער הײַנטיקער צײַט, מיט דער הײַנטצײַטיקײַט.

• • •

מאַרק ראַזומני

„ריגע וועט זײַן די שטאָט פֿון מײַן בענקשאַפֿט!"

...ווען די עלעקטריטשקע איז אָפּגעפֿאָרן פֿון דער פֿאָרשטאָט־סטאַנציע טאָרניאַקאַלנס און זיך דערנענטערט צו דער בריק איבער דער דאַוגאַווע, איז פֿאַרן וואַגאָן־פֿענצטער מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן דער אַזוי באַקאַנטער און שטענדיק נײַער סילועט פֿון ריגע. פֿאַרן בליק האָט זיך אַנטפּלעקט אַ קישעפֿדיק בילד: עפּאָכעס און קולטורן האָבן זיך דאָ אויסגעמישט אין אַ בונטן געווימל. אָט הייבן זיך קעגן הימל מאָדערנע פֿילשטאָקיקע, גראָדליניקע געבײַדעס, וואָס בלישטשען אויף דער זון מיט געשליפֿענעם גלאָז, און בײַ זייער זײַט טוליען זיך אַלטפֿרענקישע הײַזער, שאַרפֿקאַנטיקע, מיט רויטע דעכער, איבער וועלכע עס דרייען זיך אין אַלע זײַטן קונציק־געשניצטע פֿליוגערס; דאָ שפּאַלטן די הייכן מיט שטאָלצן אַרויסרוף מעכטיקע הייבקראַנען, און דערבײַ שטייען, ווי אויסגעמאָלטע אויפֿן פֿאָן פֿונעם האָריזאָנט, מיטלאַלטערלעכע קלויסטער־טורעמס מיט שפּילעוודיקע הענדעלעך אויף זייערע שפּיצן...

מײַן שאָכן אויף דער וואַגאָן־באַנק — אַ ייִד אין די מיטעלע יאָרן — קאָן ניט אָפּרײַסן די אויגן פֿון אָט דער וווּנדערלעכער, אויסטערלישער פּאַנאָראַמע. ער וואַרפֿט די בליקן פֿון איין געבײַדע אויף דער צווייטער, און האַלט אין איין פֿרעגן:

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ בנין? און ווי רופֿט מען אָט יענעם טורעם? פֿון וועלכע צײַטן שטאַמט דער דאָזיקער קלויסטער?

איך גיב אים די נייטיקע אויפֿקלערונגען און פֿרעג:

— מיסטאָמע אַ גאַסט אין ריגע?

— יאָ, — ענטפֿערט ער, — צום ערשטן מאָל אין אײַער שיינער שטאָט, און כ'מוז זאָגן, אַז איך בין ניספּאָעל פֿון דעם אַלעמען, וואָס איך זע דאָ.

אָט אַזוי שמועסנדיק און טיילנדיק זיך מיט אײַנדרוקן, זײַנען מיר אָנגעקומען אויפֿן ריגער וואָקזאַל. ווען מיר זײַנען צוזאַמען אַרויס פֿון וואַגאָן און זיך שוין געזעגנט, האָט דער ייִד זיך געווענדט צו מיר מיט נאָך אַ פֿראַגע:

— זאָגט מיר, וואָס אייגנטלעך באַטײַטן די הענדעלעך, וואָס בלישטשען און בלענדן אויף די שפּיצן פֿון אײַערע ריגער טורעמס? איך האָב שוין ניט איין מאָל געהערט, ווי מע זאָגט: ריגע איז „די שטאָט פֿונעם גאָלדענעם הענדעלע".

איך האָב אים דערציילט, אַז די דאָזיקע הענדעלעך זײַנען אין מיטלאַלטער אויפֿגעשטעלט געוואָרן אויף די קלויסטער־טורעמס, ווי אַ רעליגיעזער סימבאָל. לויט דער מיטאָלאָגיע האָט קריסטוס, פֿאָרויסזעענדיק זײַן טויט, געזאָגט בײַ דער אָפּזיגערופֿענער „געהיימער סודע" צו זײַן אַפּאָסטאָל: „נאָך איידער דער האָן וועט באַווײַזן קרייען צום דריטן מאָל, וועסטו מיך שוין פֿאַראַטן!" און ווי אַן אָנדענק פֿון אָט די ווערטער, וועלכע האָבן זיך לויט דער לעגענדע טאַקע פֿאַרווירקלעכט, האָבן די לוטעראַנער אַוועקגעשטעלט אויף זייערע קלויסטערס אַ האָן...

מײַן אומבאַקאַנטער האָט אויסגעהערט די דערקלערונג, אַ ווײַלע זיך פֿאַרטראַכט און נאָכדעם זיך אָנגערופֿן:

— ווייסט איר, וואָס איכ'ל אײַך זאָגן? לאָמיר אָפּלייגן אָן אַ זײַט די מיטאָלאָגיע און זיך ווענדן צום רעאַלן לעבן. איך האָב דאָך שוין געהאַט די געלעגנהײַט צו באַמערקן, אַז בײַ אײַך אין ריגע איז געשיכטע פֿאַרבונדן מיט היַנטצײַטיקײַט, איז לאָמיר טאַקע דאָס אייגענע פּרוּוון טאָן מיט די הענדעלעך אויף די טורעמס — דערלאָזן אַ האַשאָרע, אַז זיי זײַנען אַ סימבאָל ניט פֿון רעליגיע, ווי מ'האָט דאָס פֿאַרצײַטן באַטראַכט און פֿאַרטראַכט, נאָר פֿונעם קאָכיקן און ברויזיקן לעבן! אָט די הענדעלעך באַווײַזן, אַז די ריגער פֿלעגן, זעט אויס, שטענדיק אויפֿכאַפּן זיך פֿון שלאָף און זיי שטייען אויך איצט אויף, ווי מע זאָגט, „מיט די הענער צוגלײַך", קעדיי אומדערמידלעך צו מיִען זיך. אָט אַזאַ איז מײַן מיינונג — די מיינונג פֿון אַ גאַסט און, ווי איר ווייסט, קומט אַ גאַסט אויף אַ ווײַל, און זעט אויף אַ מײַל...

— אויסגעצייכנט! — האָב איך זיך אָנגערופֿן. — אַזאַ אויסטײַטשונג פֿון די ריגער הענדעלעך קומט מיר אויס הערן צום ערשטן מאָל.

דאָס איז דאָך גאָר א שרײַבערישער אײַנפאַל! זאָגט דעם עמעס, זײַט איר ניט אמאָל א ליטעראַט?

— צום באַדויערן, ניט, — האָט ער געענטפערט מיט א שמייכל. — כ'בין א פּאַשעטער אינזשעניער... און געקומען אהער בין איך פון קיִעוו, קעדיי דאָ צו פאַרברענגען מײַן אורלויב. איר ווילט וויסן, פאַרוואָס? פּאַשעט, ווײַל איך האָב זיך אָנגעהערט וועגן ריגער כידושים, און כ'מוז זאָגן, אז איך האָב זיך ניט אַנטוישט. און אזוי ווי איך בין א מענטש א נײַגעריקער, ווילט זיך מיר וויסן וואָס מער וועגן דער שטאָט, וועגן אירע מענטשן און טאַקע וועגן אירע ייִדן, ווי זיי האָבן אמאָל געלעבט און ווי זיי לעבן איצט און אַרבעטן. און וויבאַלד דער צופאַל האָט מיך צונויפגעפירט מיט א מענטשן, וואָס ווייסט, ווי איך זע, א סאַך צו זאָגן וועגן דעם, וואָלט איך אײַך בעטן מיך באַקענען מיט דעם אַלעמען, וואָס עס קאָן אינטערעסירן אזא איינעם, ווי איך. נו, אז איר וועט אויספּילן מײַן באַקאָשע גערן, בין איך קימאַט זיכער, ווײַל איך זע דאָך, ווי פאַרליבט איר זײַט אין אײַער שטאָט...

איך בין, נאַטירלעך, מיט גרויס כיישעק אײַנגעגאַנגען אָף דעם, ווײַל איך נוץ אויס יעדע געלעגנהײַט צו ריידן און דערציילן וועגן מײַן ריגע. מיר זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין דערבײַיִקן פּאַרק, זיך צוגעזעצט אָף א באַנק, און איך האָב דעם גאַסט גענומען דערציילן א קאַפּיטל ריגער געשיכטע.

— ווי איר האָט שאַרפזיניק באַמערקט, — האָב איך אָנגעהויבן, — קאָן מען די הענדעלעך אָף די טורעמס אויסטײַטשן אלס א סימבאָל פון פרײַען אופשטײַן, פון בויען און שאַפן. איר האָט רעכט, און ניט בלויז אין שײַכעס מיטן הײַנטיקן טאָג. פון שטענדיק אָן איז די ריגער טוישווים אויסגעקומען שווער צו האַרעווען, „פרי אופצושטיין", ווײַל גאָר א סאַך פּײַן און ליידן האָט ריגע געהאַט דורכצומאַכן אין לויף פון איר קימאַט אכטהונדערטיאָריקער געשיכטע. — עס האָבן זי ניט איין מאָל כאָרעוו געמאַכט קאָלערלײַ באַצווינגער און פאַרכאַפּער, עטלעכע מאָל איז די שטאָט אינגאַנצן אָפּגעברענט געוואָרן. אָבער אַלעמאָל האָבן די פּאַשעטע פאָלקס־מענטשן זי אופגעהויבן פון די כורועס, און אונטער זייערע פלײַסיקע הענט האָט די שטאָט שטענדיק אופגעלעבט און אופגעלויכטן אין נײַעם פראַכט און גלאַנץ. נאָר גראַד די בויער, די עמעסע באַלעבאַטים פון דער שטאָט, וועמעס מי עס האָט אין מעשעך פון אלע יאָרהונדערטער אזוי פאַרשענערט און באַרײַכערט דעם דאָזיקן פּערל פונעם באַלטישן יאַם, זײַנען געווען אונטערדריקט און פאַריאָכט — פריִער דורך די טעווטאָנישע קרייצריטער, נאָכדעם מיצאַד די דײַטשישע האַנזאַסאָכרים, שפּעטער דורך די פּוילישע און שוועדישע מאַכטהאָבערס, צולעצט — דורך די רוסישע צאַרן. פרײַ אָפּגעאָטעמט האָט דאָס פאָלק ערשט אין יאָר 1919, ווען ריגע איז געוואָרן א סאָוועטישע. ליידער אָבער גאָר אָף א קורצער צײַט, ווײַל שוין אין פינף כאָדאָשים אַרום איז די יונגע סאָוועטישע רעפּובליק געפאַלן. די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס האָבן א וואָרף געטאָן אָפן סאָוועטישן לעטלאַנד דײַטשישע און ווײַסגוואַרדײיִשע מאַכנעס און אופגעשטעלט די לעטישע בורזשואַזע רעפּובליק, וועלכע זיי האָבן אין 1918 געגרינדעט ווי א בופער־מעדינעלע קעגן סאָוועטן־רוסלאַנד. אין דער דאָזיקער, קלוימערשט אומאָפּהענגיקער דעמאָקראַטישער, רעפּובליק איז דאָס פאָלק ווידער גרויזאַם אונטערדריקט געוואָרן. בלויז מיט דעם כילעק, וואָס איצט זײַנען זײַנע אונטערדריקער געווען ניט קיין אַראָפּגעקומענע פון דער פרעמד באַצווינגער, נאָר די אייגענע לעטישע קאַפּיטאַליסטן און „גראָע באַראָנען"[1]. און אזוי האָט דאָס פאָלק זיך געמאַטערט אין שווערן יאָך איבער צוויי צענדליק יאָר, ביז אין 1940 איז ווידער אופגעשטעלט געוואָרן די סאָוועטנמאַכט. אָבער נאָך א יאָר פרײַהײַט און וווילשטאַנד איז אויסגעבראָכן דער קריג, ריגע איז אָקופּירט געוואָרן דורך די פאַשיסטן. ס'זײַנען אָנגעקומען גרויזאַמע יאָרן פון פאַרניכטונג און פאַרטיליקונג, און ערשט אין יאָר 1944, ווען ריגע איז דורך דער סאָוועטישער אַרמיי באַפרײַט געוואָרן, איז פאַר אונדזער פּילגעליטענער שטאָט און פאַר אירע פּיל־געפּרוּווטע מענטשן געקומען א פעריאָד פון עמעסן אופבלי. נו, איר האָט דאָך שוין באַוויזן צו זען און זיך צו איבערצײַגן אין דעם ברייטן פאַרנעם פון דער מאַטעריעלער קולטור פון דעם לעטישן פאָלק, — דאָס אַלץ איז דערגרייכט געוואָרן אין דער סאָוועטישער צײַט. און וואָס שײַעך דער גײַסטיקער קולטור, דער ליטעראַטור...

— וועגן דעם האָב איך שוין אויך מער־ווייניקער א באַגריף! — איז מײַן מיטשמועסער מיר אַרײַנגעפאַלן אין די רייד.

— ווי־אַזוי?

— אין „סאָוועטיש היימלאַנד" האָב איך געלייענט א ריי איבערזעצונגען פון דער לעטישער פּראָזע און פּאָעזיע, און זיי האָבן געמאַכט אָף מיר א שטאַרקן אײַנדרוק. ווײַדליק די זאַכן, וואָס איך האָב געלייענט, פאַרשטיי איך, אז די לעטישע ליטעראַטור איז, שוין אָפּגערעדט פון איר הויכער קינסטלערישער מאַדרייגע, דורכגעדרונגען מיט די אידייען פון הומאַניזם און פעלקער־פרײַנטשאַפט.

— יאָ, איר האָט רעכט! — האָב איך געזאָגט און צוגעגעבן: — אין דער לעטישער ליטעראַטור האָט אַלעמאָל געקלונגען די שטים פון מענטשלעכקײַט, פון גערעכטיקײַט, פון מיטגעפיל צו די דערנידעריקטע און פאַרפאַלגטע און פון צאָרן קעגן די אונטערדריקער. די דאָזיקע איידעלע טראַדיציעס פון די קלאַסיקער — רייניסן, בלאַומאַנען, אַספּאַזיען, ווײַדענבאַומען אאַ., וועלכע האָבן געלעבט און געשאַפן אין די באַ־

[1] באַלעגופים.

2—1260

דיגונגען פון פּאָליטישער און סאָציאַלער אונ־
טערדריקונג, — האָבן איבערגענומען די איצטי־
קע פּאָעטן און פּראָזאַיקער, וועלכע האָבן באַ־
קומען די ברייטסטע מעגלעכקייט פרײַ צו שאַפן
לעטוויוס דעם באַפרײַטן פֿאָלק. און זיי טוען
דאָס מיט גרויס אכרײַעס, ווירדע און מײַסטער־
שאַפט.

מײַן מיטשמועסער האָט אופמערקזאַם אויס־
געהערט דעם קורצן היסטאָרישן עקסקורס, און
ווען איך האָב פאַרענדיקט, האָט ער געזאָגט:
— איך דאַנק אײַך. נאָר וויבאַלד איר האָט
שוין גענומען אַף זיך אַזאַ מי, ווילט זיך מיר
אײַך בעטן מיך באַקענען מיט נאָך אַ קאַפּיטל,
וואָס איז מיר באַזונדערס נאָענט, — מיט דער
געשיכטע פון יידן אין ריגע.

— יאָ, וועגן דעם דראַמאַטישן קאַפּיטל קאָן
איך אײַך פּיל דערציילן. ווײַל אויב אַלע האָ־
רעפּאַשנע ריגער מענטשן זײַנען אין מעשעך
פון די יאָרהונדערטער געווען אונטערדריקט
און פאַרפאָלגט, איז די יידישע ריגער באַפעל־
קערונג נאָך גרויזאַמער באַהאַנדלט געוואָרן און
האָט אין אַלע צײַטן געהאַט אויסצושטיין אַן אַ
שיר רעדיפעס. אַפילע די אין מיטלאַלטער אַזוי
פאַרשפּרייטע באַשולדיקונג אין טרײַבן קישעף,
וואָס האָט אַזויפיל מענטשן געקאָסט זייערע
לעבנס, האָט די ריגער יידן אויך ניט אויסגע־
מיטן, און צווישן די „מאַכשייפעס”, וואָס זײַנען
פאַרברענט געוואָרן אַפן ראַטהויז־פּלאַץ, איז
איינמאָל געווען אויך אַ יידיש מיידל, און אין
קאָנטראַסט צו אַלע אַקטן וועגן פאַרברענטע
„מאַכשייפעס”, וואָס זײַנען אויסגעהאַלטן אין
„זאַכלעכן” פּראָטאָקאָל־טאָן, איז דער אַקט וועגן
„איינע פּערפליקסטע יעדשע העקסענמאַיד”
(פאַרשאָלטענע יידישע מאַכשייפע־מויד) פּול
מיט גיפט, וואָס עס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש
פאַר דער באַציִונג פון דעם ריגער מאַגיסטראַט
צו יידן.

אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען מ'האָט
שוין קיין מענטשן אַף שײַטערס ניט געברענט,
האָבן די יידן אין ריגע געהאַט אויסצושטיין
געברענטע ליידן. אופהאַלטן זיך אין שטאָט
האָבן זיי געמעגט בלויז באַטאָג. קאַלערליי
גאַסן־יונגען האָבן זיי געהעצט, זיך געיאָגט נאָך
זיי מיט הינט, געשניטן בערד...

— האָבן די עסעסאָווצעס, הייסט עס, שוין
געהאַט פאַרגייער? — איז מײַן מיטשמועסער
מיר אַרײַנגעפאַלן אין די רייד.

— יאָ, די געשיכטע כאַזערט זיך איבער... אין
אָט, אַלע פאַרנאַכט נאָך דעם שווערן טאָג זײַ־
נען די יידן געצווונגען געווען צו פאַרלאָזן די
שטאָט, און ווי איז געווען צו יענעם יידן, וועמ־
מען דער נאַכט־פּאַטרול האָט אין איינעם פון
די שמאָלע געסלעך געכאַפּט אין אַ פאַרבאָטע־
נער שאָ! דער גרעסטער טייל פון די אַרויסגע־
טריבענע פלעגט געפינען אַ נאַכטלעגער באַ די
אָרעמע לעטישע פּויערים, וועלכע האָבן גע־
וווינט פון יענער זײַט שטאָט־טויער. אָט אַזוי
האָט זיך נאָך אין דער ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט
אײַנגעשטעלט אַ פרײַנטלעכע פאַרבינדונג
צווישן די לעטישע פֿאָלקסמענטשן און די
יידן, — יענע פרײַנטשאַפט, וועלכע איז מיט
יאָרן שפּעטער, אין די שטורמישע רעוואָלוציע־
יאָרן 1905 — 1906, זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן אין
געמיינזאַמען ברידערלעכן קאַמף קעגן דער צאַ־
רישער אונטערדריקונג.

נאָכן יאָר 1710, ווען ריגע איז אַריבער פון
שוועדן צו רוסלאַנד, איז די יידן געוואָרן נאָך
שווערער. אויב פריִער האָבן זיי כאָטש באַטאָג
געמעגט זיך אופהאַלטן אין ריגע און נאָר אַף
באַנאַכט פאַרלאָזן די שטאָט, איז זיי איצט בײַ־
כלאַל פאַרווערט געוואָרן צו באַטרעטן די רײַ־
גער גאַסן. ס'איז באַוווּסט דער ענטפער פון דער
אימפּעראַטאָרשע יעליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַ אַפן
פאָרשלאָג פון אירן אַ מיניסטער, מע זאָל לאָזן
די יידן האַנדלען אין ריגע, ווײַל דאָס וועט
ברענגען נוצן דער מעלוכע־קאַסע. אַף דער
אייצע האָט זי שטרענג געענטפערט, אַז פון
„קריסטוסעס סאָנים” וויל זי ניט האָבן קיין
שום נוצן.

אין יענע צײַטן איז אויך אײַנגעפירט געוואָרן
די „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ”, די פּלאָג, פון וועל־
כער יידן האָבן געהאַט צו לײַדן אין מעשעך
פון דער גאַנצער צאַרישער הערשאַפט. פּאָליציי
האָט זיך געיאָגט נאָך יידן, געמאַכט באַנאַכטיקע
איבערפאַלן אין די שטיבער. און דאָ מוז דער־
מאָנט ווערן, אַז אויך אין יענע צײַטן האָבן די
לעטישע פֿאָלקסמענטשן, און דעריקער די אופ־
קומענדיקע אַרבעטערשאַפט, זיך באַצויגן מיט
סימפּאַטיע צו די פאַרפאָלגטע יידן און ניט
זעלטן זיי געהאָלפן זיך אויסבאַהאַלטן פון דער
צעיושעטער פּאָליציי און פון די צעווילדעוועטע
פרײַוויליקע יעגערס.

אַ קליין אינדזעלע אין דעם יאַם פון יידישע
ליידן איז געווען דער קוראָרט־יישעוו דובעלן,
דער איצטיקער דובולטי, און אויך דאָס שטעט־
טעלע שלאָק. אין די ביידע ערטער האָבן יידן,
מאַכמעס עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכן אדמי־
ניסטראַטיוון קאַפּריז, געמעגט זיך אופהאַלטן.
זײַנען טאַקע דאָרט אופגעקומען יידישע יישו־
וים. אָבער ווו צו פאַרדינען אַף דער אויסקו־
מעניש איז ניט געווען. האָט מען געמוזט פאָרן
קיין ריגע, און נאָך דעם פּול מיט שרעק אויס־
מאַטערנדיקן טאָג — צוריק פאָרן קיין דובעלן.
אָבער עס רעדט זיך אַזוי „פאָרן”. די קנאַפּע
צוואַנציקוויאָרסטיקע נעסיִע פון ריגע ביז דו־
בעלן איז געווען אַ טאָפּלטער ליידנסוועג: ס'איז
אויסגעקומען לאַנגע שאָען זיך טרייסלען אַף
פּויערשע פורלעך, און דעריקער ניט ווייניק צו
טרייסלען זיך אין אַנגסטן, ווײַל, דורכפאָרנדיק
די באַראָנישע מאַיאָנטקעס בילדערלינגסהאָף,
עדינבורג, מאַיאָרענהאָף (די איצטיקע בולדורי,
דזינטאַרי, מאַיאָרי), די ערטער, וואָס זײַנען גע־
ווען פאַרווערט פאַר יידן, האָט מען יעדע מי־
נוט געקאָנט אַרײַנפאַלן אין די הענט פון דער
פּאָליציי, און וואָס נאָך ערגער — פון די לויערנ־
דיקע כאַפּערס. און איז אַ ייד אַרײַנגעפאַלן צו
זיי אין די לאַפּעס, האָט ער שוין געמוזט אָפּ־
געבן דעם פידיען פונעם גאַנצן טאָג, און דאָס

האָט אויך ניט געהאָלפן: מ'האָט אים אַרײַנגע־
זעצט אין „סעזשע" (טפיסע פאַר „טרייפע"
ייִדן), און נאָכן אָפּזיצן די געהעריקע שטראָף־
צײַט, האָט מען אים אָפּגעשיקט „פּאָ עטאַפּו"
צוריק אין זײַן אָרעמען ליטווישן אָדער ווײַס־
רוסישן שטעטעלע, פונוואַנען די ביטערע נויט
האָט אים געהאַט פאַרטריבן אין דער רײַכער,
ברויטגעבערישער, אָבער פאַר ייִדן אַזוי שטיפ־
מאַמישער ריגע.



א הויז אין ריגער אַלטשטאָט

אָט די אַלע סאַקאָנעס און שרעקן האָבן אָבער
ניט אָפּגעהאַלטן די שטעטלשע ייִדן צו שטראָ־
מען קיין ריגע. באַזונדערס פיל ייִדן זײַנען
אַהער אָנגעקומען פון ווײַסרוסלאַנד, פון די
שטעטעלעך אף די ברעגן פון דער דווינע, פונ־
וואַנען זיי האָבן געטריבן פליטן פאַר די ריגער
האָלץ־פאַבריקן. די דאָזיקע „פּליטניקעס", קו־
מענדיק כאָטש איין מאָל קיין ריגע, האָבן שוין
ניט געהאַט מער קיין כיישעק זיך אומקערן
צוריק אין זייערע אָרעמע שטעטעלעך. ניט גע־
קוקט אף אַלע רעדיפעס, זײַנען זיי שוין פאַר־
בליבן אין דעם „מאָקעם", וואָס האָט זיי צו
געצויגן מיט זײַן פּראַכט. מיטן צופלוס פון די
אַזויגערופענע „רײַסישע" ייִדן האָט דער ריגער
ייִדישער יישעוו, וועלכער איז ביז דעם באַ־
שטאַנען פון רײַכע סאָכרים און פאַבריקאַנטן,
וועמען די אָנגעהעריקײַט צו דער „גילדיע"
האָט געגעבן ווינרעכט, פון באַלמעלאָכעס מיט
„פּראַוואָזשיטעלסטוואָ", און אויך פון ניקאָ־
לײַעווסקע סאָלדאַטן, — קעסיידער זיך געהאַלטן
אין איין פאַרגרעסערן. סאַפּקאָלסאָף האָבן אַפּי־
לע די האַרבע צאַרישע געזעצן אָנגעהויבן
טרעשטשען אונטער דעם ענערגישן דראַנג פון
די „טרייפע" ייִדן, און דער מיניסטער איגנאַ־
טיעוו האָט מיט אַ שווער האַרץ אַרויסגעגעבן
אַ צירקוליאַר, לויט וועלכן די ייִדן, וואָס זײַנען
געקומען קיין ריגע ביזן יאָר 1880, מעגן שוין
דאָ פאַרבלײַבן.

אפן סמאַך פון דעם דאָזיקן צירקוליאַר האָבן
די לעגאַליזירטע ייִדן, די אַזויגערופענע „אכציר־
קער", באַלד גענומען געדיכט זיך באַזעצן אין
די גאַסן און געסלעך פון דעם „מאָסקאַטש" —
פון דער מאָסקווער פאָרשטאָט, דאָרט, ווו
ס'האָבן שפּעטער אָפּגעשפּילט זיך די שטור־
מישע רעוואָליוציאָנערע געשעענישן פון 1905.
דאָ האָבן דעריקער געוווינט די ליטווישע ייִדן,
די קליינהענדלער און באַלמעלאָכעס. די רײַסי־
שע ייִדן, די „הילצערנע", וועלכע זײַנען אויס־
געוואַקסן און אַ גאַנץ לעבן פאַרבראַכט אין די
ווײַסרוסישע שטעטלעך אפן ברעג טײַך, זײַנען
אויך דאָ געבליבן געטרײַ זייער וואַסער־טראַ־
דיציע און האָבן זיך באַזעצט אף די אינדזלעלעך
פון דער דאַוגאַווע, ווו זיי האָבן ווײַטער זיך
פאַרנומען מיט זייער פאַך און געטריבן פליטן
איבערן טײַך. אף איינעם פון אָט די אינדזלעלעך,
דעם זווירנהאָלם, האָט פּאַקטיש זיך אויסגע־
בילדעט אַ מין „ייִדישע אויטאָנאָמיע". דאָרט,
אף אָט דעם קליינינקן אינדזעלע, איז אופגע־
קומען אַ העלדישער, מוטיקער דאָר ייִדן,
מענטשן, וועלכע האָבן געהאַלטן אין שרעק די
שוואַרצמייעניקעס, גענומען אָן אָנטייל אינעם
קאַמף קעגן צאַריזם, און שפּעטער — אויך קעגן
די פאַשיסטישע אָקופּאַנטן.

פאַרשטייט זיך, אַז די צאַרישע פּאָליציי האָט
געקוקט קרום אף די אָרעמע ייִדן פון דער מאָ־
סקווער פאָרשטאָט, און וועמען זי האָט גערופן
אייביקע „בונטאָווסטשיקעס", אָבער דערפאַר
האָט זי מיט לײַטזעליקײַט זיך באַצויגן צו די
„קאָשערע" ייִדן, די אַזויגערופענע „שלאָקער
בירגער", צו דער בורזשואַזיע און צו די „גיל־
דייצעס", וועלכע האָבן דאָ געהאַט געשעפטן און
קאָנטאָרן, געגרינדעט פירמעס, און צוגלײַך מיט
דער אײַנגעפונדעוועטער דײַטשישער און אופּ־
געקומענער לעטישער בורזשואַזיע געוועלטיקט
אין דער אָרטיקער אינדוסטריע און אינעם
גרויסהאַנדל. די ייִדישע בורזשואַזיע, וועלכע האָט
„געשפּראָכן" דײַטשמעריש, האָט זיך אויך באַ־
צויגן מיט ביטל צו די אײַנגעוואַנדערטע ייִדן
און צו זייער לאָשן. אָבער דאַפקע די פאָלקס־
מענטשן האָבן אַנטוויקלט אין ריגע אַ פאַר־
צווײַגטע ייִדישע קולטור־טעטיקײַט, געגרינדעט
ליטעראַריש־קינסטלערישע קלובן און פאַריינען,
אַרויסגעלאָזט צײַטונגען. אין איינעם פון אָט די
קלובן האָט דער סטודענט פונעם ריגער פּאָלי־
טעכניקום וואָוסי, דער שפּעטערדיקער באַרימ־
טער שלוימע מיכאָעלס, געשטעלט זײַנע ער־
שטע סצעניש טריט. אין ריגע האָבן אויך
געלעבט ה.־ד. נאָמבערג, וועלכער איז געווען
רעדאַקטאָר פון דער „נאַציאָנאַל־צײַטונג", באַל־
מאַכשאָוועס — דער רעדאַקטאָר פון דער „ייִדי־
שער שטימע". אין ריגע זײַנען אָפּט פאָרגע־
קומען אַרויסטרעטונגען פון י.־ל. פּערעץ, שאָ־
לעם־אַליכעם, ש. אַנ־סקי און אַנדערע אָנגעפאַ־
רענע אָרטיקע שרײַבער און געזעלשאַפט־
לעכע טוער.

אָט אַזוי האָט אויסגעזען דאָס ייִדישע לעבן
אין ריגע ביזן יאָר 1920. וואָס שײַך דעם לעבן
און קאַמף פון די ריגער ייִדישע פּאָלקסמענטשן
אין דער לעטישער בורזשואַזער רעפּובליק, קאָן
איך אײַך רעקאָמענדירן דורכלייענען אין „סאָ־
וועטיש היימלאַנד" די זיכרוינעס פון פּראָפ.

שאַך־אַנין, ווי ס'ווערט אַלזײַטיק געשילדערט יענער פּעריִאָד.

— איך האָב געלייענט די דאָזיקע אינטערעסאַנטע זיכרוינעס, — האָט מײַן מיטשמועסער געזאָגט, — איך בין דאָך אַ שטענדיקער לייענער פון אונדזער זשורנאַל. אָבער נאָך דעם, וואָס כ'האָב אָקאָרשט פון אײַך זיך דערוווּסט, וועט מיר זײַן באַזונדערס אינטערעסאַנט נאָכאַמאָל זיי איבערצולייענען. און ס'ווילט זיך מיר טאַקע אויסנוצן מײַן ווײַלן אין ריגע און פּערזענלעך זיך באַקענען מיט דעם כאָשעוון פּראָפעסאָר. איז דאָס מעגלעך, און צי קאָנט איר מיר אין דעם העלפן?

— דאָס איז מעגלעך, און איך וועל אײַך טאַקע העלפן אין דעם. אַגעוו, מאָרגן האָב איך בעדייע צופאָרן צום כאַווער שאַך־אַנין, וועלכער געפינט זיך איצט אָף אָפּרו אין שרײַבער־הויז, אין דעם זעלביקן דובולטי, וועגן וועלכן איך האָב אײַך דערציילט. אויב איר האָט כיישעק, קאָנט איר פאָרן מיט מיר. איר וועט דאָרט באַגעגענען נאָך שרײַבער.

— אָ, געוויס וועל איך מיטפאָרן. זאָגט מיר, עפשער וועל איך דאָרט באַגעגענען אויך מאַרק ראַזומני? כ'וואָלט מיט אים זיך אויך וועלן באַקענען.

— נו, — האָב איך געענטפערט מיט אַ שמייכל, — אים דאַרפט איר ווײַט ניט זוכן. ער זיצט דאָ זײַט בײַ זײַט מיט אײַך...

— עס פרייט מיך! — האָט מײַן נײַער באַקאַנטער געזאָגט, אָפּשטעקנדיק מיר אַ ברייטן שאָלעם־אַלייכעם, — איז לאָמיר זײַן באַקאַנט. איך הייס מירקעס, לייב מירקעס... נו, מײַן נאָמען וועט אײַך גאָרנישט ניט זאָגן... איך בין, ווי איר ווייסט עס שוין, אַ אינזשעניער פון קיִעוו, דערצו נאָך אַ ליבהאָבער פון דער ייִדישער ליטעראַטור און אַ פאַרערער פון ייִדישע שרײַבער, צווישן וועלכע איך האָב פיל גוטע־פרײַנט...

אָט אַזוי איז פון אונדזער צופעליקער באַגעגעניש אַרויסגעקומען אַ פרײַנטשאַפט. מיר האָבן נאָך אַ צײַט פאַרבראַכט צוזאַמען, נאָכדעם האָב איך צוגעפירט לייב מירקעסן צו זײַן האָטעל, און מיר האָבן אָפּגערעדט אַפמאָרגן צוזאַמען צופאָרן קיין דובלטי.

און אָט זיצן מיר ווידער אין דער עלעקטריטשקע, און פאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקן זיך אַנדערע פּרעכטיקע בילדער. אָנשטאָט דעם געבראָכענעם שטאָטישן סילועט, קומען אונדז אַנטקעגן האַרמאָנישע לאַנדשאַפטן — די פרידלעכע פעלדער און וועלדער פון דער ריגער אומגעגנט. איך ווענד מירקעסעס אופמערקזאַמקײַט אָף די ערטער, וועלכע מיר פאָרן פאַרבײַ, דערצייל אים וועגן זייערע פאַרשיידענע אייגנצלהײַטן. ער הערט אַלץ אויס, נאָכדעם רופט ער זיך אָן:

— אָט די ערטער זײַנען מיר שוין אַ ביסל באַקאַנט, ווײַל פאַר דער צײַט, וואָס איך פאַרברענג אין ריגע, בין איך עטלעכע מאָל געפאָרן אָפן שטראַנד. אָבער וויבאַלד ס'האָט זיך מיר שוין יאָ געמאַכט אַזאַ געלעגנהײַט אײַך צו טרעפן, ווילט זיך דערוויסן פון אײַך עפּעס מער. און טאַקע וועגן דעם הײַנטיקן טאָג. נעכטן האָב איך מיט אײַער הילף זיך באַקענט מיט דער פאַרגאַנגענהײַט פון ריגע, נאָר ווי זאָגט טאַציט: „מ'דאַרף פאַרערן די פאַרגאַנגענהײַט, אָבער גיין דאַרף מען מיט דער הײַנטצײַטיקײַט". איז וואָלט איך וועלן הערן עפּעס וועגן דעם אָנטייל פון ייִדן אין דעם הײַנטיקן לעבן פון ריגע.

— געוויס האָט איר רעכט. וועל איך טאַקע פּרוּוון אײַך באַקענען מיט דעם, וואָס איך ווייס. און איך בעט לעכאַטכילע ניט אופצונעמען ווי אַ באַרימערײַ, ווען איך וועל אײַך זאָגן, אַז ייִדן שפּילן אַן אָנגעזעענע ראָליע אין דעם אינדוסטריִעלן, וויסנשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן פון אונדזער שטאָט. אַ סאַך אופטוען פון ריגער ייִדן טראָגן ניט בלויז אַ לאָקאַלן כאַראַקטער, נאָר זײַנען שוין געוואָרן אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם פּראָגרעס פון אונדזער היימלאַנד, לעמאָשל ווי די אַרבעט פון דעם אַקאַדעמיקער סאָלאָמאָן אַראָנאָוויטש הילער, וועלכער שטייט בעראָש פון דעם אינסטיטוט פאַר אָרגאַנישן סינטעז. דער אַקאַדעמיקער הילער איז אַן אָנגעזעענער טעאָרעטיקער און פּראַקטיקער. צו זײַנע באַדײַטנדיקע אופטוען געהערן, צווישן אַנדערע, די דערפינדונג פון די קעגנראַק־פּרעפּאַראַטן „פטאָראָפאָר" און „ציקלאָפאָספאָן", ווי אויך דער אוניווערסאַלער „פוראַצילין" זאַלב. פאַר דער פּראַקטישער אָנווענדונג פון דעם קעגנטובערקוליאָז־מיטל „פּאַסק" האָט ער, צוזאַמען מיטן אינזשעניער־כימיקער גערשאָוון, באַקומען די מעלוכע־פּרעמיע.

אין דעם זעלבן אינסטיטוט פאַר אָרגאַנישן סינטעז אַרבעטן אויך ניט ווייניק אַנדערע ייִדן־וויסנשאַפטלער. איך וועל אָנרופן בלויז צוויי פון זיי, וועלכע זײַנען מיר פּערזענלעך באַקאַנט: דעם יונגן טאַלאַנטפולן קאַנדידאַט פון כימישע וויסנשאַפטן גריגאָרי ווײַנבערג, וועלכער פירט אָן מיט דער אַרבעט אָף שאַפן נײַע פאָרמען אַנטיביִאָטיקעס, און די כימיקערן ראָזענבליט, וועלכע שטייט בעראָש פון אַן אַנדער פאָרשונגס־צענטער.

דעם דאָזיקן אינסטיטוט איז אויך אונטערגעאָרדנט דער ריגער פאַרמאַקאָלאָגישער זאַוואָד, וואָס פּראָדוצירט פאַרשיידענע מעדיקאַמענטן פאַרן אָרטיקן באַנוץ און פאַרן עקספּאָרט. דירעקטאָר פונעם זאַוואָד איז עטע כוואָיניצקאַיאַ. שעף פונעם צעך פון סינטעטישע מעדיקאַמענטן און צוגלײַך אָנפירער פון דער צענטראַלער זאַוואָדישער לאַבאָראַטאָריע איז דאָ דער אינזשעניער הערמאַן ליכט. איינע פון די אָנפירנדיקע פאָרשער און דערפינדער פון נײַע פּרעפּאַראַטן איז רעגינאַ זשוק.

וואָגיק איז אויך דער אָנטייל פון ייִדן אין דער קיבערנעטיק, און דאָ וועל איך אָנרופן דעם וויסנשאַפט־טוער כאַיִם ראַבינאָוויטש, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט די פּראָבלעמען פון שאַפן אויטאָמאַטיזירטע סיסטעמען פון פאַרוואַלטונג...

נו, דעם עמעס גערעדט, איז דאָס פאר מיר א גאנץ הארבע איוורע... אָבער איר, אלס אינזשעניער, מוזט דאָך אוואדע וויסן, „מיט וואָס מ׳עסט דאָס״?

— יאָ, — האָט מירקעס געענטפערט מיט א שמייכל. — א ביסל קלײַב איך זיך פאנאנדער אין דעם... יעדנפאלס אף אזויפיל, כ׳זאָל פארשטיין די וויכטיקײַט פון דעם, מיט וואָס דער דאָזיקער מענטש פארנעמט זיך.

— און ער איז ניט דער איינציקער, יעדערער טוט פיל אוף אף זײַן געביט. און ווען מיר וועלן אריבערגיין צו דער שווערער אינדוסטריע, וועל איך אין דער ערשטער ריי אָנרופן דעם קאנדידאט פון טעכנישע וויסנשאפטן לובאצקי — דירעקטאָר פון איינעם פון אונדזערע גרעסטע זאוואָדן, דעם קאָמפרעסאָר־זאוואָד. דירעקטאָר פונעם ריזיקן כימישן קאָמבינאט איז גערשאָוויטש. מייער דײַטש איז דירעקטאָר פון א גרויסן זאוואָד פון ספעציִעלע קאָנסטרוקציעס פאר די רעפובליקאנישע נײַ־בויונגען, און בעראָש פון דעם ריגער קאָמבינאט פון הײַזערבויונג שטייט דער דירעקטאָר איציק בארגארום.

איך האָב אײַך אָנגערופן בלויז עטלעכע פון דער גרויסער צאָל ייִדן קאפיטאנען פון דער אינדוסטריע, אָבער איר מעגט וויסן, אז פיל מער ייִדן ארבעטן סײַ אף אָנפירנדיקע אינזשעניער־טעכנישע פאָסטנס און אויך אלס פאָשעטע ארבעטער אף אונדזער בארימטן זאוואָד „וועף״, אף דעם ראדיִאָ־זאוואָד, אף די פילצאָליקע אונטערנעמונגען פון דער לײַכטער אינדוסטריע.

וואָס שײַעך דעם אָנטייל פון ייִדן אינעם קולטור־לעבן פון ריגע, איז דאָ פאראן א סאך וואָס צו זאָגן. כאפט זיך ארײַן אין מעלוכע־אוניווערסיטעט, אינעם פאָליטעכנישן אינסטיטוט און אין אנדערע הויכשולן און וויסנשאפטלעך־פאָרשערישע אנשטאלטן, וועט איר באקומען א קלאָרן ענטפער אף אָט דער פראגע. מיט קאטעדרעס פירן אָן בא אונדז אין שטאָט דער עקאָנאָמיסט פראָפעסאָר אדאָלף ווײַנבערג און דער היסטאָריקער פעלדהון. פראָרעקטאָר פונעם מעדיצינישן אינסטיטוט איז פראָפעסאָר אלעקסאנדער בליוגער, א באוווּסטער פאָרשער פון אינפעקציע־קראנקײַטן. עס לייענען לעקציעס די דאָצענטן קרופניקאָוו, לעוויטאן, גאָרעלאָווא, ליבערמאן. מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פונעם זשורנאל „דער אויסגעשטערנטער הימל״ איז דער מאטעמאטיקער און אסטראָנאָם ראבינאָוויטש.

אין דער מעלוכע־קאָנסערוואטאָריע פירט אָן מיט דער קאטעדרע פון פיאנאָ דער באקאנטער פיאניסט קאָנסטאנטין בלומענטאל, מיט דער קאטעדרע פון קאָמפאָזיציע — דער קאָמפאָזיטאָר מאקס גאָלדין. בעראָש פון דער פילהארמאָניע, דאָס הייסט פון דער גאנצער פארצווײַגטער קאָנצערט־טעטיקײַט אין ריגע, שטייט פיליפ שווייניק. מיט קאָנצערטן טרעטן אוף פילצאָליקע ייִדישע וואָקאליסטן און אינסטרומענטאליסטן — ייִסראָעל פייגלסאָן, גענאדי ראָזענבערג, קאָנסטאנטין בלומענטאל, נאָעמי בעלענקאיא.

אין דער ריגער קינאָ־סטודיע איז הויפט־רעדאקטאָר דער סצענאריסט קובלאנאָוו, אָנפירער מיט דער מוזיקאלער אָפטיילונג — דער קאָמפאָזיטאָר זאָלאָטאָנאָס, און אלס רעזשיסערן ארבעטן שניידעראָוו, פראנק (אויך א סצענאריסט) און מאס. אלס סצענאריסט פאר דער טעלעוויזיע ארבעט דער דיכטער זיאמע טימענטשיק. אויך אין טעאטראלן לעבן פון אונדזער שטאָט פארנעמען ייִדן אן אָנגעזעען אָרט. קינסטלערישער לייטער פונעם פאָלקס־טעאטער פון דעם באלטישן מיליטערישן קרײַז איז דער פארדינסטפולער קונסט־טוער פון דער לעטישער רעפובליק אי. ציסער, הויפט־רעזשיסער פונעם רוסישן דראמאטישן טעאטער — פ. קאץ, הויפט־רעזשיסער פון „טיוז״ — א. שאפיראָ. דער קאָמפאָזיטאָר מענדל באש איז הויפט־דיריזשאָר פונעם טעאטער פון מוזיקאלער קאָמעדיע.

אין ריגע לעבן און ארבעטן אויך די רוסישע שרײַבער מיכאיִל זאָרין, אוטאָר פון א ריי ראָמאנען, דערציילונגען און זיכרוינעס, וועלכע ער האָט טיילווײַז געשריבן צוזאמען מיט זײַן פרוי אידא שולקינע — אויך א פראָזאיִקערן און איבערזעצערן פון ייִדיש, און די הומאָריסטן־סאטיריקער צאל מעלאמעד און נאָכעם אלטשולער, אוטאָרן פון א ריי הומאָריסטיש־סאטירישע זאמלונגען. אין דער לעטישער ליטעראטור זײַנען פארטראָטן די דיכטערן צעציליע דינערע, דער דיכטער און פראָזאיִקער אנאטאָל אימערמאן, דער פראָזאיִקער גונאר צירוליס, וועלכער איז דער סעקרעטאר פונעם רעפובליקאנישן שרײַבער־פארבאנד.

פארשטייט זיך, אז די רעשימע איז ווײַט ניט קיין פולע.

— נו, — האָט מירקעס געזאָגט, — אפילע מיט אָט דער רעשימע מעג מען אויך שטאָלצירן.

דערווײַל איז אונדזער עלעקטריטשקע שוין אריבערגעפאָרן די בריק איבערן לעלופע־טײַך און זיך אָנגעהויבן אָפשטעלן אף די דאטשעסטאנציעלעך. מירקעס האָט דורכן וואגאָן־פענצטער מיט גרויס אינטערעס באטראכט דעם אוילעם, וואָס האָט איבערפולט די וואָקזאלן.

— איך זע, אז איר זײַט איבערראשט, — האָב איך אים געזאָגט, — און ס׳איז קיין ווונדער ניט. מיר פאָרן דאָך איצט פארבײַ די ערטער, וועלכע אונדזערע זיידעס און עלטערזיידעס זײַנען פארבײַגעפאָרן אין הוילער שרעק, יעדע רעגע אײַנגעשטעלט דאָס לעבן, און איצט גיט נאָר א קוק, וויפל ייִדן, קיין אײַנהאָרע, עס שפאצירן דאָ, און אלע זײַנען זיי זיכער ניט נאָר אין דעם הײַנט, נאָר אויך אין דעם מאָרגן.

אונדזער צוג האָט זיך אָפגעשטעלט, און מיר זײַנען ארויס אפן וואָקזאל פון דובולטי, דעם אמאָליקן טכום־האמוישעוו אין לעטלאנד.

אפן דריטן שטאָק פון דעם פרעכטיקן צוועלפשטאָקיקן שרײַבער־הויז, וואָס שטייט אין צענטער פון א גרויסארטיקן פארק ניט ווײַט פונעם ברעג יאם, געפינט זיך אף אָפרו אין א קאָמפאָרטאבעלן צווייצימערדיקן אפארטאמענט

דער באַוווסטער שרײַבער און געלערנטער פּראָ־
פעסאָר מאַקס אוריעוויטש שאַך־אַנין מיט זײַן
לעבנס־באַגלייטערן פאַניע סאַמוילאָוונע.

פון פאַיע קלינג איך אָן אין טעלעפאָן און פרעג, צי שאַך־אַנין וועט אופנעמען געסט. און אָט הייבן מיר זיך שוין מיטן ליפט אַרויף צו אים און ווערן זייער פרײַנטלעך באַגעגנט. אַזוי פרײַנטלעך, אַז מירקעס, וועלכער איז אין אָנהייב געווען אַ ביסל פאַרשעמט, האָט זיך דערפילט מיטאַמאָל דרייסט און זיכער, און ער איז באַלד אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין אַ לעבהאַפטן געשפּרעך.

און די געשפּרעכן מיט מאַקס שאַך־אַנינען זײַנען אַלעמאָל אינטערעסאַנטע. האַגאַם ער איז שוין אין טיפן עלטער — דאָ ניט לאַנג איז אָפּגעמערקט געוואָרן זײַן 88־טער געבורטסטאָג, — איז ער פול מיט לעבן, ער איז אין קורס פון אַלץ, וואָס עס געשעט אין דער וועלט־פּאָליטיק, אָפן געביט פון קולטור און וויסנשאַפט.

ווען עס קומט צו רייד וועגן דעם פּראָפעסאָרס זיכרוינעס, וואָס זײַנען געווען פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד", און מירקעס דערציילט וועגן דעם אינטערעס, מיט וועלכן די זיכרוינעס זײַנען אופגענומען געוואָרן דורך די לייענער, רופט זיך אָן מאַקס אוריעוויטש:

— אַ דאַנק פאַר אײַערע גוטע ווערטער. מיך פרייט בעעמעס, וואָס איך האָב מיטן דערציילן מײַן לעבנסגעשיכטע עפּעס דערגרייכט. איך האָב אין דער אויטאָביאָגראַפיע געוואָלט געבן דאָס בילד פון אַ לעבן, וואָס איז טראָץ די פּילצאָליקע פיזישע שוועריקײַטן און ראַנגלענישן, דאָך געווען גײַסטיק אָנגעזעטיקט. אין די שווערסטע צײַטן פון מײַן לעבן האָב איך געהאַלטן פאַר אַ כיוו מיטצוהעלפן דעם אונטערוואַקסנדיקן דאָר צו באַזיניקן, אַז דער אומבייגזאַמער ווילן צו קעמפן קעגן דער מאַכט פון די עקספּלואַטאַטאָרן, קעגן דער פאַשיסטישער גוואַלד־הערשאַפט, פאַרן ווויל און גליק פונעם פאָלק, איז אַ מעכטיקער סטימול בײַצוקומען אַלע האַרבע פּרוּווונגען אינעם פּערזענלעכן לעבן, באַזײַטיקן אַלע שטערונגען אָפן וועג צום ניצאָכן פון די אידעאַלן פון קאָמוניזם.

און פאַרקלערנדיק זיך אָף אַ ווײַלע, גיט מאַקס אוריעוויטש צו:

— יאָ, פון מײַנע אויגן איז די זון פאַרשוווּנדן... און ווען די זון באַהאַלט זיך אפילע אָף לאַנג, אפילע אָף אייביק, לעשט זיך אָבער אין דעם מענטשנס גײַסט ניט אויס די שײַן. און אָט די שײַן פון מענטשלעכקײַט האַלט שטענדיק אָפּ ניצכוינעס איבער דער פינצטערניש פון אַנמענטשלעכקײַט.

אַ בוילעטע אילוסטראַציע דערצו איז איינער אַ קליינער עפּיזאָד פון מײַנע קינדער־יאָרן. דערציילן?

פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן דאָס געוואָלט הערן, און שאַך־אַנין האָט דערציילט:

— אין אונדזער שטעטל האָט געלעבט אַ בלינדער אָרעמאַן, יאָסל. אין מײַן זיקאָרן איז נאָך ביז איצט פאַרהיט זײַן בלאַס פּאָנעם מיט די אויסגעלאָשענע אויגן. פון זײַן גאַנצן וועזן האָט ווי אַרויסגעזיאַמערט אַן אומענדלעכער טרויער און פאַרבענקטקײַט נאָך ליכט. איינמאָל, ווען ער האָט אַזוי געוואַנדלט איבערן געסל מיט זײַנע שלעפּנדיקע, עלנטע טריט, האָט אַ שטיפער געוואָרפן אַ שטיין און אים געטראָפן אין רוקן. דעמלט האָט יאָסל זיך אויסגעדרייט צו דער זײַט, פונוואַנען דער שטיין איז געוואָרפן געוואָרן, האָט מיט זײַן טויטן בליק שטיל „אָנגעקוקט" דאָס יינגל, און אַזויפיל פּײַן האָט אויסגעדריקט זײַן שטום־לײַדנדיק געזיכט, אַז דער שטיפער האָט ניט אויסגעהאַלטן און זיך צעוויינט. נאָכדעם האָב איך אָפט געזען, ווי דער זעלביקער שטיפער פירט דעם בלינדן מיט גרויס זאָרגעוודיקײַט — ער איז געוואָרן זײַן וועגווײַזער... אָט אַזוי האָט דאָס אינוויינּיקסטע ליכט באַזיגט דעם כוישעך פון טעמפּער ווילדונגערישקײַט. און דער בלינדער איז געוואָרן דער וועגווײַזער פון דעם זעענדיקן.

מאַקס שאַך־אַנין האָט דערציילט נאָך פאַרשיידענע אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן: וועגן זײַנע באַגעגענישן מיט מענדעלע מויכער־ספאָרימען, פּערעצן, שאָלעם־אַלייכעמען, אַנ־סקין.

אינמיטן געשפּרעך האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. פאַניע סאַמוילאָוונע האָט גענומען דאָס טרײַבל, אופמערקזאַם אויסגעהערט און גאַסטפרײַנטלעך פאַרבעטן: ביטע, קומט אַרויף.

— עטלעכע באַקאַנטע שרײַבער... — האָט זי געזאָגט, — און גלײַך טאַקע זײַנען אַרײַנגעקומען אווראָם גאָנטאַר, יעכיעל שרײַבמאַן, הירש רעלעס — געסט פון מאָסקווע, קעשענעוו און מינסק אין דובלטער שרײַבער־הויז.

די געקומענע האָבן זיך באַגריסט מיט אונדז. שאַך־אַנין האָט יעדן איינעם דערקענט לויט דער שטים און פאַר יעדן געהאַט אַ גוט וואָרט. יעכיעל שרײַבמאַנען האָט ער באַגריסט מיט זײַן בוך „יאָרן און רעגעס", וואָס איז מיט אַ קורצער צײַט צוריק דערשינען און מיט וועלכן דער פּראָפעסאָר האָט שוין באַוויזן זיך צו באַקענען.

— און אײַך, כאַווער גאָנטאַר, — זאָגט שאַך־אַנין, — באַגריס איך ניט נאָר ווי אַ גוטן דיכטער, נאָר אויך ווי מײַן לאַנדסמאַן...

— אוודאי געפעלט מיר וואָס מיר זײַנען מיט אײַך לאַנדסלײַט, — רופט זיך אָן גאָנטאַר, — אָבער ווי־אַזוי באַקומט זיך דאָס? ס'איז פאָלג מיך אַ גאַנג פון אײַער ניירי ביז מײַן בערדיטשעוו...

— אָט וועל איך אײַך זאָגן, ווי־אַזוי עס באַקומט זיך. ווען מײַן פרוי האָט מיר געלייענט אײַערע זיכרוינעס פון די בערדיטשעווער קינדער־יאָרן, האָט פאַר מיר אופגעלעבט מײַן אייגענע קינדהײַט אין ניירי... און דאָ ליגט דאָך דער קויעך פון אַ קינסטלעריש ווערק: יעדן לייענער דאַכט זיך, אַז דאָס איז אָנגעשריבן וועגן אים... אַכוץ דעם, איז זשיטאָמיר מיט בערדיטשעוו ווי אַ שטוב מיט אַן אַלקער, און זשיטאָמיר איז די געבורט־שטאָט פון פאַניע סאַמוילאָוונע. הייסט עס, אַז מיר זײַנען מיט אײַך

לאַנדסלײַט, כאָווער גאַנטאַר, לאַנדסלײַט, צי איר ווילט, צי איר ווילט ניט...

דעם מינסקער דיכטער הירש רעלעס באַגריסט שאָך־אַנין ווי א יוירעש פון יענע „רײַסישע" ייִדן. ער איז באַקאַנט מיט די פאַרצײכענונגען, וואָס רעלעס שרײַבט וועגן די שטעטלעך פון ווײַסרוסלאַנד, פונוואַנען די „רײַסישע" ייִדן זײַנען אַמאָל געקומען מיט די פליטן קיין ריגע און זיך דאָ באַזעצט.

די געסט זעצן זיך אויס אין א קרײַז אַרום דעם באַלעבאָס, און עס גייט אוועק א שמועס וועגן ליטעראַרישע איניאָנים. יעדער אײנער דערציילט, וואָזוי עס אַרבעט זיך אים דאָ אין שרײַבער־הויז, טיילט זיך מיט זײַנע פּלענער. נאָכדעם לייענט מען פּאָר פון דעם אָנגעשריבענעם, און ס'איז נאָר צו באַוווּנדערן, ווי לעבעדיק און אומיטלבאַר דער גרײַזגרויער פּראָפעסאָר רעאַגירט אַף יעדער פאַרגעלייענטער שורע...

זיך אָפּגעזעגנט מיט שאָך־אַנינען, שפּאַצירן מיר נאָך לאַנג אַפן ברעג פון דעם שײנעם ריגער יאַם־אײַנגוס. ס'איז צוגעפאַלן דער אָוונט, שוין צײַט זיך אומקערן קיין ריגע. אין דער באַגלייטונג פון די דובולטער „טוישווים" — שרײַבער זײַנען מיר אוועק צום וואָקזאַל.

מיר פאָרן פאַרבײַ די העל־באַלויכטענע וואָקזאַלן, די פינצטערע, געהיימניספולע וועלדער, דעם בריק איבער דער דרעמלענדיקער לעלופּע, — און באַלד קומט אונדז שוין אַנטקעגן דער באַקאַנטער ריגער סילועט, וועמעס געצאַקטע, קאַפּריזפולע ליניעס וואַרפן זיך איצט אין די אויגן נאָך שאַרפער ווי באַטאָג, ווײַל די פּראָזשעקטאָר־שטראַלן, וואָס שיקן פון אונטן סנאָפּעס ליכט, רײַסן אַרויס פון דער פינצטערניש קאַנטורן פון די מיטלאַלטערלעכע שיפּועדיקע דעכער, שטרײַכן אונטער די טורעמס מיט די ענדלעך אַף זייערע שפּיצן, די שטרענגע, גראַדליניקע געפלעכטן פון די הייבקראַנען, און איבער אַט דעם גאַנצן פאַנטאַסטישן געמיש פונעם הײַנט מיטן אַמאָל הויערט א רויט סיגנאַל־פײַערל — דאָס קוקט אַראָפּ פון זײַן 130־מעטערדיקער הייך דער האָן פונעם פּעטערטורעם. ער איז וואָך מיט זײַן רויט אייגל אין דער באַנאַכטיקער שטאָט און היט אָפּ איר רו, זי זאָל מאָרגן פרי אופשטיין מיט באַנײַטע קויכעס און זיך נעמען צו דער באַטאָגיקער מי...

באַם געזעגענען זיך פאַרן אוועקגיין צו זיך אין האָטעל זאָגט מירקעס:

— הײַנט האָב איך געהאַט א שײנעם טאָג. נאָר כ'האָב נאָך ביז איצט גאָרנישט ניט געהערט וועגן נאָך אײנעם א שרײַבער, מיט וועלכן כ'האָב זיך באַגעגנט אין ריגע... און דער דאָזיקער שרײַבער זײַט איר. איך בעט אײַך — זײַט ניט באַשיידן און דערציילט עפּעס וועגן זיך און וועגן אײַער אַרבעט, קעדיי די אײַנדרוקן, וואָס כ'פיר אוועק פון ריגע, זאָלן זײַן מערוויניקער פאַרגאַנצט.

— מאַכטייסע. אויב איר ווילט, וועל איך א ביסל זיך אַראָפּריידן פון האַרצן. אָבער איר וועט קיין כאַראַקטע ניט האָבן, אויב עס וועט זײַן א קאַפּעלע לאַנג? נו, איר האָט דאָך אַליין, ווי מ'זאָגט „אַרויסגערופן דעם טײַוול..."

— די ערשטע שרײַבערישע טריט האָב איך געשטעלט אין ריגע, און מיט אַט דער שטאָט מײַנער איז פאַרבונדן אַלץ, וואָס כ'האָב אָנגעשריבן: די ביכער „הינטערגעסלעך", „מענטשן אין שטויב", „פאַנטאַסטישע רעפּאָרטאַזשן", די פּיעסע „דאָקטאָר הערמאַן מײַעראָוויץ", ווי אויך די לידער און פּאָעמעס. אָבער אַפילו יענע פּערסאָנאַזשן מײַנע, וואָס זײַנען געאָגראַפיש אָדער היסטאָריש ווײַט פון ריגע, זײַנען לויט זייער פּסיכאָלאָגיע און אַפילו לויט די אויסערלעכע שטריכן — אויך ריגער, ווײַל זייערע פּראָטאָטיפּן זײַנען ריגער, ווײַל די ריגער מענטשן, ריגער גאַסן, ריגער געשעענישן האָבן אַלעמאָל געשפּײַזט מײַנע שעפערישע ווערצלען.

— איר זײַט גאָר קיינמאָל ניט אַרויסגעפאָרן פון ריגע? — האָט מירקעס פאַרוווּנדערט געפרעגט.

— דאָס דאַפקע ניט. אין מײַן לעבן איז מיר אויסגעקומען ניט ווייניק נעסיעס צו מאַכן, און כ'האָב טאַקע אָפּטמאָל געזינדיקט מיטן פּרווון דורך געאָגראַפיע פאַרענטפערן שעפערישע פּראָבלעמען. אָבער ווי שיין עס זײַנען ניט געווען די ערטער, וועלכע איך האָב באַזוכט, און ווי רײַך עס זײַנען ניט געווען די אײַנדרוקן, וואָס זיי האָבן מיר געבראַכט און וועלכע כ'האָב געפּרווט באַשרײַבן, בין איך אָבער שעפעריש געבליבן אַף אַט דעם אָרט. און אויב ס'איז מיר אין מעשעך פון די יאָרן דאָך געלונגען עפּעס מאַמאָשעסדיקס צו שאַפן, האָבן דעם סטימול דערצו מיר געגעבן מײַנע לאַנדסלײַט און די פרײדן און ליידן, וואָס זײַנען אויסגעפאַלן אַף אונדזער בעשוטפעסדיקן גוירל.

— איז לייקנט איר גאָר די ווערט און באַדײַטונג פון נעסיעס? — האָט מירקעס זיך געכידעשט.

— כאָלילע. איך בין ווײַט פון וועלן פאַרמינערן די ווערט פון נעסיעס ביכלאַל און פון דער גרויסער באַדײַטונג, וואָס זיי האָבן פאַרן שרײַבער ביפּראַט. איך וויל נאָר באַטאָנען, אַז דער שרײַבער דאַרף אין דער ערשטער ריי זוכן אימפּולסן ניט דאַפקע אין די ווײַטע ערגעצן. זאָל ער זיך נאָר שאַרפער צוקוקן צו זײַן אייגענער סוויווע, זאָל ער מיט צוגעשפּיצטן געהער פאַרנעמען דעם שלאָג פון מענטשלעכע הערצער באַ זײַן זײַט, — און ער וועט קומען צום אויספיר, אַז ניט אַלעמאָל איז נייטיק צו אונטערנעמען ווײַטע נעסיעס.

— דאָ בין איך מאַסקים מיט אײַך, — האָט מירקעס צוגעגעבן. — איך האַלט אויך, אַז דאָס וויכטיקסטע פאַר א שרײַבער איז אַרײַנדרינגען אין דער אינווייניקסטער וועלט פון מענטשן... און אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, ווילט זיך מיר אײַך שטעלן א פראַגע: ווי איך הער פון אײַך, האָט איר דאָך שוין געאַרבעט אין פאַרשיידענע ליטעראַרישע זשאַנרען, טאָ וואָס איז די סיבע, וואָס אַף אויסדריקן דעם אינערלעכן מעהוס פון

דעם מענטשן האָט איר אויסגעקליבן דאַפקע דעם זשאַנער פון דער נאָוועלעטע?

— אַף אַזאַ פראַגע פון מײַנעם אַ לייענער האָב איך טאַקע געוואַרט. און כ׳וועל אײַך ענטפערן, אַז דאָס איז בײַ מיר ניט צופעליק. די דאָזיקע אולטראַ־קורצע פאָרם איז דאָך שוין פון די אוראַלטע צײַטן אײַנגעבירגערט אין דער ייִדישער ליטעראַטור. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען, אַשטייגער, די לאַפּידאַרע, מיט שטיפערישן כיין שעמערירנדיקע, נאָוועליסטיק פון אימאָנועל האָרומי, די אומשטערבלעכע ווערק פון די דיכטער און דענקער פון דער „גאָלדענער טקופע" אין שפּאַניע. אין אָט די ווערק ווערט אַרויסגעהויבן דאָס ווערטפולע אין דער אינוויייניקסטער וועלט פונעם מענטשן און שאַרף געטאַדלט אַלדאָס שלעכטע און אומווירדיקע אין דעם מענטשנס נאַטור און אין זײַנע מײַסים. אַכוץ דעם, איז די דאָזיקע אולטראַ־קורצע, שפּאָרעוודיקע פאָרם, לויט מײַן מיינונג, באַזונדערס צוגעפּאַסט צו אונדזער אימפּעטיקער צײַט. האָב איך מיט אָט דעם וואָפן זיך אויך אײַנגעשלאָסן אין דעם גערանגל פאַר מאָראַליש־עטישע ווערטן, און כ׳פּרוּוו, לויט מײַנע קויכעס און מעגלעכקײַטן, זאָגן מײַן וואָרט אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איך קאָן זאָגן וועגן זיך און וועגן מײַן באַשיידענעם ליטעראַרישן שאַפן.

— אַ דאַנק. איך האָב אײַך, הייסט עס, דערזען און דערקענט, — האָט מירקעס געזאָגט נאָכדעם, ווי כ׳האָב פאַרענדיקט מײַן קורצן כעזשבן־האַנעפעש. — און איצט לאָמיר זיך אומקערן צו דער אַלטעגלעכקײַט: איך האָב נאָך אינגאַנצן אַ פּאָר טעג צו זײַן אין ריגע, און איך וויל אוועקפירן פונדאַנען וואָס מער אײַנדרוקן.

ריגע. שטאָטישער אינטעריער

דער מעמאָריאַל אין סאַלאַספּילס

און אַזוי ווי איר האָט שוין אַליין גענומען אַף זיך די טירכע צו זײַן מײַן גיד, וועל איך אײַך איצט בעטן אויספילן די דאָזיקע מיסיע ביזן סאָף — מיר שענקען נאָך אַ ביסל צײַט און מיר באַווײַזן דאָס, וואָס אַן אַלטער ריגער טוישעוו קאָן באַווײַזן...

די פּאָר טעג, וואָס דער גאַסט האָט נאָך געווײלט אין ריגע, האָבן מיר פון אינדערפרי ביז באַנאַכט זאַלבעצווייט געוואַנדלט איבער די גאַסן און געסלעך, ווו די ייִדישע אָרעמשאַפט האָט אין מעשעך פון דורעס געלעבט איר אייגנאַרטיק אײַנגעפונדעוועט לעבן, וואָס איז בײַס דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע פאַרמישפּעט געוואָרן אַף אומקום אין דער געטאָ.

מיר זײַנען אַרויסגעפאָרן אין רומבולער וואַלד, און אונטער זײַנע טרויעריקעביימער האָבן מיר מיט וויי און צאַר געבויגן די קעפּ איבער די מאַסן־קוואָרים פון די דרײַסיק טויזנט פאַרשניטענע... מיר האָבן מיט גרויל און צאָרן זיך אײַנגעהערט אין דעם שלאָג פונעם מעטראָנאָם אין געוועזענעם סאַלאַספּילסער טויט־לאַגער, וועלכער האָט אָפּגעהילכט ווי אַ וואָרענענדיקער רוף...

מיר האָבן זיך געשפּיגלט אין דער מעכטיקער, פּולוואַסערדיקער דאַוגאַווע, איבער וועלכער ס׳האָט אין מעשעך פון יאָרן זיך געטראָגן דאָס לאָשן פון די „רײַסישע" ייִדן, וואָס האָבן צוזאַמען מיט די רוסישע און לעטישע „יאַקאָרשטשיקעס" ביזן זיבעטן שווייס געהאָרעוועט פאַר די געהילץ־מאַגנאַטן. מיר האָבן אײַנגעזאַפּט די לופט פון די גאַסן און פּאַרקן, ווו די רעוואָליוציאָנערע ייִדישע יונגעלײַט האָבן זײַט בײַ זײַט

מיט די לעטישע און רוסישע ארבעטער אָפּגעגעבן זייערע לעבנס אין די פאַרביטערטע שלאַכטן קעגן די צאַרישע סאַטראַפּן.

אין דעם לעצטן אָוונט האָבן מיר באַזוכט די מיטלאַלטערלעכע דאָם־קירכע, וועלכע איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א קאָנצערטזאַל, און זיַינען ביַיגעווען אַף א ווונדערלעכן קאָנצערט פון באַכס מוזיק אַפן באַרימטן ריגער אָרגל — לויט דער גרייס דער צווייטער אין אייראָפּע. סאָלאָ אין דער פּראָגראַם האָט געזונגען דער באַליבטער אין ריגע זינגער איזראַיִל פייגלסאָן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס געניוס פון דער מוזיק איז געווען א אומפאַרגליַיכלעכער, אָבער נאָך מער איז דער גאַסט ניספּאָעל געווען פון דעם עצעם פאַקט.

— זעט נאָר די קאַפּריזן פון דער געשיכטע! — האָט ער זיך ניט געקאָנט אָפּווונדערן. — א ייִדישער אַרטיסט טרעט אוף אין א מיטלאַלטערלעכער קירך מיט מוזיק, וואָס באַך האָט געשאַפן אַפן יעסאָד פון דער מיטלאַלטערלעכער קאַטוילישער טפילע „קירי עלעיסאָן”. ניט נאָר די מאָנאַכן, — טאַקע היטלערן אַליין דאַרף עס איבערדרייען אין זייערע גריבער...

— איר דאַרפט זיך ניט ווונדערן, — האָב איך זיך אָנגערופן, — בא אונדז קומט פאָר א סאַך אַזעלכעס, וואָס דאַרף אים טויזנטער מאָל איבערדרייען אין זיַין גרוב... האָט ער דען געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז עס וועט אַוועק ניט קיין סאַך ציַיט נאָך זיַין מאַפּאָלע און עס וועט בא אונדז אין לאַנד אופקומען א ניַי ייִדיש לעבן, און א ניַיער, שוין דורך דער סאָוועטנמאַכט אויסגעכאָוועטער קערנדיקער דאָר וועט איבערנעמען דאָס ווערטפולע אין דער יערושע פון די פאַרגאַנגענע דוירעס און וועט ענערגיש זיך איַינשליסן אין דעם לעבן פון אונדזער לאַנד?

— יאָ, — האָט מירקעס אונטערגעכאַפּט, — אין דעם האָב איך זיך טאַקע איבערציַיגט בייס מיַין וויַילן אין ריגע. א טיפן איַינדרוק האָט געמאַכט אַף מיר אַלץ — די רירנדיקע געשיכטע וועגן דער פאַרגאַנגענהײַט פונעם ייִדישן ייִשעוו, זיַין טראַגישן אומקום, זיַין ווידערופלעבונג, זיַין שעפערישן אופשטיַיג, און איך פאָר אַוועק פון איַיער שיינער און פּילגעפּרוווטער שטאָט א באַריַיכערטער. נאָך וואָס וועל איך איַיך זאָגן: איך וועל בענקען נאָך איַיער פּערל פונעם באַלטישן יאַם, נאָך איַיערע מענטשן, וואָס שטייען אוף „מיט די הענער צוגליַיך”, און כ'וועל זיך מוידע זיַין — אָבער לאַכט ניט פון מיר — בייס מיר זיַינען נעכטן געשטאַנען באַם ברעג פון דער דאַוגאַווע, בין איך געוואָרן אָבערגלויבעריש און סענטימענטאַל און ביגנייווע אַריַינגעוואָרפן אין וואַסער א מאַטבייע... וואָס זאָל איך טאָן, אַז איַיער שטאָט איז מיר אַריַין טיף אין האַרצן און ס'ווילט זיך מיר ווידער — און טאַקע וואָס גיכער — קומען אַהער?

אינגיכן האָב איך מיַין ניַיעם פריַינט באַגלייט אַפן וואָקזאַל, און שוין שטייענדיק אַפן וואַגאָנטרעפּל פונעם אָפּפאָרנדיקן צוג, האָט ער נאָך אויסגערופן:

— איַיער ריגע וועט פון איצט אָן זיַין די שטאָט פון מיַין בענקשאַפט! און כ'וועל אומבאַדינגט ווידער קומען אַהער!

גערוויס וועט ער קומען, איך בין אין דעם זיכער. קומען, קעדיי צו שטילן זיַין בענקשאַפט נאָך די אַלע שיינקיַיטן, וואָס ער האָט דאָ איַינגעזאַפּט. אָבער וואָס זאָלן טאָן די, וואָס זיַינען אַוועקגעפאָרן פון זייער שיינער היימשטאָט, איבערגעריסן מיט איר אַף אייביק? זיי וועלן בענקען, אָבער זייער בענקשאַפט וועלן זיי שוין קיינמאָל ניט קאָנען שטילן.

טעוויע גען

צוגאַסט בא א דיכטער

אין איינעם א הייסן אווגוסט־טאָג, נאָך א זיבן צי אכט־שאָ‏ּעיקער יאזדע אין אן איבערגעפולטן אווטאָבוס, בין איך אראָפּגעקומען פון זאפּאָראָזשיע קיין כערסאָן. כ׳בין געווען ניט ענלעך אף זיך אליין — פארשוויצט, פריטשמעליעט פון דער סארפעדיקער זון, וואָס האָט דורך די פארשטויבטע אווטאָבוס־פענצטער געשלאָגן גלײַך אין פּאָנעם ארײַן. אין אזא־אָ קנאפּ ספּאָרטיווער פאָרם האָב איך זיך ארײַנגעשטעלט אלס גאסט צום כערסאָנער טוישעוו, אונדזער באקאנטן דיכטער אווראָם קאצעוו.

מײַן אויסזען — דאָס צעשפּיליעטע טעניסקעלע, וואָס איז א פּיטש־נאסינקס געווען צוגעוואקסן צום לײַב, דאָס צעשויבערט טשוביקל האָר, וואָס האָט זיך געבאָמבלט איבערן שטערן, ווי בא א זאפּאָראָזשיער קאזאק, — האָט קיין איבעריקן צוטרוי צו מיר ניט געקאָנט ארויסרופן בא דער באיאָרטער פרוי, וואָס איז געווען אליין אין דער דירע, אפן סאמע אייבערשטן שטאָק פונעם הויז. כערסאָן איז א שטאָט מיט א גרויסן פּאָרט, עס קומען אָן אהין שיפן פון א האלבער וועלט, און מאלע־ווער, מיט וואָס פאר א צילן, עס וויל ארײַנגיין אין שטוב גראָד דאן, ווען א פרוי איז דאָרט איינע אליין. ווײַטער פון דער שוועל האָט די באיאָרטע פרוי מיך ניט געלאָזט.

— דער מאן איז ניטאָ אין דער היים, קומט שפּעטער, — האָט זי געזאָגט, און די טיר, וואָס איז געווען אָפן אף איין פּערטל, האָט זי פארמאכט אינגאנצן.

איך האָב דאן נאָך ניט געוווּסט, וואָס פאר א גאָלדענע נעשאָמע ס׳איז דאָרע דאווידאָוונע, כ׳בין זיך מוידע אומיסוואדע פאר איר און בעט טויזנט מאָל אנטשולדיקונג, האלעמײַ איך האָב דאן, אראָפּגייענדיק פונעם פינפטן שטאָק, א קלער געטאָן וועגן איר, אז זי האלט ניט פון דער מידע פון האכנאָסעס־אָרכים. וואָס איז זי געווען שולדיק, אויב איך, זייענדיק צעמאָרעט און פארטאראראמט, האָב פארגעסן צו פאָרשטעלן זיך, — זאָגן, ווער איך בין, און ס׳האָט מיר בלויז געקלעקט סייכל צו פרעגן הארב און שטרענג אף אוקראַאִניש:

— קאצעוו טוט זשיווע?

— גיי ווייס, אז איך וועל שפּעטער צוגעזאָגט ווערן צו דער דאָזיקער שטוב, אז די צוויי וואָכן, וואָס איך וועל זײַן אין כערסאָן, וועלן בא מיר זײַן דערהויפּט „קאצעוו־וואָכן“. אינדערפרי לאָז איך זיך גיין פון האָטעל גלײַך צו קאצעוון, באטאָג, נאָך א באזוך ערגעץ אין א אונטערנעמונג, גיי איך זיך טיילן מיט מײַנע אײַנדרוקן צו קאצעוון, און אין אָוונט איז מען ווידער בא קאצעוון, אין זײַן געמיטלעכער דירע, מע פארברענגט צוזאמען מיטן דיכטער אווראָם קאצעוו און מיט דער אויסערגעוויינלעך גאסטפרײַנטלעכער מישפּאָכע זײַנער — מיט דער פרוי און די דרײַ זין, וואָס צוויי פון זיי ארבעטן אפן כערסאָנער שיפבוי־זאוואָד און איינער איז א סטודענט.

דער טאטע רופט זיי, די קינדער, „מײַנע דרײַ שפּיגעלעך“:

א שטיבל, א סעדל, א טײַכל דערבײַ,
און זי האָט געפונען דאָרט שפּיגעלעך דרײַ.

(„סאָוועטיש היימלאנד“, נומ. 4, 1968).

אווראָם קאצעוו האָט ארויסגעלאָזט זײַן ערשט ביכל „קינדער־לידער“ אין 1940־טן יאָר. דעם העכשער אפן ביכל האָט געגעבן לייב קוויטקאָ. דער גרויסער יִדישער דיכטער האָט זיך געפּרייט: עס איז אין דער קינדער־ליטעראטור צוגעקומען א נײַער צוזאָגנדיקער נאָמען. ניט לאנג צוריק איז אין סימפעראָפּאָל, אין פארלאג „טאווריִא“, דערשינען קאצעווס א לידער־זאמלונג, איבערגעזעצט פון יִדיש אף אוקראַיִניש. די זאמלונג הייסט «Людна вулиця» („די באלעבטע גאס“. דער איבערזעצער איז ניקאָלײַ בראטאן).

אווראָם קאצעווס לירישער העלד איז קלאָר אויסגעשטאלטיקט, ער איז קאָנקרעט און גלײַכצײַטיק דערהויבן, ער איז ערדיש און באפליגלט, ער פארמאָגט פיל כיין. אין אינהאלטספולע סטראָפעס ווערט אנטפּלעקט די נעשאָמע זײַנע, די אינערלעכע וועלט — א שטרעבנדיקע, א ליבנדיקע, א לויכטנדיקע. די מײַלעס, וואָס אויב מע האָט זיי ניט, איז אומעגלעך צו זײַן א קינדער־דיכטער — ריכטיקע צילגעווענדטקײַט, קלאָרקײַט פון געדאנק, לויטערקײַט פון יעדן וואָרט, — האָט אווראָם קאצעוו ניט פארלוירן, ניט געמינערט זיי, נאָר, פארקערט, זיי געמערט און געקרעפטיקט אין די לידער זײַנע פאר דערוואקסענע. די זעלבע צארטקײַט, די זעלבע געמיטלעכקײַט, די זעלבע גוטסקײַט צו מענטשן, די זעלבע ליבשאפט צו דער נאטור, די פרייד פון זען זי און פילן זי.

אין זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“ (נומ. 1, 1962) האָט אווראָם קאצעוו זיך באוויזן מיט זייער א שיינער ליד „בלומען, קווייטעלעך געקליבן“ אין דער רובריק „נײַע שטימען“, און

קיין גרויסן פּעלער, דוכט מיר, האָט דאָ די רעדאַקציע ניט דערלאָזט. אַזוי ווי אַ גאַנצע רײ אַנדערע שרײַבער און דיכטער, וואָס האָבן האַרט פאַר דער מילכאָמע אָפּגעדרוקט זייערע ערשטע לידער אין אַ צײַטונג, צי אין אַ זשורנאַל, אָקאָרשט „אויסגעפּיקט" זיך מיט די ערשטע ביכלעך, וועלכע זײַנען שוין ניט דערגאַנגען צום לייענער, איז אַווראָם קאַצעוו אופגעטראָטן אין דער ניי־אופגעוואַקסטער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור פון די זעכציקער יאָרן, ווי אַ פּאָנעם כאַדאָשעס, אָבער די איבערגעלעבטע מילכאָמע־און נאָכמילכאָמע־יאָרן זײַנען פאַר אים, און פאַר אַזעלכע ווי ער „נײַע שטימען" געוועזן יאָרן פון אַרבעט, פון באַזיניקן די צײַט און דאָס אייגענע אָרט אין איר, פון פאַרפולקומען די מײַסטערשאַפט. קיינער פון די לעבן־געבליבענע, וועלכע האָבן אָנגעהויבן זייער ליטעראַרישן וועג ערעוו דער מילכאָמע, האָבן ניט אופגעהערט צו שרײַבן, ניט פאַרגעסן וועגן זייער באַרוף, געגרייט זיך און געהאָפט, אַז זייער קאָל, אַ באַנײַטס און אַ געשטאַרקטס, וועט ווידער נעמען קלינגען.

נאָך אַמאָל, אין זײַנע סטודענטישע יאָרן, איז מיט קאַצעוון געשען אַ גרויסער אומגליק, — ער האָט פאַרלאָרן אַן אויג. ער וואָלט אָבער ניט געווען אַווראָם קאַצעוו, אויב אַפילע באַ אַזאַ טראַגישן צופאַל, וואָלט ער פונדעסטוועגן ניט געפונען אַ טרייסט פאַר זיך. אין דער ליד „געלינדערטער ווייטעק" שרײַבט ער:

ס'איז גוט, וואָס ס'האָט ניט דאַווידן געטראָפן,
ווײַל דאַוויד איז דער ייִנגערער, ער איז נאָך
גאָר אַ קינד,
און אַף אַ קינד איז טאַקע אַ ראַכמאָנעס.

(„סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 3, 1970).

ער איז פול מיט ליבשאַפט צו דער פּיאָנערוואָזשאַטע, וואָס „געבראַכט האָט אַ מאַכנע פּיאָנערן באַגריסן דעם זאַוואָד", ווו ס'אַרבעטן די זין זײַנע. אין זײַן טמימעסדיקן, האַרציק־פאָלקסטימלעכן נוסעך טוט דער דיכטער בעטן:

פאָטער האַרציקער, געטרײַער טאַטע,
פאַר די אַרבעטער און פאַר דעם אינזשעניערל
שיק מיר צו, איך בעט, דרײַ שנירלעך פּערל,
ווי אָט די וואָזשאַטע.

שווער צו געפינען באַ קאַצעוון אַ „פּוסטע ליד" — גראַם־שטראַם, יעדע ליד איז אָנגעלאָדן מיט אינהאַלט, זי איז פּאָשעט און פאַרשטענדלעך, זי נעמט באַ דער נעשאָמע. שוין לאַנגע יאָרן אַ לערער אין איינער פון די כערסאָנער מיטלשולן, טאָגטעגלעך צוזאַמענגעבונדן מיט קינדער און מיט עלטערן, מיט קליין און גרויס, פילט ער גוט דעם פּולס פונעם לעבן, און דער זעלבער פּולס שלאָגט ריטמיש און גוט אין זײַן שאַפונג. אָן אַ פאַרבינדונג מיטן לעבן, אָן אַ ריכטיקן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען, וואָס דאָס לעבן רוקט יעדעס מאָל אַרויס, איז אוממעגלעך אָנצושרײַבן אַזעלכע אַפאָריסטישע אַכט שורעלעך:

כ'צעשרײַ זיך אַפן זון מײַנעם:
„וואָס איז, ס'איז דיר ווינציק אַ הונדערטער?!"
קוקט ער אַף מיר, אַ גרויס־אויגיקער,
אַ פאַרכידעשטער, אַ פאַרוווּנדערטער.

טראַכט איך: „זאָל ער זיך בייזערן,
זאָל ער געבן דעם צעך אַ טאָלק.
זאָל ער האָבן, דער אינזשעניער, אַ טויזנטער, —
אַ מיליאָן זאָל האָבן דאָס פאָלק!"

זײַנע פּערזן צייכענען זיך ניט אויס מיט נײַגעפונענע גראַמען, און עפּשער איז דאָס אין די הײַנטיקע צײַטן אַ ביסל אַ כיסאָרן, אָבער מיר דוכט, אַז דער דיכטער שטרעבט אַפילע ניט צו זיי. זײַן גאַנצע שטרעבונג, זײַן גאַנצער פאַרלאַנג איז געווענדט דערויף, אַז ס'זאָל זײַן וואָגיק געזאָגט און אַז דאָס וואָרט זאָל זײַן אַן אייגנס.

אָט אַזוי, אין לויטערער פּאָשעטקײַט, האָט זיך אַרײַנגעפלאָכטן אין דער נאָכמילכאָמעדיקער ייִדישער דיכטונג אַ נײַע שטים, בעפּיירעש אַ נײַע, ווײַל עמעסע קונסט איז שטענדיק נײַ. און עפּשער קיינמאָל האָב איך אַזוי ניט געפילט די ריכטיקײַט פון געטעס זאָג: אויב מע וויל בעסער פאַרשטיין דעם דיכטער, דאַרף מען אין זײַן היימלאַנד גיין...

איך בין געווען אינעם דיכטערס שטאָט און האָב געהאַט די גליקלעכע מעגלעכקײַט צו באַקענען זיך מיט זײַן דיכטונג — מיט די ערשטע, אָנפאַנגערישע, און שוין מיט די רײַפע לידער. באַ אַווראָם קאַצעוון אַפן „וואַרשטאַט" ליגן נײַע פילאָזאָפישע פּערזן, איבער וועלכע ער האָרעוועט, שלײַפט שורע נאָך שורע, ער האָט איבערגעדיכטעט, און מיר דוכט, געלונגען, אייניקע ביבלישע מאָטיוון, אָנגעשריבן אַ פּאָעמע, איבערגעזעצט מאַרשאַקס קינדער־לידער.

...אויב איר ווילט האָבן האַנאָע פונעם לעבן, כאַפּט זיך אַראָפּ זומער־צײַט קיין כערסאָן און באַקאַנט זיך נעענטער מיט אַווראָם קאַצעוון און מיט זײַן מישפּאָכע. קאַצעוו וועט אײַך לייענען לידער — פרײַער פרעמדע, דערנאָך אייגענע, און די אָוונטן באַם דניעפּער־טײַך, אַזוי אויך שיינע, וועלן זיך אײַך אויסווײַזן נאָך געמיטלעכער און שענער.

פובליציסטיק

מאַטעריאַלן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ייִשׂראל

וועגן היינטצייטיקן ציוניזם

דאָקומענט, באַשטעטיקט פונעם 16־טן צוזאַמענפאָר פון דער י. ק. פ.

די רעדאַקציע באַקומט אַ גרויסע צאָל בריוו, אין וועלכע עס ווערן געשטעלט אַקטועלע פראַגן פונעם קאַמף קעגן דעם היינטצייטיקן ציוניזם. פיל לייענער מערקן מיט רעכט אָפּ די נויטווענדיקייט צו באַקאַנען זיך גענוי מיט דער דערפאַרונג אין אַט דעם פראַט פון די ייִשׂראלדיקע קאָמוניסטן. אַזוי, לעמאָשל, שרייבט דער עלעקטריק א. שויכעט (קאַלוגע): „מיר, לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, האָבן די מעגלעכקייט צו באַקומען ווערטפולע, באַגלויבלעכע אָפּ אַלע הונדערט פּראָצענט מיינונגען און אָפּשאַצונגען וועגן ציוניזם, ווי מע זאָגט, פונעם ערשטן קוואַל. דעריבער איז אונדזער באַקאַשע: באַקאַנען אונדז מיטן אָפּיציעלן שטאַנדפּונקט פון דער ייִשׂראלדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי“. דער דאָקטאָר פון פיזיק־מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן פּראָפ. מ. וויינער (מאָסקווע) זאָגט אַרויס אַ מיינונג, אַז אין די לעצטע יאָרן האָבן געוויסע „טעאָרעטיקער“ אָפּ דער ייִדישער גאַס אַריינגעטראָגן אַ פּלאָנטער אין פונדאַמענטאַלע פראַגן בעשייכעס דעם אידייישן קאַמף, וועלכער קומט פאָר אין דער ייִדישער סוויווע. און ער זעצט פאָר: „די פּאָזיציע פון אַנטיקאָמוניזם איז אין אָט דער סוויווע אַ גאַנץ אָריגינעלע. מע דאַרף ניט אומבאַדינגט שרייען: „איך בין קעגן קאָמוניזם!“ ס'איז גענוג צו שרייען: „איך בין פאַר אַזאַ קאָמוניזם, וועלכן פריידיקן מוישע סנע, שמועל מיקוניס!“ דיסקאָנטירנדיק דעם דאָזיקן פאַקטאָר, איז צו באַגריפן, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד“ קלערט סיסטעמאַטיש אויף, אין דער קאָנקרעטער היינטצייטיקער אומגעבונג, די פּאָזיציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ייִשׂראל — ראַקאַך“. דער מייסטער פון אַ טאַפּעטן־צעך ב. וואָלינסקי (מינסק) טראָגט אַריין אַ פאָרשלאָג: „אונדזער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ וואָלט גוט געטאָן, ווען ער דרוקט אָפּ אַ גרינטלעכן דאָקומענט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ייִשׂראל וועגן ציוניזם. דאָס וואָלט געבראַכט אַ צווייענדיקע נוץ: דער ברייטער לייענער וואָלט זיך באַקאַנט מיט דער שטעלונג צו די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פונעם מאָמענט מיצאַד דער ייִשׂראלדיקער קאָמפּאַרטיי — ראַקאַך; דאָס פּאָנעם פונעם ציוניזם וואָלט זיך אַנטפּלעקט פון דער נאָענט, אין אַ ריכטיקן שפּיגל“.

מיר באַפרידיקן די באַקאָשע פון אונדזערע לייענער.

וועגן דער ייִדן־פראַגע און וועגן ציוניזם באַם היינטיקן טאָג

אַריינפיר

דער אידעאָלאָגישער געראַנגל באַ היינטיקן טאָג איז אַ ביז גאָר וויכטיקער פאַקטאָר. מיט דער פאַרשאַרפונג פונעם קאַמף צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם האָט זיך אויך פאַרשאַרפט דער קאַמף צווישן די צוויי קלאַסן־אידעאָלאָגיעס.

אין ייִשׂראל פירט זיך אַ קאַמף צווישן דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער אידעאָלאָגיע פונעם אַרבעטער־קלאַס און דער ציוניסטישער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע. דער דאָזיקער אידעאָלאָגיש־פּאָליטישער קלאַסנקאַמף פירט זיך אויך אין די ייִדישע ייִשוּווים אין אויסלאַנד.

די הערשנדיקע אידעאָלאָגיע אין ייִשׂראל איז די ציוניסטישע. מיט איר הילף פירן די רעגירנדיקע קרייזן אַ פּאָליטיק, וואָס איז קעגנזעצלעך צו די עכטע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פונעם ייִשׂראל־פאָלק, אַ פּאָליטיק, וואָס בינדט צו מעדינאַס ייִשׂראל צו די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן אין זייער קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער אַנטי־אימפּעריאַליסטישער אַראַבישער באַוועגונג, קעגן ראַטנפאַרבאַנד, קעגן דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג און קעגן אַלע קויכעס פון סאָציאַליזם, נאַציאָנאַלער באַפרייונג, געזעלשאַפטלעכן פּראָגרעס אין דער גאַרער וועלט.

מע טאָר ניט צונויפמישן דעם ציוניזם מיטן פאָלק פון ייִשׂראל אָדער מיטן ייִדישן פאָלק.

די קאָמוניסטן זײַנען טאָמיד געווען און זײַנען פאַרבליבן די אַמיינסטן געטרײַע און קאָנסעקווענטע קעמפּער פאַר דער גלײַכבאַרעכטיקונג פון די ייִדן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אין וועלכע ס'עקזיסטירט נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע. די קאָמוניסטן זײַנען טאָמיד געווען און זײַנען פאַרבליבן ביז גאָר קאָנסעקווענטע קעמפּער קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן יע־דער נאַציאָנאַלער און ראַסן־דיסקרימינאַציע.

די ייִסראָעלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז די איבערגעגעבנסטע פּאַרטיידיקערן פון די אינטערעסן פון די ייִסראָעלדיקע אַרבעטנדיקע מאַסן, פון די עכטע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פונעם ייִסראָעל־פאָלק. דער ניצחון פונעם וועג פון אונדזער פּאַרטיי וועט ברענגען דעם פאָלק פון ייִסראָעל אַ לעבן פון זיכערקייט, שלום, צעבליִונג און גליק.

די הערשנדיקע פּאָליטיק, וואָס איז באַזירט אויף דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע, שליסט דאָס אַלץ אויס פאַרן פאָלק אין ייִסראָעל און שטעלט אין געפאַר די צוקונפט פון מעדינאַס ייִסראָעל. דער ציוניזם ברענגט גרויס שאָדן די ייִדישע יישובֿים אומעטום אין דער גאַנצער וועלט און דער אַלגעמיינער זאַך פון פּראָגרעס און סאָציאַליזם. דעריבער איז פון ספּעציעלער וויכטיקייט באַם הײַנטיקן טאָג צו פאַרשטאַרקן דעם אידעאָלאָגישן קאַמף קעגן דעם ציוניזם.

דעם אימפּעריאַליזם אינטערעסירט ניט ביכלאַל דער גורל פונעם ייִסראָעל־פאָלק, דער גורל פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן געבערי, ווי עס אינטערעסירן אים ניט די אינטערעסן פון וועלכן־ניט־איז אַנדער פאָלק. ער וועט זיי צו יעדער צײַט מאַפקיר זײַן, אויב דאָס וועט נאָר פאָדערן זײַן עגאָיִסטישער אינטערעס — דער אינטערעס פון די מיליאַרדערן און מאָנאָפּאָ־ליסטן.

דער קאַמף קעגן דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע און איר פּאָליטיק שטעלט מיט זיך פאָר אַן אינטעגראַלן טייל פון דעם אַלגעמיינעם קאַמף קעגן דער אידעאָלאָגיע פון די קעגנער פון סאָציאַליזם און פּראָגרעס. דאָס איז אַ נאַציאָנאַלער אינטערעס פאַר ייִסראָעל, פאַרן ייִדישן פאָלק און צוגלײַך דערמיט אַ רעוואָליוציאָנער־אַלגעמיינער אינטערעס.

אין ליכט פון די נײַע היסטאָרישע אַנטוויקלונגען דאַרף מען פעסטשטעלן, וויאַזוי עס האָבן די גרונט־טעזיסן פונעם מאַרקסיזם־לעניניזם אין דער ייִדן־פראַגע און אין דער פראַגע וועגן ציוניזם אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון דער טקופע.

די נײַע היסטאָרישע אַנטוויקלונגען זײַנען:

1) די דערפאַרונג פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע און ספּעציעל דער פאַקט פון פאַרטיליקן זעקס מיליאָן ייִדן מיצאַד די דײַטשישע נאַציס, פון איין זײַט, און דער פאַקט פון אָפּראַטעווען גרויסע ייִדישע מאַסן מיצאַד דער סאָוועטישער אַרמיי און מיצאַד די סאָוועטישע פעלקער, וועלכע האָבן אָפּגעשפּילט די הויפּט־ראָל באַם פאַרניכטן היטלער־דײַטשלאַנד, פון דער צווייטער זײַט.

2) די פאַרמירונג פון אַ סאָציאַליסטישער וועלט־סיסטעם און די פאַרפעסטיקונג פון דער קראַפט פונעם ראַטנפאַרבאַנד, דער וווּקס און די פאַרשטאַרקונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, דער אופשטײַג פון דער באַוועגונג פאַר נאַציאָנאַלער באַפרײַונג און דער קראַך פון דער קאָלאָניאַלער סיסטעם פונעם אימפּעריאַליזם. — די ענדערונג אין אַלוועלטלעכן קויכעס־באַלאַנס לעטויוועס די קוי־כעס פון שלום, דעמאָקראַטיע, נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט און סאָציאַליזם.

3) דער אופקום פון מעדינאַס ייִסראָעל.

וואָס איז אַזוינס די ייִדן־פראַגע

ייִדן לעבן אין פאַרשיידענע לענדער באַ פאַרשיידענע באַדינגונגען און סאָציאַלע סיס־טעמען. דעריבער איז אומעגלעך צו רעדן וועגן דער „ייִדן־פראַגע" אַלס אַן אַלוועלטלעכע פראַגע, וועלכע עקזיסטירט אין אַלע לענדער פון דער גאַנצער וועלט, באַם קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם צוגלײַך.

ווען מיר רעדן וועגן דער ייִדן־פראַגע, זײַנען מיר אויסן די פראַגע פון דיסקרימינאַציע, פאַרפאָלגונג און אַפילע פאַרטיליקונג (ספּעציעל בײַס דער נאַצי־הערשאַפט) פון ייִדן דער־פאַר, ווײַל זיי זײַנען ייִדן. די פּראָבלעם פון לייזן די ייִדן־פראַגע איז דעריבער אַ פּראָבלעם פון באַפרײַען די ייִדישע מאַסן פון דער פּלאָג פון אַנטיסעמיטיזם, וועלכע דערשײַנט אין פאַרשיידענע פאָרמען אין דער געזעלשאַפט פון קלאַסן־עקספּלואַטאַציע. די פראַגע איז — וויאַזוי אויסצורײַסן מיטן וואָרצל די פּלאָג פון אַנטיסעמיטיזם, וויאַזוי פאַרזיכערן פאַר די ייִדישע פאָלקסמאַסן פרײַהײַט און גלײַכבאַרעכטיקונג.

די מאַרקסיסטן זעען אין אַנטיסעמיטיזם איינע פון די פאָרמען פון דיסקרימינאַציע, פון נאַציאָנאַלער און ראַסן־אונטערדריקונג. די אַלגעמיינע סיבעס פונעם אַנטיסעמיטיזם זײַנען די זעלבע סיבעס, וועלכע ברענגען דיסקרימינאַציע און אונטערדריקונג פאַר אַנדערע פעלקער.

די מאַרקסיסטן זעען אין דער ראַסן־טעאָריע, אַרײַנגערעכנט דעם אַנטיסעמיטיזם, אַ רע־אַקציאָנער מיטל, מיט וועלכן עס באַנוצן זיך די עקספּלואַטירנדיקע רעגירנדיקע קלאַסן ספּעצ־

ציִעל אין דער טקופע פון אופשטײַג פון רעוואָליוציאָנערן קאמף קעגן דעם רעזשים — א מיטל אף אָפּצווענדן די אופמערקזאמקײַט און דעם צאָרן פון זיך זעלבסט אין דער ריכטונג פון אן אײַנגעבילדעטן פײַנט, א קאפּאָרע־הינדל, די ייִדן, די נעגערס אָדער מענטשן פון אנדערע פעלקער.

אין א רעדע, וועלכע וו. אי. לענין האָט געהאלטן אין סאָף מארט 1919, האָט ער ביז גאָר קלאָר און דײַטלעך דעפינירט די קלאסן־וואָרצלען און די קלאסן־צילן פונעם אנטיסעמיטיזם:

„אנטיסעמיטיזם הייסט דאָס פארשפרייטן סינע צו ייִדן. ווען די פארשאָלטענע צארישע מאָנארכיע האָט שוין געהאלטן בא אירע לעצטע טעג, האָט זי זיך באמיט אופצוהעצן די פינצטערע ארבעטער און פויערים קעגן די ייִדן. די צארישע פּאָליציי האָט אין בונד מיט די גוטבאזיצער און קאפּיטאליסטן דורכגעפירט פּאָגראָמען אף ייִדן. דעם האס פון די אויסגעמאטערטע דורך דער נויט ארבעטער און פויערים האָבן די גוטבאזיצער און קאפּיטאליסטן זיך באמיט צו ריכטן קעגן די ייִדן. אויך אין אנדערע לענדער זעען מיר ניט זעלטן, ווי די קאפּיטאליסטן צעצינדן פײַנטשאפט צו ייִדן, קעדיי צו פארבלענדן די אויגן פונעם ארבעטער, קעדיי אָפּצווענדן זײַן אופמערקזאמקײַט פון דעםווירקלעכן פײַנט פון די ארבעטנדיקע — דעם קאפּיטאל"[1].

דער קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם שטעלט פאָר א געמיינזאמען אינטערעס פאר די ייִדן אין די פארשיידענע קאפּיטאליסטישע לענדער, אין וועלכע ער עקזיסטירט. צוגלײַך אָבער מיט דעם איז דער קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם ניט בלויז אן אינטערעס פאר ייִדן. דאָס איז די זאך פון אלע דעמאָקראטישע און פּראָגרעסיווע קויכעס, אן אינטעגראלער טייל פונעם אלגעמיינעם קאמף קעגן ראסיזם און נאציאָנאלער דיסקרימינאציע, פאר דעמאָקראטיע און סאָציאליזם.

די קאָמוניסטן אין אלע לענדער האלטן פאר גאָר וויכטיק די אופגאבע צו דערציִען די מאסן אין גײַסט פון ברידערלעכקײַט און פרײַנטשאפט צווישן די פעלקער, זיי גיבן צו אן ערשטראנגיקע באדײַטונג דעם קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם, קעגן ראסיזם אין אלע זײַנע פאָרמען, — קעדיי צו פארזיכערן די אייניקײַט פונעם ארבעטער־קלאס, די זאך פון דעמאָקראטיע און סאָציאליזם. די קאָמוניסטן שטייען בעראָש פונעם קאמף קעגן דעם ווידערגעבורט פון נאציזם אין מײַרעוו־דײַטשלאנד, קעגן די פארשיידענע ראסיסטישע און אנטיסעמיטישע באוועגונגען.

די ייִדן־פראגע, די פראגע פון דיסקרימינירן און פארפאָלגן די ייִדן בלויז דערפאר, ווײַל זיי זײַנען ייִדן, — עקזיסטירט ניט בא דער סאָציאליסטישער סיסטעם. אין ראטנפארבאנד און אין אנדערע סאָציאליסטישע לענדער איז ליקווידירט געוואָרן די סאָציאלע באזע פארן דערשײַנען פון אנטיסעמיטיזם, ווײַל עס זײַנען ליקווידירט געוואָרן די עקספּלואטירנדיקע קלאסן, ווײַל עס איז ליקווידירט געוואָרן די אונטערדריקונג פון נאציעס און נאציאָנאלע מינדערהײַטן. אין די סאָציאליסטישע לענדער ווערט פאָרגעזעצט דער קאמף קעגן די איבערגעבליבענע רעשטלעך און פאָרורטיילן אין די באציִונגען צווישן פעלקער.

אין ראטנפארבאנד און אין אנדערע סאָציאליסטישע לענדער איז דער אנטיסעמיטיזם דערקלערט געוואָרן אויסערן געזעץ. יעדע פּראָפּאגאנדע און יעדע האנדלונג, וועלכע טראָגן אן אנטיסעמיטישן כאראקטער, זײַנען שטרענג פארבאָטן. דער ערשטער דאָקומענט, וואָס דערקלערט דעם אנטיסעמיטיזם אויסערן געזעץ, דאָס איז דער דעקרעט פונעם ראט פון די פאָלקס־קאָמיסארן וועגן אויסרײַסן מיטן וואָרצל די אנטיסעמיטישע באוועגונג, וועלכער איז פארעפנטלעכט געוואָרן דעם 27־טן יון 1918, מיט דער אונטערשריפט פון וו. אוליאנאָוו (לענין). אין דעקרעט ווערט געזאָגט:

„דער ראט פון די פאָלקס־קאָמיסארן פאראָרדנט אלע ראטן פון די ארבעטער־דעפּוטאטן אָנצונעמען די שטרענגסטע מיטלען צו אויסרײַסן מיטן וואָרצל די אנטיסעמיטישע באוועגונג. די פּאָגראָמשטשיקעס און די העצער צו פּאָגראָמען דארף מען אוועקשטעלן אויסערן געזעץ".

דער דאָזיקער דעקרעט האָט געדינט און דינט ווײַטער אלס ריכט־ליניע פון דער סאָוועטישער פּאָליטיק אין דער פראגע פון אנטיסעמיטיזם.

די ציִוניסטישע אידעאָלאָגיע

די ציִוניסטישע אידעאָלאָגיע איז באזירט אף א בורזשואז־נאציאָנאליסטישן צוגאנג צו דער ייִדן־פראגע. אין קעגנזאץ צום מארקסיזם־לעניניזם, וואָס ווענדט אָן דעם קלאסן־פּראָלעטארישן צוגאנג צו דער נאציאָנאלער פראגע, שטעלט דער ציִוניזם פאָר די פּראָבלעמען פון די ייִדן אלס אויסערקלאסעווע, וועלכע דרינגען, קלוימערשט, ארויס אף אן אומפארמײַדלעכן אויפן פון דעם עצעם פאקט, וואָס די ייִדן געפינען זיך צווישן אנדערע פעלקער.

די ציִוניסטישע אידעאָלאָגיע האָט זיך פאָרמירט אין א טקופע, אין וועלכער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער צעפאלונגס־פּראָצעס פונעם קאפּיטאליזם, ווען ער, דער קאפּיטאליזם, איז ארײַן אין זײַן אימפּעריאליסטישער פאזע. דאן האָט גענומען שטײַגן דער אנטיסעמיטיזם.

[1] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 38, стр. 242.

די ציִעניסטישע אידעאָלאָגיע האַלט, אַז די סיבה פון אַנטיסעמיטיזם איז סטאַם ייִדן־פײַנטשאַפט, אָן שום פאַרבינדונג מיטן עקזיסטירנדיקן געזעלשאַפטלעכן רעזשים, אָן שום פאַרבינדונג מיט די סאָציִאַלע, פאָליטישע און קלאַסן־קאַמפן, וועלכע קומען פאָר אין דער געזעלשאַפט.

„די פעלקער, צווישן וועלכע עס וווינען די ייִדן, זײַנען אַלע ווי איינס, געהיים אָדער עפנטלעך, אַנטיסעמיטן", — האָט געזאָגט דער גרינדער פונעם פאָליטישן ציִעניזם טעאָדאָר הערצל[1].

לויט דער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע איז, אַלזאָ, דער אַנטיסעמיטיזם אַן אייביקע דער־שײַנונג, אַן אומאָפּהענגיקע פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג.

און ווײַל דער ציִעניזם רײַסט אָפּ די ייִדן־פראַגע פון יעדן געזעלשאַפטלעכן קלאַסן־הינטערגרונט, קומט ער דעריבער צום אויספיר, אַז אַזוי לאַנג ווי ייִדן לעבן צווישן נישט־ייִדן, וועט עקזיסטירן אַנטיסעמיטיזם. פון דעם דאָזיקן אויספיר וועגן דער אייביקייט פון אַנטיסע־מיטיזם דרינגט אַרויס די קעגנערשאַפט פון דער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע צו דער אײַנ־גלידערונג פון די ייִדישע מאַסן אין די סאָציִאַלע קאַמפן אין זייערע וווין־לענדער, דאָס אַרויס־שטעלן אַלס מוסטער די פאַרייניקונג פון די ייִדן אין סעפּאַראַטע אָרגאַניזאַציעס.

די ציִעניסטישע אידעאָלאָגיע פאַרדיקט אַ קלאַסן־שלאָם צווישן ייִדן — עקספּלואַטאָרן און עקספּלואַטירטע, מיליאָנערן און אַרבעטלאָזע, אַלס קעגנגעוויכט צום מאַרקסיסטישן לאָ־זונג „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אײַך!".

לויט דער ציִעניסטישער אָנשויונג איז דאָס געמיינזאַמע צווישן ייִדן — אַרבעטער און בורזשויען פיל באַדײַטנדיקער און וויכטיקער, ווי צווישן ייִדן אַרבעטער און אַמעריקאַנער אָדער רוסישע אַרבעטער. דער ציִעניזם לייקנט אין דער מעגלעכקײַט צו ענדערן דעם מאַצעוו פון די ייִדן אין רעזולטאַט פון זייער אײַנגלידערן זיך אין דעם קאַמף פון די פאָלקסמאַסן פון די לענדער פאַר דעמאָקראַטיע און סאָציִאַליזם, ער טוט אַלץ אָף אָפּרײַסן זיי פונעם סאָציִאַלן קאַמף קעגן די פלאָגן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אײַנשליסלעך קעגן דער פּלאָג פון אַנטיסעמיטיזם.

אָנשטאָט דער אײַנגלידערונג אינעם אַלגעמיינעם דעמאָקראַטישן קאַמף, אין דעם קאַמף פאַר סאָציִאַליזם, רוקט די ציִעניסטישע טעאָריע אַרויס אַלס לייזונג די עמיגראַציע, די טער־ריטאָריעלע קאָנצענטרירונג פון די ייִדן אין ערעץ־ייִסראָעל (הײַנט־צו־טאָג — אין ייִסראָעל).

און אויב דער ציִעניזם האָט געהאַט די אַמביציע צו געבן זײַן אייגענעם ענטפער אָף דער פראַגע פון אַנטיסעמיטיזם, איז פון דעם ניט געדרונגען, אַז דער ציִעניזם האָט זיך באַצויגן און באַציט זיך פולשטענדיק נעגאַטיוו צום אַנטיסעמיטיזם. אין קעגנזאַץ צו די קאָמוניסטן און צו די אַנדערע פּראָגרעסיווע קרײַזן, וועלכע האָבן געטאַדלט און פולשטענדיק אָפּגעוואָרפן דעם אַנטיסעמיטיזם אַלס אַ רעאַקציאָנערע באַוועגונג, וואָס שעדיקט דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, האָט דער ציִעניזם פּרובירט דאַפקע אויפגעבויט צו ווערן פונעם אַנטיסעמיטיזם.

טעאָדאָר הערצל האָט געשריבן: „...אונדזער זיכערקײַט און אונדזער ווילשטאַנד שוואַכן אונדז אָפּ אַלס ייִדן און מאַכן צונישט אונדזער סעפּאַראַטישקײַט. בלויז דער דרוק בינדט אונדז צו דער אַלטערטימלעכער ראַסע, בלויז די פײַנטשאַפט מיצאַד אונדזער סוויווע פאַר־וואַנדלט אונדז ווידער אין פרעמדע"[2].

ציִעניסטישע מאַנהיגים האָבן ניט איין מאָל פעסטגעשטעלט, אַז אָן אַנטיסעמיטישער דרוק דערפירט די ייִדן צום פאַרלאָזן זייערע וווין־לענדער און עמיגרירן קיין ערעץ־ייִסראָעל, און פון דעם האָבן זיי געמאַכט דעם אויספיר, אַז דער אַנטיסעמיטיזם „העלפט דעם אויפבוי פון דער נאַציאָנאַלער היים".

דער דאָזיקער ציִעניסטישער צוגאַנג איז אָנגענומען ביזן הײַנטיקן טאָג. אַזוי, לעמאָשל, האָט דערקלערט דער קנעסעט־דעפּוטאַט יִזהאַר האַראַרי אָף אַ סימפּאָזיום אין טעל־אָוויוו, 1960, וועגן דעם באַווײַזן זיך פון האַקן־קרייצן אין די מײַרעוו־לענדער: „אויב אין רעזולטאַט פון די האַקן־קרייצן וועט פאָרקומען אַ ווענדונג צווישן די פאַרשיידענע ייִדישע יִשוּווים און זיי וועלן צוטרעטן אײַנצופאַקן זייערע זאַכן, קעדיי אַוילע צו זײַן קיין ייִסראָעל, — זע איך ניט אין דעם קיין שום אומגליק".

די דאָזיקע באַציִונג פונעם ציִעניזם צום אַנטיסעמיטיזם דרינגט, אייגנטלעך, אַרויס פון דעם, וואָס סײַ די ציִעניסטישע טעאָריע און סײַ די טעאָריע פון אַנטיסעמיטיזם גייען אַרויס פון די זעלבע גרונט־האַנאָכעס: די ייִדן זײַנען אין אַלע לענדער פון דער גאָרער וועלט אַ פרעמדער עלעמענט, אַן אָפּגעזונדערטער פון דער איבעריקער באַפעלקערונג.

אַן אַנדער ציִעניסטישער טעזיס זאָגט, אַז די ייִדן שטעלן מיט זיך פאָר אַן „עקסטערריטאָ־ריעלע אַלוועלטלעכע נאַציע", און אַלס אַזעלכע זײַנען אָף זיי ניט כאַל די אַלגעמיינע געזעצן פון דער געזעלשאַפט. די ציִעניסטישע טעאָריע באַגרינדעט די עקזיסטענץ פון אַן „אַלוועלט־לעכער ייִדישער נאַציע" מיטן פאַקט פון דער עקזיסטענץ פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס צווינגט אַרויף אָף די ייִדן אַן אָפּזונדערונג פון די פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן, און אַ סעפּאַראַטע

---

[1] מדינת היהודים, פאַרלאַג „מזרח", ז. 21. [2] כתבי הרצל, באַנד 1, ז. 32.

נאַציאָנאַלע קאָנצענטרירונג, ווי אויך מיטן עטנישן פּרינציפּ, לויט וועלכן די ייִדן אין דער גאַרער וועלט געהערן צו דער זעלבער „ייִדישער נאַציע", ווייַל עס טיילט זיי אויס זייער בעשוטפעסדיקער אָפּשטאַם פון די אַלטערטימלעכע העברייער (עברים).

די מאַרקסיסטן האָבן טאָמיד אָפּגעוואָרפן די ניט־רעאַלע און רעאַקציאָנערע ציִעניסטישע טעאָריע וועגן דער קלוימערשטער עקזיסטענץ פון אַן „אַלוועלטלעכער ייִדישער נאַציע"; וועגן דעם, אַז די ייִדן אין דער גאַנצער וועלט, וועלכע לעבן אין פאַרשיידענע סאָציאַלע סיסטעמען, בילדן, קלוימערשט, איין נאַציע, טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן ניט קיין בעשוטפעסדיקע עקאָנאָמיק, קיין בעשוטפעסדיקע טעריטאָריע, קיין בעשוטפעסדיקע שפּראַך, קיין בעשוטפעסדיקע קולטור אָדער בעשוטפעסדיקע לעבנס־מינהאָגים, דאָס הייסט — טראָץ דעם, וואָס זיי פאַרמאָגן אפילו ניט קיין איין בעשוטפעסדיקע אייגנשאַפט פון יענע אייגנשאַפטן, וועלכע כאַראַקטעריזירן אַ נאַציע. געוויס, די רעליגיעזע ייִדן אין פאַרשיידענע לענדער פאַרמאָגן אַ בעשוטפעסדיקע רעליגיע; געוויס, פאַר די ייִדן אין פאַרשיידענע לענדער איז געמיינזאַם דער היסטאָרישער אָפּשטאַם פון די אַלטערטימלעכע העברייער (עברים), וועלכע האָבן אַמאָל געלעבט אין ערעץ־ייִסראָעל. אָבער מערער געמיינזאַמס פון דעם האָבן זיי ניט.

ווען דר. נאָכעם גאָלדמאַן איז געוועזן פּרעזידענט פון דער אַלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט ער געפּרוּווט אַרויסקומען מיט אַ „נייַער" ציִעניסטישער דעפיניציע אין דער פּראַגע. אויף דער סעסיע פונעם ציִעניסטישן אויספיר־קאָמיטעט, וואָס איז פאָרגעקומען אין ירושלאַיִם דעם 16—23 מאַרט 1964, האָט נ. גאָלדמאַן געזאָגט:

„דאָס ייִדישע פאָלק איז אַ היסטאָריש וועזן, וואָס האָט ניט זייַנס גלייַכן. עס איז אַ פאָלק, אַ רעליגיע, אַ ראַסע און אַ טרעגער פון אַ ספּעציִעלער ציוויליזאַציע, און קיין שום פון די ניט־ייִדישע טערמינען פאַר „פאָלק", „נאַציע", „רעליגיע" איז ניט אימשטאַנד צו דעפינירן ווי געהעריק די דאָזיקע ספּעציפישע דערשייַנונג, וואָס רופט זיך ייִדיש פאָלק אין דער געשיכטע... דרייַ יעסוידעס כאַראַקטעריזירן דאָס ייִדישע פאָלק: דאָס, וואָס עס איז אַן אינטערנאַציאָנאַל פאָלק; דאָס, וואָס עס איז פאַרבונדן מיט ערעץ־ייִסראָעל; דאָס, וואָס עס איז פון אַלגעמיינעם היסטאָרישן שטאַנדפּונקט איינע פון די ביז גאָר זיך ניט־אידענטיפיצירנדיקע גרופּעס אין דער וועלט־געשיכטע... מיר דאַרפן קעמפן אין דער ניט־ייִדישער וועלט און אפילו אין דער ייִדישער געמיינשאַפט גופא פאַר אונדזער רעכט צו לעבן אַלס סעפּאַראַטע מינדערהייט, אַלס אַ זיך ניט־אידענטיפיצירנדיקע מינדערהייט אונטער וועלכן־ניט־איז רעזשים און אין וועלכן־ניט־איז לאַנד. מיר דאַרפן פירן דאָס ייִדישע פאָלק מיט אונדזערע אָנשטרענגונגען און מיט אונדזער קאַמף פאַר אונדזער ספּעציפישער רעכט צו פאַרבלייַבן דאָס זעלבע ייִדישע פאָלק, וואָס מיר זייַנען געוועזן טויזנטער יאָרן, דאָס פאָלק, וואָס איז פאַראייניקט אַרום אונדזער שעפערישן צענטער אין ייִסראָעל"...

די דאָזיקע ניט־רעאַלע דעפיניציע איז סויסער די היסטאָרישע אַנטוויקלונג. די ייִדישע ייִשוּווים לעבן אונטער פאַרשיידענע סאָציאַלע רעזשימען, און זיי זייַנען פאַרבונדן מיט די פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן, פון עקאָנאָמישן, קולטורעלן שטאַנדפּונקט און אפילו פון שטאַנדפּונקט פונעם געפיל, אַז דאָס איז זייער היימלאַנד. אפילו די ציִעניסטן אין אַמעריקע האַלטן אין איין אונטערשטרייַכן בא יעדער געלעגנהייַט דעם פאַקט, אַז זיי זייַנען אַמעריקאַנער. פון סאָציאַלן און פּאָליטישן שטאַנדפּונקט זייַנען די ייִדן אין אַמעריקע און אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער צעטיילט לויט זייער קלאַסן־אָנגעהעריקייַט, אויף דער באַזע פונעם געראַנגל צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם, צווישן שאָלעם און מילכאָמע, צווישן פּראָגרעס און רעאַקציע. די ייִדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע זייַנען אפילו צעטיילט אין די מיינונגען בענעגייע דעם קאַמף פאַר גלייַכבאַרעכטיקונג פון די נעגערס.

עס איז באַלערעוודיק דאָס אוטאָריטעטע איידעס־זאָגן פונעם אַלוף־מישנע (פּאָלקאָווניק) מאָרדכע באַר־אָן, דעם שעף פון דער אָפּטיילונג פאַר יוגנט און כאַלוץ בא דער ייִדישער אַגענץ, וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט פון אַ באַזוך אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין אָקטיאַבער 1968. ער האָט איבערגעגעבן:

„...אַ טרויעריקער גרוס, אַן אומעטיק בילד פונעם מאַצעוו בא הייַנטיקן טאָג און אַ האַרבע וויזיע וועגן די אויסזיכטן אויף דער נאָענטער צוקונפט. פון דער דאָזיקער גאַנצער פּרעכטיקער יוגנט (אַ מיליאָן יוגנטלעכע צווישן 6 מיליאָן אַמעריקאַנער ייִדן) זייַנען אונדז פאַרבליבן — בלויז ברעקלעך. ווייניקע, זייער ווייניקע פון זיי זייַנען טרייַ און צוגעבונדן צום ייִדנטום, צום ציִעניזם און צו מעדינאַס ייִסראָעל. נאָך ווייניקער פון זיי ווייסן עפּעס וועגן זייער ייִדישקייַט... בעמעשעך פון אָנדערהאַלבן יאָר האָבן מיר געהערט וועגן דער אופטרייסלונג און וועגן דער דערוואַכונג פון די ייִדן אין די טפוצעס אין רעזולטאַט פונעם גלענצנדיקן ניצאָכן בייס דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע. מיר איבערטרייַבן שטאַרק דעם פאַרנעם פון דער דאָזיקער דערוואַכונג. ס'איז טאַקע ריכטיק, אַז די דאָרטיקע ייִדן זייַנען אופגעטרייסלט געוואָרן אין די טעג פון דער דאָזיקער מילכאָמע און נאָך איר. די דערוואַכונג איז אָבער באַלד פאַרלאָשן געוואָרן, ניט דורכאַקערנדיק טיף דעם באָדן: פאַראַן דאָרט אַ זאָרג פאַר וויעטנאַם, פאַר די נעגערס, אָבער פאַר ציִעניזם און פאַר ייִסראָעל — זייער און זייער ווייניק"[1].

---

[1] ידיעות אחרונות, 30.10.68.

דאָס איז א ביז גאָר אויטאָריטעטע ציִעניסטישע איידעס־זאָגונג וועגן דער רעאלער לאגע, וועגן דער גרונטלאָזיקײַט פון די ציִעניסטישע דעפיניציעס און וועגן דער אילויזיע פון דער ציִעניסטישער אידיי.

די אויבנדערמאָנטע שילדערונג באשטעטיקט פולשטענדיק, אז ציִעניסטן און ייִדן — דאָס זײַנען צוויי פארשיידענע באגריפן. די ציִעניסטן זײַנען ייִדן, אָבער דער גרעסטער טייל ייִדן זײַנען ניט קיין ציִעניסטן, אפילע אין די פארייניקטע שטאטן פון אמעריקע. די אויבנדער־מאָנטע שילדערונג באווײַזט אויך, אז ס'איז פאראן א פראָצעס פון אײַנגלידערן זיך פון די ייִדן, און ספעציִעל פון דער ייִדישער יוגנט, אין אלגעמיינעם לעבן פון די פארייניקטע שטאטן. און נאָך מערער לאָזט זיך פילן דער דאָזיקער פראָצעס אין סאָציִאליסטישן ראטנפארבאנד. די ציִעניסטישע פראָפאגאנדיסטן אָבער, וועלכע זײַנען צײַטנווײַז גרייט אנערקענען די אָביעק־טיווע פראָצעסן בא די ייִדן פון אמעריקע, זאָגן זיך אָפ עס צו טאָן לעגאבע דעם ראטנפאר־באנד צוליב פאָליטישע אנטיסאָוועטישע מאָטיוון, צוליב נויטווענדיקײַטן פון דער קאלטער מילכאָמע. זיי באשטעטיקן צײַטנווײַז דעם פאקט, אז דער איבערוועגנדיקער טייל פון די ייִדן אין די פארייניקטע שטאטן פון אמעריקע באטראכטן פשא אלס זייער היימלאנד, גענוי ווי אלע אנדערע אמעריקאנער בירגער, און שטויסן אָפ די פאָדערונגען עמיגרירן קיין ייִס־ראָעל. עס איז דעריבער גאנץ נאטירלעך, אז אין ראטנפארבאנד, בא א סאָציִאליסטישער אָרדענונג, זײַנען די ייִדישע מאסן נאָך מערער צוגעבונדן צו זייער היימלאנד און בעדערעך־קלאל לאָזן זיי זיך ניט פארפירן דורך דער ציִעניסטישער פראָפאגאנדע.

די ווערטער פון דר. נאָכעם גאָלדמאן וועגן דעם, אז די ייִדן דארפן זיך ניט אידענטי־פיצירן מיט קיין שום רעזשימס, זײַנען געריכטעט פאקטיש צו דעם, אז די ייִדן פון ראטנפאר־באנד און פון אנדערע סאָציִאליסטישע לענדער זאָלן זיך ניט אידענטיפיצירן מיט דער סאָ־ציִאלער אָרדענונג אין אָט די לענדער. די ציִעניסטישע באוועגונג שטייט, קלוימערשט, איבער אלע קלאסן, פאקטיש אָבער איז זי מיט טויזנטער פעדעם פארבונדן מיטן מאָנאָפאָליסטישן קאפיטאל און ספעציִעל מיטן אמעריקאנער קאפיטאל. דער רוף צו אידענטיפיצירן זיך מיטן הײַנטיקן ייִסראָעל, דאָס הייסט מיט דער רעגירונג, וואָס איז פארבונדן מיטן אמעריקאנער אימפעריִאליזם, — איז ניט אומאָפהענגיק פון דעם קלאסן־וועזן און פון דער אינטערנאציִאָנא־לער פאָליטישער אָריִענטאציע פונעם הײַנטיקן ייִסראָעל.

נאָך אין די ערשטע יאָרן פון מעדינאס ייִסראָעל, ווען איר אָפהענגיקײַט פון אמעריקע איז נאָך ניט געווען אף אזויפיל עקסטרעם, ווי הײַנט־צו־טאָג, האָט דער אָרגאן פון מאפאם „אל האמישמאר" געשריבן אין א לייטארטיקל:

„דער הויפט־טעזיס פון דער אויפקלערונג פון מ. שארעט (וועלכער איז דעמאלט געווען אויסערן־מיניסטער פון ייִסראָעל) איז אזא: „עס איז נישט מעגלעך קיין הילף פון די אמערי־קאנער ייִדן פאר ייִסראָעל, ווען ס'איז פאראן א סיכסעך צווישן ייִסראָעל און די פארייניקטע שטאטן". דאָס הייסט, אז די אקטיווע באטייליקונג פון די אמעריקאנער ייִדן אינעם אופבוי פון אונדזער מעדינע איז באדינגט מיט דער אײַנגלידערונג פון דער ייִסראָעלדיקער אויסערן־פאָליטיק אין דער גלאָבאלער פאָליטיק פון וואשינגטאָן. אונדזערע אכיינו־בניי־ייִסראָעל אף יענער זײַט יאם וועלן אונדז ניט קומען צו הילף, אויב מיר וועלן זיך ניט פארשקלאפן צום ווילן פון זייער רעגירונג"[1].

פונדאנען איז געדרונגען, אז די ציִעניסטישע פאָליטיק, וואָס איז אויך די פאָליטיק פון דער ייִסראָעל־רעגירונג, איז ניט נאָר, וואָס זי איז ניט אויסן, אז די ייִדן אין דער גאָרער וועלט זאָלן זיך ניט אידענטיפיצירן מיט אלע רעזשימען, נאָר זי איז בעפיירעש אויסן צו אידענטיפיצירן זיך מיטן קאפיטאליזם, מיטן אימפעריִאליזם, און ספעציִעל מיטן אמעריקאנער אימפעריִאליזם.

די לעצטע צוזאמענפאָרן פון די ייִדישע מיליִאָנערן פון אמעריקע, ענגלאנד און אנדערע מעדינעס, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אין ייִסראָעל, האָבן אונטערגעשטראָכן דעם אנטי־ארבעטער קלאסן־כאראקטער פון דער אונטערשטיצונג פונעם עקזיסטירנדיקן רעזשים אין ייִסראָעל און איר אנטיסאָוועטישן, פראָ־אימפעריאליסטישן כאראקטער — פונעם שטאנדפונקט פון דער אינטערנאציִאָנאלער פאָליטיק.

די ציִעניסטישע פאָליטיק

זינט דער געשטאלטונג פון ציִעניזם אלס פאָליטישע באוועגונג דורך ט. הערצל און די אנדערע ציִעניסטישע מאניהיגים, האָט זיך די ציִעניסטישע פאָליטיק אָריִענטירט אף קאָאָפע־ראציע מיט די רעאקציִאָנערע קויכעס, מיט די אימפעריִאליסטישע גרויסמאכטן קעגן דער סאָציִאליסטישער רעוואָלוציִאָנערער באוועגונג און קעגן דער באוועגונג פאר נאציִאָנאלער באפרײַונג.

[1] „על המשמר", 1952. 5.8.

הערצל זעלבסט האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיטן אימפּעראַטאָר פון דײַטשלאַנד און מיטן צאַרישן מיניסטער פלעווע, וועלכער האָט אין זײַנערצײַט אָרגאַניזירט פּאָגראָמען אף יִדן אין צאַרישן רוסלאַנד. הערצל האָט אים פאָרגעשלאָגן א ציִוניסטישן פלאַן, וואָס זאָל דערפירן צום אָפּרײַסן די יִדישע אַרבעטער פון דער רעוואָליוציִאָנערער באַוועגונג, פונעם קאַמף קעגן צאַריזם, פאַר דעמאָקראַטיע און סאָציִאַליזם.

ניטאָ אַזאַ אימפּעריִאַליסטישע גרויסמאַכט, אף וועלכער דער פּאָליטישער ציִוניזם האָט ניט געלייגט זײַנע האָפענונגען, און ניטאָ אַזאַ אימפּעריִאַליסטישע גרויסמאַכט, וועלכע האָט ניט פּרובירט, אין אַזאַ אָדער אַנדער פאָרם, אויסצונוצן דעם ציִוניזם פאַר אירע צוועקן, און ספּעציִעל פאַר איר ציל צו באַהערשן דעם מיטעלן מיזרעך.

נאָכן דעראָבערן ערעץ־יִסראָעל מיצאַד די ענגלענדער איז די פּראַקטיק פון דער ציִוניסטישער אָנפירונג געווען צו קאָלאַבאָרירן מיט די מאַכט־אָרגאַנען פונעם בריטישן מאַנדאַט. דאָס איז געווען א קאָלאַבאָראַציע און קעגנזײַטיקע הילף קעגן דעם אַראַבישן פּאַלעסטינער־זישן פאָלק. די פּאָליטיק פון דער ציִוניסטישער אָנפירערשאַפט איז געווען געריכטעט אף צו דערוואָרבן און אָקופּירן מיט דער הילף פון דער בריטישער מאַכט מאַקסימום פון דער אַראַבישער טעריטאָריע און איבערלאָזן אף אָט דער טעריטאָריע מינימום אַראַבישע באַפעל־קערונג.

די בריטישע מאַכט אין לאַנד האָט איבערגעלאָזט אין קראַפט דעם אָטאָמאַנישן באָדן־געזעץ פון די צײַטן פון דער טערקישער הערשאַפט, לויט וועלכן די פעלאַכן, וועלכע האָבן באַאַרבעט דעם דאָזיקן באָדן פון דאָר־דורעס, זײַנען ניט באַטראַכט געוואָרן אַלס אייגנטימער פון די ערד־שעטאָכים, נאָר בלויז אַלס פּאַכטער. די אייגנטימער פונעם באָדן זײַנען געווען גוטבאַזיצער, וואָס א סאַך פון זיי האָבן אפילע ניט געוווינט אין ערעץ־יִסראָעל. די ציִוני־סטישע אַנשטאַלטן פלעגן אָפּקויפן די ערד־שעטאָכים בא די דאָזיקע גוטבאַזיצער אין גאַנצע ראַיאָנען און מיט דער הילף פון די קאָלאָניִאַלע בריטישע „געזעץ־היטער" פאַרטרײַבן די אַראַבישע פעלאַכן פון דעם באָדן, וועלכן יענע האָבן באַאַרבעט, שטיצנדיק זיך אפן רעאַק־ציִאָנערן אַגראַר־געזעץ. „כיבוש הקרקע", „אָקופּאַציע פון באָדן" פון די אַראַבישע פעלאַכן — דאָס איז געווען א געהייליקטער ציִוניסטישער לאָזונג אין יענער טקופע.

די פעלאַכן, וואָס זײַנען פאַרבליבן אָן ערד־שעטאָכים און אָן פּאַרנאָסע, זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א מאָקער פון ביליקער אַרבעט אין די פּאַרדייסים, אין די מוישאָוועס און שטעט. קעדיי אַרויסצורײַסן די אַרבעט בא אַראַבישע אַרבעטער, איז פאָרמולירט געוואָרן דער צווייטער ציִוניסטישער לאָזונג — „כיבוש העבודה" — באַהערשן דעם אַרבעטס־מאַרק. די אַראַ־בישע אַרבעטער זײַנען בוכשטעבלעך פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע אַרבעטס־פּלעצער דורך ספּעציִעלע פּיקעטן, אָרגאַניזירטע דורך די היסטאַדרוט־טוער. די היסטאַדרוט־אָנפירונג, פון איר זײַט, איז ניט מאַסקים געווען, אַז די אַראַבישע אַרבעטער זאָלן זיך אָנשליסן אין אירע רייען, און די מיטגלידערשאַפט אין דער היסטאַדרוט איז געווען בלויז פאַר יִדן. ערשט אין די לעצטע יאָרן, נאָך שווערע און לאַנגדויערנדיקע קאַמפן, איז דערמעגלעכט געוואָרן די אַראַבישע אַרבעטער אָנצושליסן זיך אין דער היסטאַדרוט.

דער דריטער ציִוניסטישער לאָזונג איז געווען „תוצרת הארץ" (אינלענדישע פּראָדוק־ציע), און פאַקטיש האָט עס באַטײַט „תוצרת עברית" (יִדישע פּראָדוקציע). דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין אַרופלייגן א באָיקאָט אף אַראַבישער פּראָדוקציע און אַראַבישע סכוירעס, האַגאַם די דאָזיקע סכוירעס זײַנען געווען פונעם זעלבן לאַנד — ערעץ־יִסראָעל.

די פּראַקטיק פון די מאַנהיגים פונעם יִדישן יִשעוו אין ערעץ־יִסראָעל, וועלכע האָט זיך באַזירט אף די דאָזיקע דרײַ לאָזונגען און איז אַרויסגעדרונגען פון דער ציִוניסטישער פּאָליטיק, האָט אָפּגעסאַמט די באַציִונגען צווישן די יִדן און אַראַבער אין ערעץ־יִסראָעל צו דער גרויסער פרייד פונעם דריטן צאַד — דעם בריטישן אימפּעריִאַליזם.

דער קנעסעט־דעפּוטאַט פון דער אַרבעטס־פּאַרטיי און פאָרזיצער פון דער אויסערן־ און זיכערהײַטס־קאָמיסיע פון דער קנעסעט, דאָוויד האַקויען, האָט אַזוי געשילדערט דעם מאַצעוו אין דער טקופע פון דער בריטישער קאָלאָניִאַלער מאַנדאַט־מאַכט:

„ווען כ'בין אַרײַנגעגאַנגען (אין לאָנדאָן) אין קלוב פון סאָציִאַליסטישע סטודענטן — ענגלענדער און אירלענדער און יִדן און כינעזער און אינדוסן און אַפריקאַנער, אַלע זײַנען מיר געווען אונטערגעוואָרפן דער ענגלישער מאַכט, — האָב איך געדאַרפט קעמפן מיט מײַנע כאַווײרים אין אָט דער אינטימער סוויווע אַרום פראַגן וועגן יִדישן סאָציִאַליזם. איך האָב געדאַרפט פאַרטיידיקן דעם פאַקט, וואָס איך נעם ניט אָן קיין אַראַבער אין מײַן טרעד־יוניאָן, אין דער היסטאַדרוט; וואָס בא אונדז אין לאַנד פּריידיקט מען, אַז די באַלעבאָסטעס זאָלן ניט קויפן בא אַראַבער; מע שטייט אף דער וואַך בא יעדן פּאַרדעס, אַז קיין אַראַבישער אַרבעטער זאָל דאָרט ניט באַקומען קיין אַרבעט; מע באַגיסט מיט נאַפט אַראַבישע טאָמאַטן; מע פאַלט אָן אין מאַרק אף די יִדישע באַלעבאָסטעס און מע צעברעכט די אייער אין זייער קויש, געקויפטע בא אַראַבער; איך האָב געדאַרפט לויבן ביזן הימל אַרײַן דעם קערן קאַיעמעס, וואָס דעלעגירט קיין ביירוט זײַן פאָרשטייער, קעדיי דאָרט צו קויפן ערד־שעטאָכים בא אָפּוועזנ־דיקע ערדבאַזיצער און דערלאַנגען א קלאַפּ די פעלאַכן. קויפן צענדליקער דונאַמס בא אַן

אראבער — דאָס איז דערלויבט. אָבער פארקויפן, כאסוועכאָלילע, איין ייִדישן דונאם אַן אראבער — פאר קיין פאל ניט. נעמען, אלס סאָציִאליסט, דעם סימבאָל פון קאפיטאליזם, ראָטשילדן, און רופן אים מיטן נאָמען „הנדיב הידוע״ — „דער באקאנטער נאדוועץ״, דאָס איז ניט געווען אזוי איינפאך...״[1].

ערעוו דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָט דער דירעקטאָר פון קערן קאיעמעס יוסעף ווייץ, אין א מעמאָראנדום צו דער אָנפירונג פון דער ייִדישער אגענץ (סאָכנוט), פאָרגעלייגט צו דערוּוערבן באָדן אין די אראבישע לענדער און אריבערפירן אהין אראבער פון ערעץ־ייִסראָעל. ער האָט פאָרגעלייגט אריבערצופירן מאסן אראבער פון די בערג פון יעהודע און שאָמרוין קיין אייווער־האיארדן און פון גאָליל — קיין סיריע און ליוואַן.

די ציִעניסטישע פאָליטיק פון טעריטאָריעלער עקספאנסיע און די פארטרײַבונג פון דער אראבישער באפעלקערונג פון ערעץ־ייִסראָעל ווערט ווײַטער פאָרגעזעצט אין מעדינאס ייִסראָעל. דאָס איז די אָפיציִעלע פאָליטיק פון דער רעגירונג. אין זײַן רעפעראט אפן צוזאמענפאָר פון האקיבוץ האמעוּיכאד אין מאָאָז כאַיִם (17.4 .1968) האָט איגאל אלאָן, דער דעמלטיקער ארבעטס־מיניסטער, דערקלערט: „אונדזער פליכט צו קאָלאָניזירן דאָס „גרויסע ייִסראָעל״ איז ניט ווייניקער וויכטיק, ווי ס׳איז געווען די קאָלאָניזירונג פון עמעק האיארדן און עמעק בייט־שאאן אין די טעג פון מאנדאט. ווער עס צווייפלט אין דאָזיקן עמעס, שטעלט אונטער א פראגע־צייכן די גאנצע ציִעניסטישע קאָנצעפציע״[2].

מיר, מארקסיסטן־לעניניסטן, דארפן גאָרנישט ניט צוגעבן צו די דאָזיקע ארויסזאָגונגען פון די ציִעניסטישע אסקאָנים גופע וועגן דעם כאראקטער און די צילן פון זייער פאָליטיק. דאָס איז א שאָוויניסטישע, אנטי־אראבישע פאָליטיק, וואָס איז געבויט אף קאָאָפעראציע מיטן אימפעריִאליזם: אין די יאָרן פון ענגלישן מאנדאט — מיטן בריטישן אימפעריִאליזם, אין דער ערשטער ריי, און נאָך דער אנטשטייוּנג פון מעדינאס ייִסראָעל — מיטן אמעריקאנער אימפעריִאליזם, אין דער ערשטער ריי.

די ציִעניסטישע פאָליטיק האָט טאָמיד אָפגעסאמט און האלט ווײַטער אין איין אָפסאמען די באציִונגען צווישן די פעלקער אין ייִסראָעל און אין ראיאָן, זי האָט ניט דערמעגלעכט און ווײַטער ניט צו רעגולירן די ייִדיש־אראבישע און די ייִסראָעל־אראבישע באציִונגען לעטויוועס ביידע פעלקער. דער הויפט־געניסער איז דער אימפעריִאליזם, וועלכער פירט זײַן טראדיציִאָנעלע פאָליטיק פון „צעטייל און הערש״ אויך באם הײַנטיקן טאָג, און ער איז ביכלאל ניט פארינטערעסירט צו דערפירן צו א לייזונג פונעם ייִסראָעל־אראבישן סיכסעך און פון דער פאלעסטינישער פראָבלעם.

די ציִעניסטישע פאָליטיק איגנאָרירט פולשטענדיק די לעבנסוויכטיקע אינטערעסן פון די ייִדן און זי דרייט זיך אויס צו זיי מיטן רוקן, ווען זיי זעען איר אויס צו זײַן קעגנזעצלעך צום פאָליטישן אינטערעס פונעם ציִעניזם. די ציִעניסטישע מאנהיגים האלטן זיך אָפּ, אין אלגעמיין, פונעם קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם אין די קאפיטאליסטישע לענדער.

נאָכדעם, ווי היטלער איז געקומען צו דער מאכט אין דײַטשלאנד, ווען אלע אנטיפאשיסטישע קויכעס אין דער גאָרער וועלט, ארײַנרעכענענדיק דעם איבערוועגנדיקן טייל פון די ייִדישע אָרגאניזאציעס, האָבן פראָקלאמירט א באָיקאָט אף נאצי־דײַטשלאנד, זײַנען געווען קאָנטאקטן און א קאָאָפעראציע צווישן ציִעניסטישע מאנהיגים און דער היטלערישער מאכט. דער פארשטאָרבענער מעיִר ארגאָוו, וועלכער איז געווען פאָרזיצער פון דער אויסערן־און זיכערהײַטס־קאָמיסיע פון דער קנעסעט, האָט פולשטענדיק בארעכטיקט דעם שילומים־אָפּמאך (פארגיטיקונג פאר א געלט־אָפּצאָל) מיט מײַרעוו־דײַטשלאנד, מיט דער מאָטיווירונג, אז אזוי האָט טאָמיד געהאנדלט דער ציִעניזם — „זינט הערצל איז געגאנגען צו פלעווען, וועלכער האָט אָרגאניזירט די פּאָגראָמען און שכיטעס פון ייִדן אין צארישן רוסלאנד, קעדיי צו פירן אונטערהאנדלונגען וועגן א „מקלט בטוח״ (זיכערער היים אין ערעץ־ייִסראָעל)״, און „זינט דער שעף פון דער פאָליטישער אָפּטיילונג פון דער ייִדישער אגענץ כאַיִם ארלאזאָראָוו איז געגאנגען און געשלאָסן דעם טראנספער־אָפּמאך (מיט נאצי־דײַטשלאנד)״[3].

ווען די נאציס זײַנען אריבערגעגאנגען פון דער עקסטרעמער ראסיסטיש־אנטיסעמיטישער ליניע צו דער ליניע פון פיזישער פארטיליקונג פון די ייִדישע מאסן אין אייראָפּע, האָבן זיך אויך די ציִעניסטישע מאנהיגים מאָביליזירט צום קאמפּס־פראָנט קעגן די נאציס. צוגלײַך מיט דעם אָבער באווײַזן די פאקטן, אז אויך אין דער טקופע פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָט די ציִעניסטישע אָנפירערשאפט געזוכט א וועג צו די נאצישע פירער, קעדיי צו רעאליזירן די ציִעניסטישע צילן אפילע אפן כעזשבן פון די ייִדישע פאָלקסמאסן.

דער פראָצעס פון רודאָלף קאסטנער, וועלכער איז פאָרגעקומען אין יערושאָלאַיִם אין 1952, האָט אופגעדעקט די קאָלאבאָראציע צווישן דעם נאצישן טאליען אייכמאן און דעם פירער פון די אונגארישע ציִעניסטן אין דער טקופע פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, —

---

[1] „הארץ״, 1968 .11 .15.

[2] „דזערוזאלעם פאָסט״, 1968 ,4 .18.

[3] „דברי הכנסת״ 1959 .6 .30.

ר. קאסטנער. קאסטנער און זײַנע כאַווײרים האָבן זײער גוט געוווּסט, אַז די נאַציס שיקן די ייִדן פון אונגאַרן אין די טויט־קרעמאַטאָריעס, זײ האָבן אָבער געהאַלטן פאַר נײטיק דאָס אויסצובאַהאַלטן פון די ייִדישע מאַסן פאַרן פרײַז פון אַ צוזאָג מיצאַד דעם נאַציש׳ן צוירער אײכמאַן צו דערמעגלעכן עטלעכע הונדערט ייִדן, הויפּטזאַכלעך ציִיעניסטישע טוער און פּראָציִיעניסטישע קאַפּיטאַליסטן, אַרויסצופֿאָרן קײן ערעץ־ייִסראָעל. די אײדעס־דערקלערונגען אויפן פּראָצעס האָבן באַוויזן, אַז קאַסטנער און זײַנע מענטשן האָבן געזאָרגט „אײַנצושטילן״ און „באַרויִקן״ די ייִדישע מאַסן. אַזויאַרום האָבן זײ אײַנגעשלעפֿערט זײער וואַכזאַמקײַט און פֿאַרלײַכטערט פאַר די נאַציס די אַרבעט צו שיקן די ייִדן אין די פאַרטיליקונגס־לאַגערן. ווען די ייִדן אין אונגאַרן וואָלטן דעמלט געוווּסט דאָס, וואָס קאַסטנער האָט געוווּסט, איז צו גלײבן, אַז זײ וואָלטן רעוואָלטירט אָדער אַנטלאָפן און אָנגעשלאָסן זיך אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

אָבער ניט בלויז אין פאַל מיט די ייִדן אין אונגאַרן האָט די ציִיעניסטישע אָנפירונג געפירט אַזאַ ליניע. זי האָט אַ לענגערע צײַט אויסבאַהאַלטן פון דער עפנטלעכער מײנונג דעם טראַגישן פאַקט פון דער ייִדן־פאַרטיליקונג מיצאַד די נאַציס. אויף אַ סימפּאָזיום, וואָס די אָוונט־צײַטונג „מאַאַריוו״ האָט אײַנגעאָרדנט אין 1966 אונטערן טיטל „די פירער פון דער הגנה, אַצ״ל און לח״י אַרום אַ רונדן טיש״, האָט דער קנעסעט־דעפּוטאַט כאַיִם לאַנדאַו אָפּגעמערקט:

„עס איז אַ פאַקט, אַז אין יאָר 1942 האָט שוין די ייִדישע אַגענץ (סאָכנוט) געוווּסט וועגן דער ייִדן־פאַרטיליקונג. אויב דער טעמפּ פון דער דאָזיקער פאַרטיליקונג איז ניט געווען באַוווּסט, איז אָבער דער עצעם פאַקט געווען גוט באַקאַנט דער סאָכנוט־אָנפירונג און די ייִדישע קרײַזן אין די פאַרײניקטע שטאַטן. און דער עמעס איז, אַז ניט נאָר, וואָס זײ האָבן געשוויגן, נאָר זײ האָבן אויך אײַנגעשטילט און אויסבאַהאַלטן דאָס, וואָס זײ האָבן שוין געוווּסט״[1].

אויף דעם דאָזיקן סימפּאָזיום האָט דער ציִיעניסטישער טוער עליִעזער ליוונע (רעדאַקטאָר פונעם האַגאַנאַ־אָרגאַן אין דער טקופע פון דער צווײטער וועלט־מילכאָמע) געזאָגט, אַז פאַר דער ציִיעניסטישער אָנפירונג איז דאָס אָפּראַטעווען ייִדן געווען ניט אַ ציל פאַר זיך, נאָר בלויז אַ מיטל. אַנדערש וואָלטן די ציִיעניסטישע מאַנהיגים אָנגעווענדט אַן אַנדער טעטיקײַט־ליניע. א. ליוונע האָט דערקלערט:

„אין יענער טקופע (אין די יאָרן פונעם נאַצי־כורבן) האָט די איקערדיקע נאַציִאָנאַלע אויפגאַבע באַדאַרפט זײַן — די רעטונג פון די ייִדן אין די טפוצעס. אַ רעטונג ניט דאַפקע קעדײ אַראָפּצוברענגען זײ אין לאַנד אַרײַן; ניט קעדײ צו באַפעלקן די ענגלענדער. אָפּראַטעווען ייִדן צוליבן אָפּראַטעווען זײ״[2]... שפּעטער האָט א. ליוונע געזאָגט אויפן סימפּאָזיום: „אָט וואָס מיר האָבן באַדאַרפט טאָן, ווען מיר וואָלטן געזען דעם הויפּט־ציל אין אָפּראַטעווען דעם מאַקסימום ייִדן אויף זײערע אָרטער. די אַקציע־צענטערס זײַנען געווען די פּאַרטיזאַנער־באַזעס. פּאַרטיזאַנער זײַנען געווען אין פּוילן, אין ליטע, אין די אָקופּירטע געביטן פון רוסלאַנד, אין יוגאָסלאַוויע און אַ ביסל שפּעטער אויך אין סלאָוואַקיע. ווען מיר וואָלטן אין שטערן דער דאָזיקער פאַרטיליקונג געזען דעם איקער און ווען מיר וואָלטן זיך פאַרבונדן מיט די דאָזיקע צענטערס — וואָלטן מיר געקענט פיל ייִדן אָפּראַטעווען״[3].

אַ ביז גאָר וויכטיק אָרט אין דער ציִיעניסטישער פּאָליטיק פאַרנעמט די העצערײַ און די אונטערגראָבערישע טעטיקײַט קעגן ראַטנפאַרבאַנד, קעגן די אַנדערע סאָציִאַליסטישע לענדער, קעגן דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציִאָנאַלער באַוועגונג.

די ציִיעניסטישע מאַנהיגים, וועלכע פאַרזעען בעדערעך־קלאַל די אַנטיסעמיטישע טעטיקײַט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, פירן אַן אַלוועלטלעכע גרויל־פּראָפּאַגאַנדע קעגן ראַטנפאַרבאַנד און אַנדערע סאָציִאַליסטישע לענדער, מיטן מאָטיוו, אַז דאַפקע באַ דער סאָציִאַליסטישער אָרדענונג בליט דער אַנטיסעמיטיזם. אַזויאַרום, ווילן די ציִיעניסטישע מאַנהיגים באַווײַזן, אַז דער סאָציִאַליזם איז נישט מעסוגל צו לײזן די ייִדן־פראַגע און גוויוועך זײַן דעם אַנטיסעמיטיזם.

די דערפאַרונג פונעם סאָציִאַליזם באַווײַזט אָבער, אַז אין די סאָציִאַליסטישע לענדער איז יאָ געלײזט די ייִדן־פראַגע, עס זײַנען מיטן וואָרצל אויסגעריסן געוואָרן די סאָציִאַלע און פּאָליטישע יעסוידעס פונעם אַנטיסעמיטיזם. אין אַ סאָציִאַליסטיש לאַנד זײַנען מער ניט פאַראַן קײן געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, וועלכע זײַנען פאַרינטערעסירט אין אַנטיסעמיטיזם און ביכלאַל אין נאַציִאָנאַלער דיסקרימינאַציע.

דאָס מײנט ניט, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד אָדער אין אַן אַנדער סאָציִאַליסטיש לאַנד זײַנען מערער ניט פאַראַן קײן מענטשן, וואָס האָבן זיך נאָך ניט באַפרײַט פון די איבערבלײַבעכצן פון אַנטיסעמיטיזם און פון אַנדערע נאַציִאָנאַליסטישע פאָרורטײלן. די סיבע פון די דאָזיקע אויסנאַם־דערשײַנונגען שטעקט אין דעם, וואָס עס לעבן נאָך מענטשן פון די אַלטע קלאַסן, עס זײַנען נאָך פאַראַן מענטשן, וועלכע זײַנען באַאײַנפלוסט פון דער אַלטער בורזשואַזער געזעלשאַפט און פון דער אויסערלעכער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. ס׳איז אויך מאַשפּיִע די

---

[1] „מעריב״, 1966. 4. 24; [2] „מעריב״, 1966. 4. 10; [3] „מעריב״, 1966. 4. 24.

אויסלענדישע אידעאָלאָגישע אימפעריִאליסטישע אונטערגראָבונגס־טעטיקײַט, וועלכע באמיט זיך ארײַנצושמוגלען נאציִאָנאליסטישע פאָרורטיילן און דערפירן צו אן אײַנרײַס צווישן די פעלקער, קעדיי פון אינעווייניק צו אונטערגראָבן די סאָציִאליסטישע מעדינעס.

די פראגע פון ליקווידירן די רעשטלעך פונעם אנטיסעמיטיזם און פון אנדערע נאציִאָנאליסטישע פאָרורטיילן אין דער סאָציִאליסטישער געזעלשאפט איז ניט קיין אָפגעזונדערטע, נאָר א טייל פון דער אלגעמיינער פראגע פון ליקווידירן די רעשטלעך פון דער אידעאָלאָגיע און די פאָרורטיילן פונעם קאפיטאליזם אין דער סאָציִאליסטישער געזעלשאפט.

עס זײַנען נאָך פאראן שאָוויניסטישע פאָרורטיילן בא פארשיידענע מענטשן אין דער סאָציִאליסטישער געזעלשאפט (און ייִדן זײַנען ניט קיין אויסנאם), גענוי ווי עס זײַנען נאָך פאראן רעליגיִעזע פאָרורטיילן און אנדערע נעגאטיווע דערשײַנונגען. די אלע זאכן זײַנען אָבער ניט כאראקטעריסטיש פארן סאָציִאליזם, נאָר קעגנזעצלעך צו זײַן מעהוס. דאָס זײַנען ניט קיין אייגנשאפטן פונעם סאָציִאליזם, נאָר אייגנשאפטן פון דעם קאפיטאליזם, און דעריבער זײַנען דאָס פארבײַגייענדיקע דערשײַנונגען אין סאָציִאליסטישע מעדינעס.

דער פאקט פון אויסוואנדערונג פון ייִדן פון סאָציִאליסטישע לענדער אין די קאפיטאליסטישע לענדער, אײַנשליסלעך קיין ייִסראָעל, איז ניט קיין רעזולטאט פון דער סאָציִאליסטישער אָרדענונג, נאָר א פראָדוקט פון פארשיידענע היסטאָרישע אומשטענדן. נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָבן אַף א טייל ייִדן מאשפיִע געווען די גרוילן פון דער פארטיליקונג מיצאד די נאציס, אין דער ריכטונג פון פארלאָזן די ערטער פונעם כורבן און פארײַניקן זיך מיט די פאמיליעס אין אויסלאנד. אנדערע טיילן, פון קליינבירגערלעכן אָפשטאם, האָבן א ווילן צו לעבן אונטער א קאפיטאליסטישן רעזשים איידער אונטער א סאָציִאליסטישן. אין געוויסע פאלן האָט מאשפיִע געווען די ציִעניסטישע פראָפאגאנדע, ווי אויך שווערקײַטן פון סאָציִאליסטישן בוי און באגאנגענע פעלערן.

די ציִעניסטישע אידעאָלאָגן נוצן אויס פאר זייערע צוועקן דעם פאקט, וואָס אין א געוויסער צײַט זײַנען ייִדן (און אויך מענטשן פון אנדערע פעלקער) און זייערע קולטור־טוער אין ראטנפארבאנד געטראָפן געוואָרן, ווען ס'האָט געהערשט דער פערזאָנען־קולט און ס'זײַנען געווען פארלעצונגען פון דער סאָציִאליסטישער געזעצלעכקײַט. זיי פארהוילן דעם פאקט, אז אויך דעמלט איז דאָס פאָרגעקומען ניט אפן באָדן פון אנטיסעמיטיזם אָדער פון אן אנדערער נאציִאָנאלער דיסקרימינאציע, נאָר אפן באָדן פון די אלגעמיינע פארלעצונגען פון דער סאָציִאליסטישער געזעצלעכקײַט אין דער טקופע, פון דער קאפיטאליסטישער ארומרינגלונג, און אלס רעזולטאט פון באגאנגענע פעלערן און פארקריפלונגען אין יענער צײַט.

עס איז אָבער א פאקט, אז די קאָמוניסטישע פארטיי פון ראטנפארבאנד און די סאָוועטישע רעגירונג האָבן לויט זייער אייגענער איניציִאטיוו אויסגעבעסערט די פעלערן און פארקריפלונגען, סײַ לעגאבע דער ייִדישער קולטור און אירע שעפער און סײַ לעגאבע דער קולטור פון אנדערע פעלקער און סײַ אַף אנדערע געביטן.

די כאראקטעריסטישע און באשטימענדיקע דערשײַנונג אין דער סאָציִאליסטישער געזעלשאפט אין ראטנפארבאנד לעגאבע אלע נאציִאָנאלע מינדערהײַטן איז די אינטעגראציע. עס קומט פאָר א פראָצעס פון אײַנפלעכטן זיך פון די ייִדן און פון אנדערע נאציִאָנאלע מינדערהײַטן אין אלגעמיינעם לעבן פונעם ראטנפארבאנד אלס רעזולטאט פון די אָביעקטיווע אנטוויקלונגס־געזעצן פון דער סאָציִאליסטישער געזעלשאפט. די אינטעגראציע פון די ייִדן אין אלגעמיינעם לעבן אינעם ראטנפארבאנד איז א נאטירלעכער היסטאָרישער פראָצעס, און ספעציִעל לעגאבע א באפעלקערונג, וואָס איז הויפטזאכלעך קאָנצענטרירט אין די גרויסע שטעט, אין וועלכע עס גייט שנעלער דער פראָצעס פון פעלקער־צונויפמישונג.

וואָס שײַעך דער פראגע פון ייִדישער קולטור־טעטיקײַט אין ייִדיש, איז די פרינציפיעלע זײַט אין דער דאָזיקער פראגע, אז אַף וויפל עס זײַנען פאראן באדערפענישן אפן דאָזיקן געביט, דארפן זיי באפרידיקט ווערן. און דער ראטנפארבאנד האנדלט טאקע אין אײַנקלאנג מיטן דאָזיקן לענינישן פרינציפ. די פאָרמען פון דער קולטור־טעטיקײַט אין ייִדיש — דאָס איז אן אינערלעכע פראגע פון די סאָוועטישע מענטשן.

אין סאָוועטנפארבאנד איז געזיכערט די פרײַהײַט פון רעליגיִעזן קולט און עס ווערן באפרידיקט די באדערפענישן פון דער ייִדישער רעליגיע, אַף וויפל ס'זײַנען פאראן אזעלכע באדערפענישן צווישן די סאָוועטישע ייִדן, גענוי ווי דער ראטנפארבאנד האנדלט לעגאבע אלע אנדערע רעליגיעס.

די ציִעניסטישע אנטיסאָוועטישע פראָפאגאנדע אין דער ייִדן־פראגע איז א טייל פון דער אלגעמיינער אנטיסאָציִאליסטישער פאָליטיק פון די ציִעניסטישע מאנהיגים, וועלכע שטרעבן צו „באפרײַען” די סאָוועטישע ייִדן פונעם סאָציִאליזם, אזוי ווי די אימפעריִאליסטישע אינטערנאציִאָנאלע רעאקציע איז פארינטערעסירט צו „באפרײַען” פון דעם סאָציִאליזם אלע פעלקער פונעם ראטנפארבאנד. זי איז געווען און איז פארבליבן אן אינטעגראלער און וויכטיקער טייל פון דער קאלטער מילכאָמע, וועלכע עס פירן די אימפעריִאליסטישע צענטערס, פון דעם אידעאָלאָגישן אונטערגראָבערישן קאמף קעגן די סאָציִאליסטישע לענדער.

די ציִעניסטישע פראָפאגאנדע קעגן ראטנפארבאנד אין דער ייִדן־פראגע דערגייט אָפט

צו אַזעלכע אַבסורדאַלע פֿאַרמען, אַז זי רופֿט אַרויס דעם ווידערווילן אַפֿילו מיצד אויסגעשפּראָכענע אַנטיסאָוועטישע קרײַזן.

אַלס בײַשפּיל קאָן דינען דער קאַנאַדער זשורנאַליסט פּיטער וואָרטינגהאַם, אַ קעגנער פֿונעם סאָוועטישן רעזשים, וועלכער האָט בעמעשעך פֿון צוויי יאָר פֿאַרגעשטעלט די צײַטונג „טאָראָנטאָ־טעלעגראַם" אין ראַטנפֿאַרבאַנד. אין סאָף פֿון 1967 האָט ער אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אויף דער טעמע „ייִדן אין ראַטנפֿאַרבאַנד", אין וועלכן מיר לייענען צווישן אַנדערן:

„כ'בין איבעראַשט געוואָרן איבערן פֿאַרנעם און דער טיפֿקייט פֿון דעם, וואָס זעט מיר אויס צו זײַן ווי אַ קאָנצענטרירטע קאַמפּאַניע, וועלכע שטאַמט פֿון די ציוניסטישע עלעמענטן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אַ קאַמפּאַניע, וואָס איז אויסן צו פֿאַרדאַמען דעם ראַטנפֿאַרבאַנד צוליב זײַן קלוימערשטן אַנטיסעמיטיזם..." „די רוסן גרײַפֿן אָן ניט דאָס ייִדנטום, נאָר דעם ציוניזם — אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע איז שווער צו געפֿינען אַ צײַטונג, וואָס זאָל מאַסקים זײַן צו פֿאַרעפֿנטלעכן דעם עמעס וועגן מאַצעוו פֿון די ייִדן אין ראַטנפֿאַרבאַנד". „איך מוז מאַכן דעם אויספֿיר, אַז ווען כ'וואָלט געפֿונען צעווילדעוועטן אַנטיסעמיטיזם אין ראַטנפֿאַרבאַנד, וואָלטן מײַנע אַרטיקלען אויף דער טעמע זיכער זויכע געווען צו פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן. איך פֿיל, אַז דאָס איז אַ ציוניסטישע האַשפּאָע און ניט אַן איינפֿאַכער ייִדישער דרוק, וואָס צווינגט צו שילדערן אין דער פּרעסע אַן איינזײַטיק בילד"...

פּיטער וואָרטינגהאַם באַשולדיקט די ציוניסטן, אַז זיי זײַנען פֿאַרינטערעסירט אין ייִדנפֿאַרפֿאָלגונגען אין ראַטנפֿאַרבאַנד:

„איך האָב דעם פֿאַרדאַכט, אַז ס'זײַנען פֿאַראַן געוויסע ייִדן אין אויסלאַנד, וואָס וואָלטן בעסער געוואָלט זען געריכטעטע אַנטי־ייִדישע פֿאַרפֿאָלגונגען, איידער אַ פּערמאַנענטן פּראָצעס פֿון אינטעגראַציע".

אין די לעצטע יאָרן האָט די ייִסראָעל־רעגירונג אָנגענומען אַ ליניע פֿון אָפֿיציעלער אידענטיפֿיצירונג פֿון דער ייִסראָעלדיקער אויסערן־פּאָליטיק מיטן אידעאָלאָגישן קאַמף פֿונעם ציוניזם קעגן ראַטנפֿאַרבאַנד און אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער. אָפֿיציעלע פֿאָרשטייער פֿון דער ייִסראָעל־רעגירונג האָבן אָנגעהויבן אויסנוצן די טריבונע פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס און פֿון אירע קאָמיסיעס, קעדיי אַרויסצוקומען מיט העצערישע רעדעס קעגן ראַטנפֿאַרבאַנד און אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער. די ייִסראָעל־רעגירונג פּרעטענדירט צו רעפּרעזענטירן די ייִדן פֿון דער גאַנצער וועלט און פֿאָדערן פֿאַר זיך דאָס רעכט אַרײַנצומישן זיך אין די אינערלעכע ענינאָנים פֿון די סאָציאַליסטישע לענדער. די דאָזיקע ליניע האָט ניט ווייניק בײַגעשטײַערט צום צעשטערן די באַציונגען צווישן ייִסראָעל מיט דעם ראַטנפֿאַרבאַנד און מיט אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער.

די ציוניסטישע פּראָ־אימפּעריאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך פֿאַרשטאַרקט נאָך דער יוני־מילכאָמע אין 1967, עס האָבן זיך אָבער פֿאַרקלענערט אירע דערפֿאָלגן. נאָך דער יוני־מילכאָמע איז שוין די עפֿנטלעכע מיינונג אין דער גאָרער וועלט בעסער אינפֿאָרמירט וועגן דער באַציונג פֿון די ייִסראָעלדיקע הערשער — די פֿאָנענטרעגער פֿונעם ציוניזם — צו דער אַראַבישער באַפֿעלקערונג, צו די אַראַבישע פּליטים, צו דער פֿראַגע פֿון פֿאַראייניקן זייערע פֿאַמיליעס.

די ציוניסטישע פּראָ־אימפּעריאַליסטישע פּראַקטיק האָט באַקומען אַ נײַעם אויסדרוק אין דער קאָאָפּעראַציע פֿון די ייִסראָעלדיקע רעגירער מיט די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן אין זייער נעאָקאָלאָניאַליסטישער פּאָליטיק.

אין זײַן בוך „די נײַע מעדינעס אין אַזיע" שרײַבט דער אַמעריקאַנער פּראָפֿעסאָר מיכאל ברעכער וועגן די מעקוירעס פֿון דער ייִסראָעלדיקער אַרײַנדרינגונג קיין אַפֿריקע:

„איינער פֿון די מעקוירעס איז די שטרעבונג צו דינען ווי אַ בריק צווישן די געוועזענע קאָלאָניאַלע גרויסמאַכטן פֿון מײַרעוו און די אַמאָליקע אָפּהענגיקע טעריטאָריעס. דער פֿאַקט, וואָס ייִסראָעל פֿאַרמאָגט די מײַרעוודיקע פֿאַכמענישקײַט אָן דעם שאַנד־צייכן פֿונעם קאָלאָניאַליזם, דערמעגלעכט ייִסראָעל אויסצופֿילן אַ שליסל־אויפֿגאַבע באַם רעאַליזירן די שטיצע פֿון מײַרעוו, וואָס וואָלט געקענט זײַן פֿאַרדעכטיק, אויב זי וואָלט דירעקט צוגעטיילט געוואָרן".

דאָס פֿאָלק פֿון ייִסראָעל איז פֿאַרינטערעסירט אין פֿרײַנטלעכע פֿאַרבינדונגען און קאָאָפּעראַציע מיט די פֿעלקער פֿון אַזיע, אַפֿריקע און לאַטײַן־אַמעריקע, אָבער ניט אַלס אַנטפּלעקונג פֿון נעאָקאָלאָניאַליזם, — ווי אַ זעלבשטענדיקער פֿאַקטאָר פֿון שאָלעם, אומאָפּהענגיקייט און סאָציאַלן פּראָגרעס.

די ציוניסטישע באַוועגונג
איז ניט קיין באַוועגונג פֿאַר נאַציאָנאַלער באַפֿרײַונג

דער אַנאַליז פֿון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע און איר פּאָליטיק באַווײַזט, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג, מיט אַלע אירע צאָלרײַכע אָרגאַניזאַציעס, איז ניט קיין באַוועגונג פֿאַר נאַציאָנאַלער באַפֿרײַונג, נאָר אַ פּאָליטישע רעאַקציאָנערע, נאַציאָנאַליסטישע שטרעמונג, איינער פֿון די וויכטיקסטע אינסטרומענטן פֿון דער ייִדישער בורזשואַזיע, וועלכע ווערט

אויסגענוצט מיצאַד דעם אימפּעריאַליזם אין זײַן קאַמף קעגן די דרײַ רעוואָליוציאָנערע קויכעס פון אונדזער צײַט.

דער פּרוושטיין פאַר אַ נאַציאָנאַלער באַפרײַונגס־באַוועגונג איז די באַציִונג צום אימ־פּעריאַליזם, צום אַנטי־אימפּעריאַליסטישן קאַמף.

די ציִוניסטישע באַוועגונג איז ניט קיין באַוועגונג פאַר נאַציאָנאַלער באַפרײַונג, ווײַל איר פּראָגראַם און פּראַקטיק זײַנען ניט קיין אַנטיאימפּעריאַליסטישע, נאָר זיי באַזירן זיך אויף אַ בונד מיטן אימפּעריאַליזם:

1) אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער קאָאָפּערירט זיך די ציִוניסטישע באַוועגונג מיט דער גרויס־בורזשואַזיע קעגן דער קאָמוניסטישער, רעוואָליוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, און זי באַמיט זיך אָפּצורײַסן די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן פון זייערע קלאַסן־ברידער, פונעם קאַמף פאַר ענדערן די סאָציאַלע אָרדענונג, פאַר סאָציאַליזם.

2) אין מיטעלן מיזרעך דינט די ציִוניסטישע באַוועגונג, זינט דער טקופע פון דער טערקישער און שפּעטער פון דער ענגלישער הערשאַפט און ביז הײַנטיקן טאָג — אַלס געטרײַער פאַרבינדעטער פון פאַרשיידענע אימפּעריאַליסטן אין זייער קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער באַפרײַונגס־באַוועגונג פון די אַראַבישע פעלקער, אין קעגנזאַץ צו די עכטע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פונעם ייִסראַעל־פאָלק.

3) אין ייִסראַעל איז די ציִוניסטישע באַוועגונג געריכטעט קעגן די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, פאַר אָפּזונדערן די יידישע אַרבעטער פון די אַראַבישע. זי קולטיווירט אומצוטרוי צווישן זיי און פאַרשפּרייט שאָוויניזם און נאַציאָנאַלע גײַוועס. אין ייִסראַעל איז די ציִוניסטישע באַוועגונג געריכטעט קעגן דער נאַציאָנאַלער באַפרײַונג פונעם ייִסראַעל־פאָלק — קעגן דער באַפרײַונג פון די קייטן פונעם פרעמדן קאַפּיטאַל און פון דער אָפּהענגיקייט פונעם אימפּעריאַליזם; זי פירט אַ פּאָליטיק פון טעריטאָריאַלער עקספּאַנסיע באַ דער שטיצע פונעם אימפּעריאַליזם.

4) דער ציִוניזם דינט אַלס איינער פון די אינסטרומענטן פונעם אימפּעריאַליזם אין זײַן גלאָבאַלן קאַמף און אין זײַן אידעאָלאָגישער און פּאָליטישער דיווערסיע קעגן דעם ראַטנ־פאַרבאַנד און דער גאַנצער אַלוועלטלעכער סאָציאַליסטישער סיסטעם מיטן ציל צו צעטרייס־לען זי פון אינווייניק.

5) אין אַזיע, אין אַפריקע און אין לאַטײַן־אַמעריקע קומט די ציִוניסטישע באַוועגונג צוהילף דער נעאָקאָלאָניאַליסטישער טעטיקײַט פון די פאַרייניקטע שטאַטן, מײַרעוו־דײַטש־לאַנד, ענגלאַנד און אַנדערע אימפּעריאַליסטישע לענדער.

די ציִוניסטישע באַוועגונג איז, אַלזאָ, ניט קיין נאַציאָנאַלע באַפרײַונגס־באַוועגונג, ווײַל זי שטעלט פאַר זיך ניט דעם ציל צו באַפרײַען אַ פאָלק אָדער אַ לאַנד פון פרעמדער הער־שאַפט. זי איז ביכלאַל ניט קיין נאַציאָנאַלע באַוועגונג, נאָר אַ פּאָליטישע רעאַקציאָנערע באַוועגונג פון דער יידישער בורזשואַזיע. פּונקט ווי ס'איז ניט פאַראַן קיין „אַלוועלטלעכע עקסטעריטאָריעלע יידישע נאַציע", אַזוי איז ניטאָ קיין אַלוועלטלעכע עקסטעריטאָריעלע נאַ־ציאָנאַלע באַוועגונג. זי איז אויך ניט קיין נאַציאָנאַלע ייִסראַעלדיקע באַוועגונג. זי שטערט דער נאַציאָנאַלער באַפרײַונג פונעם ייִסראַעל־פאָלק פון דער אָפּהענגיקייט פונעם אימפּעריאַ־ליזם. זי קאָאָפּערירט זיך מיט די קאָלאָניאַלע גרויסמאַכטן קעגן די אַנטי־אימפּעריאַליסטישע באַוועגונגען פאַר נאַציאָנאַלער באַפרײַונג אין מיטעלן מיזרעך און אין אַנדערע ראַיאָנען.

ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע איז די הויפּט־טעטיקײַט פון דער ציִוניסטישער באַ־וועגונג אין די באַדינגונגען פון אַ קאַפּיטאַליסטישן רעזשים באַשטאַנען אין אָפּרײַסן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן פונעם אַלגעמיינעם קאַמף פון אַלע אַרבעטנדיקע פאַר דער פאַרטיידיקונג פון זייערע טאָגטעגלעכע אינטערעסן און פאַרן סאָציאַליזם. אַזויאַרום, האָט דער ציִוניזם געדינט די קאַפּיטאַליסטן און גוטבאַזיצער אין צאַרישן רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער. אין זײַנע אַרבעטן האָט לענין טאַקע כאַראַקטעריזירט דעם ציִוניזם פון דעם דאָזיקן שטאַנד־פּונקט.

דאָס נײַע באַשטייט אין דעם, וואָס צוגאָבלעך צו דעם, וואָס דער ציִוניזם דינט די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, פּילט ער איצט אויס אַ וויכ־טיקע אויפגאַבע אין דער גלאָבאַלער פּאָליטיק פון דעם אימפּעריאַליזם אַלס אינסטרומענט אין זײַן קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער אַראַבישער אַנטי־אימפּעריאַליסטישער באַוועגונג, קעגן די סאָציאַליסטישע לענדער, ווי אויך אין זײַן נעאָקאָלאָניאַליסטישער פּאָליטיק. דער ציִוניזם באַ הײַנטיקן טאָג איז די הערשנדיקע אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק אין אַ סוווערענער מעדינע — אין ייִסראַעל. ער איז די בעשוטפעסדיקע באַזע פאַר אַלע פּאַרטייען פון דער רעגירונגס־קאָאַליציע — פון כיירוט ביז מאַפּאַם. די דאָזיקע פּאַרטייען זיצן צוזאַמען אין דער רעגירונג פון „נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע" אויף דער באַזע פון דער מילכאָמע פון יוני 1967, אויף דער באַזע פון די ציִוניסטישע צילן פון טעריטאָריאַלער עקספּאַנסיע און דינסט דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם.

די ציִעניסטישע פּאָליטיק — און אַנטיפֿאָלקישע

1



2

1. דעמאָנסטראַציע קעגן דעם יאָקרעס

2. אין לאָנדאָן האָבן א גרופּע יוגנט־לעכע, ייִדן פון אמעריקע און ענגלאנד און פאלעסטינער אראבער, דורכגע־פירט א געמיינזאמע פּיקעטן־דעמאָנ־סטראַציע. אפן בילד, לינקס: „איך בין אן אראביש מיידל פון פאלעסטי־נע, געבוירן אין ירושאָלאַיִם. פּאַ־לעסטינע איז מײַן היימלאנד: מיר איז פארבאָטן זיך אהין אומצוקערן". רעכטס: „איך בין א ייִדיש מיידל, גע־בוירן אין פשא. ייִסראָעל איז ניט מײַן געבוירנלאנד. איך קען זיך אָבער אהין „אומקערן".

3. א רעזשים פון טעראָר קעגן די אראבער

4. „ברויט און שאָלעם!"

3

4

נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע פּאָרופן זיך די ציִעניסטישע מאַנהיגים אָפּן ביטערן גוירל פון די ייִדישע מאַסן אין אייראָפּע אין דער טקופע פון דער נאַצי־הערשאַפט, אָנווײַזנ־דיק אַף דער רעטונג פון די ייִדן אין ערעץ־ייִסראַעל, ווי אַ באַווײַז פאַר דער קלוימערשטער ריכטיקײַט פון דער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע. אַזאַ אויספיר האָט ניט קיין שום היסטאָרישע אָדער וויסנשאַפטלעכע לאָגיק.

ערשטנס, איגנאָרירן די ציִעניסטישע טוער דעם פאַקט, אַז אין דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, ווען ייִדן זײַנען פאַרניכטעט געוואָרן מיצאַד די נאַציס, האָבן דאָס סאָוועטישע מיליטער און די סאָוועטישע פעלקער געמאַכט ספּעציִעלע אָנשטרענגונגען, קעדיי אָפּצוראַ־טעווען די ייִדן און אַנדערע קאָרבאָנעס פונעם דײַטשישן פאַשיזם. און, ווירקלעך, מאַסן ייִדן אין אייראָפּע זײַנען אַדאַנק דעם אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. דאָס ניט־עפענען אַ צווייטן פראָנט מיצאַד די מערעווודיקע גרויסמאַכטן ביזן יאָר 1944, איבער אַנטיסאָוועטישע טײַמים, — האָט געגעבן די נאַציס אַ מעגלעכקײַט פאַרצווצען זייער פאַרניכטונגס־אַרבעט.

צווייטנס, פאַרזעען די ציִעניסטישע טוער דעם פאַקט, אַז דער נאַציזם, וואָס האָט זיך אַכזאָריעסדיק באַצויגן ספּעציִעל צו ייִדן און אומגעבראַכט זעקס מיליאָן פון זיי, האָט אויך אומגעבראַכט פיל מיליאָנען פון אַנדערע פעלקער, דעריקער סלאַוון, אַף די אָקופּירטע טע־ריטאָריעס, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אין די גאַז־קאַמערן. פונדאַנען איז געדרונגען, אַז די פאַשיסטישע ראַסן־טעאָריע איז ניט געווען בלויז און אויסשליסלעך אַן אַנטיסעמיטישע.

דריטנס, נעגירן זיי דעם קלאַסן־צוגאַנג און די פּאָליטישע צילן פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פאַרניכטונג. מיליאָנען ייִדן זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן, ווײַל דער קאַפּיטאַליזם אין זײַן אימפּעריִאַליסטישער פאַזע האָט אין דײַטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער געבוירן דעם פאַשיזם, וועלכער איז אַן אָפּענע טעראָריסטישע דיקטאַטור, אַ ביז גאָר שאָוויניסטישע און ברוטאַלע, אַ דיקטאַטור פונעם פינאַנס־קאַפּיטאַל, פונעם אימפּעריִאַליזם. די ייִדן זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן, ווײַל דער פאַשיזם האָט באַהערשט דײַטשלאַנד און אַ גאַנצע ריי אַנדערע לענדער אין אייראָפּע, און ניט, ווי עס טײַנען די ציִעניסטישע אידעאָלאָגן, דערפאַר, ווײַל די ייִדן זײַנען ניט צו דער צײַט אוילע געווען קיין ערעץ־ייִסראַעל.

דער היסטאָרישער עמעס איז, אַז די ייִדן אין ערעץ־ייִסראַעל אין דער טקופע פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע זײַנען ניט געווען זיכער מיט זייער גוירל מער, ווי די ייִדן פון אייראָפּע. דאָס נאַצישע מיליטער האָט אויך אָנגעגריפן אין צאָפן־אַפריקע, שוין געהאַט אַרײַנגעדרונגען אין עגיפּעט און האָט אויך געקענט דערגרייכן קיין ערעץ־ייִסראַעל. אין אַזאַ פאַל וואָלט דער גוירל פונעם ייִדישן יישעוו געווען אַן אַנטשיידענער. די נאַציס וואָלטן אומגעבראַכט די ייִדן אין ערעץ־ייִסראַעל, פונקט ווי זיי האָבן דאָס געטאָן אין אייראָפּע. צום גליק, האָט זיך די נאַציס ניט אײַנגעגעבן אַרײַנצומאַרשירן קיין ערעץ־ייִסראַעל, און דאָס האָט פּאַסירט ניט ווײַל זיי האָבן זיך גערעכנט מיטן הייליקן לאַנד אָדער מיט דער ציִעניסטי־שער קאַמייע פון די פירער פונעם ייִדישן יישעוו. די נאַציס האָבן ניט געקענט אַרײַנמאַרשירן קיין ערעץ־ייִסראַעל, ווײַל די סאָוועטישע רויטע אַרמיי האָט רעכטצײַטיק באַוויזן, ניט לאַנג פאַר דער 12־טער שאָ (פונעם שטאַנדפּונקט פון דער סאַקאָנע פון דער נאַצישער אינוואַזיע קיין ערעץ־ייִסראַעל), צו צעברעכן דעם נאַקן פון היטלערס אַרמיי אין סטאַלינגראַד, צו צווינגען דאָס מיליטער פון נאַצי־דײַטשלאַנד דרינגענדיק אַריבערצופירן מיליטערישע פאַר־שטאַרקונג פון צאָפן־אַפריקע אָפן סאָוועטישן פראָנט.

פונדאַנען איז געדרונגען, אַז מע טאָר ניט מאַכן קיין שום ציִעניסטישן אויספיר פונעם פאַקט פון אָפּראַטעווען דעם ייִדישן יישעוו אין ערעץ־ייִסראַעל אין דער טקופע פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. די רעטונג פון דעם ייִדישן יישעוו אין ערעץ־ייִסראַעל אין דער צײַט פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע מאַכט נאָך פעסטער דעם מאַרקסיסטיש־לעניניש טעזיס, אַז די רעטונג פאַר ייִדן פון פאַרפאָלגונגען, פון דיסקרימינאַציע און פון פאַרניכטונג ליגט אין דער פאַרשטאַרקונג און אײַנעם ניצאָכן פונעם סאָציִאַליזם, פונעם קאָמוניזם.

דער אויפקום פון מעדינאַס ייִסראַעל אין יאָר 1948 און די דערפאַרונג פון איר עקזיסטענץ באַווײַזן, אַז זי לייזט ניט און איז ניט אימשטאַנד צו לייזן די ייִדן־פראַגע אין די לענדער, ווו עס הערשט דער קאַפּיטאַל. מעדינאַס ייִסראַעל איז אַנטשטאַנען אין רעזולטאַט פון געוויסע היסטאָרישע פּראָצעסן אין אייראָפּע און אין מיטעלן מיזרעך.

אין ערעץ־ייִסראַעל האָט זיך אַנטוויקלט אַ ייִדישע נאַציע אין ספּעציִעלע באַדינגונגען, וועלכע זײַנען געווען אײַנעם לאַנד אין די יאָרן פון דער קאָלאָניִאַלער בריטישער הערשאַפט:

1) דער ייִדישער יישעוו איז געוואַקסן און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דריטל פון די אײַנוווינער פון ערעץ־ייִסראַעל.

2) דער ייִדישער יישעוו איז געשטאַנען אין צענטער פון דער אינדוסטריִעלער אַנטוויי־קלונג פונעם לאַנד.

אין די באַדינגונגען פון פּאַלעסטינע (ערעץ־ייִסראַעל) אַלס מאַנדאַט־טעריטאָריע, אַלס אַ קליין לאַנד, אַ ווייניק־באַפעלקערטס און אָפּגעשטאַנענס פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט, איז

די אימיגראַציע פון עטלעכע הונדערט טויזנט ייִדן, מערסטנטייל אַנטלאָפֿענע פון די נאַציס אין די אָקופּירטע לענדער פון אייראָפּע, און פון דער אַנטוויקלונג פון אַן אינדוסטריע, וועלכע האָט באַשעפֿטיקט צענדליקער טויזנטער אַרבעטער,—געווען אימשטאַנד צו ענדערן דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פונעם לאַנד: פֿאַרוואַנדלען עס פון אַ לאַנד מיט איין נאַציאָנאַליטעט (אַן אַראַבישער) מיט אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט (אַ ייִדישער) אין אַ לאַנד פון צוויי נאַציאָנאַליטעטן.

אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער וועזנטלעכער ענדערונג אינעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון לאַנד האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ייִשׂראל באַלד נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע פֿאָרמולירט אַ נײַע פּראָגראַם פאַר דער לייזונג פון דער ערעץ־ייִשׂראל־פּראַגע אויף דער באַזע פון אָנערקענען דאָס רעכט פון ביידע פֿעלקער פון ערעץ־ייִשׂראל, דאָס ייִדישע און אַראַבישע, אויף זעלבסטבאַשטימונג און באַפֿרײַונג פון פרעמדער הערשאַפֿט.

דעם 29־טן נאָיאַבער 1947 האָט די אָרגאַניזאַציע פון די פֿאַרייניקטע נאַציעס אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן אַנולירן דעם בריטישן מאַנדאַט און עוואַקויִרן דאָס בריטישע מיליטער פון ערעץ־ייִשׂראל און וועגן שאַפֿן דאָ צוויי זעלבשטענדיקע מעדינעס, אַ ייִדישע און אַן אַראַבישע.

אין דער ווירקלעכקייט איז אָבער בלויז רעאַליזירט געוואָרן דאָס רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג פונעם ייִדישן פֿאָלק אין ערעץ־ייִשׂראל און ס'איז געשאַפֿן געוואָרן מעדינאַס ייִשׂראל. די נאַציאָנאַלע רעכט אָבער פונעם אַראַבישן פּאַלעסטינער פֿאָלק זײַנען ניט פֿאַרווירקלעכט געוואָרן און זײַנען פון אים צוגערויבט געוואָרן ביז הײַנטיקן טאָג.

דער פֿאַרגאַנגענער פּעריאָד זינט דעם אויפֿקום פון מעדינאַס ייִשׂראל האָט באַוויזן, אַז די ציִוניסטישע פּאָליטיק פֿאַרשאַפֿט אויך שאָדן דער ייִדישער נאַציע, וועלכע אַנטוויקלט זיך אין ייִשׂראל. די ציִוניסטישע פּאָליטיק פון די ייִשׂראל־רעגירונגען האָט באַדראָעט און האַלט ווײַטער אין איין באַדראָען די צוקונפֿט פון מעדינאַס ייִשׂראל. די פּאָליטיק פון אויסברייטערן די גרענעצן באַ יעדער געלעגנהייט, באַ דער שטיצע פון די אימפּעריִאַליסטן, דערלאָזט ניט צו דערפֿירן צו אַ גערעכטן שאָלעם צווישן ייִשׂראל און די אַראַבישע לענדער, ווי אויך זיך אײַנוואָרצלען פון מעדינאַס ייִשׂראל אַלס אַ לאַנד, וואָס זאָל זײַן אָנערקענט דורך אַלע פֿעלקער פונעם דאָזיקן ראַיאָן.

די פּראָבלעם פון די ייִדן אין ייִשׂראל און פון אַלע אײַנוווינער פון ייִשׂראל באַשטייט אין באַפֿרײַען זיך פון דער אָפּהענגיקייט פון פרעמדן קאַפּיטאַל און פון די אימפּעריִאַליסטישע גרויסמאַכטן, אין דערגרייכן דעם שאָלעם מיט די שכיינעסדיקע אַראַבישע לענדער אויף דער באַזע פון קעגנזײַטיקער גאַראַנטיע פון די רעכט, אײַנשליסלעך דאָס אָנערקענען די נאַציאָנאַלע לעגיטימע רעכט פונעם אַראַבישן פּאַלעסטינער פֿאָלק, און אין דער ערשטער ריי די רעכט פון די אַראַבישע פּליטים, ווי אויך דאָס אָנערקענען די עקזיסטענץ פון מעדינאַס ייִשׂראל און אירע נאַציאָנאַלע רעכט, אײַנשליסלעך פרײַהײַט פון שיפֿן־פֿאַרקער.

די נאַציאָנאַלע פּאַטריאָטישע פּאָליטיק, פֿאַר וועלכער עס קעמפֿט די ייִשׂראלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי,— בלויז זי איז מעסוגל צו גאַראַנטירן זיכערקייט, שאָלעם און אויפֿבלי־ונג פֿאַרן ייִשׂראל־פֿאָלק און פֿאַר מעדינאַס ייִשׂראל אין אונדזער ראַיאָן און די פרײַנטשאַפֿט מיצאַד די אַראַבישע פֿעלקער, וועלכע קעמפֿן פֿאַר זייער פֿולער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפֿרײַונג.

דער אויפֿקום פון מעדינאַס ייִשׂראל האָט ניט געבראַכט מיט זיך קיין שום ענדערונג אינעם מאַצעוו פון די ייִדן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. די לאַגע פון די ייִדן אין די לענדער, ווו עס הערשט דער קאַפּיטאַל, פּונקט ווי די לאַגע פון אַנדערע מינדערהײַטן, איז טאָמיד געווען אָפּהענגיק פון דער מאָס פון דער דעמאָקראַטיע אין געגעבענעם לאַנד, פון די אינערלעכע קויכעס־פֿאַרהעלטענישן און פון איר אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע. און אַזוי איז אויך הײַנט־צו־טאָג. אין פֿאַל פון אויפֿשטעלן אַ פֿאַשיסטישן רעזשים, אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן, לעמאָשל, און פון דער פֿאַרשטאַרקונג פון זייער אַגרעסיווער אויסערן־פּאָליטיק— קענען קומען, צוגאָבלעך צו די אַנטינעגערישע ווילדע אויסברוכן, אויך אַנטי־ייִדישע ביז גאָר האַרבע ווילדע אויסברוכן.

אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן פון צאָפֿן־אַמעריקע און אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער עקזיסטירן האַרבע דערשײַנונגען פון אַנטיסעמיטיזם.

דער פֿאַשיזם איז ניט געווען און איז ניט קיין אויסשליסלעכע דײַטשישע דערשײַנונג. ער איז מעסוגל צו אַנטשטיין אויך אין אַנדערע לענדער, ווו באַ דער מאַכט געפֿינט זיך דער פֿינאַנס־קאַפּיטאַל, אין צײַטן פון אינערלעכע און אינטערנאַציאָנאַלע קריזיסן.

פֿונדאַנען איז דער אויספֿיר: פּונקט ווי אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, אַזוי אויך איצט איז ניט געווען און איז ניטאָ קיין אַנדער פֿונדאַמענטאַלע לייזונג פאַר דער ייִדן־פּראַגע, איידער די לייזונג באַם סאָציאַליזם. דער קאַפּיטאַליזם, דער אימפּעריִאַליזם זײַנען לויט זייער נאַטור מעסוגל צו געבוירן, און זיי פֿאַרורזאַכן טאַקע דעם געבורט, פון אַנטיסעמיטיזם און אַנדערע אויסדרוקן פון ראַסן־טעאָריע, ראַסיסטישע פּאָגראָמען און אַפֿילע פֿעלקער־פֿאַרניכטונג.

זעלבסטפארשטענדלעך, אז די סאָציאַליסטישע לייזונג איז ניט קיין לייזונג פאר די ייִדן־מיליאָנערן אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע, אין ענגלאנד און אין אנדערע לענדער, פאר די מיליאָנערן, וועלכע ווילן בעסער אנטיסעמיטיזם און ייִדן־פארפאָלגונגען אונטער א קאפיטאליסטישן רעזשים, איידער סאָציאַליזם. דער סאָציאַליזם אָבער איז די פונדאמענטאלע לייזונג און די פולע באפרײַונג פאר די ארבעטנדיקע ייִדישע מאסן אין יעדן לאנד.

די עקזיסטענץ פון א סאָציאַליסטישער וועלט־סיסטעם, די ענדערונג פון די קויכעס־פארהעלטענישן אין דער וועלט לעטויוועס דעם שאָלעם און סאָציאַליזם צוימען די קויכעס פון פאשיזם און מילכאָמע אומעטום, שטארקן די האָפענונג, אז עס וועט ווערן רעאל די היסטאָרישע מעגלעכקײַט אויסצומײַדן א דריטע וועלט־מילכאָמע.

די גרוילן פון פעלקער־מאָרד מיצאד די אמעריקאנער אימפעריאליסטן אין וויעטנאם, דאָס אומברענגען הונדערטער טויזנטער קאָמוניסטן און דעמאָקראטן אין אינדאָנעזיע און אנדערע דערשיטערנדיקע פאקטן, וואָס האָבן געהאט אן אָרט אין דער „פרײַער וועלט", באווײַזן ביז גאָר בוילעט, אז דער אימפעריאליזם איז פעיִק אף יעדן בארבאריזם, אפילע אף איבערצוכאזערן אין נײַע פאָרמען די פארברעכנס פון די נאצים.

די היסטאָרישע דערפארונג באווײַזט דעריבער, אז ס'איז ניט פאראן קיין אנדער אויסוועג פאר די ייִדישע האָרעפאשניקעס, פאר די ייִדישע פאָלקס־מאסן אין די קאפיטאליסטישע לענדער, ווי א בעשוטפעסדיקער מיט די ארבעטנדיקע אין זייערע וווין־לענדער קאמף פאר גלײַכבארעכטיקונג און סאָציאַליזם, וועלכער גאראנטירט גלײַכהײַט און פרײַהײַט פאר אלע פעלקער.

אין די קאפיטאליסטישע לענדער שטייען הײַנט די ייִדן פאר דער זעלבער געפאר, וועלכע האָט זיי געדראָט ערעוו דער אנטשטייונג פון מעדינאס ייִסראָעל. דאָס נײַע באשטייט אין דעם, וואָס עס האָבן זיך פארשטארקט די אויסזיכטן צו פארמײַדן א נײַע וועלט־מילכאָמע און נאָך א קורבן. די דאָזיקע נײַע לאגע האָט זיך געשאפן אדאנק דער אנטשטייונג און פארפעסטיקונג פון דער סאָציאַליסטישער וועלט־סיסטעם, וועלכע צוימט מיט זײַן עצעם עקזיסטענץ און מיט זײַן מעכטיקן קויעך אלע שווארצע און שאָוויניסטישע קויכעס אין דער וועלט, וואָס דער אנטיסעמיטיזם איז איינס פון זייער געווער.

די ציִעניסטישע אידעאָלאָגן אידענטיפיצירן ייִסראָעל מיטן ציִעניזם. פונקט ווי זיי אידענטיפיצירן די ייִדן מיט די ציִעניסטן. אין זייער ברייטער פראָפאגאנדיסטישער קאמפאניע שילדערן זיי אזוי דעם איניען פאר דער עפנטלעכער מיינונג, עס זאָל זיך באקומען דער אײַנדרוק, אז ווער ס'איז קעגן דער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע, קעגן דער ציִעניסטישער פאָליטיק און דער פאָליטיק פון דער ייִסראָעל־רעגירונג — דער איז א פײַנט פון ייִסראָעל און אפילע אן אנטיסעמיט. מיט דער הילף פון אזא דעמאגאָגיע און פעלשונג באמיִען זיך די ציִעניסטישע מאנהיגים אָפצושוואכן יעטווידע קריטיק בענעגייע דער רעגירונגס־פאָליטיק אין ייִסראָעל און בענעגייע דער אלגעמיינער ציִעניסטישער פאָליטיק אף דער אינטערנאציאָנאלער ארענע, קוואליפיצירנדיק אזא קריטיק אלס אנטיסעמיטישע, אנטי־ייִסראָעלדיקע שטעלונג.

אף א ביז גאָר ציִנישן אויפן נוצן אויס די ציִעניסטישע מאנהיגים און די ייִסראָעל־רעגירונג די שוידערלעכע ליידן פונעם ייִדישן פאָלק בייס דער היטלער־טקופע, די מאסן־פארניכטונג פון מיליאָנען ייִדן אין די נאצישע קאָנצענטראציע־לאגערן און גאז־קאמערן, וועלכע האָט ניט געהאט צו זיך קיין גלײַכן אין דער געשיכטע, — קעדיי צו אויסמײַדן קריטיק בענעגייע דער פאָליטיק פון דער ייִסראָעל־רעגירונג און דער אלגעמיינער ציִעניסטישער פאָליטיק.

אין פאל, ווען שאָלעם־ און דעמאָקראטיע־קויכעס און געוויסנהאפטע מענטשן, פרײַנטלעכן צו די ייִדישע פאָלקס־מאסן, טרעטן ארויס קעגן די אגרעסיווע מילכאָמעס, וועלכע די ייִסראָעל־רעגירונג האָט אָנגעצונדן אין 1956 און אין 1967, מילכאָמעס, וואָס באדראָען דעם וועלט־שאָלעם און קאָנען גוירעם זײַן א קאטאסטראָפע פארן פאָלק פון ייִסראָעל גופע, אין אזעלכע פאלן פירן די ציִעניסטישע מאנהיגים קעגן זיי א העצע־פראָפאגאנדע לויטן נוסעך: „איר ווילט פארענדיקן די ארבעט פון אדאָלף היטלערן!"

דארף מען דעריבער זאָגן קלאָר און אומצווייִדײַטיק, אז מע טאָר ניט אידענטיפיצירן מעדינאס ייִסראָעל מיטן ציִעניזם און די ייִדן מיט די ציִעניסטן. דער ציִעניזם איז אן אידעאָלאָגישע און פאָליטישע בורזשואזע רעאקציאָנערע שטרעמונג אין דער ייִדישער סוויווע, א שטרעמונג, וואָס איז פארבונדן מיט דער אינטערנאציאָנאלער רעאקציע און וועלכע פארשאפט דעם גרעסטן שאָדן דעם פאָלק פון ייִסראָעל, די ייִדישע האָרעפאשניקעס אין דער גאָרער וועלט.

די אלזײַטיקע קאָאָפעראציע צווישן די ייִסראָעל־רעגירער און די נעאָנאצישע הערשער פון מײַרעוו־דײַטשלאנד איז נאָך איין צוגאָבלעכער באווײַז, אז די ציִעניסטישע מאנהיגים דריקן ניט אויס די עמעסע אינטערעסן פון די ייִדישע פאָלקס־מאסן און פונעם ייִסראָעל־פאָלק. ס'איז פאראן א מעגלעכקײַט פון קאָאָפעראציע צווישן ייִדישע אָרגאניזאציעס פון פארשיידענע לענדער אף דער באזע פון פראָגרעסיווע צילן, אזעלכע, ווי קאמף פאר שאָלעם, קעגן אנטיסעמיטיזם, קעגן דער ווידערופלעבונג פונעם נאציזם און אנד.

א טייל פון די פֿאָלקס־מאַסן אין די ייִדישע יישובֿים, איבערהויפּט, אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, פֿאַלט אַרונטער אונטער דער ציוניסטישער השפּעה און אין רעזולטאַט פון דעם שטעלן זיי אַ גלײַכצייכן צווישן דער אונטערשטיצונג פֿאַר דער פּאָליטיק פון דער ישׂראל־רעגירונג און דער שטיצע פֿאַרן פֿאָלק פון ישׂראל און פֿאַר די אינטערעסן פון די ייִדן. זיי האַלטן פֿאַר נייטיק צו אידענטיפֿיצירן זיך מיט יעדן אָפֿיציעלן ישׂראלדיקן שריט, אַפֿילו מיט אַזעלכע זאַכן, וואָס אין באַצוג צו זיי וואָלט זיך געבונטעוועט זייער מענטשלעכער עלעמענטאַרער גערעכטיקייטס־געפֿיל, אויב זיי וואָלטן אָנגעווענדט געוואָרן לעגאַבע וועלכן־ניט־איז ייִדישן יישובֿ.

די דאָזיקע ייִדן שטעלן זיך אַפֿילו ניט פֿאָר, אַז מיט דעם, וואָס זיי דערמוטיקן די פּאָליטיק, וועלכע פֿאַרטיפֿט דעם תּהום צווישן פֿאָלק פון ישׂראל און די אַראַבישע פֿעלקער און איזאָלירט ישׂראל פון דער סאָציאַליסטישער וועלט, פון די פֿעלקער פון אַזיע און אַפֿריקע, פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט, — פֿאַרשאַפֿן זיי שאָדן ישׂראל.

אין פֿאַרשיידענע לענדער איז בּאַ ניט ווייניק ייִדן פֿאַראַן אַ ספּעציעלע באַציִונג צו ישׂראל. די קאָמוניסטן אין די לענדער טוען אַלץ, כּדי צו ווענדן די דאָזיקע באַציִונג אין אַ פּאָזיטיווער ריכטונג, אין דער ריכטונג פון שטיצן אין ישׂראל די פּראָגרעסיווע קוויכעס אין זייער קאַמף קעגן דער פּאָליטיק פון דער ישׂראל־רעגירונג און פון די ציוניסטישע מאַנהיגים, קעגן דער פּאָליטיק, וואָס טראָגט אין זיך אַ געפֿאַר פֿאַר דער מדינה און פֿאַרשאַפֿט שאָדן דעם אַלגעמיינעם קאַמף אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, קעגן דער געפֿאַר פון מילכאָמע און פֿאַשיזם — אַ קאַמף, וואָס איז ביז גאָר לעבנסוויכטיק פֿאַר די אינטערעסן פון די ייִדישע מאַסן אומעטום, ווו זיי זאָלן זיך ניט געפֿינען.

דער קאַמף קעגן דער פּראָ־אימפּעריאַליסטישער, ציוניסטישער פּאָליטיק פון די ישׂראלדיקע מאַכטהאָבער — דאָס איז אַ קאַמף פֿאַר די אינטערעסן פונעם פֿאָלק פון ישׂראל, פֿאַר אַן אַנדערער מדינהס ישׂראל, פֿאַר דער פֿאַרפֿעסטיקונג פון איר אינטערנאַציאָנאַלער פּאָזיציע און דער גאַראַנטירונג פון איר צוקונפֿט.

די ניט־וויסנשאַפֿטלעכע און אומבאַגרינדעטע אידענטיפֿיצירונג פון ישׂראל מיטן ציוניזם ווערט אויך אויסגענוצט אין דער פּראָפּאַגאַנדע פון די אַראַבישע שאָוויניסטן. אויפֿן גרונט פון דער דאָזיקער פֿאַלשער אידענטיפֿיצירונג באַמיִען זיך אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן צו באַווײַזן, אַז מדינהס ישׂראל האָט ניט קיין רעכט אויף עקזיסטענץ.

דער פֿאַקט, וואָס בעמעשעך פון אַלע יאָרן פון דער עקזיסטענץ פון מדינהס ישׂראל האָט איר טעריטאָריעלע עקספּאַנסיע געדינט דעם אימפּעריאַליזם אין זײַן קאַמף קעגן דער אַראַבישער נאַציאָנאַלער באַפֿרײַונגס־באַוועגונג — דער דאָזיקער פֿאַקט באַרעכטיקט ניט די אידענטיפֿיצירונג פונעם ישׂראל־פֿאָלק מיט דער פּאָליטיק פון די ישׂראל־רעגירונגען. מע דאַרף מאַכן אַן אונטערשייד צווישן די אָביעקטיווע אינטערעסן פונעם ישׂראל־פֿאָלק און דער פּאָליטיק פון דער ישׂראל־רעגירונג.

נאָך מער, די שאָוויניסטישע דעקלאַראַציעס מיצאַד אַראַבישע קרײַזן, וועלכע איגנאָרירן די צוועם עקזיסטענץ־רעכט פון מדינהס ישׂראל, מאָטיווירנדיק, אַז דאָס איז אַ ציוניסטישע מדינה, העלפֿן בלויז די רעגירנדיקע קרײַזן אין ישׂראל און פֿאַרשאַפֿן שוועריקייטן פֿאַר די פּראָגרעסיווע קוויכעס אין ישׂראל, וועלכע טוען אַלץ, כּדי צו באַפֿרײַען די פֿאָלקסמאַסן פון דער השפּעה פון דער הערשנדיקער פּאָליטיק.

פֿירנדיק אַן אידעאָלאָגישן קאַמף קעגן דעם ציוניזם, קעמפֿט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ישׂראל פֿאַר באַפֿרײַען די אַרבעטנדיקע מאַסן אין לאַנד פון שאָוויניזם, פֿאַר אַרויפֿירן זיי אויפֿן מאַגיסטראַלן וועג פון דער וויסנשאַפֿטלעך־סאָציאַליסטישער וועלט־אָנשויונג און פון אַ פּאָליטיק, וואָס איז אין איינקלאַנג מיט די עכטע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פונעם ישׂראל־פֿאָלק, ווי אויך מיט די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע ייִדישע מאַסן אין דער גאַנצער וועלט.

* * *

ווען מיר רעדן וועגן דער ציוניסטישער באַוועגונג, מיינען מיר ניט בלויז די אָרגאַניזאַציע, וועלכע טראָגט דעם נאָמען „אַלוועלטלעכע ציוניסטישע באַוועגונג”, און אירע סוב־אָרגאַניזאַציעס, נאָר אַלע, וועלכע אָריענטירן זיך אויף דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק.

די אַלוועלטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע לעבט איצט איבער אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן קריזיס, וועלכער איז אַ פּראָדוקט פון דעם אידעאָלאָגישן און פּאָליטישן קריזיס פונעם ציוניזם. וואָס מער עס פֿאַרגרעסערט זיך די השפּעה פונעם סאָציאַליזם אויף דער וועלט, וואָס מער עס פֿאַלט דער פּרעסטיזש פונעם אימפּעריאַליזם — אַלץ מער פֿאַרטיפֿט זיך אויך דער קריזיס פונעם ציוניזם. עס וועט אָבער זײַן אַ פֿעלער ניט צו זען, אַז דער ציוניזם פֿאַרמאָגט נאָך אַ גרויסע אידעאָלאָגישע ווירקונג. אין ישׂראל איז דאָס די הערשנדיקע אידעאָלאָגיע, אויך אין פֿיל ייִדישע יישובֿים האָט זי אַ קענטיקע השפּעה.

ס'זײַנען פֿאַראַן ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע רופֿן זיך ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע.

אָבער עס איז קיינמאָל ניט געווען און עס קאָן ניט זײַן קיין סאָציאַליסטישער ציִוניזם, פּונקט ווי ס'איז קיינמאָל ניט געווען און ס'קאָן ניט זײַן קיין ציִוניסטישער סאָציאַליזם. באַגלײַך אָבער מיט דעם דאַרף מען זען, אַז ס'עקזיסטירן סאָציאַליסטישע שטרעמונגען צווישן פּיל אַרבעטנדיקע מאַסן, וועלכע געפינען זיך אונטער דער ציִוניסטישער ווירקונג. פונעם אידעאָלאָגישן און פּאָליטישן שטאַנדפּונקט אָבער זײַנען די „ציִוניסטיש־סאָציאַליסטישע" אָרגאַניזאַציעס געשטאַנען און שטייען אויך ווײַטער בייס אַלע אַנטשיידנדיקע קאַמפן, בייס אַלע ניסיוינעס פון דער טקופע, — אַף דער זײַט פונעם אימפּעריאַליזם, קעגן סאָציאַליזם און קעגן די באַוועגונגען פאַר נאַציאָנאַלער באַפרײַונג (אַזוי איז געווען אין צאַרישן רוסלאַנד און אין אַלע אַנדערע לענדער, אין וועלכע ס'האָט זיך געפירט דער קאַמף פאַר סאָציאַליזם. אַזאַ איז די פּאָליטיק פון די „ציִעניסטיש־סאָציאַליסטישע" אָרגאַניזאַציעס בענעגייע די סאָציאַליסטישע לענדער אַף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, באַ דעם זעלבן שטאַנדפּונקט האָבן זיי זיך געהאַלטן בייס די מילכאָמעס פון 1956 און 1967 אַפּן מיטעלן מיזרעך).

דער לענינישער טעזיס, אַז ס'קאָנען ניט הויזן אונטער איין דאַך אַ בורזשואַזע אידעאָלאָגיע און אַ פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיע — באַשטעטיקט זיך אויך באַנעגייע די „ציִעניסטן — סאָציאַליסטן".

* * *

די ייִסראָעלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פירט אַן אידעאָלאָגיש־פּאָליטישן קאָנסעקווענטן קאַמף קעגן ציִוניזם. אין דער זעלבער צײַט קעמפט די פּאַרטיי פאַר דער אייניקײַט פון די אַרבעטנדיקע, פאַר דער אייניקײַט פון אַלע קויכעס פון שאָלעם, דעמאָקראַטיע און נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקײַט, אָן אונטערשייד פון אידעאָלאָגישן וועלט־באַנעם און פּאַרטיי־אָנגעהעריקײַט, קעדיי צו דערנענטערן דעם פּראָגרעסיוון ציל, קעדיי צו דערגרייכן אַפילע טיילווײַזע פּאָדערונגען, קלאַסנאַרטיק־פּראָלעטאַרישע אָדער אַלגעמיין־דעמאָקראַטישע.

אין קאַמף פאַר לוין־העכערונג, פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען, אין קאַמף פאַר פאַרטיידיקן די דעמאָקראַטישע פרײַהײַטן און זייער אויסברייטערונג, אין קאַמף פאַר אויסמײַדן מילכאָמעס און פאַרטיידיקן דעם שאָלעם — צעטיילן ניט די קאָמוניסטן די אַרבעטער, די מאַסן לויט זייער אידעאָלאָגישן וועלט־באַנעם, נאָר לויט זייער שטעלונג אין באַצוג צום קאָנקרעטן קאַמף.

דער גרונט־פּאַנאַנדערטייל אין ייִסראָעל, ווי אין יעדן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד, איז צווישן עקספּלואַטאַטאָרן און עקספּלואַטירטע, לויט די קלאַסן־אינטערעסן. די ייִסראָעלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פאַרמאָגט אַ לאַנגיאָריקע דערפאַרונג פון קלאַסן־קאַמפן און פון אַלגעמיין־דעמאָקראַטישע מאַסן־קאַמפן, פון אָנטייל אין דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס (שאָלעם־באַוועגונג, פרײַנטשאַפט־באַוועגונגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד און מיט אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער, אַקציע־קאָמיטעטן פון די אַרבעטער־קאָמיטעטן און אַנד.) צוזאַמען מיט אומפּאַרטייִשע און מיטגלידער פון ציִוניסטישע פּאַרטייען, און אַפילע צוזאַמען מיט ציִוניסטישע פּאַרטייען גופע, קאָלזמאַן די צוזאַמענאַרבעט דינט צוליב אַ פּראָגרעסיוון ציל. זאָל זײַן אַפילע אַ טיילווײַזן.

די מאַרקסיסטן־לענינסטן באַנוגענען זיך ניט בלויז מיט די קאַמפן פונעם געגעבענעם מאָמענט. אין זיי זעען זיי אַ וועג פון צוגרייטן די באַדינגונגען פאַר וועזנטלעכע ענדערונגען אין דער געזעלשאַפט, פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן איבערגאַנג פונעם קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם; באַגלײַך אָבער מיט דעם, שאַצן די קאָמוניסטן אויך טיילווײַזע דערגרייכונגען פון די אַרבעטנדיקע אין רעזולטאַט פון זייער קאַמף. יעטווידער בעשותפעסדיקער קאַמף פאַרהאַרטעוועט און שאַפט באַדינגונגען פאַר דער שטיצונג פונעם קלאַסן־באַוווסטזײַן, פאַרן פאָרויסגאַנג צום סאָציאַליסטישן ציל.

אין דער עמיגראַציע קיין ייִסראָעל זעען ניט די ייִסראָעלדיקע קאָמוניסטן קיין לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע, נאָר אַ פאַרזענלעכע אָנגעלעגנהײַט פון יעדן אוילע. אין דער זעלבער צײַט זײַנען זיי די קאָנסעקווענטע קעמפער פאַר אַ מענטשלעכער און געהעריקער אַבסאָרבציע פון די נײַע אָלים וואָס שײַעך אַרבעט און וווינונגען.

די ייִסראָעלדיקע קאָמוניסטן זעען ניט אין די קיבוצים קיין סאָציאַליסטישע קעמערלעך אין דער ייִסראָעלדיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. זיי זײַנען אָבער קאָנסעקווענטע קעמפער קעגן באַרויבן די קיבוצים מיצאַד די בענק און פּראָצענטניקעס, זיי פּאָדערן מאָראַטאָריום אַף זייערע כויוועס און זעען אין די מיטגלידער פון די קיבוצים פאַרבינדעטע פונעם אַרבעטער־קלאַס אין זײַן קאַמף.

די קאָמוניסטן, וועלכע זײַנען טאָמיד די ערשטע צו פאַרייניקן זיך אַף אַ פּראָגרעסיווער באַזע מיט אַנדערע קויכעס, זעצן פאָר גלײַכצײַטיק דעם אידעאָלאָגישן קאַמף, פאַרשפּרייטן די סאָציאַליסטישע טעאָריע, ווײַזן אָן אַף די פונדאַמענטאַלע סיבעס פון מילכאָמעס, פון אָרעמקײַט, פון שאָוויניזם.

די קאָמוניסטן פירן זייער פּאָליטיק אַף אַ ביז גאָר עלאַסטישן אויפן. פון אידעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט אָבער זײַנען זיי ניט גרייט אײַנצוגיין אַף קיין שום קאָמפּראָמיס, ווײַל עס קאָן ניט זײַן קיין קאָמפּראָמיס, עס קאָן ניט זײַן קיין קאָעקזיסטענץ צווישן דער אידעאָלאָגיע פון

דער בורזשואזיע און דער אידעאָלאָגיע פונעם פּראָלעטאַריאַט, און באַ אונדזערע באַדינגונגען — צווישן דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע און דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער.

„דער בורזשואזער נאַציאָנאַליזם און דער פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַליזם — דאָס זײַנען צוויי קעגנזעצלעכע לאָזונגען, וואָס זײַנען קאָמפּראָמיסלאָז פֿײַנטלעך איינער צום אַנדערן, וועלכע אַנטשפּרעכן צוויי גרויסע קלאַסן־לאַגערן פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און וואָס דריקן אויס צוויי פּאָליטיקעס (נאָך מער: וועלט־אָנשויונגען) אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע".[1]

אונטער דער פאָן פון דער אידעאָלאָגיע פונעם אַרבעטער־קלאַס — דעם מאַרקסיזם־לעניניזם — דינען די קאָמוניסטן אַפּן בעסטן אויפן די אַרבעטנדיקע מאַסן פון ייִסראָעל, די עכטע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון דעם ייִסראָעל־פּאָלק.

רעזומע

דער אַנאַליז פון דער ייִדן־פראַגע און פון דער פראַגע וועגן ציוניזם אין דער נײַער טקופע ברענגט אין דער שײַן פונעם מאַרקסיזם־לעניניזם צו פּאָלגנדיקע אויספירן:

די פונדאַמענטאַלע אָפּשאַצונגען מיצאַד דעם מאַרקסיזם־לעניניזם, מיצאַד דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג וואָס שײַך דער ייִדן־פראַגע און דער פראַגע פון ציוניזם, — בלײַבן ווײַטער גילטיק.

דאָס באַפרײַען די ייִדישע מאַסן פון אַנטיסעמיטיזם, פון פאַרפאָלגונגען און פון דער פּאַרטיליקונגס־געפאַר אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, צו פונדאַמענטאַלער און פולער לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע — באַשטייט אין באַפרײַען די געזעלשאַפט פון אַ רעזשים פון קלאַסן־עקספּלואַטאַציע און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, אין אויסרײַסן די סאָציאַלע און פּאָליטישע וואָרצלען פונעם אַנטיסעמיטיזם, אין דעם זיג פונעם סאָציאַליזם.

מעדינאַס ייִסראָעל האָט ניט געלייזט און איז ניט אימשטאַנד צו לייזן די ייִדן־פראַגע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווי זי עקזיסטירט, זי איז ניט פּעיִק צו ליקווידירן די פּלאָג פון אַנטיסעמיטיזם און גאַראַנטירן גלײַכבאַרעכטיקונג פאַר די ייִדן, דעריבער איז די ציוניסטישע „לייזונג" פון דער ייִדן־פראַגע דורך אַ טעריטאָריעלער קאָנצענטרירונג אין ערעץ־ייִסראָעל פאַרבליבן אַ רעאַקציאָנערע אוטאָפּיע.

דער ציוניזם באַ הײַנטיקן טאָג איז אַ רעאַקציאָנערע און נאַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק פון דער ייִדישער פּראָ־אימפּעריאַליסטישער בורזשואזיע, וואָס האָט איר צענטער אין ייִסראָעל און אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע.

דער ציוניזם אַרבעט לעטוויועס די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן, און באַ הײַנטיקן טאָג — ספּעציעל לעטוויועס דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם און אויך דעם מײַרעוו־דײַטשישן.

דער ציוניזם שטרעבט אָפּצורײַסן די אַרבעטער און די ייִדישע פּאָלקס־מאַסן פונעם בעשוט־פּעסדיקן קאַמף מיט די אַלע אַרבעטער און פּאָלקס־מאַסן אין זייערע וווין־ערטער, פאַר פּראָגרעס און סאָציאַליזם. אַזויאַרום, פאַרשאַפט דער ציוניזם גרויס שאָדן די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן און אַלע ייִדישע ייִשווים, אין וועלכע ער איז טעטיק.

דער ציוניזם באַמיט זיך צו פאַרפעסטיקן אין מיטעלן מיזרעך די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סטראַטעגישע פּאָזיציעס פון די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן. מיט זייער הילף שטיצט ער די טעריטאָריעלע עקספּאַנסיע פון מעדינאַס ייִסראָעל. דער ציוניזם שטעלט זיך קעגן דעם אַראַבישן פּאַלעסטינער פּאָלק און קעגן דער גאַנצער נאַציאָנאַלער אַראַבישער אַנטי־אימפּעריאַליסטישער באַוועגונג. אַזויאַרום, טרעט דער ציוניזם אַרויס קעגן די עכטע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פונעם ייִסראָעל־פּאָלק.

דער ציוניזם באַטייליקט זיך אַקטיוו אין דער קאַלטער מילכאָמע פון די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד און אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער און אין דער אונטערײַסרישער בענעגייע די סאָציאַליסטישע לענדער אידעאָלאָגישער און פּאָליטישער טעטיקײַט. דער ציוניזם גייט אין איין שפּאַן מיטן נעאָ־קאָלאָניאַליזם אין אַזיע, אַפריקע און לאַטײַן־אַמעריקע.

מיט דעם אַלעמען פאַרשאַפט דער ציוניזם בלויז שאָדן די ייִדישע פּאָלקסמאַסן, דעם פּאָלק פון ייִסראָעל און דער אַלגעמיינער זאַך פונעם געזעלשאַפטלעכן פּראָגרעס.

דער קאַמף קעגן דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע און איר פּאָליטיק איז לעבנסוויכטיק פאַר די אינטערעסן פונעם ייִסראָעל־פּאָלק, פון די ייִדישע ייִשווים אין דער גאַנצער וועלט און פון אַלע פּראָגרעסיווע קויכעס.

---

[1] וו. אי. לענין. „וועגן דער נאַציאָנאַלער און נאַציאָנאַל־קאָלאָניאַלער פראַגע".

זיאמע טימענטשיק *

ס'איז מיר פיל געגעבן

מײַנע פרײַנט

אלע מײַנע פרײַנט
זאָלן זיך ניט זאָרגן:
ניט געקומען הײַנט —
וועל איך קומען מאָרגן.

טרעפן קאָן, אז מאָרגן
וועל איך אויך ניט קאָנען.
נו, איז איבערמאָרגן —
אויך ניט קיין סאַקאָנע!

ניט געקומען פריִער,
וועל איך קומען שפּעטער.
ניט מע דאַרף מיך ציִען,
ניט מע דאַרף מיך בעטן.

ניט געקומען זונטיק,
וועל איך קומען מאָנטיק.
פאַטערט דאָס געזונט ניט
און צו בײַז דערמאָנט ניט.

ניט געקומען נעכטן,
וועל איך קומען מאָרגן.
פרײַנט מײַנע גערעכטע,
נעמט זיך ניט קיין זאָרגן!

ס'איז מיר פיל געגעבן,
מערער ווי עס שײַנט.
מיר איז גוט צו לעבן —
כ'האָב א וועלט מיט פרײַנט!

דאָ!

דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל געעפנט מײַנע
אויגן,
געבוירן ווערן דאָ איז מיר געווען באַשערט.
מיט מאַמעס מילך איך האָב אַרײַנגעזויגן
די בעסטע זאַפטן פון דער גוטער ערד.
מײַן בעסטע שאָ,
מײַן שענסטע שאָ —
דאָ!

און ווען מײַן וועלט געלעגן איז אין פלאַמען,
און מיט מײַן גוירל האָט דער סוינע זיך
געשפּאַט,
געשטעלט איך האָב זיך דאַן מיט אלעמען
צוזאַמען,
די ערד — זי האָט געהאָלפן מיר און מיר
געגעבן קראַפט.
מײַן וויכטיקסטע שאָ,
מײַן ריכטיקסטע שאָ —
דאָ!

א בייזער טאָג ווען ס'האָט מיך אָנגעגריפן
און ס'האָט געטראָפן מיך די גרעסטע קלאָג, —
דער ערד איך האָב פאַרטרויט, אין אירע טיפן,
דאָס טײַערסטע און בעסטע, וואָס איך האָב
פאַרמאָגט.
מײַן ערגסטע שאָ,
מײַן שווערסטע שאָ —
דאָ!

כ'האָב ליב מײַן ערד, כ'בין רויִק און געדולדיק,
כאָטש פויקערס אין די ווײַטן זײַנען דאָ לעראָוו.
מײַן גוטער ערד איך וועל ניט בלײַבן שולדיק,
איר אָפּגעבן צוריק כ'וועל אלעס ביזן סאָף.
מײַן לעצטע שאָ,
געשעצטע שאָ —
דאָ!

עס וועט מײַן טרײַשאַפט קיינער ניט
פארלעשן —
דאָ איז מײַן ערד, דאָ איז מײַן לאַנד.
אויב כ'וועל עס ווען־ניט־איז פאַרגעסן —
זאָל אָפּדאַרן מײַן רעכטע האַנט!

צו אַן אוועקפאָרער

קענסט אײַנפּאַקן די זאַקן און די טעלער און גאַרדינען,
נאָר ווּעסט מיט זיך ניט מיטנעמען דעם לויטערן באַגינען.
דעם לויטערן באַגינען מיט זיך וועסטו ניט פירן,
דעם לויטערן באַגינען — אים וועסטו פאַרלירן!

דו נעמסט דאָס זאַלצמעסטל, די פלייש־מאַשין, דעם זייגער,
נאָר וועסט אַהין ניט מיטנעמען אונדזער גוטן שטייגער.
אונדזער גוטן שטייגער וועסט מיט זיך ניט פירן,
אונדזער גוטן שטייגער — אים וועסטו פאַרלירן!

דיפלאָמען קענסטו מיטנעמען, די צוגעגרייטע טעמעס,
נאָר וועסט אַהין ניט מיטנעמען אונדזער גרויסן עמעס.
אונדזער גרויסן עמעס וועסט מיט זיך ניט פירן,
אונדזער גרויסן עמעס — אים וועסטו פאַרלירן!

די העמדער קענסטו אײַנפּאַקן, די קאָלדרעס און די קישנס,
נאָר וועסט מיט זיך ניט אײַנפּאַקן דעם זויבערן געוויסן.
דעם זויבערן געוויסן מיט זיך וועסטו ניט פירן,
דעם זויבערן געוויסן — אים וועסטו פאַרלירן!

אַלע דײַנע בעבעכעס אַהין וועסטו דערפירן,
אַלע דײַנע בעבעכעס — זיך וועסטו פאַרלירן!

יעכיעל פאליקמאן

צווייטער טייל

ווידער באבי=יאר

VII. איינער, וואס איז פארעכנט פאר א טויטן. די מעסירע. א שטיבל באם שווארצן בארג.

1 דאס ערדשטיבל איז געמאכט געוואָרן פעסט — אונדזערע סאפיאָרן האָבן דאָ געארבעט. אָט אזוי האקט מען אויס נעסטן אומעטום אין רוסלאנד, קעדיי איינ־פאסן און קרעמפּעווען די עקן פון בערווענעס, ווו מע שטעלט אוף געבײַען פון קײַלעכדיקן געהילץ. די דײַטשן מאכן זייערע בלינדאזשן אויך שטארקע, אָבער אנדערש — מע טעסעט צומיינסטנס די בערווענעס אזוי, זיי זאָלן ווערן פירקאנטיקע, אָדער מע נוצט גרייטע אָנגעזעגטע ברוסן. פון אינווייניק באקלאפּט מען נאָך די ווענט מיט דיקט, מיט וואָלענע קאָלדרעס, אָדער מע באקלעפּט זיי מיט קלישירטע זײַטלעך פון זשורנאַלן, אז אינעם בלינדאזש זאָלן ארומשוועבן האלב־הוילע מוידן, אקטריסעס מיט זנוס־שמייכלען, עס זאָלן בראוו מארשירן ווערמאכט־קאָלאָנעס, פאָטאָגראַפירטע ערגעץ אף א בלישטשענדיקער פאריזשער גאס, צי אף א פארנעפּלטער גאס אין קאָפּענהאגען, צי גאָר אין די ווײַס־בלענדיקע זאמדן פון צאָפן־אפ־ריקע — דאָרט, ווו מע דארף זיך ניט פארגראָבן אין דער ערד... יאָ, און די טשוועקעס, מיט וועלכע עס זײַנען צוגעקלאפּט די בײַשטידלעך פון דער טיר, זײַנען אונדזערע — גרויסע קעפּלעך, באדעקטע מיט געקעסטלטע קארבן. און וועלכע טשוועקעס זײַנען בא די דײַטשן? דאס געדענקט זיך גראָד ניט, אָבער געוויס ניט אזעלכע, — מיט אזעלכע קלאפּט מען בא אונדז

דער ערשטער טייל פון דעם דאָזיקן ראָמאן אונטערן נאָמען „דער אורטייל איז אויסגעפּילט” איז געווען פארעפנטלעכט אין די נומערן 10, 11, 12 פון „סאָוועטיש היימלאנד” פארן 1971 יאָר.

צו די דילן. און די זאַוועסעס פון דער טיר זײַנען אונדזערע, עפשער אַפילו געמאַכטע אַף אַ זאַוואָד דאָ, אין סטאַלינגראַד, — צו וואָס זאָל מען זיי געוועזן פירן פון ווײַט?

אַ שטאַרק ערדשטיבל. די נאָרעס האָט מען אַרויסגעוואָרפן, בלויז די לײַסטן אַף וועלכע די ברעטער האָבן זיך געהאַלטן, זײַנען געבליבן. מיסטאָמע האָבן דאָ געוווינט סאָלדאַטן — אַן־אָ ליגט אַ שוואַרצע אָבמאָטקע אין ווינקל בײַ דער טיר, אַ פאַרבלוטיקטער שוך. דאָס איז — אונדזערס. און די טעלעפאָן־אַפּאַראַטן, וואָס ליגן דאָ, די אָנגעוואָרפענע רייפּלעך דראָט, וואָס פאַרנעמען אַ האַלב ערדשטיבל, — דאָס אַלץ איז דײַטשישעס, די ווירטשאַפט מיסטאָמע פון עפּעס אַ באַטאַליאָן, צי אַ פּאָלק... זע, ס'איז זיי גאָר ניט אײַנגעפאַלן, די דײַטשן, אַז ער קאָן אָפּברעכן אַ שטיק דראָט און מאַכן אַ סאַך צו אַלץ!

ניין, דאָס ניט. כאָטש — וואָס קאָן זײַן ווײַטער?

עפּשער דערפאַר, ווײַל אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן אין אַן ערדשטיבל, און פאַרענדיקט זיך — דערווײַל פאַרענדיקט זיך — אין אַן ערדשטיבל, באַקוקט ער אַזוי אָט דאָס געבײַ און טראַכט. פאַר די אויגן שווינדלט דורך (ער איז שוין געוווינט צו אָט דער זעונג, ווי צו אַן איינציקן בוך, וועלכן מע לייענט אין איינזאַמקײַט טאָג נאָך טאָג, ווידער און ווידער, ווײַל קיין אַנדערס איז ניטאָ), עס שווינדלט דורך אַלץ, וואָס איז אַזוי קאָמפּליצירט, באַשטייט פון אָן אַ שיר פּאַסירונגען, דעטאַלן, נאָר וואָס דערפירט האָט ער עס שוין אין זײַנע קעסיידערדיקע דערינערונגען צום סאַמע פּאָשעטן: אין יענעם ערדשטיבל, באַם געשלענגלטן סטעפּישן טײַך, האָט ער בליצשנעל באַשטימט, וואָס ער האָט צו טאָן מיט דער בריק, וועלכע איז מיטן גאַנצן אײַזערנעם געפּלעכט הענגען געבליבן איבערן צוגעשטויבטן וואַסער אויך נאָך דעם, ווי דער פונק פונעם אויסגעברענטן ביקפאָרד־שנור האָט געמוזט צוקומען צו די קאַפּסולן, אײַנגעגעפּרעסטע אינעם אַמאָנאַל, וואָס האָט פאַרפולט די אויסגעדלובעטע נישע אינעם בעטאָנירטן ביק, און נאָך דעם, ווי דער צווייטער פונק, אָן אַן ערעך אַ שנעלערער, איז דורך שטאָלענע דראָטן געשיקט געוואָרן פון אַ קליין אופּרײַס־מאַשינדל. געכאַפּט אַ וויכעט שטרוי פון דער נאַרע, איז ער אוועק צו דער בריק, איבער וועלכער דײַטשן זײַנען שוין געלאָפן און טאַנקען האָבן זיך גערוקט, ער האָט זיך אַ הייב געטאָן איבער די דרײַ־פיר קוועריע ברעטלעך פונעם לייטער, וואָס איז געבליבן אָנגעשפּאַרט אינעם ביק, אַ ריב געטאָן די צינדמאַשינקע, דאָס קליינע ציטעריקע פלעמעלע איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין עטלעכע גרעסערע, וואָס כאַפּן אַרום שטרוי, און אָט די עטלעכע — אין אַ דורכויסיקן פלאַם — פון וואָס? — שוין פון אומזיסן... אָבער ער איז דאָ, ער האָט אַפילו ניט באַוויזן דערזען די פינצטערניש, די דורכויסיקע שוואַרצקײַט, וואָס האָט געמוזט קומען נאָכן פלאַם, און ווען ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער דערזען אַ העלן פלעק אַף שטרוי — ניט פון פײַער, נאָר פון אַ שמאָל פּאַסיקל זון־שײַן. ער האָט קוים אַ פיר געטאָן דעם בליק ווײַטער: אַ קליין פענצטערל פון אַ דאָרפישער שטוב, אונטן, אין ווינקל פון דער ראַם, איז איין טאָפּליע צעשפּאָלטן, אַפן ניט געפּאַרבטן פענצטער־ברעטל שטייען וואַזאָנעס, בונט־צעבליטע קאַלאַטשיקעס, און פון יענער זײַט פענ־צטער וואַקסן מיסטאָמע ווײַנשל, — יאָ, ווײַנשל גלאַנצן צווישן די בלעטער, און דאָס אַלץ וועבט דורך דער שטראַל, וואָס פאַלט אַף שטרוי, מיט וועלכער אַ בעט איז אויסגעשפּרייט, אַפן פאַרקאַרבטן ראַנד פון אַ רעדנע, און אָט שוין אויך אַף עטלעכע געלבלעכע קאָלטענעס פון אַ שאָפּענעם פעלץ, וואָס האָט אָפּגעדעקט אַ הוילן ביינערדיקן אַקסל — זײַן טונקל־ברוינ־לעך לײַב מיטן פּינטל, דאָרט ווו די האַנט הייבט זיך אָן, און מיטן גוט־באַקאַנטן סימען פון אַ פּאָק — שוין אַף דער האַנט.

אַזאַ איז געווען יענץ דערוואַכן זײַנס, דאָס ווידער קומען אַף דער וועלט, אַ שטילער, לויכטנדיקער וועלט, ניט קיין באַקאַנטער. און ניט קיין באַקאַנטע, אָבער גוטע, שטיל־צעשײַנ־טע פון אויסגעבענקטער און נאָך ניט קיין זיכערער פרייד, זײַנען געווען די אויגן, וואָס האָבן געקוקט אַף אים, — גרויע אויגן. די ראָזע פולבלעכע באַקן, די פּראָסטלעך־פּאַריסענע נאָז, די דיקלעכע, נאָר צאַרט־געצייכנטע ליפּן, די רונדע קין און דעם גדיכטן גאָס פון רוסיאַווע, פלײַסיק־אָפּגעצויגענע האָר, פאַרבונדענע אַפן נאַקן אַזוי, אַז דער ווײַסער האַלדז איז אַנטהוילט ביז אַהין, ווו די פּרויִש־קרעפּטיקע, אָנגעגאָסענע אַקסל הייבן זיך אָן, — דאָס אַלץ האָט ער באַקוקט שפּעטער. ער האָט געפרעגט: „ווו בין איך? ווער זײַט איר?“ — און פון דעם האָט זיך אָנגעהויבן שוין אויך דאָס באַזינטע דערוואַכן זײַנס. פרייד און יִעשׁ, האָפענונג און פאַר־צווייפלונג — אַלץ האָט זיך געמישט אין זײַן האַרץ, און אַזוי איז געווען לאַנג, ביז אויסגע־לאָזט האָט זיך עס פּאַרט מיט אַ צאָרע — מיט אָט דעם ערדשטיבל, וואָס ער באַקוקט איצט.

אַ דײַטש שטייט פון יענער זײַט טיר. פון מאָל צו מאָל נעמט ער עפּעס אויספײַפן ניט הויך און צוקלאַפּן אין טאַקט מיט אַ דלאָניע איבער רער פונעם אוטאָמאַט, נאָר באַלד רײַסט ער דאָס איבער מיט אַ גענעץ. ער גלײַכט זיך אויס די ביינער מיט אַ זיסן קרעכץ, ער

קראַצט זיך. ס'איז אים נודנע, דעם דײַטש, ס'איז שווער צו פאַרטרײַבן דעם שלאָף. וויפל שטייט מען עס בא זיי אַף דער וואך? און עפשער ציט זיך בלויז אזוי פאמעלעך די צײַט פאר אים, דעם פארשפארטן? עפשער שטייט שוין דאָרט א צווייטער דײַטש, — אין טראַכטן, און, מעגלעך, אין מעטושטעשן דרעמל, האָט מען געקאָנט ניט באמערקן, ווי די וואך האָט זיך געביטן.

איינס האָט ער גוט באמערקט, בייס מע האָט אים געבראַכט אהער צו פירן: דאָס ערד־שטיבל איז טיף אײַנגעשניטן אין שיפּוי פון א באַלקע, און גענוג ערד איז אָנגעשאָטן פונויבן, אַף די צוויי יאַרוסן פון דינע בערווענעס, וואָס בילדן אויס דעם דאך, — ארויס פונדאנען קאָן מען נאָר דורך דער טיר, און פון יענער זײַט טיר איז דער דײַטש, און דער פאַרוקער איז א שטאַרקער. ווען עס זאָל פאסירן אזא נעס, ווי ס'האָט שוין געהאַט פאסירט פאַראַיאָרן ווינטער, בייס ער איז אָט אזוי געלעגן אין א פויערישער שטאַל, אונטער א וואַך, זייער אָן אָפּגעשוואַכ־טער פון דער קאָנטוזיע און פון די ווונדן, עמעס, לײַכטע, וואָס ער האָט באַקומען, און פונעם פאַרהער מיט די פײַניקונגען, דורכגעפירטע מיט כעסעד, ווי ס'האָט געדאַרפט הייסן, ווײַל מע האָט זיך געקליבן מאָרגן אים ווידער נעמען אָפן פאַרהער און פײַניקן, — איז ער אָט אזוי געלעגן אין דער קאַלטער שטאַל, אַף שטרוי, א צוגעדעקטער מיט א שמאַטע, וואָס די דײַטשן האָבן אַף אים אָנגעוואָרפן, און פּלוצעם דערהערט עפעס אָן אײַליק, א צוגעטויבט טופען, א וואָיעניש, א כריפען. דער פלאַקן, מיט וועלכן די טיר איז פאַרוקט געווען, איז ווייך אַראָפּגע־פאַלן אין שניי, די טיר האָט זיך צעעפנט און מע האָט א רוף געטאָן: „כאַווער לייטענאַנט!" טימאָשע סירגולי און גוליאַ קאַכישווילי, אין ווײַסע מאַסקיר־כאַלאַטן, אָנגעצויגענע אַף די פעלצלעך, — אָט וועמען דער נעס האָט דעמלט אַראָפּגעבראַכט. דערנאָך איז געווען דער צווייטער נעס — באַ דער בריק, וועלכע ער האָט אופגעריסן, צוגעטראָגן דעם רויכיק־פלאַמיקן וויכעט צו די הוילע קאַפּסולן, פון וועלכע עס האָבן, איבערגעהאַקטע מיט א קויל צי מיט א שפּליטער, געשטעקט די קורצע עקן פונעם ביקפאָרד־שנור און פונעם עלעקטרישן דראָט. איז וויפל מאָל קאָנען געשען ניסים?

מאַרוסיע — דאָס האָט זי אים געפונען, דאָס האָט זי אים געראַטעוועט, און איר טאַטע, דער אײַזנבאַנער, דער וועג־אופזעער — זיי האָבן ניט איין טאָג געמיינט, אַז ער פאַרעדט זיך, ווען ער האָט גענוי זיך דערמאָנט און דערציילט, וויאַזוי ער האָט אַראָפּגעוואַלגערט די בריק. איין אַליעזשקע, דאָס פּיריאָריקע יאַטל מאַרוסיעס, האָט אים פון סאַמע אָנהייב גע־גלייבט — איבערגעקערט אינמיטן צימער, אָפן ליימענעם דיל, א טאַבורעט, גענומען שטויסן אים מיט ביידע הענטלעך און הויך, אופגערעגט געשריִען: „בובוך, בובוך!"

צײַט איז געווען גענוג, און מאַרוסיע האָט אויך אירס דערציילט ניט איין מאָל: זי איז געגאַנגען זוכן אין אָטשערעט די קאַטשקעס, וואָס זײַנען זיך צעלאָפן, ווען ס'האָט א הילך געטאָן דער אופרײַס אָפן טײַך, ערשט — אונדזערער, אָט ער, אזא יונגינקער, ליגט אין בלאָ־טיקן שליים און קאָמאַרעס עסן אים... נאָך א גליק, וואָס ניט אין וואַסער און וואָס ניט — מיטן פּאָנעם אַראָפּ, ס'איז דאָך איין שפּאַן, ער וואָלט זיך דאָך פאַרכלינעט... איז, הייסט עס, געווען אזוי: די אופרײַס־כוואַליע האָט אים א שלײַדער געטאָן פונעם לייטערל נאָך איידער דער בעטאָן און דאָס אײַזן זײַנען זיך צעפלויגן, און א קישן האָט אים אונטערגעלייגט דער טײַך...

מאַרוסיע האָט מיט אים א סאַך געהאַט צו טאָן. און אויסהיטן אים פון א פרעמדן אויג איז אויך געווען ניט פון די גרינגע זאַכן. טאַקע אָן איינציק שטיבל צווישן צוויי בלאָקפּאָסטן, נאָר פונדעסטוועגן קומט עמעצער אַרײַן אויך אַהער. דעם טראַוואָניק און דעם קאַסטאָפּראַוו, אזא הייסט עס, וואָס היילט מיט גראָזן און טויג זיך אויס אַרײַנצופּראַווען אויסגעלענקטע גלידער, צונויפשטעלן צעבראָכענע ביינער, און דערבײַ איז ער א שטיקל טרעפער, אָן אָפּ־שפּרעכער אויך, — דעם אַלטיטשקן מיט דער היפּשער גוליע אָפן שטערן, האָט מען געמוזט אופדעקן דעם סאָד און אַראָפּברענגען אים עטלעכע מאָל פון א ווײַטלעך דאָרף, ווײַל מיט די ריפּן האָט געהאַלטן ניט גאָר גוט. און אָט איז געקומען א טאָג, ווען ער, דער געראַטעוועטער, איז אַראָפּ פון בעט, דערנאָך — נאָך א טאָג, ווען ער האָט זיך שוין ביכלאַל ביז נאַכט ניט אומגעקערט אין בעט, ווען ער האָט שוין גענומען העלפן מיט עפעס אין שטוב — אָנגעדריי־לעוועט מיט מאַרוסיען א האַלבן זאַק יאַדערן פון זונרויזן, קעדיי אויסקוועטשן בוימל, פאַריכט דעם כאַדיק, גענומען זיך אויך צום אַלטן, פאַרזשאַווערטן גראַמאָפאָן, כאָטש ווער ווייסט ווען און צוליב וואָס ער וועט שפּילן, — אָט דעמלט, ווען ער איז, הייסט עס, געוואָרן ווידער א מענטש, האָט מאַרוסיע פון אים א מאָן געטאָן דאָס, נאָך וואָס זי האָט זיך אויסגעבענקט פאַרן יאָר, זינט דער מאַן איז אָפן פראָנט, אויסגעבענקט זיך צי עפשער אויך אויסגעטרוימט עס, קוקנדיק אַף אים, אָן אומבאַהאָלפענעם, שוין עטלעכע כאָדאָשים, — זי האָט לײַדנשאַפטלעך,

שעמעוודיק און פאַרצווייפלט געמאָנט אָן ענטפער, און וואָס זאָל ער איר געווען
ענטפערן?

ער איז אוועק — גיכער א ביסל, ווי ער האָט זיך געקליבן, ווי ער האָט געמעגט אוועק.
געגאַנגען געהיט, דורך די נעכט — אים איז ניטאָ וואָס צו לערנען. ניט געײַלט זיך — אין
וועג האָט ער געדאַרפט אָנזאַמלען קויכעס, ס'איז פאַרגעשטאַנען אריבערגיין דעם פראָנט.
אף די זײַטיקע וועגן, און אָפטער דאָרט, וווּ עס זײַנען קלאל קיין וועגן ניטאָ, האָט ער ווען־
ביט־וועץ באַגעגנט אַזעלכע, ווי ער, — מע האָט זיך דורכגעקליבן אײנציקווײַז, זעלטענער
אינצווייען, אינדרײַען. ער האָט זיך מיט קיינעם ניט פאַרייניקט — אַזוי, האָט אים געשײַנט,
איז בעסער, נאָר אויסגעפרעגט האָט ער גערן, זשעדנע. יעדערער האָט געוווּסט עפּעס וועגן
פראָנט, געהאַט זיך זײַן געשיכטע, געטראָגן צוזאַמל דעם ביטערן גרוס וועגן גאַנצע אומגעקו־
מענע טיילן. מע האָט געשטרעבט צום דאָן — אַלע קלאַנגען זײַנען געווען וועגן דעם, אַז אונד־
זערע האָבן זיך דאָרט אָפּגעשטעלט. ער האָט קיינעם ניט באַגעגנט פון זײַן פאָלק, זײַן דיוויִ־
זיע, — דאָס האָט אי געפרייט, אי געשראָקן. אָט די ביידע געפילן האָט ער געשטיקט אין זיך,
און געפאָלגט בלויז איינס — אַקשאָנעס. ווי א מין אזימוט האָט ער אין געדאַנק זיך אָנגע־
מערקט דעם מאַרשרוט, לויט וועלכן זײַן דיוויזיע, אויב זי איז געבליבן גאַנץ, האָט געקענט
אוועק מיט שלאַכטן אַף מיזרעך, און אויסגעקומען איז עס, אַז זוכן דאַרף ער זי עטוואָס
העכער, ווי בא דער מיטלשטרעמונג פונעם דאָן. אויב ווײַטער פאַרזעצן די ליניע, — די
אומשטענדן האָבן אים מיט דער צײַט דאָס געצוווּנגען טאָן, — האָט זיך באַקומען, אַז אַרויס
דאַרף ער אָט אַהער, צו צאָפן פון סטאַלינגראַד, אין די ערטער, וואָס זײַנען אים ווייניק צו
זאָגן באַקאַנט — ס'איז זײַן היים: קוזמיטשי, אָרלאָווקע, ספּאַרטאַנאָווקע... אָט די פונקטן אין
זײַן געדאַנקלעכן אזימוט האָט ער אָנגעמערקט זיך מיט עטלעכע טעג צוריק, ווען די דײַ־
טשישע אַרמאַדע טאַנקען און די אָנצאָליקע פּעכאָטע, אָן אָנגעגנײַאָזדעטע אין יעדער באַלקע,
אין יעדן וועלדל, און אויך אין דער סטאַניצע אַפן רעכטן ברעג פון דאָן, וווּהין ער האָט זיך
אין איינעם א קאַיאָר דערקליבן, האָט גענומען פלייצן איבערן טײַך, איבער די עטלעכע צע־
וויגטע פאָנטאָנען, און איז אוועק, אוועק אין רויך און שטויב אף מיזרעך.

ער איז אַרײַן אין אָט דעם שוידערלעכן פּאַס, וואָס איז דורכגעהאַקט געוואָרן אין סטעפּ,
אַרײַן ווי א זעמדעלע, וואָס ווערט מיט א צוגלופּט אַרײַנגעצויגן אין א פּוסטן כאָלעל. ניין,
ניט אַזוי — ער איז געגאַנגען א דערצאָרנטער, מיט א שווער אָנגעזאָלעט האַרץ, ער איז ווי־
דער געוואָרן אַן אויסשפּירער — צוגעקוקט זיך צו אַלץ, געציילט, פאַרקריצט אין זיקאָרן, ווּ
עס איז א שטאַב פון די דײַטשן, ווו מע לאָדט אויס פּעסלעך מיט ברענשטאָף, ווּ מע רע־
מאָנטירט טאַנקען, ווו עס שטעלט זיך ווײַט־שיסנדיקע אַרטילעריע, — איצט האָט ער געײַלט,
אָבער אײַלן איז אַלץ שווערער געווען — אַרום האָט געשווימלט און געגריבלט מיט דײַטשן,
און ער האָט געדאַרפט, געמוזט אַמשנעלסטן קומען אף יענער־זײַט, ער איז שוין געגאַנגען ניט
מיט ליידיקן.

אַלץ איז געשען מיט אים דאָ, צווישן רינאָק און ספּאַרטאַנאָווקע. כאָטש שפּרינג פון דער
הויט, נאָר ער האָט ניט געקאָנט, ביז עס ווערט ליכטיק, דערקלײַבן זיך צו דער מאָקראַיא
מעטשעטקאַ, ווּ דער פראָנט איז געווען, און אריבער זי, די מעטשעטקע, ביז ס'וועט ליכטיק
ווערן. דײַטשן האָבן געשפּאַרט אַנטקעגן אין דער קאַיאָריקער גרויקײַט, פאַר־
וויקלטע אין זייערע געפלעקטע פלאַשטש־פּאַלאַטקעס, אין קאָלדרעס, ווער אַפילע מיט אָנגע־
דרייטע האַנטעכער אף די העלדזער — באַנאַכט איז שוין קאַלט ניט אף קאַטאָוועסן. גרופּקעס־
ווײַז זײַנען זיי אָן אופהער געגאַנגען, די דײַטשן, אַנדערע האָבן מיט די הענט אריבערגעקײַקלט
לײַכטע האַרמאַטן, געטראָגן באַזונדערע טיילן פון מינענוואַרפער, בלעכענע קעסטלעך מיט
סנאַריאַדן — געשטראָמט האָט מען אף צאָפן, צו אָרלאָווקע, ווו ס'האָט זיך צעפלאַקערט א
שלאַכט. קלאָר, מע האָט אונטערגעוואָרפן קויכעס אַהין. ווען דאָס אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן,
איז ער אַרײַן אין א האַלב־צערויִנירטן אָקאָפּ, ווו ס'האָבן געזוכט א פריטולעק, אויסגעבאַ־
האַלטן זיך עטלעכע רינאָקער טוישווים, גראָד אומבאַקאַנטע, דעריקער אַלטע לײַט און קינ־
דער. אָט דאָ איז ער געזעסן א צוניפגעקאָרטשעטער, אָנגעצויגן אַפן קאָפּ דעם קאָלנער פונעם
לעכעריקן פּידזשאַקל, און פּלוצעם איז שטיל געוואָרן, די דײַטשן זײַנען, דוכט זיך, אַלע דורכ־
געגאַנגען. ער האָט א קלער געטאָן, אַז כאָטש ס'איז בלוי, וואָלט עפּשער פאָרט ניט שאַטן
אריבערכאַפּן זיך א ביסל ווײַטער. ער האָט דאָך געהאַט נאָך עפּעס אין זינען, און ס'איז געווען
ניט פון די לעצטע פּאַרלאַנגען זײַנע, — אין ספּאַרטאַנאָווקע, אף א זײַטיקער גאַס, א קוק
טאָן, וואָס עס טוט זיך דאָרט אין איינעם א הויף, זײַן שוועסטערס הויף, עפּשער באַהאַלט
זיך דאָרט אויך, ווי דאָ, עמעצער אין א גרוב, א נאָרע, און עס וועט געלינגען דערוויסן זיך
בא יענעם עפּעס־וואָס וועגן דעם, דעם נאַוועגאַדניק, וועלכער איז שוין פאַ־

רעכנט פאַר א טויטן, מער ווי דריַי כאַדאָשים ניט צו רו, — האָט ער זיך אונטערגעהויבן, ניט גאָר אויסגליַיכנדיק די פּלייצע, געגעבן א קוק ארויס פון אָקאָפּ און איז דערציטערט געוואָרן: באַנאַנד איז געווען א כורווע, א קופּע אש און קוילן, וואָס איז געבליבן פון א פאַרבערענטן ביניען, אַף א קופּקעלע ציגל דאָרט, אין סאמע מיט, איז געזעסן די מומע ניושע, דעם טאטנס שוועסטער, איינגאנצן א גרוי געוואָרענע, א צעפּאטלטע, אין א צעריסן קלייד, און מיט א פאַרויכערטן שטעקן פאַמעלעכן, צו זען אָן שום פאַרשטאַנד, געשאַרט אין אש.

ער איז ארויס פון אָקאָפּ, צוגעגאַנגען נעענטער, א רוף געטאָן:

— מומע ניושע!

זי האָט אָנגעשטעלט אַף אים פּוסטע, אויסגעצוויטעטע אויגן און געזאָגט:

— איגאָר, ביסט דאָך שוין ניטאָ, איגאָר?

איבער איר צערונצלט פּאָנעם איז דורכגעלאָפן א ציטער — פון אן אינערלעכן געוויין, צי עפּעס פון א מין שטילן, טרויעריקן געלעכטער:

— קכמ, אויב אזוי, קאָן דאָך מיַין טאַניע אויך זיַין... זי גייט ניט, האָסט ניט געזען? איינער האָט געזאָגט — געמיינט, איך הער ניט — א טאַנק איז זי איבערגעפאָרן דאָרט, בא די אָקאָפּעס, אין סטעפּ... זוך, רוף — ניטאָ!

אין דער מומעס אויגן, מאַמעש ווײַסע, האָט עפּעס א פינקל געטאָן קלאָרס, באַזינטס.

— וואַרט, — האָט זי זיך פאַרכידעשט, — ביסט דאָך פאָרט — איגאָר! מע האָט דאָ ניט לאַנג, מיט עטלעכע טעג צוריק, נאָך ביז דעם אלעמען, גערעדט וועגן דיר דורך ראַדיאָ, ווי וועגן אן אומגעקומענעם, און טאַסיע, איך בין אריַין צו איר, האָט באַוויזן צײַטונגען, ווו מע האָט געשריבן וועגן דיר... ביסט דאָך א העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, טאַסיע באַוויינט דיך, און דו ביסט דאָ, ביסט א העלד!

— און ווו איז זי, טאַסיע, מומע ניושע?

— און ווו איז טאַניע? ווער ווייסט, ווו ווער עס איז איצט?

ער האָט זי אוועקגעפירט אין אָקאָפּ, די דולע צי די האַלב־דולע, אָפּגעמוטשעט זיך מיט איר א טאָג, אָנגעהערט זיך אזוינס, וואָס גליווערט דאָס בלוט, און פאַרנאַכט־צו איז איר אריַין אין קאָפּ, ער זאָל זי אריבערפירן אַף יענער־זיַיט, איבער דער מעטשעטקע, עפּשער איז די טאָכטער דאָרט.

— געדענקסט, האָסט טאַניען, א קליינינטשקע, געפירט אמאָל פאַר א האַנט איבער דער קלאַדקע, וועסטו מיך אויך האַלטן אזוי פאַר א האַנט.

ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, איז זי אנשלאָפן געוואָרן, אפילע אונטערגעשנאָרכעט. ער האָט זיך דערפרייט. און כאָטש ס'איז נאָך געווען א ביסל צו פרי, פאַרלאָזט די באַהעל־

טעניש. ער האָט געמיטן ספּאַרטאַנאָווקע — בלויז פֿון אַ זײַט געזען, אַז דאָרט, ווו ס'איז געווען טאַסיעס הויף, הוילט אַ פּוסטקע. ער איז שוין געווען בײַ דער מעטשעטקע, ווען ס'האָט הינטן, גאָר נאָענט, זיך דערהערט:

— איגאָר, שטיי, איגאָר!

די דולע איז געלאָפן צו אים דורך דער פֿאַרברענטער גאַס. ס'האָט אַ שפּריץ געטאָן פֿײַער און זי איז געפֿאַלן. באַלד זײַנען קרום אַ פּלי געטאָן ראַקעטעס. ער איז געשטאַנען אַ באַלויכטענער פֿון אַלע זײַטן, און פֿונוואַנען עס האָבן זיך גענומען די הענט, וואָס האָבן אים אָנגעכאַפּט בײַם גאָרגל, האָט ער ניט באַוויזן באַמערקן.

2 אינדערפֿרי האָט מען אין ערדשטיבל אַרײַנגעשטויסן נאָך איינעם — מיט אָפּגעלאָפּענע בײַלן אויפֿן קורץ־געשוירענעם קאָפּ, מיט צעבלוטיקטע ליפּן. אַ מענטש פֿון אַ יאָר עטלעכע און דרײַסיק, זייער אַ דאַרער, אין צעריסענע רויטאַרמייִשע קליידער. אָפּגערוט עטלעכע ווײַלעס האַלב־ליגנדיק אויף דער ערד, האָט ער זיך אויפֿגעזעצט און מיד געזאָגט איגאָרן, וואָס איז אַ פֿאַרלוירענער געשטאַנען לעבן אים:

— ביסט געשלאָפֿן, באַכער?

— ניין, סטאַם אַזוי...

— אוי, אַ גאַנצינקער, און מיך האָט מען, זעסט, וויאַזוי באַאַרבעט?

איין אויג האָט געקאָסיעט. מיסטאָמע ניט פֿון די קלעפּ, פּאַשעט — אַ קאָסאָקער. נאָר באַקומען האָט זיך, אַז דאָס קוקט ער אַזוי מיט אָט דעם קאָסן אויג באַזונדערס שטאַר איבער דעם אומצוטרוי, וואָס האָט זיך פּלוצעם דערוועקט אין אים.

— אַ גאַנצינקער, — האָט ער איבערגעכאַזערט, אַרומלעקנדיק פֿאַרזיכטיק די אייבערשטע ליפּ, אויף וועלכער ס'איז ווידער אַרויסגעטראָטן בלוט, — מע האָט דיך גאָר צום מאַיאָר ניט געפֿירט?

— געפֿירט, נאָר ער איז שטאַרק שיקער געווען. „שיס אים, העלמוט, — האָט ער געזאָגט צום קאָנוואָיִר, — און אויב דו ווילסט — פֿאַרשפּאַר אים".

— און דו האָסט פֿאַרשטאַנען? — דאָס קאָסאָקע אויג האָט געבלישטשעט, ווי די שאַרף פֿון אַ מעסער.

— אין דרויסן האָט דער, וואָס האָט מיך קאָנוואָיִרט, געזאָגט צו אַ צווייטן: „ווער קען אים ניט, דעם מאַיאָר? ער וועט זיך דורכשלאָפֿן און הייסן ברענגען דעם רוס. זאָל ער בעסער דערווײַל גאַנץ זײַן!"

— אַזוי גוט פֿאַרשטייסטו דײַטש?

— איך פֿלעג זיך קאָנען באַגיין אָן אַ ווערטערבוך.

— ווו?

— דאָס איז געווען ניט נעכטן.

— אַ־אַ, אָט, הייסט עס, אין וואָס די זאַך באַשטייט! און מיך האָט מען געבראַכט צום מאַיאָר, ווען ער האָט זיך שוין אויסגעניכטערט.

די אָנגעשטרענגטקייט פֿונעם קאָסאָקן, זײַן אומצוטרוי איז ניט געמינערט געוואָרן. געשוויגן אַ מינוט — צוויי, האָט ער, צושאָקלענדיק מיטן שישקעוואַטן קאָפּ, סאַרקאַסטיש געזאָגט:

— אײַ, אײַ, באַכער, וואָלט מען כאָטש צוליב אָנשטענדיקייט דיר אַ ביסל צעקוואָסיעט די צורע... און באַוואַכט האָט מען דיך, מיסטאָמע פֿון אָפּדערנאַכט אָן?

— פֿון אָפּדערנאַכט. איר זשאַלעוועט זיי, די דײַטשן? איר זעט דאָך, וואָס עס ליגט דאָ, אין ערדשטיבל, — עס איז פֿאַראַן וואָס אָפּצוהיטן, און אין דרויסן, אין גריבער — קעסטלעך מיט סנאַריאַדן.

— קענסטער, הייסט עס, דײַטש. זאָגסט אַליין, אַז דו קענסט. און יאַצקאָ אונדזערער, לאָזט זיך אויס, קען אויך דײַטש. ערגעץ איז ער בײַם מאַיאָר פּאָדבאַקאָם — מע האָט געשיקט נאָך אים און ער האָט פֿאַרטײַטשט, וואָס מע פֿרעגט מיך און וואָס איך ענטפֿער. זעסט, איך זאָג דיר גלײַך — יאַצקאָ האָט מיך ניט דערקענט. צי איך בין אַזוי געוואָרן ענלעך אויף אַ שעד, צי ער האָט מיך קלאָר ניט פֿאַרגעדענקט — איינער פֿון אַ סאַך. אַ שאָד, אַלעמאָל האָב איך געשאָסן נישקאָשעדיק, און יעגנץ מאָל, ווען איך האָב אים געדאַרפֿט דערטאַפּן, — אַ פּראָמאַך! זעסט, וואָס איך דערצייל דיר? אַלציינס, אויב וועסט מיך פֿאַרקויפֿן, איז די פּרײַז ניט קיין גרויסע — אַ פּאַשעטער סאָלדאַט.

— איך וועל בעסער מיט אײַך ניט ריידן, און איר שווײַגט אויך. מיר שווײַגן.

נאָר ער האָט ווידער זיך אָנגערופֿן, דער קאָסאָקער:

— נו, קום אהער, וואָס זיצסטו דאָרט אין אַ זײַט. אינצווייען, און אַז מע רעדט וועגן עפּעס, איז פּאַרט היימלעכער. לאָמיר זאָגן, איך גלייב דיר אַ ביסל. איז ווער זשע ביסטו — אַ היגער, אַ ציווילער? צי דו האָסט זיך איבערגעטאָן?
— אַ היגער, נאָר ניט קיין ציווילער.
— און — איבערגעטאָן?
— איבערגעטאָן האָב איך זיך ווײַט פונדאַנען.
— ווײַט... גייסטו, הייסט עס, פון אַרומרינגלונג צי פון געפענקעניש?
— אין געפענקעניש בין איך איצטיקס מאָל ניט געווען.
— איצטיקס מאָל... און בּיכלאַל ביסטו, הייסט עס, געווען אין געפענקעניש. מיט אַן אַלטן שטשערב, הייסט עס. ווייסט דאָך — אַף יענער־זייט וועט מען אַלציינס האַלטן, אַז דו ביסט שוין צוויי מאָל אַ געשטשערבעטער.
— און עפּשער האָט מען אײַך אַזוי באַמאָלט צוליב מיר?
— לאַכסט.
— איז בעסער ניט ריידן, ניט פרעגן.
— ריכטיק... — דער קאָסאָקער האָט זיך, קענטיק, דערפילט געטראָפן, — איך האָב געפרעגט, ווײַל איך שוין, מיילע, באַוויזן, אַז איך פּאַרטרוי דיר, באַכער. איך האָב ניט געקליבן זיך, אַפּילע ניט געטראַכט אַריבער אַף יענער־זײַט וואַלגע. קיין ברעטער ניט געזוכט. איך האָב געגומען מינעס, — באַ דעם האָט מען מיך געפּאַקט, — ווײַל מע האָט זיי געדאַרפט, די מינעס, דאָרט, אין שול, האָט מען זיי געדאַרפט. ווייסט דאָך, ווו די שול איז דאָ?
— זײַט איר פון די, וואָס האַלטן זיך אין שול?
— מיר האָבן זיך שוין אַפּילע אַלע אונטערגעשריבן — שטיין ביז לעצט. מע וועט מיך נאָך, אָט דאָס וועט גאָר זײַן שיין, פאַרעכענען פאַר אַ דעזערטיר.
— און איך בין פון יאַסענעווס דיוויזיע — עפּשער האָט איר געהערט?
— ניין, ניט געהערט. מײַן דיוויזיע איז צעפאַלן געוואָרן, געדינט האָב איך איצט אין אַ ראָטע, וואָס איינער אַ לייטענאַנט פון אַן אַנדער דיוויזיע, זעמליאַניצין, האָט זי אָפּגיך צונויפגעשטוקעוועט.
— זעמליאַניצין? וועלכער זעמליאַניצין? ווער איז זײַן קאָמאַנדיר?
— קרעמעז.
— קרעמעז האָט זיך אומגעקערט? איז עס דאָך...
און ווײַטער האָט ראַזשעפּקין זיך שוין דערוווּסט אַלע נײַס, וואָס האָבן געקענט דערגיין צו אים דורך סאָמוויוויטער. דערוווּסט זיך וועגן ניקאַנדערן („און היגע זײַנען דאָ צווישן די, וואָס אין שול?" „אַ פישער, ניקאַנדער, צי ווי ער רופט זיך עס אַליין — פּאַלונדראַ"), וועגן וואָוען („וועגן ניט דאָס שנעקל, שיסן אים די דײַטשן, ניקאַנדערן, אים און נאָך עטלעכע"), וועגן ליובען („אַ געלינקע, אַ ווײַסע אַזאַ, מיט צעפּלעך, פונעם זעלבן פּאָלק איז זי, און וואָוע זאָגט — אַ מומע... דאָס ברעקל? ניין, ניט געזען — גיי ווייס! הערסט דאָך, וואָס איך זאָג — מע איז אוועק אַף יענער־זײַט... זאָל איך זיך פאַר דיר איבערציילעמען, צי וואָס? זײַ רויִק!").
אומגיין איז אין ערדשטיבל ניט געווען ווו — צוויי שפּאַן ביזן אָנגעוואַלגערטן דראָט, צוויי — צוריק, צו דער טיר. ראַזשעפּקין האָט אַלעמאָל זיך אָפּגעשטעלט לעבן סאָלדאַט, וואָס איז, אָן אונטערגעשטראָכן־רויִקער, אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט די קני, געזעסן באַ דער וואַנט. ווידער און ווידער האָט דער עלטערער לייטענאַנט געפרעגט עפּעס, צו עטלעכע מאָל איבערגעפרעגט דאָס זעלבע, ביז ער האָט זיך אויך אוועקגעזעצט אַפן דיל און מע האָט שוין מער געשוויגן, ווי גערעדט. די נײַס, וואָס האָבן צוערשט טיף אופגערודערט ביידן, האָבן נאָך אומדערטערגלעכער געמאַכט די אומבאַוווּסטקײַט, דאָס וואַרטן.
די טיר האָט זיך צעעפנט, ווען מע האָט שוין דאָס וויפלסטע מאָל געפרעגט איינער באַם אַנדערן: „וואָס וועט מען טאָן מיט אונדז?" און געווען איז אַזוי: באַהערשט איינעם שטאַרקער די מאַרעשכוירע, טריסט אים דער צווייטער, און פאַרקערט. אַ מינוט פאַר דעם, ווי שווערע טריט פון צווייען צי פון דרײַען האָבן זיך געגומען דערנעענטערן צום ערדשטיבל און עמעצער האָט פון אויסן אַ שלעפּ געטאָן דעם אײַזערנעם פאַרוקער פון דער טיר, האָט איגאָר געהאַט געזאָגט:
— מע קאָן שיסן, אָט מיט דעם קאָן זיך עס ענדיקן.
און סאָמוויוויטער:
— וואָס זשע ציט מען? ניין, עלטערער לייטענאַנט, איך קלער, אַז ניין. מע האָט שוין מיסטאָמע אָפּגעפּרישטיקט — מע עסט באַ זיי גוט, איך ווייס, פלייש אַ סאַך — עס קלעקט דאָ

פי, און אָט־אָ, עס בוקעט שטאַרק אין אַלע זײַטן, וואָלט מען זיך מיט אונדז אָפּגעפּאַרטיקט, ווען מע קלײַבט זיך עס טאָן... בעסער וואָלט מען אין אונדז פאַרגעסן, וואָס לענגער — איז בעסער.

— ע, דער מאַיאָר קאָן זיך כאַפּן און זאָגן איין וואָרט...

— אָט דאָס קוויטל — א קויל — האָבן מיר שוין לאַנג אַרויסגעצויגן מיט דיר. און זעסט דאָך.

די טיר האָט זיך צעעפנט און איינער פון די צווײ דײַטשן, וואָס זײַנען געשטאַנען בא דער שוועל, פאַרגאַסענע מיט דער העלער זון, האָט באַפוילן:

— ראַוס!

מע איז עטלעכע מינוט געגאַנגען דורך דער באַלקע און אַרויסגעקומען אין א צווייטער, ווו ס׳האָט געוואַרט א לאַסטמאַשין מיט א הויכן קוזאָוו, אָן איבערגעדעקטער מיט א צעלע־כערטן ברעזענט. פּונקט אַזאַ מאַשין איז ערשט־אָ אַפּגעגאַנגען פונדאַנען — זי האָט זיך גע־הויבן איבערן פלאַכן שיפּוי, צווישן נידעריקע קוסטעס, — צום וועג. אין קוזאָוו פון דער, וואָס האָט געוואַרט, זײַנען געווען געפאַנגענע, אַלע זײַנען זיי געזעסן אָפן דעק, האָט מען די צווײ, וואָס זײַנען געבראַכט געוואָרן, געהייסן אויך אַרונטערקריכן אונטערן ברעזענט. די מאַשין איז געפאָרן גאַנץ לאַנג, ניט ווייניקער פון א שאָ, און געקומען איז מען אָף עפּעס א סטאַנציע, אין סטעפּ, צווישן שיטערע אַלטע יאַסענעס. אָף א זײַטיקן וועג, ווײַטלעך פון דער סטאַנציע, זײַנען געשטאַנען עטלעכע לאַסטוואַגאָנעס. אַהין האָט מען אוועקגעטריבן צופוס. סומוילוויטער האָט שטיל געזאָגט:

— נו, אָט, איצט האָבן מיר שוין די ווערט פון אָקסן. מע וועט דאַרפן...

נאָר ער האָט ניט געענדיקט ריידן. מע איז פאַרבײַגעגאַנגען א וואַגאָן מיט א ברייט צעעפנטער טיר, א סאַך געפאַנגענע האָבן זיך דאָ צונויפגעשטויסן, און צווייען האָבן, שטייענ־דיק שוין אינווייניק, אויסגעשטרעקט די הענט, געהאָלפן די פאָדערשטע אַרײַנקריכן. די, וואָס זײַנען ערשט געקומען, האָט מען געפירט ווײַטער — צו די שכיינעסדיקע וואַגאָנעס. סומוי־וויטער האָט א סמיקע געטאָן ראַזטשעפקינען פאַרן אַרבל:

— זע, זע, אָט יענעם, דעם סוטולעוואַטן, וואָס מע שלעפּט אַרוף! דאָס איז דאָך יאַצקאָ...

— וועלכער? ווו?

דער קאָנוואָיִר מיט אָן אָנגעשטעלטן אויטאָמאַט האָט געשפּאַנט באַנאַנד. אומקוקן זיך איז געווען געפערלעך.

3 דער קלאַפּ איז געקומען אומדערוואַרט. דערלאַנגט האָט אים מיסטאַמע אַזאַ איינער, וואָס די סינע האָט אים געלערנט לאַנג וואַרטן, וואַרטן אַפילע דערנאָך, ווען ער האָט זי שוין געקאָנט אָפּן אַרויסברענגען, — ער, א פּאַכדן, האָט צוגעקוקט זיך, א פּאַרטײַעטער, פון דער זײַט, אויסגעמעקט בא זיך אין געדאַנק דאָס אַלץ, וואָס איז אָן אים אופגעדעקט געוואָרן, און ענדלעך האָט ער באַשלאָסן: „איצט וועל איך". ער האָט, אייגנטלעך, געוווּסט און געזען בלויז דאָס, וואָס עס איז אָף דער אויבערפלאַך, וואָס עס איז געבליבן אָף דער אויבערפלאַך לויטן פּאַשעטן קלאַל: א סאַך ווייסן און שווײַגן, עס באַרירט צופיל מענטשן, קימאַט אַלעמען, עס איז — דאָס לעבן, אַזוינס, ווי עס איז געווען, און ווי עס וועט ווידער זײַן. יעדנפאַלס, ווײַט ניט יעדערער איז זיכער, אַז עס וועט זיך ניט אומקערן ווידער. ער, אָט דער דאָזיקער, איז אויך ניט זיכער געווען, און דערפאַר האָט ער דערלאַנגט דעם קלאַפּ אָט אַזוי, ניט אַנדערש...

דער קאָנווערט איז אַרײַנגערוקט געוואָרן דורכן שפּאַלט צווישן דיל און דער טיר — קיין שוועל איז אינעם קאַבינעט, דעם געוועזענעם רויטן ווינקל, ניט געווען. די טיר האָט אופגעשלאָסן סטעפּקע — אַזאַ מאָדע האָט זיך געמאַכט רודאָלף קרומפּײַל — ער גיט איר דעם שליסל פון קאַבינעט, בייס מע הייבט זיך שוין איבער די אײַזערנע, אָפּגעפּאָלירטע טרעפּ אָפן צווייטן שטאָק פון דעפּאָ, און אַליין פּאַרויכערט ער דערוויַיל, עס זאָל ווייניקער אויסקומען רייכערן אין צימער. זי ווייסט — מער, ווי אָט דעם אינדערפרִיענדיקן פּאַפּיראָס, וועט דער שעף, וויפל ער זאָל זיך ניט געפינען אין קאַבינעט, ניט אויסרייכערן. דאָס, וואָס ער גיט איר אָפּ דעם שליסל, האָט נאָך א מיין — ניט נאָר באַפרײַען זיך די הענט, — דאָס שטרײַכט ער אונטער, קרומפּײַל (אין געדאַנק רופט זי אים סטענדיק, סטעפּקע — רודעי, ניט רודי, ווי זײַן פאַרצויגענער נאָמען איז, ניט רודאַי, געלער — אָף רוסיש, נאָר טאַקע אָף אוקראַיִניש —

רודעי, וואָס כאָטש ס'איז דאָס זעלבע, קלינגט עס, ווי איר דאַכט זיך אויס, בײַסיקער, אַזוי רופֿן אים, אגעוו, צווישן זיך, די אײַזנבאַנער אויך, און דאָס, וואָס די גלאַט־צוגעקעמטע האָר זײַנען באַם דײַטש קלאָל ניט קיין געלע, נאָר טונקל רוסיאַווע, האָט קיין באַדײַטונג ניט — זי זעט זיי, די עטלעכע ליכטיקערע האָר אין זײַנע צעשויבערטע ברעמען, און די צעזייטע גרויע הערעלעך אויף די שיטערע שלייפֿן רעכנט זי אויך פֿאַר געלע), ער שטרײַכט אונטער זײַן צוטרוי און מיסטאַמע אויך יענץ ביסעלע וואַרעמקײַט, וואָס איז דער עקסטער ברעג, ביז וועלכן זײַן גוטע באַציִונג צו איר קאָן דערגיין... עס האָט אַ שורשע געטאָן, ווען די אַרומגעקלאַפּטע טיר האָט זיך גענומען עפֿענען, סטעפּקע האָט דערזען דאָס שפּיציקל פֿונעם בריוו, וואָס דאָס אונטערשטע דערמאַנטינעווע קאַטשעלקעלע האָט מִיטגעשלעפּט, און ווען רודאָלף זאָל כאָטש נאָך זײַן אויף די טרעפּ, ווען ער זאָל ניט שטיין שוין אויף דער פּלאַשטשאַד־קע, וואָלט זי באַוויזן אָנטרעטן אויפֿן בריוו, אַ רוק טאָן אים אונטערן טעפּעך, וואָס האָט זיך געשפּרייט אַ האַלבן שפּאַן ווײַטער, אין קאַבינעט. נאָר רודאָלף האָט אויך דערהערט דאָס שורשען, האָט ער האַסטיק אַ שפּאַן געגעבן צו דער טיר, לײַכט פֿאַרטשעפּעט דעם זאַדניק פֿון סטעפּקעס טופֿליע און שטיל אויסגערופֿן:

— אַך, אָט איז עפּעס!

ער האָט זיך ניט אָנגעבויגן, צוגעוואַרט, סטעפּקע זאָל אויפֿהייבן דעם בריוו (אָנגעשפּיצט־שטום, בלויז מיט אַ קער פֿונעם קאָפּ געהייסן דאָס טאָן), באַקוקט דעם פֿאַרקלעפּטן קאָנווערט אין אירע הענט, און ווײַל דער אויפֿשריפֿט איז געמאַכט געווען אויף רוסיש, האָט ער אויך אַזוי שטום, ווען מע איז שוין אַרײַנגעגאַנגען אין קאַבינעט, געהייסן עפֿענען אים. דאָס אַרויס־געשלעפּטע פּאַפּיר — צוויי מיטלסטע זײַטלעך פֿון אַ העפֿט, אויף וועלכע ס'איז אויף רוסיש אויסגעשטעלט געווען אַ נומערירט צעטל, לעבן יעדן נומער צוויי־דרײַ אונטערגעשטראָכענע ווערטער — מיסטאַמע, פֿאַמיליעס, נעמען, פּאַטערנעמען, און קורצע באַמערקונגען באַ דער זײַט, — האָט קרומפּײַל, בײַסנדיק דעם פּאַפּיראָס, עטלעכע ווײַלעס געדרייט אין די הענט און אַ צערייצטער אומגעקערט סטעפּקען.

— לייענט, לייענט שנעל! אין דער הייך, אויף רוסיש און אויף דײַטש! — האָט ער געפֿאָדערט.

זי האָט צוריקגעהאַלטן־קאָקעטיש, געקאָנט האָט דאָס הייסן פּאָשעט פֿרעגעוודיק, אינטים אַ קוק געטאָן אויף זײַן דאַר, בלאַס געוואָרן פּאָנעם, ווי זי זאָל אים ווייך שטראָפֿן פֿאַר אָט דעם צערייצטן טאָן, פֿאַר זײַן אומגעדולד, אַפֿילע פֿאַר זײַן אירצן זי, כאָטש ער אירצט זי שטענדיק, בייס זי פּילט אויס אירע דינסט־פֿליכטן, אַפֿילע אויב מע איז דערבײַ איינע־אַליין אין קאַבינעט; זי האָט געמוזט געווינען אַ ביסעלע צײַט, אַ מינוט אויף צו באַהערשן זיך, פּרווון באַנעמען, וואָס טאָן, וואָס צוטראַכטן — זי האָט שוין געזען, פֿאַרשטאַנען, אַז זי וועט עפּעס מוזן טאָן ריזיקאַלס, און וואָס שנעלער איז בעסער. זי האָט געלייענט און איבערגעכאַזערט קימאַט מאַשינעל, און אײַנגעקריצט האָט זי אין מויעך איינס — די נעמען און די פֿאַמיליעס. אַנטאָן יעריאָמענקאָ, אַ מאַשיניסט — זי קען אים ניט; פּאַוועל גוסליאַקאָוו. אַ סטרעלאָטשניק — קיינמאָל ניט געהערט וועגן אים; מאַריאַ טיכאָפּליאַס, — אוי, ווער איז דאָס? ניין, בלויז פֿאַר־געדענקען — טיכאָפּליאַס! אַרטעם דאַרוגאַ, — אָ, דאָס איז שרעקלעך, דאָס איז באַזונדערס וויכטיק! אַפֿאַנאַסי טימאָשטשוק — קלאָר! ווײַטער, די אַנאַניעווס — דער זון, אַ לייטענאַנט, און די מאַמע, אַ דעפּאָטאַטקע פֿון אָקטיאַבינסק, באַנאַכט גאַנוועגען זיך צו זיי מענטשן אין הויף פֿון איבערן שוואַרצן באַרג. אוך, אָן אויסוואָרף, מיסטאַמע אַ שאָכן. ווײַטער, ווער נאָך?..

זי האָט דערלייענט ביזן סאָף — פֿיר און צוואַנציק מענטשן האָט געדראָעט אָן אומגליק. רודאָלף האָט צוגענומען דעם צעטל און דעם קאָנווערט, אַלץ פֿאַרבאַהאַלטן אין סייף, נאָר ניט פֿאַרשלאָסן אים — דאָס איז געווען נאָך אַ גאָב איר, סטעפּקען, אַזוי האָט זי דאָס געדאַרפֿט פֿאַרשטיין. דער סייף איז געשטאַנען לעבן שרײַבטיש, נאָר אַ ביסעלע נענטער צו דער דרויסנדיִקער וואַנט און צום פֿענצטער. איז רודאָלף אַ פּאָר מאָל זיך דורכגעגאַנגען לויט אַ דיִאַגאָנאַל פֿונעם סייף צום הענגער באַ דער טיר און צוריק, דערנאָך פֿאַרנומען זײַן אָרט באַם טיש, סטעפּקען באַוויזן, זי זאָל זיך זעצן, ווי אַלעמאָל, אויפֿן דיוואַן — עס האָט זיך אָנגע־הויבן דער אַרבעטס־טאָג.

אינדערפֿרי איז דאָס ערשטע — דער באַריכט פֿון דער סטאַנציע: וויפֿל צוגן זײַנען דורכגעגאַנגען פֿאַר דער נאַכט; וואָס ווערט אויסגעלאָדן, אָנגעלאָדן; וויפֿל וועלן זיך פֿאָדערן לאָקאָמאָטיוון פֿאַר די צוגן, וואָס וועלן דורכגיין און פֿאַרמירט ווערן אין מעשעך פֿון מעס־לעס. דער צווייטער באַריכט איז פֿון דעפּאָ: ווי גייט דער רעמאָנט און די עקיפּיראָווקע פֿון לאָקאָמאָטיוון. ס'איז די איינציקע פֿונקציִאָנירנדיקע פֿראַכט־סטאַנציע אין קיִעוו, אויפֿן רעכטן ברעג פֿון דניעפּער, און די איינציקע דעפּאָ, וואָס שטעלט צו לאָקאָמאָטיוון פֿאַר די פֿראַכט־עשעלאָנען — סײַ פֿאַר די, וואָס גייען טראַנזיט אויף מיזרעך און אויף מײַרעוו, סײַ פֿאַר די,

וואָס ווערן דאָ פאַרמירט. און מיטביידע וווירטשאַפטן פירט אָן רודאָלף קרומפּײַל. קיין סקראָפולעזע טעכנישע באַהאַוונטקײַט פֿאָדערט זיך פון אים ניט, דעם געוועזענעם בערלינער מעטראָ־אַנגעשטעלטן, — דערויף האָט ער צוויי געהילפן, אויך דײַטשן, — עס פאָדערט זיך בלויז, ער זאָל זײַן דער, וואָס קאָן דאָ האַלטן אַלץ אין פעסטע הענט.

די באַריכטן, וואָס דויערן געוויינלעך ניט גאָר לאַנג, האָבן הײַנט זיך פאַרצויגן און גע־שאַפן זיך אָן אײַנדרוק, אַז רודאָלף — סטעפּקע האָט אים און ווידער און ווידער גערופן „רודי" — פאַרציט זיי בעקיוון. ס'איז טאַקע געווען אין וואָס צו פאַנאַנדערקלײַבן זיך, אָבער ניט אַף קיין סאַך מער, ווי שטענדיק, און אויב אַן אַנדערשמאָל, ווען עפּעס ענלעכס פּאַסירט אַזוינס און עס שמעקט מיט בעקיוונדיקער נאָכלעסיקײַט, סאַבאָטאַזש, לאָזט ער זיך אַוועק אַ היציקער אויסקלאָרן אַלץ אַף אָן אָרט, קעדיי אַליין באַשטימען, וועמען און וויאַזוי באַ־שטראָפן, האָט ער הײַנט קימאַט זיך ניט געהיצט, ער האָט געהערט, אויסגעפרעגט און איבער־געפרעגט, געמאַכט באַמערקונגען, און אַלץ אַזוי, ווי אייַנער, וואָס ווייסט עפּעס מער, ער צוימט אין זיך אַ סאַך אַ גרעסערע אופגעבראַכטקײַט, ער קילט זיך דאָס האַרץ טאַקע אָט אַזוי, פאַנאַנדערקלײַבנדיק זיך באַאַריכטעס אין דעם, וואָס איז מינדערוווערטיקער. פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן צושטאַנד זײַנעם האָט איין סטעפּקע, נאָר זי האָט אַפילע אינערלעך זיך ניט גע־קאָנט ערגערן ווי שטענדיק. זי איז אָנגעגליט, אָנגעצויגן געווען ביזן העכסטן גראַד און גע־ווּוסט, אַז אַזוי מוז זײַן, וויפל עס וועט זיך פאָדערן, דאָ גייט אַ געפּעכט צווישן איר און אָט דעם דײַטש, אַ געפּעכט, וועגן וועלכן ער האָט בלויז אַ ווײַטן כשאַד, אָבער אַ כשאַד, און זי טאָר גאָרנישט ניט אַנטפּלעקן, זי דאַרף קעגנשטיין מיט איר גאַנצער געהיים אָנגעזאַמלטער קראַפט, און טאַקע געפינען די עטלעכע מינוט, וואָס זײַנען איר נייטיק, אַף אַפּצוטאָן דאָס, אין וואָס עס באַשטייט איר כּיווּן.

זי האָט געהערט: עמעצער האָט קאַיאַר אָפּגעלאָזט דעם טאָרמאָז פון אָן אָפּגערעמאָנטירטן לאָקאָמאָטיוו, וועלכן מע האָט שוין אָפּסנײַ פאַנאַנדערגעהייצט, און ער איז אַליין אַוועק פון צעך אַף די רעלסן. ווען אַ דײַטשישער וואַכמאַן הייבט ניט אויף קיין טומל, וואָלט געשען אַ צאָרע. נאָך: אין די בוקסעס פון עטלעכע פּראַכט־וואַגאָנעס איז אָנגעשאָטן זאַמד — קאָן זײַן, אַז מע האָט דאָס געטאָן ערגעץ אין וועג, און עס קאָן זײַן, אַז דאָ, אַף קיִעוו — מאַסקאָווסקי...

סטעפּקע האָט געהערט, אַלץ אויסגעהערט מיט קאָפּ — דאָס און פיל אַנדערס, וועגן וואָס עס האָט זיך גערעדט, זי האָט איבערגעזעצט די פראַגן, וואָס זײַנען פאַרגעבן געוואָרן די מײַ־סטערס און אַלע ספּעציעל אַרויסגערופענע, וואָס פאַרשטייען קיין דײַטש ניט, איבערגעזעצט זייערע ענטפערס, און אין קאָפּ האָט זי אַלעמאָל איבערגעכאַזערט דעם צעטל פון די געמאַסער־טע, ניט דעם גאַנצן צעטל, ווײַל אייניקע פאַמיליעס, פּינקטלעך — זעקס, האָט זי פאַרט פון סאַמע אָנהייב ניט פאַרגעדענקט. און כאָטש ס'איז פול געווען דער קאָפּ מיט אָט דעם אַלע־מען, דער מויעך האָט מאַמעש געבערענט, — און עפּשער טאַקע דערפאַר — זײַנען בליציק אופגעקומען אויך לאַכלוטן זײַטיקע געדאַנקען, דערינערונגען. זי האָט אַמאָל געקענט איבער אַ קלייניקײַט היסטעריש צעגוואַלדעווען זיך, צעוויינען זיך. צו אָבען האָט זי געוויינלעך אויס־געלאָזט איר האַרץ. נו, האָט מען עס געדאַרפט? טאַקע... אין שול נאָך, און שפּעטער אין אינסטיטוט האָט מען זי גערופן: „די בלאָנדע בעסטיע". אַבע, דער גוטער און ערלעכער גוואַר אירער, אין וועמען זי האָט זיך געשפּיגלט, געוווּסט, אַז זי האָט אים עמעס ליב — וויפל האָט ער זיך אָנגעליטן פון איר? און איצט, איצט צעגייט זי זיך דען ניט אַמאָל? זי כּניקעט, זי כּאַנדרעוועט, און ווער האָט עס אויסצושטיין פון איר — אַלגע, אַלגע, וועלכער ס'איז אַזוי אויך זייער און זייער שווער. אָבער דאָס קען זי אויך, סטעפּקע, זי האָט זיך דאָס אויסגע־לערנט: לײַדן ווייטעק, אַזאַ בריִענדיקן, אַז מע הערט אים שוין אויף צו פילן, זײַן לאַכלוטן ניכטער שיקערערהייט, אין איר טיפער שאַנדע בלײַבן ריין, ריין פאַר זיך און פאַר אַלעמען, וואָס וועלן דאָס אַמאָל פאַרשטיין.

אַ קלאָרע זאַך: רודאָלף האָט הײַנט ניט פאַרלאָזט דעם קאַבינעט, און זי, סטעפּקען, גע־האַלטן דאָ, קעדיי זי זאָל פאַרגעסן דעם צעטל, אַלץ זאָל זיך איבערפּלאָנטערן באַ איר אין קאָפּ. און אָט האָט ער נאָך געזאָגט — אין דער אָנוועזנהײַט פון אַ דײַטש, דעם שעף פון עלעקטראָ־צעך און פון גריציוטען — דעם געהילף פון הויפּט־אינזשעניער:

— איר וועט הײַנט, סטעפּאַניע, עסן מיטיק מיט מיר צוזאַמען. מיר וועלן זיך אַראָפּלאָזן אין גאָרקיד. עס דאַרף קומען אַ רוס פון דער מאַגיסטראַטור, ווי מיר האָבן זיך דערעדט מיט אים — מיטיק־צײַט.

„ווי מיר האָבן זיך דערעדט מיט אים" האָט געקלאָנגט באַטײַטן אויך, אַז קיין שום רוס וועט ניט קומען, ס'איז אַ טערעץ, און אַלץ צוליב דעם זעלבן — וואָס לענגער זי ניט אָפּלאָזן.

געזאָגט וועגן באַזוכער, האָט קרומפּײַל אין עטלעכע מינוט אַרום זיך אופגעהויבן און איז

אַרויס פון קאַבינעט. ער האָט מיט א שטומען שאָקל פונעם קאָפּ געבעטן אנטשולדיקונג בא די צוויי, וואָס האָבן זיך דאָ געפונען. פאַר דער איבערזעצערן האָט ער זיך ניט געהאַט וואָס צו אַנטשולדיקן. פאַרבײַגייענדיק דעם סייף, האָט ער אים ניט צוגעשלאָסן, בלויז מיט דער דלאָניע בעסער צוגעדריקט דאָס שווערע, עטוואָס אָפּגעשטאַנענע טירל. אומגעקערט האָט זיך דער דײַטש, ווי מע קערט זיך געוויינלעך אום נאָך אַזא גאַנג, — אין עטלעכע מינוט אַרום. סטעפּקע האָט געקלערט: עס קאָן זײַן אָן אָנשטעל, מעגלעך, אַז ער האָט אָנגעקלונגען פון אַן אַנדער טעלעפאָן. אָבער ער האָט דעם צעטל ניט מיטגענומען. כאָטש וואָס דאַרף ער עס? ער וועט עס אויך דער קרומער פאָלקס־דויטשקע פון בוכהאַלטעריע ניט געבן איבערזעצן, ווי ער טוט צומאָל, קעדיי דורכקאָנטראָלירן זי, סטעפּקען, — די געסטאַפּאָ קומט מיט אייגענע איבערזעצער.

עס האָט זי באַשלאָגן א היץ — מע דאַרף אײַלן, מע דאַרף עפּעס טאָן. זי האָט זיך אופגעהויבן — דער מײַסטער פון עלעקטראָ־צעך שטאַמלט ווי עס איז רוסיש. נישקאָשע, מע וועט זיך א ביסל באַגיין אָן איר, אַף עטלעכע מינוט האָט זי אויך רעכט... צי קרומפּײַל באַגלייט זי מיט די אויגן, האָט זי ניט געזען, ווען ער זאָל זי פּרווון אומקערן, וואָלט זי א שמייכל געטאָן פאַרשעמט, נאָר אַזוי, אַז עס זאָל אים אויך ווערן אומאָנגענעם, זי האָט אין געדאַנק שוין צוגעגרייט דעם שמייכל, ווײַל איצט איז איר פּאָנעם געווען ניט דורכדרינגלעך — אויך ווי עס פּאָדערט זיך אין אַזא פאַל. דער דיל, א באַדעקטער מיטן טעפּיך, האָט זיך עטוואָס געוויגט בא איר אונטער די פיס, נאָר זי איז צוגעקומען צו דער טיר און איז אַרויס.

לויפן — אָבער וווהין, צו וועמען? כאָטש, זי האָט אַלץ באַקלערט. איצט האָט זי דאָס פּאָשעט ווידער אָפּגעוויגן. די איינציקע, מיט וועמען זי מעג ריידן און וועמען עס ווייסט וועגן אַלץ, איז אָלגע. צו איר איז איצט אומעגלעך דערקלײַבן זיך, אומעגלעך, ווײַל מע דאַרף אַף דעם פאַרלירן א פערטל שאָ, ניט ווייניקער. אָלגע איז אַף דער אַרבעט, דאָרט, פון יענער־זײַט סטאַנציע, קעדיי דערקלײַבן זיך צו איר, דאַרף מען ניט נאָר לויפן איבער א סאַך רעלסן, מע דאַרף ערטערווײַז קריכן אונטער די עשעלאָנען, וואָס שטייען קימאַט אַף אַלע וועגן, און איינעקע צוגן קאָנען פונקט פאָרן, וועט מען מוזן איבערוואַרטן. ניין, צו אָלגען איז אויסגעשלאָסן. און כוץ דעם, וועט דער דעזשורנע פון סטאַנציע, א דײַטש, זען, אַז זי, סטעפּקע, האָט זיך דאָרט באַוויזן, ווײַל ווי רופט מען עס אַרויס אָלגען פון דער דעזשורקע, ער זאָל ניט זען, און ניט אַלעמאָל קאָן אָלגע, דער אַפּעראַטאָר, אַוועק פון אירע טעלעפאָנען. ניין, און דאָס טראַכטן אַזוי לאַנג וועגן אָלגען — איז סטאַם אַזוי. דאָס אייצעט זי זיך מיט איר, מיט אָלגע סעמיאָנאָוונען, אין געדאַנק, ווײַל צי האָט זי רעכט, סטעפּקע, צוצײַען נאַטאַשען, ריזיקירן מיטן מיידעלע, מיט אָלגעס קינד? כאָטש, נאַטאַשע טוט דען גאָרניט? אָט אַזוי־אָ, א טויב מאַלעכל, און גאָר? יאָ, נאַטאַשע וועט דאָס אָפּטאָן פלינק, האַלעוואַי זאָל זי נאָר זײַן אין צימער. נאָר ווו דען קאָן זי זײַן — זי דאַרף פּונקט קאָכן וואַרמעס, יענעם זופּ פונעם אַרבעס, וואָס אַרטעם דאַרוגאַ האָט געבראַכט, און אַפילע מיט פלייש — אויך זײַן מאַטאָנע.

זי איז אַראָפּ פון די טרעפּ, — נאָך גוט, וואָס קיינער זעט ניט, ווי זי לויפט מעשוגענערווײַז, — אַרויס אין הויף. נו, יאָ, אין הויף — וואָס זשע, זי דאַרף גיין אַהין, ווו אַלע? דאָס הויז איז באַנאַנד, פּופּציק שפּאַן פונדאַנען — דאָס איז שוין איר אייסעק, וווהין צו גיין. א רעגנדל גיסט — טאַקע גאָר א נאָווינקע אין נאָיאַבער, נאָר אַזא דריבנע און געדיכט רעגנדל, — ניט גוט, מע וועט זען, אַז זי איז געווען אין הויף, די האָר וועלן נאַס ווערן, דאָס קאָפּטל. געדאַרפט אַרופוואַרפן דעם מאַנטל, די קאָסינקע. מיילע, אויב מע וועט פרעגן, אויב זי וועט זיך שוין דאַרפן פאַרענטפערן — איז וועט אָט דאָס זײַן דאָס סאַמע פּאָשעטע. פאַרענטפערן זיך... פאַרוואָס פונדעסטוועגן האָט ער אין איר אָנוועזנהײַט, קרומפּײַל, דער־אָ רודעי, ניט אָנגעקלונגען אין געסטאַפּאָ, צי ניט אָפּגעשיקט אַהין דעם בריוו? ער וויל ניט, זי זאָל זען? האָט זי דאָך שוין געזען פון אים א סאַך זאַכן — ווי ער שלאָגט, ווי ער הייסט פאַרשפּאַרן אין קאַמער, אין דער אַקומוליאַטאָרנע, די, נאָך וועמען מע קומט אינגיכן פון געסטאַפּאָ. יענע קאַמער האָט אַנומלטן אָפּגעברענט, דאָס איז אויך פון די זאַכן, וואָס פּאַסירן דאָ ניט סטאַם אַזוי. יאָ, איז פאַרוואָס זשע פּאָרט האָט ער דערווײַל געלאָזט ליגן דעם בריוו אין סייף? ניין, ס׳ניט קעדיי אויסזען פײַנער בא איר אין די אויגן. בא איר, ניט אָט דער, וואָס אין קאַבינעט, — ניט דערפאַר טוט ער דאָס, ריכטיקער — עפּשער ניט נאָר דערפאַר, און עפּשער טאַקע פאַרקערט: ער וויל האָבן די האַנאָע פון דעם, וואָס זי ווייסט, אַז דער בריוו איז דאָ, אַז ער וועט אים לאָזן אין גאַנג, און ער ציט, קעדיי טרעפן דערמיט זי, געבן איר צו דערפילן זײַן קויעך, צווינגען זי ציטערן, ווײַל ערגעץ טיף, ניט געקוקט אַף גאָרניט, גלייבט ער איר ניט. ער האַלט, אַז זי איז, כאָטש א ביסעלע, נאָר מיט יענע, וועמען די געפאַר דראָעט. א ביסעלע! און דאָס איז דאָך די פאַרבאָרגענע שטאָלץ אירע, איצט און אַלעמאָל, עס שרעקט זי און עס לינדערט איר טיפן ווייטעק.

אַן עלטערער, שטאַרק אַ באַוואַקסענער מענטש איז איר אָנגעקומען אַנטקעגן אין פֿאַרשמאַלצעוועטע ספּעצקליידער, מיט אַ ברייט בלעכן טשעמאָדאַנדל אין האַנט. אַ מאַשיניסט? אַזעלכע טשעמאָדאַנדלעך נעמען געוויינלעך אין וועג אַרײַן מאַשיניסטן. ער האָט בעדײַ אָפּגעקערעוועט אין אַ קאַליוזשע, אַבי ניט טרעפֿן זיך מיט איר פּאָנעם־על־פּאָנעם. זי האָט געכאַפּט אָף זיך זײַן בליק פֿון אונטער קודלאַטע ברעמען — פֿאָרוואָרף איז ניט אַלץ, סינע האָט אַ ברען געטאָן אין די אויגן, וועלכע ער האָט טייקעף אָפּגעווענדט אין אַ זײַט. און זי האָט דאַפּקע זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעקערעוועט זיך צו אים. דאָרט, אין דעם בריוו, איז קעגן איינער פֿון די פֿאַמיליעס אָנגעשריבן: „ער איז אַ וואָלאָדקינאָ־דעוויצער, דערנאָך האָט דאָס דאָרף געהייסן קראַסני פּאַרטיזאַני, ער איז געווען אַ פּאַרטיזאַנער בייסן בירגערקריג, ווי אַ סאַך, וואָס וווינען דאָרט, און דאָ האָט ער זיך פֿאַרלאָזט אַ באָרד, מע זאָל אים ניט דערקענען".

— יעריאָמענקאָ? — האָט זי אַ פֿרעג געטאָן. — איר זײַט יעריאָמענקאָ?

— ניין, ניט איך, — דער באַוואַקסענער האָט קאַלט אַ באַוועג געטאָן מיט די רונדע אַקסל און איז אַוועק ווײַטער — ווי מע רופֿט אים, האָט ער ניט געזאָגט.

און ווען ער זאָגט, און ווען דאָס איז טאַקע יעריאָמענקאָ — וואָלט זי אים געוואָרנט? זי טאָר ניט, זי וואָלט זיך ווי־עס־איז אויסגעדרייט, און גאָר. עס איז דאָך נאַריש, זי מוז זיך נעמען אין די הענט אַרײַן. יעריאָמענקאָ און אַלעמען דאַרפֿן וואָרענען אַנדערע.

נאַטאַשע איז געווען אין צימער. נו, דאָס איז גלענצנד. דאָס גליק שפּילט פֿונדעסטוועגן — אירס צי עמעצנס? אַלציינס. זי האָט ערשט־אָ אויסגעצוואָגן דעם קאָפּ, נאַטאַשע, איצט האָט זי צעקעמט די לאַנגע, טונקל־בלאָנדע, קימאַט קאַשטאַנעווע האָר, וואָס האָבן אַפֿילו נאַסערהייט געכוואַליעט זיך דערפֿאַר, ווײַל זיי זײַנען שטענדיק פֿאַרפֿלאָכטן אין אַ צאָפּ — שוין ניט קיין צוויי צעפּלעך, ווי שילערנס טראָגן, נאָר טאַקע איינעם. זי האָט פֿון אונטער דער הוילער אויפֿגעהויבענער האַנט מיטן געדיכטן קעמל אָנגעשטעלט אָף סטעפּקען גרויסע קאַרע אויגן, אין וועלכע ס'האָט מיטאַמאָל זיך אויסגעלאָשן די קינדעריש־טמימעסדיקע באַרוטקײַט — זיי האָבן אָנגעשפּיצט געוואַרט, זיי האָבן שוין עפּעס דערשפּירט.

סטעפּקע האָט געזאָגט אַלץ זייער אײַליק, מיט אַ פֿאַרשלאָגענעם אָטעם, נאָר ווען זי האָט גענומען אויסרעכענען די פֿאַמיליעס און די נעמען, האָט זי זיי אַרויסגעבראַכט דײַטלעך, איבערגעכאַזערט און ערשט דעמלט פֿאַרבויגן אַ פֿינגער. — פֿאַרגעדענק! — האָט זי אַלעמאָל געוואָרנט.

— איך וועל עפּשער באַלד פֿאַרשרײַבן, טיאָטיע סטעפּע, — האָט נאַטאַשע פֿאָרגעלייגט.

— וואָס רעדסטו! ווער מעג דאָס זען אַ פֿאַרשריבנס? פֿאַרגעדענק און לויף צו דער מאַמען!

ווען סטעפּקע האָט אָנגערופֿן די אַנאַניעווס — די דעפּוטאַטקע און דעם לייטענאַנט, וואָס וווינען פֿון יענער־זײַט גאַס, באַם שוואַרצן באַרג, האָט נאַטאַשקע ניט אויסגעהאַלטן, אַ צאַפּל געטאָן:

— אוי, די אַנאַניעווס? שוניע איז דאָך באַ זיי, איך האָב אים נעכטן אַוועקגעפֿירט אַהין!

— וועלכער שוניע?

— דער ליובאַטשער! שוניע שאַוולער...

סטעפּקעס פֿאַרלוירענער בליק, און דאָס, וויאַזוי זי האָט, שטענדיק אַזאַ שלאַנקע, אַ האָרבע געטאָן די פּלייצע שוין אין דער אָפֿענער טיר, האָט באַטײַט: „מע זאָגט מיר דען אַלץ? פֿונוואַנען זאָל איך וויסן?"

4

אָלגע איז פֿון סאַמע קאַיאָר געווען אָנגעשטרענגט און צערודערט. זי גייט פֿריִער פֿון סטעפּקען אָף דער אַרבעט, סטעפּקע מעג נאָך שלאָפֿן אַ גאַנצע שאָ, אָדער — אַזוי טוט זי געוויינלעך — פֿראָסט ליגן אַ דרעמלענדיקע אָפֿן דיוואַן, ווו איר געלעגער איז, מיטן פּאָנעם צום ווענטל, די פֿיס אונטערגעצויגן, דעם בלאָנדן, צעקודלטן קאָפּ — קימאַט אינגאַנצן איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע, וואָס איז געוויינלעך צונויפֿגעדרייט אין דער ציך, און נאַטאַשע — נאַטאַשקע שלאָפֿט נאָך אָף אַן עמעס שטאַרק. זי איז שוין אַרויס, אָלגע, אין קאָרידאָר, גענומען פֿאַרשליסן די טיר, ווי זי האָט דערזען, אַז עמעצער קומט אָן פֿונעם גרויען, רעגנדיקן דרויסן.

עמעצער! אַרטעם. אָלגע האָט דערקענט זײַן אָפּגעריבענעם לעדערנעם קאַרטוז, וועלכן ער טראָגט אַזוי, אַז דער שוואַרצער געפּלאָנטערטער וויכאָר שלאָגט זיך אַרויס פֿון אונטערן דאַשעק, דערקענט זײַן צעשפּיליעט פּידזשאַקל, אַן אָנגעפּרענדעטס אָפֿן קאָמבינעזאָן. ער האָט געשפּאַנט גלײַך צו דער צעפּראַלטער טיר פֿון קאָרידאָר, און אָלגע האָט ניט געוווּסט, וואָס

פאַר אַ געפּיל עס האָט זי דעריקער באַהערשט — אומרו, צי אופגעבראַכטקייט. זי איז אומרויִק געוואָרן — עפּשער דאַרף ער עפּעס עקסטרע זאָגן, ער איז דאָך אַלעמאָל לעבן טימאַשטשוקן, אַפאַנאַסי ניקיטיטשן, דעם געהילף זײַנעם אַפּן לאַקאַמאַטיוו. נאָר אויך די אופגעבראַכטקייט, דעם קאַס האָט זי ניט געקאָנט דערשטיקן, — ער קלעפּט פּאַרט אַרום איר, דער יונג, כאָטש זי האָט אים שוין געגעבן צו פאַרשטיין, ווו מע האַלט ביידע. און אין טאָך איז זי גאָר מער אין קאַס געוואָרן אַף זיך אַליין — זי דאַרף זיך עפּשער מיט אים ניט פאַרהאַלטן פרײַנטלעך אויך, ניט נעמען די פּראָדוקטן, וואָס ער ברענגט ווען־ניט־ווען (ס'הייסט, זי ווייסט, אַז דאָס איז ניט זײַנס, דאָס טוט מען ערגעץ־ווו אַ טרייבער די וואַגאָנעס, וואָס גייען קיין דײַטשלאַנד, נאָר פונדעסטוועגן — עמעצער אַנדערש קאָן דאָס ברענגען), ניט רופן אים — זי רופט דאָך אים! — ווען עפּעס פּאַסירט מיט דער עלעקטראָ־שײַן, מיטן קראַן, ווען עס פּאַדערט זיך אַ מאַנצבלשע האַנט, — זי רופט אים, און סטעפּקע רופט, און נאַטאַשקע. דאָס ווייסט ער שוין, — סטאַם אַרײַנקומען אין שטוב דאַרף ער זעלטן, און דערבײַ, ווען נאָך עמעצער, כוץ זיי ביידן, איז דאָ. איז דאָך גוט. ניין, נאָך ווײַט ניט גוט. אָט איז ער איר הײַנט געקומען צו כאַלעם, זי האָט אַפּילע ניט געקאָנט זיך דערמאָנען — ווי־אַזוי און וואָס, אָבער עפּעס קלעמענדיקס, אומאַנגענעמס איז געבליבן. און ס'איז דען דער ערשטער כאַלעם, און שטענדיק בלײַבט דען אַן אומאַנגענעם געפּיל? און ניט נאָר אין שלאָף — זי פּילט ביכלאַל צו אים, זי ווייסט אין וועלכן זין, גוטס, צאַרטס אַפּילע. זי ווייסט אין וועלכן זין, אָבער זי איז ניט קיין קליין מיידעלע, זי ווייסט אויך, אַז אַפּילע אַ פונקעלע, אויב מע דושעט עס ניט צו... מײַלע, נו, ביז צעפּלאַקערן זיך איז נאָך ווײַט. עס וועט שוין ניט פּלאַקערן, אָבער דער ברי אַליין איז אויך ניט נייטיק. ביז אַ קוש איז דאָך שוין דערגאַנגען, ניט איר קוש — זײַנער, און ס'קאָן הייסן פּראָסט אַ געזעגענונגס־קוש, אָבער לעמײַ זאָל זי זיך נאַרן — ער האָט דאָך דערבײַ עפּעס געזאָגט. און פּריִער, בייס מע איז צוזאַמען געגאַנגען פון דער גרענעץ — זי און ער, דער געוועזענער־טעכניקער פון דאַניִעלס געוועזענעם באַטאַליאָן, און נאַטאַשקע, ערשט אָן אופגעשטאַנענע פון אַזאַ שווערער קרענק, — דעמאָלט האָט מען אָן אים זיך ניט געקענט קיין קער טאָן, מע וואָלט מיסטאָמע ניט דערגאַנגען אַהער, קיין קיִעוו, זי מיט דער טאָכטער, אָבער טאַקע דעמאָלט האָט זי זיך געדאַרפט גאַנץ ערנסט פאַרטיידיקן פון אים, און טאַקע דעמאָלט האָט זי פאַרשטאַנען — ער איז אַ טיף אָנשטענדיקער, ער וואַרט אַף איר האַסקאָמע, און ניין בלײַבט ניין. נאָך יענעם פּלוצעמדיקן, פאַרצווייפלטן און לײַדנשאַפטלעכן קוש, איז ער ניט געוועזן הי, ער און טימאַשטשוק זײַנען דאָ ניט געוועזן ביז אַרום נײַ־יאָר, דערנאָך איז מען געקומען, מע איז שוין וויפל כאָדאָשים דאָ, און אָט אַזוי...

— אָ, איך האָב טאַקע געהאַפּט, אַז איך וועל דיך באַלד באַגעגענען, אָלגע, — האָט ער געזאָגט ניט הויך, עטוואָס אַ פאַרסאָפּעטער, אָפּשטעלנדיק זי שוין פון יענער־זײַט שוועל, אונטערן קאָסן רעגנדל, — קום נאָר אַף אַ מינוטקעלע צוריק, אין שטוב אַרײַן.

זי האָט אַ קוק געטאָן אַף אים און פאַרשטאַנען — עפּעס איז דאָ וויכטיקס. און דאָך האָט זי אַ קימער געטאָן אויך אַזוינס: ער זאָגט איר „דו", ווען מע איז אויג אַף אויג, און „איר", אויב עמעצער הערט אָדער מע קאָן דערהערן. זי האָט אים שוין ניט איין מאָל אופמערקזאַם געמאַכט, אַז ער קאָן פאַרגעסן, און ער: „זאָרג ניט, איך וועל ניט פאַרגעסן". דאָס איינציקע — זי פלעגט אים אַמאָל אויך זאָגן „דו" און האָט אופגעהערט.

אין קיך, ווען זי האָט פאַרשלאָסן די טיר, — אַרטעם האָט מיטן בליק באַוויזן, זי זאָל דאָס טאָן, — האָט ער שטיל דערקלערט:

— איך בין געקומען נאָך אַן „אַאוסוויִיז", איינעם פון די דרײַ, וואָס זײַנען נאָך געבליבן. פּאַניע האָט געהייסן.

„פּאַניע" — אַזוי רופט מען געוויינלעך הינטער די אויגן טימאַשטשוקן, מיסטאָמע נאָך אין די קינדער־יאָרן איז פון אַפאַנאַסי געוואָרן פּאַניע. איצט איז עס ניט קיין קאָנספּיראַטיווער נאָמען, אַפּילע ניט קיין האַלב־פאַרשטעלטער, סטאַם אַזוי קומט עס — פון כשיוועס און נאָענטקייט.

אָלגע איז אַף די שפּיץ־פינגער אַוועק אין צימער און פונקט אַזוי אומגעקערט זיך מיטן „אַאוסוויִיז".

באַהאַלטנדיק אין דער הינטערשטער קעשענע פונעם פאַרנאַפּטיקטן פּידזשאַקל דאָס בלויע קאַרטאָנדל מיטן קײַלעכדיקן סוואַסטיקע־שטעמפּל, האָט אַרטעם סוידעספּול, נאָר מיט אַן אָפּן־צופרידענעם שמייכל געקוקט איר אין די אויגן.

— פרעגסטו גאָר ניט, פאַר וועמען דאָס איז?

— איך פרעג ניט.

— מע מעג פרעגן. פאַר זשאַלודיאַוון, דעם פאַלקאַווניק זשאַלודיאַוו.

— ווער איז עס?

— געדענקסט אים ניט? דער שעף פון שטאב פון אונדזער פּאַרפּעסטיקטן ראַיאָן. אַ קורצער אַזאַ, אַ קלייניקער, טאַקע ווי אַ זשאַלודל. ער פלעגט אַפילע טראָגן שטיוול אַף הויכע קנאַפּל, און קלוג — מיט רוכעס, און אַ קאָכיקער — מעסוקן! קרעמעזן געדענקט ער, דאַניִיל זאַכאַראָוויטשן, און מיך רופט ער, ווי פריִער — לייטענאַנט.

— קרעמעזן... — אַלגע האָט פאַרדראָסיק צוגעביסן די אונטערשטע ליפּ — דאַניִעלס טעווע, זי ווייסט דאָס, די טעווע איז אַריבער צו איר און צו נאַטאַשקען. ליאָניע — יענער בײַסט אויך אַמאָל אַזוי די ליפּ, — האָט איר, באַקומט זיך, דערציילט וועגן מיר און מיט וועמען איך בין דאָ?

— זאָרג ניט. ער איז ניט סטאַם געקומען אַהער. ער גייט פון אַרומרינגלונג און איז אַ פּאַציענט פון אַ האַלב־פּאַרטיזאַנישן שפּיטאָל, דו ווייסט — פונעם פּאַסטאָווער. די נײַע רע־קאָמענדאַציעס זײַנען זיכערע.

— ווײַט צו גיין, — אַלגע האָט דאָס געזאָגט אַלץ נאָך קאַלט און ווי צו זיך אַליין, דערבײַ האָט זי אַ קוק געטאָן אַף אַרטעמען אַזוי, ווי זי זאָל דערמאָנען, אַז סײַ ער, סײַ זי דאַרפן גיין.

אַרטעם האָט דאָס אויך ניט פאַרגעסן, עטוואָס אונטערגעהויבן די האַנט, האָט ער אַ קאָסע געטאָן דעם בליק אַפן זייגער, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען פון אונטערן אַרבל, און באַשטימט, אַז מע קאָן דאָ נאָך זײַן אַ ביסל.

— דער פאַלקאָוויק האַלט, אַז מיטן פראָנט קאָן איצט אַלץ פּאַסירן, — אַרטעם האָט אַף אַ האַלבן שפּאַן זיך דערנעענטערט צו אַלגען, ווי בלויז קעדיי קאָנען ריידן גאָר שטיל, — ער האַלט, אַז דאָס, וואָס דער פראָנט איז שטאַרק צעצויגן אין ביידע זײַטן פון סטאַלינגראַד, און וואָס די אַרמייען שטייען דאָרט אַזוי לאַנג איינע קעגן דער אַנדערער, ניט אַהין, ניט אַהער, איז מער געפערלעך פאַר די דײַטשן, איידער פאַר אונדזערע. און כוץ דעם איז צום פראָנט ניט אומעטום אַזוי ווײַט. ער איז אַן אַקשן, דער פאַלקאָוויק, און דערבײַ ניט קיין אָנזיכטי־קער — אַזאַ וועט אַריבער. הײַנט אָפּדערנאַכט, יעדנפאַלס, וועט ער שוין זײַן אין באַכמאַטש.

— אַף אַ לאַקאָמאָטיוו, אַף אײַערן? — אַלגע האָט דאָס געפרעגט אַלץ נאָך אָן אַ באַזונ־דערן אינטערעס.

בּאַ אַרטעמען זײַנען שוין אָבער די געדאַנקען מער פאַרנומען געווען מיט איר, איידער מיט דעם, וועגן וואָס מע האָט גערעדט.

— אַף אַ לאָקאָמאָטיוו, פאַרשטייט זיך, — האָט ער אַ ביסעלע צעשטרייט געענטפערט, — פאַניע אָרדנט דאָס אײַן, אונדזערן עקיפּירט מען פאַר אַ רייס קיין פּאַסטאָוו.

— און דער פאַלקאָוויק ווו איז?

אַ פאַרלוירן, אַן אומעטיק פײַערל האָט דורכגעשוועבט אין אַרטעמס אַנטראַציט־אויגן און אַ צאַנק געטאָן, — איצט האָט מען שוין טאַקע געדאַרפט אַוועקגיין.

— דאָ איז ער, ניט ווײַט, לעבן אונדזער לאַקאָמאָטיוו. מירן פאַרבײַגיין. ווילסט אים זען? ער וואָלט אויך וועלן.

— עס איז באַקוועם? ווען איך זאָל אים קאָנען אײַנלאַדן אין שטוב — אײַל איך אָבער... ער האָט דאָ ערגעץ געגעכטיקט, צי געקומען אָט ערשט?

— גענעכטיקט. מיר האָבן אים, איך און פאַניע, גענומען נאָך אָפּדערנאַכט צו זיך און געשמועסט ביז די הענער האָבן זיך צעקרייעט. ניקיטיטש — דער האָט, עמעס, צולעצט באַ־וויזן כאַפּן אַ דרעמל.

אַלגע האָט אויפגעקייטלט די טיר און שטיין געבליבן עטוואָס אין אַ זײַט באַ דער שוועל — אַרטעם זאָל דורכגיין. ער האָט אָבער בעקיוון זיך אויך אַ זײַטל געטאָן, קעדיי דורכלאָזן אַלגען, און געמאַכט דעם שפּאַן ניט פון איר, נאָר צו איר, אַזוי אַז ער זאָל אויסקומען הינטן. מיט דער רעכטער האַנט, וואָס ער האָט דערבײַ אויסגעשטרעקט, ווי קעדיי צוײַלן אַלגען, האָט ער זי לײַכט אַרומגענומען פאַר די אַקסל און קוים־קוים צוגעצויגן צו זיך. אַלגע האָט דערפילט אי די קראַפט, אי די צערטלעכקײַט פון זײַן האַנט, דערפילט, ווי מוסקולדיק־האַרט ס'איז זײַן ברוסט און אַ צאַפּל געטאָן. נאָר אין דער זעלבער רעגע האָט זי האַסטיק, אַן אויפגעבראַכטע, אויסגעקערעוועט צו אים דאָס פּאָנעם, זיך אַ ריס געטאָן און שווײַגנדיק, מיט אַ קאַסדיקן זשעסט, באַפוילן אים גיין פאָרויס, אין דרויסן, ביז זי וועט פאַרשליסן די דירע.

אַ צערודערטע, אַ בייזע, האָט זי שוין אויך דערנאָך, ווען מע האָט אַוועקגעשפּאַנט איבער די געפּלאָנטערטע אײַזנבאַן־וועגן, געהאַלטן זיך פון אַרטעמען אַף אַ מעהאַלעך. אַגעוו, איז עס איצט פּאָשעט נייטיק געווען.

לעבן אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט אין דער קאַיאָריקער, נעפּלדיק־רעגנדיקער גרויקײַט צו־געשטילט געסאָפּעט באַ אַ לאַנגן שטאַבעל קוילן, האָבן זיך געפּאָרעט עטלעכע אַרבעטער,

איבערגערופן זיך מיטן מאשיניסט, מיט טימאָשטשוקן, וואָס האָט אָן א היטל, א פאטלאטער, א צעכראַסטעטער, ארויסגעקוקט פון דער בודקע, פארפולט מיט זײַנע אקסל דאָס גאנצע פענצטערל. לויט דעם, ווי די אָנגעשאָטענע קוילן האָבן מיט א בערגל זיך ארויסגעזען פון טענדער, איז קלאָר געווען — די עקיפּיראָוקע האלט באַם פארענדיקט ווערן. ארטעם איז צוגעגאנגען צו איינעם פון די ארבעטער, א קליינינטשקן, אין א לאנג רעגנמאנטל, פארהאלטן זיך לעבן אים א רעגע — צוויי און, אוועקלאָזנדיק זיך ווײַטער, צום לאָקאָמאָטיוו, היגטן־ארום א פּאַכע געגעבן מיט אַן אופגעהויבענער האנט. אָלגע האָט פארשטאנען — דאָס איז ער, זשאָלודיאָוו. זי איז צוגעגאנגען, באגריסט זיך שטיל. יענער האָט מיט א באוועגונג פונעם קאָפּ אָפּגעבויגן דעם אופגעשטעלטן קאָלנער, און אָלגע האָט דערזען: אָנגעבײַלטע, געדיכטע ברעמען און קליינע אויגן־שפּעלטיקלעך, א צוגעפּלעטשט נעזל, ווי א קנעפּל. און דאָך האָט דאָס דאָזיקע געקנייטשטע פּאָנעם, מיטן ניט גלײַך ארומגעסמיקעטן בערדל, מיט די אָפּגעצויגענע וואָנצעס אויסגעדריקט -– מע האָט אפילע בא דער קנאפּער שײַן געקענט באמערקן — ווילן, קאָנצענטרירטקײַט. אָלגע האָט דערקענט זשאָלודיאָוון — זי האָט אים אמאָל געזען אין קלוב פון פארפעסטיקטן ראיאָן, געהערט זײַנעם א פּאָרטראָג, דאכט זיך, אז דאניִעל האָט זיי בייסן איבערײַס אפילע באקענט. און אָט די דערמאָנונג, די בליציקע ליכטיקײַט פון יענעם אָוונט, האָט מיטאמאָל ווי פארפולט אָלגען מיט שײַן, דערוועקט עפּעס זייער גוטס אין הארצן, נאָר דערוועקט אויך, זי האָט דאָס א ביסל א געפּלעפטע באגריפן — קלעמענדיקע, אויסגאנגלאָזע בענקעניש.

עפּעס האָט זשאָלודיאָוו געזאָגט — ער איז צופרידן, וואָס מע זעט זיך, — אָלגע האָט מער זיך אָנגעשטויסן, איידער געהערט זײַנע ווערטער. מע איז, שפּאנענדיק באנאנד, אָפּגעגאנגען עטוואָס ווײַטער פונעם לאָקאָמאָטיוו און פון די ארבעטער. דער פּאָלקאָווניק האָט זיך אָפּגעשטעלט, אומגעקוקט זיך, באוויזן אזוי, אז ער דאַרף זיך שוין אומקערן און געפרעגט זאכלעך, אפילע טרוקן:

— דעם נומער פון דאניִעל זאכאראָוויטשעס פעלדפּאָסט געדענקט איר?

שנעל אָפּגעשאצט די מינוטיקע פארלעגנהײַט אירע, האָט ער דערקלערט:

— דער לייטענאנט דערציילט, אז דער זון אײַערער האָט באקומען בריוו פונעם טאטן, ווען קיִעוו איז נאָך געווען פרײַ. לאָמיר האָפן, אז אלץ איז גוט.

אָלגע האָט אָנגערופן דעם נומער. דער פּאָלקאָווניק האָט לאנגזאם איבערגעכאזערט, דערבײַ האָבן זײַנע אויגן־שפּעלטיקלעך ברייטער זיך צעעפנט. עפשער איז עס געקומען בלויז פון דעם, וואָס ער האָט זיך אָנגעשטרענגט פארגעדענקען דעם אדרעס, נאָר אָלגע האָט אופגעכאפּט אינעם אויסדרוק פון זײַנע אויגן שווערע זאָרג.

— אָף ציפערן האָב איך א גוטן זיקאָרן, — האָט ער געזאָגט, — אויב וואָס, קאָן מען אויך דורכן שוץ־קאָמיסאריאט א זוך טאָן. דעריקער...

אָט דער „דעריקער”, דאָס, וואָס עס איז ניט דערזאָגט געוואָרן, האָט מיט א שווערקײַט געלייגט זיך אָף אָלגעס הארץ. זי האָט געטראכט דערפון אויך אָף דער ארבעט, בא די טעלעפאָנען, ווו עס האָבן אין די דראָטן געקלונגען קוילעס אָף עטלעכע שפּראכן (דײַטש איז פאר איר שוין אויך קיין מעניִע ניט). באפּעלערישע, בייזע, סטאם זאכלעכע, זײַנען די שטימען געווען בלויז ווי א פאָן פאר דעם, וואָס זי האָט געטראכט, פארשטייענדיק אָף איר אויפן סײַ דעם פּאָלקאָווניקס, סײַ איר אייגענעם „דעריקער”...

5

געווען איז נאָך א פּאסירונג, וואָס האָט אָלגען היינט, אויב ניט צערודערט, — כאָטש, אין א געוויסן זין, דאָס אויך, — איז יעדנפאלס אָנגעשפּיצט, אינטריגירט. דערפרייט? ווען זי ווייסט, אז ס׳איז ניט קיין אויסדאכטעניש. נאָר געצווונגען האָט דאָס זי ווידער און ווידער טראכטן, ווי שווער און געפערלעך ס׳איז איר אויסקומעניש. און ווען נאָר — אירע!

ווען ס׳האָט זיך שוין געשטעלט רעכטער טאָג, אזייגער צען אינדערפרי, איז זי ארויס א קוק טאָן די מעטקעס, די קרײַד־אופשריפטן אָף די וואַגאָנעס פון א פראכטצוג, וואָס האָט, קלינגענדיק מיט די בופערס, ערשט־אָ זיך אָפּגעשטעלט קעגן די פענצטער פונעם דעזשורנעס צימער. די מעטקעס — דאָס איז געווען א טערעץ, ארויס איז זי, קעדיי כאפּן א קוק, וואָס עס טוט זיך אונטער די ברעזענטן, מיט וועלכע עטלעכע פּלאטפאָרמעס זײַנען אין שפּיץ פון עשעלאָן איבערגעדעקט געווען. נאָך דער דעזשורסטווע גיט זי געוויינלעך איבער מיט נאטאשען איינעם פון דער טעכנישער ביוראָ פון דעפּאָ, אפילע ניט אים — זײַן ווײַב, פינקטלעכע

יעדיִעס, וויפל צוגן, וווּהין און מיט וואָס פאַר אַ פּראַכט ס׳זײַנען דורכגעגאַנגען פאַר דער וואַכטע. נאַטאַשקע גייט דאָך ניט אין שול, כאָטש וואָרט זי זיך מיט יענעמס, פון דער טעכנישער ביוראָ, אַ מיידעלע, אויך אין אירע יאָרן. זי גייט אַהין, אויפן סאַמע רוקן פון שוואַרצן באַרג, מע לייזט צוזאַמען אויפגאַבעס, מע לערנט געשיכטע און ליטעראַטור לויט די ביזמילכאָמעדיקע לערנביכער פון די קלאַסן, וועלכע מע וואָלט איצט שוין באַזוכט. איז זי אַרויסגעלאָפן, אַלגע, צום צוג און פּלוצעם דערזען עטלעכע שפּאַן פון זיך יערעמיי פּאָמיטשן — דעם געוועזענעם מאַשיניסט, און דעם געוועזענעם נאָך עפּעס, וואָס זי האָט עס איינע פון ניט קיין סאַך געוווּסט, — דעם אויסשפּירער אויפן פּאַנצערצוג, וועלכער האָט פאַראיאָרן באַשיצט קיִעוו. ליאָניע, ער האָט אויך געדינט אויף יענעם פּאַנצערצוג, האָט מיט דעם דאָזיקן יערעמיי פּאָמיטשן, מיט זאַרובען, אַזוי זיך באַפרײַנדעט, אַז מע איז געבליבן פרײַנט ביז איצט, — מע אַרבעט צוזאַמען, דערבײַ איז די אַרבעט ניט קיין געוויינלעכע, אויב אַ טראַכט טאָן, ווער דער דאָזיקער יערעמיי פּאָמיטש איז געווען, און אויב קענען ליאָניען. פאַר לײַטן איז ער גאָר טישקאַ, טיכאָן וואַסיליעוויטש קאַלינקאַ, און האָט קלוימערשט ביז דער מילכאָמע געאַרבעט אַלס וועכטער אין אַ קיִעווער קליידער־אַטעליע. אַזאַ דאָקומענט האָט ער געיאַרשנט פון עפּעס אַן אַלטיטשקן, וואָס איז מיט אַ ייִדיש ייִנגל אַוועק אין באַבי־יאַר. ליאָניע דערציילט וועגן דעם אַלעמען מיט אַ האַלב מויל, נאָר דאָס ייִנגל, עדיק הייסט ער, האָט פון יאָר זיך אַרויסגעדראַפּעט, פון אונטער די טויטע, און ליאָניע האָט אים ערגעץ אָפּגעפירט אויף יענער־זייט דניעפּער, צו באַקאַנטע, איבערגעלאָזט אים דאָרט, געוואָלט גיין צום פראָנט, נאָר פאַרווּנדעט געוואָרן, און טאַקע יערעמיי פּאָמיטש האָט געהאָלפן ליאָניען ראַטעווען זיך. אָט ווי דאָס אַלץ האָט זיך געמאַכט, און קיין קאָרעוו איז ער, הייסט עס, מיט איר ניט, ליאָניע, מיט אַלגען, און אויב מע זעט זיך אויף דער סטאַנציע, איז ער טישקאַ אָדער טיכאָן, אַ באַקאַנטער באָכער. אַזאַ איז ער פאַר איר, פאַר נאַטאַשען, פאַר סטעפּקען. בלויז ווען ער קומט צוגאַסט אין שטוב, גאָר זעלטן, איז אָדער מע פלעגט זיך אים אינגאַנצן ניט רופן באַם נאָמען, אָדער מע רופט אים גאָר שטיל — ליאָניע... דאָס, ווו דער אַלטער מאַשיניסט און ליאָניע אַרבעטן, קאָן אויסזען ווי אַ גאַנץ געוויינלעך אָרט, דערבײַ אַ שטילס, ביידע זוכן אַזוינס בעפּייערעש. נאָר וועגן עפּעס שטויסט זי זיך אָן, אַלגע, פרעגן טאָר מען ניט, און טראַכטן איז וועגן דעם אַ גרויל, ווײַל אויב נעמען טראַכטן ביכלאַל, וואָלט זי דאַרפן טראַכטן אויך וועגן דעם, וואָס זי אַליין טוט, און וואָס נאַטאַשקע טוט טאַקע מאַכמעס דעם, אין וואָס זי, די מאַמע, האָט זיך אָנגעשלאָסן. אויף דער ווידוביצער אָזערע, באַם סאַמע דניעפּער און בײַ דער סאַמע אײַזנבאַן־בריק איבערן טײַך, כאַפּט מען פיש, זאַרובאַ און ליאָניע. זאַרובאַ איז, הייסט עס, דער עמעסער פישער, און ליאָניע — זײַן מיטהעלפער. ס׳איז אַ מין קליינינקער אָרטעל, וואָס דער גאַנץ פלינקער באַזאָרגער פון לאָקאָמאָטיוו־דעפּאָ און פון דער סטאַנציע, דער פלאַפּלער און כיטרוק רעדוטני האָט געשאַפן. אַ פלאַפּלער און אַ כיטרוק, און זיבן שיידים שטעקן אין אים. און די צאַפּלענדיקע פיש שטעלן צופרידן קרומפּײַלן און די עטלעכע זײַנע דײַטשישע אינזשעניערן, טעכניקער, מײַסטערס. אַהין, אין יענער דײַטשישער קיך, טראָגן אָפּ יערעמיי פּאָמיטש, אָדער ליאָניע, אָדער רעדוטני אַליין די שווערע, די נאַסע לאָזע־קוישלעך, צוגעדעקטע מיט סאַוער. איצט איז יערעמיי פּאָמיטש געגאַנגען שוין מיט אַן אויסגעליידיקט קוישל, — ס׳האָט זיך געזען אויפן דנאָ בלויז אַ קויטיקע שמאַטע און אַ ביסל גרינס, — געגאַנגען, ווי זײַן טעווע איז, ניט געײַלט, נאָר אויך ניט מליאָווע, גאַנץ לײַכט געוויגט זײַן דאַרן גוף, — אַ גענגל פון איינעם, וואָס כאָטש ער זעט אויס גאַנץ אָפּגעריבן, האָט ער נאָך זײַן ביסל קויעך פאַרהיט. די צוגעפלעטשטע קעפּקע האָט יערעמיי פּאָמיטש אָנגערוקט ביז די ברעמען, קעדיי שיצן דאָס פּאָנעם פונעם רעגנדל, וואָס האָט אַלץ געמאַראַקעט, שטילער, ווי אינדערפרי, נאָר פונקט אַזוי אײַנגעגעסן, און אַלגע האָט, נעמענדיק אָניאָגן דעם פישער, זיך גאָר פאַרקוקט, ווי די טראָפּנס קאַפּען אַראָפּ פון זײַנע רויטע סטאַרטשענדיקע אויערן, ווי דאָס וואַסער רינט איבערן ברעגעלע פון זײַן פּליך, וואָס זעט זיך אַרויס הינטן, באַם ראַנד פון דער קעפּקע, עס זאַפּן עס אײַן די געלע, לאַנג ניט געשוירענע האָר אויפן שמאָלן געקנייטשטן נאַקן, און פון דאָרטן פאַלן ווידער טראָפּנס הינטערן פאַרשמאָלצעוועטן קאָלנער פון זײַן געלאַטעטער פּופּײַקע.

אָט דערפאַר, וואָס זי האָט זיך אַזוי פאַרקוקט אויף זאַרובען און געהאַט זיך אין זינען אירס, צוליב וואָס זי האָט אים גענומען אָניאָגן, און אויך געדענקט וועגן דעם, צוליב וואָס זי איז ביכלאַל אַרויס אין דרויסן, — די איבערגעדעקטע פּלאַטפאָרמעס זײַנען שוין געווען גאַנץ נאָענט, — האָט זי ניט גענוג אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף רעכטס פונעם אײַזנבאַן־וועג, אויף יענער־זײַט פון די סעמאַפאָר־דראָטן, ווו עס זײַנען, אַ ביסעלע הינטער איר, איבער אַ נאַסער סטעזשקע געגאַנגען צווייען. ס׳הייסט, באַמערקט האָט זי די צוויי פיגורן — אַן ער און אַ זי, יונגע, געאַרעמטע, וואָס האָבן דאָרט געשפּאַנט, נאָר ניט אײַנגעקוקט זיך אין זיי,

ניט געוואָלט זיך אײַנקוקן, ווײַל ער — אַלגע האָט דאָס נעפּלדיק אָפּגעמערקט — איז געווען א דײַטש, אַן אָפּיצער, און די, וועמען ער האָט געפירט... ע, אַלצײנס, ווער זי איז שוין דאָרט.

אַלגע האָט דערימגט דעם פישער. געוויינלעך דערפרייט ער זיך מיט איר, כאָטש א ביסעלע, וויפל מע מעג. איצט האָט איר אויסגעדאכט, אז ער איז לאַכלוטן ניט צופרידן פון דער באַגעגעניש. נאָר מאַלע וואָס — זי האָט זיך באַגריסט מיט אים און געפרעגט דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט פרעגן: ווו איז טיכאָן, וואָס מאכט ער? דער מאַשיניסט ווייסט וועגן איר קרויוועשאַפט מיט ליאָניען, אָבער געקוקט האָט ער אַף איר די ערשטע רגע אי פאַרלוירן, אי נאָך אַנדערש — זײַן נאַס, בלייך פּאָנעם מיט די געלע ברעמען, מיט דער שפּיציק־פּאַריסענער נאָז, מיט די בלויע אופמערקזאַמע אויגן האָט אויסגעדריקט א מין כמורנע באַשעפּטיקטקײַט און פאַרדראָס. איין ווײַלע האָט דאָס געדויערט, נאָר אַלגען האָט עס איבעראַשט, דערשראָקן, און זי האָט שוין ניט שטאַרק געגלייבט אין דעם, וואָס דער פישער האָט געענטפערט:

— דאָרט איז ער, בא דער אָזערע, אַלץ איז, ווי עס דאַרף זײַן.

זאַרובאַ האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, אוועק ווײַטער. אַלגע האָט נאָך געמאַכט באַנאַנד מיט אים א פּאָר שפּאַן, און אַזוי ווי ער האָט עפּעס מאָדנע אײַליק געכאַפּט א קוק אין א זײַט, אַף דער סטעזשקע, האָט זי אויך א קוק געטאָן אַהין, און דערזען דאָס, וואָס האָט זי געצוווּנגען א ציטער טאָן, פּונקט ווי אַן עלעקטרישער שטראָם זאָל זי דורכנעמען. דער דײַטשישער אָפּיצער איז געווען א הויכער, דאָס האָט זי אויך פריִער באַמערקט, נאָר זי האָט דעמלט ניט פּיקסירט בא זיך אין מויעך, אַז ער איז טאַקע אַן אומגעלומפּערט ווּקסיקער. דער מיליטערישער רעגנמאַנטל איז אַפּילע אַף אים צו קורץ. ער האָט עטוואָס אײַנגעבויגן די ברייטע קרעפּטיקע פּלייצע. עפּשער האָט ער דאָס געטאָן, ווײַל ער האָט זיך געפּלײַסט אַרײַנקוקן דעם מיידל אין פּאָנעם, וואָס איז געווען, כאָטש אויך א ווּקסיקע, און, אגעוו, זייער א שלאַנקע, נאָר היפּש נידעריקער פון אים, אָבער פּונקט אַזוי האָט נאָך עמעצער, אויך אַזא גוואַר, געהאַט א טעווע צו האַרבען די פּלייצע. און דאָס טונקעלע שוואַרצכיינעוודיקע פּאָנעם, פון וועלכן ס'איז ניט אַראָפּ דער שמייכל, — א זיכערער, א גוטמוטיק אָפּשאַצערישער, און פּאַשעט א פריילעכער, — עס איז זייער קענטלעך. טאַקע אַזעלכע ברייטע, בוילעטע קינבאַקן, אַזא אָפּגעצויגן־קירפּאַטע נאָז, אַזעלכע צוגעזשמורעטע אויגן, און דעם בליאַסק פון די ציין אין גרויסן מויל, — דאָס אַלץ האָט זי ערגעץ געזען. ניט ערגעץ — אין ליובאַטש. און יענער מענטש, א יונג, א ווערגעלעך, האָט מיט איר, מיט אַלגען, וואָס איז ערשט געגאַנגען פון דער גרענעץ, גערעדט וועגן דעם, אַז עמעצער אין אונטערערד, אין וואַלד דאַרף, אַז זי זאָל דערלויבן נאַטאַשקען גיין אַף א טאָג אין דער שטעטלדיקער געטאָ — ניט נאָר צו דאַניִעלס מאַמע, צו זײַן פעטער און צו דער מומע, וואָס זײַנען דאָרט פאַרשפּאַרט, — דאָס איז אַליין פּאַר זיך, צוליב דעם האָט נאַטאַשע געזאָלט גיין אָן דער ביטע פון יענעם באָכער, און ס'איז נאָך געווען א פּראַגע, אָפּלאָזן צי ניט אָפּלאָזן אַהין דאָס מיידעלע, — געדאַרפט האָט די קליינע העלפן פאַרבינדן זיך מיט די פאַרוווּנדעטע קאָמאַנדירן און רויטאַרמייער, וואָס זײַנען אויך געווען אין יענעם לאַגער, אין דער געטאָ, און צוליב דעם איז נאַטאַשע אוועק. זי, אַלגע, האָט דערלויבט. און דאָס איז געווען דער ערשטער פּאָדעם, וואָס האָט זיי אַלעמען — אַלגען, נאַטאַשען, אַרטעם דאַרוגען צוגעבונדן צו דער אונטערערד, צום וואַלד... מאַקאַר ליאַליעטשקאָ — אָט ווער ס'איז געווען יענער, אין ליובאַטש, און אָט וועמעס אָנבליק ס'האָט דערמאָנט דער דאָזיקער, וואָס האָט געפירט אונטער דער האַנט א וווּנדערלעך־שיין מיידל — א קלאָר, ווײַס פּאָנעם, גרויסע שוואַרצע האָר, וואָס שלאָגן זיך אַרויס פון אונטערן רויטן וואָלענעם היטעלע אַפן קאָקעטיש־אופגעשטעלטן ווײַסן פוטערנעם קעלנערל פון איר בלאָוו פּאַלטאָכל, און אינגאַנצן איז זי א געטאָקטע, אַז אַלגען האָט אַזש פאַרדראָסן, פּאַשעט פרויִש פאַרדראָסן, ס'האָט א ציפּע געטאָן פאַרן האַרצן.

זאַרובאַ איז אוועק ווײַטער, פּאַזע די רעלסן, און יענע צוויי זײַנען אוועק ווײַטער, איבער דער סטעזשקע, און אַלגע האָט ניט געוווּסט — ס'איז אַן אויסדאַכטעניש אָדער ניט. עס האָט געקאָנט זײַן, אַז ניט. אָט דאָס האָט זי נאָך מער אומרויִק געמאַכט, צערודערט. באַאומרויִקט האָט זי זיך פאַר ליאָניען, איבער עפּעס געוואָלט זיך אײַנרעדן, אַז נאָר פאַר ליאָניען, ווײַל וואָס באַטײַט זאַרובעס פאַרלוירנקײַט, זײַן קורצער זאָג: „דאָרט איז ער... אַלץ איז, ווי עס דאַרף זײַן”. ניט געקאָנט זאָגן עפּעס מער? נאָר אָנגעשפּיצט האָט זי אויך עפּעס אַנדערש. זי האָט דאָס גוט געוווּסט, און דערפאַר האָט זי, האַלטנדיק דעם טעלעפאָן באַם אויער, אַלעמאָל אָפּגעשטעלט דעם בליק אַף די שויבן, פאַרגאָסענע מיט רעגן־טראָפּנס און צערונצלטע פון דינע שטרעמעלעך, און איינמאָל בייס אַזא קוק אין פענצטער האָט זי דערזען: נאַטאַשקע לויפט איבער די רעלסן, גלײַך אַהער, צו איר...

6

פונעם דעזשורנע איז נעענטער פון אַלץ געווען צום פּאָסטן, וווּ ס'האָט געאַרבעט מאַריאַ טיכאָפּליאַס, — זי האָט באַדינט די רעלסן־קרייצונגען, וואָס פירן צו דער דעפּאָ. אָלגע האָט זי אָנשוילעך געקענט — שוין ניט קיין יונגע פרוי, אַ גאַנץ קרענקלעכע. געהערט אַפילו אַמאָל דערעכאַגעוו (מע זעט זיך דאָך אַף די פּלאַניאָרקעס פאַרן אָנהייב פון יעדער וואַכטע), אַז דער מאַן מאַריעס, אַ רויטאַרמייער, איז ערגעץ אַף מיזרעך געלעגן אין אַ שפּיטאָל, בייס די דײַטשן זײַנען אַרײַן אין קיִעוו — מע האָט אים אַראָפּגענומען אַ פוס, וועגן דעם האָט ער נאָך באַוויזן אָנשרײַבן, און צוויי קינדער האָט זי, די דאָזיקע טיכאָפּליאַס. אין וואָס דער מאָסער באַשולדיקט זי, האָט סטעפּקע ניט געזאָגט, צי נאַטאַשע האָט ניט פאַרגעדענקט, נאָר ניט דאָס איז געווען דער איקער — זי איז אין צעטל. דאָך האָט אָלגע באַשטימט אַזוי: ניט נאַטאַשע זאָל וואָרענען די סטרעלאָטשניצע. מאַלע ווי עס מאַכט זיך, וואָס אַ מענטשן קאָן אויסקומען אויסצושטיין — זי האָט געקאָנט באַמערקן, טיכאָפּליאַס, נאַטאַשקען, ויסן, וועמעס זי איז, מע ווינט דאָך דאָ אַנטקעגן, אין דעפּאָ. און אַליין אַראָפּכאַפּן זיך צו דער סטרעלאָטשניצע האָט אָוואַדע ניט געטויגט. אָנוויַזנדיק פונוויַטנס אַף דער פרוי, וועלכע איז אין אַן אונטערגעגאַרטלטן מאַנצבלשן מאַנטל געשטאַנען מיט אַ געל פענדל בײַ די רעלסן, האָט אָלגע געייצעט נאַטאַשקען אַראָפּבריינגען מיט זיך דאָס כאַווערטעלע פון שוואַרצן באַרג, אָקסאַנקען. אַהין, אַפן שוואַרצן באַרג, האָט נאַטאַשע אַלציינס געדאַרפט צולויפן און אויסלייגן אָקסאַנקעס מאַמען דעם צעטל פון די געמאַסערטע, כוץ עטלעכע — אַרטעם דאַרוגאַ, טימאָשטשוק, די אַנאַניעווס. מע איז היגע, יענע פון שוואַרצן באַרג, מע קער דאָ קענען אַלעמען, — אָקסאַנקע וועט אויך מיסטאַמע ערגעץ דאַרפן צולויפן, מעגלעך, צום טאַטן אין דער טעכנישער ביוראָ, איז זאָל זי שוין וואָרענען אויך די טיכאָפּליאַס. וואָס אייצען דער סטרעלאָטשניצע און אַלעמען, וואָס וועלן געוואָרנט ווערן, האָט אָלגע ניט געוווּסט, עס האָט ביכלאַל עפּעס אַלץ זיך שווער פּאָטויפּעט בײַ איר אין קאָפּ, — ווער עס קען, זאָל טייקעף אַנטרינען, נאָר, לעמאָשל, אַזאַ, ווי מאַריאַ טיכאָפּליאַס, וואָס אַרבעט איצט און מע וועט שוין אין עטלעכע מינוט אַרום זיך כאַפּן, אַז זי איז ניטאָ, און דאָס איז אויך ניט גוט, העגדום־פענדום אויסגערונען ווערן, מע וועט זיך כאַפּן, אַז עמעצער וואָרנט, — איז וואָס זאָלן טאָן אַזעלכע, דאַרפן זיי שוין אַליין צוטראַכטן. עפּשער פאַרופן זיך אַף אַ פּלוצעמדיקן ווייטעק, און עפּשער פּרוּוון דערציִען ביזן סאָף פון דער וואַכטע, האַלטנדיק די אויערן אָנגעשפּיצט?

איידער זיך לאָזן אַפן שוואַרצן באַרג, האָט נאַטאַשע געדאַרפט אַרײַן צו די אַנאַניעווס. זי וועט הערן, עפּשער קאָנען זיי עמעצן מודיִע זײַן וועגן דער צאָרע, זי וועט גלײַך פאַרנעמען פון דאָרט שוניען, אָוועקפירן אים דערווײַל צו סטעפּקען אין דירע (ס'האָט געהייסן, אַז אָלגע און נאַטאשקע ווינען בײַ סטעפּקען, ווײַל זי, די איבערזעצערן, האָט עס באַקומען דאָס איזאָלירטע איינצימערדיקע דירעלע אין דעפּאָ). דערנאָך, ווען זי וועט פרײַ ווערן פון אַלע ערשטע גענג, זאָל זי אָוועק צו באַכמוטן, צו קאַרל קאַרלאָוויטשן, בײַ וועמען מע האָט אַ צײַט געווינט, — ניט נאָר געווינט: אַ פאָלקס־דויטש, וואָס ווייסט אַפילו ניט רעכט, פונוואַנען און פון ווען עס קומט צו אים דאָס דײַטשישע, האָט ער, אַ דעזשורנע פון דער סטאַנציע ביז דער אָקופּאַציע און איצט, אָרעוו געווען פאַר אָלגען און סטעפּקען, ווען זיי זײַנען אָנגעקומען אַהער אַרבעטן. אָנגעקומען ניט סטאַם אַזוי — אַרטעם, ריכטיקער טימאָשטשוק, האָט דאָס אַלץ פאַרטראַכט און געהייסן דורכפירן, — איז האָט זי געדאַרפט, נאַטאַשע, אָוועק צו קאַרל קאַרלאָוויטשן, ער איז הײַנט ניט אַף דער אַרבעט, זאָגן אים וועגן די, וועמען קיינער קאָן ניט וואָרענען, און האַלטן זיך מיט אים אָן אייצע — צי איז ניט בעסער, אַז שוניע זאָל ביז וואָס־ווען געפינען זיך בײַ אים. פון אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעשטאַנען צו טאָן, איז נאַטאַשקען ניט געפעלן געוואָרן דאָס לעצטע, טאַקע לאַכלוטן ניט געפעלן געוואָרן — ווידער אָפּלאָזן ערגעץ שוניען, צעשיידן זיך ווער ווייסט אַף וויפל. אָבער כוץ איין קליינינקן דריי מיטן כיינעוודיק־פּאַריסענעם (דער מאַמעס) נעזל, און אַ קוים־מערקבאַרן הייב פונעם ביידנערדיק־שלאַנקן אַקסעלע, האָט זי זיך ניט דערלויבט. און עס איז קלאָר געווען — זי וועט טאָן, ווי די מאַמע הייסט.

נאַטאַשע האָט זיך אָוועקגעלאָזט צו די אַנאַניעווס, ווי אַף צוויי פליגל: איינעם האָט איר געגעבן די שליכעס אַליין, — אַ ווערטעלע, וואָס זי האָט עס אָנצוזאָגן! דעם צווייטן — זי וועט זיך זען מיט אים (פאַר זיך האָט זי שוניען, דאָס בלאָנדע קוטשעראַווע באָכערל מיט די שטרענגע בלויע אויגן, גערופן אַזוי, ווי דערוואַקסענע מיידלעך, — ער).

שוניע איז דער, צוליב וועמען זי האָט איינמאָל אַפּאַנעמעסן ריזיקירט.

דאָס, וואָס זי האָט אים איירערנעכטן געפירט איבער דער גאַנצער שטאָט אַהער, אַף קיִעוו־מאָסקאָווסקי, צו די אַנאַניעווס — איז אַזוי־זיך, גאָרנישט. לעס־ברייִרע האָט ער דאָך

פאָרט אין קעשענע א צייַגעניש פון דער קיִעווער מאַגיסטראַטור, אַז ער איז אַ קאַראַיִם.
אַן אַנדער זאַך, וואָס דער קוואַרטאַלנער, דער קרומער שאַטיַילאָ, האָט אים דערזען בא לידע
טאַנאַגאָז אין הויף, — לידע איז טאַקע אַ קאַראַיִמקע, און שוניע האָט לאַנג, אַריבער אַ יאָר,
געוווינט בא איר, קלוימערשט ווי אַ פּלעמעניק, — האָט ער אים סאָפּקאָלסאָף דערזען, דער
שיקורניק, און אָפן געזאָגט, אַז ער וועט זיך ניט פוילן צוגיין אין דער מאַגיסטראַטור און
פרעגן, ווי קומט צו שוניען דאָס פּאַפּירל, — ער האָט אַף פּאָדאָל געזען פונקט אַזאַ קלייַנעדיק
יִידיש יִינגל. שאַטיַילאָ האָט, געוויינלעך, שוניען קיינמאָל ניט געקענט. ער איז דאָך ניט קיין
היגער, שוניע, נאָר אַז שוניע איז ניט קיין קאַראַיִם, ווייסט נאַטאַשע גוט. לידע איז אַ ליר־
באַטשער, האָט דער ברודער אירער, ווען מע האָט שוניען מער ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן אין
ליובאַטש, אַראָפּגעבראַכט דאָס יִינגל אַהער, און דאָ האָט שוין עמעצער, נאַטאַשקע שטויסט
זיך אָן ווער, נאָר ריידן דאַרף מען דערפון אַפילע מיט שוניען ניט, געקראָגן די צייַגעניש.

און זי, נאַטאַשע, איז דאָך אויך אַזאַ, ווי שוניע, — לויטן טאַטן... עס רעדט זיך נאָר, אַז
דאָס איז געווען גאָרנישט — דורכגיין מיט שוניען די סטרעלעצקע, וווּ יענער שאַטיַילאָ דרייט
זיך אום, און די עטלעכע דערבייַיִקע גאַסן, וווּ מע קאָן אים באַגעגענען, און אַפילע וויַיטער —
ווייַל ניט נאָר בא דעם קרומען זייַנען אַזעלכע שאַרפע אויגן. שוניע האָט שטילערהייט גע־
האַלטן אין איין אָפּשיקן זי פאָרויס, מע זאָל ניט גיין באַנאַנד, נאָר ווי האָט זי געקאָנט טאָן
אַזוינס? און ביכלאַל, זי האָט זיך שוין אויסגעלערנט: בייס אַ געפאַר — פאַרגעסן, צווינגען
זיך פאַרגעסן, ווער זי איז.

לידע האָט אויך פאַרלאָזט איר צימערל אַף דער סטרעלעצקע, אַוועק ווי זי שטייט און
גייט. דאָס ביסל פאַרמעגן אירס, אַלץ, וואָס עס האָט זיך געלאָזט איינפּאַקעווען, האָט אַ שאָכן,
דער אַלטער, וווילער מאַרקיאַן סאָלאָמאַכאַ, אַריבערגעטראָגן אַף איר נייַער וווינונג, דאַפקע
ניט וויַיט פון צענטער, פון דער בעסאַראַבקע, נאָר פון יענער־זייַט שפּיטאָל, וווּ זי אַרבעט,
לידע, אַלס אַ מעדשוועסטער, — אינעם באַרגיקן שמאָלן געסל סאָבאַטשיאַ טראָפּאַ. נאַטאַשע
איז דאָרט שוין געווען מיט אַ טאָג צוריק, אין לידעס נייַער וווינונג, נאָר געקומען אַהין ניט
צוליב דעם, נאָך וואָס זי פלעגט געוויינלעך גיין אַף דער סטרעלעצקע, — פּראָסט געקומען
זאָגן, אַז אַלץ איז גוט, שוניע איז אַף אַן אָרט. נו, און וואָס זי האָט דאָרט נאָך געדאַרפט
איבערגעבן, איז שוין ניט וויכטיק.

ריזיקירט האָט זי צוליב שוניען, ווען זי האָט אים אַרויסגעשלעפּט, מאַמעש טאַקע אָנגע־
כאַפּט פאַר אַ האַנט און אַרויסגעשלעפּט פון דער קאָלאָנע, וואָס די פאַשיסטן האָבן געטריבן
צום טשאָרטאָרוי, צו דער גרויסער זינק־בלאָטע אינעם ליובאַטשער וואַלד, וווּ מע האָט דער־
טרונקען אַלע יִידן פון שטעטל און יענע עטלעכע פון די קריגסגעפאַנגענע, צומייַנסטנס פאַר־
וווּנדעטע, וואָס זייַנען אַ נאַכט פאַר דעם געלאָפן פון זייער לאַגער, וועלכער האָט זיך געפונ־
נען אין אַן אָפּגעגרייַזעט ווינקל אין געטאָ, נאָר געפּאַקט זיך ווידער. פאַרוואָס שוניע איז
געבליבן אין געטאָ, ווען זי, נאַטאַשע, האָט אים באַצייַטנס גערופן אַרויסקריכן מיט איר דורך
דער לאָך אין אַ כורווע, וועגן וועלכער זי האָט געוווּסט (דעמלט, ווען ליאַליעטשקאָ האָט
זי געשיקט איבערגעבן די קריגסגעפאַנגענע, אַז זיי מעגן לויפן, אַלץ איז גרייט), דאָס, פאַר־
וואָס שוניע האָט זיך אַזוי אייַנגעאַקשנט און איז ניט אַוועק מיט איר, האָט זי אי פאַרדראָסן,
אי ס׳איז איר געפעלן. און אַזוי איז איצט אויך: זייַן אַקשאָנעס — ער שווייַגט, טוט אַפילע
מיטן קאָפּ ניט קיין שאָקל אַף „ניין”, נאָר ער טוט אַלעמאָל זייַנס, — אָט די אייַנגעשפּאַרטקייַט
פאַרדריסט זי, נאָר זי איז איר געפעלן אויך. דעמלט איז ער געבליבן צוליב דער באָבען:
ער האָט מער קיינעם ניט געהאַט, און די באָבע האָט קיינעם מער ניט געהאַט. די מאַמע,
דער באָבעס טאָכטער, הייסט עס, איז ערגעץ געבליבן שטעקן בא די דייַטשן, אָדער אומגע־
קומען, צי עפּשער איז זי אַוועק מיטן פראָנט פון דאָרט, וווּ די מילכאָמע האָט זי געטראָפן,
פון בעסאַראַביע, און דער טאַטע, וועלכער האָט געהאַט זיך אָפּגעשלאָגן פון דער היים, — עס
טרעפט דען ניט? — האָט זיך דאַפקע אָפּגעזוכט, ווען די מילכאָמע איז אויסגעבראָכן, ער האָט
גערופן שוניען מיט דער באָבען צו זיך, נאָר ווידער די זעלבע אַקשאָנעס, יענץ מאָל גיכער
דער באָבעס — מע איז ניט געפאָרן צום פאַרשולדיקטן. און זי, נאַטאַשע, האָט אין יענער
געטאָ, ס׳וואָלט אויך געהייסן — צוליב דער באָבע שיפרע, בלייַבן ניט געדאַרפט, ניט געקאָנט.
ערשטנס, ווייַל די מאַמע האָט געוואַרט פון יענער־זייַט, און ניט נאָר די מאַמע — אַרטעם, און
ליאַליעטשקאָ, און סטעפּקעס טאַטע וויִצעך קאַזימיראָוויטש, וועלכער האָט וועגן אַלץ גע־
ווּוּסט. און צווייטנס, האָט אַליין די באָבע ניט געוואָלט, זי זאָל בלייַבן, ניט געטראַכט אַפילע.
פאַרקערט, זי האָט געהאַלטן אין איין צאַפּלען: „גיי, גיי צוריק!” דאָס איז אויך וויכטיק: די
באָבע שיפרע איז דאָרט געווען ניט איינע — דער פעטער מיכל, און יענע, די פאַראַליזירטע
מומע, וואָס איר נאָמען פאַרגעסט זי שוין אַמאָל, נאַטאַשע, — די מומע סטערע. אָבער ווען

מע האָט אַלעמען אוועקגעטריבן דורכן שטעטל, מע האָט נאָך ניט געוווּסט צוליב וואָס, נאָר ס'איז ביכלאַל געווען אַ שרעק צו קוקן, האָט זי אים אַרויסגעשלעפּט פון דער קאַלאָנע, שר־ניען. אַלע זײַנען פונקט פאַרבײַגעגאַנגען די שול, ווו זי, נאַטאַשאַ, און די מאַמע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע טעג בײַ וויצעך קאַזימיראַוויטשן, האָט זי אויפגעפּענט די פּאַרטקע און אַ שלעפּ געטאָן שוניען אין הויף אַרײַן אַזוי שנעל, אַז וויצעך קאַזימיראַוויטש, ער איז אַ טויט־בלאַסער אויך געשטאַנען דאָ טאַקע, באַם פּלויט, האָט זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן. יאָ, דעמלט האָט זי טאַקע ריזיקירט. און ניט איינע. זי האָט אַפילו קיין טראַכט ניט געטאָן וועגן דעם, קיין צײַט ניט געהאַט, צי געטראַכט, נאָר אַנדערש ניט געקאָנט טאָן. אָט אַזוי איז ער געבליבן, שוניע, גאַנץ, און קיִעוו איז שוין אַ ווײַטערדיקע זאַך...

ער וואָלט מיסטאָמע געקאָנט אַריבער מיט לידען אָף דער נײַער קוואַרטיר, נאָר דאָס איז עס טאַקע — זײַן שווײַגנדיקע אַקשאָנעס. שטענדיק איז ער פאַרקלערט, פאַרומערט. און ס'איז דאָך טאַקע פאַראַן פון וואָס צו טראַכטן. נאָר אַז ער טוט אַ שמייכל, צי ער טוט פּאַ־שעט אַ קוק מיט די קלאָרע, בלויע אויגן, ווערט אַזוי גוט, אַזוי ליכטיק אפן האַרצן, און אַליין ווערט ער דיר נאָענט, ווי אַ ברודער. ווער ווייסט אַפילו, צי ווי אַ ברודער, — מיט ליאָניען איז ניט אַזוי, פאַר אים האָסטו אָפּשײַ, שטאָלצירסט מיט אים, ביסט גרייט טאָן פאַר אים אַלץ, וואָס ער וואָלט דאַרפן, אויסוואַשן אים עפּעס, ברענגען אים עסן. ציטערסט שטענדיק עס זאָל מיט אים קיין בייז ניט געשען, און שוניע איז אַ פרעמדער, נאָר דו פּילסט צו אים אָט דאָס אַלץ, וואָס צו ליאָניען, און איינציײַטיק — אַנדערש, שטאַרקער צי ניט שטאַרקער, ווער קאָן דאָס פאַרשטיין? און עפּעס נאָך, אומפאַרשטענדלעכס, נאָר אָן דעם וואָלסטו, דאַכט זיך, ניט געווען דו... אָן דעם, — זי פאַרשטייט, נאַטאַשאַ — אָטאָ לויפט זי איצט, דער קאָפּ איז פאַרנומען, און אַמאָל קלערט זי דאָס אַלץ רויִק, — צווישן איר טאַטן און שוניעס מאַמע איז אויך פון דער סאַמע יוגנט, זי האָט דאָס געהערט ניט איין מאָל און ניט פון איינעם, געווען עפּעס אַזוינס און ס'איז דורכגעגאַנגען, אויסגעלאָזט זיך מיט גאָרנישט. איז קאָן בײַ איר און בײַ שוניען אויך פּאַסירן אַזוי? נאָר אויב זי ווייסט ניט, וואָס צו ענטפערן זיך, אויב זי וויל דערפון אַפילו ניט טראַכטן, איז איינס קאָן זי יאָ טראַכטן — וועגן זײַן אַקשאָנעס, וואָס געפעלט איר יאָ אָדער ניט, דאָס מאָל אויך אַזוי — יאָ און ניט. ער האָט זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ, שוין לאַנג, — אַזאַ ניט קיין באַרעדעוודיקער, האָט ער וועגן דעם גערעדט מיט איר אַ סאַך און גערן: ער וויל אוועק אין וואַלד, ער וויל זיך דאָ ניט אויסבאַהאַלטן.

— איך וויל ניט מוירע האָבן, — האָט ער געזאָגט, — איך וויל, מע זאָל פאַר מיר מוירע האָבן, און איך זאָל האָבן אַ ביקס.

די גאַנצע צײַט האָט ער זיך געגרייט צו דעם. אין געטאָ האָט ער דאָס ביכל וועגן ראַדיאָ מיטגענומען (זי האָט עס דאָרט געזען בײַ אים, נאַטאַשאַ, זייערע ביידע באָבעס, פון אַלע יאָרן שכיינים, האָבן זיך אויך דאָרטן געהאַלטן צוזאַמען), נאָך אין שול האָט ער מער פון אַלץ ליב באַקומען ראַדיאָ. אָבער געפינענדיק זיך בײַ לידען, האָט ער ניט נאָר צורעכטגע־מאַכט דעם קליינינקן „פּיליפּס" און אויפגענומען די מאָסקווער סוואָדקעס, וואָס האָבן, אײ־בערגעשריבענע פון דער האַנט און איבערגעדרוקטע אָף מאַשינקעס אוועדע אָנגעשפּאַרט גאָר ווײַט, — זי, נאַטאַשאַ, פלעגט אויך קומען נאָך זיי, — ער האָט צוזאַמען מיטן אַלטן מאַרקיאַן, אַ קעסלער, נאָר פון יענע אַרבעטער, וואָס קענען אַלץ, און אויב זיי קענען עפּעס ניט, דער־גייען זיי צו דעם מיטן סייכל, געהאַט צו טאָן מיט עפּעס אַזוינס... די ערשטע צײַט פלעגט מען אַלץ אויסבאַהאַלטן פון איר. אין פינצטערן צימערל, ווו דער „פּיליפּס" איז געשטאַנען, איז געווען נאָך אַ טיש, געוויינלעך אָן איבערגעדעקטער מיט אַ רעדנע, נאָר עפּעס האָט געסטאַרטשעט פון אונטערן צודעק. דערנאָך האָט מען דעם טיש אויפגעהערט צודעקן, ווען זי פלעגט קומען, און זי האָט שוין געוווּסט: מע וויל מאַכן אַ ראַדיאָ־טראַנסלירער, זי האָט אַליין אויך געטראָגן פאַר דעם פון דעפּאָ אַמאָל בלײַ און קאַניפאָלע צום לייטן, אַמאָל אַ פּאָר שטיקלעך דיוראַליומיני, פאַרשיידן דראָט — אָרטעם פלעגט דאָס העלפן קריגן.

דאָס, וואָס שאַטײַלאָ האָט, זײַענדיק אונטערן גלעזל, אַרויסגעכאַפּט זיך מיט אַ וואָרט, האָט בלויז פאַרשנעלערט דעם איניען. שוניע האָט שוין אַלץ געפּויעלט בײַ לידען, און לידע האָט עס שוין געפּויעלט בײַ עמעצן אַנדערש — וויאַזוי דאָס ווערט באַשטימט, ווייסט זי ניט, נאַטאַשאַ, נאָר שוניע איז ניט דער ערשטער, וועמען זי האָט אָפּגעפירט צו די אַנאַניעוווס. פונדאַנען איז, הייסט עס, דער וועג — אין וואַלד.

זי אַליין, נאַטאַשאַ, האָט שוין אַ פּאָר מאָל אויך גערעדט מיט דער מאַמען, טאַקע וויסנ־דיק, וואָס שוניע קלײַבט זיך טאָן, צי וואָלט מען ניט קאָנען אוועק אין וואַלד. ערשט נעכטן האָט זי ווידער אָנגעהויבן דעם שמועס, און די מאַמע האָט, ניט צו פאַרשטיין — בייז צי פּאַשעט פאַרזאָרגט, פאַרביטערט געענטפערט:

— זעסט, וואָס עס טוט זיך? דערווײַל ווינען מיר, ווי אין א היים...

„זעסט, וואָס עס טוט זיך“, — דאָס מיינט זי דעם הארבסט, צי טאקע עפּעס אנדערש?

בא די אנאניעווס האָט שוניע געדארפט זיך פארהאלטן עטלעכע טעג. ער פאריכט עפּעס. ווען די אנאניעווע האָט אים דערזען, האָט זי זיך פארכידעשט, צי עפּשער געזאָגט אין א שפּאַס מיט איר מענעריש־הייזעריקלעכער שטים:

— דאָס ביסטו דער מײַסטער? מיסטאמע אף צעברעכן.

נאטאשע האָט די ערשטע רעגע די אויגן ניט געגלייבט: א שלאָס! אף דער בלוי־געפארבטער, צעטראסקעטער טיר פון די אנאניעווס, ארום וועלכער עס האָבן זיך געוויגט הוילע, נאסע שטענגלעך פון ווילדע ווײַנטרויבן, איז געהאנגען א שלאָס. איבעריקס ארומדרייען זיך דאָ אין הויף האָט ניט געטויגט, דאָך איז נאטאשע זיך דורכגעגאנגען פארבײַ די פענצטער — א שטעגעלע האָט זיך דאָ געצויגן לעבן די הוילע און נאסע קוסטעס בעז. זי האָט אָבער גאָרנישט ניט געזען דורך די טונקעלע שויבן. די האָפענונג איז געווען, אז עפּשער וועט עמעצער פון אינווייניק זי באמערקן — מע קען זי דאָ. אז אין שטוב זאָל קיינער ניט זײַן, האָט זי ניט געגלייבט, יעדנפאלס, שוניע מוז דאָך דאָ זײַן. זי האָט אפילע געפּרוּווט זיך צוגאנווענען און א קלאַפּ טאָן אינעם סאמע עקסטן פענצטער — שטיל. ביכלאל איז די שטוב, ווי ארײַנגעוואקסן אינעם שווארצן בארג, — סײַ די הינטערשטע וואנט, סײַ די זײַטיקע. בא נאטאשען איז דורכגעלאָפן א געדאנק, אז עס קאָן דאָ גאָר זײַן אן אויסגעגראָבענע הייל אינעם בארג. איז וואָס זשע, אופהייבן זיך אפן שיפּוּי און נעמען טופּען מיט די פיס? קינדעריש...

קיין אנדער ברירע איז ניט געבליבן, ווי אוועק דערווײַל צו אָקסאנען, צו אָקסאנקעס מאמע אפן שווארצן בארג. אָבער ווען נאטאשע האָט, אין א מין האלבער שאָ ארום, זיך אומגעקערט, איז נאָך אלץ געהאנגען דער שלאָס. איצט האָט זי שוין געוואַרט א ביסעלע אין גאַס, ניט ווײַט פון דער שטוב — געוואַרט, ביז אָקסאנקע האָט זיך אומגעקערט פונעם טאטן. ס׳האָט געהייסן, אז טאקע אף איר, אף אָקסאנען, וואַרט זי. דאָס האָט נאטאשע פארשטאנען: זי דארף דער כאוורטע גאָרנישט ניט באווײַזן קיין איבעריקס. מע האָט אינצווייען, האלטנדיק זיך פאר די הענט, אוועקגעײַלט צו מאר׳א טיכאָפּליאס (צוגעגאנגען צו איר איז טאקע נאָר אָקסאנקע), דערנאָך איז די כאוורטע אוועק אירן א גאנג, און נאטאשע האָט מיט א זײַטיקן וועג זיך אומגעקערט צו די אנאניעווס. דער זעלבער שלאָס. איז וואָס, לויפן זאָגן דער מאמען? צוויי מאָל ארויסרופן זי האָט ניט געפּאסט. און ביכלאל, וואָס קאָן די מאמע אייצען? איז נאטאשע אוועק צו קארל קארלאָוויטשן — אויך א נייטיקער גאנג. אים האָט זי געטראָפן — ער האָט איבערגעקליבן קארטאָפל בא זיך אין קעמערל. אלץ געזאָגט אים, האָט זי אויך דערעדט זיך וועגן שוניען, אז ער וועט דאָ מוזן איבערזײַן א קליינע צײַט, און שוין מיט גאָר אן אומרו׳יק הארץ, פילנדיק, אז דער רעגן האָט דורכגעקלאַפּט דאָס וואָלענע שאַלעכל און דאָס שיטערע רויטע פאלטאָכל אף די אקסל און אף דער פּלייצע, שליאָפּענדיק מיט די נאסע שיכלעך אין דער בלאָטע, איז זי ווידער צוגעקומען צו דער בלויער טיר און לײַכט אָפּגעאָטעמט, כאָטש זי האָט ערשט דאָ דערפילט איר גאנצע מידקײַט: דער שלאָס איז פארשוואונדן.

די ציגײַנעריש שווארצע, ווזקסיקע אנאניעווא, ווערא דאווידאָוונא, האָט נאָך אן אָנגעטאָנענע אין א נאסן הארבסטיקן מאנטל ארויסגעלייגט פון איר קאָשיק אפן קיך־טיש א האלבע טיקווע, א בינטעלע קאלינעס, א פּאָר שקארמיצלעך. נאטאשע האָט דאָס ערשטע אויסגעשאָסן וועגן שוניען: זי איז געקומען נאָך אים, די מאמע האָט געהייסן. און ווײַטער האָט זי שוין געזאָגט דאָס איבעריקע.

— אײַ, אײַ, אָט דאָס איז אָנגעשריבן... מ... מ... — די פארגליווערטע אויגן פון דער פרוי האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט צאר, די לינקע האנט האָט זי צוגעדריקט צו דער באק, ווי די ציין וואָלטן איר נעמען ווײ טאָן. עפּשער א מינוט איז זי געשטאנען א דערשיטערטע, דערנאָך אוועק ערגעץ אין די צימערן און אינגיכן זיך אומגעקערט מיט שוניען, וועלכער האָט גייענדיק ארופגעשלעפּט אף זיך זײַן קורצן, מיט וואטע אונטערגעשלאָגענעם פּידזשאק.

— נא, — האָט די אנאניעווא געזאָגט צו נאטאשען, וואָס איז אלץ געשטאנען בא דער טיר, — אָט איז ער. נו, זײַט, קינדער, געהיט!

צוערשט איז מען ניט אף לאנג ארײַן צו נאטאשען. זי האָט אראָפּגעוואָרפן די צעריסענע שיך און אָנגעטאָן דער מאמעס, אויך אלטע, נאָר טרוקענע, און שוניע האָט אײַלנדיק געגעסן דאָס ביסל נעכטיקע הירזשענע קאשע, מיט וועלכער זי האָט אים מעכאבעד געווען. מע איז ווידער ארויס אין הויף און גענומען שוין פארקערעווען הינטערן הויז, א דרײַשטאָקיקס און אן אויסגעצויגנס אינדערלענג, צוגעקומען צו די טאָפּאָלן, וואָס זײַנען אין א שורע געוואקסן

בא די רעלסן, ווי מע האָט אי דערהערט, אי דערזען: צוויי מאַשינעס — אַן אווטאָבוס מיט אַ פֿאַרגראַטעט פֿענצטערל און אַן אָפֿענע לאַסטמאַשין. אַן אַנגעשפּיגעוועטע מיט זשאַנדאַרמען, זײַנען פֿאַמעלעכן, ווי בײַס מע זוכט אַן אַדרעס, אַרופֿגעפֿאָרן אַף דער בלאָטיקער גאַס און אָפּגעשטעלט זיך לעבן די אַנאַניעווס הויף. באַלד זײַנען שוין צו דער שטוב אַוועקגעלאָפֿן עטלעכע זשאַנדאַרמען, צוויי־דריי — צו דער טיר, די איבעריקע האָבן לענגויס דעם צעבראָ־כענעם פּלויטל אַרומגערינגלט דעם הויף.

נאַטאַשע איז די ערשטע געקומען צו זיך. לײַכט אַ ציִ געטאָן שוניען פֿאַרן אַרבל, האָט זי ניט הויך געזאָגט:

— מיר דאַרפֿן גיין, ניט לויפֿן, נאָר גיין... קוק ניט אַף צוריק.

מע איז שוין געווען הינטער אַן אָפּגעטשעפּעטן עשעלאָן, ווען ס׳האָבן זיך דערהערט עטלעכע שאָסן — הילכיקע, און באַלד נאָך עטלעכע — פֿאַרהוילענע.

שוניע האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף אַ ווײַלע, נאָר נאַטאַשע האָט אים ווידער אָנגענומען פֿאַר אַן אַרבל, און ער האָט, שפּאַנענדיק מיט איר באַנאַנד, מיט אַ ציטער אין קאָל, אַ שעפּטשע געטאָן:

— דאָרטן... מע ענטפֿערט...

— ווער?

— אינדרויסן זײַנען זיי, ווערא דאַווידאָוונאַ איז די פֿערטע. ווען מע זאָל קאָטש געווען דערציִען ביז נאַכט, מע האָט געמיינט...

גאָר שטיל, ניט קוקנדיק אַף נאַטאַשען, נאָר וויסנדיק, אַז זי שפּירט פֿון דער זײַט נאָך זײַנע ליפּן, האָט שוניע אין עטלעכע ווײַלעס אַרום, נאָך אַלץ מיט אַ פֿאַרשלאָגענעם אָטעם זיך אָנגערופֿן:

— מע האָט דאָרט אַ ראָטאַטאָר און...

עס האָט אָפּגעהילכט איין אופֿרײַס, אַ צווייטער.

— גראַנאַטעס, — האָט שוניע דערקלערט, — מיסטאַמע זייערע.

צוויי דײַטשישע וואַכמענער זײַנען געשטאַנען בײַ אַ דרעזינע און געקוקט אין יענער זײַט, וווּ ס׳איז די גאַס. דאָס געלע ייִנגל מיטן דינעם שוואַרצינקן מיידעלע האָבן ניט צוגע־צויגן זייער אופֿמערקזאַמקײַט.

7 נאָך פֿאַר דעם, ווי אָלגע האָט באַמערקט גיין איבער דער נאַסער סטעזשקע, אַף יענער־זײַט פֿון די סעמאַפֿאָר־דראָטן, דעם וווקסיקן דײַטשישן אָפֿיצער, וואָס האָט געפֿירט אַ שיין מיידל אונטערן אָרעם, — אַן ערעך מיט אַ פֿערטל שאָ ביז דעם, האָט די זעלבע געאַרעמטע פֿאָר באַמערקט דורכן פֿאָדערשטן פֿענצטער פֿון זײַן גרינעם „מערסעדעס“ דער גענעראַל־מאַיאָר הײַנריך פֿאָן גלייעוויץ. דאָס לאַנגע בערשטעלע (דאָ, אין רוסלאַנד, רופֿט מען עס זייער טרעפֿלעך „דער דוואָרניק“) האָט מיט אַ ברייטן האַלבקײַלעכדיקן קער אָראָפּגעווישט די פֿרישע טראָפּנדלעך רעגן און עטלעכע בלאָטיקע ליאַפּ, — אַ שווערע לאַסט־מאַשין האָט נאָרוואָס זיך דורכגעטראָגן אַנטקעגן, — און דער גענעראַל האָט, קאָטש אָפֿן גלאָז זײַנען געבליבן פֿאַרהוכקעטע פּאַסן, נאָענט דערזען דאָס מיידל — דעריקער זי. ער האָט אָנגע־כמורעט די געלע ברעמען: „וואַליע?“

ביז דעם, אייגנטלעך די גאַנצע צײַט, וואָס ער איז געפֿאָרן פֿונעם אַעראָדראָם, און פֿריִער אויך, ווען ער איז געפֿלויגן אינדערלופֿטן, זײַנען די געדאַנקען זײַנע געווען אומהיימלעכע, נאָר ערגעץ האָבן, ווי פֿונקען אונטער אַש, זיך געוואָרעמט טרוימען, וואָס האָבן פֿאַרשאַפֿט האַנאָע, פֿרייד, און איינע פֿון די ערשטע פֿריידן, אַף וועלכע ער האָט געהאָפֿט, האָט געדאַרפֿט זײַן — וואַליע.

געדאַרפֿט... פֿאַרוואָס איז ער פֿאָרט אַזוי סקעפּטיש געשטימט און פֿון ווען אָן? מיילע, וואַליע, אויב ס׳איז אַפֿילע זי, ס׳הייסט, קיין טאָעס האָט ער ניט געקאָנט האָבן, — ס׳איז זי. נאָר יאָ, צי ניין, — וואָס איז דאָ דער כילעק? דער אָפֿיצער איז פֿאַר אים קיין מעניע ניט, דער אָפֿיצער, אַ לייטענאַנט, דאַכט זיך, טאַקע אַ לייטענאַנט, צי אַפֿילע ווען גרעסערס, וועט אָפּשפּרינגען, ווי אַ פּילקע, ווי נאָר ער, דער גענעראַל, וועט זיך באַווײַזן. דאָס איז קלאָר. און אויב ער האָט עפּשער אָפּגעטאָן, יענער דראָנג, — אַ מין לענגו — דער ערשטער, צי דער וויפֿלסטער, דאָס, וואָס ער, פֿאָן גלייעוויץ, האָט אַזוי פֿיל צײַט זיך געוואָלט דערשלאָגן בײַ וואַליען, איז אויך קיין אומגליק ניט. ביכלאַל קיין אומגליק ניט, און ביפֿראַט נאָך, אַז ער קומט פֿון אַזאַ אָרט, ווו אַפֿילע אַ ליאַדע ראַדיסטקע, אַ קאַלטע, ווי אײַז, און אַן אויסגעקנאָ־טענע, ווי טייג, איז אַ געפֿינס.

אומאַנגענעם איז אַליין דאָס, וואָס ס'איז אן אַנהייב. אַט אַזוי, הייסט עס, הייבט זיך אָן זײַן באַזוך אַהער, קיין קיִעוו. ס'איז אן אַנדער ווירקלעכקייט, איידער די, פֿון וועלכער ער האָט זיך אַרויסגעריסן, נאָר דאָ איז אויך געגנוג פֿאַראַן אַזוינס, וואָס מע וועט עס דאַרפֿן קאָנען בײַקומען. דערווײַל איז אָפּן האַרצן גרוי, פּוסט און טאַקע — אומרויִק.

ער האָט ערשט־אַ געפֿרעגט בײַ זיך: פֿאַרוואָס און פֿון ווען אָן איז ער אַזוי סקעפּטיש געשטימט? יאָ, ניט אַזוי — פֿאַרוואָס, ווי פֿון ווען אָן? אָן אָבערסט אין אָנהייב פֿון דער מילכאָמע, דערנאָך — אַ גענעראַל־מאַיאָר, האָט ער אַ לאַנגע צײַט געפּילט זיך, ווי אַף אַ צוויבער־טעפּעך, וואָס טראָגט אים אין דער געגאַרטער ווײַט. געוועזן, פֿאַרשטייט זיך, אויך אַזוינס: די קאַטאַסטראָפֿע מיטן עשעלאָן אין פּוילן — אַ פּאַרטיזאַנישע מינע אונטער אַ בריקל, בײַס מע איז נאָך געפֿאָרן צום פֿראָנט אין סאַמע אָנהייב פֿון קריג. זייער פֿיל האָט דאָרט באַם בריקל, ניט אָפּגעגליקט, ער איז אָפּגעקומען מיט אַ צעבראָכענער האַנט. דערפֿאַר האָט ער אָבער צוויי כאַדאָשים, די סאַמע שווערע, אָפּן וועג קיין קיִעוו און הינטער קיִעוו זיך ניט באַטייליקט אין שלאַכט. געוועזן איז נאָך — די פֿלייטע פֿון כאַרקאָוו האַיאַר, סאָף ווינטער: אין איינער אַ בלאָטע איז אויסגעקומען איבערלאָזן דעם שטאַרקן, באַוועגלעכן „פֿאַלקסוואַגען" און גיין צופֿוס. געוועזן דערנאָך אויך דער עפּיזאָד הינטער סטאַלינגראַד: אָנגעשטויסן זיך אַף רוסישע זעניט־באַטארייעס שוין באַ דער וואָלגע. רוטקע, דער אַדיוטאַנט, איז דאָרט געבליבן — אַרויס אונטערשטופּן די מאַשין, וואָס איז מיט איין ראָד אַרײַן אין אַ גרוב. דער אָבערלייטענאַנט רוטקע איז געבליבן אין סטעפּ און ס'איז אויסגעקומען אָנשרײַבן אַ בריוו זײַן מאַמען, אַז ער האָט זיך אַרויסגערופֿן פֿאַרהאַלטן די רוסן, וואָס זײַנען באַפֿאַלן די שטאַב־מאַשינעס (מאַשינעס!), און אַז פֿאַר אָט דער העלדישקייט איז ער צוגעשטעלט צו אַ באַ־לוינונג. אויב ער איז ערגעץ אין געפֿענקעניש — עס קאָן פּאַסירן — וועט ער נאָך אַמאָל, פֿרידנסצײַט, טראָגן דעם קרייץ. טאַקע אַזוי, עפּשער לעבט ער ערגעץ אין אַ לאַגער, יענער פֿרידריך רוטקע, איז זאָל ליגן אַזאַ טרייסט־בריוו באַ זײַן מאַמען.

יאָ, אָט דאָרט האָט זיך עס אָנגעהויבן — באַ דער וואָלגע. דער צוויבער־טעפּעך האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף ברענענדיקער ערד און מער זיך ניט אופֿגעהויבן. אין אַ שלעכטן כאָלעם טרעפֿט אַזוי: קלאַפּסט און קלאַפּסט אין אַ שטיינערנער וואַנט, דו ווייסט שוין — וועסט זי ניט דורכברעכן, און דאָך — קלאַפּסטו. סטאַלינגראַד. ווען איינער אַ מענטש — עס ווילט זיך ניט טראַכטן, אַז ער איז אַ דולער, ווײַל אַלע דײַנע האָפֿענונגען האָט ער דערוועקט, גענערט, געשטאַרקט, אַז זיי זאָלן פֿאַרווירקלעכט ווערן, מוזטו גלייבן, אַז ער איז ניט קיין דולער, — ווען ער זאָל אַ קוק טאָן, וואָס דאָס איז פֿאַר אַ שטאָט... ניטאָ קיין שטאָט, און זי איז דאָך דאָ, פֿון וועגט זײַנען געבליבן קופּעס איבערגעגעבערענטע שטיינער, און דאָך שטייען זיי, די ווענט, אומזעבאַרע, פֿאַרקישעפֿטע, — דאָס אַלץ קאָן מען ניט באַגרײַפֿן, ניט זען, אַפֿילע דעמלט, ווען עס שווינדלען די קאַדרען פֿון דער פֿראָנט־קינאָכראָניק אינעם בעטאָנירטן בונ־קער, אין ווײַטן וואַלד, ווו יענער מענטש איז, — דאָס אַלץ דערזעט מען, טאָפּטשענדיק זיך טאַקע צווישן די רויִנען, באַ דער וואָלגע, מע דאַרף זיך אָנשטויסן מיטן קאָפּ, מיט דער ברוסט אין יענע ווענט.

איז וואָס זשע? באַלד, נאָך איין ווײַלע — פּאַשעטער פֿון אַלץ איז פֿרעגן, שווערער איז צו ענטפֿערן, דערבײַ נאָך זיך אַליין. אייניקע זײַנען דאָרט, באַ יענער שטאָט (עס רעדט זיך וועגן אָפֿיצערן פֿון פֿאַרשיידענעם ראַנג) אַף אַזויפֿיל פֿאַרגרעבט געוואָרן, אַז זיי גיבן אָפּ באַפֿעלן, ניט פֿאַרטראַכטנדיק זיך. אַנדערע שיקערן, קעדיי פֿאַרטויבן דאָס געוויסן און דעם זינען. נאָך אַ ניט געלונגענעם אָנגריף טרינקט מען זיך אָן, דערנאָך, אויסגעניכטערטע צי האַלב־אויסגעניכטערטע, רעגיסטרירט מען די פֿאַרלוסטן און מע טוט ווײַטער, וואָס עס קומט אויס. ווידער פֿרעגן שוין אייניקע — צו וואָס איז די בלוט־באַד?.. ער ווייסט, פֿאַן גלייעוויץ, צוליב וואָס די מילכאָמע איז — ער וויל באַקומען דאָס, וואָס ער האַלט פֿאַר זײַנס. זײַנס וויל ער באַקומען און נאָך עפּעס, און אַנדערע — בלויז עפּעס, נאָר ס'וועט אויך זײַן געגנוג, אויב ס'וועט זײַן. אָבער ער ווייסט אויך און האָט קיין מוירע ניט צו זאָגן עס זיך אַליין: אַלץ האָט אַ ווערט, אויב דער קאָפּ איז אַף די פּלייצעס. אַז עס זאָל שוין ביכלאַל האַלטן באַ גאָרניט — דאָס גלייבט ער ניט. עפּעס האָט מען אַרײַנגעכאַפּט אַף שטענדיק. ערגעץ וועט מען, גייענדיק אַף צוריק, זיך אָפּשטעלן, גיכער פֿון אַלץ דאָ, באַם דניעפּער. שרעקלעך אַ טראַכט צו טאָן, ווי ווײַט מע וועט זיך צוריקציִען, נאָר מע דאַרף דענקען רעאַל, און עס וועט זײַן גאָט צו דאַנקען, אויב די רוסן וועלן אויך דענקען רעאַל און באַ דעם וועט עס בלײַבן... נו, געענטפֿערט?

נאָר וואָס זשע איז פֿאַרט געשען דאָרט, פֿונוואַנען ער קומט? עס זײַנען דאָ עטלעכע ענטפֿערס, אַלע זײַנען זיי אין אַ געוויסער מאָס ריכטיקע. אָבער אַפֿילע אַלע צוזאַמען גיבן

זיי פאָרט ניט דעם פולן ענטפער אף דעם, וואָס ס׳איז געשען. יאָ, היטלער האָט אין מעשעך פונעם זומערדיקן אָנגריף פארביטן איין דירעקטיוו אף דער צווייטער; איינע — עס מאָלט זיך, אז זי איז א מער דורכגעטראכטע, א פאָרזיכטיקע: צוויי ארמיי־גרופעס נעמען סטאלינגראד פון צאָפן און פון דאָרעם אין צוואנגען, מע דעראָבערט שנעל די שטאָט, דערנאָך פארקערעוועט מען אף קאווקאז; די צווייטע — זי האָט דיקטירט דאָס געפיל פון אומגעדולד און אזארט: די צאָפנדיקע ארמיי־גרופע גייט אף סטאלינגראד, די דאָרעמדיקע איַילט צו ראָסטאָוו, און וויַיטער — אין עטלעכע צעגלידערטע קאָלאָנעס — אף קאווקאז. גאנץ מעגלעך, אז אויך בייסן אויספילן דעם ערשטן פלאן וואָלט זיך ארויסגעוויזן, אז עפעס טויג ניט, אָבער דערוויַיל זעט מען די פאָלגן פונעם צווייטן פלאן: בא וולאדיקאווקאז — א שטארקער קלאפּ פון די רוסן, און בא סטאלינגראד — דאָס איז שוין ניט קיין קלאפּ, ס׳איז א בראָך, א קאטאסטראָפע. מע קאָן אויך אזוי ענטפערן: מיט דריַי כאדאָשים צוריק, צוקומענדיק צו סטאלינגראד, האָט מען דעם איקערדיקן קלאפּ געדארפט עפשער דערלאנגען ניט אף צאָפן פון דער שטאָט, נאָר אין צענטער. מע קאָן זיך אויך פארופן אף דער צאָרע, פון וועלכער מע האָט געליטן אלע כאדאָשים, וואָס די שלאכטן דויערן: שפּאָט־ווייניק פרישע קויכעס, אלץ ווייניקער טעכניק, אלץ ווייניקער ברענשטאָף, צולעצט זיַינען שוין אפילע די אויסשפּיר־עראָפּלאנען מער געשטאנען אף דער ערד, ווי געפלויגן. נאָך: די רומענער, די איטאליענער — אף די וויַיטע פלאנגען. כאָטש, ווו דען זאָלן זיי געווען שטיין — אין סטאלינגראד?

פונדעסטוועגן איז אָט דאָס אלץ ניט דער איקער. בא די רוסן האָט אויך אויסגעפעלט דאָס, יענץ, בא די רוסן זיַינען אויך אייניקע באפעלן געווען פעלערהאפטע, נאָר דאָס, וואָס עס איז ערשט־אָ געטראכט געוואָרן וועגן די דיַיטשישע אָפיצערן, און א שיַיכעס האָט עס אזוי אָדער אנדערש צו אלע, וואָס האָבן געדארפט פארנעמען די שטאָט, דאָס קאָן ניט געזאָגט ווערן וועגן די רוסן. דער רוס האָט זיך ארויסגעוויזן שטארקער — סיַי דאָ, אין סטאלינגראד (די גאנץ זעלטענע און צופעליק־געפאנגענע: „מיר וועלן ניט אָפּטרעטן!”, „איר וועט דאָ פארפוילט ווערן, בא דער וואָלגע!”, „שיסט, איך וועל גאָרנישט ניט זאָגן!”), סיַי דאָרט, ערגעץ אין הינטערלאנד (טאנקען מיט אופשריפטן: געשענקט פון אזא אונטערנעמונג, אזא קאָלווירט; עראָפּלאנען מיט אופשריפטן: געקויפט פאר צונויפגעזאמלטן געלט; וויַיסע פעלצלעך, וואטע־קאָסטיומען, וואָליקעס — אלץ פאר די, וואָס זיַינען אפן פראָנט...), און דער דיַיטש האָט זיך ארויסגעוויזן שוואכער. נאָר ווי ווארעמען וועסטו עס זאָגן, און צי דארף מען, און צי וואָלסטו דאָס אליין וועלן הערן פון עמעצן?

די פאסירונג מיט פרידריך רוטקע אין סטעפּ, עטלעכע הונדערט מעטער פון דער וואָלגע, האָט געבראכט דערצו, אז ער, פאָן גלייעוויץ, דער קאָמאנדיר פון א מאָטאָ־דיוויזיע, וואָס האָט אין א האלבן מעסלעס ארום טאקע זיך געשטעלט באם טיַיך, אינעם סאמע עקסטן פונקט פון פאוליוסעס צאָפנדיקן פלאנג, האָט זיך גענומען א ניַיעם אדיוטאנט — אָטאָ הייצלערן. אָט דער פּיפּיקער הייצלער האָט ערגעץ אין די בלינדאזשן פון שטאב, צי אין די סאָלדאטישע שוצגריבער דערטאפּט די געלזוכט. טאָני אלטערמאן, דער שטאב־פאריקמאכער, האָט מיט אָנגעשטרענגטע, נאָר ווירטואָזע באוועגונגען זיך געטאָן זיַין זאך. „טאָני, עפעס גאָלט איר מיר היַינט אזוי די ווינקלען פונעם מויל, אז עס שמארצט”. „הער גענעראל — ווי שטענדיק, איר האָט דאָך ליב — דריַי מאָל אויסגאָלן, נאָר די הויט אין די ווינקלען איז היַינט בא איַיך טונקל־געל, ווי ס׳איז געווען באם אָבערלייטענאנט הייצלערן פאר דעם... איר זעט גאָרניט?” ער האָט דערזען: טאקע געל, און אין די ווינקלען בא דער נאָז — אויך אזוי, און די וויַיסלען האָבן באקומען א געלבלעכן גלאנץ. דערנאָך האָט שוין אלדאָס איבעריקע דערזען דער דאָקטער. „יאָ, געלזוכט — אונטער דער צונג און אפן גומען — געל”. דערנאָך... פע, אפילע ניט אָנגענעם צו דערמאָנען זיך אלץ — אָט די קרענק באפאלט דעריקער קליינע קינדער, שוואנגערע פרויען, אלקאָהאָליקער און סיפיליטיקער... כאָטש אלקאָהאָליקער — צי קאָן ער פארעכנט ווערן פאר א טרינקער?.. ער זאָל זייער שטארק טרינקען — ניין, נאָר פונדעסטוועגן... די סיסטעמאטישקיַיט... נאָר דאָס איז זי געווען, די בלינדע און גליקלעכע שפּיל פון צופאל, — געלזוכט. נאָך דער ערשטער שרעק איז געקומען א געוויסע בארוּיקונג, און אפילע פארטיַיעטע פרייד: אן עק, די ניַיע אטאקע, וואָס מע האָט צו קאיאָר געגרייט פונעם לאטאשאנקער סאָד, ווו עס זיַינען שוין ניט וואָס קיין גאנצע, נאָר ביכלאל קימאט קיין ביימער ניט געבליבן, אוואדע די הונדערטסטע אטאקע קעגן די טויזנט מאָל פארשאָלטענע שווארצע בערגלעך און גריבער באם פאראָם און רינאָק. א מין קאָנוואלסיע, וואָס האָט, ווי פריִער, ווי ווער ווייסט וויפל מאָל ביז דעם, פארענדיקט זיך טאקע מיט גאָרניט, מיט נאָך א צענדליק הארוגים און נאָך א פּאָר צענדליק פארוואונדעטע, אָט מיט דעם האָט שוין אָנגעפירט בלויז דער שעף פון שטאב.

די דרײַ וואָכן אין שפּיטאָל, לעבן א שטילער, געמיטלעכער סטאַניצע, ווײַט פון פראָנט, ארום דעם דאָן, וואָס האָט שוין געהאלטן בא פארפרוירן ווערן, זײַנען בעפּיירעש געווען אן אָפּרו. די אומאָנגענעמלעכקײַט פון דער קרענק איז ווי אן אומאָנגענעמלעכקײַט פון ניט גאָר קיין געפערלעכער ווונד, וועגן וועלכער א גענעראַל קאָן טרוימען, פונקט ווי א געוויינלעכער סאָלדאַט. און כוץ דעם — שוין געכאַסמעטע דאָקומענטן אף אָפּצופליִען אין ווײַטן הינטערלאנד, אפילע קיין בערלין, צו עווען — ביזן פולשטענדיקן געזונט ווערן.

ער האָט נאָך געדארפט פארהאלטן זיך אין שפּיטאָל א טעג דרײַ, קעדיי מעגן זײַן אין קאָנטאַקט מיט געזונטע און אוועקפליִען. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די מעשוגאַס... דער ערשטער טאָג פונעם רוסישן אָנגריף פון די צוויי קליינע פלאַצדאַרמען אפן דאָרעם־ברעג פון דאָן איז געווען א נעפּלדיקער, א גרויער. א פויל, נאַס שניי־לע איז געפאלן און באלד צעגאנגען אף דער ערד. און פונקט אזוי נעפּלדיק, אומקלאָר און ניט זיכער זײַנען געווען די נײַס, וואָס האָבן זיך דערטראָגן צום שפּיטאָל. אָבער אומרוּיקע זײַנען זיי געווען: די רוסן גרײַפן אָן, און ווו — פונקט אנטקעגן די רומענער! ווידער וועלן די דײַטשן זיי מוזן פארשטעלן. מע ווארפט אהין, געוויינלעך, אונטער נײַע קרעפטן.

אף מאָרגן — עס האָט זיך גראָד אזוי ווי אויסגעלײַטערט, ווינטן בלאָזן שטארקע, קאלטע, וואָלקנס טראָגן זיך אום צעפּאָלאָכעטע אין דער הייך און אלץ גרעסערע כוואַליעס שניי־גרײַפּעלעך גליטשן זיך, יאָגן אום איבער דער צוגעפרוירענער ערד. און די נײַס זײַנען ווידער אומרוּיקע, נאָך אומרויקערע, איידער נעכטן, — פון דאָרעם גרײַפן אויך אָן די רוסן, פון דער אָזערע צאַצאַ. ווער האָט ארײַנגעכאַפּט? רומענער! דארף מען, הייסט עס, ווידער ראַטעווען די לאַגע. און ווער! — דײַטשן. אָבער אף צאָפן גיט זיך דערווײַל גאָרנישט ניט איַין.

נאָך א טאָג. אין שפּיטאָל איז שוין גאָר איימעדיק. די רוסן שפּארן מיט צוויי קאָלאָנעס. עס מערקן זיך אָן קלעמען, וואָס דארפן מיסטאַמע זיך צונויפקומען אין איין פונקט, א סאך מײַרעווודיקער פון סטאַלינגראַד, עס קאָן זיך מאכן — אפן דאָן.

און ווידער אף מאָרגן, פארן פרישטיק — א נײַס. ווער האָט זי געבראַכט — עפּעס א שאָפער, אפילע דרײַ שאָפערן, איינעם וואָלט זיך געקאָנט אויסווײַזן: רוסישע טאַנקען, ווײַסע, מיט רויטע שטערנס, האָבן באַשאָסן דעם וועג, און די דרײַ לאַסטמאַשינעס זײַנען קוים דורכגעשפּרונגען. דערציילט האָט דאָס דער פארסאָפּעטער הויפּט־דאָקטער, פארשטייט זיך, ווי א סאָד, די צוויי גענעראַלן, וואָס האָבן זיך געהיילט אין שפּיטאָל, די עלטלעכע אָבערסטן. און טאַקע אָן אייצע וואָלט ער אויך דארפן. עוואַקויִרן דעם גאנצן שפּיטאָל, אלע קראַנקע, איז ניטאָ צוליב וואָס, דער שעף איז אוועק צום קאָמענדאַנט פון דער סטאַניצע, עפּעס איז קיין פארבינדונג ניטאָ מיט דער ארמיי. נאָר די העכערע קאָמאַנדירן האָבן עפּשער ניט וואָס צו וואַרטן — א סאַניטאַר־אויטאָבוס איז שוין פאר זיי גרייט. וווהין פאָרן? זיי וועלן ווארשײַנלעך אליין דאָס באַשטימען אין וועג, ווײַל ווער ווייסט, וועלכער וועג איז ניט איבערגעשניטן, — גיכער פון אלץ דארף מען פאָרן צום דאָן, אף מײַרעוו. קלאָר, דער הויפּט־דאָקטער און אוודע אויך דער שעף זײַנער האָבן זיך געדארפט באַפרײַען פון די העכערע קאָמאַנדירן, קעדיי פרײַ מאכן זיך די הענט.

ווײַטער. דער וועג. נו. דאָס איז א שוידער! פון הינטער די ווײַסע שניי־פאָרהאַנגען, וואָס דער ווינט האָט געדרייט, איז ארויס א ווילד־צעפּאָלאָכעטער טאַבון פערד, ניט אפן וועג — בא א זײַט, אין סטעפּ. קימאַט אלע זײַנען פארוווּנדעטע, צעבלוטיקטע, אף אייניקע באָמבלט זיך דער צעריסענער געשפּאַן, בא אנדערע זײַנען די זאָטלען ארויפגעפאָרן ביזן בויך. מע הערט קיין הירזשען ניט — דורכגעטופּעט און צערונען אין דער זאַוויי. ווידער עפּעס טונקלט אפן וועג — א כאָפּטע פארוווּנדעטע רומענער, דײַטשן ווארפן זיך אויך דורך. דאָס איז שוין פון אן אנדער שפּיטאָל. מע שפּאַנט אין שינעלן, אָנגעצויגענע גלײַך אפן גרעט, אייניקע האָבן זיך ארומגעוויקלט מיט קאָלדרעס, ווי מיט שאַלן. מע שפּארט זיך אָן אף שטעקנס, אף קורליעס, איינער אפן אנדערן. זיי טרעטן אָפּ אף ביידע זײַטן פונעם פארשנייטן וועג, נאָר אויסגעשטרעקטע הענט, קאַסדיק אופגעהויבענע פויסטן, צעפּאָכעטע שטעקנס בעטן, פאָדערן: „שטייט!” וועלכער שטייט, אין אויטאָבוס איז ענג! נאָך א כאָפּטע — די האָבן שוין פארצוימט דעם וועג. רומענער און דײַטשן. געטאָן האָט דאָס עמעצער פון די רומענער. ווען דער אויטאָבוס האָט זיך געפרווט דורכרײַסן, האָט מען אויסגעשאָסן פון אן אויטאָמאַט אין די רעדער, אין מאָטאָר. דער אויטאָבוס איז שטיין געבליבן אף שטענדיק. איז מען ווײַטער געגאנגען צופוס. געגאנגען לאנג, א נאַכט, ביז קאַיאָר.

דאָס וואָס מע האָט געזען פאר דער נאַכט, איז אפילע שווער צו באַגרײַפן, צו דערמאָנען זיך. מע האָט זיך אָנגעשטויסן אף אָפּטרעטנדיקע טיילן — פּעכאָטע, ארטילעריע, טאַנקען, איינע שטרעבן אין איין זײַט, די אנדערע — פונקט אין דער קעגנבערדיקער, מע פילט אויס

פאַרשיידענע און, קענטיק, ווידערשפּרעכלעכע באַפעלן. און אַלע אײנס: די רוסן זײַנען נאָענט, זיי זײַנען דאָ, דאָרט, מע ווייסט ניט רעכט, ווו זיי זײַנען. עפּעס אַ באַטאַריי שיסט באַם וועג, נאָר עפּשער גאָר — אַף אײגענע. און דער בוראַן בושעוועט, ער פּילט אָן די נאַכט מיט געשפּענסטער.

אַכט און צוואַנציק עראָפּלאַנען, צומײנסטנס באָמבאַרדירער און פאַרניכטלער, האָבן געברענט אַף אַ פאַרשנייטן עראָדראָם אין סטעפּ — טאַקע דאָרט, ווו ס'האָט געזאָגט דער עסעס־קאַפּיטאַן, וועלכער האָט אים אַרופגענומען אַף אַ מאַשין. אַלע אַנדערע פּאַסאַזשירן פונעם אויטאָבוס זײַנען ערגעץ געבליבן הינטן. עטלעכע פּילאָטן — זיי האָבן אַליין אונטערגעצונדן די עראָפּלאַנען — זײַנען אין שווערע פוטערנע קליידער געשטאַנען באַ דער זײַט און דערשיטערטע געקוקט אַפן פײַער. די רוסן זײַנען נאָענט — דרײַ, צוויי קילאָמעטער, אַלץ דאָס זעלבע: ווײַסע טאַנקען. בענזין האָט געקלעקט אַף אופצוהייבן אינדערלופטן בלויז איין „יונקערס־88", אָט דעם, פון וועלכן ער איז מיט אַנדערהאַלבן שאָ צוריק געקומען אַהער, קיין קיִעוו...

דער שעף פון עראָדראָם, אַן אָבערסט, האָט אים אופגענומען מיט געוווינטער העפלעכקײַט, הינטער וועלכער עס פּילט זיך אַ קעלטל, — ער האָט שוין געזען גרעסערס. אָבער אַז ער האָט דערהערט סטאַלינגראַד, איז דער אָבערסט געוואָרן ביז גאָר אופמערקזאַם, נאָר אויך אָנגעשפּיצט — נאַטירלעך אַזוי, אַז וועגן זײַן כּשאַד האָט מען זיך געקאָנט בלויז אָנשטויסן. איז אויסגעקומען אים זאָגן גלײַך: געלזוכט, די קרענק אַליין איז שוין דורכגעגאַנגען, נאָר פאַריכטן דאַרף מען זיך נאָך.

איצט האָט דער שעף פון עראָדראָם שוין געטראַכט בלויז וועגן אײנס: ווי ווערט מען פּאָטער פון אים, פונעם געלזוכטיקן. דער גענעראַל־מאַיאָר וואָלט וועלן הײַנט פליִען ווײַטער, אַזוי ווי ס'איז אָנגעוויזן אין די דאָקומענטן? אָך, ער האָט דאָ געדינט אין יענער, אין דער ערשטער צײַט, — ער וואָלט וועלן עראָפּפאָרן אין שטאָט? ביטע, ער באַקומט אַ מאַשין. אַף צוויי שאָ, אַף דרײַ? מיסטאָמע וועלן דעם גענעראַל־מאַיאָרס באַקאַנטע שוין באַזאָרגן אים מיט אַ מאַשין אַף שפּעטער...

איז אָט פאָרט ער, און דער שאָפער שווײַגט — אַ יעפרייטאָר, וואָס איז געוווינט צו פאַרשיידענע הויך־געשטעלטע פּאַסאַזשירן און ווייסט די מאָס פון באַשיידנקײַט און גלײַכגילט.

8

דער אוויִאַציע־אָבערסט האָט גאָרנישט, קימאַט גאָרנישט ניט געפרעגט וועגן סטאַלינגראַד. ס'איז בײדע זאַכן — וואָס איז דאָס פרעגן באַ אַ גענעראַל, וועמען די געשעענישן האָבן געטראָפן אין שפּיטאָל, און די טעמע איז אַ גליטשיקע. ווי עס וועלן זיך פירן די, וועמען ער קלײַבט זיך, פאָן גלייעוויץ, באַזוכן, וועט ער שוין זען. עפּשער אויך אַזוי? ס'איז זייער זאַך. אַ ביסעלע וואָלט ער דאַרפן מיטגעפיל, ס'הייסט, מע זאָל פאַרשטיין, אַז ער געפינט זיך ניט גאָר אין קיין פּאָשעטער לאַגע. עס וואָלט ניט געשאַדט אַ פאָרלויפיקער קלונג קיין וויניצע, אין דער סטאַווקע. ווען ער וועט קומען אַהין, זאָל ער שוין האָבן אַ שטיקעלע באָדן אונטער די פיס...

נאָר אָט — וואַליע. ער האָט דאַפקע געקלערט צופאָרן צו איר העט שפּעטער, נאָך אַלע, צי נאָך די עטלעכע סאַמע נייטיקע וויזיטן, און ביכלאַל געטראַכט — זי איז אין קיִעוו, צי באַם טאַטן אין ליובאַטש? — ערשט, אָט איז זי, דאָ. איצט פאַרדריסט שוין, וואָס ער קאָן גלײַך צו איר ניט פאָרן, וואָס ער וואָלט זי גאָר ניט געטראָפן אין דער היים, דאָרט, אַף דער רייטאַרסקע.

וואַליע... איר איז גוט — געווען אַ קולאַקישע טאָכטער, וואָס האָט קײנע רעכט, דערנאָך — פאַרעכנט פאַר אַ טאָכטער באַם פעטער, וואָס איז אײנגיכן אַרעסטירט געוואָרן — ווידער, הייסט עס, אַ פלעק, און דאָ האָט מען איר געבראַכט דאָס גוטע אַף אַ טעלערל. אָט שפּאַצירט זי מיט אַן אָפיצער, און אַ גענעראַל שטאַרבט נאָך אירע טריט. עמעס, אַ ווילדלעכע איז זי, אַ קאַלטע, אַן אָפּגעשיידטע — אָפּגעשיידט אַפילע אַזוי ווי פונעם טאַטן. ס'הייסט, ווילדלעך — איז ניט דאָס וואָרט. ווילדלעך קאָן זײַן אַ פּאָשעט דאָרפיש מיידל. און זי איז מיט אַן אײנטעלעקט. זי קען שפּילן. ער, פאָן גלייעוויץ, וואָלט אַף אַ שפּיל אײַנגעגאַנגען — דאָס האַרץ מעג דאָ אַפילע ניט זײַן אין קאָן, ניט אירס, ניט זײַנס. כאָטש, אויב פאַרגלײַכן זי מיט עווען, און ניט נאָר מיט עווען, ער האָט שוין געהאַט אַ סאַך בעסערס פון עווען, נאָר אויב פאַרגלײַכן זי אַפילע מיט יענע, דעריקער מיט דער קאָפּענהאַגענער און מיט דער אַמסטערדאַמער, איז זי אויך אַן אַנטיק, אַ ראָזשינקע. אַן עמעסע וועגערע, דערבײַ אין איצטיקן סטיל. נאָר ווען זי זאָל ווערן כאָטש אַ ביסעלע וואַרעמער, מע זאָל דערפילן, אַז אונטערן מירמל שלאָגט אַן אָדער... יאָ, איז אָט די קעלט, דער ניט גאָר פאַרבאָרגענער ביטל אירער — צום

טאטן, מיילע, זי האט זיך פון אים אפגעווינט, ווען ער איז געווען אינדערפרעמד, ווען ער האט אליין, אזוי צו זאגן, פארשיקט זיך, — און א טיפ איז עס, מוז מען מודיע זיין, דער ליובאטשער בורגאמיסטער, גאר ניט קיין סימפאטישער — כאלאפיש, ווי די פאליאקן זאגן, געהארכזאם, כאלאפיש גאסטפריינטלעך און כאלאפיש אויסגערעכנט — ער האט זיך זיינס אין זינען. פארוואס זי איז צום טאטן ניט צוגעלאזט, קאן מען פארשטיין. אבער ביכלאל — זי האט די דייטשן ניט גאר ליב. זייער דין, נאר זי לאכט אפ פון זיי, און עפעס־וואס פארורטיילט זי אפילע. און עפשער קומט דאס פון פילן זיך שוין צופיל אופגעריכט, אף אזויפיל, אז זי האט די רעכט צו דענקען פריי? נאר וואס גייען אים אן די דייטשן, פאראן דאך טאקע עמעסע קריפלען, אט דער מאלטקע, לעמאשל, — אלץ דאס, דעם שפאט וואליעס, און די בייסיקייט, און די קעלט — אלץ האט ער, פאן גלייעוויץ, אליין געפילט, ניט שטענדיק, נאר געפילט. און טאקע דאס, וואס ניט שטענדיק, האט געגעבן א האפענונג...

דערפירן מיט דער דאזיקער וואליען אלץ, ווי מע זאגט, צו א לאגישן סאף האט געשטערט, — ער רעדט זיך דאס עפשער איין, — דער טויט פון איר ייִנגערן ברודער. א נעוואראסטעניקער, בעפיירעש א נעוואראסטעניקער. ער האט אים ניט איין מאל געזען, דעם דאזיקן, — ווי האט ער עס געהייסן? אלעקסע, דאכט זיך, גרין, דאר, לאנג. א ייִנגל. און גיי ווייס, אז פון אים וועט א שפאר טאן אזוינס. און אז ער וועט אלץ צעשטערן. א פאליציי — דאס איז זעלבסטפארשטענדלעך. איינמאל, טאקע אינעם ערשטן אפדערנאכט, ווען ער, פאן גלייעוויץ, האט דערזען די דאזיקע וואליע, געבליבן באם בורגאמיסטער אף נאכטלעג, און — פון אנפאנג א ביסל צו פראסט, פראנטאל, סאלדאטיש געגומען זיך צו איר, ניין, שוין דעם צווייטן אוונט, ווען די שפיל האט שטורמיש זיך אנטוויקלט, האט מען דעם דאזיקן אלעקסע געבראכט א צענעריקטן — ער האט זיך איינגעשטעלט פאר עפעס א מויד, א קרויווע, מיט וועלכער סאלדאטן, צי פאליצייען, צי אי די אי יענע האבן זיך א שפיל געטאן. קלאר, אז וואליע האט שוין געהאט צו טאן מיטן ברודער, און אין שטוב איז ביכלאל געווארן אן איבערקערעניש. און שפעטער — דער באבי־יאר. אלעקסע האט ניט געוואלט שיסן, און מאלטקע האט געהייסן, דאכט זיך, ער האט אים אפילע געשמיסן מיט א נאהייקע. מע האט דערנאך דאס אלץ פאנאנדערגעקליבן, ניט גאר שטרענג. פארשטייט זיך. א ייִנגל — דער איינציקער פון אזויפיל פאליצייען — און ניין, ער שיסט ניט. א שאס געטאן האט ער פונעם אווטאמאט — אף מאלטקען און נאך עטלעכע. מאלטקען האט אפגעגליקט — ער איז געבליבן גאנץ. אט אזוי... די נערוון האבן טאקע געקאנט ניט אויסהאלטן. ער, פאן גלייעוויץ, האט א קוק געטאן אינעם יאר — ער האט דאך שוין ביכלאל עפעס־וואס געזען, אי בייס דער ערשטער מילכאמע, אי בייס דער דאזיקער, נאר יענץ, אין יאר, האט געמאכט אן איינדרוק. אין ליובאטש האט מאלטקע מיט זיין איינזאצקאמאנדע אויך אפגעטאן געגוג גרויליקס, נאר דער טשארטארוי, די זינק־בלאטעס, וווהין ער האט פארטריבן די אלע, וואס זיינען באשטימט געווען ליקווידירט צו ווערן, געפינען זיך ניט אין די גרענעצן פון זיין, פאן גלייעוויצעס, פאמיליען־גוט, און געטאן האט זיך אלץ אין זיין אפוועזנהייט — וועגן דעם איז מיט מאלטקען דערעדט געווארן, דא איז ער א זייטיקער. צום באבי־יאר האט זיין דיוויזיע שוין געהאט עפעס א שייכעס, נאר ניט קיין דירעקטע. און אפילע ניט די גאנצע דיוויזיע — איין פאלק... מע האט ארומגערינגלט דעם ראיאן, ווו אלץ איז פארגעקומען. נו, טאמער האבן עטלעכע סאלדאטן אויסגעשאסן אין די, וואס האבן געפרווּווט אנטלויפן, איז עס געוויינלעכע דינסט־פליכט. נאר דאכט זיך, אז ערגעץ איז געבליבן א באריכט וועגן דער צאל קוילן, וואס זיינען דערביי פארוועגדט געווארן — דער שעף פון שטאב פון יענעם פאלק איז געווען א פעדאנט. דעמלט אפילע האט א שימער געטאן דאס דאזיקע פאפירל, נאר ס'איז אוועק, און איצט איז אזש הייס געווארן, עס בייסט ארום האלדז — דער קאלנער איז פייכט.

וואליע איז שוין דערנאך געווען אין טרויער, ניט צוצוטרעטן. און ביכלאל איז געווארן אומאנגענעם פארן קיין ליובאטש, זיין באם בורגאמיסטער אין שטוב. זי איז פון קיִעוו אוועקגעפארן אהיים, וואליע. קראנק. קאפּוויטעקן, א דעפרעסיע. אינגיכן האט מען די דיוויזיע אפגעשיקט אפן פראנט, פארגאנגען איז זי ווייט, און איצט...

די ערשטע יאזדע איז געווען צום שטאט־קאמענדאנט. ע, ווען דאס זאל, ווי פאראיארן, זיין עבי, עבערהארדט! דאס איז אן עמעסער דינסט־געגאסע, מע האט אמאל געגעסן קאשע פון איין קעסל, געטיילט א קופל ביר אף צווייען. עבערהארדטן האט מען פונדאנען אריבערגעפירט, וווהין — דאס איז שוין אלציינס. דער גענעראל־מאיאר רעמער איז אויך א באקאנטער, מע האט אמאל צוזאמען באטייליקט זיך אין מאנעווורעס, און דא, אין קיִעוו, האט מען זיך געזען. נאר ס'איז, געוויינלעך, ניט דאס, וואס עבערהארדט. טאקע ניט דאס. רעמערס אדיוטאנט האט אים באגעגנט זייער פריינטלעך, נאר באלד — מיט זייער א פארומערטער מינע:

דער גענעראַל־מאַיאָר איז שטאַרק פאַרנומען, א וואָך צײַט איז לאַכלוטן אויסגעשלאָסן אים צו זען. ער ווייסט, ער ווייסט וועגן גאַסט — דער שעף פון אַעראָדראָם האָט געקלונגען. א נומער אין האָטעל — ביטע, דאָס איז שוין אײַנגעאָרדנט, א מאַשין איז צוגעפעסטיקט, אַזוי צו זאָגן, פאַרן אייגענעם באַנוץ, זי וואַרט אונטן, א בלויער „אָפּעל". די דאָזיקע, פון אַעראָדראָם, איז מער ניט נייטיק...

קלאָר. דער אָבערסט פון אַעראָדראָם האָט אויסגעלייזט צוריק זײַן „מערסעדעס" מיטן שווײַגנדיקן יעפרייטאָר, און האָט, געוויינלעך, געגעבן צו וויסן וועגן דעם געלזוכט.

דער גענעראַל־לייטענאַנט שײַער, דער פּאָליצײַ־שעף, אויך אַן אַלטער באַקאַנטער — ניטאָ, אוועקגעפאָרן. דער קאַפּיטאַן אין וועסטיבול, מיט א צוריקגעהאַלטן־העפלעך, נאָר פאַרבאָרגן־לעסטערנדיק שמייכעלע האָט צוגעגעבן: „דער גענעראַל־לייטענאַנט האָפט, אַז אַפּצוריקוועגס, ווען דער גענעראַל־מאַיאָר וועט געזונט ווערן, וועט מען זיך דאָ זען". געלזוכט.

דער שעף פון גאַרניזאָן איז עפּשער טאַקע פונקט ניט געווען, צו אים וואָלט מען נאָך קאָנען אַרײַנפאָרן ווידער, אָבער פאָן גלייעוויץ האָט אויך פון דעם באַשטימט זיך אָפּזאָגן הײַנט.

איז געבליבן — וואַליע. ס'קאָן זיך מאַכן, אַז זי האָט זיך שוין אומגעקערט — עפּעס א שלעפעריק טראַמווײַטשיקל גייט איבער דער גרויס־וואַסילקאָווער צום צענטער פון שטאָט, און איבער דער וולאַדימירער — אויך אַזא טראַמווײַטשיקל. און דאָרט איז שוין די רייטאַרסקע. יעדנפאַלס, מע דאַרף א פּרווו טאָן.

דער שאָפער — אויך ניט גאָר קיין באַרעדעוודיקער, נאָר דער קוקט מער זיך צו צו דעם, וועמען ער פירט, טוט אַמאָל א קורצן בורטשע, ווען עפּעס שטערט אים אין וועג, — דער שאָפער איז אוועק אַרויף, אַפּן זעקסטן שטאָק, צו די סאַנזשאַרעס, פרעגן אָף דער פרײַלן וואַליע, און אומגעקערט זיך א פאָילבלעך־גלײַכגילטיקער, נאָר מיט א צורע, וואָס זאָגט — ער פאַרשטייט עפּעס, ער פילט מיט און ער האָט האַנאָע. די אַכצנטע קוואַרטיר איז פאַרקלאַפּט. עפּעס אַן אַלטע, א שכיינע פון פינפטן שטאָק, דערקלערט: די סאַנזשאַרעס זײַנען ערגעץ אַריבערגעפאָרן, וווהין — דאָס ווייסט זי ניט. איז אויסגעקומען שיקן דעם שאָפער ווידער אַרויף — זאָל ער ברענגען די אַלטע. שוין איין מאָל אַן אַלטע — א שלעמע, א פּוקס. זי ווייסט ניט, און קיינער ווייסט דאָ ניט, — זאָל מען פרעגן, וועט מען זען, — אַלץ האָט זיך איבערגעמישט, דאָ ווינען אַנדערע מענטשן. דער דוואָרניק? מע קאָן אַרײַנגיין אויך צו אים, נאָר דער דוואָרניק אַליין איז אוועקגעפאָרן אין א דאָרף אויסבײַטן פּראָדוקטן, געבליבן איז אין דער היים זײַן מיידעלע. וואָס ווייסט א קינד?

דאָ איז אײַנגעפאַלן: קרומפּײַל, דער שעף פון דעפּאָ. מע קאָן ביכלאַל צופאָרן צו אים — דער וועט אופנעמען, ווי עס געהער צו זײַן, דער וועט דאָס האַלטן פאַר א גרויסן קאָוועד. ער האָט אַמאָל, רודאָלף קרומפּײַל, געדינט אין זײַן, פאָן גלייעוויצעס, אָן אָקאָרשט אויסגעשולטן לייטענאַנט, ראַטע, דערנאָך איז מען געוועזן אין איין שטורעם־אָטריאַד, ווען זײַן, פאָן גלייעוויצעס, רײַכסווער־אַטעסטאַציע האָט נאָך ניט געדאַרפט אַפּישירט ווערן. אַלטע פּאַרטײַגענאָסן. מע האָט זיך דאָ פאַראַיאָרן געהאַט דערזען אין קיִעוו און דער דאָזיקער רודאָלף האָט שטאַרק אײַנגעלאַדן צו זיך. איצט איז ער געקומען אַפּן זיבענן מאַכמעס צווײ זאַכן — וואַליע איז דאָרט אַרומגעגאַנגען, לעבן קיִעוו — מאַסקאַווסקי, נאָר כּוץ דעם — איר פעטער איז אַן אײַזנבאַנער, אַנדריי סאַנזשאַרא, ער האָט געאַרבעט אין דעפּאָ, און מיסטאָמע אַרבעט ער איצט אויך, רודי קאָן וויסן, ווו אים צו זוכן.

באַם אַרײַנפאָרן אין בלאָטיקן געסל, וואָס פירט צו דער דעפּאָ, האָט א פּאָסט פאַרצוימט דעם וועג.

— הער גענעראַל, אַנטשולדיקט, דאָ איז פאַרווערט צו פאָרן, און ס'איז געפערלעך — אַן אַקציע קעגן פּאַרטיזאַנער.

— אָף לאַנג איז פאַרמאַכט דער וועג?

— ווער ווייסט, אוואַדע ענדיקט עס זיך שוין. מע איז דאָ לאַנג...

ווײַט האָבן אָפּגעהילכט עטלעכע שאָסן. ס'איז אויסגעקומען זאָגן דעם שאָפער:

— פיר אין עפּעס א גוטן רעסטאָראַן. אינעם „בער"? זאָל זײַן אינעם „בער".

און אין מויעך האָט, ווי א שטעכלקע, פאַרטשעפּעט זיך: „נאָך א קויעך, א דריטן, האָבן זיי, די רוסן, די סאָוועטן — דאָ, אָט די דאָזיקע, פּאַרטיזאַנער..."

VIII. די אַלטע מיט דער אונטערגעשאָסענער טויב. נאָך איינער, וואָס איז פֿאַרעכנט פֿאַר אַ טויטן.

1 ניט אָלגע און ניט פֿאָן גלייעוויץ האָבן קיין טאָעס ניט געהאַט. אָלגע האָט טאַקע געזען מאַקאַר ליאַליעטשקאָן, און פֿאָן גלייעוויץ (ער האָט שוין גאָר ווייניק געצווייפֿלט אין דעם) — וואַליע סאַנזשאַרען. און ניט צופֿעליק האָט אָלגע באַגעגנט מאַקאַרן און וואַליען ניט ווײַט פֿון דעם אָנגעכמורעטן, פֿאַרדײַגעטן יערעמיי זאַרובאַ — דאָס איז מען אים נאָכגעגאַנגען נאָך דעם, ווי מע האָט פֿריִער אַ ביסל זיך געטראָפֿן אין אַ שטוב אויף דער באַרגיקער דימיטריעווקע, גאַנץ נאָענט פֿון יענעם אָרט, ווו פֿאָן גלייעוויץ האָט באַמערקט וואַליען. דאָרט, אין יענער שטוב, האָט מאַקאַר גענוי געשמועסט מיט יערעמיי פֿאָמיטשן אין אַ זײַטיק צימערל, און וואַליע האָט אינעם פֿאָרנטיקן, דעם גרעסערן, פֿאַרווײַלט אַ מיידעלע, אומגעטראָגן זיך מיט דעם, באַוויזן דעם קינד אינעם אָפּגעריבענעם וואַנט־שפּיגל אַזעלכע צורעס, אַז דאָס פּיצל האָט אָט געגליוועט פֿאַר שטוינונג, אָדער געלאַכט, פּאַטשנדיק מיט די דאַרע הענטלעך. די מאַמע דעם קינדס האָט פֿון קיך, זי איז פֿאַרנומען געווען באַם צוגרייטן עפּעס אויף איבערצוכאַפּן, פֿון מאָל צו מאָל זיך אָפּגערופֿן אַ צופֿרידענע:

— זי גייט אײַך אָן, אַנוסיע, לאָזט זי אַראָפּ אויפֿן דיל...

העט נאָך דער סטאַנציע, ווו די רעלסן שלענגלען זיך אַוועק לענגאויס אַ ליימיקן באַרג, און פֿון דער צווייטער זײַט ציט זיך שוין ביזן דניעפּער (מע זעט אים דאָ גוט, דעם טײַך, ער איז נאָענט) אַ פּוסטקע, אַ באַדעקטע מיט קוסטעס, איז דער פּישער אַראָפּ פֿון די שפּאַלעס אויפֿן שטעגעלע, איבער וועלכן דער זייער וווּקסיקער לייטענאַנט מיטן מיידל זײַנען געגאַנגען. דער לייטענאַנט האָט צוגערופֿן דעם דאָזיקן מיטן געפֿלאָכטענעם קוישל און עפּעס אים פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט. לויט דעם, ווי ביידע האָבן זשעסטיקולירט מיט די הענט, איז קלאָר געווען, אַז דער מיליטערישער פֿרעגט און דער ציווילער דערקלערט, וויאַזוי מע קען זיך פֿונדאַנען, באַ אַ זײַט פֿונעם באַרג, ניט צוקומענדיק צו דער לאַנגער אײַזנבאַן־בריק, דערקלײַבן אין שטאָט אָדער צו דער צווייטער בריק איבערן דניעפּער — פֿאַר פּוסגייער. אָבער דאָס, וואָס דער פּישער האָט גערעדט, בייס ער האָט אַזוי פֿלײַסיק געמאַכט מיט די הענט, און וואָס דער לייטענאַנט האָט געפֿרעגט, האָט געהאַט אַ שײַכעס גאָר צו עפּעס אַנדערש, צו דער גרויסער אָזערע, וואָס האָט זיך געשפּרייט אונטן און אָפּגעשפּיגלט אין איר גרויער, לײַכט־צעכוואַליעטער וואַסערפֿלאַך די שפּיצן פֿון דעם אַלטן ווידובעצער מאָנאַסטיר (מאַכמעס דער נאָענטקײַט פֿונעם מאָנאַסטיר, הייסט זי טאַקע, די אָזערע — ווידובעצער), געהאַט האָט עס אַ שײַכעס צום שמאָלן דורכגוס, דורך וועלכן מע קאָן אַרויס פֿון דער אָזערע אין דניעפּער, צוקומען צו דער בריק, און, דורכשווימענדיק אונטער איר, צווישן די ביקעס, אַרײַן אין אַ צווייטער אָזערע, וואָס האָט קיין נאָמען ניט. ביז דאָס איז דערעדט געוואָרן, האָט דאָס מיידל זיך אָנגעבויגן פֿאַרשפּיליען דעם באָטיק און פֿון איר לענגלעכן רידיקול אַרויסגענומען אַ פּלאַטשיק פּעקעלע, וואָס איז אומבאַמערקט פֿאַרשוווּנדן אינעם פּישערס קוישל. אָט די קליינינקע געשעעניש איז פֿאָרגעקומען, און דער לייטענאַנט מיטן מיידל זײַנען זיך אַוועק זייער וועג — לענגאויס דעם באַרג, און דער פּישער מיטן קוישל — צו דער ווידובעצער אָזערע, אַגעוו, אַ פֿאַרצוימטע מיט שטעכדראָט, ווײַל דאָס איז שוין די זאָנע, דורך וועלכער מע קאָן צוקומען צו דער אײַזנבאַן־בריק. פֿון יענער זײַט שטעכדראָט, באַם סאַמע וואַסער, לעבן אַ געבויגענער אַלטער ראַקיטע, איז געשטאַנען אַ קליין, שלעכט אַרומגעוואַלקעוועט ביידל, באַנאַנד, האַלב אַרויסגעשלעפּט אויפֿן ברעג, האָט זיך געזען אַ שיפֿל, — אָט אַהין, צום בײַדל, איז צוגעקומען דער פּישער שפּעטער מיט עטלעכע מינוט, ווען דער לייטענאַנט מיטן מיידל האָבן זיך אומגעקוקט — ער האָט, הייסט עס, בעשאָלעם געמיטן די וואַך.

מע איז אַוועק ווײַטער געאַרעמטע, מאַקאַר און וואַליע. אַזוי האָט מען זיך אויסגעגלײַכט מיט דער פּוסגייער־בריק, נאָר ניט אַרויף אויף איר, און אַ ביסל ווײַטער האָט דער לייטענאַנט אָנגעטראָפֿן אויף אַ לאַסטמאַשין און באַשטימט באַנוצן זיך מיט איר, צי עפּשער האָט זי געוואַרט אויף אים, די דאָזיקע מאַשין מיטן געלן אויפֿשריפֿט „דויטשע רײַכסבאַן"; ער האָט זיך געזעגנט מיטן מיידל זייער באַשיידן, פֿאַר דער האַנט — דער שאָפֿער קוקט, אַ פּאָר ציווילע, וואָס זיצן אינעם נידעריקן קוזאָוו — קוקן. געזעצט זיך אין דער קאַבינע און מע איז אַוועקגעפֿאָרן אַלץ איבער דעם זעלבן שלעכט־ברוקירטן שליאַך, לענגאויס דעם ברעג, אין דער ריכטונג פֿונעם קיִעווער נידער־ראַיאָן, פֿאָדאָל, און דאָס מיידל האָט, ציטערנדיק מאַמעש אינעם היפּש דורכגענעצטן פֿאַלטאָכל, וואָס ציט שוין צופֿיל שטילנע אַרום איר פֿײַנע, שלאַנקע פֿיגור, פֿאַרוקט די הענט אין די אַרבל און געלאָזט זיך גיין איבער אַ צווייטן געשלענגלטן

שליאכל בארג־ארוף, צו פעטשערסק. אפן בארג, ווו עס הייבן זיך אָן געוויינלעכע ראנד־גאסן, בא אן אלטער פעסטונג־וואנט, האָט זי זיך געזעצט אין א טראמווײַ, טאקע א טראמוווײַטשיקל, ווי פאָן גלייעוויץ האָט עס אָנגערופן, נאָר דערפאָרן אפילע ניט ביז קרעשטשאטיק, — ערגעץ איז זי אינגיכן אראָפּגעשטיגן, ערגעץ אוועק, פארשווונדן אינעם געדריי פון געסלעך, אין ווינט, אין נעפל, וואָס האָט דאָ אפן בארג, גלײַך מיטן רעגנדל געלייגט זיך אפן ברוק, אף די ציגעלנע טראָטוארן, אף די נידעריקע הײַזער.

2 וואליע איז שוין געוועזן אין איין אָרט, ווו זי האָט געדארפט זײַן, אין א צווייטנס, זי איז ווידער ארויס אין רעגנדיקן דרויסן און א טראכט געטאָן, אז אייגנטלעך האָט זי געמאכט א גרויסן קרײַז, ווידער איז זי ניט שטארק ווײַט פונעם פעטער אנדריי — פון דער דעפּאָ, ווו ער ארבעט, פונעם ענגן דירעלע מיט די צוויי פּיצינקע צימערלעך, וואָס ער און די מומע אנאסטאסיִא פעטראָוונא פארנעמען; א טראכט געטאָן, אז די מומע קער איצט זײַן אין דער היים, אז עס וואָלט בעפּיירעש נייטיק זײַן ארײַנכאפּן זיך אהין, עס קלעקט אויך צײַט דערוף. דערפאר האָט זי זיך אוועקגעלאָזט אראָפּ, צום קרעשטשאטיק, קעדיי שפּעטער אופהייבן זיך אף א צווייטן בארג, א גאנץ פלאכן, נאָר א בארג. קרעשטשאטיק ליגט קימאַט דורכויס אין רויִנען, זי האָט ניט ליב גיין דורך דאָרטן — עס שווידערט זי, עס ווילט זיך מאמעש צומאכן די אויגן, ווען זי זעט די שווארצע, סטארטשענדיקע ווענט, די צונויפגעדרייטע אײַזערנע קאָנסטרוקציעס און דערמאָנט זיך די הײַזער, די קווארטאלן, וועלכע זײַנען דאָ געווען. אָפּטער, קעדיי דערקלײַבן זיך אין דער צווייטער העלפט פון דער שטאָט, מײַדט זי אויס אָט דעם קירצסטן וועג, נאָר הײַנט האָט זי אי קיין ווילן, אי קיין איבעריקן קויעך ניט געהאט דאָס צו טאָן. דורך דער זשיטאָמירער און דער ארטיאָם־גאס וועט זי קומען אהין, ווו זי וועט קאָנען ענדלעך אראָפּווארפן, זאָל זײַן ניט אף לאנג, דאָס פּאלטאָכל, די שווערע גומענע באָטי־קעס, אראָפּווארפן פון זיך אָט דעם גאנצן דרויסן, דעם נאסן, דעם כמורנעם, דעם ווינטיקן, און ארײַנטאָן זיך א ביסעלע, כאָטש א ביסעלע אינעם גוטן, וואָס זי פארמאָגט הײַנט...

ווען זי זאָל זיך געווען אראָפּלאָזן צו דער דעפּאָ, וואָלט זי איצט פונקט אָנגעטראָפן אף דער שיסערײַ ארום שטיבל פון די אנאניעווס, צופוסנס פונעם שווארצן בארג, א שטיבל, וועגן וועלכן זי האָט קיין אנונג ניט געהאט, אז ס׳איז דאָ, אז עפּעס טוט זיך דאָרט אזוינס, צו וואָס אויך זי האָט א שײַכעס. נאָר זי האָט פון גאָרנישט ניט געוווּסט, געגאנגען זיך א בייגעוודיק־שלאנקע, מיט איר, ווי געוויינלעך, ענערגישן, נאָר ניט גאָר אײַליקן טראָט, געגאנ־גען און געטראכט, און ניט באנומען, אז זי טראכט, ווי מע פארגעסט, מע טראכט ניט, אז מע אָטעמט...

זי וואָלט געדארפט נעמען בא אנאסטאסיא פעטראָוונען כאָטש צוויי לעפל מעל, וואָלט זי עפּשער געמאכט קארטאָפל־לאטקעס — נאָך דער נעץ, נאָך דער קעלט, זײַנען בעפּיירעש א מײַכל די הייסע, מיט בוימל דורכגעזאפּטע לאטקעס. בוימל איז גראָד דאָ, א האלבע פלאש, נאָך פון ליובאטש. גוט, וואָס מאריאנושקע האָט געייצעט איבערלאָזן א ביסל. א טראכט געטאָן וועגן מאריאנושקען, איז וואליען ווארעם געוואָרן אף דער נעשאָמע. מאריאנושקע — איר רונד, ראָזלעך פּאָנעם מיט די שטיפעריש־אופמערקזאמע בורשטינענע אויגן, מיטן בלאָנדן צאָפּ, מאריאנושקע, א שטאלטנינקע, ניט קיין הויכע, איז איר געשטאנען עטלעכע ווײַלעס פאר די אויגן.

מע איז כאוועטעס נאָך פון דער שול־באנק. מאריאנושקע האָט צו גאָרנישט ניט גע־שטרעבט — א מילדע לאכערקע, א שטיפערקע. זי קאָן אויך זײַן פארקלערט, זי קאָן מער פון אנדערע מיטפילן. אייגנטלעך האָט זי געדארפט זײַן א מאמע, גאָר א יונגינקע מאמע, וואָס נעמט אף זיך דעם אָל פון עטלעכע קינדער, נאָר דער באָכער, דער ערשטער, מיט וועמען זי האָט פארבונדן אירע האָפענונגען, איז אומגעקומען אין פינלאנד, נאָך איינער (זי היט אויך איצט ביידנס פאָטאָגראפיעס) האָט געשריבן בריוו פונעם דאָרעם־פראָנט, דער לעצטער בריוו איז געווען פון ארום קאכאָווקע. — ווארט זי, מאריאנושקע, ווער ווייסט, עפּשער אפן דריטן, נאָר וואָס קומען וועט ער אומבאדינגט נאָכן זיג, ניט אנדערש, ווי נאָכן זיג... דאָס איז גאָר. און זי, וואליע — מאריאנושקע ווייסט פון גאָרנישט, לאכלוטן פון גאָרנישט, זי ווייסט נאָר — מאקאר ליאליעטשקאָ, און ווען ער קומט, און קומען קומט ער גאנץ זעלטן, זוכט זי זיך ערגעץ א נאכטלעג בא א קרויווע צי בא א כאוועטע.

אָט דאָס האָט טאקע זיך דורכגעטראָגן אין קאָפּ, און ס׳האָט פארדראָסן, נאָר אויך א ווארעם געטאָן דאָס הארץ. מאריאנושקע וועט הײַנט זאָגן, — נו, וואָס? — עפּעס וועט זי זאָגן, מיסטאָם דאָס זעלבע ווי מיט א כוידעש צוריק — די מומע איז נאָך אלץ קראנק, זי מוז

זיצן לעבן איר די נאַכט, אָדער: ס'האָט זיך איר געמאַכט א גוטע קאָמפּאַניע, זי פאָרט אין דאָרף עפּעס אויסבײַטן.

זי, וואַליע, האָט געשטרעבט צו גרויסן, צו ניט קיין געוויינלעכן. עפּעס־וואָס האָט זי זיך שוין געהאַט דערשלאָגן ביז דער מילכאָמע — ניט די ערשטע ראָלן, ניט אַלעמאָל אפילע די צווייטראַנגיקע — אָבער אין איינעם פון די בעסטע טעאַטערן אין קיִעוו. און טאַקע — ערשט פון אינסטיטוט. זי וואָלט געוויס געגאַנגען ווײַטער. און איצט, דאָס, וואָס זי טוט דאָ, — עפּ־שער איז גאָר איר טרוים ניט אזוי באַפליגלט געווען, ניט פאַרטראָגן זי אזוי ווײַט? נאָר יענץ איז געווען גליק און שײַן, און דאָס איז — וואָס?..

דאָ שפּילט זי אויך. ס'א שפּיל ניט אָף דער בינע — אין לעבן, און דאָס לעבן איז קעסיי־דער אין קאָן. זי שפּילט פאַרן טאַטן די ראָל פון א קראַנקער און אַנטוישטער. עס טאָטשעט זי, הייסט עס, עס וואַרגט זי דער טרויער, די פּוסטקײַט. אַלץ נעמט זיך פון אָלעקסעס טויט. אָלעק־סעס טויט האָט טאַקע אָפּגעטאָן עפּעס מיט איר — געמאַכט זי נאָך מער אַנטשיידן, נאָך מער אָנגעפילט זי מיט סינע. נאָר די קאָפּווייטעקן, די לעבער־שמערצן, די כאַנדרא איז א שפּיל, און די וויזיטן צו די קיִעווער דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן — איז א שפּיל, — סײַ א טערעץ אָף צו זײַן אין קיִעוו, סײַ א מיטל אײַנצושטעלן זייער נייטיקע פאַרבינדונגען.

די שפּיל איז אויך פאַר די דײַטשן. אזוי האָט זי זיך אויסגעדרייט פון פאָן גלייעוויצן, ווען ער איז געוואָרן זייער אָנגרײַפעריש. מיט אַנדערע, וואָס קלעפּן צו איר אפילע אין גאַס, איז פּאָשעטער: „טשעפּעט זיך אָפּ, איך גיי צו א דאָקטער, איר קענט מיך באַגלייטן ביז זײַן טיר", אָדער — „איך גיי פון א דאָקטער". רעפּוע־פּלעשעלעך, רעצעפּטן קילן זיי טייקעף אָפּ. נו, און די, וואָס פּרוּוון נעמען אַרײַנקומען אין שטוב (אין ליובאַטש, געוויינלעך, מע קומט קלויִ־מערשט צום טאַטן), זעען: זי ליגט אָפּט צו בעט, דער קאָפּ איז אַרומגעבונדן, זי איז אָפּאַ־טיש, נאַכלעסיק, ווי א כוילע.

די שפּיל מיטן ליובאַטשער גראַף, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן, ווי א שניי אָפן קאָפּ (א גראַף! דעם אַמאָליקן גראַפס א ליבע־זינד, דאָס איז אַליין פאַר זיך שיין!), דער פלירט מיט פאָן גלייעוויצן האָט אייגנטלעך צונויפגעפירט זי, וואַליען, מיט מאַקאַרן, — ער, מאַקאַר, און זײַנע כאַווײרים, וואָס זי קאָן אויך איצט בלויז צוויי־דריי פון זיי, האָבן דאָס דעמלט געדאַרפט. דערנאָך האָט די נוץ פונעם דאָזיקן פלירט שוין ניט באַרעכטיקט די ריזיקע.

די שפּיל איז ווידער — פאַר מאַריאַנושקען. יאָ, דאָ קומט אויך אויס צו שפּילן. ניט ער־לעך? ניין, מאַריאַנושקע פאַרלירט דערבײַ גאָרניט. אין איר צימערל לעבן לוקיאַנאָווער מאַרק איז ניט ענג פאַר צווייען, און זי האָט אויך ביז דער מילכאָמע דאָרט געוווינט אינצווייען מיט א כאַווערטע. סײַדן דאָס, וואָס זי נעכטיקט אַמאָל ניט אין דער היים — איבער מאַקאַרן. נאָר דאָס איז שוין אזוי זיך — א גוטער, מילדער קאָרבן אירער. מאַריאַנושקע קאָן ניט אַנדערש — אָן א כאַווערטע, אָן פרײַנט. דערבײַ איז איר צוגעבונדנקײַט לאַכלוטן ניט קיין אָנגעבונדנ־קײַט. ניט נאָר זי פרעגט ניט וועגן דעם, וואָס האָט צו איר קיין שײַכעס ניט, — זי באַמערקט דאָס אזויִווי ניט. „אזויִווי" — מעגלעך טאַקע, אז נאָר „אזויִווי", אָבער וואָס קאָן מען פאָ־דערן מער?..

די קלוימערשטיקע קרענק האָט איר געהאָלפן, וואַליען, אויסדרייען זיך פון דער וואַנ־דערנדיקער אַרטיסטן־טרופּע, וואָס זי טאַקע האָט, מיט פאָן גלייעוויצעס הילף, לויט זײַן פּראָ־טעקציע געגומען זאַמלען. איצט האָט דערמיט צו טאָן די מומע, אַנאַסטאַסיא פּעטראָוונא, שוין לויט איר, וואַליעס, אזוי צו זאָגן, פּראָטעקציע, און אַליין איז זי אין א זײַט און טוט זיך אירס. אויסזען זעט דאָס אויס אָט אזוי: זי קומט קיין קיִעוו אָף א היפּשער צײַט זיך היילן, צי סטאַם אָפּוועגדן זיך פונעם היימישן, זי ברענגט א פּאָר שווערע קלומעקעס מיט שפּײַז (פּיאָקלע, די אַלטינקע דינסט, וואָס דער טאַטע האַלט אין שטוב, איינע פון וואַליעס גוטעפרײַנט. — זי איז אפילע מער, ווי א פרײַנט, — פּיאָקלע מוסיעוונע ווייסט, וואָס אַרײַנלייגן אין די קלומעקעס), מאַריאַנושקע מאַכט דערפון גיך א טאָלק אָפן מאַרק, און צו דעם נישטיקן געהאַלט, וואָס מאַריאַנושקע באַקומט אַלס כעזשבנפירערן אין עפּעס א רעמאָנט־קאָנטאָר, קומט אזויאַרום צו דאָס, וואָס לאָזט ניט פאַרקליאַקנעט ווערן, וואָס פאַרהיט אפילע די פאַרב און דעם שמייכל אָף מאַריאַנושקעס פּאָנעם...

וואָס ווייסט מאַריאַנושקע? (וואַליע איז שוין גאַנץ לאַנג געגאַנגען איבער דער זשיטאָמי־רער גאַס, וואָס גיסט זיך אַרײַן, א ברייטע, א שיין־אויסגעבויגענע, מיט די הויכע, פּרעכטיקע מויערן אין דער אַרטיאָם־גאַס, א פאַרבויטער מיט נידעריקערע הײַזער, און וואָס איז מיט די הויפן אירע, פאַרבאַהאַלטענע הינטער אַלטע טויערן און פּלויטן, שוין אייגנטלעך א ראַנד־שטאָטישע. דאָס האַרץ וואַליעס האָט געקלעמט — ניט שטענדיק, ווען זי גייט דורך די דאָזיקע גאַסן, קלעמט עס אזוי שטאַרק, ווי הײַנט, נאָר שטענדיק דערפילט זי דאָ אַן אינערלעכן ציי־

טער, שטענדיק דערמאָנט זיך איר, — זי ווייסט, — וואָס. אַמאָל טוט עס בלויז א שוועב דורך אין די געדאנקען, און אַמאָל, אָט ווי איצט, וואלגערט זיך עס אָן מיט א שווערער שטימונג. גאָר שטארק האָט איר הארץ גענומען קלעמען, ווען זי איז ארויף אַף דער מעלניקאָווער גאס — דער לעצטער, וואָס פירט אהין, צום באבי־יאר... דורך די דאָזיקע דרײַ גאסן, וואָס שאפן איין דורכויסיקע מאגיסטראל, האָבן פאראיאָרן, אין יענעם סאָף־סענטיאבערדיקן טאָג, — ווי עס איז געווען אַף מאָרגן און איבערמאָרגן, האָט זי שוין ניט געזען — געפלייצט און געפלייצט מענטשן מיט פעקלעך און אָן פעקלעך, מיט האנט־טאטשקעס און וויגעלעך, אלט און יונג. זי איז אויך געווען, וואליע, ניט לאנג, עפשער א האלבע שאָ, אין אָט דעם שרעקלעכן, רוישיקן, לעבעדיקן שטראָם, א שטראָם, וואָס האָט דאָרט, אין יאר, זיך אויסגעלאָזט מיט א געדיכטן, אומופהערלעכן שטראָם בלוט, אָן אומופהערלעכן ביז איצט... דעמלט, ווען זי איז אזוי געגאנגען אינעם האמוין, האָט זי געקלערט זען אַלעקסען, וואָס איז ערגעץ געשטאנען אין דער פאָליציייִשער וואך, דערנאָך האָט זי זיך אליין דערשראָקן פאר אָט דעם בילד — זען דעם ברודער מיט א ביקס צווישן אזעלכע... און אַלעקסע, שוין א פארהאסטער פון איר, האָט אזוי זיך אויסגעגלײַכט, אזוי אופגעלויכטן ערגעץ דאָרט, אין יענעם יאר, איינער אליין, א פארלוירענער, א פארצווייפלטער און א גרויזאמער. איז זי ווידער, גאנץ פאָשעט, מיט איר געוויינלעכן גאנג, ווי אלע טאָג, ווי עטלעכע מאָל אין טאָג, ארויף אַף דער מעלניקאָווער, וואָס הייבט זיך אָן לעבן מארק, דערנעענטערט זיך צום הויז, וווּ זי וווינט, אויסגעגלײַכט זיך מיטן אָרט, וואָס מאקאר האָט איר ניט איין מאָל באוויזן, — א פוסט צײַטונג־קיִאָסקל, אנטקעגן א נידעריקן טויער פון עפעס א הויף מיט עטלעכע איינשטאָקיקע הײַזער, — אויסגעגלײַכט זיך מיט דעם אָרט, וווּ מאקאר האָט אין א שנייִיקן אפדערנאכט ארויסגעוואָרפן דורך אָן אָפגעבויגענער גראטע פון א פאָליציייִשן אוטאָבוס זײַן קליינינקן זון אין ווינדעלעך, דעם עלטערן, וואָס איז אים געבליבן פונעם צווילינג, ארויסגעוואָרפן, ווען מע האָט אים, מאקארן, מיטן קינד דאָס דריטע מאָל געפירט צום יאר. איצט שוין, אז ער, דער פארטיזאנער, זאָל זען, ווי מע שיסט דעם דריטן פון דער מישפאָכע, גענקען, נאָך דעם, ווי מע האָט שוין פריִער געשאָסן דאָס ווײַב, פאָלינען, און דעם קלענערן פונעם צווילינג, פאשקען...) — וואָס ווייסט מאריאנושקע? — האָט וואליע זיך געפרעגט, קעדיי אָפוועגדן זיך פון די שווערע דערמאָנונגען און גרויליקע זעונגען, — זי ווייסט, מאריאנושקע, אז וואליע האָט פײַנט דעם טאטן, אז ניט גאָר אָפן, נאָר זי איז צעקריגט מיט אים, — בא מאריאנושקען הייסט דאָס: זי קאָנפליקטירט מיטן טאטן. זי ווייסט אויך, די כאווערטע, אז מאקאר באהאלט זיך אויס, נו, ווי א מענטש, וואָס וויל ניט ארבעטן בא די דײַטשן, וואָס איז געווען אָן אקטיוויסט ביז דער אָקופאציע, צי אָן אָפיצער — אָט דאָס פארפינקטלעכט זי אויך ניט, און אז ער האָט ליב זי, וואליען. נאָך ווייסט מאריאנושקע — מע זוכט א קינד, א ייִנגעלע, אפילע ניט — וועמעס, איינעמס, וואליעס און מאקארס א באקאנטנס, וועלכער באהאלט זיך אויך מיסטאם ערגעץ. ער האָט דאָס קינד ארויסגעוואָרפן אין שניי, ווען מע האָט אים געפירט קיין באבי־יאר. דארף מען זיך פרוּוון דערוויסן, עפשער האָט עס עמעצער געפונען, געראטעוועט, — געקאָנט האָט דאָס טאָן גיכער פון אלץ עמעצער, וואָס וווינט ערגעץ נאָענט, ווײַל ס׳איז שוין געווען די קאָמענדאנטן־שאָ. אָט דאָס איז אלץ, וואָס מאריאנושקע ווייסט, און דעריקער מאכמעס דעם, וואָס זי וווינט דאָ, באם לוקיאנאָווער מארק, נאָך פון ביז דער מילכאָמע, און קען דאָ א סאך מענטשן, האָט וואליע זיך דערמאָנט אין איר, אָפגעזוכט זי און געוואָרן איר קווארטיראנטקע.

לאנג האָט עס געדויערט, כאדאָשים, נאָר מאריאנושקע האָט עפעס א סטעזשקעלע אָנגעטאפט. די הײַנטיקע באגעגעניש, די, וואָס דארף פאָרקומען אין א שאָ־אנדערהאלבן ארום, האָט מאריאנושקע צוגעגרייט...

וואליע איז צוגעקומען צום אלטן נידעריקן טויער, אנטקעגן צעקרימטן קיִאָסק, דורכן שמאָלן אָפענעם טירל א קוק געטאָן אין הויף. דאָס שטיבל, וואָס זי האָט געדארפט, איז געשטאנען לינקס. א פלאכער דאך פון טאָל, ערטערווײַז באוואקסן מיט מאָך. קליינע פענצטערלעך, פארשטעלטע מיט אלאָע. בא איינעם פון די צוויי ארומגעקאלכטע פאָרהײַזער, טאקע דעם, וואָס איז נעענטער צום טויער (אויך מאריאנושקעס א סימען), האָט מיט א לאָפעטע געפאָרעט זיך אָן אלטע פרוי, דורכגעגראָבן א ריוּוטשאק, אַף אָפצופירן דאָס וואסער פון דער קאליוזשע, וואָס האָט זיך אָנגעזאמלט פארן ארײַנגאנג, אין א צווייטער קאליוזשע, א ביסל ווײַטער. דאָס איז זי, די אלטע, צו וועלכער מע וועט קומען — א געוויינלעכע אלטע, דאָס איינציקע — זי טראָגט דראָטענע ברילן אפילע דאָ, אין דרויסן. וואליען האָט זי ניט געזען, קיין קוק ניט געטאָן אפן טויער — איז אוואדע גוט.

אריבערגייענדיק די גאס — צום ציגלנעם צווישטאָקיקן הויז, וווּ מאריאנושקעס צימערל איז, האָט וואליע געטראכט (א ביסעלע זײַנען די געדאנקען צעזייט געוואָרן נאָך דעם, ווי זי

האָט געקוקט אין הויף, אַף דער אַלטער): „באַ שעקספּירן איז דאָ אַזוינס: די וועלט איז אַ בינע, ווו יעדערער האָט זיך זײַן ראָל, מײַנע איז — אַ טרויעריקע״. פֿאַרוואָס זי וואָלט מעגן זאָגן, אַז אַט דאָס דאָזיקע איז אָנגעמאָסטן אויך פֿאַר איר, האָט זי געהאַט אַ סאַך סיבעס, אָבער וויסנדיק דאָס, האָט זי דאָך געטראַכט וועגן איינס: אַנומלטן האָט מאַקאַר, אין דער סאַמע טײַערער מינוט, ווען עס לייזט זיך „יאָ״ אָדער „ניט״, געזאָגט:

— און ווי, אויב עס זאָל זײַן אַ קינד, וואַליע?

זי האָט געשוויגן, נאָר אַט דאָס שווײַגן האָט באַטײַט: „ניין״.

דערנאָך האָט זי דערקלערט:

— שפּעטער, טײַערער, אַמאָל... ווייסט דאָך...

איצט, אין געדאַנק, האָט זי דערקלערט אַט דעם „ווייסט דאָך״ מאַקאַרן, — דעמלט האָט מען וועגן דעם ניט גערעדט, ס׳איז אַזוי אויך קלאָר געווען, און עפּשער האָט זי, וואַליע, ניט פּינטקלעך אַזוינס געהאַט דעמלט אין זינען: „מיר זײַנען מיט דיר אומגליקלעכע מענטשן, מאַקאַר, עס קאָן זײַן — טיף אומגליקלעכע, אָבער מיר זײַנען גליקלעכער פֿון די, וואָס טוען גאָרניט קעגן די פֿאַשיסטן, וואָס לעבן, ווי מוילוואָרפֿן, וואָס טראַכטן, נו טראַכטן טראַכט מען, אַז אַלץ וועט אָפּגעטאָן ווערן אָן זיי, ערגעץ, און אַפֿילו אויב דאָ — איז אָן זיי. איז אָט, מיר, נו, דו פֿאַרשטייסט, האַרציקער...״

ווידער האָט אַ שפּרונג געטאָן דער געדאַנק: „די דײַטשן זײַנען פֿאַרגאַנגען ווײַט, ווען וועט מען זיי צעקלאַפּן? ווען וועט מען זיך אומקערן אַהער? עס וועט זײַן, נאָר — ווען? אָט — אַ קלאַפּ באַ אָרדזשאָניקידזע... נאָר דאָס אויך: אָרדזשאָניקידזע, וולאַדיקאַווקאַז — ווײַ, ווײַ, ווי ווײַט עס איז!״

נאָך: „עפּשער וועט געענקע זיך טאַקע אָפּזוכן? אַך וואָלט דאָס זײַן אַ טרייסט פֿאַר מאַ־קאַרן!״

און באַלד, און אָן שום פֿאַרבינדונג, שטראָפֿנדיק זיך אַזויווי מיט דעם דאָזיקן געדאַנק, וויסנדיק און ניט וויסנדיק — פֿאַרוואָס: „צי וועל איך אַמאָל זײַן פֿאַר מאַקאַרן דאָס, וואָס ס׳איז פֿאַר אים געווען פּאָלינע?״

3 מאַקאַר איז געקומען, ווען וואַליע האָט שוין אין דער אַלגעמיינער קיך, אַף אַ פּרימוס, געקאָכט אַ קוליש און האָט אָקאָרשט פֿאַרענדיקט אָנרײַבן עטלעכע קאַרטאָפֿל אַף צו באַקן לאַטקעס — זי האָט טאַקע אַנטליִען אַ פּאָר לעפֿל מעל. כאָטש קיינער פֿון די שכיינים איז אין קיך ניט געווען, האָט מען גאָרנישט ניט אויסגערעדט איינס צום אַנדערן, כּוץ דעם געוויינלעכן, צוריקגעהאַלטן־צופֿרידענעם: „אָ, ביסט שוין דאָ?״, „יאָ״. זי האָט אים דורכגעפֿירט אין צימערל און ערשט דאָ אַוועקגעלייגט אים די הוילע הענט אַף די נאַסע אַקסל פֿונעם גרויען ציווילן רעגנמאַנטל — איצט איז ער געווען ציוויל געקליידט, צוגעטוליעט זיך צו אים אײַנגאַנצן מיטן קורצן פּאַרטעכל, מיטן ראָזן וואָלענעם קאָפּטל, מיט די כוואַליעדיקע האָר, וואָס פֿאַלן פֿרײַ אַראָפּ ביז די אַקסל, מיט אַ צעפּלאַמטער באַק. זי האָט פֿון אונטן אַרויף געקוקט אים אין די אויגן, געזען — ער איז צערודערט, פֿאַרומערט, כאָטש ער וויל דאָס באַהאַלטן.

— עפּעס איז ניט אַזוי? — האָט זי שטיל אַ שעפּטשע געטאָן.

— ניין, אַלץ איז אָפּגעטאָן, — האָט ער מידלעך געענטפֿערט.

ער האָט גענומען דערציילן און איז געוואָרן אַלץ מער אויפֿגעלעבט.

— אין אָרדענונג. אַ זעקל געלט, קימאַט אַ פֿול זעקל, — מיט איין האַנט האָט ער דערבײַ אַרומגענומען וואַליען, צאַרט געדריקט זי צו זיך, מיט דער צווייטער, דער פֿרײַער, אַראָפּ־געשלעפּט דאָס נאַסע קאַשקעטל, אַוועקגעשמיצט עס אַף אַ בענקל, פֿאַנאַנדערגעשפּיליעט דעם רעגנמאַנטל, צערוקט די פּאָלעס, זי זאָל זיך ניט טוליען צו קיין נאַסן, — אָרטיקע מאַרקעס און עטלעכע פּעקלעך רײַכסמאַרקעס. כעוורע וועט שוין דאָרט איבערציילן. קיין שום טומל, אַלע האָבן געפּאָלגט, געלייגט זיך אַפֿן דיל — די באַזוכער, די קאַסירן. איך האָב געזאָגט, פֿאַר וועמען דאָס געלט איז: „מע צווינגט אײַך צאָלן שטײַערן די פֿאַשיסטן, וועט דאָס געלט אײַערס בעסער העלפֿן אַ סאָף מאַכן צו זיי״. ווי שטענדיק. נאָר הײַנט... כאַ! אַ יונגע קאַ־סירשע, צי אַ כעזשבנפֿירערן... מיר האָבן זיך פֿאַרהאַלטן אַ פּאָר מינוט אין קאָרידאָרל, קלוי־מערשט מיר בינדן טאַקע צו אַ מינע צו דער טיר, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן, און די דאָ־זיקע טוט אַ שפּרונג אַרויס און רוקט איינעם — האָסט אים עפּשער באַמערקט אין קוזאָוו, אַ שוואַרצער, ציגאַנאָק הייסט ער באַ אונדז — זי רוקט אים עטלעכע מאַרקעס און שעפּטשעט:

„נעמט, דאָס זייַנען מייַנע — אייגענע". מיר זאָגן: „גיי אוועק, דייַנע דארפן מיר ניט". און זי: „אַף יענער־זייַט קלייַבט מען דאָך אויך — אַף טאַנקען!" און האָט טאַקע ניט צוגענומען צוריק...

וואליע האָט זיך געכאַפּט: דער קוליש קאָן אויסלויפן, — א דריי זיך געטאָן פון אונטער זייַן קרעפטיקער האַנט. ווען זי האָט זיך ווידער אומגעקערט, איז מאקאר שוין געזעסן אַף א בענקל אינמיטן צימערל, דער רעגנמאַנטל איז געהאנגען אַף א טשוואָק בא דער טיר. געזעסן איז ער, ווי שטענדיק, א שטארק געבויגענער — דאָס בענקל איז צו נידעריק פאר אים. מיט איין האנט, אָן אָנגעשפארטער מיטן עלנבויגן אין דער קני, האָט ער אונטערגעהאַלטן דאָס פארווינטיקטע פּאָנעם, מיט צעשפרייטע פינגער פון דער צווייטער האנט פארקעמט אַף ארוף זייַנע גלייַכע, לאַנגע האָר, ערשט פאראיאָרן נאָך שווארצע, און איצט שוין אוואדע אַף האלב גרויע. וואליע האָט ווידער באמערקט: ער איז פארזאָרגט. ניין, ס'איז ניט קיין מידקייַט, ווי קאָן אזא גוואַר מיד ווערן פאר א האלבן טאָג? — ס'איז ערגערניש, ס'איז זאָרג. זי האָט דאפקע א קלער געטאָן, אז ס'איז עפשער — מאכמעס דעם פאָרשטייענדיקן באזוך צו דער אלטער. נאָר אזא פארדייַגעטקייַט האָט דער גאנג ניט געדארפט ארויסרופן — פאָרט עפּעס א האָפענונג האָט דערוואכט, — איז וואָס זשע פונדעסטוועגן?

וואליע האָט, נאטירלעך, ניט געקאָנט וויסן, אז מאקארן האָט מען שוין געזאָגט וועגן דעם, וואָס עס האָט פאסירט אַף קיִעוו — מאָסקאָווסקי. די שיסערייַ ארום דעם שטיבל באם שווארצן בארג איז פאר אים אויך, ניט ווייניקער, ווי דאָס וואָלט זייַן פאר איר, געווען אן אומדערווארטקייַט. אזוי איז אומעטום, סייַ אין שטאָט, סייַ אין די ארומיקע דערפער, וועלדער — ווייסט גאָרניט פארבייַ וואָס דו גייסט דורך, אַף וואָס דו קאָנסט אָנטרעפן. מ'האָט אים איבערגערעכנט די רעשימע געמאסערטע, און ס'איז קיין צווייפל ניט געבליבן, אז די געסטאפּאָ וועט אויך מיט אלע אנדערע ניט זאמען. אין יענער רעשימע זייַנען אָנגערופן עטלעכע אזעלכע, מיט וועמען ער, מאקאר, און די, וואָס האָבן אים געשיקט אהער פון וואלד, זייַנען פארבונדן געווען. און כוץ דעם האָט מען דאָך אים געוואָרנט, אז די רעשימע איז ניט קיין פולע, ניט אלעמען האָט זיך אייַנגעגעבן פארגעדענקען. אין עפשער דאָרט, צווישן יענע, וואָס מע האָט ניט פארגעדענקט, יערעמיי זארובא, — דאָס וואָלט געווען א גרויסער בראָך, — אנדריי סאנזשארא?.. כאָטש אנדריי קאָן ווייניקער, ווי אנדערע, אריין אין אזא צעטל — דאָרט רעדט זיך וועגן געוועזענע, און ער איז גאָר אן אנדער געוועזענער...

אָט וועגן וואָס מאקאר האָט איצט געטראכט, נאָר באשלאָסן דערווייַל גאָרנישט ניט דערציילן וואליען. זאָל זי דערווייַל זייַן רויִק און גרייטן זיך צו דעם, וואָס האָט זיי דער־ווארט. ער האָט געזאָגט:

— ווייסט, איך מיין, אז מיר וועלן טאָן אנדערש. דו וועסט ניט ארייַנגיין מיט מיר צו דער אלטער. וועסט אין דרויסן, אין גאס מיך א ביסל סטראכירן. זי דארף דיך ביכלאל עפשער ניט זען. זי קען שוין, עמעס, מאריאנושקען, אָבער דאָך...

זי האָט ניט דערווידערט, אין אזעלכע זאכן דערווידערט זי קיינמאָל ניט. אויסגעלאָשן דעם פרימוס — ער האָט געייצעט, זי וועט דערקאָכן שפּעטער, אוועקגעטראָגן דאָס שיסעלע אָנגעריבענעם קארטאָפל אין צימערל, איז מען אוועק.

ער איז פארשוואונדן אין דער אלטערס פּאָרהייַזל. באלד האָט וואליע, וואָס איז געשטאַ־נען באם טויער, געהערט — שווער, מיט א טויבן קלאנג, עפנט זיך די אָנגעבראקנעטע טיר, און פונקט אזוי שווער, מיט א קלאַפּ, פארמאכט זי זיך. ער איז דאָרט געווען לאנג, דאכט זיך, זייער לאנג. וואליע איז געשטאנען לעבן טויער אזוי, אז זי זאָל זען דעם הויף אין זייַן גאנצער טיף, דערנאָך, ווען שטיין לענגער איז שוין געווען ניט באקוועם, איז זי אוועק איבער דער גאס ביזן סאָף פונעם קווארטאל, ווי זי זאָל פּאָשעט שפּאצירן, און, אומקערנדיק זיך, גלייַכגילטיק ארייַנגעקוקט אין הויף דורכן אָפענעם טירל. ווען זי האָט פארקערעוועט דאָס דריטע מאָל פונעם ראָג, האָט זי דערזען מאקארן.

ער איז איר געגאנגען אנטקעגן מיט זייַן שטענדיק ברייטן, שטיפערישן שמייכל, עטוואָס, ווי שטענדיק, געהאָרבעט די הויכע אקסל, א פּאָר מאָל א רייַב געטאָן די דלאָניעס איינע אין דער אנדערער. זי האָט פארשטאנען — ער איז צופרידן, דאָס הארץ האָט זיס א צאַפּל געטאָן.

— גענקע איז דאָ, — האָט ער שטיל געזאָגט, נעמענדיק זי אונטערן אָרעם.

— האָסט אים געזען? — א רעגע — צוויי האָט זי ניט געקענט זיך רירן פון אָרט.

— נארעלע, ווער ווייסט, צי איך וועל אים ביכלאל זען... אָבער ער איז דאָ!

— איך פארשטיי גאָרנישט.

— אין שטוב, אין שטוב, — האָט ער זי בארויִקט, — איך וועל דיר אלץ דערציילן.

אומגעקערט זיך אין מאַריאַנושקעס צימערל — מאַריאַנושקע איז נאָך אין אָט דער שאָ אַף דער אַרבעט — האָט מען ניט דורכן פּאַסאַד — מע איז אוועק ווײַטער מיט אַ קוואַרטאַל, ביזן מאַרק, ערשט דאָרט אַרוף אַף אַ צווייטער, אַ פּאַראַלעלער גאַס, און דורך די געדרייטע הינטערהויפן געקומען אין יענעם, וועלכן מע האָט געדאַרפט.

אין צימערל האָט מאַקאַר דערציילט:

— אַ גוטע אַלטע, בעפּיירעש. אַ פּראָסט, ערלעך פּאָנעם. פול מיט קנייטשן, פּאַרשטייסט, מיסטאָמע געגנוג זיך אָנגעליטן. קורץ — אַלץ איז, ווי מאַריאַנושקע האָט געזאָגט: אַ לערערן, דעם מאַן האָבן דערשאָסן די דעניקינצעס, אַ זון, דער איינציקער, איז אַף דער מילכאָמע. פּאָטאָגראַפיעס הענגען — ביידנס, דעם מאַנס און דעם זונס. און — ווערסט גלייבן — אַן ערן־גראַמאָטע, דעם זונס. „וואָס האָב איך מוירע צו האָבן?" מיילע, מוירע האָבן מעג יעדערער, און — מע מעג אַפּילע אַ קלערער טאָן — פּאַרוואָס? נאָר אָט דאָס, וואָס איך האָב גלײַך דערזען, ווען איך בין אַרײַנגעקומען, נו, וואַליע... דו וואָלסט עס אַוואַדע אַזוי אויך פּאַרשטאַנען, ווי איך. אַ טויב. אַף איין פוס. אַ ברוינער טורמאַן מיט ווײַסע שפּרענקעלעך. איך פּלעג אַמאָל כאַלעשן נאָך אַזאַ, איך האָב געקענט אַרופּקריכן אַפן סאַמע העכסטן קאַרניז פון אונדזער ליובאַטשער מיל, פון יענער זײַט, ווו דער טײַך און די פעלדזן זײַנען, אַבי אַ קוק טאָן פונדערנאָענט אַף אַזאַ טויב, רופן „הול, הול", פּרווון פאַרנאַרן זי אין אַ נעצל פון צונויפגעדרייטע פערדישע האָר... אַ טורמאַן, אַף איין פוס. און אַ פליגל הענגט אַ ביסל אַראָפּ — צעשעדיקט. ער שטייט, דער טורמאַן, אַפן ווענטל פונעם בעט — פאַרגעסן, מיין איך, צונעמען אים, ווען איך האָב אָנגעקלאַפּט. איך האָב זיך פאַרכידעשט און גלײַך פון דער שוועל, גלייבסטו מיר, געזאָגט: „איר האָט קיין מוירע ניט?" און זי: „דאָס מיידל האָט מיר גוט אויסגעמאָלט, וויאַזוי איר זעט אויס, און אײַך איז, אַגעוו, לײַכט אויסצומאָלן, האָב איך אײַך דערזען דורכן פענצטער — וואָס זשע איז די מוירע? און אַ פּאָליצײַ האָט שוין אויך געזען די טויב — גאָרניט. אַ קאַליקע, פליִען קאָן ער בלויז איבער דער שטוב, טראָגן אַ בריוול איז שוין ניט פאַר אים. איך האָב אים גענומען אָן אונטערגעשאָסענעם אין מאַרק, אָטכײַעט, און אויב באַ עמעצן וועט זיך אָפּזוכן אַ „זי", וועלן נאָך דער מילכאָמע ווידער זײַן טויבן אין קיִעוו"... און זי לאַכט, ווישט מיט די פינגער די ברילן און לאַכט — דאָס באַטראַכט זי מיך... האָב איך אָנגעהויבן, גלייבסט, פונעם איקער. פאַרגעסן אין אַלץ, וואָס מיר האָבן מיט דיר און מיט מאַריאַנושקען צוגעטראַכט — איך דאַרף ניט קיין קוואַרטיר ניט פאַר זיך, ניט פאַר אַ פּרײַנט, וואָס וועט קומען, איך בין — נו, געזאָגט — פון וואַלד, און איך וועל אוועק צוריק אין וואַלד, — געזאָגט ווי מיטן קאָפּ אין וואַסער אַרײַן, — און זוכן זוך איך מײַן זון, איך האָב אים דאָ פאַראַיאָרן, דעם נײַן און צוואַנציקסטן נאָיאַבער, אַרויסגעוואָרפן פון אַן אויטאָבוס, פונעם „שוואַרצן קראָ", באַ אַ זײַט פון שליאַך, ווען מע האָט אונדז ביידן געפירט אין יאַר, קעדיי אים אומברענגען, און מיך, דעם טאַטן, ערשט נעמען אַף אַן אַנדער מין אויפן מוטשען. דערנאָך בין איך געלאָפן פון סאַמע יאַר, טאַקע ווען די דײַטשן האָבן גענומען זוכן גענקען אין אויטאָבוס. מיט איין וואָרט, אַלץ האָב איך דערציילט, זי דאַרף דאָך מיר גלייבן. — איך בין אַנטלאָפן, אָבער — וואָס איז געוואָרן מיט גענקען? איז אָט, הייסט עס, גוטע מענטשן האַלטן, אַז זי ווייסט עפּעס וועגן קינד... איך קוק אַף איר, איך קוק, און זי קוקט אַף מיר דורך די ברילן — ערנסט אַזוי, אַפּילע אָן מיטלײַד, נאָר עפּעס איז עס מער, איך זע, זי טוט קיין פּינטל ניט און קיין איין קנייטשעלע גלײַכט זיך ניט אויס און ווערט ניט טיפער אַף איר פּאָנעם. זאָג איך ווײַטער: איך ווייס ניט, ווי מע רופט דאָס יינגעלע איצט, אויב עס לעבט, נאָר הייסן הייסט עס גענקע, גענאַדי. בעסער וואָלט מען טאַקע גערופן גענקע, כאָטש דאָס איז שוין, ווי מע וויל, אָבער דער פאָטערנאָמען פונעם קינד איז מאַקאַראָוויטש, אַזוי דאַרף בלײַבן, און די פאַמיליע איז ליאַליעטשקאָ. געבוירן דעם אַכצעטן אויגוסט פאַראַיאָרן און פאַרעגיסטרירט נאָך אין אונדזער זאַגס. אַ ביסל ענלעך אַף מיר, מע קאָן עס באַמערקן. און דאָס איז גאָר. איך וועל, זאָג איך, מער ניט קומען אַהער, ביז מע וועט ניט מעגן קומען, אויב איך וועל, געווײנלעך, ביכלאַל גאַנץ זײַן צו יענער צײַט, נאָר עמעצער, אַמאָל איינער, אַמאָל אַן אַנדערער, וועט ברענגען עפּעס־וואָס פאַרן קינד און פאַר דער, וואָס כאָוועט עס... — זי שווײַגט, שווײַגט און שאָקלט מיטן קאָפּ, און דאָס קומט אויס אַזוי, ווי זי זאָל מיך פאָשעט באַדויערן, און ווי זי זאָל עפּעס זאָגן „ניין", און ווי זי זאָל דאָך זאָגן „יאָ"... אוועקגייענדיק, האָב איך סטאַם אַזוי אַ פרעג געטאָן: „און ווו פלעגט שלאָפן די קוואַרטיראַנטקע אײַערע, די קרומע נייטערן?" און זי — אַ ווײַז מיט דער האַנט אַף אַ קאַנאַפּקעלע באַ דער הרובע: „אָט דאָ, ווו נאָך וואָלט זי געקאָנט שלאָפן, דאָס צימער איז דאָך איינס?" קלאָר? נו, איז ער דאָ, גענקע? ערגעץ איז ער דאָ — ווײַט מיסטאָמע, נאָר ער איז דאָ!

וואַליע האָט געהערט, שטייענדיק לעבן מאַקאַרן. ער איז געזעסן אַפּן זעלבן שטול אינ־מיטן צימערל, פּונקט אַזוי געבויגן, ווי פֿאַר דעם, איידער מע איז אַוועק צו דער אַלטער. אַ שויבער געטאָן זײַנע האָר, האָט וואַליע פֿאַר דער קין עטוואָס מער אונטערגעהויבן זײַן קאָפּ, לאַנג און צאַרט געקוקט אין די געלבלעך־קאַרע אויגן.

— ווילסט שוין וואודעס עסן? — האָט זי געפֿרעגט. — איך דאַרף זיך נאָך אַ ביסל פֿאַרען אין קיך. ווי געוויינלעך אַקטיוויסטקעס, פֿאַרשפּעטיק איך מיטן וואַרמעס.

ער האָט געשמייכלט. נאָר אויף זײַן פּנים האָט דורכגעשוועבט אַ שאָטנדל, יענץ, דאָס פֿאַרדײַגעטע, וואָס זי האָט עס שוין געקענט.

— מעגסט זיך פֿאַרען. ווי געוויינלעך אַקטיוויסטן, האָב איך נאָך אַ גאַנג. איך מוז צולויפֿן צום גאַלעך.

4 דאָס איז ניט געווען קיין קאָנספּיראַטיווער נאָמען. טאַקע אַ גאַלעך, גלאַגאָלעווס־סקי. פֿונעם לוקיאַנאָווער מאַרק, דורך דער געדרייטער באַרג־אַראָפּיקער גלובאַ־טשיצע, קומט מען אין צען מינוט אַרום אויף אַ צווייטן מאַרק, שוין אויף פּאָדאָל, דעם זשיטני, און דאָ איז אין אַ זײַט, רעכטס, פֿאַראַן זייער אַ שטילע, און זומער — זייער אַ גרינע גאַס באַריטשעוו טאַק, וואָס שפּאַרט זיך אָן אין אַ באַרג, אייגנטלעך, אינעם וולאַדימירער בערגל, וואָס קוקט שוין מיטן צווייטן שיפּוע זײַנעם אויף קרעשטשאַטיק. אויף באַריטשעוו טאַק, קימאַט באַם אָנהייב פֿונעם באַרג, האָט עס געוווינט גלאַגאָלעווסקי. מיט וועלכע נעשאָמע־דראָכים ער, דער כימיקער, איז געקומען צו דעם, וואָס ער איז געוואָרן אַ גאַלעך, איז מיסטאַמע ניט לײַכט געווען צו דערגיין, און עפּשער איז דאָס גאַנץ פּאָשעט — ער האָט געשטאַמט פֿון גאַלאָכים, אײַנגעזאַפּט אין זיך דאָס קלויסטערדיקע מער איידער דאָס ערדישע. נאָר ווי־אַזוי ער האָט געגומען מיטהעלפֿן דער אונטערערד איז שוין ניט אַזוי שווער געווען צו דערגיין, ניט אַזוי שווער — ווידער טאַקע — פֿון אויסערלעכן שטאַנדפּונקט, ווײַל אין זיך האָט ער געמוזט בײַקומען די אײַנגעוואָרצלטע אײַנשטעלונג — „ניט קעגנשטעלן זיך דעם בייז, יעדע צאָרע איז פֿון גאָט געשיקט“.

דאָס פּאָשעטע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ווויצער קאַזימיראַוויטש, גלאַגאָלעווסקיס געוועזענער אוניווערסיטעט־כאַווער, אַ לערער פֿון כימיע אין ליובאַטש, סטעפּקעס טאַטע, האָט אָלגען, ווען זי איז געגאַנגען מיט נאַטאַשען און מיט אַרטעם דאַרוגען פֿון דער גרענעץ און אָפּגעשטעלט זיך אויף עטלעכע טעג אין ליובאַטש, געגעבן גלאַגאָלעווסקיס קיִעווער אַדרעס, ווײַל דאָרטן האָבן זיך אָפּגעהאַלטן אַ צײַט סטעפּקע מיט איר מאַן, אַבע ניבאַרסקי, מיט זייער קליין קינד, אַליקן — אַבע איז ניט ווײַט פֿון קיִעוו פֿאַרוווּנדעט געוואָרן. פֿאַרוואָס אָלגע האָט אַזוי געדאַרפֿט זען סטעפּקען — איז אַ צווייטע זאַך. סטעפּקע האָט, זײַענדיק אין ליו־באַטש, געזען דאַנילען, ער איז געקומען פֿאַרנעמען די מאַמע, דעם פֿעטער און אַ פּאַראַלי־זירטע מומע, נאָר די אַלטע לײַט האָבן זיך ניט געקאָנט לאָזן אין וועג מיט דער שווער־קראַנקער.

אָט אַזוי, פֿון גאָר־גאָר זײַטיקן און צופֿעליקן, האָט אַלץ זיך אָנגעהויבן. אָלגע האָט זיך דערקליבן צו די גלאַגאָלעווסקיס, ווען די דײַטשן זײַנען שוין געווען אין קיִעוו, אַרטעם האָט געוווּסט פֿון דעם אַדרעס אירן, און ווויצער קאַזימיראַוויטש איז פֿאַרבונדן געווען מיט מאַקאַר ליאַליעטשקאָ, מיט וועמען אַרטעם האָט אין ליובאַטש, טאַקע מיט דער הילף פֿונעם אַלטן לערער, זיך באַקאַנט. באַקאַנט זיך און שוין געגאַנגען קיין קיִעוו ניט גאָר אַזוי, ווי אַנדערע, וואָס האָבן זיך געריסן פֿון אַרומרינגלונג. אַרטעם האָט וועגן גאַלעך געזאָגט אַפּאַנאַסי טיר־מאַשטשוקן, זײַנען שוין צוויי געהיימע שטעגעלעך זיך צונויפֿגעקומען אויף באַריטשעוו טאַק, בײַ די גלאַגאָלעווסקיס, — פֿון ליובאַטש און פֿון קיִעוו — מאַסקאָווסקי. און וואָס שײַך האָרץ, געוויסן, איז גלאַגאָלעווסקי מאַכמעס זײַן טיפֿער אָרנטלעכקייט און גוטסקייט בּיכלאַל געווען אַזאַ, וואָס קעגן בייז איז ער געגאַנגען מיט עמעסן קידעש־האַשעם: פֿון באַבי־יאַר האָט ער אין יענע געפֿערלעכסטע טעג געראַטעוועט ניט בלויז סטעפּקען מיטן, ס'קאָן הייסן, ייִדישן קינד, ניט בלויז אָלגען, נאָר נאָך עמעצן, און אַזוי, אַז די נאָענטסטע פֿרײַנט האָבן פֿון אָט דער געהיימניס ניט געוווּסט, — פֿרײַנט, וואָס האָבן געהאַט אַ שײַכעס צו אַנדערע געהיימ־ניסן, צו פֿאַרבאָרגענעם און אָקשאָנעסדיקן קאַמף.

דאָס איז פֿאָרגעקומען נאָך אינדערפֿרי. גלאַגאָלעווסקי אין אַ לאַנגער שוואַרצער ריאַ־סע, מיט אַן אָנגעוואָרפֿענער אויף די אַקסל, קעדיי שיצן זיך פֿון רעגן, פֿאַרוסיגענער גרוי־אויסגעבליאַקעוועטער פּעלערינע, אין אַ קאַפּיושאָן (פֿון צווישן די ניט שטילנע צונויפֿגע־

טוליעטע פאַלעס האָט זיך ארויסגעזען א גרויסער ציילעם, דער קאַפּיושאָן איז אָנגעטאָן געוועזן איבערן הויכן גאַלאָכישן היטל, אויך מיט א ציילעמל פון פאָרנט), איז קלאַפּנדיק מיט די גרויסלעכע און היפּש צעקרימטע שטיוול, געגאַנגען איבער די טרעפּ אראָפּ פון דריטן שטאָק, ווו זײַן דירע איז, און פּלוצעם שטיין געבליבן אָן אָנגעשפּיצט־פּאַרלוירענער און איבעראַשטער. אנטקעגן האָט, האַלטנדיק זיך מיט איין האַנט פאַר דער אויסגעריבענער סוקעוואַטער פאַרענטשע, זיך אופגעהויבן עפּעס א מענטש אין א פּידזשאַק פון ברוינעם סוויטקע־שטאָף, מיט קווער געשניטענע קעשענעס באַ די זײַטן, אין בלאָווע גאַליפּע. דער גאַלעך האָט באַמערקט, אַז דער מענטש איז א גאַנץ הויכער, א פּלייציקער, לויט די באַוועגונגען, לויטן גאַנג איז געוועזן צו זען, אַז דאָס איז א מאַנצבל אין די מיטעלע יאָרן. שטיין געבליבן אָן אָנגעשפּיצט־פּאַרלוירענער, באַלד שוין לאַכלוטן אָן איבעראַשטער, האָט דער גאַלעך מיט די קורצזיכטיק־צונויפגעזשמורעטע אויגן זיך אײַנגעקוקט אין דעם דאָזיקן מענטשן: שוואַרצע, קורץ־געשוירענע, געדיכטע האָר, אין וועלכע עס וואַרפן זיך דורך קופּקעלעכווײַז גרויע, א הויכער שטערן מיט בײַלן איבער די פּאַרדײַגעט־געבראָכענע ברעמען, א קירפּאַטע נאָז, שטאַרק פאַרוואַקסענע באַקן, און דאָס באַטאָנט די סאַמע ברוינקײַט פון דער הויט... אַלץ איז אַנדערש און אַלץ איז פּאָרט באַקאַנט!

— סוויאַט, סוויאַט! — האָט שטיל אויסגערופן דער גאַלעך און א ריר געטאָן דעם ציילעם אָף דער ברוסט. — איר? — דעם נאָמען האָט ער אַזוי אײַנגעשלונגען. — מאַטווייעוויטש?

— איך, — האָט גאָר שטיל, בלויז מיטן אָטעם געזאָגט דער אינעם פּידזשאַק, און אויסגעגלײַכט זיך מיטן גאַלעך.



א רעגע האָט מען געשוויגן. באַלד האָט גלאַגאָלעווסקי, אויך אַזוי שווײַגנדיק, גענומען צוריק אופהייבן זיך איבער די טרעפּ. דער, וועמען ער האָט אָנגערופן „מאַטווייעוויטש”, איז נאָכגעגאַנגען.

ווען די שווערע טיר פון גלאַגאָלעווסקיס דירע האָט הינטער ביידן זיך פאַרמאַכט און מע איז שטיין געבליבן אין האַלב־פינצטערן קאָרידאָרל, האָט דער באַלעבאָס געזאָגט:

— אַבע מאַטווייעוויטש, דאָס זײַט איר דאָך, איאָ?

— איך, איך, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש.

— נאָר — ווי?אַזוי, פּונוואַנען? מאַמעש עס ווילט זיך א טאַפּ טאָן, צי זײַט איר טאַקע לעבעדיק.

— הם, — דער גאַסט האָט טרויעריק א שמוך געטאָן, — לעבעדיק. טכ?עס־האַמייסים שטייען אוף בלויז לעבעדיקע.

— טאַטיאַנאַ, טאַטיאַנאַ! טאַטושקאַ! — האָט געררופן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, צונעמענדיק דעם גאַסטס אויסגעטאָנענעם שווערן פּידזשאַק. — זע נאָר!..

די גאַלעכטע איז שוין געשטאַנען באַ דער אָפֿענער טיר, וואָס פֿירט אין עסצימער, געשטאַנען היימיש, ניט קיין צוגעקעמטע, אין אַ כאַלאַט, געהויקערט אַ ביסעלע די רונדע אַקסל — פֿון פֿאַרלוירנקייט, פֿונעם געדאַנק, אַז אַ נײַער אָל לייגט זיך אַף איר, און פֿון דער גרייטקייט צו נעמען אים. די קאָסענדיקע אויגן אירע, אין וועלכע עס האָט זיך צעשײַנט פֿרייד, האָבן דאָס באַשטעטיקט.

— ניבאָרסקי... סטעפּקע, סטעפּאַניאַ וויִצעכאָוונאַ ווייסט שוין? זי האָט אײַך שוין געזען?

ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין צימער, געזעצט זיך אַף דעם, וואָס איז געווען אַמנאָענטסטן צו דער טיר, — אַפֿן דיוואַן, געזעצט זיך דאָ, כאָטש טאַטיאַנאַ אוודייעוונאַ האָט אַזוי אַ פֿיר געטאָן מיט די גאַסטפֿרײַנטלעך פֿאַנאַנדערגענומענע הענט, ווי זי זאָל אים אײַנלאַדן זעצן זיך אַף אַ בענקל באַם טיש, אַ פּירעקיקן, אַ פֿאַרשפּרייטן מיט אַן אַלטער צעראַטע. אוועקגעלייגט די האַנט אַף דער קאַטשעלקע פֿונעם דיוואַן, דערפֿילט די היימישע קעלט פֿונעם דערמאַנטין, האָט אָבער, נאָך ניט האָבנדיק געענטפֿערט אַף דער באַלעבאָסטעס פֿראַגע, אַף איר צעשײַנט־וואַרטנדיקן בליק, און אַף דעם פֿאָטער אַלעקסייס טרויעריקלעך־אָנגעשפּיצטן בליק, געטראַכט: „דער דיוואַן איז דעמלט געשטאַנען אין יענעם צימער, דעם זײַטיקן, פֿאַר דער קיך. איך און סטעפּקע זײַנען אַף אים געשלאָפֿן, אַליק — אַף צוויי צוגעשטעלטע בענקלעך". און נאָך האָט ווייטעקדיק זיך דורכגעטראָגן אין קאָפּ: „סטעפּקע, סטעפּאַניאַ וויִצעכאָוונאַ... סטעפּקע — דאָס האָב איך שוין געהערט די טעג, דער טאַטע אירער האָט זי אַזוי געררופן, סטעפּאַניאַ וויִצעכאָוונאַ — קיינער ניט. לאַנג האָט אָט דער נאָמען אין מײַנע אויערן ניט געקלונגען: ניט איך האָב אים געקענט אַרויסברענגען — פֿאַר וועמען? — ניט קיינער, ווײַל ווער האָט דאָרט, ווו איך בין געווען, געוווּסט פֿון סטעפּקען?.."

ער האָט נאָך דער פּויזע, וואָס האָט זיך אַ ביסל פֿאַרצויגן, געענטפֿערט:

— ניין, סטעפּקע ווייסט ניט, נאַטירלעך. איך וועל זי, נאַטירלעך, זען. וויִצעך קאַזימיראָוויטש — ווייסט, איך בין ערשט ניט לאַנג געווען באַ אים. ער האָט געבעטן איבערגעבן אײַך, ווען איך האָב זיך אוועקגעלאָזט אַהער: האַיאָר איז ער גוט באַזאָרגט אַף ווינטער, ער האָט פֿאַרגרייט ברעזעווע האָלץ.

דאָס איז געווען אַ פּאַראָל. סײַ דער גאַלעך, סײַ די גאַלעכטע האָט אַ פֿאַרוווּנדערט, אַ דערפֿרייט, אַ אַזוי ווי דערשראָקן, וואָס ער האָט אים אַרויסגעבראַכט. זיי האָבן זיך אָבער בלויז איבערגעבליקט, און אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט, טוענדיק אַ קעם מיט די פֿינגער דאָס שיטערע קאַשטאַנאָווע בערדל, גאַנץ לעבעדיק געזאָגט:

— יאָ? גוט, גוט, פֿאַראַיאָרן האָט ער געהאַט ווילשענע און שטאַרק זיך אָנגעמוטשעט! „ווילשענע" — דאָס איז געווען דער ענטפֿער. איצט האָט אָבער ניט געוווּסט וואָס צו טאָן: באַלד פֿרעגן וועגן דעם, וואָס ער האָט געדאַרפֿט, צי שפּעטער?

פֿון דער פֿאַרלעגנהייט האָט אים אַרויסגעפֿירט טאַטיאַנאַ אוודייעוונאַ:

— איז דערציילט, דערציילט, וואָס איז געווען מיט אײַך, אַבאַ מאַטווייעוויטש, צי... וויאַזוי דאַרף מען אײַך רופֿן?

ער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אַ קליינינקע ענדערונג — אַרכיפּ מאַטווייעוויטש, און דאָס ווײַטערדיקע — פּאָשעט באָרסקי. איך דאַרף דאָ שליסן אַ קאָנטראַקט אַף צושטעלן געזײַערטע קרויט און עפּלקוואַס פֿון ליובאַטש.

— אַזוי, אַזוי... איר זײַט דעמלט אַפּדערנאַכט אַרויס אין גאַס, צוויי טעג ביזן באַפֿעל, געדענקט זיך... — טאַטיאַנאַ אוודייעוונאַ האָט איבערגעפֿירט איר קאָסן בליק אַפֿן מאַן, — אַלעקסיי, דאַרפֿסט גיין!

— באַלד, באַלד, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש זיך געבעטן; און צום גאַסט, — איך גיי דינען, נאָר איך קאָן דאָ נאָך זײַן אַ פּאָר מינוט. איין וואָרט, טײַערער, איר זײַט געווען אין יאַר, צי איר זײַט געלאָפֿן ביז דעם אַלעמען?

ניבאָרסקי האָט געטראַכט: „די זעלבע באַנק שטייט דאָ, באַם אַרײַנגאַנג אין הויז. אַף איר האָב איך זיך דעמלט צוגעזעצט אַ צעקאָכטער, אַ בלינדער מאַמעש פֿאַר ווייטעק. דער דײַטשישער פּאַטרול איז דורכגעגאַנגען, צי בעקיוון זייער שטיל, צי איך בין פּאָשעט ניט אימשטאַנד געווען עפּעס הערן. מע האָט מיך אַ טאָרע געטאָן פֿאַר אַן אַקסל, איינער פֿון די צוויי דײַטשן... די זעלבע באַנק שטייט דאָרט — צוויי סטויפּטשיקלעך, אַ ברעט, שוין דעמלט אויך אַ צעשפּאָלטענע אין דער לענג, ליימענע באַבקעס, צעווייקטע פֿון רעגן, ליגן אַף איר, — אַ קינד האָט זיך געשפּילט... יאָ, און איך האָב דעמלט פֿאַרנאַכט אַ זעץ געטאָן מיט

דער טיר און בין ארויס פון שטוב, ווײַל סטעפקע האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, שטאַרק איבערגעכאַפּט. וואָס איז עס פאָרט געווען — סינע, געוויינלעכע סינע, וואָס האָט ערגעץ אין אונטערבאַוווסטזײַן, צי סטאַם פארבאָרגן געלעבט אין איר, צי פארצווייפלונג, פארביטערטקייט, אזוינס, ווען מע וויל זיך אליין צעדראפּען דאָס פּאָנעם? נו, וויפל קאָן מען — א יאָר, מער ווי א יאָר, אז איך טײַנע צו זיך: פארצווייפלונג, פארביטערטקייט, הוילע נערוון...

— אבי מע זאָגט — איר זײַט גוטע מענער, — און באלד, נאָך אָט דעם גאַליק־אונטערגעשטראָכענעם, שוידערלעכן איר: — איר מישט זיך, וווּהין מע דאַרף ניט! די גלאַגאָלעווסקיס האָבן געהערט — אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש און טאטיאנא אוודייעוונא, אפילע קאַליע, דער זון זייערער — די טיר פון צווייטן צימער איז אָפן געווען, אליק האָט זי געעפנט, דערשראָקן זיך פאר דער מאמעס און דעם טאטנס קריג, געוווּסט שוין, אז בא אן אָפענער טיר קריגט מען זיך ניט... און אין וואָס האָב איך זיך עס געמישט? איך האָב הינטער גלעוואכע, ניט ווײַט פון קיִעוו, געלאָזט זיך מיט נאָך עטלעכע אנדערע לויפן אין וואלד ארײַן, פונוואנען עס האָבן געשאָסן דײַטשישע פאראשוטיסטן. איז וויאזוי זשע אנדערש האָב איך געקאָנט טאָן? און זיי האָבן דאָך באשאָסן די וועגענער, אף וועלכע די עוואקויִרטע זײַנען געפאָרן און אף וועלכע מע האָט געפירט פארוווּנדעטע שלאכטלײַט. אָט דעמלט האָט א שפּליטער פון א דײַטשישער גראנאטע מיר דורכגעהאקט די לונג און מיר האָבן זיך איבער דעם פארהאלטן אין קיִעוו, ביז די דײַטשן זײַנען געקומען... נאָר ווידער האָב איך דאָך טאקע געבעטן זי, סטעפקען, גלײַך ווי מע האָט מיך געבראכט אין שפּיטאָל: פאָר אוועק, פאָר מיט אליקן ווײַטער. און וואָס איך, א פליִער, בין אוועק קיין שפּאניע און אומגעקערט זיך מיט א שפּליטער אין כוטהאשעדרע, האָט זי מיר דען ניט אויסגעוואָרפן? איר, דען נאָר — איר? ניין, דאָס איז עס, זי פארלירט די מאכט איבער זיך, סטעפקע, און ביכלאל איז זי א ווילע, א געטרײַע, א הארציקע... עפּשער טראכט איך אזוי, ווײַל איך האָב זיך אויסגעבענקט נאָך איר, און עפּשער האָב איך דאָס פריִער ניט אלעמאָל געדענקט, געזען?"

— יאָ, אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש, איך בין געווען אין יאר. צוויי טעג געארבעט דאָ, אף פּאָדאָל, דערנאָך — דאָס, וואָס מיט אלעמען. מע האָט אונדז אויך אוועקגעטריבן.

— און מיר האָבן אײַך אזוי געזוכט, איך און די מאטושקע, אומעטום, אומעטום. איך האָב געמיינט, עס וועט קאָנען העלפן, אויב איך וועל אָרעוו זײַן פאר אײַך. געמיינט. דעמלט האָט מען נאָך געקאָנט מיינען. און סטעפקע, סטעפאניע, ס'איז שרעקלעך געווען צו קוקן אף איר, גאָט באהיט, וויפל און ווו זי איז אומגעלאָפן!

— אומגעלאָפן... איר זײַט מיסטאמע געווען אין אנדערע ערטער, ניט אָנגעטראָפן אף מיר, און סטעפקען האָב איך געזען, נאָר זיך ניט וויסנדיק געמאכט. בעסער, וואָס זי האָט מיך אין אזא צושטאנד ניט געזען. און געהאָלפן וואָלט עס סײַוויסײַ ניט, איך האָב שוין דעמלט פארשטאנען. נאָר דאָס, וואָס איך האָב זי געזען, ווי זי האָט געצאפּלט פאר די פּאָליצײַען, פאר די דײַטשן... עפּשער ניט גוט — נאָר עפּעס א טרייסט איז עס געווען פאר מיר, און — אוואדע ניט גוט — עס האָט זיך מיר געקילט דאָס הארץ: אהא, איצט זוכסטו מיך, איצט דארפסטו מיך, איצט איז צו דיר עפּעס דערגאנגען!

— זײַט איר געווען אין יאר, און... — טאטיאנא אוודייעוונא האָט ווידער א קוק געטאָן אפן מאן.

— געווען אין יאר מיט אלעמען, נאָר א שפּרונג געטאָן האָב איך פונעם אָפּהאנג אליין און אָנגעטראָפן אף א בוים, פארטשעפּעט זיך אין די צווײַגן, מיסטאמע צוויי טעג געהאנגען דאָרט, דערנאָך — אוועק...

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש:

— א נעס, א נעס!

— א נעס... אלץ וועל איך ניט דערציילן. מיילע, נו... א נעס און ניט קיין נעס. וואָס איז דער נעס, אז כ'האָב אויסגעריסן אן אווטאָמאט בא א דײַטש — געטאָן דאָס, וואָס עס האָט זיך געלאָזט טאָן? האָבן אייניקע פון די, וואָס זײַנען דערנאָך געלעגן טויטע, צונויפגעדרייטע אין יאר, מיט עטלעכע מינוט פאר דעם, ווי מע האָט זיי אומגעבראכט, געזען אויך, ווי עס לויפן און ווי עס פאלן טויט פאשיסטן. און ביז מיר האָט איינער, טאקע א פּאָדאָלער פאַריקמאכער, עפּשער האָבן זיי אים ווען געזען, די גלאַגאָלעווסקיס, מיט א בריטווע איבערגעשניטן א פּאָליצײַ דעם גאָרגל, און איינער — יענער יונגינקער פּאָליצײַ, נו, עמעס, עמעס, — האָט אויסגעשאָסן ניט אינעם פאריקמאכער, ווי מע האָט געהייסן, נאָר אין די מערדער... נאָר דאָס, וואָס כ'האָב געזען פון יענעם אלטן אָסאָקאָר... א געהענעם, א געהענעם, וואָס וועט שטענדיק ברענען אין הארצן. הם, א פליִער, איך בין געוווינט אלץ זען פון אויבן, פון

דער הייך, און דאָס מאָל אויך אַזוי — פון דער הייך... דערנאָך איז געווען אַ קעלער, גוטע מענטשן, דערנאָך — אַ יאַזדע פון שטאָט אַף אַ וואָגן, אין אַ לענגלעך שאַפּקעלע, אַ פאַרדעקטס מיט גוט אײַנגעקרעמפּעוועטע בענקלעך. אַ טיש, אַ בעט... דערנאָך...

ווידער אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש:

— איר וועט שוין, טײַערער, דערציילן, וואָס איר קאָנט דערציילן, און איך מוז אַוועק. איך מוז. מאַטושקע, וועסט אים דאָ אָנהאָדעווען, דעם גאַסט. איר בלײַבט דאָך?

„דערציילן, וואָס איר קאָנט... מע וועט פרעגן אַף אַליקן... אָט־אָ, אַף דער טיר, דער דאָזיקער, דער ווײַסער — סימאָנים פון אַ בלײַער, עטלעכע אײַליקע, קרומע ליניעס, קימאַט אַ געשלאָסן רייפעלע... דאָס האָט אַליק געהאַט געפּאַקט ערגעץ אַן אָפּשניצל און איך האָב עס בײַ אים קוים צוגענומען. סטעפּקע האָט מיך דעמלט אויך אַ הריזע געטאָן, געמיינט, פאַרשטייט זיך, עפּעס מער: מיט אַזאַ קאַס כאַפּט מען עס אָן אַ קינדעריש הענטל? דאָס קינד איז שולדיק, וואָס עס איז אינדערפרעמד?.. אינדערפרעמד... ווו אַליק איז, האָט וויִצעך קאַזימיראָוויטש מיר אַזוי טאַקע ניט געזאָגט. סטעפּקע ווייסט אויך ניט, — האָט ער זיך פאַרענטפערט, — ווייסט בעסער ניט, מאַלע וואָס — אַלטע קאָנען בעסער שווײַגן. נו, שווײַגן וועגן אַליקן — דאָס איז אַפילע קיין מאָס ניט. שווײַגן קומט אויס וועגן אַ סאַך. אָט — פונוואַנען און פון ווען איך בין געקומען צו וויִצעך קאַזימיראָוויטשן, און פאַרוואָס בין איך ביז דעם אין מעשעך פון אַריבער אַ יאָר ניט געקומען? געווען אַ קליינינקער וואַלד־אָטריאַד הינטער טשערקאַס, און איך בין געבליבן אײנער — אַוועק אויספּילן אַ שליכעס, און ווען כ׳האָב זיך אומגעקערט, איז שוין קיינער ניט געווען. ווידער נאַווענאַד, נאָר שוין טאַקע גאָר נאַווענאַד. אַרום און אַרום — זאַסטאַוועס. אָט דעמלט איז עס שוין געווען דער אייניציקער אויסוועג — אַוועק קיין ליובאַטש, צו וויִצעך קאַזימיראָוויטשן. ער האָט אין איין־און־פאַרציקסטן, בײַס איך, סטעפּקע און אַליק זײַנען, פאָרנדיק פון הינטער דער גרענעץ, אַף נײַן טעג געבליבן שטעקן אין ליובאַטש — אַליק האָט געמאָזלט, און ס׳האָט זיך געדאַכט: אַ שטיקל גליק צום אומגליק, דער עשעלאָן דערנעענטערט זיך צו ליובאַטש, — איז אָט דעמלט, ווען די נײַן טעג זײַנען פאַרבײַ און מע האָט שוין געקאָנט און געדאַרפט פאָרן ווײַטער, ווײַל די דײַטשן זײַנען ווידער געווען הינטער די פּלייצעס, איז אַז מיר האָבן מיט אים גענומען אײַנטײַנען, מיטן שווער, ער זאָל אויך מיטפאָרן, האָט ער אַ זאָג געטאָן: עס וועט זיך פאַר מיר דאָ אויך אָפּזוכן, וואָס צו טאָן. עס האָט זיך דערמאָנט ניט איין מאָל, און עס האָט זיך געטראַכט: סטאַם בראַווירונג פון אַן אַלטן, וואָס האָט קיין קויעך ניט צו רירן זיך פון דער היים און איז אַנטוישט, פאַרביטערט, צי עפּשער זײַנען די ווערטער זײַנע אויסגערעכנט געווען אַף דעם, אַז דעמלט, ווען זיי וועלן האָבן אַ ווערט, וועלן די, וואָס הערן זיי, שוין זײַן ווײַט? האָב איך אים דערמאָנט די דאָזיקע ווערטער, און אַלדאָס איבעריקע איז, אייגנטלעך — מײַן זײַן דאָ, בײַ די גלאַגאָלעווסקיס...”

— צי איר וועט מיך דאָ נאָך טרעפן, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש? מע דאַרף אַהער קומען אָפּנעמען בײַ מיר אַ גרוס פון ליובאַטש. ווען איך ווייס, ווען מע וועט קומען, וואָלט איך עפּשער דערווײַל אַוועק צו סטעפּקען. אַליין, האָב איך געהערט, קומט זי צו אײַך זעלטן.

— זייער, זייער זעלטן קומט זי... נו, אויב אַזוי, איז קלאָר. מע איז שוין נעכטן געווען נאָכן גרוס, און הײַנט, אויב גאָרנישט וועט ניט שטערן, וועט מען ווידער זײַן. ניין, ניין, איר מוזט וואַרטן. קרעפּטיקט זיך דאָ אונטער, טײַערער, און וואַרט. מאַטושקע... און איך גיי! איך גיי!

5 וויִצעך קאַזימיראָוויטש האָט געזאָגט:

— סטעפּקע איז טאַקע מײַן טאָכטער, די אייניציקע, דו ווייסט, אַז איך האָב זי ליב, און איך פאַרשטיי, אַז דו האָסט זי ליב. ביסט דאָך אויך דערפאַר געקומען. איך ווייס און דו ווייסט, אַז עס זיצט אין איר צומאָל אַ דיבעק. מיילע, דאָס אַלץ איז געווען, און איצט, אַבע, ווייס: ניט וואָס איך גרויס זיך מיט איר — איך שטוין. איך ציטער, איך הער ניט אויף צו וויִטעקן פאַר איר, און — איך שטוין. אַזוי, אַז טאָמער וועט דיר עפּעס ניט געפעלן, אין — היץ זיך ניט...

ווען מע איז געבליבן איינע אַליין, האָט טאַטיאַנאַ אַוודייעוונאַ אויך געזאָגט עפּעס ענלעכס — אי מער פאַרשטעלט, אי מער אָפן:

— איר האָט דאָך מיסטאַמע געלייענט צי געהערט וועגן יעהודיס. זייער אַ שיין געשטאַלט איז דאָס. אַוועקגייענדיק צו אָלאָפערנען, צום פײַנטלעכן אַרמייענפירער, בעט יעהודיס בײַ גאָט: „ברענג אום די גײַווע זייערע מיט אַ פרויִשער האַנט”. סטעפּקע אײַערע איז — ווי יעהודיס...

דער שווער, קוקאַרסקי, האָט, געוויינלעך, גאָרנישט ניט דערציילט. אָן איבערזעצערן בא איינעם א דײַטש און — גאָר. אגעוו, אין דעפּאָ. טאַקע דאָרט, ווו ער, אבע, וועט האָבן צו טאָן מיטן שליסן דעם קאָנטראַקט. מע וועט אים צונויפירן מיט איינעם א רעדוטני, דעם באַזאָרגער פון דעפּאָ. און ביכלאל איז דער גאנצער קאָנטראַקט א פיקציע. ער דאַרף זיך זען מיט א מענטשן אין קיִעוו, דערנאָך בעשאָלעם קומען אין דעפּאָ, און יענער רעדוטני, צי עמעצער אנדערש, — דאָס וועט מען שוין זען אפן אָרט, — וועט אים אָפּשיקן ווײַטער מיט דער אײַזנבאַן — אין וואלד. איבערזעצער פארהאסט מען איצט אומעטום, נאָר עס זײַנען דאָ פארשיידענע איבערזעצער. קלאָר, סטעפּקע איז פון די, וואָס גייען אף דער שאַרף פון א שווערד. א ביסל טאַקע כידעשט עס, נאָר אויב זיך אײַנטראַכטן, איז גראָד זי, מיט איר איידעלער פּסיכיק, דאַרף דאָס קענען. טאַטיאַנא אודייעוונא האָט שוין געזאָגט אָט דאָס — וועגן יעהודיס. אבע האָט אויך דעמלט, בא קוקאַרסקין, דערפילט א ווייטעק — פאַרוואָס גראָד זי, סטעפּקע, מיט איר שטאָלט, מיט איר שיינקײַט, מיט א נעשאָמע, וואָס קאָן, ווי דאָס איידלסטע גלאָז, צעברעכן זיך? שרעקלעך, נאָר ער האָט דעמלט געפּרווט טראַכטן — מיר זײַנען שוין אלציינס פּרעמדע. געפּרווט. געוווסט, אז ער קאָן ניט און טאָר אזוי ניט טראַכטן. נאָר דאָך — געקלאמערט זיך אין דעם. דאָ, בא דער מאַטושקע, קוקנדיק אין אירע גרויע, קאַסלעכע אויגן, קלוגע, טיף מיטפילנדיקע, האָט ער פארשטאַנען אלץ — א נײַער אומגליק האָט אים געטראָפן, אים און סטעפּקען, זײַן סטעפּקען.

ער האָט געגעסן די קאַרטאָפל, וואָס טאַטיאַנא אודייעוונא האָט אָנגעוואַרעמט, גענומען אפן גאָפּל צו שטיקעלעך געקאָכטן קאַלטן בורעק, וואָס איז געווען א מין צובײַסעכץ, געפילט דעם גוטן טאַם פונעם עסן — ער איז שוין טאַקע שטאַרק הונגעריק געווען, און געפילט אויך א ביטערקײַט, ניט אין מויל — ערגעץ אין האלדז, אין דער ברוסט, אין קאָפּ, אין די אויגן. אָפּגעפאַרטיקט זיך אויך מיט דער טיי, צו וועלכער די גאַלעכטע האָט אים אף א טעלערל דערלאַנגט עטלעכע געפּרעגלטע ווײַנשל, האָט ער געזאָגט:

— א דאַנק, טאַטיאַנא אודייעוונא. איצט, אויב ס'איז ניט שווער, גיט מיר, ביטע, די ביבל. ביז איך וואַרט, וועל איך א ביסל לייענען.

די גאַלעכטע האָט שווײַגנדיק אוועקגעלייגט פאַר אים אפן טיש א שווער בוך אין א לעדערנעם אײַנבונד, און ניט וואָס א קוק געטאָן אים, אבען, אין די אויגן, ניט קיין קוק געטאָן — טאַקע אזוי אויסגעדריקט איר מיטלײַד און נאָך עפּעס — אזוינס, וואָס האָט געדאַרפט באַטײַטן: „לייען, טראַכט, מישפּעט".

ער האָט געלייענט און אָפּגעשטעלט זיך בא איין אָרט: די לעגענדע האָט זי ניט וואָס ריינגעוואַשן, יעהודיסן, זי האָט זי פּראָסט געלאָזט א ריינע. אָבער אין לעבן?..

ער איז אופגעשטאַנען, אוועק צו איינעם פון די צוויי פענצטער, וואָס זײַנען געווען אין צימער, און פון הינטער א צעוואַקסענעם לעאַנדער, דורך א לעכל אינעם אלטן פאָרהאַנג לאנג געקוקט אין גאַס. טאַטיאַנא אודייעוונא, וואָס איז געהאַט ארויס אין קיך, האָט זיך אומגעקערט, לײַכט שקראַבענדיק מיט די שטעקשיך. דאכט זיך, אז זי האָט שוין א צווייט מאָל זיך אומגעקערט, נאָר אבע האָט אלץ זיך ניט אומגעקוקט, און ווען ער האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער דערזען: זי שטייט מיט א זײַט לעבן טיש, ווי זי זאָל פאַרבײַגייענדיק זיך האָבן פאַרהאַלטן דאָרט אף א רעגע, זי קוקט, ווו דאָס בוך איז צעעפנט און שאָקלט מיטן קאָפּ, שוין אָן אקוראַט צוגעקעמטן — א קליין ברוין קובליקל, פארפעסטיקט מיט האַרנאָדלען.

זי איז אוועק פונקט אזוי שווײַגנדיק, ווי זי איז געקומען. אבע האָט זיך ווידער געזעצט צום טיש און געלייענט שוין סתם אזוי, ווו עס האָט זיך געמאַכט. ער האָט אפילע ניט געוווסט — צי וויל ער אזוי פאַרטויבן דאָס, וואָס האָט אים געברענט, אָדער פאַרקערט, ער זוכט פאַר דעם א ברעקלע אָרט אין דער אומענדלעכקײַט פון פּײַן און האָפענונג. און געטראַכט האָט ער וועגן שווערן סיידער־האַוולאָם, וואָס איז שטענדיק אלט און שטענדיק נײַ, שטענדיק קלוג און שטענדיק נאַריש.

ווען טאַטיאַנא אודייעוונא איז שטיין געבליבן פאַר אים מיט א ריינעם דײַטשישן בלאַנק, אף וועלכן ס'האָט אין ווינקל געבליט א שטעמפּל, האָט ער ניט גלײַך פאַרשטאַנען, וואָס זי רעדט.

— אָט, — האָט זי געזאָגט, — אנטשולדיקט, מאַטווייעוויטש, נאָר איידער דאָס דאָזיקע פּאַפּירל איז געקומען אהער, איז עס געווען אין אײַזערנעם סייף בא אָלאָפערנען — ער הייסט איר אמאָל, אונדזער יעהודיס, דערלאַנגען עפּעס פון דאָרט; סטעפּקע האָט פאַר איין אויגנבליק געשטעלט אף דעם א שטעמפּל — אויך אין סייף, און אנטשולדיקט מיר טאַקע הונדערט מאָל, באַהאַלטן עס צו זיך אין פּאַזוכע...

6

אבע האָט צו דער דאָזיקער טיר, א באקלאפּטער מיט גרויען ווילעק, וואָס איז פון אויבן פאַרפּעסטיקט מיט פּאסיקלעך דיקט, ערטערווייז צעבראָכענע, גערוסן זיך דורך מײַלן, כאָטש זי האָט אפילו אין כאָלעם ניט פאַרגעשטעלט זיך אים אָט אזא. זײַן אקשאָנעס צו קומען אהער האָט זיך ארויסגעוויזן אויך הײַנט — יאָ, ס'איז געווען א פאַר־צוויפלטער, ריזיקאַלער שריט, נאָר באנאנד דערמיט — עפּשער דער סאַמע ריכטיקער, און ניט נאָר דערפאַר, ווײַל דאָס האָט אמערסטנס אנטשפּרעכט זײַן אייגענעם, אבעס, פאַרלאַנג.

דער, וואָס איז געקומען אף א באגעגעניש מיט אים צו די גלאַגאָלעווסקיס, — זייער א סימפּאַטישער יונג, א ווערגעלעץ, — האָט אויסגעהערט אלץ, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן פון ליובאַטש, און געזאָגט מיט א פאַרדײַגעטן און אָפּנהערציקן שמייכל, — פאַראן אזעלכע, וואָס קאָנען אויך פאַרדײַגעטע שמייכלען:

— לאָמיר נאָר א קלער טאָן מיט אײַך צוזאמען, באַרסקי. אײַער קומען אף קיִעוו — מאַסקאָווסקי איז באוואָרנט דעריקער מיט דעם, וואָס איר האָט אן איניען, זייער א ווענזנטלעכן פּונעם שטאנדפּונקט פון די דײַטשן, צו רעדוטניען. נו, און אויב דער דאָזיקער רעדוטני איז ניטאָ — הײַנט איז ער אקוראַט ניטאָ, און ער וועט, מעגלעך, מאָרגן אויך ניט זײַן, און איבער־מאָרגן, און עפּשער וועט ער שוין ביכלאַל ניט קאָנען באווײַזן זיך אף דער סטאַנציע, איז דאָך שלעכט, אז גראָד איר זאָלט קומען און זוכן אים. דאָס איז, ווי זאָגט מען עס: „נאַ, פּאַנו, בעי מענעו!"[1] קלאָר? דאַרפט איר, הייסט עס, גלײַך גיין צו עמעצן אנדערש. פאַראן דאָרט אזעלכע. נאָר אלץ דאַרף, הייסט עס, אפּסנײַ צוגעגרייט ווערן. איר וועט מוזן צוּוואַרטן דאָ, באַם גאַלעך, אויב ער וועט דערלויבן, — איך מיין, ער וועט דערלויבן, — עטלעכע טעג. איך וועל מער ניט קומען אהער. אן אנדער מענטש וועט זיך מיט אײַך באַשעפטיקן. קלאָר? נאָר לאָמיר אלץ באַטראַכטן אָט פון וועלכער זײַט, — איך האָב שוין געטראַכט וועגן דעם. — עפּשער אויסנוצן גראָד הײַנטיקן טאָג, הײַנטיקן אפּדערנאַכט, ווען אײַער רעקאָמענדאַציע צו רעדוט־ניִן איז נאָך א רעקאָמענדאַציע, און כאָטש אף דער סטאַנציע איז איצט זייער אומרויִק, קאָן מען ניט זיכער זײַן, צי מאָרגן וועט זײַן רויִקער, און ווער ווייסט, ווי לאַנג דאָס וועט געדויִ־ערן. איר דאַרפט זיך דערקלײַבן צו סאַפּיאַרנע סלאָבאַדקע — ס'איז בא דער סאַמע סטאַנציע, אף יענער זײַט פון דער באַן־ליניע, אויב אָנקומען פון שטאָט. מע מעג נאָך אומגיין איבער די גאַסן קנאַפּע צוויי שאָ, איר וועט באַווײַזן. זוכן דאַרפט איר דעם אדרעס — דעם פּאַראַל וועל איך אײַך באַלד אליין זאָגן — דעם מאַשיניסט זשעסטאָווסקי, און ער וועט שוין אָדער ארופ־נעמען אײַך צו זיך אפן לאָקאָמאָטיוו, אָדער באַשטאַטן אײַך צו עמעצן. נאָר דאָ איז ווידער טאַקע א שטיקל ריזיקע: ווי'אזוי צוקומען צו זשעסטאָווסקין. איר דאַרפט גוט א שמעק טאָן ארום און ארום, צי קאָן מען זיך הײַנט דערקלײַבן צו אים. און צוליב דעם וועל איך אײַך געבן נאָך איין אדרעס, א מער זיכערן, כאָטש אויך ניט אינגאַנצן...

מאָדנע, נאָר גראָד הײַנט האָט אבע מער ניט געקאָנט אָפּלייגן. ער, וואָס האָט אזויפיל צײַט געצווימט זיך, איז גרייט געווען אף דער ריזיקע, גרייט געווען אף יעדן וואַריאַנט, וואָס זאָל אים דערנעענטערן צום וואַלד, טאַקע צום וואַלד, אָבער אין דער ערשטער ריי דערווײַל — צו קיִעוו — מאַסקאָווסקי. און ווען דאָס זאָל ניט זײַן דער וועג צום וואַלד, וואָלט ער אלציינס אוועק אהין, ווײַל דאָס איז — סטעפּקע. מע האָט געשמועסט צווישן די זעלבע פיר ווענט, ווו ער האָט דאָס לעצטע מאָל געזען זי, זי און אליקן, ווו ער האָט פאַרזוכט עפּשער דאָס ביטער־סטע פאַרן גאַנצן לעבן, און אָט דאָ איז ער ניט בעקויעך געווען פויעלן בא זיך, אז עס קאָן פּאַסירן, ער זאָל זי ניט זען. ביכלאַל ניט זען — נאָר דאָס איז נאָך א פראַגע. הײַנט ניט זען? דערפאַר האָט ער געזאָגט:

— און אויב מיט סטעפאַניאַ וויטעכאָווגעס הילף פּרווון אויסקלאָרן דאָס, וואָס איך דאַרף? איר ווייסט דאָך מיסטאַמע וועגן איר. זי איז מײַן ווײַב. דערנאָך האָב איך דאָרט א באַקאַנטע — די קרעמעז, אָלגאַ סעמיאָנאָוונאַ.

— עפּעס־וואָס איז[?] מיר באַוווּסט. נאָר נעמט אין אַכט — ביידע, סײַ סטעפּקע, — וויִצעך קאַזימיראָוויטש האָט אײַך געזאָגט, צי ניין? — סײַ די קרעמעז גיבן זיך אָן פּאַר ווײַטמיזרעכ־ניצעס, וואָס זײַנען דאָ געבליבן שטעקן בייס די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן. סטעפּקע איז געפאָרן צו א כאָסן, א קאָמאַנדיר, און איז ניט דערפאָרן, די קרעמעז איז געקומען היילן דאָס מיידעלע... גוט, האָבן מיר זיך מיט אײַך וועגן אלץ דערעדט!

נאַטאַשע האָט זיך געגומען פּאָרען בא דער פּליטע. דעם אַש און דעם שלאַק ארויסגעשאַרט אף א רעדנע, די שטיקלעך ניט אויסגעברענטע קוילן איבערגעקליבן אין עמער, ווו עס זײַנען

---

[1] נאַ, פּאַרעץ, שלאָג מיך! (אוקר.).

געווען פרישע. זי האָט שוין אויסגעלייגט אינווייניק, אין דער פּליטע, טרוקענע שפּענדלעך און מ׳האָט בלויז געדאַרפט זיי אונטערצינדן. דאָס איז אַ שטיקל נאַכעס פאַר דער מאַמען — די בּרענענדיקע פּליטע. געמיינט, אַז פאַר סטעפּקען אויך, נאָר סטעפּקע... די מאַמע האָט גע־דאַרפט קומען אין אַ קנאַפּער שאָ אַרום, איז פּונקט גוט — די פּליטע וועט אָנוואַרעמען די קיך, דאָס צימער, און דער זופּ פון אַרבעס מיט פלייש וועט זיך דערקאָכן. נאַטאַשע האָט אים טאַקע ניט באַוויזן אָפּקאָכן פרימוס, מאַכמעס דער לױפּעניש, וואָס זי האָט היינט געהאַט. די מאַמע איז ניט געקומען עסן קיין וואַרמעס — קלאָר פאַרוואָס, און סטעפּקע איז אויך ווי־עס־איז זיך באַגאַנגען. מיסטאָמע געגעסן ערגעץ, ווייל אַט דאָ, מיט אַ האַלבער שאָ צוריק, ווען זי איז אַריינגעלאָפן זיך איבערטאָן, קעדיי ווידער אַוועק, האָט נאַטאַשע זי געפרעגט:

— און עסן?

— איי, — האָט סטעפּקע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי אַלעמאָל העפקערדיק און טרויעריק, — עס עסט מיך שוין אָן דעם!

העפקערדיק און טרויעריק, און באַם שפּיגל איז זי פונדעסטוועגן געזעסן קימאַט די גאַנצע צייט, וואָס זי איז געווען אין דער היים, געשמירט זיך און געדרייט די האָר, און ביז דעם האָט זי איבערגעקליבן באַ דער אָפּענער שאַפע איין קלייד, אַ צווייטס — גאָר קיין גרויסן אויסוואַל האָט זי ניט, נאָר זי בּייט זיי קעסיידער. ניט ווי די מאַמע: אַף דער אַרבעט — דעם בלאָוון שעוויאָטענעם סאַראַפאַן, אָנגעטאָן אָפּן גרינעם קאָפטל, אַמאָל אויך דעם שוואַרצן זשאַקעט פון אויבן, אַמאָל — אָנעם זשאַקעט, און אין דער היים — אַ ציצן כאַלאַטל.

די פּליטע האָט מען דערוויל געהייצט אַ טאָג איבער אַ טאָג. ניט זעלטן — אַפילע איבער צוויי טעג, ווייל קיין קוילן גיט קיינער ניט — מע דאַרף זיי בּישטיקע צונויפקלייבן לעבן די לאַקאָמאָטיוון. עפּעס האָט יענער קרומפּייל דאַפקע צוגעזאָגט סטעפּקען אַ האַלבע מאַשין קוילן, נאָר דערוויל זעט מען זיי ניט. ער שיסט גאָר, קרומפּייל, דורך דער פאָרטעטשקע פון זיין קאַבינעט, ווען ער זעט, אַז עמעצער קלייבט קוילן אַף די וועגן. ער שיסט טאַקע אין דער הייך, קעדיי אָנשרעקן, נאָר ווער ווייסט... נאָכן רעגן, וואָס האָט היינט אַ גאַנצן טאָג געגאָסן, געגאָסן נאָך נעכטן און אייערנעכטן, האָט זיך אַרום מיטיקצייט אַרויסגעריסן אַ ווינטל, דער־נאָך טאַקע אַ ווינט, דער רעגן האָט אופגעהערט, די וואָלקנס זיינען אַ ביסל צעשליידערט גע־וואָרן. כאָטש זיי זיינען דאָ, און עס דרייט זיך שוין גאָר אינדערלופטן אַ שנייעלע. אַ קליי־נינקס, אַ שיטערס, אָבער די בלאָטעס און די קאַליוזשעס פרירן צו, עס קען נאָך האַלטן באַ אַ גליטש אויך צו אָפּדערנאַכט, איז טאַקע די פּליטע — אַ מעכייע...

אָט אַזוי האָט נאַטאַשע געטראַכט און שוין אָנגעריבן אַ שוועבעלע. צוגעטראָגן עס צו די שפּענדלעך, ווען מע האָט ווייך אָנגעקלאַפּט אינעם ווילעק פון יענער־זייט טיר. די האַנט האָט אַ ציטער געטאָן. דאָס שוועבעלע האָט זיך פאַרלאָשן. ווער איז עס? נאָר ניט שרעקלעך, מע קלאַפּט גאַנץ איידל. אויב עפּעס שלעכטס, קלאַפּט מען אַנדערש.

אויסגעגלייכט זיך, איז נאַטאַשע אַוועק עפענען.

עפּעס אַ שוואַרצער, גאַנץ אַ הויכער, אין אַ פּידזשאַק.

— דערקענסט מיך ניט? — האָט ער געפרעגט, נאָך דעם, ווי נאַטאַשע האָט צוגעמאַכט הינטער אים די טיר. — עס איז באַ דיר געווען פאַרשלאָסן, איז פאַרשליס...

ער האָט זיך צוגעזעצט אָפּן טאַבורעט לעבן דער פּליטע און ווידער געפרעגט:

— נו, איז דערקענסטו מיך, נאַטאַשקע? — און גלייך צוגעגעבן, — בּיסט היפּש אַ וואַקס געטאָן.

נאַטאַשע האָט זיך שוין געגומען אָנשטויסן, ווער דאָס איז. איר האַרץ האָט שטאַרק, נאָר עפּעס אַזוי פאַרפאַמעלעכט געקלאַפּט. — זי האָט נאָך רעכט ניט פאַרשטאַנען, וואָס הייסט — זיין טויט, און דער דאָזיקער איז, לאָזט זיך אויס, גאָר טויט ניט געווען — לעבעדיק, אָט איז ער דאָ. איר געדאַנק האָט זיך אַ לאָז געטאָן ווייטער: וואָס זשע וועט זיין, וויאַזוי וועט זיך עס אַלץ אַ דריי טאָן, צי מעג ער דאָ געפינען זיך, און אויב ניט דאָ — איז ווו? איר פּראַקטיק, שוין אַ דערזאַבּערטע אין וואָגל, אַלע געפאַרן, מיט וועלכע זי האָט זיך געטראָפן, זי, און די מאַמע, און ליאָניע, און סטעפּקע, און נאָך, זאָל זיין שוניע, דאָס אַלץ האָט געלערנט — אַ מענטש זוכט אַ באַוואָרעניש, צו וועמען צוטוליען זיך, איז דאַרף געטאָן ווערן, וואָס מע קאָן... נאָר דאָ איז אופגעקומען די לעצטע פּראַגע: סטעפּקע, ווו איז זי, ווען וועט זי קומען? ווייזט זיך אַרויס, אַז זי, נאַטאַשע, האָט עפּעס פאַרשטאַנען אין סטעפּקעס פּוצן זיך, אין איר פאַרשווינדן אָפּט אַף גאַנצע אָוונטן, אַזוי אַז מע זעט זי אָפּן דיוואַן אַ צונויפגעדרייטע אונטער דער קאָלדרע בלויז אינדערפרי...

— ווּ איז די מאַמע? — האָט דער דאָזיקער געפרעגט, — ביסט דאָך אַמאָל געווען בא מיר מיטן טאַטן און מיט דער מאַמען — איך בין ניבאַרסקי. און ווּ איז סטעפּקע?

ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, אָנגעטאָן עס אויף דער קני, דער לינקער, נאָר פאַר דעם א רײַב געטאָן מיט דער דלאָניע די קני, ווי זי זאָל אים ווי טאָן. מיט דער צווייטער דלאָניע האָט ער א פּיר געטאָן איבער די קורצע טונקעלע האָר, דורכגעשאָטענע מיט גראָווע פּליאַמעלעך — ניט אזא איז געווען אַמאָל זײַן קאָפּ — א גלאַנציק־שוואַרצער, א קוטשעראַווער.

— די מומע סטעפע? — האָט נאַטאשע איבערגעפרעגט. — זי האָט זיך דאָ איבערגעטאָן ניט לאַנג צוריק און איז ווידער אוועק. זי פאָרט מיטן שעף אויף א זיצונג אין מאַגיסטראַט, מיסטאמע וועט זי זיך אומקערן שפּעט. און די מאַמע וועט זײַן פריִער — ווען די וואַכטע וועט זיך ענדיקן.

נאַטאשע האָט דאָס צוגעטראַכט — וועגן מאַגיסטראַט. דעם דאָזיקן טערעץ האָט סטעפּקע געזאָגט שוין א פּאָר מאָל. הײַנט האָט סטעפּקע ביכלאַל ניט געזאָגט, ווּ זי וועט זײַן, בלויז אוועקגייענדיק, שוין בא דער קיך־טיר, געהייסן איבערגעבן דער מאַמען: זי וועט קומען שפּעט. הײַנט האָט סטעפּקע אלץ באַדויערט וועגן די אַנאַניעווס און נאָכגעפרעגט זיך, צי האָט זי, נאַטאשע, ניט געהערט, ווי האַלט עס מיט אַנדרעע. אויף דעם איז אוועק די גאַנצע צײַט, וואָס סטעפּקע האָט זיך געפּוצט.

ס'איז געווען א ווייטעק צו קוקן אויף ניבאַרסקין, ווי ער איז זיצן געבליבן א פאַרגליווערטער, ווי ער האָט צונויפגעדריקט די ליפּן און מיסטאמע די ציין, — גולקעלעך זײַנען אַרויסגעטראָטן אויף זײַנע אײַנגעפאַלענע, פאַרוואַקסענע באַקן, ווי ער האָט לאַנג ניט אָפּגעקערט די אויגן פון דער טונקעלער, עטוואָס אָנגעשוויצטער דרויסן־טיר, אויף וועלכער נאַטאשע האָט, אליין ניט וויסנדיק צוליב וואָס, באַוויזן מיט דער האַנט, — דאָ, האָט עס געדאַרפט הייסן, איז זי געשטאַנען, סטעפּקע, דורכדאַנען איז זי אַרויס.

— נו, גוט, — האָט ניבאַרסקי ענדלעך זיך אָנגערופן, — גיי צו צו דער מאַמען. קאָנסט צו איר צוקומען? גיי און זאָג איר שטיל, אַז איך בין דאָ. ס'איז — זי זאָל זיך, ווי מעגלעך, אײַנערגעץ ניט פאַרהאַלטן נאָך דער אַרבעט.

— די מאַמע פאַרהאַלט זיך ניט, — האָט בא נאַטאשען זיך אַרויסגעריסן.

ניבאַרסקי האָט אָפּגעשאַצט אירע ווערטער — נאַטאשע האָט עס געזען און באַגאַנגען נאָך איין אומפאַרזיכטיקייט: צוגעביסן א ליפּ. אָט אַזוי, מיט א פאַרביסן ליפּל, האָט זי אויסגעהאַלטן דעם טרויעריקן און שטרענגן בליק פון זײַנע שוואַרצע אויגן, און איז אוועק — אוועק, קעדיי עס זאָל הייסן: מאַלע, ווי עס געשעט, זי קען זיך טאַקע פאַרהאַלטן, די מאַמע...

XI. פרישע פּיש

1 דער טעלעפאָן האָט זיך ווידער צעקלונגען א מינוט נאָך דעם, ווי קרומפּײַל האָט קימאַט שווײַגנדיק אויסגעהערט עפּעס א יעדיע און צעקאָסט א שלײַדער געטאָן דאָס טרײַבל. קימאַט שווײַגנדיק — גאָרנישט ניט איבערגעפרעגט, גאָרנישט ניט באַפוילן, בלויז געשטאַמלט: „קלאָר, קלאָר, קלאָר", און מיטעס אויסגעזידלט זיך צולעצט. סטעפּקע האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס האָט אים אופגעבראַכט. גאַנץ אָפּט האָט ער אַזוי טאַקע געפירט די שמועסן דורכן טעלעפאָן — זי זאָל גאָרנישט ניט פאַרשטיין. אָדער צוגעבאַמקעט: „יאוואָל, עס וועט געזיכערט זײַן", אָדער שטרענג, בייז, צעקאָסט, אָפּהענגיק פון די אומשטענדן, געוואָרפן קורצע רעפּליקעס אין טרײַבל, געבורטשעט, געזידלט זיך, נאָר אלץ ניט אַנטפּלעקט דעם טאָך וועגן וואָס עס גייט א רייד. איצט איז ער געווען אַזוי ווי געפּלעפּט: אָנגעלענט א ביסל מיט א זײַט דעם דאַרלעכן גוף אינעם ווענטל פונעם ברייטן שטול, האָט ער, אַן אויסגעשעפּטער, אוועקגעלייגט ביידע פויסטן אויפן ברעג פונעם טיש און געקוקט פאַר זיך מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן... דאָ האָט זיך דערהערט דער צווייטער קלונג.

קרומפּײַל האָט ניט באַלד אויסגעשטרעקט די האַנט צום טרײַבל. אין דער ערשטער ווײַלע האָט ער גאָר א קוק געטאָן אויף סטעפּקען — פאַרלוירן און אַזוי ווי מיט סינע. אָט שטייט זי, האָט עס געקאָנט הייסן, א קאַלטע, כאָטש אַן אָנגעשטרענגטע, זי ווייסט פון גאָרניט, נאָר זי פרייט זיך עפּשער מאַכמעס דעם אליין, וואָס ס'איז אים שווער. ער האָט געלאָזט דעם טעלע־

פאַן אַנקלינגען א צווייט מאָל, און א דריט מאָל, און ערשט דעמלט, זייער אומגערן, אָפּגערופן זיך אין טרײַבל:

— איך הער. יאָ, איך.

זײַן דאר פּאָנעם, א צערונצלטס פון אַן א שיר קליינע קנייטשן, — סטעפּקע האָט זיי אלע געקענט, דערלערנט זיי פון גאָר נאָענט — האָט מיטאמאָל נערוועז זיך א צוק געטאָן און באלד האָט איבער דעם זיך גענומען צעפּליסן א שמייכל. די גרויע, קעצישע אויגן, מיט קליינינקע שווארצאפּלען, ווי שפּילקע־קעפּלעך, האָבן פריילעך אופגעבליצט — ער האָט זיך אַנגעוואַלגערט מיט דער ברוסט אפן טיש און אזוי אויסגעקערט דעם קאָפּ פון אונטן ארוף, אז דער שטייענדיקער מירמלנער לאָמפּ האָט גוט באלויכטן זײַן פּאָנעם.

— מײַן גענעראל... זייער, זייער אַנגענעם, — קרומפּײַל האָט מאמעש זיך געקוויקט מיט דעם, וואָס עס איז אים אָנגעזאָגט געוואָרן; און פּלוצעם — ראַשיק, גראָבלעך, מיט א יונג געוואָרענער, האָפּערדיקער שטים, — הער אויס, הײַנריך, מײַן ליבער הײַנריך פאָן גלײַעוויץ! אין וויפל צײַט ארום וואַרטן אף דיר?

פאַרזיכטיק אוועקגעלייגט דאָס טרײַבל, ווי עס זאָל זײַן א גלעזערנס, איז קרומפּײַל ארויס פון הינטערן טיש און פאמעלעכן דורכגעגאנגען זיך איבערן קאבינעט — הין און צוריק, און נאָכאמאָל הין און צוריק. די פינגער פון דער רעכטער האנט האָט ער פארוקט הינטערן לאַץ פונעם פארשפּיליעטן שווארצן אײַזנבאַן־קיטעל און פארקלערט צוגעקלאַפּט מיט זיי אינעם בויך. דערנאָך האָט ער גענומען ריידן, ווי צו עמעצן, וואָס איז דאָ אין צימער ניט געווען, — ניט צו סטעפּקען:

— הא, דעם שווארצן רויג האָט אופגעגעסן געלוויג — מיט א לעפעלע, מע קאָן אים גאָר ניט אָפּשטעלן... סיאָמגע איז געבליבן ווײַניקלעך... ראָקפאָר און יענער קעז, דער פאריזשער, דאָס וועט קלעקן... וווּרשט, א פארבראָטן זײַטל פון א כאַזערל — גוט... ווײַן — כערעס, ווײַסער באָרדאָ, בענעדיקטין... ניין, מיסטאמע בעסער פון אלץ — קאָניאַק, און עפּשער — נו, דאָרט, אפן פראָנט, קער מען כלעפּטשען נאָר אזוינס — וואָדקא, רוסישע וואָדקא.... און א גראַפינדל, יאָ, טאַקע אין א פּײַנעם גראַפינדל — ברענענדיקער היגער סאַמאָהאָן... פּיקאַנט... אָבער דאָס אלץ, הא??... — ערשט איצט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און א קוק געטאָן אף סטעפּקען, — דאָס סאמע פּיקאַנטע דארף ערשט צוגעגרייט ווערן, איר וועט עס צוגרייטן, סטעפּא... ווי וואָלט איך אופגענומען א גאַסט אין פּוילן? מיט עפּעס אַן אָרטיקן מײַכל. אין פראַנקרײַך, אין האָלאַנד — אויך אזוי, א קליינינקע קאָנסולטאַציע בא דער ווירטן... און דאָ? ער איז דאָך א היגער, הײַנריך, אַן אָסט־דויטש. פּיקאַנט, פּיקאַנט, און קומט ווי־עס־איז ארויס פון גראַפן... וואָס וואָלט איר געייצעט, סטעפּא, אז עס זאָל אף אים א ווייע טאָן מיט היימישן?

סטעפּקע האָט געשוויגן. אפן זינען זײַנען איר געקומען גאַנץ פּראָסטע מײַכאָלים: א סוף פון ארבעס, ווי נאַטאשע האָט הײַנט געדארפט אָפּקאָכן, א באָרשטש, האלעשקעס. וואָס נאָך, יאָמטעוודיקס? א זראַזע מיט א סאַך פליייש, מיט רײַז־קוילן, איינגעפּרעגלטע אינעם סאָוס, קנישעס מיט עפּל, זיסע מאָן־טייגלעך... אָבער דאָס אלץ — ניט פאר די דאָזיקע, ניט איצט. ווער ווייסט, צי עס וועט נאָך ביכלאל אמאָל קומען די צײַט, צי זי וועט וועלן און וועט האָבן פאר וועמען גרייטן אזוינס? איצט וואָלט מען זיך דארפן וואָס גיכער אָפּפּאַרטיקן: אָנגעבראָקטע קארטאָפל, פארגאָסענע מיט אייער. ס'האָט זיך אָבער פארוואָלט, אפילע ניט אזוי פארוואָלט, ווי זי האָט דערפילט, — ס'איז צום אָרט א שפּיל טאָן. אונטערגעבנדיק זיך קלוימערשט דעם דײַטשס אופרעגונג, נאָר אזוי, אז ער זאָל דאָס פארשטיין אף זײַן אויפן, באמערקן איר אומיטלבארע פרייד — א אינטערעסאַנטער גאַסט, און איר לײַכטע אינטריגירטקײַט, אף וויפל ער אליין דערלויבט דאָס און עס קאָן אים זײַן אָנגענעם, — האָט זי געזאָגט, ווי אין עכטער פארלעגנהײַט:

— איך בין דאָך א ווײַטמיזרעכניצע. בא אונדז אין סוטשאַן — קיין גראַפן האָב איך דאָרט ניט געזען, געווײנלעך, נאָר א כאָשעוון גאַסט וואָלט איך אופגענומען מיט א זראַזע פון הירשןפליייש, צי אפילע פון בערן־פליייש... און דאָ — סײַדן פרישע פיש...

— אָ! — קרומפּײַל איז שטיין געבליבן, א נעם זיך געטאָן פארן לינקן אויער, — ווי הייסט עס אף רוסיש? איר האָט געזאָגט, אז א פיש־מײַכל הייסט אויך אזוי — אוכא, געשמאַק, ווי דעמלט, און עס ווערט גאַנץ שנעל פארטיק... אוכא, פּיקאַנט! איר זײַט הײַנט מײַן ווירטן, סטעפּא! אוואָדע ווילט איר זיך איבערטאָן? גייט. איך וועל אָנקלינגען אין קיך, כריסטיאַנען, און איר וועט אפּצוריקוועגס ארײַן צו אים. ער האָט אינדערפרי באקומען פיש, און רעדוטני האָט פארנאַכט צוגעזאָגט ווידער פיש, ביז דאָס אײַז האָט זיך ניט געשטעלט... ווויל!

2

ווען סטעפקע האָט דערהערט, וואָס פאַר א גאַסט עס שטייט פאַר אופצונעמען, האָט זי דעריקער גענומען באומרויקן ניט דאָס, וואָס ער איז פון א הויכן ראַנג. זי האָט נאָך טאַקע מיט אַזעלכע זיך נאָענט ניט צונויפגעשטויסן. נאָר פון א געוויינלעכן אָפיצער, האָט זי פאַרשטאַנען, קאָן מען דערוואַרטן ניט ווייניקער אומאָנגענעמס, ווי פון א גענעראַל. אַרויסגערופן האָט באַ איר א ציטער אין הארצן דאָס, וואָס ער איז א מיזרעכדיקער דײַטש. זי האָט זיך געפילט ניט גאָר זיכער מיט אַזעלכע, ווי אָן א פאַנצער.

באַ כריסטיאַנען, דעם שעף־קוכער פון דעפּאָ, האָט סטעפקע זיך פאַרהאַלטן לענגער, איידער זי האָט געקלערט. מע האָט אין קיך שוין דאַפקע געהאַט צוגעגרייט פאַר איר, אָפּגערייניקט פון דער ליסקע און צעשניטן עטלעכע פיש פונעם אינדערפריִעדיקן פאַנג, צונויפגעלייגט דאָס אַלץ אין א טאָפּ, אָנגעבראַקט אַהין ציבעלעס, וויפל מע דאַרף, קאַרטאָפל, מערן, פאַרגרייט באַזונדער אין א שקאַרמיצל די ספּעציעס: לאָרבערבלעטער, פעפער. נאָר דאָ איז געקומען ליאַניע (ליאַניע! דאַר, בלאַס, שלעכט אָנגעטאָן, און דאָס, אין וואָס ער איז אָנגעטאָן, — א קורץ, פאַרלאַטעט פאַלטאַכל, אַן אויסגעריבן ווינטער־היטל מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן — האָט ניט באַוויזן אויסטריקענען פונעם רעגן, וואָס האָט אין דער ערשטער העלפט פון טאָג ניט אופגעהערט צו גיסן, א דאַמף האָט זיך גענומען הייבן פון אים אַפילע פאַר דער קורצער צײַט, וואָס ער איז געשטאַנען אין קיך, באַ דער טיר, און דער בליק, וואָס ער האָט פונוויטן געוואָרפן אַף איר, אַף סטעפקען, קלוימערשט פרעמד, גלײַכגילטיק, נאָר פול מיט ביטערקײַט און אומרו...), — ליאַניע האָט געבראַכט פרישע פיש, האָט מען שוין פון דער קאַסטרוליע צוריק אַרויסגענומען די אָנגעשניטענע שטיקלעך און ערשט אַפּסנײַ אָפּגערייניקט פאַר דער אוכאַ דרײַ צאַפּלענדיקע שלײַען און א היפּש העכטל. אָט מאַכמעס דעם, האָט סטעפקע זיך פאַרהאַלטן, און ווען זי האָט שוין מיט דער קאַסטרוליע, א פאַרבאַהאַלטענער אין א צעראַטן קוישל, זיך אומגעקערט צום עקסטן בלאָק פון דעם זעלבן הויז, ווו אויך זי האָט געוווינט, — דער עקסטער בלאָק איז געווען א דײַטשישער. קרומפּײַל האָט דאָ, אַפן דריטן שטאָק, געהאַט א באַזונדער צווייצימערדיקע דירע, — איז באַם אַרײַנגאַנג געשטאַנען א פרעמדער „אָפּעל" מיט ניט קיין אויסגעלאָשענע לאַמטערנס. אונטערן אופגעהויבענעם קאַפּאָט האָט זיך געפּאָרעט א שאָפער אין סאָלדאַטישער אוניפאָרם, עס איז ניט שווער געווען צו פאַרשטיין: דער גאַסט איז דאָ.

דער גענעראַל און קרומפּײַל זײַנען געזעסן אין פאָדערשטן צימער, באַם ווײַס־פאַרשפּרייטן קײַלעכדיקן טיש. דער גענעראַל — פון יענער זײַט טיש, מיטן פּנים צו דער טיר, נאָר ער האָט, א גאַנץ שלאַנקער, אין א ליכטיק־גרויען מונדיר, אַזוי אָנגעשפּאַרט זיך מיט דער פּלייצע אינעם ווענטל פון שטול, אַז די שײַן פון אונטערן נידעריק אַראָפּהענגענדיקן זײַדענעם אַבאַזשור איז ניט געפאַלן אַף זײַן פּנים. סטעפקען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס איז צו א טונקלס, באַלויכטן איז געווען איין האַנט, וועלכע איז געלעגן אַפן טישטעך, — זי איז אויסגעקומען מאָדנע געל, ווי מע זאָל זי האָבן באַגאָסן מיט יאָד און ס'איז אים שווער אָפּצוואַשן.

ניט אַזוי פון פאַרלוירנקײַט, ווי דאָס האָט געפּאַסט, האָט סטעפקע, נאָך דעם, ווי זי האָט זיך שטיל באַגריסט, לענגער א ביסל געווישט די פּאָדעשוועס פון אירע טופליעס אינעם קליינינקן טעפּעך באַ דער שוועל. זי האָט געזען, אַז דער גאַסט באַטראַכט זי, פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף אים לאָזן דאָס טאָן, און אַליין אויך געוואָלט האָבן א ביסעלע צײַט אַף צוקוקן זיך צו אים.

— רודי, ביסט דאָך טאַקע אַן עמעסער כאַרט, רודי, — האָט דער גענעראַל נאָך א מינוט שווײַגן זיך אָנגערופן קלוימערשט מיט פאַרוואורף, — האָסט אַזאַ בילד שײנע איבערזעצערן און זאָגסט קיין וואָרט ניט!.. „די איבערזעצערן דאַרף באַלד קומען!" — ווי געפעלט ער דיר?

— ניטאָ זיך וואָס צו באַרימען מיט דעם, וואָס מע קאָן אַליין זען, — האָט קרומפּײַל געענטפערט מיט א צופרידן־רויִקן שמייכל.

„באַרימען זיך! אוי, גאָט מײַנער!" — אין סטעפקען האָט שוין א זאַד געטאָן, און געקערט האָט די גאַל פון ביידן — פון קרומפּײַלן, ווײַל זי האָט אים צו גוט געקענט, און פון אָט דעם אומבאַקאַנטן דײַטש — ניט נאָר, ווײַל זײַן קאָמפּלימענט האָט אָנגעשפּיצט, — דער גענעראַל האָט, ריידנדיק, א גלײַך געטאָן דעם גוף, אַפילע אָנגעבויגן אים א ביסעלע צו דער טיר, און זײַן פּנים איז באַלויכטן געוואָרן: ס'איז געווען גרינלעך־געל, אַלץ אַזוי, ווי באַגאָסן מיט יאָד, אַפילע די ווײַסלען, אַפילע די יאַסלעס פון זײַן ברייט שמייכלענדיקן מויל. „אָט האָסטו דיר — געלזוכטע!" נאָר סטעפקע האָט גלײַך זיך באַרויִקט: „מיסטאָמע שוין ניט אַנשטעקנדיק, אַף אַזאַ גיט מען אַכטונג!"

— אַנטשולדיקט, — האָט זי געזאָגט קאַלטלעך, שענקענדיק דערבײַ א קאַרגן שמייכל דעם

גאַסט, און מיט עטוואָס אַן אַנדער טאָן, א וואָרעמערן, א פאַרטרוילעכן, געווענדט זיך צום באַלעבאָס, — מעג איך גיין אין קיך?

— אָך, אין קיך וועסטו זי גאָר פאַרבאַהאַלטן? — פאָן גלייעוויץ האָט אָף זײַן אויפן אָפּגעשאַצט די קעלט סטעפּקעס.

— אונדזער ווירטן מוז דאָרט א ביסל באַשעפטיקט זײַן, היינריך...

— נאָר איך בין איצט קיין עסער ניט, רודי, ווייסט דאָך!

— זײַ רויִק, וואָס אַנבאַלאַנגט געריכטן, איז די פּרוייִשע אינטוִיציע אַלעמאָל קימאַט א געניאַלע... ביטע, סטעפּאַניע, גייט!

אין קיך האָט סטעפּקע זיך באַמיט טאָן אַלץ, ווי מעגלעך, שטילער, קעדיי ווייניקער דערמאָנען וועגן זיך. ס׳איז איר אָבער ניט גאָר געלונגען — זי האָט געמוזט אָנגיסן וואַסער אין קענדל, אָפּדעקן און אָנצינדן דאָס פּאַרטאַטיווע גאַז־פּליטקעלע, צוראַמען עפּעס־וואָס. נאָר אָט האָט פון דער קאָנפאַרקע שטיל געגנומען פליסן א בלוי פײַערל, עס האָבן אָפּגעזשיפּעט די טראָפּנס וואַסער פון אויסן, אָפּן דנאָ פונעם קענדל, סטעפּקע האָט פעסטער צוגעדרייט דעם קראַן, ער זאָל ניט קאַפּען, און פאַרטײַעט זיך.

פונעם צימער, ווו די דײַטשן האָבן געשמועסט, האָט אין קיך געפּירט א קאָרידאָרל, וואָס אָנגעהויבן האָט זיך דאָס מיט א שמאָלער טיר, א פאַרגלאָזטער מיט ניט דורכזיכטיקן גלאָז. סטעפּקע האָט זיך געשטעלט אין אָנהייב פון קאָרידאָרל אַזוי, ווי זי זאָל ווישן די הענט אינעם האַנטעך, וואָס איז דאָ געהאַנגען אָף דער וואַנט. געזעדט האָט פאָן גלייעוויץ:

— איך ווייס עס גראָד גוט, רודי. פאַרשטייסט דאָך. אַז ער האָט פאַרהאַסט רוסלאַנד, ווייס איך, און ווייס אויך, אַז עס האָט אים שטענדיק געשראָקן אָט דאָס לאַנד, ער האָט געוואָרנט, מע זאָל קיינמאָל ניט גיין קעגן די רוסן.

— „ווּעמען מיינט ער דאָס?“ — סטעפּקע האָט אַזוי אָנגעשטרענגט דאָס געהער, אַז ס׳האָט איר אַזש געגומען שטעכן אין די שלייפן.

— קיינמאָל! — קרומפּײַל האָט דאָס אַרויסגעבראַכט אַזוי, ווי ער זאָל זיך קלײַבן דערווידערן, נאָר עטוואָס לענגער באַקלערט דעם ענטפער. — עס איז דאָך אַן אַנדער עפּאָכע, היינריך! דער פּיורער איז געקומען קימאַט אין הונדערט יאָר אַרום. ווער עס קומט שפּעטער מיט אַזויפיל יאָרן, זעט, יעדנפאַלס, ווײַטער נאָך אָף הונדערט יאָר!

— ניט שטענדיק, רודי. דיר מעג איך עס זאָגן. איך מיין געווינלעך ניט דעם געגעבענעם פאַל — עס רעדט זיך סטאַם.

— און איך ווייס אַזוינס, מײַן ליבער היינריך פאָן גלייעוויץ, און דו ווייסט עס אויך: אויב עס גייט א רייד וועגן באַקומען נײַע ערדן, איז דאַרף מען זיי דעראָבערן דעריקער אין רוסלאַנד... די דײַטשישע אַקער־ערד! דאָס זײַנען דעם פּיורערס ווערטער. און דער אײַזערנער קאַנצלער — איך האָב אויך עפּעס־וואָס געלייענט — דער אײַזערנער קאַנצלער האָט, אַגעוו, געזאָגט אויך אַזוינס: מע דאַרף בלויז אוועקזעצן דײַטשלאַנד אין זאָטל, א שפּרונג טאָן וועט עס שוין קענען. אָף מײַרעוו וועסטו ווײַט ניט שפּרינגען. דער אַלטער האָט אוודאי געהאַט אין זינען נאָך עפּעס.

„דער אײַזערנער קאַנצלער!“ — סטעפּקע האָט ניט געקאָנט דערמאָנען זיך, וועמען רופט מען אַזוי. און מיטאַמאָל, זי האָט אפילו א שמייכל געטאָן: „ביסמאַרק!“

קרומפּײַל האָט גערעדט ניט הויך, דער גענעראַל — העכער, און צומאָל — גאָר הויך. סטעפּקע האָט אפילו זיך פאַרגעשטעלט, אַז קרומפּײַל וואָרנט דעם גאַסט מיט זשעסטן: „שטילער, מיר זײַנען דאָ ניט אַליין“. באַם גענעראַל האָט עס אוודאי ניט געהאַט קיין ווערט — אָפן פּראָנט היט מען זיך פון עפּעס אַנדערש.

— יאָ, זעצן זיך אין זאָטל... — דער גאַסט האָט דאָס אַרויסגערופן היציק, ס׳האָט אונטער אים א סקריפּע געטאָן דער שטול. — איך האָב אַנומלטן, רודי, געזען א טאַבון פערד אָן רײַטער — די זאָטלען האָבן זיך געבאָמבלט אָף די בײַכער, דאָס געשפּאַן האָט זיך נאָכגעשלעפּט... דו קאָנסט עס ניט פאַרשטיין, אַזוינס דאַרף מען זען!

— און איך האָב גאָרנישט ניט געזען? דאָס בין איך איצט דאָ, ווו איך דאַרף זײַן, און זאָ אויך געווען. האָסט דאָך, זאָגסטו, אליין געהערט די שיסערײַ, וואָס מיר האָבן דאָ הײַנט געהאַט. און דאָס ווייסטו שוין אויך — וועגן וואָס מע האָט מיר מיטגעטיילט ניט לאַנג פאַר דעם, ווי דו האָסט אָנגעקלונגען... דער מאַשיניסט און זײַן געהילף לאָזן איבער א צוג אינמיטן וועג און... פּרעך, פּרעך! אָבער אין אַכצעטן? איך בין דען מיט דיר ניט געווען אין איין ראָטע? איך האָב דען ניט געזען פריִער די אײַנגעשטילטע, דערנאָך די צעווילדעוועטע פּויערים פון דײַן... גוט?

סטעפּקע האָט ניט קלאָר אײַנגעהערט, װיאַזױ קרומפּײַל (אין גערדאַנק האָט זי אים אַ זידל געטאָן: „רודעי!") האָט אָנגערופן יענעם גוט. און ניט גאָר אײַנגעהערט האָט זי דאָס ביסל אויך דערפאַר, װײַל זי האָט זיך אָפּגעװענדט — עס איז איר קלאָר געװאָרן, פאַרװאָס ער האָט זיך געהאַט אַזױ צעערגערט האַרט פאַרן גענעראַלס קלונג: „געלאָזט אַ צוג אינמיטן װעג". אַנטלאָפן, הייסט עס. װער? מיסטאָמע עמעצער פון די, װעגן װעמען זי האָט געװאָרנט, ניט אַנדערש... אָט דער געדאַנק האָט זי אָפּגעװענדט. פונדעסטװעגן האָט זי פּאַרט פאַנאַנדערגעקליבן, צי ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי האָט פאַנאַנדערגעקליבן, װיאַזױ קרומפּײַל האָט אָנגערופן דעם גענעראַלס גוט, און דאָס האָט זי געצװוּנגען נאָך מער אָנשטרענגען זיך. װען זי האָט דאָס ערשטע מאָל דערהערט, אַז קרומפּײַל האָט יענעם, װאָס האָט צו אים אָנגעקלונגען, אָנגערופן פאָן גליײעװיץ, גענעראַל פאָן גליײעװיץ, האָט זי אַ טראַכט געטאָן, אַז די פאַמיליע איז איר אַזױ װי באַקאַנט, נאָר ניט פאַרקלערט זיך דערױף, באַשטימט, אַז ס'איז מערװײניקער אַ פאַרשפּרייטע דײַטשישע פאַמיליע. דערנאָך האָט זי דערהערט — אַ גראַף, ער שטאַמט פון אָסט־דײַטשן, און װידער אַ קלער געטאָן: „נו, יאָ, אוועלכע אַנדערע דײַטשן האָבן געקערט אַנטלויפן פונדאַנען בײַס דער רעװאָלוציע?" זי האָט געדענקט, אַז די ליובאַטשער גראַפן האָט מען אָן ערעך אַזױ טאַקע גערופן — פאָן גליײעװיץ, נאָר ניט גאָר זיכער געװען אין דעם. עפּעס האָט אַלגע, אַגעװ, דערציילט, אַז פאַראײאָרן, בײַס זי, נאַטאַשע און אַרטעם האָבן, גייענדיק פון דער גרענעץ, דערקליבן זיך קיין ליובאַטש, איז אַהין אַראָפּגעקומען עמעצער פון די היגע פּריצים, אַ הויכער היטלערישער אָפיצער, אַ גראַף. ער האָט באַזוכט די געטאָ און איז צו בײַגעװען, צי אוועקגעפּאַרן האַרט פאַר דעם, װי מע האָט די מענטשן, קליין און גרויס, דערטרונקען אינעם טשאַרטאָרױ, אין אַ זינק־בלאָטע אין װאַלד... איז זאָל זײַן, אַז ס'איז אָט דער? דאָס האָט ניט אַרויסגערופן בײַ איר קיין שרעק — מוירע האָבן װאָלט זי דאַרפן קעסיידער און פאַר אַ סאַך זאַכן, ס'האָט ניט דערװעקט אין איר קיין נײַע, באַזונדערע סינע — איר האַרץ איז אַלציינס איבערפולט געװען מיט האַס, ס'האָט זי איבעראַשט, דערװײַל — נאָר איבעראַשט.

קרומפּײַל האָט װײַטער גערעדט — געצױגן, װי זײַן שטייגער, די װערטער, אונטערקלײַבנדיק די נייטיקע:

— אין דרײַ־און־צװאַנציקסטן, הײַנריך, האָב איך פאַרשטאַנען אַלץ. עפּשער טאַקע דו האָסט עס מיר דער ערשטער געגעבן צו פאַרשטיין. װירקלעך, דו. מע האָט מיך געבראַכט אַ צעבײַלטן פון דער דעמאָנסטראַציע — מיר, די מעטראָ־אָנגעשטעלטע, האָבן געװאָלט אַ פּראָפּאַריין, און געװיינלעך אַ לינקן — האָסטו מיך פאַרטיידיקט, ניט געלאָזט, אַז די שטורמאָװיקעס זאָלן מיך ערשט אָפּסנײַ באַאַרבעטן. אַ דינסט־גענאָסע, דײַנער אַ געװעזענער אונטעראָפיצער. און אַ גאַנצע נאַכט האָסטו, דער רײַכסװער־אָפיצער, װאָס האָט קיין שום צייכנס ניט געטראָגן, אײַנגעטײַנעט מיט מיר צװיי זאַכן, דעריקער צװיי. איך האָב דאָס פאַרגעדענקט אָף שטענדיק. ערשטנס, איך, װעמעס פאָטער עס פאַרמאָגט אַ האָטעל, זאָל זײַן אַפּילע ניט קיין גרויסן, האָב ניט װאָס צו זוכן גוטס בײַ די דאָזיקע, װאָס פאַרמאָגן גאָרנישט און װילן אַלץ, די גאַנצע װעלט. צװייטנס, נאָר דאָס איז אוודע דאָס גרונטיקסטע: צײַט פאַרטיידיקן די שטאַרקע קעגן די שװאַכע, די העכערע קעגן די נידעריקערע. און פון דעמלט אָן האָב איך אויך יעזוסן פאַרהאַסט, װײַל װוּהין װאָלט מיך פאַרפירט מײַן װייכהאַרציקײַט, מײַן שװאַכקײַט? אין בעסטן פאַל װאָלט איך איצט געטראָגן עמערס מיט — דו װייסט מיט װאָס — אין אַ קאָנצלאַגער...

עמעצער פון די צװיי (לויט דעם, פונװאַנען דער סקריפּ פונעם בענקל האָט זיך דערטראָגן, האָט סטעפּקע פאַרשטאַנען — פאָן גליײעװיץ) איז אופגעשטאַנען און דורכגעגאַנגען זיך איבערן צימער. אָט איז דער שאָטן פון אַ קאָפּ, פון אַקסל נאָענט געפאַלן אָפן גלאָז — טאַקע דער גענעראַל. סטעפּקע האָט זיך אָפּגעקערעװעט צום פליטקעלע, גענומען מישן מיטן לעפל אין זודיקן קענדל, נאָר דער שאָטן האָט זיך װידער דערװײַטערט. פאָן גליײעװיץ האָט זיך אומגעקערט צום טיש. שטייענדיק דאָרט, אוודע מיט דער פּלייצע צו דער טיר, האָט ער געזאָגט:

— ריכטיק, רודי. דאָס האָב איך און ניט נאָר איך דיך געלערנט. עס איז טאַקע דאָס גרונטיקע. אָבער אויב די שװאַכע װערן שטאַרקע, האַ?

— דאָס קאָן ניט זײַן, עס איז קעגן לעבנס־געזעץ!

— און אויב מיר האָבן אים פּראָסט אויסגעטראַכט, דאָס געזעץ?

— דאָס איז שטימונג, הײַנריך, דאָס איז עפּעס פון אָקאָפּן־קרענק!

— אָקאָפּן־קרענק? שטימונג? דערװײַל האָב איך געהאַט געלזוכט און איבערגעקומען זי. און — שטימונג? אוודע, אוודע... נאָר עפּשער איז עס דאָס, װאָס מע טראַכט, װען מע דערפילט אַ ביין באַם סאַמע שלונג — פּרוּװן אים אַראָפּשלינגען מיט קױעך, צי אויסהוסטן,

צי ס'איז שוין סײַ דאָס, סײַ יענץ שפּעט צו טאָן?.. הם, שטיי נאָר, וואָס שמעקט עס, רודי, וואָס קאָכט זי דאָרט — פיש?

— פרישע, פון דניעפּער!

— באַלד וועל איך טרעפן ווײַטער: פיש־יויך, דאָ הייסט עס — אוכא.

— אוכא.

— מער ווי צוויי כאַדאָשים, רודי, בין איך געשטאַנען בא דער וואָלגע, אַף אַ שטרעקע פון אַכט קילאָמעטער איז דער ברעג געווען מײַנער, און קיין פיש פון דער וואָלגע האָב איך ניט פאַרזוכט, אפילע באַנאַכט האָט מען ניט געקאָנט פּרווון כאַפּן! נאָר זי האָט דאָך אַוואַדע אַלץ געפּאַטערט, די ווירטן אונדזערע... סטעפּאַ!

זי איז אַרויס פון קיך אין אַ רויטן וואָלענעם קלייד, אַף וועלכן זי האָט אָנגעטאָן אַ ווײַס פאַרטעכל מיט האַפּטענע שלייקעס. פאָן גלייעוויץ האָט זי נאָך ניט געזען אָנעם מאַנטל, זי האָט אים אויסגעטאָן אין קיך. דער גענעראַל האָט, עפּשער אַ האַלבע מינוט, מיט אָפּן־טײַוועדיקער אַנציקונג געקוקט אַף איר. ענדלעך האָט דער דײַטש צעשפּרייט די הענט און לוסטיק אויסגערופן:

— ספּעציעס זײַנען מיר דאָך פאַרווערט, סטעפּאַ!

זי האָט געענטפערט מיט שפּילעוודיקײַט אין קאָל:

— ספּעציעס טוט מען אַרײַן צום סאָף, הער גענעראַל.

— איך ווייס, איך ווייס, — פאָן גלייעוויץ האָט אַ גלײַך געטאָן די גאַליפע מיט די רויטע לאַמפּאַסן, דעם עטוואָס גערוימען מונדיר, און געמאַכט עטלעכע שפּאַן צו סטעפּקען, — איך ווייס אַפילע, אַז אוכא דאַרף שמעקן מיט רויך, — האָט ער געזאָגט, — אַז קאָכן דאַרף מען זי אַף אַ שײַטער, באַם ברעג — איך בין אַי אַ פישער, אַי אַ יעגער. אָן פעפער און אָן קאָמאַרעס, וואָס זאָלן אַרומשווימען אַף דער אויבערפלאַך, האָט די אוכא ביכלאַל קיין טאַם ניט, סײַדן אַלץ וועט קאָמפּענסירן דער טאַם פון אײַערע פּרעכטיקע הענט... איז האַלט עס נאָך ניט באַם סאָף?

— פונקט אינמיטן.

— אַזוי? וואָס זשע האָט איר דאָרט צו שטיין, סטעפּאַ, די גאַנצע צײַט אין קיך? קומט צו אונדז! — דער גענעראַל האָט זי געוואָלט אָנעמען העכער דעם עלנבויגן (די אַרבל זײַנען קורץ געווען), נאָר זי האָט באַמערקט זײַן באַוועגונג און באַצײַטנס, קלוימערשט אומגעצוווּנגען, אַ הייב געטאָן ביידע הענט, קעדיי פאַרשאַרן די האָר פון איר פוכיק־צעקודלטן קאָפּ — באַזונדערע גאָלדיקע קרײַזעלעך זײַנען אַראָפּגעהאַנגען ביז די אויגן.

קרומפּײַל — סטעפּקע האָט גוט באַמערקט, אַז אַ שאָטן איז דורכגעלאָפן איבער זײַן פּאָנעם, — האָט געזאָגט געלאַסן:

— גרייט דערווײַל צום טיש, סטעפּאַניע. שטעלט אַלץ, איר ווייסט דאָך, דער גענעראַל וועט אַליין זען, וואָס עס גייט אים אונטער.

זי האָט זיך געפּאָרעט באַם בופעט, אַ געשניצטן פון דעמב (אַלעמאָל האָט זי אָפּן איינווייניקסטן ווענטל געזען אָפּגלאַנצן בא דער עלעקטרישער שײַן אַן אויפשריפט, געמאַכט מיט אַ כימישן בלײַער: „שאַפּיראָ" — עמעצער האָט באַשטעטיקט זײַנע רעכט אַף דעם דאָזיקן שטיק מעבל), זי האָט אַרויסגענומען אַף אַ טעצל געפּעס, געגאַנגען אין קיך עס איבערוואַשן, אומגעקערט זיך, קעדיי נעמען נאָך עפּעס, און אַלץ — אונטער פאָן גלייעוויצעס צוגעשמידטע בליקן, וועלכע זי האָט ניט געדאַרפט אויסמײַדן, ניט געדאַרפט און ניט געקאָנט. אַלעמאָל האָט פאָן גלייעוויץ זי פאַרטשעפּעט מיט אַ וואָרט, פאַרקניפּט אַ קורצן שמועס, וועלכן זי האָט זיך באַמיט — קרומפּײַל, האָט זי געזען, באַווילִיקט עס — העפלעך פאַרקײַלעכיקן, איבעררײַסן. געהאַלטן האָט זי זיך ניט געצוווּנגען, דרייסט — ס'איז, הייסט עס, ביידע זאַכן: אַי זי ווייסט, אַז זי איז געפעלן, אַי זי פילט זיך ביכלאַל זיכער, זי קאָן אַפילע אָפּענטפערן שאַרף — אַזאַ איז זי.

איינס פונעם ערשטן, מיט וואָס פאָן גלייעוויץ האָט זיך צו איר געווענדט (ער האָט אַלעמאָל אויפגעהויבן אַ געלן פינגער און געבעטן זי שטיין אַ ווײַלע):

— אין מאָסקווע, סטעפּאַ, איז אײַך אויסגעקומען צו זײַן?

„אַף וואָס דאַרף ער דאָס?" — האָט סטעפּקען אַ שניט געטאָן אין מויעך, נאָר געענטפערט האָט זי, פּרײַ אַ טרייסל טוענדיק מיטן קאָפּ:

— נאַטירלעך, אַז מע פאָרט פון ווײַטן מיזרעך...

— די מעטראָ האָט איר געזען?

— געזען.

— אַ שיינע?

סטעפקע האָט א שמייכל געטאָן — א ביסעלע אין פארלעגנהייט, א ביסעלע טרוימעריש, ווי זי זאָל זיך ערשט איצט פארקלערן אף דעם, וועגן וואָס מע פרעגט זי. „ע, — האָט זי באשלאָסן, — ברען ליכטיקו!"

— קיין אנדער מעטראָ האָב איך ביכלאל ניט געזען, — האָט זי געזאָגט, — מיר האָט גע־דאכט — א קיניגרייך אונטער דער ערד, א מייסעלע...

— אָט! — פאָן גלייעוויץ איז זייער צופרידן געווען פונעם ענטפער, ער האָט א טייט געטאָן מיטן געלן פינגער אף קרומפיילן. — איר ווייסט, סטעפא, איער שעף איז דער די־רעקטאָר פונעם מאָסקווער מעטראָפּאָליטען. דאָ געפינט ער זיך צייטווייליק. ווי קלערט איר — ער וועט גיך פארנעמען זיין פּאָסטן?

סטעפקע האָט געהערט, ווער קרומפייל האָט געזאָלט זיין. ער האָט טאקע באוויזן זיך דאָ פאראיאָרן, אָנהייב ווינטער, ווען מע האָט די דייטשן געגומען טרייבן פון הינטער מאָסקווע. האָט פאָן גלייעוויץ, הייסט עס, אָפּגערעכנט זיך מיט זיין אמאָליקן אונטעראָפּיצער פארן מוסער, וואָס יענער האָט אים ערשט־אָ געזאָגט. ער האָט אָבער געהאט נאָך א מיין: ארויסשטעלנדיק קרומפיילן אלס אזא, וועמען עס האָט ניט אָפּגעגליקט, האָט דער גענעראל אָנגעהויבן א פארבאָרגענעם געפעכט פאר איר, פאר סטעפקען, — דאָ האָט געהאט א ווערט געווינען אירן א שמייכל, א צוגעלאָזטן בליק, און ווייטער... נאָר — דער פרעג וועגן מאָסקווע! „אך, דו פוקס, — האָט זי געטראכט, — דאָס ווילסטו מיך שוין פאקן?" סטעפקע האָט א לאך געטאָן, ווי זי זאָל אלץ, וואָס פאָן גלייעוויץ האָט גערעדט, אָנעמען פאר א שפּאס, זי האָט אויך א בליק געטאָן אָט אזוי, א לאכנדיקע, אף קרומפיילן, וועלכער האָט קוים־קוים צוגע־שמייכלט, — ס'הייסט, ער קאָן אויך ניט טראכטן אנדערש, ווי נאָר, אז ס'איז א שפּאס, און געזאָגט:

— איר, א קריגס־גענעראל, פרעגט בא מיר אזוינס? איי, הערט שוין אוף!

זי איז אוועק אין קיך.

ווען זי האָט זיך אומגעקערט — ווידער א פראגע:

— האָט איר גאָר, סטעפא, לאָזט זיך אויס, אפן ווייטן מיזרעך אונטעריכטעט דייטש?

— יאָ, דייטש.

— מאָדנע. געוויינלעך לערנט מען אין שול די שפּראך פון פּאָטענציעלן פיינט. דאָרט וואָלט אונטערגעגאנגען יאפּאָניש.

— און איר האָט דען, הער גענעראל, יעדיעס, אז קיין ווייטמיזרעכניקעס זיינען ניטאָ אין דער אָפּערירנדיקער סאָוועטישער ארמיי?

זי האָט דאָס שוין גראָד אָפּגעפארירט בייזלעך און איז אוועק. „אך, דו פלאסטער, — האָט זי געקאָכט, — ווילסט, איך זאָל פאר דיר, אזא־אָ איבערגעשפּיצטן, נעמען ציטערן?"

ווען סטעפקע איז ווידער אריין אין צימער, האָט פאָן גלייעוויץ געזאָגט הויך ניט צו איר — צו קרומפיילן:

— דער ערשטער שטאב־אָפּיצער פון מיין דיוויזיע[1], א ביינערדיקער שוואָב, די רוסן וואָלטן אים גערופן „טאראנקע", און האלט גראָד פון פרויען, א סוואָרע, פון אים אויך, איז אז ער זעט א רוסישע שיינהייט, זאָגט ער גלייך: עפּעס א באָלשעוויקס א ווייב. אזא בלום וועט בא זיי ניט בליען סטאם אזוי.

סטעפקע האָט זיך אָפּגעשטעלט בלויז אף א ווייַלע און פון איבער אן אקסל א קוק געטאָן אפן גענעראל.

— ביז היינט בין איך זיכער געווען, אז ציטירן ציטירט מען קלוגע מענטשן, — האָט זי באמערקט, דייטלעך ארויסברענגענדיק יעדעס וואָרט.

פאָן גלייעוויץ האָט זיך גערן צעלאכט, און לאכנדיק פארענדיקט:

— איך שטעל זיך פאָר, אז מיין ערשטער אָפּיצער וואָלט אויך צו סטעפאניען צוגע־גאנגען מיט זיין געוויינלעכער מאָס, און וואָלט עפּשער מער, ווי ווען־עס־איז, געווען נאָענט צום עמעס... הא, רודי?

סטעפקע איז צוגעקומען צום בופעטל, וואָס האָט בא קרומפיילן געהייסן „דער באר", — דאָרט זיינען געשטאנען פארשיידענע וויינען. זי האָט געזאָלט דערלאנגען עטלעכע פלעשער, זי האָט זיך אָבער ניט אָנגעבויגן — אָנגעשפּארט זיך מיט א האנט אינעם טירל, וואָס זי האָט אף האלב געעפנט און געוואַרט. אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן. וויכטיק איז געווען, אז קרומפייל, אויב ער זעט ניט איין אינעם גענעראלס גראָבקייט קיין פערזענ־לעכע באליידיקונג — אף דעם איז שווער געווען אויסצורעכענען, זאָל ער דערפילן אייפערזוכט.

---

[1] שטאב־שעף.

דערפאר האָט סטעפקע דאָס פּיַכטע פּאָנעם געװוּנדט צו אים איינעם — זי זוכט בא אים א שוץ, זי האָט רעכט אַף דעם, ער װייסט, און דער גאַסט מעג וויסן...

קרומפּיַיל האָט באַרוזקט סטעפקען מיט א לענגערן בליק, אין וועלכן ס'איז געווען יענץ ביסעלע ניט פאַרבאָרגענע שטאָלץ, וואָס זי האָט געזוכט. מיטן זעלבן אויסדרוק, און מיט א קאַרגן רוזקן שמייכל האָט קרומפּיַיל גענומען א קעלישעקל, פון די דריַי, וואָס סטעפקע האָט עטוואָס פריִער אוועקגעשטעלט אַפן טיש, א דריי געטאָן עס צווישן די פינגער און געזאָגט צו פאָן גלייעוויצן:

— זעסטו, היינריך, דער פאַרגייער מיַינער דאָ, אַף דער סטאַנציע, איינער א ליזע, סטעפּאַ האָט מיט אים אויך געאַרבעט, האָט בא א געלעגנהיַיט געזאָגט: פונעם זעלבן בעכער, אין וועלכן ס'איז געווען סאַם, קאָן מען טרינקען גוטן וויַין. אליין האָט ער קיין וויַין ניט גע־טרונקען — צו אַלט געווען פאַר אַזעלכע פאַרגעניגנס. יאָ, איז אָט... אַגעוו, וואָס וועסטו טרינ־קען? וואָס מעגסטו? סטעפּאַ, אַנו, דערלאַנגט אהער, וואָס מיר האָבן דאָרט, זאָל ער זיך אויסקלײַבן.

דער „מיר" — האָט געדאַרפט וויַיזן, אַז זי איז בא אים ניט אָפּגעפרעגט, ס'האָט אויך געדאַרפט זיַין דער גליַיכגעוויכט צום גראָבלעכן, וואָס אויך ער האָט ערשט געזאָגט, און פאָן גלייעוויץ האָט געדאַרפט דערפילן, ווי ווײַט מע האָט זיך צונויפגעלעבט, דער שעף און די איבערזעצערן.

סטעפקע האָט זיך אָנגעבויגן צום בופעטל און גענומען אַרויסשטעלן אַפן ברעג פונעם טיש, צו וועלכן זי האָט לײַכט דערלאַנגט מיט דער האַנט, א פלאַש נאָך א פלאַש. יעדע פלאַש האָט פאָן גלייעוויץ גענומען אין די הענט, באַטראַכט זי, צוגעשמאַקעט מיט דער צונג.

— האַ, האַ! — האָט ער זיך אי געקוויקט, אי באַדויערט. — גריכישער קאָניאַק! גוואַלד, מע קאָן פּלאַצן! און וואָס איז דאָס? כּערעס פון מאַיאַרקע... איַי, איַי, מײַנע ליבע, די גאַל קאָן טאַקע פּלאַצן!

סטעפקע האָט קאַלט געטראַכט: „א גראַף... א געוויינלעכער כאַם!"

זי האָט זיך געלאָזט אין קיך — ברענגען א פּראָפּנציִער.

— עפּשער וועט זיך בא איַיך אָפּזוכן א פינגערהוט, סטעפּאַ? — האָט פאָן גלייעוויץ גע־פרעגט, ווען זי איז שוין געווען בא דער טיר, — עס וועט זיַין מיַין מאָס...

זי האָט אויסגעקערט דעם קאָפּ, א פינקל געטאָן מיט די זיגעריש־שמייכלענדיקע אויגן:

— א מאָס דאַרף יעדערער אליין וויסן!

אי א פּיק געטאָן, הייסט עס, אי איבערגעבעטן זיך.

סטעפקע האָט לענגער זיך פאַרהאַלטן אין קיך און געהערט — פאָן גלייעוויץ באַשטייט, אַז קרומפּיַיל זאָל ערגעץ גיין. „ער וועט מיך דאָ פאַר קיין פאַל ניט איבערלאָזן!" — סטעפקע האָט דאָס געטראַכט מיט שאָדנפרייד, וואָס איז איר געווען דערווידער, און דאָך האָט עס באַרוזקט.

קרומפּיַיל האָט זיך אויסגעדרייט:

— וואָס איז די אײַלעניש, היינריך? ווועסט דאָך אין אַזאַ פינצטערניש ניט נעמען זוכן דעם רוס. דאָ זיַינען אַזעלכע לעכער, אַוודע וווינט ער ערגעץ אין א לאָך. וועסט באַקומען דעם אַדרעס שפּעטער, נו... איך קלער, ער מוז זיַין בא מיר, און אויב אפילע ניט... אַך, דאָס דאַזיקע?..

סטעפקע האָט זיך אינגאַנצן אָנגעשפּיצט: „וועמעס אַדרעס? אין וואָס גייט עס דאָ?" נאָר די דיַיטשן האָבן געשוויגן, מע האָט ווי געוואַרט, זי זאָל זיך אומקערן.

זי איז אַריַינגעקומען און געזאָגט, אַז די אוכא איז פאַרטיק.

— גלענצנד! — קרומפּיַיל האָט צונויפגעקנייטשט דעם שטערן, ווי עפּעס זאָל אים מיַי־טאַמאָל א קימער טאָן; ער האָט פרעגעוודיק א קוק געגעבן אַף פאָן גלייעוויצן, דערנאָך אַף סטעפקען, און געזאָגט שטילער, שוין מיט א פאַרדיַיגעטער נאָטקע: — גלענצנד, נאָר אָט וואָס... צי וועט עס ניט זיַין קיין אומרעכט — איין פרוי באַם טיש? עפּשער וואָלט איר, סטעפּאַניע, אײַנגעלאַדן אהער איַיער שכיינע? נאַטירלעך, דאָס קאָן מען אָפּטאָן שנעל. א פיַינע אַזאַ, און ווי עס שיַינט — א באַשיידענע... זי איז, היינריך, א פּיקאַנטע, די קרעמעז, פון אַזיאַטישן טיפּ — די האָר פאַרדרייט אַפן נאַקן, ווי בא א יאַפּאַנקע, נאָר א רוסיאַווע יאַפּאַנקע, פּיקאַנט... קינבאַקן, א טונקעלע הויט. זי האָט ניט לאַנג געמוזט קומען פון דער וואַכטע, די קרעמעז.

סטעפקע איז געשטאַנען א פאַרלוירענע, א דערדריקטע, און בלויז די ערשטע רעגעס געטראַכט וועגן איינס: צי איז זי אויסערלעך געניג רוזק? אין קאָפּ האָט זיך דורכגעטראָגן א ווילדער געדאַנק (זי האָט געוווּסט — אַזוינס טרעפט מיט איר — קעגן יעטווידער לאָגיק): „אָט וועט זי זען, וואָס איך טראָג איבער, אָט וועט זי זיַין אַזאַ, ווי איך!" נאָר באַלד, פאַר־

צווייפלט, האָט אלץ אין איר אויסגעשריִען: „ניין, ניין, אַלגען פארשלעפּן אהער? — ניין!” זי האָט אפילע ניט גלײַך דערהערט, אז פאָן גלייעוויץ רעדט עפּעס, בלויז געזען — ער עפנט און פארמאכט דאָס מויל. נאָר אָט איז צו איר דערגאנגען, וואָס ער זאָגט, און דער אָנגע־וועקסלטער פארקעט, מיט די ווינקלדיק אויסגעלייגטע ברעטעלעך, האָט זיך גענומען וואקלען, ברעכן אונטער אירע פיס.

— אינטערעסאנט. אינטערעסאנט... קרעמעז? ווו האָב איך געהערט אזא פאמיליע? איז קומט איר באלד, סטעפאַ? עס איז אינעם זעלבן הויז?

3

אלעמאָל, ווען ליאָניע האָט געזען סטעפּקען, איז זײַן געפיל צו איר געווען א געמישט. ער האָט געוווסט, — פון נאטאשקען, אַלגע האָט געשוויגן, — וואָס עס איז צוליב סטעפּקען געשען מיט אבע ניבאָרסקין, געוווסט וועגן איר שפּעטער און ביטערער כאראָטע, וואָס האָט בא אים, אגעוו, געהאט א קנאפּע ווערט. ער האָט געוווסט, אז אָט די סטעפּקע איז א שטיקל דיבעק. מע קאָן קיינמאָל ניט זיכער זײַן, וויִאזוי זי וועט אופנעמען דײַנס א וואָרט. און אז זי איז דיך איין מאָל גערן געווען צו זען, וועט זײַן אזוי אויך א צווייט מאָל. אָבער ער האָט אויך געוווסט, מער אָנגעשטויסן זיך, ווי געוווסט, אז אָלגע (ער האָט אי אין די אויגן, אי הינטער די אויגן גערופן די שטיפמאמע „טיאָטיע אָלגע”, און ניט מאכמעס דעם ביסעלע אָפּגעפרעמדטקײַט, וואָס בלײַבט אפן גאנצן לעבן, און ניט מאכמעס דער נאטירלעכער כשיוועס צו עלטערס — פראָסט אן אײַנגעוואָרצלטע געוווינהײַט), — אז אָלגע איז ניט סטאם א קווארטיראנטקע סטעפּקעס, עפּעס דארפן זיי איינס דאָס אנדערע, און ניט די פריִערדיקע באקאנטשאפט שפּילט דאָ א ראָליע. דאָס האָט שוין באטײַט, אז סטעפּקע פארדינט אכטונג, און עפּעס א מיטגעפיל אויך. מיטגעפיל ביכלאל און מיטגעפיל, ווײַל זי איז אן איבערזעצערן. זײַן אן איבערזעצער בא פאשיסטן איז שענדלעך, די אײַזנ־באנער קוקן זייער קרום אף סטעפּקען, זיי שפּײַען קלעק, ווען זי קומט אָן און ווען זי גייט אוועק מיט קרומפּײַלן, אָבער אייניקע, און טאקע יערעמיי זארובא און אפאנאסי טימאָשטשוק, שווײַגן, ווען מע זאָגט עפּעס ניט קיין גוטס וועגן דער איבערזעצערן, און ארטעם דארוגא, טימאָשטשוקס געהילף — דער איז אפילע אן ארײַנגייער צו סטעפּקען, ס'הייסט, צו דער מומע אָלגע און צו נאטאשען, נאָר געוויינלעך שוין אויך צו סטעפּקען, און ער פארהאלט זיך מיט איר גאנץ פרײַנטלעך.

אָט אזוי האָט ליאָניע, ניט געקוקט אפן געמישטן געפיל, וואָס סטעפּקע האָט בא אים ארויסגערופן, פארעכנט זי פאר אן אייגענעם מענטשן, און ס'האָט אים פארדראָסן, ווען ער האָט זי דערזען אין קיך א צוגעפּוצטע, און מע האָט זי דאָרט באשטאט מיטן טאָפּ צוגעגרייטע פיש צום קאָכן, מיט די ספּעציעס. — קאָכן פאר וועמען? קלאָר, פאר וועמען... ער האָט גראָד באהאלטן צוויי גוטע פלאָטיצעס אינעם שטאבעל רעלסן, וואָס ליגט דאָ ניט ווײַט, צוויי גוטע פלאָטיצעס פאר דער טיאָטיע אָלגען און נאטאשקען, און געוויינלעך פאר סטעפּקען אויך. ס'וואָלט רעכט זײַן ארויסכאפּן זיי פון דאָרט וואָס גיכער, ווײַל אנומלטן האָט זײַן צוגעגרייטע מאטאָנע דערטאפּט עפּעס א שעד, ווער ווייסט — אף פיר פיס, צי אף צוויי, נאָר צוגיין צו סטעפּקען האָט ניט געלוינט, — באווײַזן צופיל, אז מע קען זיך, האָט הײַנט באזונדערס ניט געלוינט...

פאר דעם, ווי זיך לאָזן צו אָלגען, אהיים, אזוי צו זאָגן, כאָטש דאָס הויז איז געווען באנאנד, האָט ליאָניע נאָך געמוזט מאכן א ווײַטלעכן גאנג, צו יערעמיי זארובען אהיים, אף יענער־זײַט באן־ליניע, און וואָס איז טאקע זײַן, ליאָניעס, היים אויך, ווײַל אויב ניט אינעם ארומגעוואלקעוועטן בײַדל, דער סטאָראָזשקע בא דער ווידובעצער אָזערע, נעכטיקט ער און וווינט בא די זארובעס. ער האָט געדארפט זאָגן דער אלטער זארוביכע און איר טאָכטער איין קלייניקײַט — זיי זאָלן פארנעמען אף דער טאטשקע דאָס, וואָס איז צונויפגעבונדן אין קלור־מעקעס, און אוועק אף נאכטלעג אהין, ווּהין מע האָט זיך צונויפגערעדט מיט יערעמיי פאָמיטשן. אויב פאָמיטש וועט מאָרגן ניט קומען נאָך זיי, דארף מען, דערווײַל אָן דער טאטשקע, אוועק נאָך ווײַטער — אין א דאָרף הינטער קיִעוו, זיי ווייסן אויך, אין וועלכן. אים, ליאָניען, איז אָנגעוויזן געווען אן אנדער שטוב אף צו נעכטיקן, און ער האָט ניט אין אלע דעטאלן, נאָר אן ערעך געוווסט, ווּהין און דעריקער וויִאזוי ער וועט פארשווינדן, אויב יערעמיי פאָמיטש וועט נעלעם ווערן און זייער קלייניקער פישער־ארטעל וועט אופהערן עקזיסטירן. גאנץ מעגלעך, אז דאָס האָט ער טאקע געבראכט, ליאָניע, אין קיך, און דאָס האָט ער באהאלטן צווישן די רעלסן די לעצטע פיש, וואָס מע האָט געכאפּט. קומען שפּעטער א ביסל — ניט איצט — צום שוועסטערל און צו דער מומע אָלגע האָט ער געהאלטן פאר בעסער

דערפאַר, ווײַל געווען איז עס שוין זײַנער א פּערזענלעכער איניען, אף וועלכן ער האָט, עמעס, באַקומען א דערלויבעניש. און טאַקע דאָס האָט זיך אויך געוואָלט — טרעפן די מומע אַלגע אין דער היים, ווײַל זי אַרבעט דאָך, די וואַכטע דאַרף זיך ערשט ענדיקן. אָבער צווײ מאָל אַרײַן אַהין, אינעם הויז, וואָס איז דאָס אַנזיכטיקסטע אף דער סטאַנציע, אַרײַן בלויז, קעדיי אָפּגעבן די צווײ פּיש, האָט ניט געלוינט.

קוטענדיק זיך אין זײַן קורצן אויסגעריבענעם פּאַלטאָכל מיטן אופגעשטעלטן קאָלנער, פּאַרוקט די הענט אין די אַרבל (פּאַרוקט זײ אויך צוליב דעם, קעדיי אונטערהאַלטן די צווײ קאַלטע פּיש, וואָס זײַנען, פּאַרוויקלטע אין א שמאַטע, פאַרשטופּט געווען אין פּאַזוכע), איז ער ערשט אין א דרײַ פערטל שאָ אַרום נאָך דעם, ווי ער האָט געזען סטעפּקען, צוגעקומען צו דער עקסטער פּאַראַד־טיר פונעם לאַנגן דרײַשטאָקיקן מויער, ווו ס׳איז אפן ערשטן שטאָק געווען איר דירע. צוקומענדיק, האָט ער דורך א קליין שפּעלטיקל אינעם זאַרגזאַם פּאַרהאַנ־גענעם באַקאַנטן קיך־פענצטער, פון יענער־זײַט שטאַכעטל, באַמערקט א שוואַך פּאַסיקל שײַן — עס האָט געברענט דאָס גאַז־לעמפּל אפן טישל בא דער פּליטע, און דערפרייט זיך, שטיל, מיט א צאַפּל אין האַרצן דערפרייט זיך. א צאַפּל דערפאַר, ווײַל ער האָט ניט געוווּסט, ווען, אין וועלכן אָוונט, ער וועט עס ווידער זען, אָט דאָס פּײַערל. און פּלוצעם איז ער געבליבן שטיין — עפּעס האָט א צאַנק געטאָן אין אים, ווײַל דאָס העלע שפּעלטיקל בא דער זײַט פון דער פּאַרלאַטעטער רעדנע איז פּאַרשוווּנדן און אליין דאָס פענצטער איז לאַכלוטן שוואַרץ געוואָרן. „וואָס הייסט דאָס? — האָט לױאַניע א טראַכט געטאָן. — מע זאָל דאָס לעמפּל אַריבערטראָגן אין צימער? איז דאָרט דאָ א צווייטס, א בעססערס. עפּשער גיסט מען אונטער גאַז? נאָר דעמלט דרייט מען פּאַשעט אָפּ די מאַשינקע, און דאָס קנײטל ברענט, מע זאָל זען, ווי צו פּאַרען זיך... מע גייט אוועק?" א ביסל א צעמישטער און אַן אַנטוישטער פון דער דאָזיקער האַשאָרע, האָט ער געמאַכט עטלעכע שנעלערע טריט און שטיין געבליבן באַם אַרײַנגאַנג אינעם פּינצטערן קאָרידאָר פּונקט אין דער ווײַלע, ווען עמעצער האָט דאָרט, בא דער טיר, צו וועלכער ער האָט געצײַלט, שוין געפּאַרעט זיך מיט א שליסל. ער האָט אויך קוים באַמערקט בא דער שוואַכער שײַן, וואָס איז געפאַלן פון דרויסן: א הויכער מאַנצבל, אין אַן אונטערגעהאַקטן אייבערשטן פּידזשאַק, שטייט אין א זײַט, לעבן דער טיר, און מיט די שליסל האָט צו טאָן אַלגע, — אירע טונקעלע קאַנטורן: דאָס פּאַרבונדענע טיכל אפן קאָפּ, דאָס קורצע סעקל, דעם כאַראַקטערישן בייג פונעם גוף איז שוין גאָר פּראַסט געווען צו דערקענען.

— טיאָטיע אַלגע, — האָט לױאַניע שטיל א רוף געטאָן, — איר גייט אוועק?

אַלגע האָט שווײַגנדיק זיך אומגעקערט אין קיך, נאָר געבליבן שטיין בא דער שוועל, דורכגעלאָזט פאָר זיך פּריִער יענעם אינעם פּידזשאַק, דערנאָך — לױאַניען.

— איך מוז אוועקגיין, ניט אף לאַנג, — האָט זי געזאָגט, ניט אָפּטרעטנדיק פון דער שטילנע צוגעמאַכטער טיר, — וואַרט דאָ צו, לױאַניע. צינד אָן דאָס לעמפּל. קאָנסט אײַנהייצן — אין דער פּליטע איז אַלץ צונויפגעלייגט.

לױאַניע האָט פאָר זיך באַמערקט: „זי רופט מיך ניט טישקאָ". — ער האָט אינדערפינצטער געפּרוווּט זיך אײַנקוקן אינעם צווייטן, וואָס איז דאָ געשטאַנען, אָבער געזען אים נאָך ערגער, איידער אין קאָרידאָר. ער האָט געפרעגט אין פּאַרלעגנהייט:

— און נאַטאַשקע — זי דאַרף באַלד קומען?

— ניין, זי נעכטיקט הײַנט ניט דאָ.

— א שאָד... — לױאַניע האָט שטיל א קנאַק געטאָן מיט דער צונג, ער האָט גאָר ניט געוווּסט, וויאַזוי דאָס האָט זיך באַקומען — צו גרויס איז געווען דער פּאַרדראָס.

— דאַרפסט זי?

לױאַניע האָט געשוויגן. און מיטאַמאָל האָט זײַן שווײַגן פּאַרשטאַנען דער, אינעם אונטער־געהאַקטן פּידזשאַק. ער האָט געזאָגט:

— איך וועל עפּשער אַרויסגיין, צוואַרטן אין דרויסן, אַלגאַ סעמיאָנאָוונאַ?

אַלגע האָט זיך, קענטיק, געקווענקלט א רעגע, נאָר געענטפערט:

— ניין, מע דאַרף ניט. דאָס איז אונדזער לױאַניע, איר קענט דאָך אים. ער ווינט דאָ ניט. באַלד וועל איך אָנצינדן שײַן.

גלײַך, ווי אַלגע האָט אָנגעריבן א שוועבעלע, כאַטש דער שאָטן, וואָס איר שמאָלע פּלייצע האָט געוואָרפן, האָט נאָך פּאַרשטעלט דעם, אינעם פּידזשאַק און אינעם אָנגערוקטן קאַשקעט, האָט לױאַניע זיך אָנגעשטויסן — מער אָנגעשטויסן זיך, איידער דערקענט, ווער דאָס איז: ניבאַרסקי. נאָר אָט איז אפן אָנגעצונדענעם לעמפּל ווידער אָנגעטאָן געווען דאָס צוגע־בוכקעטע גלעזל, אַלגע איז אָפּגעטראָטן אין א זײַט, און לױאַניע האָט שוין ניט געצווייפלט.

כאָטש עס איז פּאַרט שווער געווען צו גלייבן (שווער, ווײַל — ווי:אַזוי, פונוואַנען, און שווער, ווײַל דער מענטש האָט זיך שטאַרק געענדערט) — טאַקע ניבאַרסקי: הויך, קרעפּטיק, קרעפּ־טיקער עפּשער, ווי אַמאָל, נאָר מיט אַ מאָדנער פאַרביטערטקייט און אָנגעשפּיצטקייט אין די אויגן, אין אַלע שטריכן פון זײַן טונקל פאַרווינטיקטן פּאָנעם.

— נו, ליאָניע, נאַ! — ניבאַרסקי האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט. — ביסטו אויך דאָ? איך האָב ניט געוווּסט. אַ סאָלדאַט?

— אַף אַ פאַנצערצוג. מע האָט מיך דאָ איבערגעלאָזט, אין שטאָט, אינעם לעצטן באַ־נאַקטיקן פּאַטרול. איך האָב אײַנדערפרי געפּרוּווט דעריאָגן אונדזערע, נאָר — ווי...

— אַרײַנגעפאַלן אין געפענקעניש?

— אַלץ איז געווען. איך בין געלאָפן פון אַ מאַשין, אַף וועלכער מע האָט אונדז פון לאַגער, פון דער קעראָסינע, געפירט אין באַבי־יאַר... — ליאָניע האָט צוגעביסן אַ ברעגעלע פון דער אונטערשטער ליפּ — אים איז ניט געפעלן, וואָס ער בראַווירט אַזוי, ווי ער שטעלט זיך אַרויס.

ניבאַרסקי האָט מיט די טריבע אויגן זיך אײַנגעקוקט אין ליאָניען, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט, ניט צו וויסן — דערמונטערנדיק צי מיטפילנדיק:

— יאָ, ברודערקע, באַ מיר איז אויך אַלץ געווען...

ליאָניע האָט דערפילט אַ וואַרעמען צאַפּל אין האַרצן, און געקומען איז עס ניט בלויז פון דעם, וואָס ער האָט אַ טראַכט געטאָן, וויפל שווער־יקייטן אָט דער מענטש האָט איבערגע־טראָגן, — נאָר פון שטאָלץ פאַר דעם „אויך" — ניבאַרסקיס. דאָס איז דער צווייטער מענטש, נאָכן טאַטן, באַ וועמען ליאָניע האָט געזען אַן אָרדען פון דער רויטער שלאַכט־פאָן: דעם טאַטנס אָרדען, אַ ביסעלע שוין אַ מאַטעווער — נאָך פון בירגערקריג, און ניבאַרסקיס אַ נײַנקער — פאַר שפּאַניע. און ער, ניבאַרסקי, זאָגט אים: „אויך"... אָבער ניבאַרסקי, וויצעך קאַזימיראַוויטשעס אײדעם, דעם לערער פון כימיע, וואָס האָט געוווינט אין אַ זײַטיקן פליגל פון דער ליובאַטשער שול, איז דעמלט, נאָך די שווערע וווּנדן, מיט וועלכע ער האָט זיך אומגעקערט פון שפּאַניע, נאָך אַרומגעגאַנגען אַף קוליעס. ער איז געקומען אין קלאַס און דערציילט וועגן יענער ווײַטער ערד, וועגן דעם, ווי מענטשן לײַדן דאָרט. כעוורע, און ער, ליאָניע, אויך אַ גרין ייִנגל, האָבן פאַרכידעשט געהערט, שוואַך, זייער שוואַך זיך פּאַרגע־שטעלט דאָס אַלץ, וועגן וואָס מע האָט געהערט, און געזען פאַר זיך אַ רעאַלן בלויז אָט דעם דאַזיקן, אַף די קוליעס, אין אוניפאָרם פון אַ פּילאָט, מיטן זילבערדיק־גלאַנציקן צייכן אַף דער ברוסט — אַן אָרדענטרעגער... אָט ווי עס זעט אויס יענץ, דאָס ביטערע, וועגן וואָס ניבאַרסקי האָט דעמלט דערציילט, און אַפילו אַ קליין טראָפּעלע פון דעם אַלעמען, אַז עס פאַלט אויס אַף איינעם, הייסט: „אַלץ איז געווען".

ליאָניע האָט געזאָגט:

— טיאָטיע אַליע, איך בין געקומען זיך געזעגענען. עפּשער ניט אַף לאַנג, און עפּשער אַף לאַנג. איך ווייס ניט. נאָר אויב איר וועט מיך ניט זען אַ טאָג, צוויי, דרײַ, און אויב איר וועט מיך לאַנג ניט זען — האָט קיין יעסורים ניט. קיין צאָרע איז מיט מיר ניט געשען, אַלץ איז אַזוי, ווי עס דאַרף זײַן. זאָגט דאָס נאַטאַשקען אויך. אַ שאָד, וואָס זי איז ניטאָ. און... דאָ האָט איר צוויי פישלעך, איר וועט זיי שוין אָפּקאָכן הײַנט צי מאָרגן.

ער האָט געוואָלט צוגעבן: „סטעפּאַניע וויִצעכאָוונען — אַ גרוס", נאָר פאַרכאַפּט זיך, געדריקט די האַנט ניבאַרסקין און אַלגען, אַרומגענומען זי, צוגעדריקט זיך, ווי שטענדיק, ווען ער פלעגט ערגעץ אוועקפאָרן, מיט זײַן באַק צו אירער.

4

נאַטאַשע האָט געטאָן ניט אינגאַנצן אַזוי, ווי זי האָט צוגעזאָגט ניבאַרסקין, — דאָס צווייטע מאָל אין מעשעך פון טאָג, און נאָך אַזאַ איימעדיקן, ווי הײַנט, באַווײַזן זיך באַ דער מאַמען אַף דער אַרבעט האָט מען ניט געטאָרט. דאָס האָט זי פאַלינק באַנומען, און נאָך האָט זי פאַרשטאַנען, אַז די מאַמע וועט אין ערגעץ ניט גיין, זי טוט עס קימאַט קיינמאָל ניט, און הײַנט וועט זי עס אוואַדע ניט טאָן. וואָס זשע יאָ, נאַטאַשע האָט זיך אַרומגעדרייט אַ ביסל אין דרויסן, לעבן שטוב, דערנאָך איז זי אוועק אַף יענער־זײַט סטאַנציע, געזען, ווי די מאַמע האָט זיך אָראָפּגעלאָזט פון די באַלויכטענע טרעפּלעך פונעם דעזשורנע מויערל און איז איר אָנגעקומען אַנטקעגן שוין אַפן שטעגעלע, וואָס האָט איבערגעהאַקט די רעלסן.

אַלגע האָט קוים דערצויגן די דאָזיקע וואַכטע. אַזוי איז אין אונטערערד — לעבסט זיך אײַן אין דער גרויער וואָר, אינעם טאָגטעגלעכן, טוסט דאָס, פון וואָס דו ציסט די כעיונע,

אָדער וואָס עס גיט דיר די רעכט צו געפינען זיך אף דײַן געהיימען פּאָסטן, שטיין, ווו דו דארפסט שטיין, ביסט ווי א קויל אין אן אָנגעלאָדענער ביקס. און קומט דער טאָג, די שאָ, די מינוט, עס קומט דער סיגנאל אָדער עס וואלגערט זיך אראָפּ א צאָרע, אָט ערשט דערמלט דערפילסטו אין דער פולער מאָס, ווער און וואָס דו ביסט. אָלגע איז שוין ניט איין מאָל שווער געפּרווּוט געווען, און זי האָט געוווּסט, אז הײַנט איז מיסטאמע נאָך ניט דאָס שווערסטע, אָבער דער טאָג איז געווען פאָרט א שווערער... די באגעגעניש מיטן פאָלקאָווניק זשאָלודיאָוו, וואָס האָט אלץ צערויעט אין איר הארץ אפּסנײַ, דערוועקט דאָרט די גאנצע בענקעניש אירע, דעם גאנצן אומעט, און גאָר־גאָר א ווייניק־טרייסטנדיקע האָפענונג, דערנאָך — די באגעגעניש מיט יערעמיי פאָמיטשן און מאקארן, דעריקער — דאָס פּעדעמל, וואָס זי האָט אין די געדאנקען דורכגעצויגן צווישן פאָמיטשן און מאקארן, דערנאָך — די מעסירע־בריוו, אלץ, וואָס עס איז אויסגעקומען צו טאָן — נאטאשקען אײַנגעשטעלט! — אף צו אליארמירן ווען מע דארף, דערנאָך — די שיסערײַ בא די אנאניעווס אין הויף, דערבײַ האָט זי ערשט שפּעטער, פון א צופעליקן שמועס אין דעזשורנע־צימער, זיך דערוווּסט, אז ס'איז בא די אנאניעווס, און ביז דעם (גוט, וואָס ביז דעם, דאָס איז נאָך אויך געווען א שטיקל פארלײַכטערונג) האָט זי דורכן פענצטער, פּונקט ווען די שיסערײַ האָט פון יענער־זייט סטאנציע זיך אָנגעהויבן, דערזען גיין נאטאשקען מיט שוניען. און כאָטש זי האָט געוווּסט, אז זיי האָבן די סאקאָנע געמיטן, דערנאָך — אָ, דאָס איז שרעקלעך, און מיסטאמע איז עס אייגנצײַטיק א גרויס גליק, ניין, אקוראט א גליק — אפאנאסי טימאָשטשוק און ארטעם זײַנען אין וועג, ניט ווײַט פון קיִעוו, געלאָפן פון זייער לאָקאָמאָטיוו, איבערגעלאָזט צווישן פאָסט־וואָלינסקי און די קאראווײַעווער דאטשעס דעם צוג, וואָס זיי האָבן געפירט פון פאסטאָוו. אָפּגעלייגט אף קאלט דעם דײַטש, וואָס האָט זיי באוואכט אפן לאָקאָמאָטיוו, און אנטלאָפן. די גאנצע ליניע טומלט, הונדערטער דײַטשן און פּאָליצײַען זײַנען אף די פיס. נאָר אז טימאָשטשוק — מיילע, ארטעם, ווי ארטעם, נאָר אז אפאנאסי ניקיטיטש האָט אזוינס געטאָן, איז שוין קיין אנדער ברײרע ניט געווען. און דאָס באטײַט: נאטאשע האָט דערקליבן זיך צו קארל קארלאָוויטשן. קארל קארלאָוויטש האָט געפונען א מיטל ניט בלויז צו וואָרענען, נאָר האלטן אין קורס אין מעשעך פונעם רייס טימאָשטשוקן, ער זאָל וויסן, וואָס עס טוט זיך דאָ, אף דער סטאנציע, און באקומען האָט זיך, אז דער מאשיניסט און זײַן געהילף האָבן געמוזט טאָן אזוי, און ניט אנדערש.

און אָט איז דער טאָג געענדיקט, אָלגע האָט קוים ארויסגעריסן זיך פון דעזשורנע־צימער, אזוי ווי אראָפּגעשלעפּט פון זיך אין דער לײַכט־פראָסטיקער פינצטערניש א מאסקע, טיף און פרײַ אָפּגעאָטעמט, קעדיי עפּשער ערשט איצט נעמען אף זיך דאָס גאנצע שווערע, אומגעשטערט ארומקלערן עס, באטראכטן די אייגענע לאגע, זען, וואָס דארף מען ווײַטער טאָן — א נאכט, און דעם מאָרגעדיקן טאָג וועט זי פרײַ זײַן! — און פּלוצעם: ווידער נאטאשע, גאָר ניט אין דער היים, גאָר דאָ, אף די רעלסן, און דאָס, וועגן וואָס זי זאָגט אָן שטיל, אײַליק, לייגט זיך קוים אפן זינען...

ניבאָרסקי!

אָלגע האָט אָפּגעשיקט נאטאשקען נעכטיקן צו באכמוטן, צו קארל קארלאָוויטשן, — ווער ווייסט, וואָס פאר א נאכט ס'וועט זײַן, איז צוליב וואָס זאָל נאטאשקע, אייגנטלעך, נאָך א קינד, זען, ווי עס וועלן זיך באגעגענען סטעפּקע מיטן מאן, הערן, וואָס זיי וועלן ריידן, און ביכלאל — שוניע איז דאָרט, בא די באכמוטס, ניט אף לאנג, ביז האלבער נאכט, מעג מען אָנטאָן די קינדער א פארגעניגן, זיי לאָזן זיך אָנריידן א ביסל. נאָר דאָס איז סטאם אזוי, עפּשער א מאמעס נארישער געדאנק. פּאָשעט, שוין א פּאָר מאָל, ווען אף דער סטאנציע ווערט אומרויִק, קלערט זיך, אז בא די באכמוטס איז זיכערער און עס געפינט זיך אן אויסרייד אף אָפּשיקן אהין נאטאשען, אויב צו די גלאגאָלעווסקיס אין שטאָט איז שוין שפּעט צו גיין, — בא די באכמוטס איז אן אָפענע שטוב, מע נעמט אראָפּ א זײַטל פון דער קיך־טיר, מע לייגט עס אוועק אף צוויי בענקלעך און עס ווערט א געלעגער.

אָפּשיקנדיק נאטאשען, האָט אָלגע שוין געוווּסט: סטעפּקע איז אין דער היים ניטאָ, זי וועט קומען שפּעט, און וואָס שפּעטער סטעפּקע וועט קומען, אלץ ערגער וועט עס זײַן — ערגער פאר סטעפּקען, ערגער פאר אבען, נו, און ערגער אויך פאר איר, אָלגען. כאָטש דעם ערשטן קלאַפּ וועט זי שוין אלציינס נעמען אף זיך, זי וועט דארפן אי אויסהערן אבען און ערלעך, טאקע ערלעך, נאָר ניט זאָגנדיק דעם פולן עמעס, פארשווײַגנדיק דאָס ביטערסטע, וועגן וואָס זי שטויסט זיך אָן, און וואָס אייגנטלעך זי רעדט זיך אײַן, אז זי שטויסט זיך עס נאָר אָן, דערציילן אים וועגן סטעפּקען, וועגן דעם, ווער זי איז איצט. און דאָ וועט וויכטיק זײַן — עס וועט היילן אבעס הארץ — דערציילן אים וועגן סטעפּקעס פארצווייפלונג, וועגן אירע ליידן נאָך דעם, ווי ער איז איבער איר ארײַנגעפאלן צו די דײַטשן אין די הענט,

ליידן, וואָס האָבן זי שוין געהאַט דערפירט צו מעשוגאַס, קימאַט צו מעשוגאַס, און אַז דער אויסברוך פון סינע צו די, וואָס האָבן געבראַכט די פּײַן איר און אַלעמען, אָט דער פאַר־שטאַנד, וואָס האָט זיך דערוועקט אין איר, האָט זי געמאַכט פאַר אַזאַ, ווי זי איז.

מיט די דאָזיקע געדאַנקען, מיט דעם דאָזיקן פעסטן באַשלוס, איז אָלגע געקומען אַהיים, געטראָפן זיך מיט אַבען, און פון די ערשטע מינוטן, וואָס מע האָט זיך באַגעגנט, האָט זי ניט אויפגעהערט כידעשן זיך: ער האָט זייער ווייניק געפרעגט וועגן סטעפּקען, עס קאָן הייסן, געפרעגט סאַמע דאָס געוויינלעכע — ווי פילט זי זיך אין געזונט, צי לעבט מען ניט שטאַרק געענגט, און גאָר פאָרזיכטיק (אָלגע האָט באַמערקט — פאָרזיכטיק), צי קומט איר אָפּט אויס, סטעפּקען, זײַן אַזוי שפּעט פאַרנומען?.. באַ אָלגען איז אַפילע דורכגעלאָפן אַ געדאַנק: עפּשער גייט זי אים שוין ניט אָן אַזוי שטאַרק, סטעפּקע, און עפּשער האָט ער ביכלאַל מיט אַלץ אַ סאָף געמאַכט אין האַרצן? נאָר אָט איז ער געקומען. כאָטש, מע האָט עס געקאָנט דערקלערן אויך אַזוי — געקומען, קעדיי מע זאָל אים צונויפירן מיטן מאַשיניסט זשעסטאָווסקי... דאָך האָט אָלגע געזען עפּעס אַנדערש: ס'איז דער זעלבער אַבאַ ניבאָרסקי, וועלכן זי האָט געקענט, און דער זעלבער אַבאַ ניבאָרסקי, וועלכן סטעפּקע קען (מע וועט עס איר מעגן זאָגן), — אײַזן און גאָר, און טיפע אויסגעהאַלטנקײַט, טיפע אָרנטלעכקײַט, און דער זאָג זײַנער, צוויי מאָל — סאַכאַקל צוויי מאָל פאַר דעם פערטל שאָ, וואָס מע האָט זיך געזען: „ס'פאַרדריסט, וואָס סטעפּקע איז ניטאָ, אָט אַ פאַרדראָס!" — דאָס דאָזיקע האָט באַטײַט אַ סאַך און רעדט וועגן אַ סאַך...

ווען ליאָניע איז אָנגעקומען, האָט מען זיך שוין געקליבן גיין צו זשעסטאָווסקין — דער מאַשיניסט האָט געוווינט אַף יענער־זײַט פון דער סאַפּיאָרנע סלאָבאָדקע, קימאַט באַם וואַלד, און מע האָט דעם גאַנג ניט געטאָרט אָפּלייגן, ווײַל אַבאַ האָט דאָ פאַרלוירן אַ שאָ צײַט, די שאָ, ווען מע האָט געמעגט אומגיין אָן „אויסווײַזן", און כאָטש „אויסווײַזן" האָבן ביידע פאַרמאָגט, איז גלײַכער געווען אין אַזאַ נאַכט, ווי די הײַנטיקע, זיך ניט טרעפן מיט די קאָנטראָל־פּאָסטנס. מיטן צווייטן אַדרעס, וואָס אַבאַ האָט געהאַט, האָט אָלגע באַשטימט זיך ניט באַנוצן — ס'איז געווען צום זעלבן קאַרל קאַרלאָוויטשן, און דאָרט האָט גע־וואַרט שוניע, וואָס האָט אויך הײַנטיקע נאַכט געדאַרפט אָנטרעפן אַף זשעסטאָווסקיס לאָקאָמאָטיוו, — נאַטאַשע האָט געזאָגט, אַז אַף זשעסטאָווסקיס. דעם לאָקאָמאָטיוו באַגלייט אין רייס פאַן קופּקאַ, אַ באַיאָרטער טשעך, וואָס האָט פײַנט די פאַשיסטן ניט ווייניקער, ווי די, וועמען ער באַוואַכט. דערוויסן זיך, צי באַ זשעסטאָווסקין איז אַלץ ווי געווען, האָט אָלגע געהאַט באַ וועמען, — זײַן שוויגער האָט געוווינט מיט אים אין איין געסל.

ליאָניע איז אַוועק, און מע איז אין אַ מינוט־צוויי אַרום אויך אַרויס פון דער שטוב. געגאַנגען איז מען שווײַגנדיק — אַזוי איז גלײַכער, און ליאָניעס אַוועקגיין האָט אויך ביידן צערודערט. ערשט ווײַטער האָט אַבאַ מיט די פינגער אָנגערירט אָלגעס אַרבל און געבעטן זי אָפּשטעלן זיך. ער האָט געזאָגט:

— סטעפּקע, ווי קומט זי דאָרט אויס? אַ שעף און ביכלאַל... זיי זײַנען דאָך אַזעלכע פרעכע, קלעפּיקע.

אָלגע האָט געענטפערט ניט באַלד, זי האָט אַפילע געוואָלט, ער זאָל זען — זי באַטראַכט דעם ענטפער. און כאָטש זי האָט געוווּסט, אַז דאָס, וואָס זי וועט באַלד זאָגן, וועט קלינגען צווייִדײַטיק, האָט זי אויך פאַרשטאַנען, אַז נאָר אַזאַ דאַרף זײַן איר ענטפער:

— איך וואָלט ניט געקאָנט דאָס, וואָס סטעפּ־קע קאָן.

געטראַכט אַ ווײַלע, האָט זי צוגעגעבן:

— ס'איז אַן אַנדער סטעפּקע. איך האָב אַמאָל ניט שטענדיק געהאַלטן פון איר, איצט האָב איך זי ליב. זי איז ווערט, מע זאָל זי ליב האָבן.

(פאָרזעצונג קומט)

אווראָם גאָנטאר *

דורך דויעס דורך טיפע

דער רוסישער ווינטער

דורך ווײַטע
געשלענגלט־צעכראַסטעטע וועגן
דער רוסישער ווינטער
עס לויפט מיר אַנטקעגן.

מיט באַרוועס־פאַרפרוירענע פיס
אין די שנייען
די ווײַסע בערעזעס
אַנטקעגן מיר גייען.

עס גייען אַנטקעגן
די טונקעלע יעלן.
מיט רויטע, פאַרפרוירענע
שנירלעך קאַרעלן.

עס לויפט מיר אַנטקעגן
די רוסישע, דינע,
די פראַסטע און ליבע
קאַלינא־מאַלינא.

די קעפּ און די אַקסל
מיט שניי פאַרפּאַראַשעט,
זיי בייגן זיך טיף,
ווי די פויערטעס פּאַשעט.

און פּניאַקעס און קוסטעס,
ווי פוכיקע בערן,
זיי קוקן צום שליאַך
און פאַרכידעשטע הערן,

ווי ס'סקריפּען אין שניי
מײַנע וואַליקעס־פּוישטן,
וואָס האָבן די שטילקײַט
צעבוויטעט אין דרויסן.

פון פראַסט־טוי און שטילקײַט
ער גייט א געשפּינטער,
דער זאַפּטיקער, לויטערער
רוסישער ווינטער.

טײַנעס צו די שטערן

אַנגערוקט דאָס היטל,
אין א פּעלץ א שווערן,
קאָן מען גיין זיך אויסטײַנען
מיט די קאַלטע שטערן.

מיינסט איך בין א שויטע,
גלייב מיר בענעמאָנעס —
שטערן זײַנען שטערן,
ניט קיין שום נעשאָמעס.

ניט פון די פאַרפאַלענע
אָן דאַטעס און אָן קוואָרים,
ניט פון די געפאַלענע
אינעם פלאַם פון שטורעם.

גיי איך מיר פּאַוואָלינקע,
און וואָלט מעגן שווערן,
אַז אין הויכן הימל
הערן מיך די שטערן.

כ'בין געוועזן דער יינגסטער,
איצטער שוין דער עלטסטער...

אַנגערוקט דאָס היטל
און א שווער־געפעלצטער
גיי איך און איך טראַכט מיר:
אַף דער ערד דער ווײַסער
קאָן דער דינער פּאַדעם
פּלוצעם זיך צערײַסן...

כ'בין דאָך ניט אַף אייביק,
כ'וועל דאָך אויך פאַרגייען,
ווי די קאַלטע, ווײַסע
פינקלענדיקע שנייען.

ווער זשע וועט געדענקען
כאָטש א ליבן נאָמען,
ווער וועט אַף א סימכע
מײַנע פרײַנט דערמאָנען.

בעסער זײַן א שויטע,
ווי מײַן מאַמע קלערן,
אַז אין הויך זיי לויכטן
צווישן ווײַטע שטערן.

דאָס גאָלדענע פישל

אין ברויזיקע כוואַליעס,
וואָס בויטען זיך, מישן,
שווער איז צו כאַפּן
דאָס גאָלדענע פישל.

דאָס פלינקע, געגאַרטע,
וואָס שטיפט און וואָס בלענדט.
אָט דאַכט זיך —
דו האַלטסט עס שוין פעסט אין די
הענט,

נאָר ס׳טוט זיך א דריי,
און עס טוט זיך א שלײַך,
און ווידער פאַרשווינדט עס
אין טיף פונעם טײַך.

א בענקשאַפט באַפאַלט,
און עס קלעמט א פאַרדראָס,
כאָטש ווייסט ניט,
דאָס פישעלע דאַרפסטו צו וואָס?

די גאַס פול מיט מענטשן,
מיט בלויקײַט און זון,
און אַלע זיי וואָלטן
געלאַכט פונדערפון,

ווען כ׳וואָלט זיי דערציילן,
וואָס ס׳קלעמט מײַן געמיט.
דערפאַר כ׳האָב מײַן טרוים
אינעם האַרצן פאַרהיט.

דאָך פאַנגען דאָס גאָלדעלע
וועל איך מיסטאָם,
אין גרויסן, אין ברויזיקן
מענטשלעכן יאַם.

מ ײַ ן   ט פ י ל ע

שמועל גאָרדאָנען

מײַן טפילע צו דעם וואלד איז איצט געווענדט,
מײַן טפילע צו דעם וואלד
דעם מעכטיקן,
צום גיבער פון דער ערד — דעם דעמב,
צו דער בערעזע צו דער פּרעכטיקער.

מײַן טפילע צו דער סאָסנע,
צו דער יעל,
וואָס האַלטן אַף די קרוינען לײַכט דעם הימל.
וואָס ווערן גרינער נאָך,
ווען ס׳איז ארום שוין געל —

מײַן טפילע צו דעם וואלד,
מײַן הימן.

צו יעדן קוסטיקל, צו יעדער בלאַט,
צו יעדן צווײַגעלע,
צום שאָטן-פלעק אפילע,
וואָס האָבן קיין געהיימניס ניט פאַראַט —
צו אַלעמען צו זיי מײַן טפילע.

פונקט ווי א מאַמע האָסטו אויסגעשטרעקט די הענט
און אין די אָרעמס זיי געטרײַ פאַרשלאָסן,
ווען זייער היים האָט, ווי א ליכט געברענט,
ווען זייער בלוט עס האָט די ערד פאַרגאָסן.

האָסט פון דער קויל פאַרשטעלט זיי
און פאַרהיט.
באַשאָטנט מיט דײַן צווײַג א קינדערש וויגל.
באַם זון-פאַרגאַנג, ווען יעדער בלעטל גליט,
ארומגעקרײַזט זיי אַלע אין א היגל.

דער שלענגלדיקער שטעג,

וואָס אין דײַן טיפקײַט פירט,

איז פאַר דעם סוינע שטרענג געווען פאַרבאָטן,
דער פרילינג האָט, ווי שטענדיק, דיך באַצירט
מיט גרינע פרענזעלעך,

מיט האַפּט פון שאָטן.

די כאַשכעס פון דײַן טאָג איז ניט געווען קיין שטראָף,
זי האָט געשפּרייט זיך אויף דעם מאָך דעם פרישן,
פאַר מוירדים איז געשמאַק געווען דער שלאָף
אויף נאָדל־טעפּעכער,

פונקט ווי אויף ווייכע קישנס.

אין דײַן געדיכטעניש פאַרהיט האָסט יעדן סאָד,
קיין פויגל ניט געטאָרט עס האָט אים הערן.
פאַרנעם מײַן בענטשונג פאַרן גרויסן גנאָד,
מײַן בענטשונג פאַר דײַן אָל דעם שווערן.

מײַן טפילע כ׳האָב געווענדט צו דיר דערפאַר,
ווײַל ביסט מײַן פאָלק געשטאַנען אין די נויטן.
כ׳געדענק, כ׳געדענק דעם בלוטיקן פאַנאַר,
דעם מוירעדיקן וואַלד דעם טויטן.

דיביימער, וועלכע שטייען אויסגעדאַרט,
זיי זײַנען אויסגעשטאָרבן

אָט אין יענער שקיע.
ווען ס׳האָט דער מערדער אײַלנדיק געמאַכט
אויף צווײַגן זייערע אַ טליע.

ניט שולדיק איז דער וואַלד, איך ווייס,
פאַר צאָרנדיקע ביימער־טליִעס.
פאַרנעם מײַן טפילע,

זי איז בלוטיק הייס —

פון הארצן קומט זי אָן שום צוויִעס.

פ אַ ר ג ע פּ י ל

דו זאָגסט, ביסט פול מיט פאַרגעפּילן,
דיר דוכט זיך אַלץ — זי גייט, זי גייט,
די שטרענגע שאָ,

וואָס קאָן זיך הילן

אין זילבערנעם, אין גאָלדן קלייד.
דיך שרעקט איר גליוורדיקער אָטעם,
כאָטש קומען קומט זי שטילערהייט.

פאַרוואָס, פאַרוואָס, וואָלסט וועלן וויסן,
דער גוירל הענגט פונקט, ווי אַ שווערד?
— — — — — — — — — — —

אויב לויטער־ריין איז דער געוויסן
איז באָטל יעדער מין „באַשערט״.

דער רוי־געשריי, וואָס פון פאַרצײַטן
נאָך ביז אַצינד צעוויגט די לופט.
אין יאָמטעוודיקן טאָג באַנײַטן
ער רופט נאָך אַלץ.

דו הערסט, ער רופט?

איך ווייס ניט פון קיין שום גוירלעס.
איך גלייב דער ערד און מײַן געצעלט.
מיט פאַרגעפּילן ענג און שמאָל איז
די גרויסע לויכטנדיקע וועלט.

אָן מאַטאָנעס

איך וועל פון דער לעוואָנע
דיר ברענגען א מאַטאָנע —
א שטיינדעלע,
א הרודקעלע,
א הויפנדל פון אש.
אוודע ז'א סאַקאָנע
גיין צו דער לעוואָנע,
פאַראַן אָבער אן אייצע —
א טראָפּן שטאַרקן יאש...

נעם איך מיר דאָס שטעקעלע
און צום לעוואָנע־שטעגעלע,
וואָס ציט זיך מיטן יאַם אוועק,
איך גיי.
איך שטיי
באַם יאַם א רעגעלע,
באַם גינגאָלדענעם וועגעלע,
וואָס לויפט צו דער לעוואָנע
גלײַך פון ברעג.

נאָר וואַרט נאָר, מײַן נעכאָמעלע,
ווי לאָזט מען דיך, נעשאָמעלע,
ווי גייט מען הענדום־פּענדום
גאָר אוועק.
ווײַל גיין צו דער לעוואָנע
אָך, איז א סאַקאָנע,
און ווייסטו כאָטש, מײַן שוועלבעלע,
פאַרוואָס?

ביז כ'וועל צוריק זיך קערן
מיט א בראָשקעלע — א שטערן
קאָן איך נאָך, מײַן קעלבעלע,
בלײַבן מיט דער נאָז.

כ'וועל צוואַרטן, מײַן פּישעלע,
א קאַפּעטשקע,
א ביסעלע,
כ'וועל נאָר דעם גומען אָפּפרישן,
נאָר אײַנעצן די ליפּ,
און פרעגן אָן טאַרומעס:
אָן שטערן, אָן לעוואָנעס,
אָן בראָשקעס, אָן מאַטאָנעס
וועסטו מיך האָבן ליב?

* * *

פון קיינעם, פון קיינעם,
פון זיך נאָר פון איינעם
פון מײַנע מעקוימעס,
מיט מײַנע כעסרוינעס

דאָס לאָשן דאָס איידעלע,
צאַרטע און גראָבע —
עס גייט פונעם זיידן
עס קומט פון דער באָבע.

פון אייגענע ערטער —
די טרער, דאָס געלעכטער.
דער טרויער פון ניגן —
פון קינדערשן וויגל.

די זיטן, די מידעס,
כאַראַטעס און ווידעס,
די פאַרבן די בונטע,
די העלע באַזונטע,

די בלויע, די גרויע,
די טונקעלע, שוואַרצע —
פון אייגענעם הארצן,
פון אייגענעם הארצן.

פון קיינעם, פון קיינעם,
פון זיך נאָר פון איינעם,
געלײַטערט, געשליפן
דורך דויערס דורך טיפע.

דווירע כאַראַל

פערגאַנאַ

אין פערגאַנאַ, ווו איך האָב זיך געפונען בײַס דער מילכאָמע, האָבן געלעבט אויך אַנדערע מישפּאָכעס פון מאָסקווער שרײַבער. דאָ בין איך אָנגעקומען אַף אַרבעט אין נאַרקאָמפּראָס. איך ווער אַן אינסטרוקטאָר פון קינדערהיימען. מײַן אַמאָליקע אַרבעט, אַלס לערערן אין קיִעוו און אין מאָסקווע, קומט מיר דאָ צוניץ.

צוויי מאָל אין טאָג הערן מיר מיט א פאַר־כאַפּטן אָטעם די סוואָדקעס פון פראָנט. מיר קענען גוט די שטים פונעם דיקטאָר לעוויטאַן. די רויטע אַרמיי לעבט און טרײַבט די פאַשיסטן פון אונדזער ערד.

איצט זע איך אַלע טאָג מײַן קינד, וואָס גייט אין קינדערהיים נום. 1. דער קינדערהיים גע־פינט זיך אין עק שטאָט, לעבן א גרויסער אָזערע. מע רופט זי די קאָמיוגישע אָזערע. טײַכלעך פון נאָענטע בערגלעך שטראָמען צו איר, די אָזערע איז ברייט און לאַנג, אַף אירע ברעגן וואַקסן ביימער און קוסטעס. אַלע פאַר־נאַכט נאָך דער וועטשערע קומט צו לויפן אין די קוסטעס, וואָס לעבן דער שטוב, מײַן קינד. איך וואַרט שוין דאָ אַף אים. איך ברענג מיט זיך א טעפּעלע פון אויסגעקאָכטע פרוכטן. און אַלץ, וואָס מיר גיט זיך אײַן צו קריגן אַף מײַן פּראָדוקטן־קאַרטל. איך וואַרט, ווען עס פאַר־מאַכט זיך נאָך אים דאָס טירל, ערשט דעמלט קער איך זיך אום אַהיים.

דאָס אַלץ קומט מיר אָן ניט גרינג. ס׳ווערט טונקל. קיין הײַזער זײַנען אַרום דער אָזערע ניטאָ, דורכגייער באַווײַזן זיך זעלטן. ווען איך גיי לענגויס דער אָזערע, פאַרגיכער איך די טריט, איך לויף קימאַט. ווען איך קום אַריבער דאָס איימעדיקע אָרט, גיי איך רויִק און צו־פרידן. ער איז געזונט. איך האָב אים געזען.

מיר איז ליב מײַן וועג, די זילבערנע טאָפּאָלן אַף די ברעגן פון די אַריקן, די שטאָט אין שײַן פון עלעקטרע. אַף מיר וואַרט מײַן שכיינע. זי איז עוואַקויִרט פון קעשענעוו מיט צוויי טעכ־טער און אַן אייניקל. די טעכטער אַרבעטן, און זי, א קליינינקע, א שוואַכע, גרייט אַף שפּענדע־לעך טעפּעלעך מיש־מאַש. זי לייגט אין זיי אַרײַן קאָלעמינע־שיִע און עס באַקומען זיך בא איר זעלטענע מײַכאָלים. דאָס מײַכל מיש־מאַש האָט זי טאַקע מיך אויסגעלערנט אויסקאָכן פון פאַר־שיידענע וואָלוועלע פרוכטן.

די עוואַקויִרטע קינדערהיימען, מיט וועלכע איך בין פאַרבונדן לויט מײַן אַרבעט, געפינען

פאַרזעצונג. זע „סאָוועטיש היימלאַנד״. נום. 6, 1973.

לירישע העפטן

זיך אין קאָלווירטן, הינטער פערגאנא. דעריבער בין איך שטענדיק אין וועג, טאָגטעגלעך אין פעלד. די ארומיקע נאטור ווערט מיר נעענטער און היימישער. דאָס אויג קלײַבט אָפּ דאָס, וואָס איז ליב געוואָרן. איך פארקוק זיך אפן ברייטן שליאך, וואָס פירט פון די ווײַטן אין שטאָט ארײַן. אפן שליאך יאָגן מיר אנטקעגן לאסט־מאשינעס און וועלאָסיפעדן. אָט באווײַזט זיך א לאנגע מאזשארע, אָן אָנגעפּאקעוועטע מיט קלומעקעס. די מאזשארע איז ענלעך אַף אונדזער אוקראַיִנער וואָגן, אין איר זײַנען געשפּאנט צוויי גרויסע טונקל־געלע אָקסן. איך באגריס זיי מיט איציק קיפּניסעס א ליד:

שאָלעם, אָקסן, מיט אײַך אײנײנעם איך בין געוואָקסן.

אָט באווײַזן זיך אפן שליאך צוויי קעמלען, אײַנגעשפּאנטע אין א ארבע, וואָס איז אָנגע־סטאסעוועט מיט בוימוואָל. די ארבע זעט אויס ווי א בארג. קעמלען האָב איך דאָס ערשטע מאָל דערזען אין אוזבעקיסטאַן.

די צוזאמענווווינונג, וואָס מיר האָבן באקומען, געפינט זיך לעבן בוימוואָל־זאוואָד. אהער פלעגן אלע אינדערפרי קומען קעמלען, אָנגעלאָדענע מיט בוימוואָל. מיטן שמאָלן שטעגל האָבן זיי געשפּאנט אײנער נאָכן אנדערן, בא יעדן זײַ־בעטן קעמל א גלעקל אפן האלדז. אויסגערוטע פאר דער נאכט, האָבן זיי אַף די הויכע פיס געשפּאנט אזוי גרינג, אזוי גײַוועדיק, גלײַך אַף זייערע זײַטן וואָלטן ניט געהאנגען קיין שווערע פעק. אָפט פלעגט זיך דערטראָגן א הארצרײַסנ־דיק געשריי פון א קעמל. מ'האָט מיר דער־קלערט, אז דאָס קעמל שרײַט אזוי, ווײַל אים מאטערט די היץ און דער דאָרשט. די קעמלען קומען אָפּרוען אַף באנאכט אַף א גרויסן פלאץ, וואָס געפינט זיך ניט ווײַט פונעם זאוואָד, לעבן א קאנאל. איך פלעג פונדערווײַטנס זען, ווי די קעמלען שלאָפן זיצנדיק. זיי זעצן זיך אויס אַף דער ערד אזוי, אז ארום יעדן קעמל זאָל זײַן א פרײַ שטיקל ערד. זיצנדיק קערעווען זיי אויס איינער צום אנדערן די קעפּ. מיר דאכט זיך, אז זיי פירן צווישן זיך א שמועס. וועגן וואָס — ווער ווייסט? קאָן זײַן, וועגן דעם, אז נאָכן שווערן טאָג ארבעט איז גוט צו רוען דאָ אַף דער ערד, אפן גרינעם גראָז, אין דער קילער נאכט.

סעדער

איך גיי מיט די קינדער פון קינדערהיים אין די סעדער, אין וועלכע עס רײַפן פערשקעס, פערסיקעס, אינזשיר, עפּל און בארן. די סעדער

די רעדאקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק די דיכטערן דווירע כאַראַל צו איר אַכ־ציקסטן געבורטסטאָג און ווינטשן איר געזונט און פיל שעפערישע יאָרן.

אין אוזבעקיסטאַן איבערראַשן מיך ניט. דאָס איז דערפאַר, ווײַל איך בין אויסגעוואַקסן אין די אוקראַאינער סעדער. פרילינג שטייען די ווײַנשל־סעדער אַף אוקראַאינע אין ווײַסן צוויט. זומער, ווען עס ווערן רײַף די העל־רויטע ווײַנשל און די טונקעלע קאַרשן, פאַרקישעפן די סעדער מיט זייער געמיש פון פאַרבן. דעמלט האָב איך קיין לידער נאָך ניט געשריבן, פלעג איך אויסנייען מיט זײַדענע בײַוועלעך.

אראָפּגעלאָזט די אויגן,
איך ניי מיט זײַד אַף סאַמעט אויס.

די אוזבעקישע סעדער האָבן מיר קיין נײַע אײַנדרוקן ניט געגעבן, נאָר פאַרטראַכטן פלעג איך זיך דאָרט ניט איין מאָל. אָט ליגן אַפן גרינעם גראָז רײַפע פערשקעס, וועלכע זײַנען אַראָפּגעפאַלן פון בוים. מע האָט זיי ניט באַוויזן צונויפקלײַבן. עס קריכן אין גראָז מורעשקעס. זיי האָבן ניט נאָר אופגעגעסן די פערשקע, זיי האָבן באַוויזן צעשפּאַלטן דאָס האַרטע קערל. אָט עסן זיי דעם יאָדער. ווו האָט געגומען אַ מורעשקע קויעך צו צעשפּאַלטן דאָס קערל. איך פאַרשטיי, אַז די מורעשקע האָט אויסגענוצט דערבײַ איר סאַם.

קוקנדיק אַפן קימאַט אופגעגעסענעם קערל, טראַכט איך וועגן דעם, ווי די נאַטור באַוואָרנט איר מורעשקע מיט סאַם.

איך האָב אַ פּאָר מאָל געגעכטיקט אין סאַד און געזען דעם זון־אופגאַנג. דער סאַד איז געשטאַנען אין פאַרטאָגיקער בלויקייט אַ גרוי־לעכער. נאָר פּלוצעם האָבן די ערשטע שטראַלן פון דער זון אַ שאָר געטאָן איבער די צווײַגן און דער סאַד האָט צעשפּילט זיך מיט פאַרבן. איך האָב דערזען אין דער טיף פון די צווײַגן אַ רײַפן עפּל, אַ געלן, מיט ראָזער פאַרב בא איין זײַט. צווישן די גרינע בלעטער האָט ער אויסגעזען ווי אַ גאָלדענער. וווּנדער!

קוקנדיק אַפן עפּל אין דער טיף פון די צווײַגן, האָב איך געטראַכט: די נאַטור האָט אים אויס־באַהאַלטן פון פויגלשן שנאָבל; אַזוי באַוואָפנט זי די מורעשקע מיט סאַם, אַזוי באַהאַלט זי אויס דאָס געלכל פון אַן איי, מיט אַ ווײַסלעכל און מיט אַ שאָלעכצל.

בערג

ווען איך גיי אַרויס פון דער שטאָט אין פעלד, קומען מיר אַנטקעגן הויכע בערג. מיט טרעפּ־עלעך און בערגעלעך הויכן זיי זיך אַרויף צום בלויען הימל. אַף די שפּיצן ליגן בלוילעכע שנייען. זייער קאַלטער, פאַרגליווערטער אייבי־קער שווײַגן, זייער טויבקײַט דריקט אַף מיר, שרעקט מיך. איך ווענד אָפּ דעם בליק. איך קוק אַפן הימל, וואָס הויכט זיך איבער די בערג, און איך באַמערק צווישן הימל און די בערג אַ ליכטיק־גרוילעך געוועב, עס צעוויקלט זיך אי־בער שנייִקע שפּיצן און ציט זיך ווי אַ ליכטי־קער שאַרף אַלץ פאַרויס. איך פאַרקוק זיך אַפן לויכטנדיקן האַפט.

אָט שטיי איך אַף די שאַכמאַרדאַנער בערג, דאָ האָב איך דערקענט מײַן מיידלשע טשאַדרע, וואָס איך האָב אַמאָל צוגעטראַכט. זי איז גע־ווען גרינג, ווי רויך, און האָט געפלאַטערט אַפן ווינט.

הייס זײַנען זאַמדן,
נאָך הייסער איז ווינט,
אַפּל איך אַ באָרוועסע —
אײַלן איז גרינג,
אַרום מיר נאָר זאַמדן,
איך שוועב צו דער הויך —
גרינג איז מײַן טשאַדרע,
גרינגער, ווי רויך.

מיך שרעקן שוין מער ניט די פאַרגליווערטע בערג.

דאָ אַפן שטעגל, באַ זייער צופוסנס, קומען מיר אַפן זיכּאָרן פאַרשיידענע פאַלן פון מײַן פריִער יוגנט.

זומער־צײַט פלעגן פאַרקומען אין אַכרימאָווע אָפּטע כאַסענעס. מע פלעגט פירן די קאַלע מיט מוזיק איבערן שליאַך, זי איז געווען געקליידט פון קאָפּ ביז די פיס אין ווײַסן. מיט אַ ווײַסן טול אַפן קלייד און אַפן פּאָנעם. דעם טול האָט

מען גערופן פּאַטאַ. די כאַסענעס זײַנען געווען יאָמטעוודיקע.

דעם טאָג פון דער כאַסענע האָט די קאַלע געפּאַסט, געבעטן, אַז איר קומענדיק לעבן זאָל זײַן מיט מאַזל און גליק. און וואָס האָט דער־וואַרט אַן אַכרימאַוער מיידל? זי פלעגט ווערן „באַ זיך אַ באַלעבאָסטע״ אין אַן אייגן שטיבל, אָפּטער פלעגן דאָס יונגע פּאָרפאָלק גיין אין שכיינעס. טאָגטעגלעך פלעגט זי הייצן דעם אויוון, שאַרן די גלי׳ענדיקע קוילן אַרום זודיקע טעפּ, און זען, אַז דער רויך זאָל גיין גלײַך אין קוימען. זי פלעגט טינקעווען דעם דיל מיט גע־לער ליים. די ווענט זײַנען אָפט געווען פּײַכט, אין די ווינקלען האָט געצוויטעט דער שימל. זי האָט געשפּאָרט יעדע קאָפּקע, קעדיי מאַנטיק אָפּן יאַריד זאָל זי האָבן פּאַרוואָס צו קויפן אַ האָן אָפּן קומענדיקן שאַבעס. און קויפן האָט זי שטענדיק געקויפט „אַ מעצי׳ע פּאַר אַ גאַנעוו״.

מיר האָט דער גוירל פון אַזאַ קאַלע אין ווײַסן אויסגעזען טראַגיש.

מיק, אַ פּאַרליבטע אין דער רוסישער קלאַ־סיק, האָט זייער געשראָקן דאָס מאָרגעדיקע לעבן. איך האָב ליב געהאַט אַרומגיין און קוקן אָפּן ווײַטן האָריזאָנט.

בײַס מײַנע שפּאַצירן צום האָריזאָנט האָב איך אויסגעוועבט אַ געוועב פון מײַן טשאַדרע־טרים, וואָס האָט פּאַרהיט מײַן לעבן פון די מאָנטיקדיקע יאַרידן, פון קאַצאַווישע געשלעגן אין גאַס, פון בלאָטעס און זאַווערוכעס, וועלכע פלעגן נעמען אין קלעם די אַכרימאַווער מייד־לעך...

אין ווײַנגאָרטן

איינער אַ פּאַרזיצער פון אַ קאָלווירט האָט אײַנגעלאַדן אַ גרופּע שרײַבער צו זיך אין ווײַנ־גאָרטן. דאָס איז געווען אין דער צײַט, ווען מע האָט אָראָפּגענומען די גערעטעניש. אָף די ניי־דעריקע ביימלעך זײַנען צווישן די בלעטער געהאַנגען לאַנגע, פולע שטענגלעך מיט גרויסע ווײַנטרויבן, קײַלעכדיקע און לענגלעכע. זיי זײַ־נען געווען בלויע, גרויע און געלע. די דינע הײַטלעך זייערע — פּאַרצויגן מיט אַ ליכטיק־גרויען רויכל.

יעדעס הענגל — אַ לאָגל פון זיסער מעכײַע־דיקײַט.

מיידלשע הענט האָבן געשוועבט צווישן די צווײַגן, אַראָפּגענומען די שטענגלעך און גע־וואָרפן זיי אין שטרויענע קוישן. זיי האָבן אויס־געזען ווי בלויע, גרויע, געלע בערגלעך, צע־שאָטענע אָף דער ערד.

דער פּאַרזיצער פונעם קאָלווירט האָט געזאָגט: „אַזוינס האָט איר באַ זיך ניט געזען״.

איך האָב געטראַכט: האַרטע, פּאַרטריקנטע ערד האָט געבוירן דופּטיקע זאַפט. ווי גוט איז צום מענטשן די נאַטור.

טשײַכאַנאַ

אַלע מאָל, ווען איך גיי פּאַרנאַכט פּאַרבײַ אַ טשײַכאַנאַ, שטעל איך זיך אָפּ אַף אַ ווײַלינקע.

לעבן דער שוועל פון דער טשײַכאַנאַ אַף דער ערד איז אויסגעשפּרייט אַ טעפּעך. אָפּן טעפּעך זיצן מענטשן, עלטערע און מיטליאַריקע, אין פּאַרביקע טיובעטייקעס און אין כאַלאַטן. די כאַלאַטן זײַנען אונטערגעבונדן מיט פּאַטשיילעס. זיי האַלטן אָף דער דלאָניע, אָף די פינף צע־שפּרייטע פינגער, אַ גרויסע פּיאַלע מיט טיי. לעבן יעדערן פון זיי אָפּן טעפּעך איז צעשפּרייט אַ צעבונדענע פּאַטשיילע, אין וועלכער עס גע־פינען זיך אויסגעטריקנטע ראָזשינקעס, אוריוק, פּערשקעס, פּערסיקעס, פײַגן און מאַנדלען.

נאָך אַ טאָג פון אויסמאַטערנדיקער היץ, נאָך אַ טאָג האָרעוואַניע פּילט מען זיך דאָ גאַנץ גוט. מע שמועסט, מע טײַנעט, מע לאַכט.

ס׳איז באַוווּסט, אַז אוזבעקן האָבן ליב זייער ערד און זייערע מישפּאָכעס, זייער לאַנד רופן זיי: זוניקער אוזבעקיסטאַן.

באַם טײַכל מאַרגעלאַן סאַי

דער 8־טער פּעכאַטע־פּאָלק האַלט שעפטום איבערן קינדערהיים נומער 1, ווו עס געפינט זיך מײַן זון סאַניע. דער שעף האָט געשענקט דעם קינדערהיים אַ קו, אַ פערד, זיבן שעפעלעך און אַ ביקל. ווען סאַניע איז דעזשורנע, טוט ער אָן אַף דער האַנט אַ רויט סטענגעלע, ער טרײַבט די שעפעלעך און דאָס ביקל אָף פּאַשע צום טײַכל מאַרגעלאַן סאַי. דאָס טײַכל טריפט ניט ווײַט פונעם קינדערהיים. איך קום אַהין.

זיצן מירביידע אָפּן ברעג. און די שעפעלעך פּאַשען זיך. זיי האַלטן זיך אַלע אײַנײנעם, די שעפעלעך, אָבער דאָס ביקל קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען. אָט איז עס אַרײַן אין אַ פרעמדן גאָרטן, טרעט דאָרטן אויס די בייטן. סאַניע טרײַבט עס מיט אַ לאַנגן רוט, איך קום אים צוהילף, נאָר דאָס ביקל רירט זיך ניט פון אָרט, גלײַך ווי עס וואָלט אַרײַנגעוואַקסן אין דער ערד. נאָענט צוגיין צום ביקל לאָז איך ניט דאָס קינד — עס קאָן זיך צעבוצקען, צעבריקעווען און איבערברעכן סאַניען די ביינער. נאָר אָט איז דעם ביקל נימעס געוואָרן דער גאָרטן און ס׳איז אַרויס פון דאָרטן. מיר ליגן ביידע אין גראָז. ס׳איז מיר גרינג אָפּן האַרצן, ווי טאָמיד, ווען דאָס יינגל איז מיט מיר. נאָר סאַניע פּאַר־גיט מיר אַ פראַגע, פון וועלכער איך ווער אומ־

רוזיק: מאַמע, וואָס איז דיר טײַערער פון אַלץ אַף דער וועלט? (איך באַהאַלט פון אים אויס דעם אומגליק, וואָס ס'האָט אונדז געטראָפן. ער ווייסט גאָרניט וועגן טאַטן.)

איך ענטפער אים: איך האָב ליב די נאַטור, וואָס רינגלט אונדז אַרום, דאָס גערויש פון די ביימער, דאָס מורמלען פון די כוואַליעס אין טײַכל, דעם ווינט און אַלץ, וואָס לעבט אַרום אונדז.

— מאַמע, דו פאַרשטייסט מיך ניט. איך פרעג בא דיר, וואָס וואָלסטו געוואָלט בעסער פון אַלץ אין לעבן? — שלאָגט סאַניע מיך איבער.

איך ענטפער אים מיט אַ פראַגע:

— און דו, וואָס וואָלסטו געוואָלט בעסער פון אַלץ?

— איך? פאָרן אַהיים! בעסער פון אַלץ, וויל איך פאָרן קיין מאָסקווע.

— קיין מאָסקווע וועלן מיר מיט דיר אינגיכן פאָרן, — זאָג איך אים, — דו הערסט דאָך, וואָס די ראַדיאָ גיט איבער?

דער צווייטער מעדיציניש ער אינסטיטוט, וועלכער איז געווען עוואַקויִרט קיין פערגאַנאַ, קערט זיך אום קיין מאָסקווע. מיר פאָרן מיטן אינסטיטוט.

די פאַרוואַלטערן פונעם קינדערהיים האָט זיך האַרציק געזעגנט מיט אונדז:

— די געווינהײַטן, וואָס אײַער זון האָט באַקומען בא אונדז, וועלן אים צוניצקומען.

זי האָט אונדז באַזאָרגט מיט פּראָדוקטן אַפן וועג.

פון פערגאַנאַ קיין מאָסקווע זײַנען מיר געפאָרן דרײַ וואָכן.

אין דער היים

אין סענטיאַבער 1943 זײַנען מיר געקומען קיין מאָסקווע. נאָך אין אָנהייב פון דער מילכאָמע איז אין אונדזער הויז געפאַלן אַ באָמבע און כאַרעוו געמאַכט אַ וואַנט. מײַנע שכיינים, וועלכע האָבן זיך פון מאָסקווע ניט עוואַקויִרט, זײַנען געבליבן אין דעם גאַנצן טייל פונעם הויז, זיי האָבן פאַרהיט אונדזער מעבל, די שטוב־זאַכן און די ביבליאָטעק. מיר האָבן באַקומען אַ מאַנסאַרדע־צימער אין אַ געסל אַף אַרבאַט. אין דער מאַנסאַרדע האָט שוין געוווינט אַן אַלטע פרוי.

אין אונדזער מאַנסאַרדע איז די סטעליע געווען פײַכט, דער דאַך — צעלעכערט, אינעם איינציקן פענצטערל זײַנען די שויבן געווען צעבראָכן. איך מיט סאַניען האָבן זיך גלײַך גענומען צו דער אַרבעט. מיר האָבן אָנגעגלאָזט דאָס פענצטער, פאַרקיטעוועט די שויבן. שווערער איז אָנגעקומען מיט דער סטעליע, אָבער סאַפּקאָלסאָף האָט די הויז־פאַרוואַלטונג געשיקט אַרבעטער, וועלכע האָבן פאַריכט דעם דאַך איבער דער מאַנסאַרדע און אויסגעפאַרבט אונדזער צימער מיט געלער פאַרב.

אינעם לאַנגן צימערל מיט דער גרויסער ווײַסער קאַכלנער הרובע איז געוואָרן פרייליך. מיר האָבן געהייצט די הרובע, און די סטעליע האָט זיך אינגיכן אויסגעטריקנט. דעמלט האָבן מיר אָפּגענומען בא די שכיינים דאָס מעבל, די שטוב־זאַכן און אויסגעשטאַט דאָס צימער.

ברויט־קאַרטלעך און קאַרטלעך אַף פּראָדוקטן האָבן מיר נאָך פריִער באַקומען. סאַניע האָט אָנגעהויבן באַזוכן די שול גלײַך פון די ערשטע טעג, וואָס מיר זײַנען געקומען קיין מאָסקווע. די שול געפינט זיך ווײַטלעך פון אונדז. ער לערנט זיך אַף דער צווייטער סמענע און קומט אַהיים, ווען ס'איז שוין פינצטער אין גאַס. די שטאָט איז פאַרטונקלט. איך וואָלט געגאַנגען אים אָפּנעמען, דערלויבט ער ניט. ער איז אין סענטיאַבער אַלט געוואָרן 10 יאָר און עס שטייט אים ניט אָן פאַר די כאַווייִרים.

אינעם וואַרעמען ווינקל פונעם צימער, אַנטקעגן דער הרובע, האָב איך אַוועקגעשטעלט סאַניעס שרײַבטישל מיט זײַן שרײַב־געצײַג, אַן עטאַזשערקע מיט ביכער און זײַן בעטל. מײַן ווינקל איז געווען באַם פענצטער — אין דער אַנדערער העלפט פון צימער. דאָרט האָב איך געשטעלט מײַן טיש, אַ גרויסן, אַלטן שפּיגל, וואָס איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן נאָך פון אַכרימאָווע, און מיר האָבן זיך דערפילט בא זיך אין דער היים. מיר האָבן זיך געפרייט מיט יעדן בוך, מיט יעדער קלייניקײַט פון אונדזער באַלעבאַטישקײַט. אין מײַן פרייד איז אָבער מער טרויער, וועלכן איך באַהאַלט פונעם קינד. יעדע קלייניקײַט דערמאָנט אונדזער אַמאָליקן לעבן, ווען מיר האָבן געלעבט אינדרײַען. איבער סאַניעס טישעלע הענגט אַ גרויסע פאָטאָגראַפיע — דאָס בילד פון זײַן טאַטן אַווראָם יודיצקי.

איך האָב אָנגעווענדט מײַנע אַלע קויכעס, אַז מײַן קינד זאָל וואַקסן און ניט פילן, אַז ער וואַקסט אָן אַ טאַטן. פון זינט מיר זײַנען געקומען קיין מאָסקווע, איז סאַניע געוואָרן מײַן כאַווער. איך פּלעג מיט אים באַטראַכטן אַלע איניאָנים, פאַרשיידענע פראַגן פון אונדזער שטייגער־לעבן. פרעגן בא אים אַן אייצע.

סאַניע פּלעגט אָפּט נעמען אַף זיך אַזאַ אַרבעט, וואָס איז פאַר אים געווען שווערלעך אויסצופילן. דאָס, וואָס מיר זײַנען צוויי יאָר געווען אָפּגעריסן איינער פונעם צווייטן, האָט פאַרטיפערט זײַנע געפילן צו מיר.

עס האָט זיך אָנגערוקט דער ווינטער. מ'האָט אונדז געבראַכט טרוקן בערעזעווע האָלץ, נאָר די בערוועונעס זײַנען געווען לאַנגע. מיר ביידע האָבן זיי צעזעגט, און סאַניע האָט זיי געשפּאָלטן אַף דינע שײַטעלעך. די געווינהײַטן, וואָס ער

האָט באַקומען אין קינדערהיים, זײַנען איצט אים צוניץ געקומען, די פּאַרוואַלטערן פון קינ־דערהיים האָט קיין טאָעס ניט געהאַט.

אין אונדזער נײַער היים איז געמיטלעך. סאַ־ניע לערנט. איך אַרבעט אויך צוביסלעך, נאָר די בענקשאַפט נאָך מײַנע פאַרלוירענע לעבט אין דער טיף פונעם האַרצן און אין זיקאָרן. באַנאַכט אין שלאָף קומען אויף בילדער פון איבערגעלעבטן און געשעענעם. איך כאַפּ זיך אויף פון שלאָף אין שרעק: אָט גייט אוועק דער צוג און פירט אוועק מײַן קינד... יאָ, עפּעס ענ־לעכס איז פאָרגעקומען.

...פון קאַזאַן קיין אוזבעקיסטאַן בין איך גע־פאָרן מיטן זון אינעם עשעלאָן פון די שרײַבער. מײַן מאַן, אווראָם יודיצקי, איז געפאָרן צוזא־מען מיט די געלערנטע אין אַן אַנדער עשעלאָן, ווײַל בײַ אונדז זײַנען ניט געווען קיין ערטער. געפאָרן זײַנען מיר קימאַט א כוידעש צײַט. ווען דער צוג האָט זיך אָפּ א לענגערער צײַט אָפּ־געשטעלט, פלעגן מיר גיין נאָך הייסער וואַסער צו דער סטאַנציע. מיר, עטלעכע פרויען, קערן זיך איינמאָל אום מיט הייסן וואַסער צום צוג און דערהערן, ווי דער לאָקאָמאָטיוו טוט א פײַף און הייבט זיך אָן גרייטן אין וועג אַרײַן. די פרויען לאָזן זיך לויפן. לויפן גיך קאָן איך ניט. פון ווינט און פראָסט פאַרשלאָגט מיר דער אָטעם. דער צוג הייבט אָן פּאַמעלעך זיך רוקן פאָרויס... פלוצעם האָבן צוויי שטאַרקע הענט מיך א הייב געטאָן און אַוועקגעשטעלט אין א טאַמבור פון א וואַגאָן. עמעצער האָט מיך אַי־בערגעפירט פון איין וואַגאָן אין צווייטן און געבראַכט אין מײַן קופּע.

נאַכט. סאַניע שלאָפט. איך זיץ אָף דער באַנק בײַ אים צופוסנס, מיר פאַרנעמען ביידע איין באַנק. עס קלאַפּן די רעדער פונעם צוג... איך בין אין דער היים. עס איז רויִק אַפן האַרצן. אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג, איז מיט מיר. דער צוג שטייט מיר פאַר די אויגן. איך כאַפּ זיך אויף אין שרעק, צינד אָן דאָס עלעקטרישע לעמפּל. איך בין אין „טויבנשלאַק", איך לויף אין צווייטן ווינקל פון אונדזער צימערל, ווו עס שלאָפט סאַניע. ער שמייכלט אין שלאָף, ווײַזט אויס, אַז אים כאָלעמט זיך א גוטער כאָ־לעם. זײַן שוואַרצער טשוב האָר איז צעשאָטן אַפן ווײַסן קישעלע. מאָרגן, ווען ער וועט זיך אויפכאַפּן, וועט ער א געשריי טאָן „מאַמע!" איך שטיי לעבן אים און טרערן פאַרנעפּלען מײַן בליק.

איך האָב אָנגעהויבן שרײַבן א טאָגבוך.

זאָלן שורעלעך פאַרהיטן דעם אָטעם פונעם טויבנ־שלאַק. זאָלן די שורעלעך דערציילן מײַן זון וועגן אונדזער לעבן און ליבע, ווען מיר האָבן געלעבט איינעם, ווען באַנאַנד מיט אים בין איך געגאַנגען.

אונדזער טויבנשלאַק

אונדזער קליינעם צימער רופן מיר די מאַנ־סאַרדע, דער טויבנשלאַק און פּראָסט — דאָס בוידעמל. די ווענט פונעם טויבנשלאַק זײַנען ליכטיק־געלע, דאָס פענצטערל — א קליינס. ווען אין דרויסן ווייעט א זאַווערוכע און עס רײַ־כערט מיט שניי און מיט ווינט, דאַכט זיך, אַז די סטעליע פונעם טויבנשלאַק לאָזט זיך אַראָפּ נידעריקער איבערן קאָפּ.

און דאָ, אינווייניק, ווערט נאָך וואַרעמער און היימלעכער.

פאַרבײַ אונדזער שטוב יאָגן אהין און צוריק טראַמווײַען, טראָלייבוסן און אויטאָמאָבילן. און דאָ, אין טויבנשלאַק, איז שטיל און רויִק.

די ווענט אין אונדזער צימער זײַנען פעסטע, זיי זײַנען פון גוטע ציגל, זיי היטן די וואַרעמ־קײַט. די טיר איז באַשלאָגן מיט געוואַנט. דאָס פענצטערל איז פעסט פאַרקלאַפּט. צווישן ביידע ראַמען זײַנען אָף ווײַסער וואַטע צעשאָטן פּיל־פאַרביקע פאַפּירעלעך. לעבן דער קאַכלנער הרובע ליגט טרוקן בערעזע־האָלץ, מיר האָבן עס צוגעגרייט נאָך נעכטן. אַמאָל זײַנען די שײַטלעך געווען ווײַסע בערעזעס און יאָרנלאַנג געשטאַנען אין א וואַלד הינטער מאָסקווע, ווינ־טער — פאַרשנייטע, ווי פאַרקישעפטע, פרילינג האָבן זיי צעשאָטן אַרום זיך גאָלדענע אוירינג־לעך, קלעפּיקע בלעטער, זומער האָבן זיי גע־רוישט אַפן ווינט...

אַרום אונדז איז טיפער ווינטער. אין וועל־דער, אין סעדער, אין גערטנער האָט זיך באַ־האַלטן פון דער קעלט אַלדאָס לעבעדיקע, — ווער עס האָט זיך פאַרגראָבן אין דער ערד, ווער — פאַרקראָכן אונטער א שטיין. די ביימער האָבן אַראָפּגעוואָרפן זייערע בלעטער אָף דער ערד, נאָר פאַרהיט דאָס קומענדיקע לעבן אין פעסט פאַרקלעפּטע קנאָספּן.

בײַ אונדז אַפן פענצטער גרינען אין טעפּע־לעך געראַן און בעגאָניא, אונדז האָט א שכיינע געבראַכט די וואַזאָנעס אַלס מאַטאָנע אָף כאַ־נוקאַס־האַבאַיס.

באַגינען. די שטראַלן פון דער זון קומען צו אונדז אין טויבן־שלאַק. זיי פאַלן אַפן אַלטן גרויסן שפּיגל. דעם שפּיגל האָבן מײַנע עלטערן געבראַכט פון אָכרימאָווע קיין קיִעוו. פון קיִעוו איז ער מיט מיר איבערגעפאָרן קיין מאָסקווע. די באָמבע, וואָס איז געפאַלן אָף אונדזער הויז, האָט אים ניט פאַרשאַט. די שטראַלן פאַלן אַפן אַלטן שפּיגל, דרויבלען זיך אין אים, לייגן זיך מיט פּילפאַרביקע ווייכע פאַסן אָף די ווענט. נאָר טײַערער פון אַלץ איז אין טויבנשלאַק די טאַזשערקע, דעריקער די פּאָליצע, ווו עס שטייען סאַניעס ביכער, זײַן שפּילצײַג און זײַן פוטבאָל־מיאַטש. אָף די אייבערשטע פּאָליצעס

ליגן צונויפגעלייגט אלע ארבעטן פון אווראָם יודיצקין.

ווען סאניע איז אלט געוואָרן פינף יאָר, האָב איך אופגעהאנגען איבער זײַן בעטעלע א געאָגראפישע קארטע, ביידע האלבקײַלעכן. די ארומיקע האָבן פון מיר געלאכט — וואָס פארשטייט אזא קינד אין דער קארטע? איך פלעג ענטפערן: „ער פארשטייט גאָרניט. אמאָל, ווען איך בין געווען א קינד, האָב איך אויך גאָרנישט ניט פארשטאנען, נאָר ווען די שטראַלן פון דער זון דורכן פארפרוירענעם פענצטער זײַנען געפאלן אַף דער וואנט, אַף וועלכער די קארטע איז געהאנגען, האָבן זיי באשײַנט די בלויקײַט פון אָקעאנען, און איך האָב באמערקט די קארטע אַף דער ווײַסער וואנט. שפּעטער, ווען איך האָב זיך אָנגעהויבן פאנאנדערקלײַבן אין אויסיעס, האָב איך איבערגעלייענט: „אטלאנטיטשעסקי אָקעאן". איך האָב ליב געקראָגן די גרויסע, שווארצע אויסיעס אַף דער בלויקײַט. איך האָב געפירט מיטן פינגער איבער דער קארטע און געלייענט „וועליקי אָקעאן", „אינדייסקי אָקעאן". איך האָב נאָך איצטער ליב די קארטע פאר דער פרייד, וואָס זי האָט מיר פארשאפן אין מײַנע קינדערשע יאָרן. מיט א סאך יאָרן שפּעטער האָב איך איבערן בעטעלע פון מײַן אייניקל אויך אופגעהאנגען א געאָגראפישע קארטע. ביז הײַנט הענגט זי בא מיר אין צימער.

ווען סאניע איז געווען נאָך גאָר א קלייניקער, איז נאָך קיין איין יאָר ניט אלט געווען, פלעג איך אים זאָגן:

Богат и славен Кочубей.
Его луга необозримы;

סאניע פלעגט מיר קוקן אין די אויגן, ציִען די הענטלעך צו מײַן מויל, גלײַך ער וואָלט וועלן כאפּן די ווערטער, ארײַנלייגן זיי צו זיך אין מויל און א פּרווו טאָן אפן טאַם.

דער ריטם פון פּושקינס שורעס האָט אים פארביטן א ליד. ער איז געוואקסן, געהערט, וואָס איך לייען. ניט פארשטאנען מײַנע לידער, ער איז אָבער צוגעוווינט געוואָרן צו זיי, ווי צו מײַנע האָר, מײַנע אויגן, מײַנע הענט. דער טאָך פון די לידער איז געקומען צו אים שפּעטער. פון דעמלט, ווען סאניע האָט אָנגעהויבן פארשטיין לידער, זײַנען מיר מיט אים געוואָרן עמעסע פרײַנט, מיר לייענען איינער דעם אנדערן, ווען ס'איז אונדז טרויעריק, ווען ס'איז אונדז פריילעך, ווען עמעצער פון אונדז ווערט קראַנק...

איך האָב זיך ניט גענומען צום הארצן, אויב עמעצער האָט אויסגעלאכט מײַן קארטע איבער סאניעס בעטל. ווען איך האָב אים געלייענט א בוך, ווו עס האָט זיך גערעדט וועגן א שטאָט, א טײַך, פלעג איך אים ווײַזן... אָט איז דער טײַך אוראל, ווו עס איז דערטרונקען געוואָרן טשאפּאיעוו. דאָס איז לענינגראד, ווו עס האָט געלעבט לענין... דער שווארצער יאם, ווו מיר זײַנען זומער געפאָרן. ווען סאניע איז אלט געוואָרן זעקס יאָר, האָט ער זיך אָנגעהויבן פאנאנדערקלײַבן אין דער געאָגראפישער קארטע, קיינער האָט מער ניט געלאכט פון מיר. ער פלעגט זאָגן:

Тетя Лена, ты впадаешь в Северный ледовитый океан [1]

זומער פלעגן מיר אוועקפאָרן אַף א דאטשע. מיר האָבן ליב געהאט אוועקגיין אַף לאנג אין וואלד ארײַן. איך האָב זיך ארײַנגעטאָן אין מײַן ארבעט, און סאניע האָט זיך ערגעץ נאָענט פון מיר געשפּילט.

איך האָב געוואָלט, אז אין דער שטיל זאָל דאָס ייִנגל דערזען און דערפילן דאָס רײַכע לעבן, וואָס רינגלט אים ארום. אמאָל איז סאניע געקומען צו לויפן אן אופגערעגטער: „מאמע, עמעצער איז געקומען אין וואלד, זיך באהאלטן אין די צווײַגן און זאָגט שו־שו־שו..."

ער האָט אָנגעהויבן קלײַבן גרילן, באבעלעך און מורעשקעס, געזוכט בא זיי די אויגן, דאָס מויל. איך האָב פאָרזיכטיק אים אונטערגעזאָגט, דערקלערט.

איך פלעג אים אמאָל לייענען מײַנע א ליד.

פעלד און וואלד פארהילט אין דרימל,
די לעוואָנע שווימט אין הימל.
שלאָפן ווערוריקלעך און האָזן,
שלאָפן גרילן אין די גראָזן,
שלאָפן קעלבעלעך און שאָף,
שלאָף, מײַן ייִנגעלע, שוין שלאָף.
אין די בייטן שלאָפן קווייטן,
און אין נעסט די פייגעלעך
האָבן צוגעמאכט די אייגעלעך.
אויך דו די אייגעלעך פארמאך,
רויִק שלאָף,
א גוטע נאכט!

אָוונט. סאניע לערנט זיך, ער גרייט זײַנע לימודים. איך ליג מיט פארמאכטע אויגן; דאָס ייִנגל שפּאנט איבערן צימער — פון איין וואנט צו דער אנדערער. ער לייענט אַף א קאָל א טעקסט און כאזערט איבער אייניקע פראזעס. ער ווענדט זיך צו מיר:

— מאמע, הער, איך וועל דיר לייענען אַף אויסווייניק. ער דערציילט, אז זיבן גריכישע שטעט האָבן זיך געשפּארט, ווער פון זיי האָט די ערע צו זײַן די היימשטאָט פונעם בלינדן האָמערן. ער דערציילט וועגן אכילן, העקטאָרן און פאריסן. ער שטעלט זיך אָפּ לעבן מיר און זאָגט: מיר געפעלט ניט פּאריס, פארוואָס האָט ער אָפּגעגעבן דעם עפּל דער געטן פון שיינ־

[1] מומע לענע, דו פאלסט ארײַן אינעם צאָפנדיקן אײַז־אָקעאן.

הײַט אפּראַדיטען? איך וואָלט אָפּגעגעבן דעם עפּל דעם גאָט פון כאַכמע.

איך הער אופמערקזאַם. זײַן לערנען איז מײַן יאָמטעוו. סאָניע צעשפּאַרט די ווענט פון אונדזער טויבנשלאַק, דערנענטערט צו אונדז די הימאַלײַער בערג, די טײַכן יעניסיי און לענאַ. גרויסע געלערנטע און העלדן ברענגט ער צו אונדז אין טויבנשלאַק. „דו ווייסט, מאַמע, זאָגט מיר סאָניע, אַכיל האָט דורכגעלעבט אַ קורץ לעבן, אָבער אַ לעבן פול מיט העלדנטאַטן".

אָפּט טראַכט איך, אַז אין דער וואָרעם פון אונדזער טויבנשלאַק וואַקסט ניט נאָר סאָניע. באַנאַנד מיט אים וואַקס איך אויך. ווען עפּעס באַקומט זיך באַ מיר ניט, ווייס איך, אַז איך בין ניט אָף דער הייך פון מײַן זונס וווּקס.

סאָניע לערנט זיך אין דריטן קלאַס, זײַן נאָענטסטער פרײַנט איז וואָלאָדיע. ער איז אויך אין דריטן קלאַס, נאָר אין שול גייט ער אײַנדערפרי און סאָניע אין צווייטן האַלבן טאָג. וואָלאָדיעס פאָטער איז אָפּן פראָנט. דאָס ייִנגל מיט זײַן מאַמע האָט מען געבראַכט פון לענינגראַד. ער קומט צו אונדז אַ סאַך פרײַער, ווי סאָניע קערט זיך אום פון דער שול. ווי נאָר ער דערוואַרעמט זיך, כאַפּט ער זיך צו צו דער צײַטונג „פּיאָנערסקאַיאַ פּראַוודאַ", וועלכע ליגט צונויפגעלייגט אָף סאָניעס שרײַבטישל. איך הייץ די הרובע, און וואָלאָדיע לייענט מיר די לעצטע נײַעס. ווען סאָניע קומט פון דער שול, לייענען זיי אײנײנעם. איך הער ווי וואָלאָדיע זאָגט: „איך וויל לעבן אַ קורץ לעבן, נאָר מײַן לעבן זאָל זײַן פול מיט העלדישע טאַטן". „און איך, — זאָגט אופגערעגט סאָניע, — איך וויל אומקומען ווי גאַסטעלאָ".

איך שטעל אָפּ די קינדער, רײַס איבער זייער הייסן שמועס. „פאַרוואָס דאַרפט איר אומקומען? איר וועט לעבן אַ לאַנג־לאַנג לעבן, עס וועט זײַן פול מיט העלדישע טאַטן פון טאָגטעגלעכער מי. די מילכאָמע וועט אײנגיכן זיך ענדיקן".

פרילינג איז געקומען פונעם פראָנט וואָלאָדיעס פאָטער און אוועקגעפירט זײַן מישפּאָכע אַהיים, קיין לענינגראַד.

דעם ווינטער פונעם דרײַ־און־פערציקסטן אָפּן פיר־און־פערציקסטן יאָר האָט סאָניע פיל מאָל געקרענקט. אָפּט פלעגט ער זיך פאַרקילן, באַקומען הויכע טעמפּעראַטור.

ווען ער ווערט קראַנק, שרעק איך זיך זייער. מיר דאַכט זיך דעמלט, אַז אַ ווילדער, אַ מערדערישער קויעך וועט צונעמען באַ מיר מײַן קינד. אין אַזעלכע פאַלן ווער איך שטאַרק טעטיק. אין שטוב איז אויסגעהייצט די הרובע, צעעפנט די פאָרטאָטשקע, אַ טייל מעבל טראָג איך אַרויס אין קאָרידאָר — דעם קינד זאָל לײַכטער זײַן צו אָטעמען, ס'זאָל דעם גרינגער זײַן אַריבערטראָגן די שטאַרקע היץ. אָט האָב איך שוין צוגעגרייט פרישע טיי און מאָרס. איך בעט זיך: טרינק, טרינק, וועט דיר ניט זײַן אַזוי הייס. סאָניע פאַרשטייט מיך ניט, נאָר מײַן קאָל ווירקט אָף אים אַזוי, אַז ער טוט אַלץ, וואָס איך בעט אים. ער טרינקט רעפּועס, מאָרס און טיי. און עס פאַלט די טעמפּעראַטור. אַמאָל האָט ער מיר געזאָגט: „מאַמע, איך טרינק ביטערע רעפּועס. איך פאָלג דיך. איך העלף דיר ניט נאָר ווען איך בין געזונט, נאָר אויך ווען איך בין קראַנק".

אין שרײַבער־הויז

איך פלעג אַלע טאָג גיין מיט סאָניען אין הויז פון די שרײַבער, וואָס געפינט זיך אָף וואָראָווסקי־גאַס. איך האָב צוגעפּעסטיקט מײַן פּראָדוקטן־קאַרטל צו דער גאָרקיך פון שרײַבער־הויז, און מיר גייען אַהין עסן וואַרמעס, באַגעגענען זיך מיט פרײַנט. אָט זיצן באַ אַ טישל מאָטל גרוביאַן און מוישע טייף. זיי זײַנען מיליטעריש געקליידט. צום טישל, ווו איך זיץ מיט סאָניען, זעצט זיך צו ניוקע אויסלענדער, מירע כענקין און עזראָ פינינבערג. בײַשכיינעס זיצט אונדזער אַלעמענס ליבלינג מיכאָיל סוועטלאָוו. מיר האָבן אים ליב פאַר זײַן ליכטיק וואָרט, פאַר זײַן שאַרפן הומאָר. מיט מיר האָט ער ליב צו ריידן אָף מײַן אָכרימאָווער שפּראַך: „וואָס מאַכט איר? וואָס הערט זיך? איך בין טויט קראַנק". ער באַנוצט זיך אָפּט מיט שפּריכווערטער, און מיר איז ניט קלאָר, צי איז דאָס פאָלקס־שאַפונג צי ער האָט דאָס אַלץ אַליין צוגעטראַכט אָפּן אָרט.

ניט איין מאָל דערטראָגט זיך פון אַ שכיינעסדיק טישל אַ ליד, וועלכע עמעצער לייענט פאַר אַ כאַווער.

אַ גרויסן אײַנדרוק האָט געמאַכט אָף מיר דער אָוונט, וואָס איז געווען געווידמעט דער דיכטערן שטשעפּקינאַ — קופּערניק. אָפּן אָוונט זײַנען געקומען אַרטיסטן פון פאַרשיידענע טעאַטערן, אין וועלכע שטשעפּקינאַ־קופּערניק האָט געאַרבעט. איך האָב ליב געהאַט און געדענקט אָף אויסווייניק איר ליד, וואָס איז מיט יאָרן צוריק געווען אָפּגעדרוקט אין אַ דעקלאַמאַטאָר:

На заре по росистой траве, я иду мое счастье искать [1]

בײַס יענעם אָוונט האָב איך דאָס ערשטע מאָל זי באַגעגנט. אַ קליינוווּקסיקע, אַ יאָמטעווודיקע, האָט זי פריילעך און שאַרפזיניק רעאַגירט אָף אַלע אַרויסטרעטונגען. דאָס איז געווען מײַן ערשטער אָוונט פון קונסט נאָך לאַנגע כאַדאָשים

[1] אין קאַיאַר גיי איך אָפּן טויִקן גראָז זוכן דאָס אייגענע גליק.

פון שווערער און ביטערער וואָר. דער אָוונט האָט מיך אומגעקערט צו מײַן פריִערדיקן לעבן, צו דעם, מיט וואָס איך האָב יאָרנלאנג געלעבט. איך בין דאָך געוואקסן אין איין שטוב מיט דאָוויד בערגעלסאָנען.

...ווען איך באגלייט סאניען אין שול, בעט איך אים:

— זײַ פּאָרזיכטיק, ווען דו גייסט איבער די גאס, דעם וועג, פארטראכט זיך ניט.

עס טרעפט, אז בא מיר מיטן זון קומען פאָר מיספארשטייענישן. דער באָכער איז א קײַסן, און אָפּט וויל ער ניט פאָלגן. ווען זײַן טאָג הייבט זיך אָן מיט „ניין" און „איך וויל ניט" — דאן הערשט בא אונדז אין טויבנשלאק א שטילשווײַגן. נאָר לאנג בארויגעז זײַן אף אים קאָן איך ניט, ווײַל איך אליין בין אמאָל אויך שולדיק.

נאָר מערסטן כאפּט זיך סאניע אויף פון שלאָף א ליכטיקער, א צוגעלאָזטער. ווען עס טוט מיר ווי דער קאָפּ, רײַבט ער מיר זאָרגעוודיק מיט זײַנע דארע פינגער דעם שטערן. ער גרייט צו טיי און ווארמעס, קויפט ברויט און פּראָדוקטן פאר אונדז. ווען איך פארשטעק ערגעץ דעם פּאספּאָרט אָדער די ברויט־קארטלעך, בארויִקט ער מיך, קערט איבער אלע ווינקעלעך אין שטוב און געפינט דאָס, וואָס איך האָב באהאלטן אזוי, אז איך קען דאָס נאָכדעם אליין ניט געפינען.

ווען סאניע האָט א סאך לימודים, צי ווען ער גרייט זיך צו אן עקזאמען, בארויִק איך אים, איך סטארע זיך ריידן צו אים אזוי, ווי ער האָט גערעדט צו מיר, ווען ער האָט מיר געהאָלפן זוכן מײַן „פארלוסט". „רויִק, כאפּ זיך ניט, באטראכט זיך גוט. דער מאטעריאל איז דיר באקאנט. איך ווייס, אז אלץ וועט אף געוויס זײַן אין דער בעסטער אָרדענונג. נאָר באטראכט זיך און ערגער זיך ניט". אזוי העלפן מיר איינער דעם אנדערן, ווען אונדז איז שווערלעך.

דרײַ אומגליקן

סאניעס טריט אף די טרעפּ, וואָס פירן צו אונדז אין טויבנשלאק, דערציילן מיר, אז דער טאָג אין שול איז דורכגעגאנגען בעשאָלעם און אז בא אים איז אלץ אין אָרדענונג. נאָר ווען סאניע הייבט זיך אויף אף די טרעפּ א מידער, ווייס איך שוין, אז עפּעס האָט מיט אים זיך געטראָפן. איך אײַל צו אים אנטקעגן. אויב ער קומט א קראנקער, מיט טעמפּעראטור, לייג איך אים אוועק אין בעטל, פּאָיע אים אָן מיט טיי. נאָר אויב ער איז געזונט און מיט אים האָט געטראָפן, ווי ער זאָגט, אן אומגליק, סטארע איך זיך אים בארויִקן, אפילע דאן, ווען ער איז שולדיק. אזוי איז געווען אויך הײַנט. סאניעס מידע טריט אף די טרעפּ געפעלן מיר ניט. און איך אײַל צו אים אנטקעגן. אָט שטייט ער פאר מיר אין טויבנשלאק. „מאמע, דרײַ אומגליקן", — זאָגט ער צו מיר אופגערעגט. איך באקוק אים פון קאָפּ ביז די פיס — קיין בלוט, און קיין בײַלן זע איך אף אים ניט. ער האָט זיך מיט קיינעם ניט „געבאָרעט". איך קוק אף זײַנע פיס — נאָך די לימודים שפּילן די שילער אין שול־הויף אין פוטבאָל, און עס טרעפט, אז ער פארלירט א קאלאָש. אָבער ביידע קאלאָשן זײַנען בא אים אף די פיס.

— דו האָסט אזעסדיק גערעדט מיט די לערער? — פרעג איך בא אים טרויעריק.

— ניין, — ענטפערט ער מיר, — איך האָב באקומען דרײַ דרײַען. א דרײַ אף דער קאָנטראָל־ארבעט פון אלגעברע. דו שטעלסט זיך פאָר, מאמע? אף אלגעברע א דרײַ! איך האָב די גאנצע צײַט געטראכט וועגן איר. נאָכדעם האָבן מיך ארויסגערופן די לערער פון געשיכטע און דײַטש. איך האָב שלעכט געענטפערט און באקומען נאָך צוויי דרײַען. פארשטייסט, מאמע, דרײַ אומגליקן מיטאמאָל.

איך זע ווי ער איז אופגערעגט, מײַן זון, און איך אײַל אים אויסריידן דאָס הארץ:

— דעם לערער פון מאטעמאטיק, באָריס דמיטריעוויטשן, איז געוויס ניט גרינג געווען אוועקשטעלן דיר א דרײַ, ווײַל ער שאצט טאָמיד אָפּ דײַנע ענטפערן מיט א פינף. נאָר א דרײַ איז גרינג צו פאריכטן, אויב פריִער און נאָכדעם שטייען פינפען. — סאניע בארויִקט זיך, זײַן פּאָנעם ווערט ליכטיקער. ער זאָגט פריילעך: „מײַן מאמע האָט בא מיר צוגענומען אלע מײַנע אומגליקן". —

אין אונדזער טויבנשלאק לעבן מיר אינדרײַען: איך, מײַן זון און דאָס קאָל פונעם ראדיִאָ־רעפּראָדוקטאָר. דאָס קאָל איז ניט קיין הויכס, אָבער א קלאָרס, אן אויסדריקלעכס, און מיר דאכט זיך אויס, אז איך זע דאָס ווינקעלע, פונוואנען דאָס קאָל דערטראָגט זיך אהער. עס גלייבט זיך ניט, אז דאָס קאָל האָט דורכגעמאכט אין עפיר פיל קילאָמעטער. ניט אלץ, וואָס מיר הערן, רעגט אונדז אלצייגנס. סאניע האָט ליב צו הערן רעפּאָרטאזשן וועגן פוטבאָל־מאטשן און שאכמאט־טורנירן. איך האָב ליב מוזיק. ביידע האָבן מיר מיט פארטײַעטן אָטעם געהערט די טראנסלירונגען פון יוליס פוטשיקס בוך.

איך האָב געוויינט. סאניע האָט געזאָגט: „מאמע, וויין ניט. מיר וועלן פאר אים זיך צערעכענען". „וויאזוי קאָנען מיר פאר אים זיך צערעכענען?" „איך וועל א סאך און גוט זיך לערנען און..."

דאָס קאָל פונעם ראדיִאָ־רעפּראָדוקטאָר פרייט אונדז, וועקט און מאָנט, עס היילט און מוטיקט.

אונדזער טויבנשלאק איז אן ארבעטס־ווינקעלע. זיצנדיק שפּעט אין דער נאכט איבער זײַן

העפט, שלײַפט מײַן זון אויס ניט נאָר זײַן „פינף", נאָר אויך זײַן געדולד, זײַן ווילן, די אײַנגעשפּאַרטקײַט אין ליבע צו מי.

סאָניע האָט ליב געקראָגן דאָס בוך א סאַך פריער, ווי ער האָט זיך אויסגעלערנט לייענען.

אנדערסענס מײַסעלעך האָבן געלעבט אין זײַן זיקאָרן צוזאמען מיט מארשאקס און טשוקאָווסקיס לידער. שפּעטער האָט ער ליב געקראָגן פּושקינס „פּאָלטאַווא" און לערמאָנטאָווס „מצירי". ביכער, ווי ציגל אין א פונדאַמענט, ליגן אין זײַנע קינדער־יאָרן. עס פלעגט טרעפן, אז אווראָם יודיצקי האָט לאנגע שאָען זיך געוויעט אין די ארכיוון פון דער לענין־ביבליאָטעק און שפּעט אין אָוונט האָט ער דערפאר געבראכט א זעלטענעם בוך, א „נאַכאָדקאַ". די ליכטיקסטע מינוטן אין מײַן לעבן זײַנען געווען די, ווען דאָס, וואָס מיר איז טײַער, דאָס, וואָס מיר איז אייגן, פלעגט זיך צעקלינגען אין באַוווּסטזײַן פון מײַן זון. „דו ווייסט, מאַמע", האָט מיר סאָניע אנומלטן געזאָגט: „אלגעבערע איז מיר טײַערער פון אלץ אין מײַן לעבן". ער האָט א קוק געטאָן אף מיר און צוגעגעבן: „איך האָב ליב אלגעבערע און דיך.ביידן באַגלײַך".

סאָניע איז געווען נאָך גאָר א קליינינקער, ווען דער טאַטע זײַנער האָט אים אָנגעהויבן דערציילן לעגענדעס וועגן מארקסן און לענינען, עפּיזאָדן פון זייער לעבן. איך פלעג אים זאָגן:

— דאָס קינד איז נאָך קליין, בא אים אין קאָפּ וועט זיך אלץ איבערפּלאָנטערן.

איינמאָל האָט ער מיר דערויף געענטפערט:

— ווען דו האָדעוועסט אים מיט גרילן, מורעשקעס און זשאבעס האָב איך צו דיר קיין טײַנעס ניט. דעריקער איז וויאזוי מע דערציילט. — און יודיצקי האָט קיין טאָעס ניט געהאט. ער האָט איבערגעגעבן דעם קינד דאָס, וואָס איז אים ליב געווען. אין הארצן בא סאָניען האָט זיך דערוועקט א ליבע צו די מענטשן, וועלכע האָבן געענדערט דאָס גורל פון דער מענטשהײַט אף דער ערד.

א סאַך יאָרן זײַנען אוועק פון יענער צײַט, זינט איך האָב געשריבן אין טויבנשלאק מײַן טאָגבוך.

דאָס צווייגאָרנדיקע הויז, ווו עס האָט זיך געפונען אונדזער טויבנשלאק, איז שוין לאנג ביטאָ, אף זײַן אָרט הויכט זיך א פילגאָרנדיק הויז.

מײַן זון סאָניע איז א פיזיקער. ער פירט אָן מיט א וויסנשאַפטלעכער לאַבאָראַטאָריע אין אן אָנגעזעענעם וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

זײַן זון איז אויך פארליבט אין פיזיק. ער לערנט אין די לעצטע קלאסן פון א צעניאָריקער שול. ווען מײַן אייניקל געפינט אן אָריגינעלע דערקלערונג צו א מאַטעמאַטישער אויפגאבע, צי ער שטעלט זעלבשטענדיק צונויף א טראַנזיסטער, זאָגט סאָניע, אז דאָס איז א „מיש־פאַכע־פעלער".

ווען סאָניע שענקט מיר א ביכל, וואָס שפּיגלט אָפּ די רעזולטאַטן פון זײַן ארבעט, בין איך זיך מוידע, אז פאר מיר איז דאָס „טרוקענע צייפערן און פאָרמולעס, אז איך פארשטיי אין זיי גאָרניט". איך דערמאָן אים, אז אמאָל האָט ער ליב געהאט לידער. סאָניע לאכט פריילעך.

— אין די פאָרמולעס איז פאראן ניט ווייניקער פּאָעזיע, ווי אין לידער. אגעוו, האָב איך ביז הײַנט ליב גוטע לידער, פונקט ווי אמאָל.

איך פאַרענדיק מײַנע לירישע העפטן און מיר ווילט זיך אומקערן צוריק אהיים, צו דער נאַטור. אין די שווערע צײַטן, ווען טרויעריק איז געווען מײַן געמיט, האָט די נאַטור מיך באַרויִקט, געקרעפטיקט און געמוטיקט. אין מײַנע גוטע צײַטן האָט זי מיך געצויבערט מיט וווּנדערלעכן געמיש פון פארבן, מיט איר מילדקײַט און אומענדלעכע פאַרוואַנדלונגען: די נאַטור האָט דערהויבן מײַן לעבן און באַפליגלט מײַן וואָרט.

מײַנע לידער פלעג איך צומייסטנס פאַרטראַכטן בלאָנדזשענדיק אף די שטעגן פון מײַן היים.

אָט אײַל איך אין פעלדער,
אין פארנאַכטן אליין,
אין טאָל אונטער בערגל
צווישן היימען מײַן היים.
פון היים און דאָרף
אין א זײַט
איך בין פארגאנגען,
פארטשעפען מיך שטעגלעך
און פירן מיך ווײַט.
ארום מיר איז פינצטער,
מײַנע הענט שפּרייט איך אויס,
שטיי איך — א ביימל
אין ערדישן שויס.

עלישעווע קאנצעדיק

א מאמע

יענעם אָוונט, ווען כ׳בין געקומען אין שפּיטאָל, אין דער שטילער ווײַסער פּאַ־לאטע, ווען אַף די טישלעך האָבן זיך ערשט גענומען עפענען די ערשטע פרילינג־בלומען, האָב איך ביידן געטראָפן באַם געלעגער פון דער קראַנקער: בענקען און פרידקען. איך רוף זיי נאָך הײַנט אַזוי, כאָטש סײַ דער עלטער, סײַ דאָס אָרט, וואָס זיי פאַרנעמען אין לעבן, וואָלט געפאָדערט מער רעספּעקט. פאַר מיר אָבער זײַנען זיי געבליבן, ווי אין די שול־יאָרן, פרידקע און בענקע. זאָסיע, די מונטערע, רויִקע זאָסיע מיטן קלוגן שמייכל, איז געלעגן א גע־פערלעך קראַנקע.

איצט שלאָפט זי, און עפּשער האָט זי צו־געמאַכט די אויגן נאָך דער אײַנשפּריצונג, וואָס האָט געשטילט איר ווייטעק. פרידע דעקט איר אײַן די פיס, אָקאָרשט האָט זי זי אַרומגעוואַשן, איבערגעטאָן אין א ריין העמד, אופגעשלאָגן די קישן. איצט נעמט זי דאָס קריגל מיט די בלומען, גייט בײַטן די וואַסער.

און בענקע זיצט צוקאָפּנס, אײַנגעהויקערט און צעבראָכן. אַן אומבאַוועגלעכער גרויער אוּ־מעט ליגט בא אים אין די אויגן, אַפּן שטערן. איך האָב אים קיינמאָל ניט געזען אַזאַ — דעם לעבעדיקן, פריילעכן בענקען, דעם וויצלינג און באַלאַגור.

ס׳איז קלאָר — מיט זאָסיען האַלט שלעכט.

...ער איז געגאַנגען צו איר דורכן קאָרן־פעלד. ער האָט זי דערזען פונווײַטן און שוין ניט געזוכט קיין סטעזשקע, געלאָפן דורכן קאָרן. מענטשן האָבן געשריִען: „וווּהין גייסטו!”, נאָר ער האָט שוין קיין זאַך ניט געהערט. אָט האָט זי אים אויך דערזען, אַוועקגעוואָרפן דעם סערפּ, געלאָזט זיך לויפן אים אַנטקעגן...

— ביסט צוריקגעקומען, בענקע? איך האָב געוווּסט, אַז דו וועסט קומען...

ער האָט זי געהאַלטן אין זײַנע פעסטע אָרעמס. שטענדיק איז זי פאַר אים געווען א גרויסע, א שטאַרקע, און איצט האָט זי אים אויסגעזען קלענער און שוואַכער. זי איז אָפּ־געטראָטן צוריק, קעדיי בעסער אים זען, ניט געקאָנט אָפּרײַסן דעם בליק פון זײַנע אויגן, ווי שוואַרצע פּײַכטע קוילן, פון די ברייטע צע־צווײַגטע ברעמען, וואָס זײַנען זיך צונויפגע־וואַקסן איבער דער נאָז. זי האָט זיך צוגערירט צו די פּעך־שוואַרצע געקרײַזלטע האָר, זיי צאַרט א גלעט געטאָן און געפונען אַפּן שטערן, לעבן אויער, דעם שפּור פון א ווונד — פון אַן אַל־טער, נאָך פאַרמילכאָמעדיקער ווונד — א זייכער פון א גאַסן־געשלעג מיט פאַשיסטישע יונגען.

— ביסט אויסגעוואַקסן, — האָט זי געזאָגט און צוגעגעבן אין א ווײַלע אַרום: — מענטשן האָבן געזאָגט, אַז מע האָט דיך געזען אין א גרוב באַם וועג א טויטן, נאָך דאַן, אין אָנהייב מילכאָמע. נאָר איך האָב ניט געגלייבט. ווען דו וואָלסט אומגעקומען, וואָלט איך עס געפילט. און איך האָב געשפּירט, אַז דו לעבסט.

דאַן, זומער 1944, אין מעשעך פון די גע־ציילטע טעג, זינט ער האָט דערזען אין דער „פּראַוודאַ” די ווילנער זאַוואַלנע גאַס, סקעלעטן פון מויערן, פּײַער און רויך פון די שלאַכטן אַף די גאַסן, האָט אים איין געדאַנק געבויערט דעם מויעך: צי ס׳איז נאָך דאָ א היים? צי וועט ער נאָך האָבן וווּהין און צו וועמען זיך אומ־קערן? ער האָט שוין ניט געהאָפט צו געפינען וועמען־עס־איז פון דער מישפּאָכע. אָבער עפּשער...

בעניע האָט געקלערט וועגן זאָסיען. ער האָט זי געפונען, געפונען אויך זײַן שוועסטער פריי־דען, וועלכע זאָסיע האָט אויסבאַהאַלטן און גע־ראַטעוועט פון טויט.

פון קינדוויַיז געדענקט בעניע, אַז די מאַמע פלעגט זעלטן זײַן אין שטוב: פון פאַרטאָג ביז באַנאַכט האָט זי געהאָרעוועט. זי פלעגט זיך אומקערן צוזאַמען מיטן טאַטן זייער שפּעט, א מידע פון דער אַרבעט. אין שטוב איז געווען

די באַלעבאָסטע זאָסיע. זי האָט זיי אויסגעהאָ־
דעוועט אַלע דרײַ: ראָזקען, פרידקען און אים,
בענקען.

זי פלעגט אים נאָכיאָגן מיטן האַנטעך, פּאַ־
דערן, ער זאָל עסן. און שפּעטער, ווען ער האָט
זיך אומגעקערט פון דער שול און זיך געזעצט
מאַכן די לימודים, פלעגט זי זיך צוזעצן דער־
נעבן, קוקן, ווי ער שרײַבט, זידלען אים אין
גוטן מוט: „דאָס איז אַן אַלעף? ס'איז ניט קיין
אַלעף, ס'איז אַ קאַטשערע..."

ער איז געווען אַ שטיפער, איינער אין דער
וועלט. אָט צעשלאָגט ער זיך מיט ייִנגלעך, אָט
צעברעכט ער זיך אַ פוס. איינמאָל האָט ער
זיך ניט ווילנדיק געמאַכט אַ בלוט־פאַרגיפטונג,
געווען צווישן לעבן און טויט, דרײַ כאָדאָשים
אָפּגעלעגן אין בעט.

זי האָט זיך אויסגעבעטן לעבן אים, ניט
געשלאָפן אין די נעכט, זיך אײַנגעהערט צו
זײַן שלאָף.

בײַ זיי אין שטוב איז קיינמאָל ניט געווען
קיין פולע זעט, אָבער אין די דרײַסיקער יאָרן,
בייסן קריזיס, איז געוואָרן גאָר ביטער.
בעניע געדענקט, ווי ס'איז געקומען דער
סעקוועסטראַטאָר און געהייסן אַרויסטראָגן דאָס
מעבל. די מאַמע האָט זיך געבעטן: „לאָזט כאָטש
איבער די קינדערשע בעטן!" זאָסיע האָט פאַר
איר אָפּגעשפּאַרט געלט, אויסגעקויפט אייניקע
זאַכן.

די מילכאָמע איז אויסגעבראָכן דעמלט, אין
יון, מיטאָמאָל, אומדערוואַרט. דער סוינע האָט
זיך דערנעענטערט צו דער שטאָט, קאָמסאָמאָל־
צעס האָבן גענומען אַוועקגיין. בענקע האָט
אַרופגעוואָרפן אויף זיך זײַן קורטקע, האָט זיך
אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע באַם טיש. מע איז זיך
שנעל מעיאַשעוו געווען. די עלטערן האָבן
באַשלאָסן, ער זאָל גיין צו זאָסיעס קרויווים אין
דאָרף. זאָסיע האָט אים באַגלייט אַ היפּש שטיקל
וועג, ביזן אָרט, וווּ די וועגן גייען זיך פאַנאַנ־
דער: איין וועג פירט צו איר אין דאָרף, דער
אַנדערער — אין דער זײַט פון מינסק. זיי האָבן
זיך אָפּגעשטעלט. פאַרבײַ איז געגאַנגען אַ רויט־
אַרמייער־טייל. „איך וועל גיין מיט זיי, אויף
מינסק, זאָסיע. זאָג די עלטערן, דערקלער
זיי", — האָט ער געבעטן, זי האָט אַ קלער גע־
טאָן אַ ווײַלע, געזאָגט: „ווער ווייסט, עפּשער
וועט אַזוי זײַן בעסער. גיי מיט גליק, בענקע".
ער איז שוין אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, ווען
ער האָט עפּעס אָנגעטאַפּט אין קעשענע. דאָס
איז געווען אַ זייגערל, אַ באַגילדעט זייגערל,
וואָס זאָסיע האָט ניט לאַנג צוריק געקראָגן
אַלס מאַטאָנע. דאָס ערשטע זייגערל אין איר
לעבן. ווען האָט זי עס באַוויזן אים אַרײַנצורוקן
אין קעשענע?

די קראַנקע שלאָפט.

— זי איז געווען אַ פריילעכע, האָט ליב
געהאַט מענטשן, די נאַטור, — ציט ווײַטער בע־
ניע. — אָבער וואָס האָט זי, אייגנטלעך, געהאַט
פאַר זיך? אַן אַנדערשמאָל קלער איך: אַלץ האָט
זי אוועקגעגעבן אונדז, די גאַנצע ליבע אירע,
זי האָט זיך ניט באַוויזן אַרומצוזען, אײַנאָרדע־
נען איר אייגן לעבן. אָבער קיינער האָט זאָסיען
קיינמאָל ניט געזען פאַרומערט, זי האָט זיך
קיינמאָל ניט געקלאָגט. ניין, ניט צוליב באַ־
שיידנקײַט — גיכער צוליב דער וווּנדערלעכער
פײַיקײַט זיך פרייען מיט אַלץ, וואָס דאָס לעבן
גיט: דערפון וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט
לייענען און איבערגעלייענט אַלע ביכער אין
שטוב; פון אַ גוטן פילם; דערפון וואָס די דירע
איז זוניק, און וואָס אַרום איר איז שטענדיק
פול מיט מענטשן, וואָס שעצן זי, האָבן זי ליב
און גייען צו איר נאָך אַן אייצע, ווי צו אַ גוטן
ייִדן. „איצט קאָן מען ערשט לעבן, — פלעגט זי
זאָגן, ריידנדיק וועגן דעם סאָוועטישן לעבן, —
אַ שאָד, וואָס ניט אַלע געדענקען דאָס, וואָס
איז געווען".

וואָס האָט זי געהאַט פאַר זיך? זי האָט
געהאַט ראָזקען, און פרידקען, און בענקען.
דערנאָך דעם שוידער פון מילכאָמע און דעם
ווייטעק פון פאַרלוסט. און נאָכדעם, נאָך דער
מילכאָמע, דאָס טײַערע, וואָס איז פאַרבליבן, אַ
נײַע היים, און דאָס, וואָס פלעגט קומען אויף
דער וועלט: פרידקעס זין — סטאַשעקן, און
דאַנקען, און בענקעס טעכטערל נינקען. פון
זינט עס האָבן גענומען געבאָרן ווערן „אייניק־
לעך", איז זי שוין פאַר אַלעמען געוואָרן אַ
„באַבעניו" — ווי אַלעמאָל אַ מאַמע, ווען אין
שטוב ווערן געבאָרן אייניקלעך. סטאַשעק האָט
איר שפּעטער געשענקט אַן אורייניקל, אַ מיי־
דעלע, דאַנקע — אַ ייִנגעלע... און אין איר
דאָרף, אין רודאַמינע, זײַנען געוואַקסן פלעמע־
ניטשקעס: העליע, יאַדזיע, סאַבינע, רעניע. די
יוגנט איז געוואַקסן און פלעגט זיך ציִען צו
איר, זאַמלען אַרום איר, קומען מיט אַלע דײַ־
געס, צאָרעס און פריידן.

געלעבט האָט זאָסיע מיט פרידקעס מיש־
פּאָכע, און געווען איז זי דער גוטער גײַסט,
דער צעמענט פון דער דאָזיקער שטוב. ווען
עמעץ וואָלט דאָ וועלן דעם אַנדערן טאָן אַן
אַוולע, האָט ער געוווּסט: ער וועט פאַרלירן
זאָסיען. פלעגט מען זיך צוריקהאַלטן.
דאָס איז פיל אָדער ווייניק?

...זי איז געזעסן באַם פענצטער מיט אַ בוך
אין דער האַנט — דערמאָנט זיך אין פריידן. די
ייִנגלעך האָבן זיך געשפּילט אַפן הויף אין פּיל־
קע. „באַבעניו, דו לייענסט ווידער מײַן לערנ־
בוך פון פיזיק, וואָס פאַרשטייסטו דאָ?" — לאַכט
דאַנקע.

זי האָט ווייניק פאַרשטאַנען. אָבער דאַנקע

האָט אינגיכן געדאַרפט אָפּגעבן אַן עקזאַמען אַף פיזיק, האָט זי געפּרוּווט פאַרשטיין.

אַמאָל פלעגט זי כאַפּן סטאַשעקן באַם רייַ־כערן אַפּן בוידעם. זי פלעגט צונעמען די פּאַ־פּיראָסן, באַהאַלטן זיי, אָבער דעם פאָטער ניט דערציילן. זי האָט געגנומען אַן ערן־וואָרט באַם יינגל... זי האָט אים נאָכגעקוקט, קאָנטראָלירט — אַליין זיך אַן אייצע געגעבן מיט אים. דערנאָך האָט זי באַגלייט סטאַשעקן אין אַרמיי, אָפּגעצ־קערט א ווייַלע דעם קאָפּ, אָפּגעווישט א טרער, באַלד ווידער געוואָרן מונטער, געזאָגט א גוט, פריילעך וואָרט. דערנאָך האָט זי אים באַגעגנט פון דער אַרמיי. באַגלייט און באַגעגנט דאַנקען. באַגעגנענדיק, ווער ווייסט פּאַרוואָס, זיך דער־מאָנט אין זייַנע שול־יאָרן: ער האָט זיך „גע־שפּילט" מיט כימיע, עפּעס אופגעריסן, זיך צעקאַליעטשעט. זי פלעגט דעמלט וואַכן לעבן אים, אייַנדעקן אים אין די נעכט, דערלאַנגען א טרונק...

פּאַרוואָס האָט זי זיך דאַפקע וועגן דעם דערמאָנט, באַגעגנענדיק דאַנקען פון אַרמיי? עפשער האָט ער ערשט הייַנט איר אויסגעזען צו זייַן קימאַט א דערוואַקסענער.

יעדע צאָרע, וואָס האָט געטראָפן, איז גע־ווען א ווונד אין איר האַרצן. צופיל ווונדן האָט זי געהאַט, — קלערט בענקע אַף א קאָל. מיט זאָסיען איז שלעכט, און ער קאָן הייַנט ניט גוירעם זייַן די פאַרצווייפלונג.

אין יענעם פאַרמילכאָמעדיקן, איין־און־פערציקסטן יאָר האָבן אַלע אין שטוב געוואַרט אַפּן זומער. די מיידלעך האָבן געדאַרפט קומען צו פאָרן אַהיים אַף קאַניקולן:ביידע, רייזעלע און פריידל, זייַנען געווען לערערקעס אין א ווייַסרוסיש שטעטל. דאָס גאַנצע שול־יאָר פלעג אָנקומען געלט: פון רייזלען — פאַר דער מו־טער, פון פרידקען — פאַר זאָסיען. דאָס ערשטע פאַרדינטע געלט — וויפל פרייד און נאַכעס! סאַפּקאַלסאַף, אין יון, זייַנען זיי אַליין, ביידע שוועסטער, געקומען אַהיים. זיי האָבן אַפּילע ניט באַוויזן אָנצורייַדן ווי ס'באַדאַרף צו זייַן.

בענקע איז אַוועק אַף מיזרעך, נאָכדעם האָבן אַלע באַשלאָסן אַוועקצוגייַן, די גאַנצע מישפּאָכע. אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט. זיי האָבן זיך אומגעקערט פון מיט וועג. זאָסיע האָט זיי באַגעגנט. א טרויעריקע באַגעגעניש איז עס געווען, און באַלד האָט מען זיך ווידער צעשיידט: די דייַטשן האָבן זיי פאַרטריבן אין געטאָ, און אין גאַר א קורצער צייַט אַרום...

מע האָט זיי אַוועקגעפירט קיין פּאָנאַר. די עלטערן און רייזעלען. די הויכע, שיינע רייזל מיט די שוואַרצע אויגן, ווי פּייַכטע קוילן אַפּן מאַטן געזיכט, פּעך־שוואַרצע געקרייַזלטע האָר און ברייטע צעצווייַגטע, צונויפגעוואַקסענע ברעמען.

איינעם אַן אָוונט איז א גרופּע יונגוואַרג געזעסן אַף די טרעפּ פון א קליינעם מויערל אין געטאָ. מע איז געזעסן און מע האָט גע־זונגען, גלייַך ווי דער טויט וואָלט אַף זיי ניט געלויערט. און געזונגען האָט מען די לידער פון יענעם איינציקן סאָוועטישן יאָר, וואָס איז ערשט ניט לאַנג פאַרבייַ און האָט זיך איצט אויסגעדוכט צו זייַן אין דער טיפער פאַרגאַנ־גענהייַט. געווען איז צווישן זיי א מיידל מיט גרויסע העל־בלויע אויגן, גלייַכע טונקעלע האָר און מיט אַן איידעלער ראָזער הויט. עמעצער פון הויף האָט זיך אופמערקזאַם צוגעקוקט צו איר, דערנאָך פאַמעלעך זיך דערנעענטערט, גע־וואָלט זיך צוזעצן צו איר. זי האָט אים אָוועק־געטריבן. ער איז געווען א פּאָליציאַנט אין געטאָ.

— ווּעסט האָבן כאַראָטע, — האָט ער בייז א זאָג געטאָן.

ער האָט זי פאַרפאָלגט. אין דער צייַט פון א נייַער „אַקציע" האָט זיך איר אייַנגעגעבן צו באַהאַלטן פון די דייַטשן, אָבער יענער האָט זי דערזען, נאָכגעיאָגט, זי איז קוים אַנטרונען גע־וואָרן, אַרויס מיטן לעבן. אַף מאָרגן, בייס מע האָט געפירט צו דער אַרבעט אין שטאָט, האָט זי זיך אַרויסגעשלייַכט מיט אַלעמען צוזאַמען און אונטערוועגס זיך געטראָפן מיט זאָסיען. זי האָט זי געטראָפן דאָרט ווו אַלעמאָל, אַפּן אָפּ־גערעדטן אָרט. פריִער פלעגן זיי זיך דורכ־וואָרפן מיט א פּאָר ווערטער. זאָסיע האָט אָי־בערגעגעבן א פּייַקע ברויט, א שטיקעלע וווּרשט, א קאַרטאָפל — דאָס, וואָס איר פלעגט געלינגען אָפּצושפּאָרן אָדער אָוועקגאָנווענען אין דער קיך, ווו זי האָט געאַרבעט. הייַנט, נאָך דער מייַסע מיטן געטאָ־פּאָליציאַנט, האָט זי באַשלאָסן: „גענוג, מער גייסטו אַהין ניט, אין געטאָ".

זי האָט באַהאַלטן פרידקען פרידקען בא זיך אין שטוב, אין א סאַלקע, בישכיינעס מיט זייער אַמאָליקער היים. א קליינע טיר האָט געפירט פון צימער אין א פינצטער קעלערל, הינטער וועלכן ס'איז געווען נאָך א קליין קעמערל. זי האָט די וואַנט פון צימער פאַרקלעפּט מיט נייַע טאַפּעטן. פּאַזע דער טיר זיי אומבאַמערקט אופ־געשניטן, פאַרשטעלט די טיר מיט אַן עטאַ־זשערקע. דאָרט האָט זי פרידען באַהאַלטן. נאָר אין איינעם א שיינעם פרימאָרגן האָט זאָ־סיע זי פון דאָרט אַרויסגעפירט: זי האָט איר אויסגעפאַרבט די האָר אַף העל־בלאָנד, ווער ווייסט ווו און וויאַזוי געמאַכט פאַר איר „פּויִ־לישע פּאַפּירן", געהאַלטן זי איצט אָפּן בא זיך אין שטוב.

אַנטקעגן האָבן געלעבט זאָסיעס גוטע

שכײנים, פּאַליאַקן, צי עפּשער ליטװינער, גע־
הײסן האָבן זײ נאַרװײַש. זי האָט זײ קײנמאָל
ניט דערצײלט װעגן פרידען, זײ האָבן אַלײן
אַלץ געװוּסט, אָבער געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז
זײ װײסן ניט. נאַרװײַשס מוטער, דער הויף־
װעכטער, איז אײנמאָל געקומען צו לויפן צום
זון און געזאָגט: „װײסט, װער עס איז באַ זאָ־
סיען? מאַצקעװיטשעס טאָכטער, איך זאָל אַזוי
לעבן". און דער זון דערויף: „אויב איר װעט,
מוטער, כאָטש נאָך אײן מאָל װוּ־עס־איז, װע־
מען־עס־איז איבערכאַזערן..." ער האָט פאַר־
דריקט די פויסטן און אָפּגעמאָסטן די מוטער
מיט אַזאַ בליק, אַז מורעשקעס זײַנען איר דורכ־
געלאָפן איבער דער הויט.

...יענעם אָװנט זײַנען זײ ניט געאײַלט גע־
גאַנגען זאַלבעצװײט דורכן צענטער שטאָט: אַ
בלאָנד מײדל מיט גרויסע העל־בלויע אויגן
און אַ צאַרטער ראָזער הויט, און שוין ניט קײן
יונגע, געזעצטע פרוי, מיט אַ מילד פּאָנעם און
גלאַטע האָר, צונויפגענומען הינטן אַרום קאָפּ
אין אַ קובלעק. זײ זײַנען געגאַנגען געלאַסן,
װעגן עפּעס געשמועסט, נאָכדעם אין די ײַנגע־
רע אַרײַן אין אַ פּאַראַד־טיר, נאָר גלײַך זיך
אומגעקערט, באַלד װידער אַרײַן אין אַ צװײטן
מויער... פרידע האָט פאַרשפּרײט פּראָקלאַמאַ־
ציעס פונעם קאָמוניסטישן אונטערערד, אַראָפּ־
געלאָזט זײ אין פּאָסט־קעסטלעך, צעװאָרפן אויף
טרעפּ, און זאָסיע האָט געהיט אויף דער גאַס.
ניט דאָס ערשטע מאָל האָבן זײ עס געטאָן:
פרידע האָט שוין פון לאַנג געהאַט אַ פאַרבינ־
דונג מיט דער אומלעגאַלער באַװעגונג.

לאַנגע יאָרן, ביז דער באַפרײַונג פון דער
שטאָט, האָט זאָסיע אויסבאַהאַלטן פרידען. און
אין מעשעך פון דער גאַנצער צײַט האָט גע־
דויערט דאָס הײליקע שװײַגן פון מענטשן,
װעלכע זאָסיעס טאַט, איר מעסירעסנעפעש האָט
דערהויבן צו אַ העכערער מאַדרײגע פון מענטש־
לעכקײַט. אַפילו װען ס'פלעגט זיך טרעפן, אַז
נאַרװײַש פלעגט אויסטרינקען אָן איבעריקע
קויסע, פלעגט ער געדענקען, װעגן װאָס ער
דאַרף שװײַגן.

אַ געװיסע צײַט, בײַס דער „קינדער־אַק־
ציע", האָט זאָסיע פאַרבאָרגן באַ זיך צװײ
ײדישע ײַנגעלעך, װעלכע ס'האָט זיך איר אײַנ־
געגעבן אַראָפּצוכאַפּן פון דער מאַשין, װאָס האָט
זײ געפירט צום טויט; נאָכדעם װען ס'איז גע־
װאָרן שטילער, האָבן זײ די עלטערן צוגענומען
צוריק...

„...פרידע, הער זיך אײַן, װאָס כ'װעל דיר
זאָגן..."

איצט איז זי שוין ניט געשלאָפן. מיך מיט
בענקען האָט זי ניט באַמערקט. מיר זײַנען
איצט געזעסן אין װינקל, אָבער צו פרידען האָט
זי גענומען רײדן אַזוי, װי זי װאָלט װײַטער
געצויגן אַן איבערגעריסענעם געדאַנק:

— הער זיך אײַן, פרידע, זאָלסט זיך מיט
זײ, מיט די קינדער, ניט שפּאָרן איבער קלײני־
קײַטן. זײ װילן שלאָפן שפּעטער, זאָלן זײ
שלאָפן, מע איז דאָך נאָך יונג...

— גוט, איכ'ל זיך סטאַרען, שלאָף נאָך אַ
ביסל.

— נעכטן, — שעפּטשעט פרידע צו אונדז
און פאַרבײַסט אַ ליפּ, האַלט קוים אײַן די
טרערן, — נעכטן האָט זי זיך די גאַנצע נאַכט
באַאומרויִקט, גערופן מײַן שנור, און אַז יענע
איז געקומען, האָט זי איר געזאָגט, זי זאָל זיך
װעגן מיר זאָרגן, מיך, כאָלילע, ניט באַאװלען...

— אין דער קינדהײַט פלעגט זי צו מיר
זאָגן: „צי דו װעסט זײַן אַ געבילדעטער, צי
ניט, — דאָס װענדט זיך אין דיר, װי דו װעסט
לערנען, איכ'ל דיר די טוירע אין קאָפּ ניט
אַרײַנלײגן. אָבער אַ מענטש דאַרף איך פון
דיר מאַכן" — דערמאָנט זיך בעניע.

צי האָט זי פון זײ געמאַכט מענטשן — פון
בעניען, פון פרידען? אַזעלכע, װאָס װילן און
קענען מיטפילן און העלפן, זאָרגן און טאָן גוטס
אַנדערע? װעגן דעם װײסן אַמבעסטן אַנדע־
רע, — די מענטשן פון דער פּאַפּיר־פאַבריק
לעבן װילנע, מיט װעלכע דער פאַרטרעטער
פונעם דירעקטאָר פון דער פאַבריק בינײאָמין
מאַצקעװיטש אַרבעט צוזאַמען פון די שװערסטע
נאָכמילכאָמע־יאָרן אָן, און די אַלע װעלכע
ס'האָט װען־עס־איז געלערנט אָדער ס'לערנט
הײַנט די לערערן און דירעקטאָר פון דער
מיטלשול פרידע מאַצקעװיטש.

אײנעם אַ פרילינגס־פרימאָרגן, אין אַ קור־
צער צײַט נאָך דעם טאָג, װאָס איך בין געװען
אין שפּיטאָל, האָב איך גענומען אין דער האַנט
אַ צײַטונג און איבערגעלײענט אַ נעקראָלאָג:
דער קאָלעקטיװ פון דער װילנער 11־טער
מיטלשול האָט אויסגעדריקט זײַן מיטגעפיל
דעם דירעקטאָר פרידע מאַצקעװיטש אין שײַ־
כעס מיטן טויט פון איר מוטער זאָפיע טשעס־
נאָװיטש. די דאָזיקע װערטער האָבן באַװיזן די
עמעסע נאָענטקײַט פון ביידע מאַצקעװיטשעס —
בעניען און פרידען — מיט דער פרוי, װאָס
האָט זײ ניט געבאָרן און ניט אויסגעהאָדעװעט
מיט איר מילך.

אבא פינקעלשטיין

פונעם סאָלדאַטישן בלאָקנאָט

1. מידאס־האַדין

ס'איז געווען אין מײַ 1945. אונדזער ארמיי איז שוין געווען אין בערלין, און מיר, די על־טערע סאָלדאטן, וועלכע זײַנען שוין אריַין אין פינפטן צענדליק, האָבן געוואַרט פון טאָג צו טאָג, מע זאָל אונדז דעמאָביליזירן.

אפן הארצן איז געווען א מעכיַע. די מיל־כאָמע, האָבן מיר געזען, וועט אָט־אָט זיך ענ־דיקן. אזא פרילינג האָבן מיר שוין לאנג ניט געהאַט — א ליכטיקן, א זוניקן און דעריקער פול מיט האָפענונגען.

אין איינעם פון אָט די ליכטיקע פרילינג־טעג האָט מען מיך אומגעריכט ארויסגערופן צום שעף פון אונדזער באטאליאָן־שטאַב, דעם על־טערן לייטענאנט פיווטאַראַדני. מיר, סאָלדאטן, ס'זאָל אונדז זײַן גרינגער אויסריידן, האָבן אים צווישן זיך פּאַשעט גערופן „פּאַלטאַרא", אף יידיש הייסט עס אָנדערהאלבן, און ער איז טאַקע געווען, דער עלטערער לייטענאנט, ניט וואָס אָנדערהאלבן, נאָר אפילע גאנצע צוויי מאָל „פיווטאַראַדני" — א הויכער, מיט א פּאָר לאנגע פעסטע הענט, ווי בא א גוטן קאָוואַל.

ווען איך בין אריַין אין שטאַב, וואָס האָט זיך געפונען אין א פויעריש הויז, און, ווי עס פירט זיך, ראַפּאָרטירט דעם עלטערן לייטענאנט, אז איך בין געקומען לויט זײַן באַפעל, האָט ער מיך אוּועקגעזעצט לעבן זיך, און זײַן ערשטע פראַגע איז געווען:

— אין א שול האָט איר אַמאָל געלערנט?

— פיר יאָר.

— פאַרוואָס אזוי ווייניק?

— דאָס דאַרף מען פרעגן בא מײַן טאַטן. ער האָט געזאָגט, מײַן טאַטע, אז מע דאַרף ארבעטן און פאַרדינען אף ברויט.

— אויך געווען גערעכט. איר האָט געהאַט א קלוגן טאַטן. נו, איז פונוואַנען קענט איר דײַטש?

— יידיש און דײַטש זײַנען א ביסל ענלעך.

— גוט. אויב אזוי, גייט איר פון מאָרגן אריַ־בער צום קאַפּיטאַן אָרלאָוו, אין זײַן רעשוס.

איך בין פון דער דאַזיקער נײַס געווען קנאַפּ אַנציקט. ס'האָט זיך ניט געוואָלט צעשיידן מיט די סאָלדאטן פון מײַן ראָטע, מיט וועלכע איך האָב דורכגעמאַכט א שטיק מילכאָמע. און נאָך ווען זיך צעשיידן? — איצט, ווען מיר האָבן שוין געהאַלטן אין ריידן וועגן אן עשעלאָן, וואָס וועט אונדז אלעמען אָפּפירן אהיים. און איך האָב עס גאַנץ אָפּנהאַרציק ארויסגעזאָגט דעם עלטערן לייטענאנט.

— טשטאָ ווי, שוטיטיע? — האָט ער מיך א פרעג געטאָן. איר שפּאַסט, הייסט עס?

דאָס איז געווען זײַן באַליבט ווערטל, און איך האָב שוין לאנג געוואָלט וויסן, פונוואַנען נעמט זיך עס צו אים. אמאָל פלעגט זיך מיר טראַכטן, צי האָט ער עס ניט געגנאַשט בא בער־געלסאָנס נאטשאלניק פון „מידאס־האַדין" — בא פיליפּאָוו. יענער האָט אויך ליב געהאַט צו זאָגן אלעמאָל: „טשטאָ ווי, שוטיטיע?" איצט איז פונקט געווען אזא מאָמענט, ווען ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז דער עלטערער לייטענאנט איז געווען צוגעלאָזט, און איך האָב זיך אײַנגע־שטעלט צו פרעגן:

— כאַווער עלטערער לייטענאנט, זאָגט מיר, כ'בעט אײַך, איר האָט אמאָל געלייענט בער־געלסאָנס „מידאס־האַדין"?

— וואָס איז דאָס פאַר א „מידאס־האַדין", וואָס איך האָב, לויט אײַער מיינונג, געדאַרפט לייע־נען? — מאַכט ער צו מיר מיט א שמייכל.

— דאָס איז א דערציילונג וועגן בירגערקריג. איינער פון די העלדן, דער נאטשאלניק פון באַ־

זונדערן אָפּטייל פּיליפּאָוו, א געוועזענער שאַכ־טיאָר, האָט ליב געהאַט באַנוצן די זעלבע דרײַ ווערטער, וועלכע איר באַנוצט זייער אָפט.

— ציקאָווע, אוועלכע זשע דרײַ ווערטער?

האָב איך אים שוין געמוזט זאָגן.

— אזוי גאָר? ניין, בראַטאַק, — האָט פּאַל־טאַרא זיך פריילעך צעלאַכט, — כ׳בין טאַקע אויך א געוועזענער שאַכטיאָר, אָבער די דער־ציילונג האָב איך ניט געלייענט. איז טאַקע בערגעלסאָנס העלד אויך א שאַכטיאָר, און אויך „טשטאָ ווי, שוטיטיע?״ אזוי טאַקע איז אין יידיש אָפּגעדרוקט מיט רוסישע ווערטער: „טשטאָ ווי, שוטיטיע?״

— פאַרשטייט זיך, ווי זשע אנדערש?

— ציקאָווע. נו, גוט. מיר וועלן זיך נאָך זען. מאָרגן אינדערפרי זאָלט איר זײַן באַם קאַפּי־טאַן.

פון שטאַב בין איך אַרויס אין גרויסער פאַר־לעגנהײַט, כ׳האָב ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מע פירט מיך אַריבער צום קאַפּיטאַן אָרלאָוו און וואָס פאַר אן אַרבעט וועל איך דאַרפן בא אים טאָן.

אָף מאָרגן אינדערפרי האָב איך זיך געיאָוועט צום קאַפּיטאַן אָרלאָוו. אָפּגעראַפּאָרטירט, בלײַב איך שטיין, ווי עס פאָדערט זיך.

— צו מיר, אין מײַן רעשוס? גוט, גוט! זיצט, וואָס שטייט איר?

זעץ איך זיך און טראַכט: וואָס וויל מען פון מיר? איך זיץ עטלעכע מינוט, זאָגט מיר דער קאַפּיטאַן:

— איז אָט, כאַווער...

— פינקעלשטיין, כאַווער קאַפּיטאַן.

— א, א, פאַרשטאַנען. איז אָט: צו אונדז, אין אונדזער באַטאַליאָן, דאַרף די נאָענטסטע טעג אָנקומען א פּאַלק געפאַנגענע דײַטשן פון דער „קורלענדער גרופּע״, וועלכע אונדזער אַרמײ האָט ניט לאַנג צוריק גענומען אין „זאַק״, ווי זי שטייט און גייט. מיט דער הילף פון אָט דעם פּאַלק געפאַנגענע דײַטשן וועלן מיר אָנ־הייבן א נײַע בויונג, איר וועט זײַן בא אונדז דער דאָלמעטשער, ווײַל ווי איך ווייס, איז יידיש ענלעך צו דײַטש. ריכטיק, זאָג איך?

— ריכטיק, כאַווער קאַפּיטאַן!

— גייט באַקאַנט זיך מיטן באַצירק, מיט דער לאַנדשאַפט און טרעט צו צו דער אַרבעט.

אז כ׳בין אַרויס פונעם קאַפּיטאַן, האָב איך דעם „באַצירק״, די „לאַנדשאַפט״ געטראָפן בלײַ־ענדיקע: אַרום־און־אַרום האָט געשײַנט, ס׳איז געווען זויבער־ציכטיק און ראַכוועסדיק־שיין.

און איך בין צוגעטראָטן צו מײַן אַרבעט: געוואָרן א קלאַדאָוושטשיק פונעם געצײַג און א דאָלמעטשער.

און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן א בויונג.

דער אָבערסט, דער דײַטשישער פאַלקאָווניק, איז געווען א נידעריקער, געפּאַקטער, רירעוודי־קער פאַרשוין מיט גראָבע בעקלעך. די פאַמיליע זײַנע איז געווען קאָך, אָבערסט קאָך.

לויטן באַשלוס פון אונדזער באַטאַליאָן־קאָ־מאַנדיר זײַנען אונדזערע פאַראָרדענונגען איבערגעגעבן געוואָרן די דײַטשישע סאָלדאַטן דורכן אָבערסט, דורך קאָכן. אַזויאַרום האָט זיך באַקומען, אז זייערע אָפיצערן האָבן געטראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר אויספילן די אַר־בעטס־נאָרמע פון די געוועזענע, הײַנט געפאַנ־גענע, דײַטשישע זעלנער.

די געפאַנגענע זײַנען געווען צופרידן, וואָס זיי זײַנען געבליבן לעבן, און א טייל פון זיי האָט זיך באַמיט אויספילן די טאָג־נאָרמע און האָבן בא מיר געבעטן גוט געצײַג, — אזעלכע פלעג איך אַרײַנלאָזן אין קלאַדאָווקע, זיי זאָלן זיך אַליין אויסקלײַבן א בעסערן זאַסטופּ, א לאָפּעטע, צוועקעס און אנדער געצײַג. איך האָב פאַרשטאַנען, אז אויב מענטשן טוען אזוי, איז, מאַשמאָעס, ווילן זיי, אז סײַ די אַרבעט זייערע זאָל זײַן א גוטע, סײַ עס זאָל זיי זײַן גרינגער צו אַרבעטן, — בין איך זיי אַנטקעגן געקומען. דערפאַר, פאַר מײַן גוטער באַציִונג צו אזעלכע, האָב איך בא זיי באַקומען אן אָפּשאַצונג: הער פינקעלשטיין איסט אײַן ריכטיקער קערל.

איך בין אָבער געווען ניט דער איינציקער קלאַדאָווושטשיק און ניט דער איינציקער דאָל־מעטשער, איז מיר פון מײַנע ביידע אַרבעטן פונדעסטוועגן געבליבן א סאַך צײַט. איך האָב באַשלאָסן, אז, נישקאָשע, איצט מעג איך לייע־נען ביכער, און כ׳האָב זיך פלײַסיק גענומען צום לייענען...

ס׳איז געווען א שיינער, זוניקער אָנהייב־זו־מערדיקער טאָג.

די ביימער האָבן זיך שוין אָנגעהויבן גוט באַבלעטערן, די פייגעלעך האָבן געזונגען זייערע געזאַנגען, וועלכע ניט אַלע פאַרשטייען זיי... אָפן האַרצן איז געווען אויך ניט צו פאַרזינדיקן. כאָטש עס האָט זיך געבענקט אַהיים, פאַרשטייט זיך, אָבער די „פּאָגאָדע״ איז געווען אַרום־און־אַרום א גוטע און א פּיל־אָנזאָגנדיקע. בעסער האָט דאָך קיין שיר ניט, און ערגער זאָל גאָט אָפּהיטן.

איז אָט, אין אזא מאָמענט קומט אָן אונדזער פּאַלטאַרא מיט זײַן שמייכלענדיקן מויל און די שוואַרצע ברעמען. מע זעט מאַמעש אין זײַן פּאָנעם, אז ער איז פון עפּעס־וואָס ביז גאָר צו־פרידן.

— טשטאָ ווי, שוטיטיע? זאַוואָד בודע, אָט יאַק! פאַרוואָס פרעגט איר ניט, אוועלכן זאַוואָד מיר בויען?

— כאווער עלטערער לייטענאנט, וואָס דאַרף איך פרעגן, איר וועט אליין דאָס מיר זאָגן...

— ציקאווע, פונוואנען זשע ווייסט איר, אַז כ׳וועל אליין זאָגן?

— כ׳ווייס, כאווער עלטערער לייטענאנט, — מע זעט דאָס לויט אײַער פּאָנעם...

— טשטאָ ווי, שוטיטיע? צוקראָוועי זאַוואָד בודע! פּאָניאַטנאָ? — און מיט זײַנע קאָוואַלישע פינגער האָט ער מיר גוטברודעריש אַ שנעל געטאָן אין שטערן און איבערגעכאַזערט: צוקראַ־וועי! און איז אַוועק אַ שמייכלענדיקער...

און אַז כ׳בין געבליבן מיט זיך אליין, האָב איך זיך געטראַכט: אַוועקגיין פון דער סאָוועטישער אַרמיי נאָך אַזאַ מילכאָמע, נאָך אַזאַ צעשטערונג, אָן אַ זאַוואָד, אָן אַ צוקער־זאַוואָד איז טאַקע עפּעס ניט לײַטיש, שוין בעסער קומען אַהיים מיט אַן אויסגעבויטן, גרייטינקן צוקער־זאַוואָד...

ווען איך בין געקומען אין דער קאַזאַרמע און דערציילט די נײַס, וואָס פּאָלטאָרא האָט מיר געזאָגט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שפּאַרעניש:

— נאַרישקײַטן! אין דער דאָזיקער געגנט וואַקסן ניט קיין צוקער־בורעקעס. ווו וועט מען זיי נעמען?

— צוקער־בורעקעס קאָן מען זייען, וועלן זיי אויסוואַקסן. אָבער ווו נעמט מען אין אַזאַ געגנט ערד פאַר צוקער־בורעקעס? מע דאַרף דאָך שוואַרצערד, פעטע, ווי פּוטער!

— וואָסי, עס סטײַעט בא אונדז קיין באַנען ניט? מיר קאָנען ניט צושטעלן קיין בורעקעס מיט דער באַן?

— איך געזאָגט — „מיט דער באַן״! וויפל זשע וועט קאָסטן אַ קילאָ צוקער פון אַזאַ צוקער־זאַוואָד?

— דיר וועט דאָס ניט קאָסטן, די מעלוכע וועט זיך אַן אייצע געבן.

— איך מיר געזאָגט! און ווער איז די מעלוכע — ניט דו און איך?

אַ גאַנצן אָפּדערנאַכט איז דער צוקער־זאַוואָד ניט אַרויס פונעם מויל קימאַט פון יעדן איינציקן סאָלדאַט...

און אויף מאָרגן אינדערפרי האָט איינער אַ סאָלדאַט געזאָגט:

— קומט אַ קוק טאָן אָפן זאַוואָד... מיר האָט זיך געכאָלעמט, אַז איך אַרבעט שוין דאָרט אין דער אַפּאַראַטורנע. בא אונדז איז געווען אַן אַפּאַראַטורנע, דאַרף איך אײַך זאָגן, אַ גאָלד! דאָרט אַרבעטן איז געווען אַ פאַרגעניגן!..

פון דעם טאָג אָן האָבן אַ סאַך סאָלדאַטן פון מײַן ראָטע ווי אופגעהערט צו טראַכטן וועגן דעמאָבילִיזאַציע — מע האָט געוואָלט וואָס גיכער זען דעם זאַוואָד, און ערשט דעמלט פאָרן אַהיים מיט אַ גרינג האַרץ — אויסגעבויט אַ זאַוואָד!

אונדזערע סאָלדאַטן האָבן מער אַכטונג געגעבן, אַז די געפאַנגענע דײַטשן זאָלן אַרבעטן גיכער און בעסער. זייערע אָנווײַזונגען האָבן זיי געגעבן מיט גוטן און מיט שלעכטן, ווי בא וועמען עס האָט זיך געלאָזט אַרויסזאָגן... בא איינעם מיטן היימיש־כאַווערישן „בראַטאַק״, בא אַן אַנדערן מיטן קלאָרן און פאַרשטענדלעכן „סוקין סין״, און זייער אָפּט גאָר אַנדערש: ע, ע, קאָנסט דאָך ניט! גיב מיר דעם זאַסטופּ, וועל איך דיר ווײַזן, וויאַזוי מע דאַרף דאָס טאָן... אָט אַזוי, דײַטשוק איינער, דאַרף מען אַרבעטן, וואָסי, האָסט קיינמאָל ניט געאַרבעט בא זיך אויף דײַן שטיקל ערד? איצט נאָ דיר דעם זאַסטופּ און ווײַז אַרבעט! גענוג צעשטערט, מע דאַרף אויסבויען צוריק, פּאָניאַטנאָ? זי פאַרשטייט׳ן?״ ס׳וועט זײַן אַ זאַוואָד!

די געפאַנגענע האָבן זיך צוערשט געוווּנדערט, וואָס אונדזער אָנפירונג שטייט ווי איין אַ זײַט און נאָר די סאָלדאַטן קאָמאַנדעווען, — אָבער איינגיכן האָבן זיי אָנגעהויבן צו פאַרשטיין און זיי האָבן געמוזט, ווער מיט גוטן, און ווער מיט שלעכטן, אויסאַרבעטן די נאָרמע. אונדזערע סאָלדאַטן האָבן צו זיי געטײַנעט: אַ נאָרמע איז פאַרן ברויט און צום ברויט און העכער דער נאָרמע איז אַ באַווײַז, אַז ביסט נאָך אַ מענטש און ניט קיין פאַשיסט...

דער דײַטשישער לייטענאַנט פון „מײַנע״ געפאַנגענע איז געווען אַ שיינער, הויכוווקסיקער יונגערמאַן. ער האָט געהאַט בלויע אויגן, אַ געקעלכט פּאָנעם און איז געווען אַ גרויסער כנײַפּעניק. ער איז אַלט געווען ניט מער ווי זעקס און צוואַנציק — אַכט און צוואַנציק יאָר. שטענדיק פלעגט ער טראָגן מיט זיך דעם סאָוועטישן זשורנאַל „אינטערנאַציאָנאַלע ליטעראַטור״ אין דער דײַטשישער שפּראַך. ער האָט געהאַט אַ טעווע לייענען שטייענדיק, זיצנדיק און אַפילע ריידנדיק מיט זײַנע זעלנער.

אַלע דײַטשישע אָפיצערן און אויך „מײַן״ לייטנאַנט האָבן געהאַט בא זיך אַ דײַטשיש־רוסיש ווערטערביכל פון קעשענע־פאָרמאַט. דאָס ווערטערביכל איז געווען פול מיט גרײַזן, מיט אַ סאַך פּראָווינציאַליזמען. זייער אָפּט פלעגט דער לויטנאַנט קומען צו מיר מיטן זשורנאַל און מיטן ווערטערביכל און שטעלן קאָלערליי פראַגן.

בא מײַן קלאַדאָוועקע פון געצײַג — אַ קאַמער פון פראָסטע, ניט געהובלעוועטע ברעטער — האָב איך זיך געמאַכט אַ באַנק פון איינער אַ ברייטער ברעט — אַ ראַכוועסדיקע באַנק. דאָס איז געווען מײַן באַטאַגיקע „דירע״. רוען, לייענען, אַמאָל עסן און אַמאָל, צווישן אונדז גערעדט, אויך כאַפּן אַ דרעמל. אַלץ פלעג איך טאָן אויף דער באַנק.

זיץ איך אַמאָל אין מײַן „דירע" און לייען אַ ייִדיש בוך. כ'בין אַזוי געווען פאַרטאָן אינעם לייענען, אַז איך האָב ניט באַמערקט, ווי ס'איז צוגעקומען דער לייטענאַנט מיטן זשורנאַל „אינטערנאַציאָנאַלע ליטעראַטור" און אויסגעשריִען מיט גרויס וווּנדער:

— הער פּינקעלשטיין, דאַס איסט העברעיִש!

— אַ, ניין! דאַס איסט יודיש! — האָב איך געענטפערט.

— יודיש? — איז ער אָפּגעטראָטן אַף אַ שפּאַן צוריק... — און די בוכשטאַבן זײַנען פון דער העברעיִשער שפּראַך?

— די בוכשטאַבן זײַנען ייִדישע, די שפּראַך אויך אַ ייִדישע!

— אָ, מײַן גאָט!

ער האָט מיר געזאָגט אַ דאַנק, זיך פאַרנייגט אפילו און אָנגעהויבן אָוועקגיין, נאָר זיך אומגעקערט צוריק:

— הער פּינקעלשטיין, וואַס איסט דאַס — „בוריאַק"?

— בוריאַק איז בורעק, צוקערדיובע.

— אַך, זאָ, יאָ, יאָ, דאַנקע שען, דאַנקע שען!

ער איז אַוועק, און איך האָב זיך פאַרטראַכט: דער לייטענאַנט האָט דאָך דערקענט די אותיות, אפילו ניט האַלטנדיק דאָס בוך אין זײַנע הענט... מאַשמאָעס, אַז ער האָט געלערנט און קען העברעיִש. איז צוליב וועלכע זשע צוועקן האָט מען אים געלערנט די שפּראַך?... די פראַגע האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט, און איך האָב באַשלאָסן דערציילן וועגן דעם צופאַל אונדזערן אַ מער דערפאַרענעם דאָלמעטשער, דעם עלטערן סערזשאַנט סאַלאָוויאָוו.

אַף מאָרגן, נאָך דעם, ווי מע האָט זיך געשטעלט אַרבעטן, און איך בין געבליבן איינער אַליין בײַ מײַן קלאַדאָווקע, קומט צו מיר צו פּאַלטאַרא:

— זעמליאַק, ווײַז נאָר מיר אײַער בוך, לאָמיך אויך אַ קוק טאָן אַף אים.

— דאָס בוך, כאַוועער עלטערער לייטענאַנט, איז ניט „אײַער", נאָר אונדזערס, אַ סאָוועטיש בוך, אין דער ייִדישער שפּראַך.

— טשטאָ ווי, שוטיטיע? כ'ווייס דען ניט, אַז עס איז אונדזערס, אַ סאָוועטיש בוך?

האָב איך אים געגעבן דאָס בוך. ער האָט מיט נײַגער באַטראַכט די הילע, אײַנגעקוקט זיך אין די זײַטן און דערנאָך אַ בעט געטאָן, איך זאָל אים אַף אַ קורצער צײַט עס געבן.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! — און איך האָב אים דערלאַנגט דאָס בוך.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן אונדזערע סאָלדאַטן, און איך אויך, געזען „מײַן" דײַטשישן לייטענאַנט אָן אַ שינעל, אָן אַ היטל, אָן אַ רימען. ער איז געגאַנגען אין דער באַגלייטונג פון צוויי אונדזערע סאָלדאַטן. ער — אינמיטן, און די סאָלדאַטן פון ביידע זײַטן. אַף זײַן ברוסט, באַם סאַמע האַלדז, האָט אַנטקעגן דער זון געפינקלט דער אײַזערנער צײלעם — אַ פאַשיסטישער אָרדן. אַ פאַרדינסטפולער מענטש איז ער, ווײַזט אויס, געווען בײַ היטלערן. אין דער לינקער האַנט האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטן דעם זשורנאַל „אינטערנאַציאָנאַלע ליטעראַטור" אין דער דײַטשישער שפּראַך...

ווען איך בין געקומען מיט אַ שליכעס פונעם קאַפּיטאַן אָרלאָוו אין שטאַב פון אונדזער באַטאַליאָן, און דער עלטערער לייטענאַנט פּיוטאָראַדני האָט מיך דערזען, האָט ער מיך טייקעף צוגערופן און געזאָגט:

— ווי האָט ער אײַך געפרעגט, דער קאַט: „הער פּינקעלשטיין, דאַס איסט העברעיִש?" — און איר האָט אים געענטפערט: „דאַס איסט יודיש!" אַזוי איז דאָס געווען?

— יאָ, כאַוועער עלטערער לייטענאַנט, אַזוי איז עס געווען!

— מיר וועלן אים איצט אַף רוסיש באַווײַזן גדיע ראַקי זימויוט! — ווי דער שוואַרצער פּעפער וואַקסט! איאַ, זעמליאַק?

— ער האָט דאָס פאַרדינט?

— טשטאָ ווי, שוטיטיע?!

2. די „פּאָסטאָיאַנקע"

אין סאַמע ברען פון דער מילכאָמע, אין פעוורואַל — מאַרט 1943, האָט מען אונדז, אַ ראָטע סאָלדאַטן, געלערנט זײַן פאַרבינדלער.

אָפּגעלערנט זיך, האָט די ראָטע באַקומען אַן ערנסטע אויפגאַבע — בויען, ווי בײַ אונדז האָט זיך דאָס גערופן, אַ „פּאָסטאָיאַנקע" — אַ שטענדיקע טעלעגראַף־ליניע.

צווישן אונדז זײַנען געווען מיידלעך, וועלכע האָבן זיך געלערנט אַרבעטן אַף די טעלעגראַף־ און טעלעפאָן־אַפּאַראַטן. מיך האָט מען באַשטימט פאַרן עלטסטן פון אַ גרופּע, וועלכע איז באַשטאַנען פון דרײַ שטאָטישע מיידלעך.

מיר האָבן אָנגעהויבן גראָבן גריבער פאַר די טעלעגראַף־סטויפּעס.

אונדזערע גריבער מוזן אָבער זײַן ניט קיין פּראָסטע, נאָר מיט צוויי טרעפּלעך, וועלכע שטייען אָפּ איינס פון דעם צווייטן אַף פופציק סאַנטימעטער, — אַ שווערע שטיקל אַרבעט פאַר שטאָטישע מיידלעך.

אָבער די טאָג־נאָרמע האָט די גרופּע געמוזט מאַכן, — איז מיר אַליין אויסגעקומען שווער צו האַרעווען.

אין פעלד זײַנען קיין דורכגייער קימאַט וויניט געווען, און אַזוי־ווי דער גרונט איז געווען

א שווערער און די זון האָט גוט געוואַרעמט, האָבן מיר אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די איבעריקע קליידער. דאָס אויסזען אונדזערס האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דרײַ קאַלווירטניצעס פונעם נאָענטן דאָרף, און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן אונדז.

איינע פון זיי, א דאַרע, מיטלוועקסיקע כיינעוודיקע פרוי, האָט זיך אָנגערופן צו די אַנדערע צוויי:

— מע פאַרשטייט דאָך, אַז אָט די מיידלעך קאָן מען אָפּן פראָנט ניט שיקן, און בויען א טעלעגראַף־ליניע איז אויך ניט קיין קאַטאָוועס־זאַך, איז דאָך ניטאָ וואָס צו שטיין מיט פאַרלייגטע הענט און קוקן. מע דאַרף זיי בעסער העלפן אַרבעטן, וועט זיי זײַן גרינגער. ווי מיינט איר?

— העלף, ווער לאָזט דיך ניט, מע האַלט דיך פאַר דער פּאָלע? — האָט אָפּגעענטפערט די פרוי, וואָס איז געשטאַנען לינקס פון איר. — קוק נאָר אָן, וואָס פאַר א כאַראַקטער איז בא אָט דער מיקיטיכע: שטענדיק קריכט זי דיר אין די ביינער אַרײַן, שטענדיק טײַנעט זי — העלפן! העלפן! זעסט דאָך אַליין, אַז די העלפעניש אונדזערע העלפן ניט שטענדיק...

— פאַרשטיי, מיקיטיכע, — רופט זיך אָן די דריטע קאַלווירטניצע, — זעסט דען ניט, אַז דער טעלעגראַף בויט זיך ניט צום פראָנט, נאָר ערגעץ אין טיל אַרײַן, קאָן זײַן צו קויבישעוו־צו און עפּשער נאָך ווײַטער, צו אוראַל־צו, איז מיט וואָס וועלן מיר איצטער העלפן דעם פראָנט, מיט גראָבן גריבער? אָט וואָס דו קענסט ניט פאַרשטיין!

רופט זיך אָן גאַנץ קאַלטבלוטיק מיקיטיכע:

— כ'ווייס דען ניט, אַז איידער מע גיט אײַך צו פאַרשטיין, דאַרף מען אָפּגיין מיט זיבן שווייסן. און וואָס איז שײַך, צי עס וועט יאָ העלפן דעם פראָנט, צי עס וועט ניט העלפן, בין איך נאָך דערווײַל, דאַנקען גאָט, קיין גענעראַל ניט געוואָרן, איך זאָל פאַרשטיין, וואָס אין דער איצטיקער צײַט איז בילכער! מיר דוכט זיך, אַז צום פראָנט און פונעם פראָנט איז איצט קימאַט אַלצײַנס...

און אַזוי ריידנדיק, בינדט מיקיטיכע אָפּ איר קאָפּטיכל, טרייסלט עס אויס עטלעכע מאָל, גלײַכט עס אויס אַף די קני, און פאַרנעמענדיק די האָר אין ביידע הענט, פאַרבינדט זי זיי שטײַף אין א קובליק, טוט ווידער אָן איר קאָפּטיכל, פאַרבינדט די עקן אַף הינטן, דאָס טיכל זאָל האַלטן די האָר. און ווען כ'האָב געוואָלט וויסן, וואָס זי וועט ווײַטער טאָן, און אַף איר א קוק געגעבן, האָב איך באַמערקט, אַז מיט דעם אַליין, מיטן בײַטן דעם קנופּ פון איר קאָפּטיכל, איז זי אַזוי ווי יינגער און כיינעוודיקער געוואָרן.

זי איז צוגעגאַנגען צום יעפרייטאָר פּוסטאָטעליעוואַ, גענומען בא איר דעם זאַסטופּ, אים גוט־גוט באַטראַכט און איר געזאָגט:

— נו, לאָמיר אויך פּרוּוון א סאָלדאַטסקע שטיקל אַרבעט און זען, ווי געשמאַק דאָס איז. און דו גיי דערווײַל, רו זיך אָפּ, און דעריקער טו אָן די פּלאַטיע דײַנע...

איינע פון מיקיטיכעס כאַווערטעס האָט זיך אָפּגערופן:

— זע נאָר, ווי זי קריכט יענעם אין די ביינער אַרײַן! וואָלסט כאָטש פרעגן בא אָט די מענטשן, צי מעג מען, צי מע דאַרף דיך?

מיקיטיכע האָט איר דערויף גאָרנישט ניט געענטפערט, זי האָט זיך א נעם געטאָן צו דער אַרבעט, מער מיט קיינעם ניט געשמועסט און אַף גאָרנישט קיין אכט ניט געלייגט...

איך האָב געפילט, אַז איך מוז זיך אַרײַנמישן, האָב איך געזאָגט:

— גיי, יעפרייטאָר, טו אָן דײַן פּלאַטיע און רו זיך אָפּ א ביסל.

און ווענדנדיק זיך צו די קאַלווירטניצעס, האָב איך פאָרגעזעצט:

— פאַרשטייט זיך, אַז אויב עמעצן העלפן, דאַרף דאָס זײַן מיט א טאַלק. אויב איר וועט אונדז העלפן, און אײַך וועט עס שטערן, טויג דאָס ניט. מיר דאַרפן ניט! ווען איר קאָנט מאַכן אַזוי, אַז אײַער הילף זאָל קיין שטערונג ניט זײַן אין אײַער באַלעבאַטישקײַט, וואָלט עס, דוכט זיך, געווען א גלײַכע זאַך. נאָר דאָס דאַרפט איר דאָך אַליין וויסן גיכער פון אונדז. איז טוט ווי איר פאַרשטייט אַליין און ווי איר ווילט.

די קאַלווירטניצע, מיקיטיכעס כאַווערטע, האָט זיך פאַרענטפערט:

— וואָסי, מיר פאַרשטייען ניט? נאָר פאַר אונדז קיין זאַסטופּעס האָט איר דאָך ניט, איז מיט וואָס זאָל מען אַרבעטן?

כ'האָב זיך טאַקע באַלד געכאַפּט: עס טויג ניט אָפּצוגעבן אונדזערע זאַסטופּעס די קאַלווירטניצעס, און מיר זאָלן שטיין און קוקן, ווי זיי אַרבעטן... האָב איך זיך העפלעך אַנטשולדיקט פאַר מיקיטיכען, צוגענומען בא איר דעם זאַסטופּ און אים איבערגעגעבן צוריק דעם יעפרייטאָר.

— וואָ קאָק! — האָט מיקיטיכע שטיל א זאָג געטאָן צו זיך אַליין און צוגעגעבן: — וועט מען שוין זען קומען מיט אייגענע זאַסטופּעס! — און זי איז אַוועק צו זיך אין דאָרף אַרײַן. און נאָך איר זײַנען אַוועק אויך די אַנדערע צוויי קאַלווירטניצעס.

נאָך אָט דער באַגעגעניש איז אונדז אַלעמען פּונקט ווי גרינגער געוואָרן די אַרבעט, מיר האָבן אַלע געפילט, אַז נײַע, פרישע קויכעס זײַנען צו אונדז צוגעקומען, און די טאָג־נאָרמע

האָבן מיר פאַרענדיקט פריִער, ווי אין אַלע טעג ביז איצט...

אַף מאָרגן, ווען מיר זײַנען געקומען אַרבעטן אַף אונדזער באַצירק, האָבן מיר שוין געטראָפן מיקיטיכען מיט אירע צוויי „קעגנערקעס". זיי זײַנען געזעסן ניט ווײַט פונעם ראַנד פון וועג, אַקוראַט דאָרט, וווּ מיר האָבן באַדאַרפט פאַרענדיקן גראָבן די לעצטע גריבער אין פעלד, ווײַל די איבעריקע האָבן שוין באַדאַרפט זײַן אין זייער דאָרף.

— נו, — ווענדט זיך צו אונדז אַלעמען מיקיטיכע מיט טרויעריק־פרייִלעכע פײַערלעך אין די אויגן: — ווער איז בא אײַך דער סטאַרשאָי? גיט אונדז אַרבעט, כאָווער, איר זעט דאָך, אַז זאַסטופּעס זײַנען בא אונדז אַלע אָנגעשאַרפטע, און אַליין זײַנען מיר אויך ניט קיין ערגערע פון אַנדערע, אַפילע פון ייִנגערע פון אונדז...

עס רופט זיך אָן די טעלעפאָניסטקע כוואַלעבבאַיאַ:

— עפשער ווילט איר זאָגן, מיקיטיכע, אַז איר זײַט בעסערע?

— נו, דאָס וועט מען שוין שפּעטער זען...

און איך פּרוו נאָך אַ ביסל דערווידערן:

— ווער איז בא אײַך אין דער היים געבליבן? — פרעג איך. — ווער וועט אײַער שטוביקע אַרבעט טאָן? און עפשער דאַרפט איר איצט גאָר זײַן אין פעלד?

— ע, כאָווער טײַערער, דאָס זײַנען שוין אונדזערע דײַגעס! וואָס מיר דאַרפן טאָן בא זיך אין דער היים און בא זיך אַפן פעלד, וועט אָפּגעטאָן ווערן. פאַר אונדז זאָרגט זיך ניט, מיר קאָנען שוין אַליין זיך אַן אייצע געבן. די איצטיקע צײַט האָט אונדז אויסגעלערנט...

מיט געלעכטערלעך, מיט ווערטלעך און מיט שטעכווערטלעך, האָבן מיר אַלע געאַרבעט פריילעך און מונטער, און צו מיטיק־צײַט האָבן מיר שוין געגראָבן די ערשטע גריבער אין דאָרף גופע.

נאָכן מיטיק האָבן מיט אונדז שוין געאַרבעט פינף קאָלווירטניצעס, אַזוי אַז זיי זײַנען געוואָרן די מערהײַט. יעדערע פון די קאָלווירטניצעס האָט געוואָלט, אַז איר אַרבעט זאָל זײַן ניט ערגער פון אונדזערער.

— איר זײַט דאָך אַ געלערנטער, — האָבן זיי צו מיר געטײַנעט, — דאַרפט איר אונדז לערנען, וויאַזוי צו גראָבן די גריבער אײַערע, זיי זײַנען דאָך מיט קונצן, מיט טרעפּ, ווי אין אַ קעלער אַרײַן...

אין יון 1943 האָט אונדזער ראָטע פאַרענדיקט אויפשטעלן די טעלעגראַף־ליניע, די „פּאָסטאָיאַנקע", וואָס ציט זיך איצט דורך פיל שטעט און דערפער פון אונדזער גרויסן פאָטערלאַנד. אומעטום האָבן אונדז מיטגעהאָלפן די אָרטיקע אײַנוווינער. און ווער עס וועט זײַן אין יענע ערטער, וועט ער זען אָט די טעלעגראַף־ליניע, וואָס אונדזער באַזונדערע ראָטע האָט געבויט, אָט די נײַע, גוטע און גלײַכינקע ליניע מיט די שטאַרקע דעמבענע סטויפּעס און מיטן מעשענעם גלאַנציקן דראָט, וואָס פינקלט אַף דער זון מיט אַלערליי פאַרבן.

אויב איר וועט דאָרט זײַן, גריסט טאַקע האַרציק די דאָרטיקע אײַנוווינער און זאָגט זיי, אַז אַפן פראָנט האָט אונדז גוט געהאָלפן זייער אַרבעט און אַז אויך מיר גופע האָבן אונדזער זאַך געטאָן, ווי דאָס האַרץ האָט אונדז געהייסן...

ריווע באליאסנע

א האַרץ דאַרף גלייבן

* * *

פאַרטשעפּע זיך, ווי פּאַר א צווייַגל, אין געדאַנק,
און ווייַטער מעג שוין גאַרניט טאָן דיר באַנק.
די ליד וועט שוין באַקומען איר מוזיק,
ס'איז דאָ דען אַף דער וועלט א גרעסער גליק,
ווי זייַן אַרייַנגעטאָן אין דיכטער־וועלט,
אין הימל און אין זון, וואָס אַף די גראָזן קווועלט,
און וואָס צעשיט זיך אַף דייַן האַלדז מיט בייַטשלעך קרעלן,
דו זאָלסט דייַן ליבן מערער נאָך געפעלן...
א זינגעוודיקע, דורכגעוויקט מיט זילבן,
דו דאַרפסט גאָר ניט קיין אַנדער גאָלד און זילבער.
דייַן הויט איז איצט באַזוניקט, ווי מיט בראָנזע,
איז לאָמיר, ליבער, בלאָנדזען און פאַרבלאָנדזען.
אויב ניט וואָלט דאָך דאָס לעבן פּוסט זייַן,
א האַרץ דאַרף שטענדיק גלייבן, שטענדיק גלוסטן.

עס זייַנען די בליקן צו טשילי געווענדעט

ס'איז האַרבסט, און עס שפּרייטן זיך טעפּעכער בונטע.
עס הוליעט אין טשילי די בלוטיקע כונטע.
מע שיסט און מע הענגט. ס'איז סאַנטיאַגאָ באַלאַגערט.
און פּונקט, ווי בא היטלערן, וואַקסן די לאַגערן.
געווען סטאַדיאָנען און איצט — עשאַפאָטן.
געווען דאָ טריבונעס — איצט שטעכיקע דראָטן.
עס זייַנען די בליקן צו טשילי געווענדעט,
אהין, ווו געפאַלן איז טראַגיש אליענדע.
עס קלעמט די נעשאָמע. מייַן בלוט איז צערודערט.
געפּלאַצט האָט דאָס האַרץ בא דעם דיכטער נערודע.
דאָס האַרץ בא א דיכטער זאַפּט אייַן אַלע ווייען.
דאָס האַרץ פונעם דיכטער קאָן פירן און פרייען —
עס קלאַפּט, ווי א האַמער, אין שלייפן פון צייַטן,
עס גיסט זיך אַרייַן אין די נאָענטע ווייַטן.
אין ווייַטן פון צייַטן מיט אונדז איז נערודע.
מיט אים, מיט אליענדען, מיר זייַנען פאַרברידערט.
זאָל צייַטווייַליק הוליען די בלוטיקע כונטע.
מע וועט זי צעשטויבן מיט פויסטן געזונטע.
צי דען קאָן א וועלט זייַן פאַרטויבט און פאַרבלענדעט?
עס שרייַט אין די הערצער דאָס בלוט פון אליענדן.

קינסטלער יויסעף טשײַקאָוו

קאָמפּאָזיציע

א קלעזמער

יוסעף טשײַקאָוו און אראם כאטשאטוריאן באם סקולפּטור־פּאָרטרעט פונעם קאָמפּאָזיטאָר

איליוסטראציעס צו פערעץ מארקישעס קינדער־לידער „דער גאלאגאנער האָן"

צו דער פאָעמע „די קופע"

אילוסטראציעס צו מענדעלע מויכער־ספאָרימס
„דאָס קעלבל״

פראגמענט צו א שארבלאט

אווטאָפּאָרטרעט (גראווור)

סקולפּטור־פּאָרטרעטן

שלוימע מיכאָעלס

באָריס פּאָליעוואָי

וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי



יאָסל בוכבינדער

שעפּע

העלף מיר צונויפזאַמלען

העלף מיר, פרײַנט מײַנער, צונויפנעמען
די שעפּע די פאַרבליבענע פון זומערס,
צונויפזאַמלען די בלױזונג די פאַרגאַנגענע פון פרילינגס,
וואָס לעבט נאָך אויף די ראַכוועסן,
די האַרבסטיקע באַרעגנטע,
פון גרײַפּנדיקער וועלקעניש ביז איצט ניט אומגעקומען.
איז לאָמיר גיין מיט זיכערקײַט, צו זאַמלען אָט די ליכטיקײַט,
צונויפפליגן אין סנאָפּעס אַלע שטראַלעכלעך די ציטעריקע,
וואָס וועלן אונדז צוניצקומען, פאַר פרײַנט נאָך ניט באַגעגנטע,
פאַר הערצער ניט דערוואַרעמטע, פאַר הערצער הינטערשטעליקע.

האָט דען די רעכט...

האָט דען די רעכט אַזאַ טאָג, אַזאַ וואַרעמער האַרבסטיקער,
אַ געפּוצנער טאָג, אַן אויסערגעוויינלעכער,
פאַרלאָזן די ערד, מיט זײַן גוטסקײַט דער האַרציקער,
מיט זײַן גאָלדענער שײַנקײַט, דער לויטערער, הימלעכער?
און איך זאָל פאַרבלײַבן מיט וועלדער אין וועלקעניש,
מיט ביימער אַנטבלויזטע, מיט צווײַגן מיט ליידיקע.
פאַרהאַלט איך דעם טאָג, מיט מײַן ליכטיקער בענקעניש
כ'פאַרנעם אים צו זיך, ווי אַ פרײַנט אין געפענקעניש,
אַז בלײַבן מיט מיר זאָל זײַן וואַרעמע בלענדעניש,
זײַן ליכט די צעשטראַלטע אין מײַן האַרץ — אַ באַהעלטעניש.

דאָרע כײַקינע

ווי זומער — די שטערן אין הויך

* * *

אפילו ווען טרוימען פאַרגייען,
צערינען, אַזוי ווי אַ רויך,
איך דאַרף זיי, ווי ווינטער — די שנייען,
ווי זומער — די שטערן אין הויך.

איך דאַרף זיי, ווי כ'דאַרף מײַנע אויגן,
ווען אין דער פינצטער איך טאַפּ.
די טרוימען — זיי זײַנען ווי טויבן,
וואָס קיינער האָט זיי ניט געכאַפּט.

אָט פליִען זיי אום אין די רוימען,
זיי זײַנען סײַ דײַנע, סײַ ניט.
ס'פאַרייניקן מענטשן די טרוימען,
אַזוי ווי ס'פאַרייניקט אַ ליד.

ווען ס'קומט מיר אַ בלינדער אַנטקעגן,
נאָר ניט, ווי זיי האַלטן דעם שטעקן —
צוערשט וויל איך זען זײַנע הענט,
וואָס אופטאָן זיי האָבן געקענט.

אפילו ווען טרוימען פאַרגייען,
צערינען, אַזוי ווי אַ רויך,
איך דאַרף זיי, ווי ווינטער — די שנייען,
ווי זומער — די שטערן אין הויך.

א יעל אין אירפּען

איך ווייס, ס׳וועט אַצינד זיך שוין כאַלעמען מיר
אַ טײַך אין אַ זילבערנעם ווײַסן געפּריר,

אַ יעל, וואָס צום טײַך האָט זיך לויפן געלאָזט,
נאָר עפּעס האָט זי צו דעם טײַך ניט דערלאָזט.

און שטיין איז געבליבן די יעל אָפן וועג,
צום טײַך ניט געקומען, פון טײַך ניט אַוועק,

פאַרהריזנעט געבליבן אין זאַמד, צי אין שניי.
כ׳קאָן אויך ניט אַוועקגיין, די פיס טוען וויי.

די פיס טוען וויי, נאָר איך שלעפּ זיי מיט גוואַלד.
אַ זילבערנער שניי, אַ באַפליגלטער, פאַלט.

ער פאַלט אַף דער יעל, אָפן טײַך אין געפּריר,
אַף אַלץ, וואָס וועט איצט זיך שוין כאַלעמען מיר.

* * *

עס האָט מיך אָפּגעזוכט אַ ווינט אין פעלד,
אַ בלויער ווינט מיט בלויע, גרינגע פליגל,
די ערד אונטער די פיס גענומען וויגן
און פון זײַן שווערער אַרבעט שטאַרק געקוועלט,

געקוועלט, וואָס שטיין געבליבן כ׳בין געפּלעפט
אינמיטן פעלד אין זוניקן, אין גרינעם,
איך ווייס דאָך — פּרווו אַ ווינט אין פעלד געפינען! —
האָט מיך דער ווינט געפונען — זע, ווי ס׳טרעפט...

באַגליקט מיך מיט אַ טײַערן געשאַנק.
האָב איך צעשפּרייט די הענט, די פליגל שוואַכע,
און ס׳האָט דער ווינט פון מיר גענומען לאַכן:
— איז וואָס זשע האָסטו ניט געזוכט מיך יאָרנלאַנג?

צי בלויז אַ ווינט כ׳האָב אָפּזוכן פאַרפעלט?
אַ בלויען ווינט מיט בלויע, גרינגע פליגל,
וואָס נעמט די ערד אונטער די פיס מיר וויגן?
עס האָט אַ ווינט געפונען מיך אין פעלד...

טעפּרוינסט

אוראַן גוראַלניק

נעכטן, הײַנט, מאָרגן

מײַן ראַכוועסדיק היימלאַנד

„פֿון וואָס הייבט זיך אָן דאָס היימלאַנד?..״ — אין דער פּאָפּולערער סאָוועטישער ליד ווערט די דאָזיקע פֿראַזע איבערגעכאַזערט עטלעכע מאָל.

דער באַגריף „היימלאַנד״ איז ברייט און פֿילבאַדײַטנדיק. אין דער זעלבער צײַט איז ער קאָנקרעט.

אונדזער „מיקראָהיימלאַנד״ איז באַגרענעצט מיט דער רעאַלער געאָגראַפֿישער סוויווע: מיט דעם קאָנקרעטן אָרט, ווו מיר זײַנען געבוירן געוואָרן, אויסגעוואַקסן, זיך געשטעלט אַף די פֿיס. פֿאַר מיר פּערזענלעך איז דאָס וויניצע, אין די צוואַנציקער יאָרן נאָך א פֿאַרהעלטנס־מעסיק קליינע שטאָט, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער די פּאָדאָליער הויכענישן, אַרומגערינגלט מיטן פֿרידלעכן היימישן טײַך בוג.

מיט א געפֿיל פֿון ליכטיקן טרויער בין איך אין האַרבסט 1967 דאָס לעצטע מאָל געקומען אין מײַן געבורטסשטאָט וויניצע. איך בין אַרומגעגאַנגען איבער די ליבע גאַסן, וואָס טראָגן די נעמען פֿון לענינען, פּושקינען, קאָציובינסקין, שאָלעם־אַליכעמען. פֿונדאַנען האָט זיך אָנגעהויבן מײַן לעבנסוועג. דאָ דערמאָנען נאָך א סאַך זאַכן מײַן ווײַטע קינדהײַט, אָבער וויניצע איז שוין ניט ענלעך אַף יענעם פֿאַרמילכאָמעדיקן האַלבשטעטל, ווי עס האָט זיך פֿאַרגעדענקט די ייִנגלעך פֿון מײַן דאָר.

איך געדענקט די שמאָלע הילצערנע בריק, וואָס פֿלעגט פֿרילינג זיך נעמען וואַקלען און ציטערן אונטערן דרוק פֿונעם אײַזגאַנג און איז שיר ניט אוועק צוזאַמען מיט דער קריִע? הײַנט איז די אײַזנבעטאָנענע בריק אָנגעצויגן איבערן טײַך, ווי א שטײַפֿע סטרונע. און דער בוג, דער שטילער בוג, וואָס אין אייניקע ערטער זײַנע האָט אַפֿילע א הון געקאָנט אַריבער־שפּאַנען, איז פֿאַרצוימט מיט א דאַמבע און איבער אים גייען שיפֿן. בא דעם האַפֿן, וואָס געפֿינט זיך לעבן דער אַלטער באָד, ניט ווײַט פֿונעם געוועזענעם ייִדישן בעסוילעם, איז אין די זונטיק־טעג טומלדיק. די באַריידעוודיקע קאָלווירטניצעס, וואָס האָבן אויספֿאַרקויפֿט זייערע פּראָדוקטן אַפֿן מאַרק, וואַרטן אומגעדולדיק אַפֿן קאַטיער, וואָס וועט זיי אָפּפֿירן אַהיים.

פֿונעם נײַעם גאַגאַרין־פּלאַץ ציט זיך דער ברייטער רעוואָליוציע־פּראָספּעקט; אין דעם דאָזיקן ראַיאָן, אונטערן שאָטן פֿון די אַלטע ליפּעס, זײַנען באַערדיקט די קאָרבאָנעס פֿון די היטלעריסטן — צענדליקער טויזנט סאָוועטישע בירגער, ייִדן און ניט־ייִדן, וואָס די אָקופּאַנטן האָבן דערמאָרדעט. אַהערצו איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן דער אַלטער ייִדישער בעסוילעם.

אין וויניצע האָבן די פֿאַשיסטן אַרויסגעוויזן א באַזונדערע „וואַכזאַמקײַט״. איצט איז שווער אַפֿילע צו גלייבן, אַז מיט דרײַסיק יאָר צוריק איז דאָ געווען די סטאַווקע פֿונעם „פֿירער״!

דער נײַער מיקראָראַיאָן, וווהין ס׳האָבן זיך אַריבערגעקליבן, צוזאַמען מיט אַנדערע, אויך די אַלטע אײַנוווינער פֿון „יערוסאַלימקע״ — פֿון דער ייִדישער געטאָ, וואָס איז באַשריבן אין

פֿאָרזעצונג. זע „סאָוועטיש היימלאַנד״ נום. 9, 12, 1973, נום. 2, 1974.

לינעצקיס „דאָס פּוילישע ייִנגל", טראָגט דעם פּאָעטישן נאָמען ווישענקי. דאָ געפֿינט זיך דער מוזיי אָפּן נאָמען פֿון פּיראָגאָוו, דעם לעגענדאַרן רוסישן כירורג; לויטן מאַסשטאַב און אַר־כיטעקטור שטייט ווישענקי ניט אָפּ פֿון די מאָסקווער „טשעריאָמושקעס". אין איינעם פֿון די פּילגאַרנדיקע הײַזער וווינט אין אַ דרײַצימערדיקער דירע מײַן פֿעטער זעליק, דער געוועזע־נער „מיליטערישער שנײַדער" מיט זײַן זון זוניע־כאַסקל. זוניע אַרבעט אין אַפּטייל פֿון קאַ־פּיטאַלער בוייונג אָפּן שאַריקאָפּאָדשיפּניקאָווער זאַוואָד.

פֿון די 250 טויזנט ווינניצער אײַנוווינער געדענקט שוין ווייניק־ווער די קליינינקע טראַמ־ווײַלעך, וואָס פֿלעגן קורסירן איבער דער שטאָט. מײַנע לאַנדסלײַט פֿאָרן איצט אַרום אין טאַקסי־אויטאָמאָבילן, אין קאָמפֿאָרטאַבעלע אויטאָבוסן, טראָליבוסן איבער די ווינניצער גאַסן טראָגן זיך מיט אַ געקלאַנג טראַמוויי־צוגן.

עס טרעפֿט, אַז עס טוט אַ קלעם באַם האַרצן, ווען דו זעסט, ווי דער בולדאָזער טראָגט אַראָפּ אַף שטענדיק אַ באַליבט ווינקעלע פֿון דער אַלטער שטאָט. אָבער, אַז דו דערמאָנסט זיך די בלינדע הײַזלעך מיט די ליימענע דילן, ווו ס'האָבן אין ענגשאַפֿט געוווינט אַף דער „יערוסאַלימקע" גרויסע יידישע מישפּאָכעס, און דו פֿאַרגלײַכסט זיי מיט די ליכטיקע ראַכ־וועסדיקע צימערן פֿון מײַן פֿעטער זעליק מיט זײַן זון זוניע־כאַצקל, פֿאַרשטייסטו, אַז די ראָמאַנטישע בענקשאַפֿט נאָכן אַמאָל האָט אונטער זיך ניט קיין באָדן.

ניט נאָר די שטאָט, די מענטשן זײַנען געוואָרן אַנדערע. צי איז דען ענלעך מײַן פּלימע־ניק באָריס אָסטראָווסקי, דער זאַוואָדישער מײַסטער, אַף זײַן טאַטן, אָפּן זיידן — די האַלב־טויבע באַלמעלאָכעס־בלעכערס? זײַן לעצטע יאָמטעוו־באַגריסונג האָט באָריס אונדז צוגע־שיקט פֿונעם בײַקאַרפּאַטישן קוראָרט, ווו ער האָט אָפּגערוט צוזאַמען מיט זײַן פֿאַמיליע.

ביז איצט קאָן איך זיך ניט צוגעוווינען צו טוריסטישע וואָיאַזשן. מײַנע פּילצאַליקע רײַ־זעס איבערן לאַנד זײַנען שטענדיק געווען פֿאַרבונדן מיט מײַן אַרבעט. דעם באַליבטן לענינ־גראַד האָב איך באַזוכט צענדליקער מאָל, אָבער אַלץ צוליב זאַכלעכע איניאַנים: איך בין געקומען אַהער אין אינסטיטוט פֿון רוסישער ליטעראַטור, אַף די אַלפֿאַרבאַנדישע פּושקין־קאָנפֿערענצן, אין דער סטודיע „לענפֿילם" אַלס קאָנסולטאַנט. אַף אַרומצוגיין איבער די מוזייען, האַנאָע האָבן פֿון די ווײַסע נעכט, אַף באַגעגענישן מיט לענינגראַדער קונסט־טוער האָב איך געקענט אָפּשפּאָרן בלויז געציילטע פֿרײַע שאָען. אָבער די דאָזיקע שאָען זײַנען מיר באַזונדערס טײַער און האָבן זיך אַף לאַנג פֿאַרגעדענקט.

אין לענינגראַד קאָן מען זיך אָפּשטעלן אין אַ האָטעל, אָדער לעס ברייערע אין דער צוזאַמענוווינונג באַ דעם הויז פֿון די געלערנטע, וואָס שטייט אין סאַמע צענטער — באַנאַנד מיטן ווינטער־פּאַלאַץ, אַף דער כאַלטורין־גאַס. איך פֿלעג אָבער געוויינלעך זיך אָפּשטעלן באַ מײַנעם אַ ווײַטן קאָרעוו פֿון ווינניצע — ראָמאַן שומיליוווער. איך האָב ליב אָט דעם שיינעם מענטשן מיטן גוטן שמייכל אַף די ליפּן. ער איז אויסגעוואַקסן אָן אַ טאַטן, זײַן מוטער, פּאַ־ליע, וועלכע האָט צו 20 יאָר באַקומען אַ יעדיע, אַז איר מאַן איז געפֿאַלן באַ סטאַלינגראַד, האָט אַליין דערצויגן דאָס ייִנגל; ער האָט געענדיקט אַ מיטלשול, דערנאָך דעם אינסטיטוט פֿון קעלטער־אײַנריכטונגען אין גאָרקי, איז געוואָרן אַן אַנערקענטער ספּעציאַליסט אין זײַן געביט. נאָך ייִנגלווײַז האָט ראָמע זיך באַטייליקט אין דער אַלפֿאַרבאַנדישער לאַנדווירטשאַפֿט־לעכער אויסשטעלונג, ער האָט אַפּילע באַקומען אַ קליינע גאָלדענע מעדאַל. און אָט אַרבעט ער שוין פֿופֿצן יאָר אַף אַ לענינגראַדער זאַוואָד. זײַן פֿרוי, ראָזע רובאַשקינאַ, איז אויך אַן אינזשענער. זי איז אַ מיטאַרבעטער פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעכן פּראָעקטן־אינסטיטוט. זייער שטוב איז פֿול מיט ביכער און זשורנאַלן. מע לעבט פֿרײַנטלעך, בענעפֿעש אַכאַס. דערפֿאַר, הײַזט אויס, ציט עס מענטשן צו דער שטוב אַף דער ווײַטער נעווסקער זאַסטאַווע.

ווי באַוווסט, האָבן די קאָמאַנדירטע זייערע זאָרגן, זייערע רעכט און היסכײַוועסן. פֿונ־דעסטוועגן האָב איך זיך אין ערגעץ ניט געפֿילט ווי אַ „צײַטווײַליקער", ניט אין דער הויפּט־שטאָט פֿון טאַטאַריע קאַזאַן, וווהין מיר זײַנען געקומען צו פֿאָרן אַף אַ גאָרקי־קאָנפֿערענץ, ניט אין טאַגאַנראָג, ווו עס איז פֿאָרגעקומען אין צוזאַמענהאַנג מיטן הונדערטיאָריקן גע־בוירן־טאָג פֿון טשעכאָוו אַן אַרויספֿאָר־סעסיע פֿונעם וויסנשאַפֿט־ראַט. קיין לוואָוו בין איך צום ערשטן מאָל געקומען אַף אַ יובליי־סעסיע, געווידמעט איוואַן פֿראַנקאָ. מיר זײַנען געווען אין געבורט־דאָרף פֿונעם אוקראַאינישן קלאַסיקער, זיך אופֿגעהויבן אַף איינעם פֿון די העכסטע קאַרפּאַטער בערג. פֿון דעמלט אָן איז אַריבער קימאַט 10 יאָר, נאָר די פֿרײַנטשאַפֿט מיט די לוואָווער פֿילאָלאָגן ווערט פֿון יאָר צו יאָר שטאַרקער.

אינגאַנצן אַכט שאָ איז מיר אויסגעקומען צו פֿאַרברענגען מיט אַנדריי גרישונינען, מיטן פּאַרוואַלטער פֿון דער אָפּטיילונג פֿון דער רוסישער ליטעראַטור אין דער אוראַלטער שטאָט טווער, איצט קאַלינין. צוזאַמען מיט גרישונינען זײַנען מיר אוועק צום פּראָפֿעסאָר געלגאַרדט, מיט וועלכן איך בין פּערזענלעך ניט געווען באַקאַנט.

אָט דער לינגוויסט, וואָס האָט אויסערלעך אויסגעזען אַלטמאָדיש מיט זײַן דײַטשישער פּינקטלעכקײַט, האָט איבעראַשט מיט זײַן הויכער גײַסטיקער קולטור. אַליין איז ער פֿון מאָסקווע, די פֿרוי פֿון גרוזיע, אָבער די דאָזיקע מענטשן האָבן פֿאַרבונדן זייער לעבן מיט

דער אלטער שטאָט אויף דער וואָלגע און מיטן מעלוכע־אוניווערסיטעט, וואָס האָט זיך אָט דאָ ביט לאַנג געעפנט.
ס'איז קעדיי געווען צו זען, וויאַזוי דעם פּראָפעסאָרס ווײַב, אַן עלטערע פרוי מיט אַ שטאָלצן פּראָפיל פון אַ מיזרעך־פירשטין, אַ מאָלערן לויטן באַרוף, האָט באַגלייט אונדז אַלס גיד אין אַן אויטאָמאָביל־עקסקורסיע איבער קאַלינין. מיט וואָס פאַר אַ פאַרכאַפּונג זי, אַ דערציגענע אין טביליסי, האָט גערעדט וועגן די היסטאָרישע דענקמעלער פון אוראַלט־רוסלאַנד, דעמאָנסטרירט די אַרכיטעקטורישע מערקווירדיקייטן פון טווער.
הערנדיק אירע רייד, האָב איך ניט ווילנדיק זיך אַריבערגעטראָגן מיטן געדאַנק אין דער גרוזינישער הויפּטשטאָט, צו וועלכער איך בין שוין פונלאַנג צוגעזאָגט געוואָרן מיטן גאַנצן האַרצן. דריי מאָל בין איך געווען אין יענע קאַנטן. דאָס ערשטע מאָל בין איך אַהין געקומען אין הארבסט 1962 צוזאַמען מיט מאַקסים גאָרקיס אַלמאַנע יעקאַטערינאַ פּאַוולאָוונאַ פּעשקאָווע. מיר האָבן אָפּגעמערקט דעם 70־טן געבוירנטאָג פון מאַקסים גאָרקי.
אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש פּעשקאָוו, דער זון פונעם ניזשעגאָראָדער מײַסטער, איז געבוירן געוואָרן אויף דער וואָלגע אין 1868־טן יאָר. און דער שרײַבער מאַקסים גאָרקי, וועמעס נאָמען עס האָט געקלונגען איבער דער גאַנצער וועלט, איז אַלס שרײַבער אופגעקומען אָט דאָ, אויף דער געבענטשטער גרוזינישער ערד: אין סענטיאַבער 1892 איז אין דער צײַטונג „קאַווקאַז" אָפּגעדרוקט געוואָרן די ראָמאַנטישע דערציילונג „מאַקאַר טשודראַ", וועלכע דער אויטאָר האָט אונטערגעשריבן מיטן פּסעוודאָנים „גאָרקי". די גרוזינער שטאָלצירן מיט דעם, וואָס די נעמען פון גריבאָיעדאָוו און פּושקינען, גאָרקין און מאַיאַקאָווסקין זײַנען פאַרבונדן מיט זייערע קאַנטן.
מיר זײַנען אויסגעפאָרן די גאַנצע רעפּובליק. איך האָב דעמלט פּערזענלעך זיך באַקענט מיט דער גאַסטפרײַנטלעכקײַט פון דעם דאָזיקן אוראַלטן פּאָעטישן פאָלק.
ס'איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, וואָס אין עטלעכע יאָר אַרום האָב איך מיט פאַרגעניגן אָנגענומען דעם פאַרשלאָג פון מײַנע טביליסער פרײַנט צו זײַן דער וויסנשאַפטלעכער רעדאַקטאָר פון דער רוסישער אויסגאַבע פון אַן אַקאַדעמישער „געשיכטע פון דער גרוזינישער סאָוועטישער ליטעראַטור".
אַ גאַנצן כוידעש האָב איך געוווינט אינעם שרײַבער־הויז „קווישכעטי". מיר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן 12 שעה אין טאָג — ס'איז אונטערגעקומען דער טערמין. אָבער געאַרבעט האָט זיך גרינג און פריידיק. דורכן פענצטער, אויף אַ שעטעך פון צענדליקער קילאָמעטער, האָט מען געזען דעם טאָל, אַ באַדעקטן מיט אַ לײַכט רויכל. דער טײַך קוראַ, אַרויסרײַסנדיק זיך פון די ענגע אָרעמס פון באָרזשאָמער באַרג־קייט, האָט ווי איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, אַביסל זיך באַרויקט, אַוועק אויף מיזרעך — גרויסאַרטיק, ווי די גאַנצע אַרומיקע נאַטור.
מיך האָבן געקישעפט די זון־אופגאַנגען און די שקיעס, וועלכע איך פלעג באַגעגענען און באַגלייטן באַם שרײַבטיש, וואָס איז געשטאַנען באַם ברייט צעעפנטן פענצטער. ס'האָט מיך פאַרבלענדט די פילפאַרביקײַט, די שאַרפע רייכעס פון קאָלערליי געוויקסן. נאָר מער פון אַלץ איז מיר געפעלן דאָס פאָלק, צווישן וועלכן מיר איז אויסגעקומען צו פאַרברענגען אָט דעם אומפאַרגעסלעכן כוידעש.
איך האָב געוווינט אין איין הויז מיט שרײַבערישע מישפּאָכעס. די טומלענדיקע קינדערלעך און אויך די יונגע פרויען האָבן פון פרי ביז שפּעט געיאָגט דעם מיאַטש. אַ גאַנצן טאָג האָט געקלונגען די גרוזינישע שפּראַך — און כאָטש כ'האָב גאָרניט פאַרשטאַנען, האָב איך דאָך מיט פאַרגעניגן זיך אײַנגעהערט אין דער מעלאָדיע פונעם אייגנאַרטיקן לאָשן, וואָס האָט אַזוי אָרגאַניש צונויפגעגאָסן זיך מיטן זודיקן טעמפּעראַמענט פון מײַנע גאַסטפרײַנטלעכע באַלעבאַטים.
דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיטן ראָמאַניסט, דעם אַקאַדעמיקער דיאָמענע שענגעלאַיאַ, דעם קלאַסיקער פון דער נײַער גרוזינישער ליטעראַטור, — וועגן אים איז געגאַנגען אַ רייד אין דעם ווערק, וואָס איך האָב רעדאַגירט. ער האָט געוווינט גאָר נאָענט פון מיר. אין די אָוונטן, ווען די היץ איז געפאַלן און ס'האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ פריש ווינטל פונעם סוראַמסקער שפּיץ באַרג, פלעגט שענגעלאַיאַ אַרויסגיין אויף דער פרישער לופט. ער איז געווען אַפאַנעם, צופרידן פון די שמועסן, וואָס מיר האָבן געפירט מיט אים, און מיר פלעגן ביז שפּעט זיצן אויף דער וועראַנדע פונעם שרײַבער־הויז.
דיאָמענע קאָנסטאַנטינאָוויטש איז דעמלט שוין אַלט געווען העכער זיבעציק. ער האָט דורכגעמאַכט אַ גרויס און קאָמפּליצירט לעבן און האָט געהאַט וואָס צו דערציילן. אָבער וועגן וואָס ער זאָל ניט געווען רעדן, אָט דער קלוגער זאַקן, — און גערעדט האָט ער הייס, פאַרכאַפּנדיק, האָט זיך געפילט זײַן שטרענגע און גרויסע ליבע צו זײַן פאָלק, צו זײַן פילגעפּרוווטער געשיכטע. אומבאַמערקט האָב איך אויך אָנגעהויבן קוקן מיט זײַנע אויגן אויף דער פאַרגאַנגענהײַט, אויף דער הײַנטצײַטיקײַט און אויף דער צוקונפט פון גרוזיע.
אַן אַלטער גרוזינישער אינטעליגענט, האָט ער מיך געלערנט, וויאַזוי מע דאַרף ליב האָבן די אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור. אין אונדזערע שמועסן איז ניט איין מאָל אופגעקומען די פראַגע, וועלכע מע וואָלט געקענט באַדינגלעך אָנרופן „נאַציאָנאַלע זעלבסטקריטיק". אויב

דו ביסט ווירקלעך איבערגעגעבן דײַן נאציע, האָט געזאָגט דער שרײַבער, טאָרסטו זיך צו איר ניט כאַנפענען, ניט פאַרשווײַגן די שוואַכע זײַטן פון נאָענטע און אייגענע מענטשן. העלף זיי זיך באַפרײַען פון פאַרעלטערטע טראַדיציעס, פון אָפּגעלעבטע מינהאָגים. שטיץ בלויז דאָס, וואָס איז ווערטפול, וואָס קאָן פאַרנעמען אַן אָרט אין דער קומענדיקער קולטור פונעם פאָלק.

פאַר דיאָמנע שענגעלאַיען איז דאָס ניט געווען קיין דעקלאַראַציע. דאָס האָב איך פאַר־שטאַנען, ווען כ'האָב איבערגעלייענט זײַנע ווערק.

אין זײַנע דערציילונגען און ראָמאַנען האָט ער געשאַפן אַ גאַלעריי עכטע נאַציאָנאַלע טיפּן און כאַראַקטערן. די גרעסטע פּאָפּולאַריטעט באַם פאָלק האָט באַקומען באַטאַקעקיאַ, אַ גרוזינישער פויער. באַטאַקעקיאַ האַלט מען פאַרן גרוזינישן קאָלאַ בריוניאָן. מיר דאַכט זיך, אַז באַטאַקעקיאַ, אַלס טיפּ, געפינט זיך ערגעץ צווישן די ייִדישע פאָלקס־געשטאַלטן הערשעלע אָסטראָפּאָליער און טעוויע דעם מילכיקן. עמעסע פאָלקס־כאַראַקטערן זײַנען קרויז־וויש צווישן זיך, ניט געקוקט אָף דער נאַציאָנאַלער ספּעציפיק און דער נאַציאָנאַלער אייגנאַר־טיקײַט זייערער.

דיאָמנע שענגעלאַיאַ קען גוט שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן; די געשטאַלטן פונעם ייִדישן קלאַסיקער האָט ער אָפּגעשאַצט זייער הויך. ער האָט געהאַלטן, אַז זיי שטייען אין איין ריי מיט די „אייביקע" געשטאַלטן פון דער אַלוועלטלעכער ליטעראַרישער קלאַסיק. ער באַציט זיך מיטן גרעסטן פּיִעטעט צו דער קולטור פון אַנדערע נאַציעס; די דאָזיקע באַציִונג האָט ער, ווײַזט אויס, אײַנגעזאַפּט אין זיך מיט דער מוטערס מילך. שענגעלאַיאַ רעדט אָף אַ גוטן רוסיש, אָן שום סימאָנים פונעם געוויינלעכן „קאַווקאַזער אַקצענט". אַט דער געוועזענער דאָרף־לערער באַציט זיך מיט אויסערגעוויינלעכן קאָוועד צו דער ליטעראַטור און צו דער קונסט פון רוסלאַנד. ער קענט פאַר טאָלסטאָיס און טשעכאָווס געווינעס. שענגעלאַיאַ דערציילט גערן וועגן זײַן פרײַנטשאַפט מיט די קאָריפייען פון דער נײַער רוסישער ליטעראַטור.

אין איינעם אַן אָוונט איז געקומען צו רייד וועגן די גרוזינער ייִדן, וועגן זייער געשיכטע, וועגן זייער אייגנאַרטיקן שטייגער, זייערע מינהאָגים. שענגאַלאַיאַ האָט דערציילט אַ סאַך אינטערעסאַנטס וועגן זײַנע קאָלעגן — די שרײַבער, גרוזינישע ייִדן, וועגן זייער באַדײַטנדיקן צושטײַער אין דער ליטעראַטור און קולטור פון דער רעפּובליק. ער האָט וועגן דעם דער־ציילט מיט פּאַטאָס און סימפּאַטיע.

דאָס דאָזיקע קאַפּיטל פון מײַנע אויטאָביִאָגראַפישע פאַרצייכענונגען וויל איך פאַרענדיקן מיט אַ דערציילונג וועגן אַ באַגעגעניש אָף דער אוזבעקישער ערד. די סאָוועטישע מיטלאַזיע איז אין די יאָרן פון דער מילכאָמע געוואָרן אַ היים פאַר טויזנטער ייִדישע מישפּאָכעס. פאַר מײַן פאָטער און פאַר מײַנע דרײַ ייִנגערע ברידער איז אוזבעקיסטאַן געוואָרן דאָס צווייטע היימלאַנד. דאָ איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן אַ גאַנצע צווײַג פון די גוראַלניקס.

אין דער סוויווע פון נאָענטע מענטשן האָב איך אין פרילינג פונעם 1973 דאָ געוווינט צען אומפאַרגעסלעכע טעג. טאַשקענט. אַט די אוראַלטע שטאָט בײַט בוכשטעבלעך פאַר די אויגן איר אויסזען. איך בין דאָ געווען ניט איין מאָל. אין דער צווייטער העלפט פון די פערציקער יאָרן בין איך געקומען אַהער אַלס ספּעציִעלער קאָרעספּאָנדענט פון סאָווינפאָרמ־ביוראָ. דאָס, וואָס איך האָב דאָ איצט דערזען, האָט מיך מאַמעש איבעראַשט. אוואדע האָב איך זיך געגוג אָנגעלייענט וועגן די ענדערונגען, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אין דער הויפּט־שטאָט פון אוזבעקיסטאַן נאָך די טראַגישע טעג פון דער גרויסער ערדציטערניש. אָבער ניט די הויכע געבײַדעס, די נײַע קוואַרטאַלן און מאַגיסטראַלן (דער וויכטיקסטער פון זיי הייסט פּראָספּעקט פון „פעלקער־פרײַנטשאַפט") האָבן אָף מיר געמאַכט דעם גרעסטן אײַנדרוק. אייגנטלעך אונטערשיידט זיך טשילאַנדזאַר ווייניק־וואָס פונעם מאָסקווער „דאָרעם־מײַרעוו" צי פון דער קיִעווער „זאַדניעפּראָוויע".

דעם גרעסטן אײַנדרוק האָבן אָף מיר געמאַכט גופע די מענטשן פון טאַשקענט. איך האָב די צען טעג פאַרבראַכט אין דער סוויווע פון גײַסטיק־נאָענטע מענטשן — ליטעראַטן, לערער, סטודענטן. קיין אוזבעקיסטאַן האָט מיך דאָס מאָל אײַנגעלאַדן דער אוניווערסיטעט. אָפן פּי־לאָלאָגישן פאַקולטעט האָב איך געדאַרפט איבערלייענען ניט קיין גרויסן ספּעצקורס וועגן ליטעראַטור און קינאָ און אויך זיך באַטייליקן אַלס אָפיציִעלער אָפּאָנענט אין דיספּוט איבער דער דיסערטאַציע וועגן די ראָמאַנען, געווידמעט כאָדזשאַ נאַסרעדינען — דעם אוזבעקישן הערשעלע אָסטראָפּאָליער.

איינעם אַן אָוונט בין איך אַרויסגעטראָטן אין „הויז פון וויסן" מיט אַ לעקציע אָף דער טעמע „דאָסטאָיעווסקי און מיר". פון אינדערפרי אָן האָט געגאָסן אַ נודנע רעגנדל. ס'איז געווען זונטיק. אין טעלעוויזאָר האָט מען באַוויזן אַ ספּאָרטיווע טראַנסליאַציע. איך האָב אַ טראַכט געטאָן, ווער וועט עס אין אַזאַ אָוונט זיך לאָזן אין צענטער פון שטאָט אָף עפּעס אַ לעקציע? אָבער דער זאַל איז געווען פול. די בילעטן אויספאַרקויפט. אַהער אין זאַל האָבן זיך פאַרזאַמלט מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקערשאַפטן. באַנאַנד מיט אַ ייִדן, אַ פּענסיאָנער, איז געזעסן אַ יונגער סטודענט אַ קאָרייער. איינער אַ טאָטער האָט מיך באַשאָטן מיט פראַגן

וועגן זין פון לעבן אין שײַן פון דאָסטאָיעווסקיס פילאָסאָפישע אידייען. א רוסישע פרוי, זעט אויס, א לערערן, האָט זיך אינטערעסירט מיט דער באַדײַטונג פון די טראַדיציעס פונעם אוו־טאָר פון „פאַרברעכן און שטראָף" פאַר דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור...

בא מיר האָבן זיך פאַרהיט די צעטעלעך, וואָס מע האָט מיר איבערגעגעבן פונעם זאַל. זיי באַשטעטיקן דאָקומענטאַל דעם אויסערגעוויינלעך הויכן אינטעלעקטועלן ניוואָ פון מײַן טאַשקענטער אאודיטאָריע, איר זעלבשטענדיקײַט און טיפקײַט פון דענקען, די זיכערע אָריענ־טאַציע אין פראַגן פון פילאָסאָפיע, סאָציאָלאָגיע, עסטעטיק.

ווי וואָלוול און אומגעלומפּערט זעען אויס אייניקע אויסלענדישע באָאַבאַכטער, וועלכע שטעלן זיך פאָר אונדזערע שטעט און יישובֿים, וואָס געפינען זיך ווײַט פון מאָסקווע, ווי פאַרוואָרפענע, פאַרלאָזטע פון גאָט און לײַט לעכער.

וואָס אין שײַעך צו מײַנע טאַשקענטער לײַבלעכע ברידער, האָבן זיי ניט אַף וואָס זיך צו קלאָגן. נאָך דער ערד־ציטערניש האָבן זיי אַלע באַקומען ווונדערלעכע וווינונגען אין די נײַע, גוט אײַנגעאָרדנטע ראַיאָנען. יעפים גוראַלניק ארבעט אלס הויפּט־בוכהאַלטער אין דער געאָלאָגישער פאַרוואַלטונג, מישע איז א שערער, סאַשע — אַן אינזשעניער־קאָנסטרוקטאָר. עס ארבעטן אויך זייערע פרויען.

און די קינדער לערנען זיך, זעלבסטפאַרשטענדלעך. ס'זײַנען שוין פאַראַן אייניקלעך. די טאָכטער פונעם עלטערן ברודער, זינע, האָט פאַראַיאָרן הארבסט באַקומען א דיפּלאָם — זי האָט פאַרענדיקט דעם היגן אוניווערסיטעט; איר שוועסטער סאָפע איז דאָ ניט לאַנג אָנגע־קומען אין א טעכנישער הויכשול. נאַטירלעך, יעדערער האָט זיך זײַנע זאָרגן, זײַנע פּראָבלע־מען. אָבער אַן דעם וואָלט דאָס לעבן גרוי געווען. ס'בלײַבט בלויז צו ווינטשן געזונט, דאָס איבעריקע וועט שוין אליין קומען.

אונטערפירן סאַכאַקלען איז, ווײַזט אויס, נאָך א ביסל פרי. נאָר ווען איך זאָל דאַרפן ענטפערן אין עטלעכע ווערטער אַף דער פראַגע, אין וואָס זע איך איין דעם הויפּט־סאַכאַקל פון מײַן לעבן, וואָלט איך גיכער פאַר אלץ געענטפערט אזוי: אין דעם, וואָס איך האָב א סאַך געטרײַע פרײַנט. זיי לעבן ניט בלויז אין די שטעט, ווו מיר איז אויסגעקומען צו זײַן.

אָט, לעמאָשל, בין איך קיינמאָל ניט געווען אין בעלץ, אָבער דאָרט ארבעט מײַן גוטער פרײַנט אָסקאַר סעמינאָווסקי, א געבוירענער אָדעסיט. בא מיר אַף דער ביכער־פּאָליצע שטייט א צענדליק ביכער זײַנע וועגן דער רוסישער ביזרעוואָלוציאָנערער מאַרקסיסטישער קריטיק. די ביכער זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין קעשענעוו. סעמינאָווסקי איז א דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן, א פּראָפעסאָר, פאַרוואַלטער פון דער קאַטעדרע פון ליטעראַטור אין פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. זײַן זון וואַלערי פאַרענדיקט דעם פאַקולטעט פון זשורנאַליסטיק אין מאָסקווע.

אין מאַכאַטש־קאַלאַ, ווו איך בין אויך קיינמאָל ניט געווען, וווינט מײַן כאַווער מוישע פענס, וועגן וועלכן איך האָב שוין דערציילט אין מײַנע נאָטיצן. דאָרט ארבעט אויך מײַן קאָלעגע, דער געוועזענער אַספּיראַנט און איצט דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן, ראַ־סים יוסופאָוו; דער דיכטער און געלערנטער איזאַמיט אַסעקאַאָוו און אויך דער ליטעראַטור־קענער עפענדי קאַפּיִעוו, — יידן, אַזערבײַדזשאַנער, קומיקן, לאַקן, דאַרגינצעס...

די באַקאַנטשאַפט פאַרברייטערט זיך אַלץ. אויך איצט לייען איך א ספּעצקורס אַף דער טעמע „קלאַסיק און הײַנטצײַטיקײַט" פאַר די אַנפירער פון די קאַטעדרעס פאַר רוסישער סאָוועטישער ליטעראַטור. דאָ האָבן זיך פאַרזאַמלט לערער פון פענזע און ריאַזאַן, טשעליאַ־בינסק און סטאַווראָפּאָל, מאַגאַדאַן און קראַסנאָיאַרסק, מיטשורינסק און נאָוואָקוזנעצק. איך מיין, אז מיט אייניקע פון זיי וועלן זיך אײַנשטעלן בא אונדז פרײַנטלעכע באַציִונגען אַף לאַנג, אָפּן באַדן פון אַלגעמיינע אינטערעסן, גײַסטיקע באַדערפעניש, עסטעטישע פאַרבינדונ־גען. איך וועל דאָ אָנרופן דרײַ פון מײַנע נײַע פרײַנט: דעם רוס אָסטראַפּיאַנסקי ניקאָלײַ אַפאַנאַסיעוויטש, דעם יידן מאַנאַסטירסקי אַנאַטאָלי ראַפאַילאָוויטש, דעם בוריאַט אַנדרייעוו וולאַדימיר אַנדרייעוויטש.

א ביסל וועגן „געמישטע כאַסענעס"

פונעם 1938 יאָר — אויב ניט רעכענען די מילכאָמע־יאָרן — וווין איך אין מאָסקווע און אַף קיין שום שטאָט אין דער וועלט וועל איך מאָסקווע ניט פאַרבײַטן. אָט איז שוין באַלד 30 יאָר, ווי איך ארבעט אין איינעם און דעם זעלבן אינסטיטוט. 30 יאָר לעב איך מיט מײַן פרוי.

פון קיין גוטס אַנטלויפט מען ניט, — זאָגט דאָס פאָלק. און ס'איז פאַראַן אין דעם א טיפער זין.

אַגעוו, וועגן מײַן פרוי. אין טאָך וואָלטן מײַנע אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן געדאַרפט געווידמעט זײַן איר. מיר האָבן זיך באַקענט מיט עטלעכע כאָדאָשים נאָך דער מילכאָמע.

עמיליא איז דעמלט אלט געווען זיבעצן יאָר. מיר איז אויסגעקומען צו וואַרטן א יאָר, ביז דער ישעוו־ראַט האָט אונדז אָנערקענט אַלס מאַן און ווײַב.

מײַן פרוי איז געוואַקסן אין א באַשיידענער האַרעפּאַשנער פאַמיליע. די מומע טאַניע האָט געאַרבעט אויף דער פאַבריק. די מוטער, יעקאַטערינאַ לעאָנידאָוונאַ, וואָס האָט געהאַט א היפּשן אַרבעטס־סטאַזש, איז געווען געצוווּנגען צו זיצן אין דער היים מיט די קינדער. די קינדהײַט און די יוגנט פון מײַן פרוי זײַנען אַדורך אין די אומרויִקע פאַרמילכאָמעדיקע און אין די שווערע מילכאָמע־יאָרן. פריִער האָט זי געזען ווייניק: זי האָט געדאַרפט העלפן דער מוטער אויסכאָוועװען די קלענערע קינדער.

אייניקע שטרענגע קרויוים פּונעם טאַטנס צאַד און אויך פון דער מאַמעס צאַד האָבן זיך געוווּנדערט: ווי גוט און פײַן באַקומט זיך אַלץ בײַ מײַן יונגער און שיינער פרוי, סאַראַ בעריע זי איז, סאַראַ גוטע מאַמע. ווי זשע דען, אויף אירע הענט זײַנען דאָך אויסגעוואַקסן צוויי ברידערלעך און א שוועסטערל. מיט אָט די צאַרטע הענט האָט זי געקאַרטשעוועט וואַלד, געגראָבן קעגנטאַנקען־גריבער, באַאַרבעט א גאָרטן אין די הונגעריקע נאָכמילכאָמע־יאָרן.

די וואַסיליעווס האָבן געוווינט אין דאָמאָדיעדאָוואָ אין א געוויינלעכער שטוב פון א ישעוו הינטער א גרויסער שטאָט. די זעלבע דאָמאָדיעדאָוואָ איז איצט א יונגע שטאָט, וואָס וואַקסט גיך, ווו עס געפינט זיך דער באַוווּסטער אַעראָפּאָרט, פיל נײַע קוואַרטאַלן. די גאַסן זײַנען דאָ אַספאַלטירטע, די וווינונגען — באַוואָרנט מיט גאַז און מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן. מיט א פערטל יאָרהונדערט צוריק איז פון דעם אַלעמען אפילו קיין סימען ניט געווען. ווען מיר פלעגן זיך אומקערן פון מאָסקווע אָפּן לאָקאָמאָטיוו פון דער אַרבעט, האָבן מיר געקנאָטן מיט די שטיוול דעם זומפּ, וואָס האָט ערטערווײַז דערגרייכט ביז די קני. וואַסער פלעג מען אַרויסציִען פונעם ברונעם, שטייענדיק לאַנג אין דער ריי. האַלץ איז געווען א גרויסע פּראָבלעם.

אונדזער יונגע פאַמיליע איז געשאַפן געוואָרן אין די שווערע נאָכמילכאָמע־יאָרן, אין די יאָרן פון פּראָדוקטן־קאַרטלעך, קליינע פּאַרדינסטן... און אויב אונדזער פאַמיליע איז ניט צעפאַלן געוואָרן, איז דאָס דער פאַרדינסט פון מײַן פרוי, וואָס איז דעמלט נאָך געווען קימאַט א קינד. ווי עס פירט זיך, זײַנען בײַ אונדז שוין געווען קינדער. א פאַרדינער בין איך געווען א קליינער. געלעבט האָבן מיר אָרעמלעך. פונדעסטוועגן דערמאָנען מיר שטענדיק מיט א גוט וואָרט יענע ווײַטע צײַט, ווײַל דעמלט זײַנען מיר אויך געווען גליקלעך.

...איינמאָל זומער, נאָך ביז דער מילכאָמע, קומענדיק אויף קאַניקולן קיין וויניצע, האָב איך צווישן אַנדערן א פרעג געטאָן מײַן באָבע, ווי וואָלט זי אַשטייגער געקוקט אויף דעם, ווען איר באַליבט אייניקל נעמט און האָט כאַסענע דאָרט, אין מאָסקווע, פאַר א רוסיש מיידל? די באָבע האָט אומרויִק א קוק געטאָן אויף מיר מיט אירע גוטע בלויע אויגן, האָט א צײַט געשוויגן. איר ענטפער איז געווען א ביסל א צווײדײַטיקער, אָבער א גאַנץ קלוגער: „אַבי זי זאָל זײַן א מענטש", — האָט די באָבע געזאָגט.

בייס דער מילכאָמע איז מײַן באָבע ראָכל געהאַרגעט געוואָרן, מײַן רוסישע פרוי האָט זי ניט געקענט. נאָר איך בין מער ווי זיכער, אַז זיי וואָלטן זיך געפעלן געוואָרן. גוטע, עכטע, פּראָסטע, האַרעפּאַשנע מענטשן געפינען שטענדיק אַן אַלגעמיינע שפּראַך. ניט אומזיסט האָט מײַן מומע גיטל האַרציק ליב געהאַט מײַן מיליען. און די מומע זלאַטע, דעם פעטער נוסיעס אַלמאָנע, האָט גאָר אין איר אַנטדעקט א טאַלאַנטפולע שילערן פון קאָכן יידישע מײַכאָלים. ביז איצט נעמט אויס עמיליא פיליפּאָוונאַ בײַ אירע באַקאַנטע מאָסקווער יידישע פרויען, וועלכע האָבן שוין פון לאַנג פאַרגעסן די רעצעפּטן פון צוגרייטן נאַציאָנאַלע מײַכאָלים. אירע שמעקנדיקע געפילטע פיש, די אויסגעצייכנטע לעקעכן און די קלאַסישע פלאָדנס האָבן א שעם.

אָבער ניט אין גאַסטראָנאָמיע גייט עס, האַגאַם, ס׳איז באַוווּסט, אַז די קיך־קולטור שפּילט ניט קיין קליינע ראָל אין דער נאַציאָנאַלער טראַדיציע.

מיר ווילט זיך א שמועס טאָן וועגן די אָזויגערופענע „געמישטע כאַסענעס". אַרום אָט דער פראַגע האָבן די „היטער" פון ראַסן־ריינקײַט שוין לאַנג אויפגעהויבן א שטאַרקן טומל. אַלע געדענקען נאָך היטלערס ברוטאַלע „ניורענבערגער געזעצן". זײַנע גײַסטיקע יאָרשים, אין וואָס פאַר א קליידער זיי זאָלן זיך ניט פּוצן, ווילן ווידער אויפלעבן די אינקוויזיטאָרישע מעטאָדן פון לייזן אָט די פּראָבלעם.

מיטן „פענאָמען", וואָס ווערט אויף פּראָסט לאָשן אָנגערופן געמישטע כאַסענע, האָב איך זיך צום ערשטן מאָל צונויפגעשטויסן, ווען איך בין אַלט געווען, מיסטאָמע, א יאָר אַכט־נײַן. די יינגסטע און סאַמע גראַטענע טאָכטער פון דער מומע ריווע, מײַן באָבעס בעסטע כאַ־ ווערטע, האָט געענדיקט די יידישע זיבניאָריקע שול אויף דער שאָלעם־אַלייכעם־גאַס און איז אַוועקגעפאָרן פריִער קיין כאַרקאָוו, פון דאָרט קיין מאָסקווע. זי האָט זיך געלערנט אין א טעכניקום און אין אַן אינסטיטוט, זי האָט „געקאַנטשעט" אויף אינזשעניער, ווי מע פלעג דעמלט זאָגן. עפּעס א ווערטעלע אויסצורעדן, א מיידל פון „ירושאַלימקע" איז געוואָרן אַן אינזשעניער! אָבער גאָר אינגיכן האָבן אַלע ווי אָנגענומען א פול מויל מיט וואַסער, באַגלײַך ס׳איז קיין ווערע טאַבאַטשניק אויף דער וועלט ניט געווען. ווען איך בין א ביסל אונטערגע־ וואַקסן, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ווערע, די סאַמע גראַטענע טאָכטער בײַ דער מומע

ריווע, האָט כאַסענע געהאַט פאַר אַ רוסישן באָכער. די מומע ריווע איז געווען אַ קלוגע פרוי, זי איז פרי געבליבן אַן אַלמאָנע, אָבער זי האָט געשטעלט אויף די פיס אַ גרויסע פאַמיליע. זי האָט זיך געדולדיק באַצויגן צו דער האַנדלונג פון איר באַליבטער טאָכטער, נאָר זאָגן, אַז די מומע ריווע איז געווען שטאַרק צופרידן פון דער כאַסענע, וואָלט איך ניט געקענט. אין יענע צײַטן האָט מען נאָך געקוקט קרום אויף אַזעלכע כאַסענעס. קיין גוטס, האָבן געשראָקן די אַלטע לײַט, קאָן פון אַזעלכע כאַסענעס ניט אַרויסקומען.

איך געדענק ניט, אַז ווערע טאַבאַטשניק זאָל ביז דער מילכאָמע קומען קיין וויניצע מיט איר ספּירידאָנאָווון, זי האָט ניט געוואָלט, אַפּאָנעם, רייצן די געגנדז. דערנאָך האָט אויסגעבראָכן דער אַלגעמיינער אומגליק. די היטלעראָווצעס האָבן דערהאַרגעט די מומע ריווע, אַלע אירע טעכטער און אייניקלעך, וועלכע זײַנען געבליבן אין וויניצע. לעבן געבליבן איז בלויז איר איינציקער זון איציק. ער איז אַ סך מאָל פאַרוווּנדעט געוואָרן, נאָר אַ לעבעדיקער געקומען אַהיים און האָט נאָך אַ סך יאָרן געאַרבעט אינעם וויניצער פלייש־קאָמבינאַט. ווערע טאַבאַטשניקס מאַן, וואָלאָדיע ספּירידאָנאָוו, איז אומגעקומען אויפן פראָנט. נאָך אים איז געבליבן זײַן זון איגאָר — איצט אַן אינזשעניער, אַ מאַיאָר פון דער סאָוועטישער אַרמיי. קאָלזמאַן איגאָר איז געוואַקסן, געענדיקט אַן אינסטיטוט, דערנאָך אַ מיליטערישע אַקאַדעמיע, האָט כאַסענע געהאַט, האָט ווערע וועגן זיך ניט געטראַכט. נאָר ניט לאַנג צוריק, שוין אַ פּענסיאָנערקע, האָט זי זיך אַרומגעקוקט אויך אויף זיך. אויף דער עלטער האָט זי באַגעגנט אַ כאַווער פון די שול־יאָרן, שוין אויך אַ פּענסיאָנער, אַן אַלמען, יאַקאָוו מאָיסייעוויטש, וואָס האָט קימאַט אַ פאַנטאַסטישע ביאָגראַפיע פון אַן אַלטן טשעקיסט. איצט וווינען זיי — ווערע און יאַקאָוו, אינעם אין אַ געמיטלעכער דירע אין איזמאַילאָוו. זיי האָבן אַ גוטע עלטער, קלײַבן נאַכעס פון די אייניקלעך פוןביידע צדאָדים, דערונטער אויך פון די אייניקלעך „פון די געמישטע כאַסענעס“. אין דער פּערזענלעכער ביבליאָטעק פון דעם דאָזיקן פּאָרפאָלק זײַנען, באַנאַנד מיט דער רוסישער קלאַסיק, פאַראַן מענדעלעס, פּערעצעס, שאָלעם־אַלייכעמס, בערגעלסאָנס ווערק. די לידער פון ייִדישע דיכטער, יאָר־קאָמפּלעקטן פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“. יאַקאָוו באַהערשט גוט איוורית, איז פאַרליבט אין ביאַליקס פּאָעזיע.

איך בין ניט געווען דער ערשטער „אינאָראָדעץ“, ווי מע פלעגט זאָגן אין אַזעלכע פאַלן, וואָס איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער פאַמיליע פון די וואַסיליעווס. מײַן פרויס אייגענע ברידער און שוועסטער זײַנען געבוירן געוואָרן פון אַ פּאָטער, אַן אוקראַיִנער. די עלטערע שוועסטער, מאַריִא לעאָנידאָווונאַ, האָט כאַסענע געהאַט פאַר לעוו יאַקאָוולעוויטש פּען. אַ פּאָלקאָווניק פון דער סאָוועטישער אַרמיי אין דעמיסיע, אַן אָנגעזעענער געלערנטער כימיקער, איז ער אויסגעוואַקסן אין אַ קינדערהיים. ווי פיל אַנדערע טויזנטער ייִדישע קינדער, איז ער אין די יאָרן פון בירגערקריג געבליבן אַ קײַלעכדיקער יאָסעם. די סאָוועטנמאַכט האָט אים געשטעלט אויף די פיס, אים געגעבן הויכע בילדונג. מיטן וועג פונעם פּאָטער, לויט דער „כימיקער ליניע“ זײַנען געגאַנגען אויך לעוו יאַקאָוולעוויטשעס צוויי טעכטער, טאַטיאַנע און אָלגע.

אַמאָליקע יאָרן, ווען די פאַמיליע פון די וואַסיליעווס — פּענס — גוראַלניקס, וואָס איז איצט ברייט צעוואַקסן געוואָרן, פלעגט זיך אין אַ יאָמטעוו־טאָג צונויפזאַמלען בײַ איין טיש, האָט עמעצער אומבאַדינגט אַ שפּאַס געטאָן וועגן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון אונדזער מישפּאָכע.

קרויווישע באַציִונגען זײַנען, עמעס, אַ קאָמפּליצירטער געביט, וואָס ווערט באַדינגט פון אַ סך אָביעקטיווע און סוביעקטיווע פאַקטאָרן, פון דער סאָציאַלער און אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע פון מענטשן. זעלטן טרעפט, אַז אין אַ פאַמיליע זאָל אין פאַרלויף פון יאָרן ניט פאָרקומען קיין „קאָנפליקטן“. זיי זײַנען געווען, פאַרשטייט זיך, אויך אין אונדזער סוויווע. אָבער קיינמאָל זײַנען די רײַבונגען ניט געווען אַרויסגערופן איבער נאַציאָנאַלע „אונטערשיידן“. „דאָס געפיל פון דער איינהײַטלעכער מישפּאָכע“, וואָס האָט באַזונגען דער פּאָעט פּאַוולאָ טיטשינאַ אין זײַן ליד מיטן זעלבן נאָמען, ווערט אַנטוויקלט בײַ אונדזערע קינדער און אייניקלעך פון געבוירן אָן. דאָס דאָזיקע געפיל איז פאַר זיי אָרגאַניש. אַזאַ איז די נאַטירלעכע נאָרמע פון לעבן, וואָס איז באַשטעטיקט מיטן גאַנצן געזעלשאַפטלעכן סיידער, מיט דער סאָציאַלער סיסטעם, וועלכע מיר האָבן געשאַפן און וועלכע מיר אַנטוויקלען — און אַן אָפּנייגונג פון דער דאָזיקער נאָרמע ווערט אויפגענומען ווי אַ „טשעפּע“ (אויסערגעוויינלעכע געשעעניש).

אַלץ טרעפט אין לעבן. „געמישטע כאַסענעס“ זײַנען, נאַטירלעך, ניט קיין טרופּע קעגן אַלערלײַ צאָרעס. זיי זײַנען ניט קיין גאַראַנטיע פאַר אַ בעשאָלעמדיק פאַמיליען־לעבן, פּונקט ווי ס׳גאַראַנטירן דאָס ניט ניט קיין „געמישטע כאַסענעס“. צום באַדויערן, טרעפט, אַז סײַ די, סײַ יענע זײַנען אַמאָל ניט געלונגען. ס׳איז אָבער קלאָר, אַז אין אונדזער צײַט שאַפן אַ פּראָבלעם אָדער אַפילע צעבלאָזן די פראַגע וועגן „געמישטע כאַסענעס“, איז אומזיניק. אַגעוו, די סטאַטיסטיק באַשטעטיקט דעם וווּקס פון דער צאָל געמישטע כאַסענעס צווישן דער באַפעלקערונג פונעם פילנאַציאָנאַלן ראַטנפאַרבאַנד. דאָס איז אַ נאַטירלעכער פּראָצעס — קיינער פאָרסירט אים ניט קינסטלעך, אָבער קיינער טאָרמאָזירט אים אויך ניט. די געשיכטע אַנט־

וויקלט זיך, זי גייט פאָרויס, אויסוויילנדיק די סאַמע ראַציאָנעלע לייזונגען אין יעדער קאָנקרעטער סיטואַציע.

מײַנע זין זײַנען דערצויגן אין גײַסט פון אכטונג צו דער קונסט און ליטעראַטור, וועלכע ס'האָבן געשאַפן יידן. אָנהייבנדיק פון דער שול־באַנק, האָבן מײַנע ייִנגלעך זיך געכאַוועט און אָנגעקניפּט א פּרײַנטשאַפט מיט זייער גלײַכן און קיינמאָל זיך ניט גערעכנט צו וועלכער נאַציאָנאַליטעט זייערע פרײַנט געהערן.

אונדז איז אַלציינס פרעמד סײַ נאַציאָנאַלע גייווע, שאָוויניזם, סײַ נאַציאָנאַלער ניהיליזם. מיר איז אויסגעקומען אַרויסטרעטן מינדלעך און אויך שריפטלעך איבער פראַגן פון דיאַלעקטיק פון נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן. צום 50־טן יאָרטאָג, זינט ס'איז געשאַפן געוואָרן דער ראַטנפאַרבאַנד, האָט דער מאָסקווער זשורנאַל „נאָווי מיר" אָפּגעדרוקט מײַן אַרטיקל „די איינהײַטלעכע, פילנאַציאָנאַלע". אין דעם דאָזיקן אַרטיקל גייט א רייד וועגן דער סאָוועטישער ליטעראַטור. מיר איז זייער טײַער דער געדאַנק אין דעם אַרטיקל וועגן דעם, אַז די גרויסקײַט פון דער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור, וואָס ווערט געשאַפן אויף 75 שפּראַכן (בעסויכעם אויך אין ייִדיש), באַשטייט דערין, וואָס זי צעטיילט ניט די מענטשן, נאָר פאַראייניקט זיי. איר אידייש־עסטעטישע נאָוואַטאָרישקײַט באַשטייט, לויט מײַן מיינונג, פריִער פאַר אַלץ דערין, וואָס זי דינט דער גײַסטיקער דערנעענטערונג פון פעלקער, זי שפּילט א באַדײַטנדיקע ראָל אין פאָרמירן די קוואַליטאַטיוו־נײַע היסטאָרישע געמיינשאַפט פון מענטשן — דאָס סאָוועטישע פאָלק.

די קראַפט פון אונדזערע אָנשוױונגען ווערט אויסגעפּרוּווט יעדן טאָג דורך דער לעבנס־פּראַקטיק. ס'וואָלטן קיין גראָשן ניט ווערט געווען די הויכע און שיינע קלינגעוודיקע ווערטער, ווען זיי זאָלן ניט באַשטעטיקט ווערן דורך טאַט, דורך אונדזערע האַנדלונגען. איך בין א ייִד, און אַזאַ פאַרבלײַב איך. צוזאַמען דערמיט אָבער בין איך אַן איבערגעגעבענער אינטערנאַציאָנאַליסט אין לעניניסטן באַנעם פונעם דאָזיקן הייליקן וואָרט.

...ווען מײַן ייִנגערער זון וואָדים האָט זײַענדיק א סטודענט, געבראַכט צו אונדז אין שטוב אַרײַן זײַן מיטקורסניצע טאַטיאַנע און אונדז געמאָלדן, אַז דאָס איז זײַן קאַלע, האָט אונדז — מיך און מײַן פרוי, ניט פאַרכידעשט איר אומגעוויינלעכע פאַמיליע — בערנאַטאַס. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז א נײַע נאַציאָנאַליטעט קומט אונדז צו. ערשט שפּעטער, ווען זי איז געוואָרן א מיטגליד פון אונדזער מישפּאָכע, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אין טאַטיאַנעס אָדערן פליסט ליטוויש בלוט. איצט טראָגט זי די ייִדישע פאַמיליע גוראַלניק. מיר האָפן, אַז סײַ מיר, סײַ טאַטיאַנע וועלן קיין כאַראָטע ניט האָבן.

נאַכעס פון קינדער

איר געדענקט אוודאי שאָלעם־אַליינכעמס טרויעריק־איראָנישע און קלוגע דערציילונג „נאַכעס פון קינדער". די עלטערן זאָרגן זיך שטענדיק וועגן דעם גורל פון זייערע קינדער. אַזוי איז שוין די וועלט באַשאַפן, — אין די אויגן פון די עלטערן בלײַבן קינדער שטענדיק קינדער, אפילו דעמלט, ווען בא די דאָזיקע קינדער זײַנען שוין פאַראַן אייגענע יאָרשים.

כ'האָב שטאַרק מוירע, אַז דער „קאָנפליקט" צווישן עלטערן און קינדער, וועגן וועלכן עס זײַנען שטענדיק פאַראַן באַלאָנים צו פּלוידערן, הייבט זיך אָן ערגעץ אין דער שטיינערנער ערע, ווען אונדזערע אורעלטערן זײַנען נאָך אַרומגעגאַנגען אין כײַישע פעלן, האָבן געלעבט אין היילן און האָבן גאָרניט געוואָלט וויסן וועגן אַזעלכע וווּנדער, ווי טעלעוויזאָרס און אײַזקעלטערס.

קינדער וואַקסן, און אַז זיי וואַקסן אויס, ווערט זיי ענג אין די היילן פון די עלטערן, אויב אפילו די דאָזיקע היילן זײַנען געבויט לויטן לעצטן וואָרט פון דער בוי־קונסט. ווען אונדזערע קינדער זאָלן זיך באַנוגענען דערמיט, וואָס די עלטערן האָבן דערגרייכט, וואָלט די געשיכטע געבליבן שטיין אויף איין אָרט.

צוליב וואָס, וועט איר פרעגן, האָב איך פּלוצעם גענומען פילאָסאָפירן?

ניין, איך פּרעטענדיר ניט אויף קיין שום אויספירן. נאָר ווען מע נעמט זיך צו אוטאָביִאָגראַפישע נאָטיצן איז בעמיילע שוין אוממעגלעך ניט דערמאָנען די קינדער. די טעמע קינדער איז א קאָמפּליצירטע, טיילווײַז אפילו אַן אינטריגירנדיקע. וויפל קינדער — אַזויפיל געשיכטעס. מיליאָנען טאַטעס און מאַמעס ווייסן עס פון זייער אייגענער דערפאַרונג.

איך האָב ניט אין זינען זיך באַרימען מיט מײַנע קינדער, מאָלן אַן אידיליש בילד. ס'איז באַוווּסט, אַז ניט גרינג און ניט פּראָסט איז דערציִען א מענטשן, געבן אים א „פּוטיאָווקע" אין לעבן אַרײַן, ווענדן אים אין דער נייטיקער ריכטונג. קימאַט יעדער קאָנקרעטער פאַל פאָדערט א שטרענגן אינדיווידועלן צוגאַנג.

באַציִענדיק זיך מיט אכטונג צו מײַנע עלטערן, דאַרף איך אָבער אָנערקענען, אַז איך דענק מיט אַזעלכע קאַטעגאָריעס, וועלכע דערגייען אָפּט ניט צו זיי. מײַנע כעוורע רעדן

צומאָל אַף אַזאַ לאָשן, וואָס ניט שטענדיק איז עס מיר פאַרשטענדלעך. נאָר קיין טײַנעס קאָן איך צו זיי ניט האָבן. צײַטן בײַטן זיך. צו אַזעלכע זאַכן דאַרף מען זיך באַציִען, ווי ווײַט מעגלעך, מיט פילאָסאָפישער רויִקײַט. די קלוגשאַפט פון די עלטערע, מײַן איך, באַשטייט אין קענען זיך רעכענען מיט דער יוגנט, מיט אירע געדאַנקען, האָפענונגען, קענען זי לערנען ניט לערנענדיק, איבערצײַגן ניט אָנבינדנדיק די אייגענע מיינונג. איך וועל ניט זאָגן, אַז אונדז האָט זיך שטענדיק אײַנגעגעבן צו דערגרייכן פולשטענדיקע, קעגנזײַטיקע פאַרשטענדניש, אָבער אויך קיין פּרינציפּיעלע מיינונגס־פאַרשיידנהײַטן איז בײַ אונדז מיט די קינדער אין אַלגעמיין ניטאָ.

איך האָב צוויי זין. דער עלטערער איז געבוירן געוואָרן אין 1947 יאָר, דער ייִנגערער — אין דרײַ יאָר אַרום. דעם עלטערן האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן יורי — נאָכן זיידן יאַקל, דעם טרעגער, דעם ייִנגערן האָבן מיר אָנגערופן וואַדים: נאָך דעם העלד פון לערמאָנטאָווס דער־ציילונג, דעם ראָמאַנטישן פּערסאָנאַזש, דעם פּראָטעסטאַנט, וועלכער קעמפט קעגן אומרעכט.

דעם עמעס זאָגנדיק, איז מײַן אָנטייל אינעם דערציִען די קינדער געווען אַ גאַנץ באַשיי־דענער. איך בין אַלט געווען 26 יאָר, ווען ס'איז געבוירן געוואָרן יורי. מיר האָבן דעמלט געוווינט 40 קילאָמעטער פון דער הויפּטשטאָט. איך האָב צו יענער צײַט געמאַכט די ערשטע ניט זיכערע טריט אין דער וויסנשאַפט, אָפּגעגעבן קאַנדידאַט־עקזאַמענס, געשריבן אַ די־סערטאַציע, ניט אָפּרײַסנדיק זיך פון דער אַרבעט. כ'בין אינגאַנצן פאַרנומען געווען מיט שטודירן די ליטעראַרישע פּאָלעמיק פון די 60 יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט. כ'פלעג אַוועקפאָרן פון דער היים, ווען די כעוורע זײַנען נאָך געשלאָפן און זיך אומקערן, ווען זיי זײַנען שוין געשלאָפן. געזען האָבן מיר זיך מיט זיי דעריקער אין די אָפּרו־טעג. דעמלט פלעג איך נעמען רעוואַנש. כ'האָב געשלעפּט די יאַטלעך אין די מוזייען, געפירט אין קינאָ, אַרומגעפאָרן מיט זיי איבער די פּאַרקן פון דער הויפּטשטאָט.

כ'האָב מוירע, אַז מײַנע יאָרשים האָב איך צו פרי איבערגעזעטיקט מיט אינפאָרמאַציע. צו 7 יאָר איז שוין שווער געווען זיי מיט עפּעס צו פאַרוווּנדערן.

זומער פלעגן די קינדער, געוויינלעך, פאַרברענגען אַף אוקראַיִנע, בײַ זייערע ייִדישע קרוויוים אין וויניצע, אין ליטין. מיר זײַנען מיט זיי אויך געפאָרן קיין אָדעס, קיין לוואָוו, אַף די קאַרפּאַטן, מיטן עלטערן איז מיר אַפילע געלונגען אַראָפּכאַפּן זיך קיין טאַשקענט צום זיידן אַווראָם.

אין דער היים זײַנען זיי געוואַקסן צוזאַמען מיט דער באָבע יעקאַטערינאַ לעאָנידאָווונאַ, מיט מײַן פרויס ייִנגערע ברידער וואַלערי און איגאָר וואַסיליעוויטש.

— ווער זײַנען זיי, דײַנע קינדער? פרעגן מיך אַמאָל אייניקע באַקענטע פון יענע, וואָס זײַנען געוווינט צו דענקען מיט גראָדליניקע באַגריפן און דערוואַרטן אַף אַלע זייערע פראַגן גראָדליניקע ענטפערס — יאָ אָדער ניין.

איך וואָלט געקענט ענטפערן, אַז זיי זײַנען אי ייִדן, אי רוסן. אָבער דער סאַמע פּינקט־לעכער ענטפער איז אַזאַ: זיי זײַנען סאָוועטישע מענטשן. אַז זיי האָבן ליב און זײַנען אײַ־בערגעגעבן זייער אייניציק היימלאַנד, דאָס דערווײַזן זיי מיט זייער אַרט לעבן; ביידע האָבן זיי געדינט אין דער סאָוועטישער אַרמיי — איינער אין ראַקעט־מיליטער, דער צווייטער — אין קעגנלופט־שוץ. איך מיט דער פרוי האָבן באַקומען אַ בריוו פון דער קאָמאַנדשאַפט מיט אַ דאַנק פאַר דערציִען גוטע, באַוווסטזיניקע און הויך־דיסציפּלינירטע סאָלדאַטן־פּאַטריאָטן.

ביידע זײַנען זיי אַקטיווע קאָמיוגיסטן. יורי איז געווען אַ קאָמסאָרג אין זײַן מיליטער־טייל, עטלעכע יאָר איז ער געשטאַנען בעראָש פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין מעלוכישן ליטעראַרישן מוזיי, ווו ער האָט געאַרבעט נאָך דער דעמאָביליזאַציע אַלס אינזשעניער פון קלאַנגען־שריפט. איצט איז ער אַ מיטאַרבעטער אין אינסטיטוט פון קולטור. וואַדימען האָט מען שטענדיק אויסגעוויילט אַלס מיטגליד פון דער קאָמיוגישער ביוראָ פונעם רעדאַקטאָרישן פאַקולטעט אין פּאָליגראַפישן אינסטיטוט, וועלכן ער האָט פאַרענדיקט אין 1972 יאָר. צווישן זײַנע פּאַפּירן זײַנען פאַראַן ניט ווייניק ערן־גראַמאָטעס פאַר ניצכוינעס אין די געאָגראַפישע און ביִאָלאָגישע אָלימפּיִאַדעס בייס די שול־יאָרן, פאַר איניציִאַטיוו און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

סײַ יורי, סײַ וואַדים האָבן גאָלדענע הענט. איך האָב זיי צוגעוווינט צו לייענען, און די מוטער, אַ שיינעם דאַנק איר, האָט זיי צוגעוווינט צו פיזישער אַרבעט. זיי האָבן זיך ניט געשעמט צו וואַשן די דילן און דאָס געפעס. זיי זײַנען גערן געגאַנגען צופוס מיט שול־ און אינסטיטוט־כאַווײרים אין פילטאָגיקע מאַרשן. זיי זײַנען געפאָרן אין די קאָלווירטן גראָבן קאַרטאָפל אין די רעגנדיקע האַרבסט־צײַטן.

יורי באַהערשט אויסגעצייכנט ראַדיאָ־טעכניק, ער ווייסט די סעקרעטן פון קלאַנגען־שריפט; וואַדים רעמאָנטירט פּאָשעט אַלע שטייגער־אַפּאַראַטן.

צי זײַנען זיי ייִדן אָדער רוסן? יורי איז ענלעך אַף מײַנע קרוויוים: ער איז אַ טונקלער, מיט שוואַרצע האָר, מיט קאַרע אויגן, לויט זײַן גאַנצן אויסזען, אַפילע מיטן גאַנג, דערמאָנט ער מײַן זיידן יאַקל דעם טרעגער.

דערפאַר אָבער איז זײַן מיידעלע, מאַשענקע — אַ קירפּאַטינקע, אַ ווײַסהאָריקע, אינגאַנצן

ענלעך אַף די סאָלאָוויאָווס — גאַליקאַווס. וואָדים איז אַ ברייטפּלייציקער און בלוי־אויגיקער בלאָנדין. זײַן צווייייאַריקע קאַטיושע, פּאַרקערט, איז אַ שוואַרצלעכע מיט אויסגעשפּראָכענע סעמיטישע פּנים־שטריכן.

איך מיט מײַן פּרוי, וועלכע איז צו פערציק יאָר געוואָרן אַ באָבע, האָבן אַלצײַנס ליב ביידע אייניקלעך — אי די ליכטיקע, אי די טונקעלע, און, ווי געוויינלעך, ציטערט מען איבער זיי, מע קען זיך ניט אָנטישען.

פון שטאַפּל צו שטאַפּל

קיין זאַך איז אין לעבן ניט גרינג זיך צו דערשלאָגן. אויב איך האָב עפּעס דערגרייכט, איז בלויז אַדאַנק דעם, וואָס איך האָב אַ סאַך געאַרבעט. עמעס, מײַן אַרבעט איז געווען פון אַ באַזונדערן מין — קיין שווערע מאַסע האָב איך ניט געטאַסקעט, ווי מײַן זיידע, איך בין ניט געשטאַנען געבויגן איבערן וואַרשטאַט, ווי מײַן טאַטע, איך בין ניט געווען קיין סטאָליער, ווי מײַן פעטער הערץ, איך האָב אָבער, ווי זיי, מײַן גאַנץ באַוווסטזיניק לעבן געאַרבעט פון פרי ביז נאַכט.

איך ווייס ניט וועלכע מי מאַטערט אויס מער. און ניט אין דעם גייט עס. זיי האָבן דער־לעבט ביז דער טיפער עלטער, אײַנהיטנדיק דעם לויטערן סייכל און די אויסערגעוויינלעכע פיזישע קראַפט. מײַן פעטער האָט נאָך צו 75 יאָר, אָן אַ גוט אויג, באַצירט אַ געדיכטער קאָפּ האָר, באַדעקט בלויז מיט אַ לײַכטער גרויקײַט. און איך האָב צו פערציק יאָר פאַרלוירן די האָר און דאָס הארץ האָט אָנגעהויבן זיך לאָזן הערן. מײַנע עלטערן האָבן, דאַכט זיך, קיין־מאָל ניט געהערט וועגן אַזאַ מין צאַרע, ווי אינפאַרקט, זיי האָבן ניט געוווסט פון אַטעראָ־סקלעראָז, קאָראָנאַרע ניט־געניגיקײַט און אַנדערע גליקן פון אונדזער צײַט.

דערפאַר אָבער — וויפל גײַסטיקע פרייד, שעפערישע באַפרידיקונג ברענגט מיר מײַן מי! פונדערוויײַטנס דאַכט זיך — אַ מענטש פאַרנעמט זיך מיט דער רועך ווייסט וואָס.

איך געדענק, מײַן פינפיאָריקער וואָדיק, ווען איך האָב אויף אים אָנגעשריגן, ער זאָל שטיל זײַן, מיר ניט שטערן אַרבעטן (מיר האָבן דעמלט געוווינט אין איין צימער אין פּירן), האָט ער פון צווישן די ציין אַ מורמל געטאָן:

— אויך מיר אַן אַרבעט, ביכעלעך לייענען...

אין 1946 יאָר בין איך אָנגעקומען אין אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראַטור, וווּ איך האָב געאַרבעט אַלס וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר אין סעקטאָר פון דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור. אין אַספּיראַנטור בין איך ניט געגאַנגען: איך האָב שוין געהאַט זאָרגן פון אויס־האַלטן אַ פאַמיליע. אין דרײַ יאָר אַרום האָט זיך מיר דאָך אײַנגעגעבן אָנצושרײַבן און פאַר־טיידיקן אַ קאַנדידאַטן־דיסערטאַציע אַף אַ קאָמפּליצירטער און ווייניק געפאָרשטער טעמע — וועגן דאָסטאָיעווסקיס זשורנאַלן „ווערעמיאַ" און „עפּאָכאַ".

דער וויסנשאַפט־ראַט האָט אין דעקאַבער 1949 אײַנשטימיק צוגעייגנט מיר דעם וויסנ־שאַפטלעכן טיטל קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן. אין צוואַנציק יאָר אַרום האָב איך אינעם זעלבן זאַל פאַרטיידיקט אַ דאָקטאָר־דיסערטאַציע, און ווידער האָבן די מיטגלידער פונעם וויסנשאַפט־ראַט, דרײַסיק מענטשן, אײַנשטימיק באַשלאָסן מיר צוצייגענען דעם וויסנשאַפטלעכן טיטל דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן. צו דער פאַרטיידיקונג האָב איך צוגעשטעלט אַ מאָנאָגראַפיע, געווידמעט דער קינאָ־עקראַניזירונג פון דער רוסי־שער קלאַסיק.

צען יאָר — פון יאַנוואַר 1953 ביז מײַ 1963 — האָב איך אויסגעפּילט די פליכטן פונעם גע־לערנטן סעקרעטאַר אין אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראַטור אַף גאָרקיס נאָמען פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פססר. דאָס איז אַ באַזונדער מין אַמט. איך וואָלט דאָס פאַרגלײַכט מיטן אַמט פון אַ הויפּט־אינזשעניער אַף אַ בוינונג. די אַרבעט פון אַ וויסנשאַפטלעכן סעקרעטאַר אין אַן אַקאַדעמישן אינסטיטוט איז זייער קאָמפּליצירט. מיר האָט זיך קוים אײַנגעגעבן צו באַפרײַען זיך פון אַט דעם הויכן פּאָסטן — די קראַנקײַט האָט מיטגעהאָלפן...

ווי אין יעדער זאַך, איז אויך דאָ באַנאַנד מיט דער וואָכעדיקער אַרבעט, געווען יאָמטװ־דיקע פײַערלעכקײַט. מיר איז אויסגעקומען אָרגאַניזירן באַגעגענישן פון סאָוועטישע געלערנ־טע, ליטעראַטור־קענער, מיט זייערע אויסלענדישע פען־כאַווײרים. מיר האָבן אופגענומען אין אונדזער אינסטיטוט די באַוווסטע אויסלענדישע הײַנטצײַטיקע שרײַבער פּאַבלאָ נערודאַ און נאַזים כיקמעט, לוי אַראַגאָן און ניקאָלאַס גיליען. אונדזערע געסט זײַנען געווען אויך מײַקל גאָלד, טשאַרלז סנאָו, אַלבערטאָ מאָראַוויאַ, אַנאַ זעגערס...

אָבער אַ סעקרעטאַר, אַפילע אַ געלערנטער, האָט קיין צײַט ניט צו שרײַבן, און מײַן באַרוף איז שטענדיק געווען וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע ליטעראַרישע אַרבעט. נאַטירלעך, אַז איך בין געווען צופרידן, וואָס איך האָב באַקומען אַ מעגלעכקײַט אינגאַנצן אָפּגעבן מײַן צײַט דער שעפערישער און פאָרשערישער אַרבעט. איך האָב געדאַרפט אָניאָגן דאָס, וואָס איך האָב

דורכגעלאָזט. פאר די לעצטע צען יאָר האָב איך פובליקירט עטלעכע ערנסטע פאָרשונגען אין פארשיידענע אקאדעמישע אויסגאבעס, האָב אָפּגעדרוקט העכער הונדערט פּאָפּולער־וויסנשאפטלעכע ארטיקלען. איך בין ארויסגעטראָטן אין דער אלפארבאנדישער ראדיאָ מיט שמועסן אף וויסנשאפטלעכע טעמעס, אָנטיילגענומען אין וויסנשאפטלעכע סעסיעס, סימפּאָזיומס, קאָנפערענצן, געפאָרן קיין אויסלאנד.

בא הײַנטיקן טאָג בין איך אן עלטערער וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער אין אָפּטייל פון רוסישער קלאסישער ליטעראטור, א מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פונעם רעפעראטיוון זשורנאל פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר „ליטעראטור־קענטעניש", א מיטגליד פון א ריי וויסנשאפט־ראטן. איך פיר אָן מיט א טעאָרעטישן סעמינאר און לייען ספּעציִעלע קורסן אין פאקולטעט פון העכערן די קוואליפיקאציע פון קאטעדרע־פארוואלטערס אין די אינסטיטוטן פון דער רוסלענדישער פעדעראציע.

ארבעט איז דאָ גענוג, אבי נאָר געזונט. און כאָטש יעדער טאָג איז אזוי איבערגעזעטיקט, אז ס'איז ניטאָ אפילע ווען ארומקוקן זיך, — וואָלט איך פונדעסטוועגן ניט פארביטן אָט אזא אומרויִק־צעטומלט לעבן אף עפּעס אנדערש.

איידער איך פארענדיק מײַנע אויטאָביִאָגראפישע נאָטיצן, ווילט זיך מיר דערציילן וועגן מײַנע וועגווײַזער, וועלכע האָבן מיטגעווירקט מײַן באשיידענעם דערפאָלג אין דער וויסנשאפט, וועגן מײַנע קאָלעגן, מיט וועלכע איך בין געגאנגען באנאנד.

דער ערשטער — נאָך קירפּאָטינען — האָט מיר ארויסגעשטרעקט א האנט נאָך מײַן אומקערן זיך פון דער ארמיי, דער אלטער רוסישער פּראָפעסאָר ניקאָלײַ לעאָנטיעוויטש בראָדסקי, וואָס האָט דערצויגן הונדערטער שילער. אין זײַן ענגער דירע, א פארוואלגערטער מיט ביכער, האָבן שטענדיק זיך געפונען מיידלעך און יִינגלעך: אביטוריענטן, סטודענטן, אספּיראנטן, דאָקטאָראנטן. דיפּלאָמניקעס האָבן זיך געניײטיקט אין קאָנסולטאציע. יונגע לערער פון הויכשולן האָבן אהער געטראָגן זייערע געשוואָלענע מאנוסקריפּטן פון די קומענדיקע דיסערטאציעס. און פאר יעדערן פון זיי האָט ניקאָלײַ לעאָנטיעוויטש געפונען צײַט. אזא אומייגנוציקן, ליבן מענטשן, ווי בראָדסקי, האָב איך מער ניט באגעגנט.

עטלעכע יאָר בין איך געווען דער געלערנטער סעקרעטאר פונעם סעקטאָר, מיט וועלכן ער, דער ווירקלעכער מיטגליד פון דער אקאדעמיע פון פּעדאגאָגישע וויסנשאפטן, האָט אָנגעפירט. דאָס איז דער זעלבער בראָדסקי, וואָס לויט זײַנע כרעסטאָמאטיעס האָבן מיר געלערנט רוסישע ליטעראטור אין דער מיטלשול און דערנאָך — אויך אין דער הויכשול. בא מײַן שעף האָב איך זיך געפילט, ווי בא זיך אין דער היים. ער פלעגט מיך בוכשטעבלעך צווינגען אויסלײַען בא אים א פּאָר הונדערטער — ביז עס וועלן קומען בעסערע צײַטן. בראָדסקיס פרוי און אויך זײַן טאָכטער יעלענא ניקאָלײַעוונא פלעגן שטילערהייט מיך אונטערהאָדעווען: די קארטלעך־סיסטעם איז נאָך ניט געווען אָפּגעשאפן, און איך בין ניט שטענדיק געווען זאט. דער איקער אָבער איז געווען דאָס, וואָס ניקאָלײַ לעאָנטיעוויטש האָט פאר מיר געעפנט זײַן אוניקאלע ליטעראטור־וויסנשאפטלעכע ביבליִאָטעק, וועלכע ער האָט געזאמלט יאָרצענדליקער מיט קימאט פאנאטישער צילגעווענדטקײַט.

בראָדסקי איז געשטאָרבן זומער 1951. ער האָט ניט פאקווירקלעכט א סאך פון זײַנע פּלענער. ער האָט אָבער געגלייבט אין זײַנע שילער. א סאך יונגעלײַט, וועלכע זײַנען אין דער צווייטער העלפט פון די פערציקער יאָרן געזעסן אין פארוואלגערטן מיט ביכער קאבינעט פונעם אלטן געלערנטן, זײַנען איצט אליין געוואָרן פּראָפעסאָרן. זיי דערקלערן מיט שטאָלץ, אז זיי זײַנען פון „בראָדסקיס שול".

מיט קאָוועד און דאנקבארקײַט לייען איך שטענדיק די ווערק פון א. לאַוורעצקין. העכער פופצן יאָר האָבן מיר מיט אים געארבעט צוזאמען. אף זײַנע ביכער, וואָס איך לייען, זײַנען פאראן אווטאָגראפן: „מײַן גוטן און ליבן לייענער", „מײַן טײַערן רעדאקטאָר, מיט דאנקבארקײַט" און פיל אנדערע.

יאָסיף מויסייעוויטש פרענקעל (לאַוורעצקי איז זײַן ליטערארישער פּסעוודאָנים) איז געווען א מערקווירדיקער מענטש און געלערנטער. ער איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע אין א טראדיציִאָנעלער יִדישער מישפּאָכע. צו פופצן יאָר האָט ער זיך אָנגעהויבן צו דרוקן אין דער פּראָווינציִעלער פּרעסע. אן ענציקלאָפּעדיש געבילדעטער מענטש, איז ער אנערקענט געוואָרן אלס איינער פון די אָנהייבער פון דער מארקסיסטיש־לענינישער פאָרשונג פון דער רעאליסטישער עסטעטיק פון די רוסישע רעוואָליוציִאָנערע דעמאָקראטן.

א. לאַוורעצקי געהערט צו יענער קאָהאָרטע רוסישע אינטעליגענטן פון יִדישער אָפּשטאמונג, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט א טיפן שפּור אין דער סאָוועטישער וויסנשאפט וועגן ליטעראטור. צו יענער קאָהאָרטע געהערט דער אקאדעמיקער וויקטאָר זשירמונסקי, די פּראָפעסאָרן לעאָניד גראָסמאן און באָריס אייכענבאום; זייערע נעמען זײַנען וועלט־באוווסט. זיי האָבן אָנגעהויבן זייער וויסנשאפטלעכע ארבעט נאָך ביז דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, אָבער בלויז אין די ווײַטערדיקע יאָרצענדליקער האָט זיך אין פולן גלאנץ אנטפּלעקט זייער טאַלאנט פון פאָרשער־דערפינדער.

איך מוז דאָ אויך דערמאָנען דעם פאַרשטאָרבענעם פראָפעסאָר אַלעקסאַנדער גריגאָריע־וויטש צייטלין. זײַן לערנבוך און די כרעסטאָמאַטיע איבער דער רוסישער ליטעראַטור אין דער ערשטער העלפט פונעם XIX יאָרהונדערט איז געווען אַ געשעעניש אין דער פעדאַגאָגיק. מיר האָבן מיט אינטערעס געלייענט נאָך ביז דער מילכאָמע זײַן בוך „לעניס ליטעראַרישע ציטאַטעס". מיר האָבן פאַרגעדענקט איינע פון אַלעקסאַנדער גריגאָריעוויטשעס ערשטע זעלבשטענדיקע אַרבעטן „אַ דערציילונג וועגן אָרעמען טשינאָווניק". אין מײַן ביבליאָטעק האָבן זיך אײַנגעהיט זײַנע אויסגעצייכנטע מאָנאָגראַפיעס וועגן רילייעוון, גאָנטשאַראָוון, טורגע־ניעוון. איך האָב אַ סאַך יאָרן געאַרבעט צוזאַמען מיט צייטלינען אין סעקטאָר פון דער רוסישער ליטעראַטור אין אימלי אַף גאָרקיס נאָמען. אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך צייטלינס פרי־צײַטיקן טויט איז אין פאַרלאַג „נאַוקאַ" דערשינען אונטער מײַן רעדאַקציע צייטלינס בוך „לעניס פובליציסטישער סטיל".

אין אָקטיאַבער 1973 בין איך געווען אַף אַ פײַערלעכער זיצונג פונעם פאַקולטעט פון שפראַך און ליטעראַטור אין מאָסקווער פעדאַגאָגישן אינסטיטוט אַף נ. ק. קרופסקעס נאָמען. די זיצונג איז געווידמעט געווען דעם 70־יאָריקן געבורטס־טאָג פון גריגאָרי לוואָוויטש אַבראַ־מאָוויטשן. דער גרויסער זאַל איז געווען איבערפולט. עס זײַנען אַרויסגעטראָטן סטודענטן, אַספיראַנטן, דאָצענטן, פראָפעסאָרן, מערסטנטייל דעם יוביליאַרס שילער.

באַם טיש איז צוזאַמען מיטן רעקטאָר געזעסן אַבראַמאָוויטש — אַן אַלטער ייִד אין גאָל־דענע פענסנע; ער איז גערירט געווען פון דעם אָנענדלעכן שטראָם גוטע ווערטער און ווונטשן. דער טיש איז באַשטעלט געווען מיט פרישע, פילפאַרביקע קווייטן. עס איז געוואַקסן דער באַרג באַגריסונגען, טעלעגראַמעס, בריוו, מאַטאָנעס.

ווער אין אונדזער לאַנד ווייסט ניט דעם נאָמען אַבראַמאָוויטש? לויט זײַנע לערנביכער האָבן מיר געלערנט ליטעראַטור אין 9־טן קלאַס. לויט זײַן „טעאָריע פון ליטעראַטור", וואָס האָט אויסגעהאַלטן אַ צענדליק אויפלאַגעס, לערנט מען זיך אין אַלע פעדאַגאָגישע אינסטיטוטן. די אַרמיי לערער — פילאָלאָגן הערן אויפמערקזאַם זיך צו צו דעם וואָרט פון אַבראַמאָוויטשן דעם מעטאָדיסט.

אַף דער יובילעי־זיצונג האָט אַ גאַסט פון ווײַטן קוזבאַס דערציילט וועגן אַ שמועס פון צוויי סטודענטקעס, וואָס ער האָט צופעליק געהערט.

— לויט וואָסער אַן אַבראַמאָוויטש גרייטסטו זיך צום זאַטשאָט? — פרעגט איינע. (אין נאָ־וואָקוזניעצקער פעדאַגאָגישן אינסטיטוט איז אַף דער קאַטעדרע פון ליטעראַטור פאַראַן אַן אייגענער אַבראַמאָוויטש, אויך אַ פראָפעסאָר, אַ מיטגליד פונעם שרײַבער־פאַריין).

— וואָס הייסט לויט וואָסערן? — פאַרוווּנדערט זיך די צווייטע, — לויטן אַלפאַרבאַנדישן.

און דער „אַלפאַרבאַנדישער אַבראַמאָוויטש" האָט פאַרשעמט באַהאַלטן דעם שמייכל הינ־טער די גראָבע גלעזלעך פון זײַנע פענסנע.

גריגאָרי לוואָוויטש, אַט דער עכט פרידלעכער מענטש, דער טיפישער קאַבינעט־געלער־נטער, איז פון די ערשטע טעג פון דער פאַטערלענדישער מילכאָמע אַוועק אַפן פראָנט און ביזן סאָף פון קריג געווען דער שעף פון שטאַב אין אַ גוואַרדייִשן פאָלק. ער איז באַלוינט מיט עטלעכע שלאַכט־אָרדענס.

איך וויל נאָך צום סאָף דערמאָנען צוויי כאַווײרים — די סאַמע נאָענטע.

איינער פון זיי — וואָלאָדימיר אַלעקסאַנדראָוויטש פאָטינצעוו — איז געשטאָרבן צוריק מיט זיבן יאָר פון אַ האַרצפעלער, ניט דערגרייכנדיק אַפילע קיין פופציק יאָר. אויסערלעך אַ קראַנ־קער, אַ קורצזיכטיקער, האָט ער אָבער געשײַנט מיט אַ באַזונדער מין שײַן. אַן אָפשטאַמיקער פון אַ וואָראָנעזשער אינטעליגענטער מישפאָכע, איז וואָלאָדיע געווען באַזונדערס פילבאַר צו פראַגן פון מאָראַל. ער האָט כאַסענע געהאַט נאָך אין די סטודענטישע יאָרן פאַר אַ ייִדיש מיידל. אין די מילכאָמע־יאָרן איז זי אין עוואַקואַציע געשטאָרבן פון שווינדזוכט און האָט איבער־געלאָזט פאָטינצעוון אַ ייִנגעלע. וואָלאָדיען איז געווען גאָר שווער, אָבער ער האָט ניט געאײַלט אַ צווייט מאָל כאַסענע האָבן. ער האָט געזוכט און געפונען אַ פרוי, וואָס איז געוואָרן אַ צווייטע מוטער זײַן קינד.

וואָלאָדימיר אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך אויסגעצייכנט מיט פענאָמענאַלער אַרבעטספעי־קייט. אין אַט דעם שוואַכן קערפער האָט געשטעקט אַ גיבערישער גײַסט. אַ דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן, איינער פון די סאַמע באַדײַטנדיקע אויטאָריטעטן אין דער פאָר־שונג פון דער געשיכטע פונעם רוסישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק, האָט ער, ניט געקוקט אַף זײַן אָפט קרענקען, באַוויזן אָנשרײַבן גרויסע מאָנאָגראַפיעס וועגן הערצענען, וועגן לעבן און שאַפן פון ניקאָלײַ אָגאַריאָוו, פיל בראָשורן, אַ סאַך אַרטיקלען.

וואָלאָדיע איז געווען דער וויסנשאַפטלעכער רעדאַקטאָר פון מײַן בוך „די רוסישע לי־טעראַטור און די סאָוועטישע קינאָ". צום באַדויערן שטייט זײַן פאַמיליע אין מײַן בוך אין אַ שוואַרץ ראַמעלע. ער איז געשטאָרבן נאָך ביז דער בוך איז דערשינען.

מײַן סאַמע איבערגעגעבענער פרײַנט איז איגאָר יוריעוויטש טוויאָרדאָכלעבאָוו. מיר אַרבעטן האַנט־בײַ־האַנט אַ פערטל יאָרהונדערט.

מיט עפּעס דערמאָנט מיר איגאָר מײַן פֿרײַנט פֿון די סטודענטישע יאָרן דימע סיווקאָוון, דעם אָנהענגער פֿון שאָלעם־אַלײכעמען און מיכאָעלסן. איגאָר טוויאָרדאָכליעבאָוו איז פֿאַר מיר אַן עטאַלאָן פֿון אַן עכט סאָוועטישן רוסישן אינטעליגענט.

איגאָר גרייט איצט א פֿולע אקאַדעמישע אויסגאַבע פֿון טשעכאָווס ווערק. פֿון אינדערפֿרי ביז שפּעט אין אָוונט ווערט ער פֿאַרפֿאַלן אין די אַרכיוון, ספּעצזאַלן פֿון דער לענינישער און היסטאָרישער ביבליאָטעקן, אין די טעאַטראַלע מוזייען און גאָט ווייסט ווו נאָך. דאָס פֿאַרענדיקן זײַן דאָקטאָר־דיסערטאַציע — שוין דאָס וויפֿלטע מאָל! — איז אים ווידער אויסגעקומען אָפּלייגן: די דערפֿאַרונג זײַנע, זײַן וויסן זײַנען נייטיק פֿאַר אַלגעמיינע זאַכן, וועגן פּערזענלעכע פּלענער איז איצט, ווײַזט אויס, נאָך ניט די צײַט צו טראַכטן. איגאָר האָט שוין פֿון לאַנג פֿאַרעפֿנטלעכט א בוך וועגן נעקראַסאָוון, וואָס איז אויסגעוואַקסן פֿון זײַן קאַנדידאַטן־דיסערטאַציע, ער האָט אויך אָפּגעדרוקט טאַלאַנטפֿולע אַרטיקלען אין א ריי זאַמלונגען און זשורנאַלן. צען יאָר האָט ער געאַרבעט איבער דער דרײַסיקבענדיקער אקאַדעמישער אויסגאַבע פֿון הערצענס ווערק. אָבער דאָס הויפּט־בוך, וואָס איגאָר דאַרף און קאָן אָנשרײַבן, איז נאָך אַלץ ניט געשאַפֿן געוואָרן.

אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן אין די ביאָגראַפֿישע נאָטיצן. עס איז שווער געווען זיך נעמען צו דער אַרבעט, אָבער עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז ס'איז אויך ניט גרינג אוועקלייגן די פּען, נאָך דעם, ווי דו האָסט זיך שוין גענומען צו איר...

נעכטן, הײַנט, מאָרגן... ניט צוליב א שיין וואָרט האָב איך אַזוי אָנגערופֿן מײַנע זיכרוינעס. מיר שטעלן אויף אין זיקאָרן עפּיזאָדן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײַט און באַזיניקן די געשעענישן פֿון דער הײַנטצײַטיקײַט, קעדיי צו פֿאַרשטיין די צוקונפֿט.

אַלע דרײַ צײַטן זײַנען צוזאַמענגעבונדן.

אוועלכער וועט ער זײַן, דער מאָרגעדיקער טאָג, איז אין לעצטן סאַכאַקל אָפּהענגיק פֿון אונדז גופֿא.

כראָניק

ביראָבידזשאַנער נײַעס

אין דער געגנטלעכער ליטעראַרישער פֿאַרייניקונג

אין ביראָבידזשאַן איז פֿאָרגעקומען א פֿאַרזאַמלונג פֿון די מיטגלידער פֿון דער געגנטלעכער ליטעראַרישער פֿאַרייניקונג, אַף וועלכער עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די פֿראַגע וועגן פֿאַרבעסערן און אויסברייטערן די שעפֿערישע טעטיקײַט פֿון די יונגע ליטעראַטן. מיט א מיטיילונג וועגן אָט דער פֿראַגע איז אַרויסגעטראָטן דער פֿאָרזיצער פֿון דער ביוראָ פֿון דער פֿאַרייניקונג בוזי מילער, וועלכער האָט צווישן אַנדערס כאַראַקטעריזירט א ריי ווערק פֿון די ביראָבידזשאַנער ליטעראַטן, וואָס זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט אינעם אַפּרעל־נומער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" אין שײַכעס מיטן פֿערציקסטן יאָרטאָג פֿון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

אין דער אָפּהאַנדלונג האָבן זיך באַטייליקט די שרײַבער און זשורנאַליסטן נ. פֿרידמאַן, ה. ראַבינקאָוו, ד. שאַוער, ר. שוויכעט, ל. שקאָלניק אא., וועלכע האָבן אויך זיך געטיילט מיט זייערע שעפֿערישע פּלענער.

א טשעמפּיאָנאַט פֿון יונגע שאַכמאַטיסטן

אין שאָך־קלוב באַם ביראָבידזשאַנער קולטור־פּאַלאַץ זײַנען פֿאָרגעקומען פֿאַרמעסטונגען פֿון די יונגע שאַכמאַטיסטן פֿון שטאָט. 8 קאָמאַנדעס — פֿאָרשטייער פֿון פֿאַרשיידענע שולן — האָבן זיך באַטייליקט אין אָט דעם אינטערעסאַנטן טורניר. אַלס זיגער איז אַרויס די שאָך־קאָמאַנדע פֿון דער שול נומ. 2, וועלכע האָט אויסגעוווּנען 39,5 אייגלעך פֿון 42 מעגלעכע.

דעם ספּאָרטיוון קאָוועד פֿון דער דאָזיקער קאָמאַנדע האָבן פֿאַרטיידיקט די יונגע שאַכמאַטיסטן מישע זאָלאָטאַריאָוו, מאַקס גערשמאַן, סאַשע יאַמפּאָלסקי, יורי כײַמאָוויטש, אירע דוכאָווניקאָווא און אירע בענדעצקאַיאַ, וועלכע זײַנען באַלוינט געוואָרן מיט ספּאָרטיווע דיפּלאָמען.

„אין אַן אייגנהײַטלעכער פֿרײַנטלעכער פֿעלקער־מישפּאָכע"

אַזוי איז אָנגערופֿן געוואָרן די ביכער־אויסשטעלונג, געווידמעט דעם פֿערציקסטן יאָרטאָג פֿון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, וואָס איז אָרגאַניזירט אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק אַף שאָלעם־אַלײכעמס נאָמען.

צווישן פֿיל אַנדערע ביכער זײַנען דאָ אויסגעשטעלט די זאַמלונגען וועגן דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט: „אין אַן אייגנהײַטלעכער פֿרײַנטלעכער מישפּאָכע", „אַף די ברעגן פֿון בירע און בידזשאַן", „די שטעט פֿון כאַבאַראָווסקער קאַנט", אויסשניטן פֿון צײַטונגען, זשורנאַלן, פּאָרטרעטן פֿון אָנגעזעענע מענטשן פֿון דער געגנט.

■ ■ ■

דער איבערוף פון צײַטן

אין 1934 בעשאס דער טשעליוסקין־עפּאָפּיי, איז אַף די ליפּן פון מיליאָנען מענטשן געווען דער נאָמען פונעם מיידעלע קארינא וואסיליעווא, וועלכע איז געבוירן געוואָרן אַף דער „טשעליוסקין"־שיף אין קארסקער יאם און איז דערפאר טאקע אָנגערופן געוואָרן מיטן נאָמען קארינע.

ווען די העלדישע סאָוועטישע פּילאָטן האָבן אראָפּגענומען די מענטשן פונעם אײַז, איז דאָס מיידעלע אלט געווען עטלעכע כאדאָשים.

איזי כאריק האָט דעמלט אָנגעשריבן זײַן באוווסטע ליד „קארינא וואסיליעווא", און דאָס איז געווען איינער פון די פּילצאָליקע באווײַזן, אז די סאָוועטישע יידישע דיכטונג האָט אין יענע יאָרן, ווי שטענדיק אין מעשעך פון איר גאנצער געשיכטע, געלעבט מיט דער העראָישער טאָגטעגלעכקײַט פונעם גאנצן לאנד.

ווי באוווסט, האָט ארויסגעפירט דאָס מיידעלע קארינע פון דעם אײַז־אָקעאן אַף דער היימישער ערד דער ארקטישער פליִער אנאטאָלי וואסיליעוויטש ליאפּידיעווסקי, וועלכער טראָגט דעם גאָלדענעם שטערן פון א העלד פון סאָוועטנפארבאנד נום. 1. ניט לאנג צוריק האָבן מיר געהאט די מעגלעכקײַט זיך דערוויסן וועגן דעם ווײַטערדיקן גורל פון דער העלדן פון איזי כאריקס ליד. קארינא וואסיליעוונא וואסיליעווא האָט פארענדיקט דעם לענינגראדער אוניווערסיטעט, געארבעט אין מיטלאזיע, דערנאָך אין סוכומי. לעצטנס איז זי צוזאמען מיט איר פאמיליע איבערגעפאָרן קיין לענינגראד. זי האָט צוויי זין — דאוויד און אלעקסאנדער.

אַף די פאָטאָגראפיעס זעען מיר דעם איבערוף פון צײַטן: אַף איינער — א. וו. ליאפּידיעווסקי האלט אַף די הענט די אָפּגעראטעוועטע קארינע (1934); אַף דער צווייטער — ק. וו. וואסיליעווא און א. וו. ליאפּידיעווסקי אין מאָסקווע, אין צוזאמענהאנג מיטן פײַערן דעם 40־יאָריקן יוביליי פון דער טשעליוסקין־עפּאָפּיי (1974).

איזי כאריק

וואסיליעווע קארינע

זעקסכאַדאַשימדיקע מיידעלע, וואסיליעווע קארינע,
דו האלטסט איצט אין געפאנגענשאפט מיַין הארצן און מיַין זינען.

פיצי־פיצי־מאַנצינקע, דו ליכטיקע, דו קלאָרע,
אַף פאַליארער שנייעניש דו ביסט בא אונדז געבאָרן.

אין דיַינע אויגן בלוילעכע דאַס איַיז האָט זיך געשפיגלט,
בוראנעס האָבן אומגעוויגט דיַין צאַפּנדיקע וויגל...

אונטער וויַיסער בערן־ליד דו פלעגסט אנשלאָפן ווערן,
ס'פלעגט די גרויסע בעריכע הויך דיַין אָטעם הערן.

פלעגט זי העל נאָר אָנצינדן אלע אירע שטערן:
שלאָפט א קליינינק מיידעלע, דארף מען איר ניט שטערן...

שלאָפט א קליינינק מיידעלע, און ס'שווימען קאָמוניסטן,
זיי נעמען איַין די שטערן־וועלט, די וויַיטקייטן די וויסטע.

צווישן יאם און איַיז־וועלטן „טשעליוסקין" ווערט פארפראָרן,
צווישן יאם און איַיז־וועלטן „טשעליוסקין" גייט פארלאָרן.

איַי, דו פיצי־מאַנצינקע, איַי, דו ליכטיק־קלאָרע,
דער כאווער שמידט דער אָנפירער האלט דיך אַף די אָרעמס.

דער כאווער שמידט דער אָנפירער — אין דער באָרד דער גרויסער
וויל ניט, דו זאָלסט געבן זיך צופיל שוין א טרייסל...

צווישן יאם און איַיז־וועלטן „טשעליוסקין" איז דערוואָרגן,
דער כאווער שמידט הייבט העכער אוף דאָס קינדעלע פון מאָרגן...

ער הייבט דיך הויך און ראַטעוועט. צום אלעם ערשט און פריער
נעמט מען דיך דערווארעמען אַף דער קלאָרער קריַיז.

פון דיַין יונגן מיַילכל גייט א וואָלקנדל — א פארע...
שלאָף איַין, ארקטיק־מיידעלע, דיר וועט זיַין דאָ ווארעם...

קיינער וועט ניט אומקומען. אויב ס'וועט אויסגיין ווער דאָ,
דו וועסט אָבער פריַיען זיך אַף דער רויטער ערד דאָרט.

מיר וועלן דיך פילנעווען, באהיטן און באזארגן,
איַי, דו קלאָרע־ליכטיקע, דו קינדעלע פון מאָרגן.

ס'איַילט דאָס גרויסע ראטנלאנד מיט זיַינע מאטעריקן,
די העכסטע אוויאַטאָרן נעמט מען גיך צו שיקן.

— פליט אהין, באפליגלטע, צו יענער ווײַטער קריִע,
נעמט, פארכאפט דאָרט אלעמען, קומט צוריק צו פליִען.

שלאָפט אצינד דאָס קליינינקע, דאָס קינדעלע דאָס קלאָרע,
עס פליט שוין ליאפידיעווסקי דאָרט דער זעקס־און־צוואנציקיאָריקער.

האָריזאָנטן וויגן, ער וועט זיך באלד באווײַזן.
ער יאָגט זיך שוין, ער טראָגט זיך שוין, ער מאכט אין הימל קרײַזן.

א קרײַז, א קרײַז, און נאָך א קרײַז. ער איז שוין אַף דער קריִע,
מיט מאמעס און מיט קינדערלעך ער הייבט זיך אוף אין פליִען.

א הייב, א פלי, ער טראָגט זיך שוין אַף לופטיקע מאָטאָרן,
ער האָט שוין אופגעהויבן הויך דאָס קינדעלע דאָס קלאָרע.

דאָס קינד דאָס זעקסכאדאָשימדיקס עפנט אוף די אויגן,
דער זעקס־און־צוואנציקיאָריקער האָט זיך צארט פארבויגן.

ער כאפט א קוק: א קינדעלע, פרײַ פון אלע זאָרגן,
אײַ, דו פיצי־מאָנצינקע, דו קינדעלע פון מאָרגן.

8 מארט 1934. כארקאָוו

כראָניק

נײַס פון אויסלאנד

דער יובילײ פונעם בוקארעשטער יִדישן מעלוכע־טעאטער

די טעאטראלע געזעלשאפטלעכקײַט פון בוקארעשט האָט אָפּגעמערקט דעם 25־טן יובילײ פונעם יִדישן מעלוכע־טעאטער אין דער סאָציִאליסטישער רומעניע.

נאָכן זיג איבערן פאשיזם איז פאָרגעקומען דער ווידערגעבורט פונעם יִדישן טעאטער אין רומעניע.

פאר די פינף־און־צוואנציק יאָר האָט דער טעאטער אופגעפירט אַף זײַן סצענע די ווערק פון דער קלאסישער און הײַנטצײַטיקער דראמאטורגיע — גאָלדפאדען, גאָרדין, לייוויק, אש, שאָלעם־אליי־כעם, ווי אויך פון רוסישע און מײַרעוו־אייראָפּייִשע שרײַבער — שילער, מאָליער, טשעכאָוו, לעסינג, איבסען, גאָגאָל און אנדערע.

דער טעאטער האָט פיל אופגעטאָן אַף צו פּאָפּוליאריזירן די הײַנטצײַטיקע יִדישע ליטעראטור און מוזיק, אופירנדיק א ריי ליטעראריש־מוזיקאלישע קאָנצערט־פּראָגראמעס.

128 פרעמיערעס, 5000 פאָרשטעלונגען אין דער הויפּטשטאָט און אין אנדערע שטעט פון רומעניע, ווי אויך אין אויסלאנד — אזא איז דער שעפערישער סאכאקל, וואָס דער טעאטער מערקט אָפּ צו זײַן פינף־און־צוואנציקסטן יויול.

■ ■ ■

ה. לייוויק אין איטאליעניש

אין מילאן איז דערשינען אַף דער איטאליענישער שפּראך ה. לייוויקס באוווּסטע דראמאטישע פּאָעמע „דער גוילעם”. די איבערזעצונג האָט געמאכט די פרוי פונעם באקאנטן יִדישן קולטור־טוער און „איקוף”־בויער אין איטאליע דר׳ יִסראָעל קאלך דזשעטא לובאטי.

דאָס בוך עפנט זיך מיט א פאָרוואָרט פונעם ארויסגעבער דאַוויד שאומאן און מיט אן ארײַנפיר־וואָרט פון דער איבערזעצערן.

כאַים בײדער

א לעבן אַף דער בינע

דאָס „קינד פון טעאַטער"

ווען דערפילט א קומענדיקער אַקטיאָר, אַז אָן טעאַטער וועט זײַן לעבן קיין לעבן ניט זײַן און אַז די בינע איז פונקט דאָס, וואָס דאַרף ווערן זײַן באַרוף?

עפּשער קומט עס פּאַר אַזוי ווי בא לײבל ראַפּאַלאָוויטשן אין די „בלאָנדזשענדע שטערן" — ס'האָט אים א צי געטאָן פון זינט ער איז צו זײַן סײכל געקומען, נאָך דעמלט, ווען ער האָט ניט געוווּסט אַפילע, אַז ס'איז פאַראַן ערגעץ א טעאַטער אַף דער וועלט...

צי גאָר פאַרקערט — וועגן דעם, וואָס עס איז אַזוינס טעאַטער, ווײסט ער שוין דאַפּקע יאָ, ער האָט אַפילע געפּרוּווט, אַז קײנער זאָל, כאָלילע, אים ניט פּאַקן בא דעם סאָד, — זיך פאַרשטעלן אין דער ראָל, וואָס גײט אים אָמבעסטן אונטער, און דערנאָך, ווען זײַן טרוים ווערט אומגעריכט מעקוייעם און מע לאָזט אים צום ערשטן מאָל אַרויס אַף דער בינע, בלײַבט ער שטײן א געפּלעפטער, ניט בעקויעך אַרויסצו־ברענגען קיין אײן וואָרט...

אײדער איך האָב זיך באַגעגנט מיט זינאָווי קאַמינסקין, האָב איך געוואָלט זיך פאַרשטעלן דעם אָנהײב פון זײַן אַרבעט אין טעאַטער. אַף א וועלכן אופן איז בא אים געבוירן געוואָרן יענץ פאַרבאָרגן געפיל, דער פון גאָט געבענ־טשטער פונק, וואָס האָט אָנגעצונדן אין זײַן וועזן די ליבע און איבערגעגעבנקײַט צו טעאַט־ראַלער קונסט?

דאָ בעט זיך אָן אַנאַלאָגיע.

ווי באַוווּסט, איז פאַראַן א „קינד פון פאָלק", פאַראַן א „קינד פון זאַוואָד", א „קינד פון דער ערד". און וועגן א „קינד פון טעאַטער" האָט איר אַמאָל געהערט? איז אָט — זינאָווי קאַמינ־סקי איז אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט א „קינד פון טעאַטער". נאָך מער, קײנער האָט ניט באַדאַרפט אים נעמען בא דער האַנט און אַרױ־פירן אַף דער בינע, — ער איז, ווי מע דריקט זיך אויס, אַף דער בינע געבוירן געוואָרן. אָנ־הײבנדיק נאָך פון די וויקעלעך, האָט ער גע־אָטעמט מיט איר לופט, זיך געוואָרעמט בא איר פײַער, געטאָגט און גענעכטיקט הינטער די קו־ליסן. פון קינדווײַז אָן, — און פון זינט ער לעבט אַף דער וועלט, האָט ער זי ניט פאַרלאָזט, ניט אָפּגעגאַנגען פון איר אַף קיין טראָט — ביז אַדהאַיעם...

די ערשטע דערמאָנונג, וואָס דער זיקאָרן האָט פאַרהיט:

דער ספּעקטאַקל האָט, ווי געוויינלעך, זיך פאַ־רענדיקט שפּעט אין דער נאַכט. דער אוילעם האָט פאַרלאָזט דעם זאַל, קימאַט אומעטום האָט מען שוין אויסגעלאָשן די שײַן. אויסגעמאַ־טערטע, הונגעריקע, וואַרפן די אַרטיסטן פון זיך אַראָפּ די בוטאַפאָרישע קלײדער. בליומע קאַמינסקע, די פּרימאַדאָנע פון דעם וואַנדערנדיקן טעאַטער, לויפט אַרום הינטער די קוליסן, ני־שטערט אין אַלע ווינקעלעך:

— זונילע, ווו ביסטו?

נאָר זוני, ווען זי האָט ערעוו דעם לעצטן אַרויסגאַנג איבערגעלאָזט אין א באַשטימטן אָרט און אָנגעזאָגט, ער זאָל זיך אופירן ווי א מענטש, ניט שטיפן, ניט שרײַען, ניט באַווײַזן קיין קונצן, — איז פאַרפאַלן געוואָרן.

— זונילע, רוף זיך אָפּ! — העלפט שוין זוכן די גאַנצע טרופּע.

פון א פאַרוואָרפענעם ווינקל דערטראָגט זיך פּלוצעם א פאַרדומפּן געוויין. מע טוט זיך א כאַפּ: זאַלמענקע — זוניע שטרעקט אַרויס דאָס קעפּל פון אונטער א היפּן טעאַטראַלן רעקווי־זיט. אים איז געוואָרן קאַלט, האָט ער זיך פאַרנוּרעט אין א פּאַק שמאַטעס און איז אַנשלאָפן געוואָרן.

אין אַזעלכע פאַלן וואָלט מען, מיסטאָמע, גע־קאָנט זאָגן דעם קינד:

— נו גענוג, באַרויִק זיך, אָט גײען מיר שוין אַהײם.

איז אָבער ניט בא זײַן מאַמען, ניט בא אַלע אַנדערע וואַנדערנדיקע אַקטיאָרן קיין הײם אין עמעסן זין פון וואָרט פּאַשעט ניט געווען: הײַנט אין ליסי, מאָרגן אין סטריסי — ווו געטאָגט, דאָרט ניט גענעכטיקט. פון שטעטל צו שטעטל, שטענדיק אין וועג. אַמאָל מיט א פור, אַמאָל צופוס. דאָס גאַנצע פאַרמעגן — א קאָרב מיט

זינאָווי קאַמינסקי

איבערגעריבענע טעאַטער־שטיק און אַפּישן, מיט פּאַריקן און קאָלערליי אַקטיאָרישע, מיש־טיינס געזאָגט, מאַלבושים. פאַרענדיקט שפּילן אין איין אָרט, א כאַפּ געטאָן דעם קאָרב, דאָס קינד בא דער זײַט, און הײַדא — פון שטעטל צו שטעטל, פון שטאָט צו שטאָט. פון ווײַסרוס־לאַנד — קיין אוקראַיִנע, פון אוקראַיִנע — קיין פּוילן, פון דאָרטן — ווידער מיט דעם זעלבן וועג צוריק...

א קאַפּיטל געשיכטע: דער זיידע אווראָם־יִיצכאָק

א מענטש פון מיטעלן וווקס. קאַלטע גלעזער־נע אויגן. א קרענקלעך געל־מאַט געזיכט. אַפּאַטישע באַוועגונגען. שטענדיק א דערשלאָ־גענער און פאַרביטערטער... אזא פלעגן אים מאָלן די רעצענזענטן פון דער ייִדישער פּרעסע עטלעכע יאָר פאַר זײַן טויט.

דאָס איז געווען אַן אַדיאָזע פיגור אין דער געשיכטע פונעם ייִדישן טעאַטער. אַן אַלזײַטי־קער אַרטיסט, פלעגט ער שפּילן סײַ דראַמע, סײַ אָפּערעטע, סײַ וואָדעוויל, סײַ פאַרס, און אָפט — אַלץ צוזאַמען, אַפילע אין איין ספּעק־טאַקל. ער איז געווען אויך דער דירעקטאָר פונעם טעאַטער. נאָך מער, ער איז געווען א דראַמאַטורג. ווען מע וואָלט געוואָלט צונויפ־שטעלן א רעשימע פון זײַנע ווערק, וואָלט זיך באַקומען א היפּשער צעטל.

אווראָם־יִיצכאָק איז געווען בלױמע קאַמינס־קעס פאָטער, זוני קאַמינסקיס זיידע. יאָ, דער זעלבער אווראָם־יִיצכאָק, וועמעס פאַמיליע־נאָ־מען טראָגט א גאַנצע דינאַסטיע ייִדישע אַק־טיאָרן. דאָס איז געווען אַן עמעסער מאַרטירער פונעם ייִדישן טעאַטער. וויפל ליידן און פּלאָגן האָט געהאַט אויסצושטיין דער אָנפירער פון דער וואַרשעווער „ליטעראַרישער טרופּע״ סײַ מיצאַד דער צאַרישער העכערער און נידעריקע־רער מאַכט, סײַ מיצאַד די ייִדישע קלייקוידעש. זינאָווי קאַמינסקי געדענקט א געשיכטע, וואָס האָט געטראָפן מיט זײַן זיידן, א געשיכטע, וועלכע די מאַמע פלעגט דערציילן מיט טרערן אין די אויגן.

ווען אווראָם־יִיצכאָקס טרופּע איז געווען אַף גאַסטראָלן אין לאָדזש, פלעגט זי שפּילן אויך פרײַטיק. האָט איינמאָל דער ראָוו געשיקט זאָגן, אַז מע זאָל פרײַטיק ניט שפּילן, ווײַל ס'איז כיי־לעל־האַשעם — און ער האָט גענומען באַם די־רעקטאָר פון דער טרופּע א טקיִעס־קאַף, אַז מע וועט ניט שפּילן. אָבער פרײַטיק איז געווען דער בעסטער טאָג — קאָן מען דען אים דורכלאָזן? מע האָט ווײַטער געשפּילט, ווי פריִער. האָט דער ראָוו ווידער געשיקט נאָך קאַמינסקין, און ווי נאָר יענער איז אַרײַן, האָט ער אים דער־לאַנגט צוויי פּעטש און אויסגעשריִען: „פּושע יִיסראָעל, אויב דו וועסט נאָכאַמאָל שפּילן פרײַ־טיק, וועל איך די גאַנצע טרופּע אַרויסשיקן פון לאָדזש!״

דער יונגער זאַלמענקע, וועלכער האָט נאָך פון קינדווײַז אָן זיך אָנגעהויבן פילן אַף דער טעאַטראַלער בינע, ווי א פיש אין וואַסער, האָט געהערט פון דער מאַמען און פון אַנדערע אַק־טיאָרן, אַז זײַן זיידע איז געווען געבענטשט אויך מיט גאַנץ פײַנע שרײַבערישע פײַיִקײַטן. באַזונדערס פלעגט מען לויבן אווראָם־יִיצכאָקס פּיעסע „ייִדישע אַקטיאָרן אַף דער רײַזע״.

— זי איז אַפילע געווען געדרוקט אין דער „ראָמאַן־צײַטונג״, א יאָר פיר פאַר דײַן גע־בורט, אין 1908, — האָט אים איינמאָל געזאָגט די מאַמע.

קיינער פון די אַרטיסטן האָט די פּיעסע ניט געהאַט. געהאָלפן האָט א צופאַל. זיך אָפּגע־שטעלט אין איינעם א שטעטל מיט דער וואַנ־דערנדיקער טרופּע אַף א לענגערער צײַט, האָט דער דרײַצניאָריקער אַקטיאָר זיך דערוווסט בא אַן אָרטיקן טעאַטראַל, אַז די „ראָמאַן־צײַטונג״ מיט אווראָם־יִיצכאָקס ווערק געפינט זיך בא איינעם א מויכערספאָרימניק, וועלכער וווינט אין א שטעטל בישכיינעס. איז ער געקומען צו דער מאַמען און געמאָלדן:

— הײַנט וועל איך ניט שפּילן.

בלױמע האָט זיך דערשראָקן. ער איז געווען בא איר א בען־יאַכיד און זי פלעגט איבער אים ציטערן:

— ביסט עפּשער ניט געזונט? עפּשער אַרויס־רופן א דאָקטער?

ער האָט זי באַרויִקט. ניין, ער איז געזונט. ער האָט פּאַשעט באַשלאָסן קריגן דעם זיידנס פּיעסע. פופצן קילאָמעטער צופוס — אין שטעטל, ווו עס וווינט דער מויכערספאָרימניק, און פופצן קילאָמעטער צוריק. ס'איז עפּשער

אפן בילד: מוישע זאַכאַראָווס טרופּע אַף גאַסטראָלן אין קאָראָסטען (1925), אין וועלכער ס׳האָט געאַרבעט דער יונגער קאַמינסקי.

אין דער ערשטער ריי די ערשטע פון לינקס — ז. קאַמינסקיס מוטער בליומע קאַמינסקע, אין דער צווייטער ריי דער ערשטער פון לינקס — דער שטיף־פאָטער יויסעף פּילשטיין. אין דער ערשטער ריי דער ערשטער פון רעכטס — דער אָנפירער פון דער טרופּע מוישע זאַכאַראָוו.

ניט אַזוי גרינג — אָבער וואָס באַטײַט אַזאַ מעהאַלעך אַנטקעגן דעם פאַרגעניגן, וואָס ער וועט האָבן, האַלטנדיק אין די הענט דעם זיידנס פּיעסע!

און די מאַמע האָט גאָרנישט ניט געקאָנט מיט אים מאַכן. ער האָט באַקומען איר האַסקאָמע און זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. און די פּיעסע האָט ער טאַקע געבראַכט, זי איבערגעשריבן און לאַנגע יאָרן געפירט מיט זיך דעם קסאַוויאַד, ווי אַ הייליקײַט, וואָס איז אים איבערגעגעבן געוואָרן בעירושע.

זײַענדיק שוין אַן אַקטיאָר אינעם מאָסקווער גאָסעט, האָט זינאָווי קאַמינסקי זיך אָנגעשטויסן אַף אַ נײַער אָפּשאַצונג פון דער דאָזיקער פּיעסע. איינער פון די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור־פאָרשער האָט געשריבן, אַז איר אווטאָר, אַליין אַן אַקטיאָר, האָט געטראָפן אין איין פּינטעלע מיט שאָלעם־אַלייכעמס „בערדיטשעווער טעאַטער". די פּיעסע האָט אויסגעלאַכט דעם קליינשטעטלדיקן אַקטיאָר, זײַן אָפּגעשטאַנענקײַט, זײַנע קנאַפּע באַגריפן וועגן טעאַטער, זי האָט קריטיקירט די העפקיירעס און ווילדקײַט, וואָס האָבן געהערשט אין דער ייִדישער אַקטיאָרן־סוויווע פאַר דער רעוואָליוציע. נאָך מער, די פּיעסע האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז די צײַט, ווען די וואַנדער־טרופּעס שפּילן קימאַט אויסשליסלעך אין די קליינע שטעטלעך, איז שוין פאַרבײַ, — די צוקונפט פונעם ייִדישן טעאַטער איז פאַרבונדן מיט דער גרויסער שטאָט, וווּ מע וואַרט שוין אַף אים...

פונעם אַלטן קאָרב

זיי האָבן געוואַנדערט צוערשט אינדרײַען — די מאַמע, דער שטיף־פאָטער יויסעף פּילשטיין און זוני. צוזאַמען האָט עס געהייסן „די טרופּע". אַזעלכע „טרופּעס" זײַנען אין די ערשטע יאָרן נאָכן בירגערקריג און אַפילע ביזן סאָף פון די צוואַנציקער יאָרן געווען אין ווײַסרוסלאַנד און אַף אוקראַיִנע ניט ווייניק — אַ ירושע נאָך פון פאַר דער רעוואָליוציע, אָבער שוין אָן די רעדיפעס און שרעקן, וועלכע האָבן לאַנגע יאָרן געטראָפן דעם ייִדישן טעאַטער.

שטעלן פּיעסן מיט דרײַ אַרטיסטן האָט מען, געוויינלעך, ניט געקאָנט. פלעגט מען אויסרעכענען אַף אָרטיקע ליבהאָבער. אין יעדן שטעטל האָט מען אָן קיין שום שוועריקײַטן געקאָנט קאָמפּלעקטירן די טרופּע מיט צײַטווײַליקע אַרטיסטן, אָפּרעפּעטירן מיט זיי אין מעשעך פון אַ פּאָר טעג אַ פּיעסע און אַרויסהענגען אַפישן.

אין רעפּערטואַר איז קיין מאַנגל ניט געווען. די מאַמע האָט נאָך אַלץ געשלעפּט מיט זיך די צוויי קערב מיט פּיעסן און רעקוויזיט, וועלכע זײַנען בא איר פאַרבליבן נאָך פון פאַר דער רעוואָליוציע. זיי זײַנען געווען, קאָן מען זאָגן, די פּאַרנאָסע־געבער פאַר דער אַקטיאָרישער מישפּאָכע.

צו יענער צײַט האָט שוין זאַלמענקע געהאַט אַ שטיקל אַקטיאָרישע דערפאַרונג. נאָך ווען די מאַמע האָט געשפּילט אין רודאָלף זאַסלאַווסקיס טרופּע, האָט מען אים אָפט גענומען אַף קינדער־

ראָלן. ער האָט געשפּילט אין ליבינס „די גע־
בראָכענע הערצער", אין זאָלאָטאַרעווסקיס „די
ווײַסע שקלאַפֿן". אָבער געווען זײַנען דאָס עפּי־
זאָדישע ראָלן מיט געציילטע ווערטער. איצט
האָט ער דערפֿילט, אַז ער וואָלט זיך ספּראָוועט
מיט מער ערנסטע ראָלן. די מאַמע אָבער, כאָטש
זי האָט ליב געהאַט איר פּראָפֿעסיע, ווי דאָס
לעבן, האָט זיך ניט געאײַלט אים אַרײַנפֿירן
אינעם טאָגטעגלעכן שטייגער פֿון דער אַר־
טיסטן־וועלט: ווי ס'זאָל ניט זײַן, איז די דאָזיקע
וועלט געווען פֿאַר איר און פֿאַר איר מאַן ניט
בלויז א קונסט־זאַך, נאָר א פּאַרנאָסע. האָט זי
ניט געוואָלט, אַז איר זון זאָל אַזוי פֿרי ווערן א
פּראָפֿעסיאָנעלער אַקטיאָר.

די מאַמע וויל ניט — איז ניין. ער קומט
סײַווי אַף אַלע רעפּעטיציעס און לאָזט ניט דורך
קיין איין ספּעקטאַקל. און דאָ מאַכט זיך אַזאַ
צופֿאַל. ווען זיי האָבן אינעם ווײַסרוסישן
שטעטל קאָסטיוקאָוויטש רעפּעטירט „די קי־
שעפּמאַכערן", איז פּלוצעם קראַנק געוואָרן די
ליבהאָבערן, וועלכע שפּילט מירעלען. די מאַמע
איז געפֿאַלן אַף א געדאַנק:

— זונילע, באַ דיר איז א קעלעכל פּונקט ווי
אָנגעמאָסטן פֿאַר מירעלען!

שפּילן א מיידלשע ראָל איז נאָך זאַלמענקען
ניט אויסגעקומען. אָנטאָן אַף זיך ווײַבערשע
קליידער וואָלט געהייסן אַפּילע אָנרירן זײַן
ווירדע, כאָטש, צוריקגערעדט, וואָלט טאַקע ניט
געשאַדט זיך א לעצוועג טאָן דאַפֿקע אין אַזא
הוילעך. אייגנטלעך, וואָלט עס ניט געווען
פֿאַר קיינעם קיין נאָווענע: אויסגעוואַקסן אין אַן
אַקטיאָרישער סוויווע און איבערגעצוזן פֿון קינד־
ווײַז אָן קאָלערליי אַרטיסטישע מעטאַמאָרפֿאָ־
זעס, האָט ער זיך ניט געכידעשט אַף דער מאַ־
מעס פֿאַרשלאָג. דאָס פֿאַרוואַנדלען זיך אַף דער
בינע פֿון א ייִנגל אין א מיידל איז פֿאַר אים
געווען, באַנאַנד מיט שקאָצרײַ, אויך א גאַנץ
נאַטירלעכע זאַך. אָבער אַרויסווײַזן זײַן פֿרייד
האָט ער ניט געוואָלט. ער האָט קלוימערשט א
ביסל זיך געקווענקלט:

— אויב דו וועסט מיר קויפֿן א קאָסטיום...

די מאַמע ענטפֿערט:

— פֿאַרשטייט זיך, מיר וועלן דיר קויפֿן...

קאָן ער זיך שוין ניט אײַנהאַלטן, גייט אַוועק
אין א טאַנץ און צעזינגט זיך:

קויפֿט, קויפֿט, קוינים,
קוינים, קומט אַהער!
א קאָסטיום אַזוינעם
איז צו קריגן שווער!..

— אוי, ס'איז דאָך ניט פֿון דײַן ראָל! — בײַ־
זערט זיך קלוימערשט די מאַמע.

— נו איז וואָס, — לאַכט זאַלמענקע, — אַלץ
ראָלן זײַנען מײַנע!..

ער געדענקט שוין ניט, וואָס פֿאַר א מירעלע
האָט זיך פֿון אים באַקומען און ווי־אַזוי ער האָט
געשפּילט, נאָר געזונגען האָט ער מיט אַזא
היסלײַוועס, אַז פֿון די אַפּלאָדיסמענטן האָט זיך
מאַמעש געוויגט דער זאַל.

און פֿון דעמלט אָן איז אַוועק א גאַנג. ווען
מע האָט געדאַרפֿט האָבן זינגעוודיקע ראָלן,
האָט מען זיך שוין אָן זאַלמענקען ניט געקאָנט
באַגיין. ער האָט אַפּילע אָנגעהויבן איבערקלײַבן
און ניט שטענדיק געבן זײַן האַסקאָמע. ווען די
טרופּע האָט באַשטימט שטעלן גאָלדפֿאַדענס
„שולאַמיס", איז אים אויסגעפֿאַלן צו שפּילן די
ראָל פֿון אווישאָלעמען. אָבער ווי קאָן מען אײַנ־
גיין אַף אַזא זאַך, אַז די מאַמע פּילט אויס אין
דעם ספּעקטאַקל די ראָל פֿון אַוויגאַיִל, אווישאָ־
לעמס געליבטע, באַזונדערס אינעם צווייטן אַקט,
ווו עס קומט פֿאַר א רירנדיקע ליבע־סצענע?

— ניין, — האָט ער זיך אײַנגעשפּאַרט, — טוט
מיט מיר, וואָס איר ווילט, אָבער קיין אווישאָ־
לעם בין איך ניט.

— נאָר ס'איז דאָך אַף קאָטאָוועס, — האָט מען
געלאַכט.

ניין, אייגמאָל ניין! און מע האָט געמוזט אײַנ־
גיין אַף א פּשאָרע: אינעם ערשטן אַקט וועט
אווישאָלעמען שפּילן ער, און אינעם צווייטן —
אַן אַנדערער...

ס'איז שוין דעמלט געגאַנגען אַן ענערגיש
געראַנגל פֿאַר דער נײַער קונסט, וועלכע האָט
אַלץ מער און מער אַרויסגעשטויסן פֿון דער
ייִדישער בינע די וואַנדערנדיקע כאַלטורע. עס
איז שוין געווען דער מאָסקווער גאָסעט, און אין
פֿאַרגלײַך מיט אים האָט מוישע זאַכאַראָווס
טרופּע, אין וועלכער דער יונגער קאַמינסקי האָט
אָנגעהויבן זײַן וועג, אויסגעזען ווי א נעבעכדיק
באַשעפֿענישל קעגן א מעכטיקן ריז...

עפּשער — קומט אים אַפֿן געדאַנק — גאָר
וואַרפֿן די קינדערשע לעצאָנעס, מיט וועלכער
ער האָט זיך פֿאַרנומען ביז אַהער, און אויס־
קלײַבן אַן אַנדער פֿאַך?

דאַרף זיך טרעפֿן, אַז דער וועג פֿון מוישע
זאַכאַראָווס וואַנדער־טרופּע קרייצט זיך איבער
אין איינעם א שטעטל אַף אוקראַיִנע מיט בײַ
ניאָמין שוואַרצערס „פֿאָלקס־טעאַטער". שוואַר־
צער זעט די שפּיל פֿונעם יונגן קאַמינסקי און
לאַדט אים אײַן צו זיך אַף דער ראָל פֿון נאַפֿ־
טאַליע באַטווין אין א. וועוויאָרקעס פּיעסע,
וועלכע ער קלײַבט זיך שטעלן.

באַטווין... ער האָט שוין געהאַט א געלעגנ־
הײַט צו זען דאָס דאָזיקע געשטאַלט אינעם
מינסקער ייִדישן טעאַטער אין דער אויספֿילונג
פֿונעם אַרטיסט מאַיִן. זוני איז געווען פֿאַרכאַפּט
מיט מאַיִנס קונסט. א באַזונדערן דערפֿאָלג האָט
יענער געהאַט אין די פֿינאַל־סצענעס, ווען
באַטווינען פֿײַניקט מען אין דער דעפֿענזיווע.
אָט אַזוי וועט ער אויך שפּילן — מיט אַלע פֿײַ־
טשעוועקעס, מיטן אַרט ריידן, האַווײַעס, און
אַפּילע מיט די זעלבע באַוועגונגען. נאָר שוואַר־
צער האָט אים שוין אַף די ערשטע רעפּעטיציעס
געוואָרנט:

— ניין, זוני, דאָס איז ניט דײַן באַטווין —
ס'איז מאַיִנס. און האָבן דאַרפֿסטו ניט מאַיִנס
באַטווין, נאָר דײַן אייגענעם. בעסער פֿון אים —

וואָלט אוודאי געווען גוט, און צו דעם דאַרף מען שטרעבן. נאָר זאָל זײַן אַפֿילו ערגער, אַבי מע זאָל זען, אַז דאָס איז דײַנס. אַ געשטאַלט, וואָס דו האָסט געשאַפֿן מיט אייגענער האַרע־וואַניע.

און דער יונגער אַקטיאָר האָרעוועט. ער זוכט זײַן אייגענעם צוגאַנג, זײַן אייגענעם נוסעך. באַטווין איז געווען בײַ אים ניט בלויז זײַן ערשטע ראָל אין אַ קינסטלעריש שעפֿערישן טעאַטער, נאָר אויך די ערשטע זעלבשטענדיקע אַרבעט.

(פֿאַרלויפֿנדיק פֿאַרויס, איז אינטערעסאַנט אָפּצומערקן, אַז דער זעלבער בִּיניאָמין שוואַרצער, וועלכער האָט געגעבן זינאָווי קאַמינסקין די ערשטע צענטראַלע ראָל אין אַ ספּעקטאַקל, האָט אים איצט, אין העכער פֿערציק יאָר אַרום, איבערגעגעבן אינעם מאָסקווער יידישן טעאַטראַלן אַנסאַמבל זײַן אייגענע קרוין־ראָל — טעוויע דעם מילכיקן.)

אין באַשטאַנד פֿון שוואַרצערס „פֿאָלקס־טעאַטער" (ער איז אויך געווען אַ וואַנדערנדי־קער, נאָר דאָס האָט ניט געשאַרט דעם יונגן אַק־טיאָר — אַרומפֿאָרן איז ער געווען צוגעוווינט) גאַסטראָלירט קאַמינסקי איבער די שטעט פֿון ווײַסרוסלאַנד און אוקראַיִנע. ער לעבט מיט זײַן געשטאַלט, וואָס איז אַזוי ניט ענלעך צו אַלע אַנדערע, וועלכע ס׳איז אים ביז איצט אויס־געקומען צו שפּילן. „באַטווין" איז געווען דער אָנהייב פֿון אַן איבערבראָך־פֿאַרזאָד אין דער געשיכטע פֿונעם יידישן סאָוועטישן טעאַטער — דער איבערגאַנג פֿונעם אַלט־קלאַסישן צו אַ נײַעם הײַנטצײַטיקן רעפּערטואַר.

צום באַדויערן, האָט זוני קאַמינסקי געמוזט ווידער זיך אומקערן אין מוישע זאַכאַראַווס טרופּע — די עלטערן האָבן אים גערופֿן „אהיים". אָבער דאָס איז שוין געווען גאָר אַן אַנדער זוני. מיט אַנדערע אויגן האָט ער געקוקט אויף טעאַטער־קונסט, דאָס האַרץ האָט געבענקט נאָך עכטער שאַפֿונג.

געהאָלפֿן האָט נאָכאַמאָל אַ צופֿאַל. אין 1929 האָט זיך זוני קאַמינסקין אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן אַ מעלדונג אין דער מינסקער צײַטונג „אָקטיאַבער": די סטודיע פֿונעם ווײַסרוסישן יידישן טעאַטער אָרגאַניזירט אַ קאָנקורס פֿאַר יונגע.

— קיין מינסק! — קומט ער מיט אַ בסורע צו די עלטערן. — איך פֿאָר קיין מינסק!

ס׳איז געזאָגט געוואָרן מיט אַזאַ אַנטשלאָסנ־קײַט, אַז די מאַמע, ווי שווער ס׳איז איר ניט געווען זיך שיידן מיטן איינציקן זון, האָט אַפֿי־לו ניט געפּרוּווט אים אָפּהאַלטן.

אויף מאָרגן איז אין מוישע זאַכאַראַווס וואַנ־דערנדיקער טרופּע געוואָרן ווייניקער מיט איין אַרטיסט.

יאָ, פֿון „יענע" קאַמינסקיס!

וואָס פֿאַר אַ זשאַנער איז אים אַמבעסטן צום האַרצן און וואָס פֿאַר אַן אַמפּלואַ זאָל ער אויס־קלײַבן, ווען ער וועט ווערן אַן עמעסער אַר־טיסט? ליריק? הערויִק? צי עפּשער גאָר ווערן אַ קאָמיקער? ווען אין דער „קישעפֿמאַכערן" האָט ער געשפּילט האָצמאַכן און אין „הער־צעלע מעיוכעס" דעם לעץ, האָט דער עולעם זיך געהאַלטן בײַ די זײַטן פֿון געלעכטער. און וויפֿל טרערן פֿלעגט ער אַרויסרופֿן בײַ די צו־שויער, שפּילנדיק אין „מענדל ביילים" אַנדריי־שע לעשטשינסקין און אין „אַקיידאַס יִצחאָק" דעם ביבלישן זון, וועמען דער פֿאָטער פֿירט ברענגען אַלס קאָרבן!

און האָט איר געוואָלט הערן אַ געשמאַק יידיש לידעלע — מאַכטייסע, ער איז שטענדיק געווען גרייט, לאַנג בעטן האָט מען אים ניט געדאַרפֿט...

אינעם קאָרידאָר פֿונעם מינסקער קלוב אויף קאַרל מאַרקס׳ נאָמען האָט געררוישט און גע־קאָכט. אַזויפֿיל אַרטיסטן אין איין אָרט האָט זוני נאָך קיינמאָל ניט געזען — אַ מענטשן פּופּציק, ניט ווייניקער. און יעדערער וויל באַווײַזן וואָס ער קען, נאָך איידער מע רופֿט אים אַרײַן אין צימער, ווו עס זיצן די עקזאַמענאַטאָרן. און מע דאַרף פֿון אָט די פּופֿציק אָפּקלײַבן בלויז אַ פֿיר צי פֿינף יאַטן און מיידלעך. אויף מער קאָן די סטודיע ניט אויסרעכענען, ווײַל דער גאַנ־צער טעאַטער אַליין וועט באַשטיין, זאָגט מען, פֿון אַ מענטשן צוואַנציק.

די עקזאַמענאַטאָרן — ראַפּאַלסקי, ליטווינאָוו, גאַלאָווטשינער.

— קאַמינסקי? — פֿרעגט מען זיך אָן. — פֿון „יענע" קאַמינסקיס?

אוודאי, האַלעמײַ זאָל ער דאָס אָפּלייקע־נען?

— אויב אַזוי, האָט אַ זון טאַקע גוט אים אַ טאַפּ טאָן פֿון אַלע זײַטן.

און מע טאַפּט. מע וויל, ער זאָל באַווײַזן, צי האָט ער טאַקע עפּעס וואָס געיאַרשנט פֿון „יענע" קאַמינסקיס. און ער באַווײַזט, ער איז ניט פֿון די שעמעוודיקע. ער דעקלאַמירט גאַנצע שטיקער פֿון וואָס פֿאַר אַ פּיעסע איר ווילט, ער זינגט, ער טאַנצט, ער באַווײַזט קונצן.

— נו יאָ, — קוקט מען זיך איבער, און ער פֿילט, אַז ער האָט אויסגענומען. נאָר צוזאַמען דערמיט שאָקלט מען מיט די קעפּ: — מע האָט שוין באַוויזן פֿון דיר גוט אַ טעל מאַכן... נאָר נישקאָשע, מירן דיך צורעכט מאַכן...

און אָט איז ער שוין אַ סטודיסט. אַזוי הייסט עס לעפֿאָנעם. אַפּדערעמעסן שליסט מען אײַן אַלע אָנגענומענע סטודיסטן אינעם וואַנדערנ־דיקן קאָלעקטיוו פֿונעם מינסקער יידישן טעאַ־טער. וואַרטן קאָן מען ניט — מע דאַרף שפּילן, מע דאַרף רעפּעטירן, מע דאַרף שטעלן ספּעק־טאַקלען. און מע וועט זיך לערנען אויך. לימו־דים פֿון טאַנץ, פֿון „שטעלן" די שטים, פֿון ליי־טעראַטור, שפּראַך, אַקטיאָרישער מײַסטער־שאַפֿט. ווײַזט זיך אַרויס, אַז אַזוי, ווי ער האָט ביז איצט געשפּילט, איז דאָס גאָר קיין שפּיל ניט געווען, — אַ לעצאָנעס, אַ שפּאַס. מע וועט אים שוין נעמען אין דער אַרבעט, ס׳וועט פֿון

אים אָפּגיין דער זיבעטער שווייס, אָבער מע וועט מאַכן פֿון אים אַ לײַט.

אַזוי זאָגט ראַפּאַלסקי. און אַז ראַפּאַלסקי זאָגט, ווייסט ער. אים, זאָגט ער, איז אויך אויסגעקומען צו האָרעווען, ווען ער האָט זיך געלערנט טעאַטער־קונסט אין מאָסקווע. אַפֿילו ביז הײַנט, כאָטש ער פֿירט אָן מיט אַ גאַנצן טעאַטער־קאָלעקטיוו, האַלט ער זיך נאָך ניט פֿאַר אַ פֿאַרטיקן אַקטיאָר. אַן אַקטיאָר, זאָגט ער, דאַרף זיך לערנען אַ גאַנץ לעבן. יעדע ראָל איז אַ נײַע לער, נאָך מער — יעדער ספּעקטאַקל, יעדער אויפֿטריט אַף דער בינע איז אַ לער. און הערסטו זיך אויף צו לערנען, הערסטו אויף צו זוכן — ביסטו אויס אַקטיאָר, ביסט אַ ליידיקע קיילע, וואָס קלינגט עפּשער, ווען מע רירט זיך אָן צו איר, נאָר דער קלאַנג איז אַ פּוסטער...

און זוני קאַמינסקי לערנט זיך. ער לערנט זיך און שפּילט. אין „באַטווין" איז ער אַ קסיאָנדז, אין דער „גאָטסגייערקע" — איינער פֿון די קאָמיוגיסטן־אַפּיקאָרסים, אין „זשאַקעריע" — דער ריטער אָסוואַלד. די סטודיע אַרבעט אָפּן צווייטן שטאָק פֿונעם קלוב „קים". אָפּן ערשטן שטאָק געפֿינען זיך די רעדאַקציעס פֿון די צײַטונגען „יונגער פּיאָנער" און „יונגער אַרבעטער". אָפֿטע געסט זײַנען דאָ די מינסקער ייִדישע שרײַבער. און שרײַבט עמעצער אָן אַ נײַע זאַך — צעטראָגן עס באַלד די אַרטיסטן איבער גאַנץ ווײַסרוסלאַנד. וווּהין מע קומט, פֿאַרנעמט מען זיך ניט בלויז מיט ספּעקטאַקלען. מע גרייט מיט די קינדער אין די שולן בופֿאָנאַדעס, מע אינסצענירט איזי כאַריקס „מינסקער בלאָטעס", שאָלעם־אַליינכעמס קינדער־מעשׂיות און מאָנאָלאָגן.

אָט אַזוי גייט פֿאַריבער אַ יאָר, אַ צווייטס. בא קאַמינסקין הייבט זיך אָן אַ צײַט פֿון זעלבשטענדיקער אַרבעט, אַ צײַט פֿון שעפֿערישער רײַפֿקײַט. נאָר פֿורעמען פֿורעמט זי זיך שוין אין אַן אַנדער טעאַטראַלן קאָלעקטיוו — אין קרימער ייִדישן קאָלווירטישן טעאַטער, וווּהין ער קומט אָן אין 1933.

אבי די פּרוזשינע ניט אָפּלאָזן

דער קרימער טעאַטער איז אַליין געווען אַ יונגער, קאָן זײַן דער ייִנגסטער צווישן די ייִדישע טעאַטערס אין לאַנד, און באַשטאַנען איז ער אויך פֿון יונגע אַקטיאָרן. זײַן באַזע איז געווען אין סימפֿעראָפּאָל, די בינע — זיבן און אַכציק קאָלווירטן. ווידער, הייסט עס, אַ וואַנדערנדיקער? אַ ביסל אַזוי, און אַ ביסל אַנדערש. ס'איז געווען אַ גרויסער כילוק צווישן דעם קרימער טעאַטער און די וואַנדערנדיקע טרופּעס, וועלכע האָבן אין די צוואַנציקער יאָרן פֿאַרפּלייצט אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד. קוידעמקאָל האָט ער זיך אונטערגעשיידט קוואַליטאַטיוו. גענוג צו זאָגן, אַז די ספּעקטאַקלען האָבן אין אים געשטעלט אַזעלכע באַוווּסטע רעזשיסערן, ווי עפֿראַיִם לויטער, קאַגאַנאָוו, סמאָלענסקי, ליאָרפּער — קינסטלער, בא וועמען מע האָט זיך געקאָנט לערנען עכטע מײַסטערשאַפֿט.

דער רעפּערטואַר פֿונעם טעאַטער איז געווען אַ בונטער: גאָלדפֿאַדען, שאָלעם־אַליינכעם, שילער, אָסטראָווסקי, פּערעץ מאַרקיש, דאָברושין... ס'איז געווען שוין גאָר אַן אַנדער רעפּערטואַר און גאָר אַן אַנדער צוגאַנג צו אים, אַפֿילו ווען מע האָט געהאַט צו טאָן מיט ווערק, וועלכע מע האָט נאָך געשפּילט אינעם ביזרעוואָליוציאָנערן טעאַטער. אויך די צושויער זײַנען געווען אַנדערע, כאָטש די ייִדישע קאָלווירטניקעס זײַנען געקומען פֿון די קליינע שטעטלעך.

דאָס לעבן אין טעאַטער איז געווען יונג און קרעפּטיק, ס'איז געווען מונטער און פֿריילעך, און אויסער ספּעקטאַקלען פֿלעגט מען באַווײַזן אַרויסלאָזן אין יעדן קאָלווירט לעבעדיקע צײַטונגען מיט טשאַסטושקעס, געשאַפֿענע דאָ טאַקע, אין פֿעלד, אַף אָרטיקן מאַטעריאַל.

סטעמפּעניו, פּרויקע (אין „סענדער בלאַנק"), הערשעלע אָסטראָפּאָליער, נעזנאַמאָוו (אין אָסטראָווסקיס „אָן שולד שולדיקע"), מאַקס (אין „צוויי קונילעמלעך"), פּערנאַנדאָ (אין „שעפּסנקוואַל"), ראַנדל (אין מאַרקישעס „ניט געדײַגעט"), אַנטאָניאָ (אין „באַר־קאָכבאַ") — פֿאַרשיידענע ראָלן, נאָר אין יעדערער פֿון זיי זוכט דער יונגער קאַמינסקי זײַן אייגענע אינטאָנאַציע, און פֿון ספּעקטאַקל צו ספּעקטאַקל פֿאַרטיפֿערט זיך זײַן מײַסטערשאַפֿט, און דער צושויער שאַצט דאָס ווי געהעריק אָפּ.

אין די צײַטונגס־רעצענזיעס מערקט מען אָפּ זײַן אויסגעצייכנטן נאַכמענען אין ל. רעזניקס „רעקרוטן" (לויט אַקסענפֿעלדן), זײַן שפּרודלדיקן מיט לעבנסלוסטיקײַט און הומאָר הערשעלע אָסטראָפּאָליער. און אַפֿילו ווען דער טעאַטער פֿאַלט דורך מיט זײַן „סענדער בלאַנק" (אַ ניט געלונגענע רעזשיסור), ווײַזט דער רעצענזענט אָן, אַז „אינעם ספּעקטאַקל צייכנט זיך אויס דער אַקטיאָר ז. קאַמינסקי, וועלכער פֿילט אויס די ראָל פֿונעם מעשאָרעס פּרויקע".

איז ווי זשע האַלט, פֿונדעסטוועגן, מיטן אַמפּלואַ? קאַמינסקי האָט דאָך שוין פֿון אָנהייב אָן, פֿון זינט ער איז אַרויס אַף דער גרויסער בינע, נעטרוימט וועגן זײַן אייגענעם וועג, וואָס זאָל זײַן אָרגאַניש סאַמע פֿאַר אים, פֿאַר דער אייגנאַרטיקײַט פֿון זײַן אַקטיאָרישער פּערזענלעכקײַט! ער איז נאָך יונג, פֿול מיט ענערגיע און גייט צו דעם דאָזיקן ציל, אָנשפּאַרנדיק זיך אַף דער דערפֿאַרונג פֿון די בעסטע שעפֿער אין דער ייִדישער טעאַטער־קונסט. אַזאַ וועג איז ניט אויסגעשפּרייט מיט בלומען — אָפֿט טרעפֿן זיך אַף אים שטרויכלונגען.

אָט האָט מען אים געגעבן די ראָל פֿון מענאַכעם־מענדלען. אָבער קעדיי צו פֿאַרשטיין דעם דאָזיקן העלד, קאָן מען ניט באַטראַכטן בלויז איין אויסערלעכע לעכערלעכקײַט, ווײַל זי איז אַ מאַסקע, אַ פֿאַרשטעלעניש. ניין, קאַמינסקי וויל ניט אויסלאַכן מענאַכעם־מענדלען, ער וויל, אַז דער צושויער זאָל דערפֿילן דעם טראַגיזם. און ער שאַפֿט אין די „לופֿט־מענטשן" טאַקע אַזאַ געשטאַלט. עמעס, זײַן מענאַכעם־מענדל איז אַפֿילו צופֿיל ליריש־ווייך, נאָר דאָס איז

ז. קאַמינסקי אין דער ראָל פונעם פילאָסאָף מוישע מענדעלסאָן („שלוימע מײַמאָן“ אינעם מאָסקווער גאָסעט).

שוין א זאַך, ווי אַזוי ווער עס נעמט דאָס אויף. דעריקער — דאָס איז זײַן מענאַכעם־מענדל און ניט עמעצן אַנדערס.

אלזאָ, לירישקײַט. זי ווערט קאַמינסקיס קינסטלערישע מאַניר. אויב ער געפינט כאָטש א מינדסט שפּאַרונקעלע אינעם דראַמאַטורגישן מאַטעריאַל, פון וואָס מע קאָן אַרויסבאַקומען דאָס דאָזיקע געפיל, טוט ער עס. מיט יאָרן שפּעטער, ווען ער וועט שוין זײַן אן אַקטיאָר פונעם מאָסקווער יידישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל, וועט מען אים אפילע פאַרוואָרפן, וואָס ער האָט אין גאָרדינס „איבערן אָקעאַן“ צופיל „פאַרריידלט“ דאָס געשטאַלט פון עפראַים פּידלער. אָבער אונטערשטרײַכן אין פידלערן דעם שאַרזש, דאָס קאָמישע וואָלט פאַר קאַמינסקין געווען ניט נאַטירלעך, ס'וואָלט געווען קעגן זײַן קינסטלערישן געוויסן, און אַף דעם האָט ער בעשום־אויפן ניט געקאָנט אײַנגיין.

ווײַזט אויס, אַז די דאָזיקע אייגנטימלעכקײַט פונעם באַגאַבטן אַקטיאָר האָט נאָך מיט א סאַך יאָרן צוריק דערפילט מיכאָעלס.

— די ערשטע ראָל, וואָס דו וועסט בא אונדז שפּילן, — האָט ער געזאָגט, אײַנלאַדנדיק קאַמינסקין קיין מאָסקווע, — וועט זײַן לייבל ראַפּאַלעסקאָ. זי איז ווי פאַר דיר אָנגעשריבן.

און מיכאָעלס האָט קיין טאָעס ניט געהאַט. אָבער ס'האָט אַזוי געטראָפן, אַז די ערשטע ראָל אינעם מאָסקווער גאָסעט איז בא קאַמינסקין געווען דאַפקע ניט ראַפּאַלעסקאָ, נאָר מענדעלסאָן אין מ. דאַניעלס פּיעסע „שלוימע מײַמאָן“.

פאַרן יונגן אַקטיאָר איז דאָס געווען אַזוי אומגעריכט, אַז ער איז ווי נישטוימעם געוואָרן. ערשטנס, וועט ער זײַן זוסקינס פּאַרטניאָר (זוסקין האָט אויסגעשפּילט די ראָל פון מײַמאָנען), און, צווייטנס, דאַרף מענדעלסאָן, כאָטש ער באַווײַזט זיך אינגאַנצן אַף עטלעכע געצײַלטע מינוט, מאַכן אַף די צושויער א שטאַרקן אײַנדרוק סײַ לויטן אויסזען, סײַ מיט זײַנע רייד.

מיט וואָס פאַר א באַגײַסטערונג האָט קאַמינסקי געאַרבעט איבער אָט דער עפּיזאָדישער ראָל! דוכט זיך, דאָס ערשטע מאָל פאַר לאַנגע יאָרן אַף דער בינע האָט ער געצייטערט, טאָמער וועט ער דורכפאַלן. אָ, ווי ס'האָט זיך אים געוואָלט נויסע־כיין זײַן, באַרעכטיקן דעם צוטרוי. דאָס איז געווען, דאַכט זיך, דער שווערסטער עקזאַמען אין זײַן לעבן. און ווי גרויס איז געווען זײַן פרייד, ווען הירש ריקלין האָט אין זײַן רעצענזיע אין דער צײַטונג „איזוועסטיאַ“ געשריבן וועגן „שלוימע מײַמאָן“: „...ס'פאַרגעדענקען זיך אין אָט דעם ספּעקטאַקל די אַרטיסטן שידלאָ (פירשט ראַדזיוויל), מינקאָווא (מײַמאָנס שוויגער), קאַמינסקי (מענדעלסאָן)...“

אַזוי איז זינאָווי קאַמינסקי געוואָרן אן אַקטיאָר פונעם מאָסקווער גאָסעט.

מיכאָעלס האָט געהאַלטן וואָרט: אײַנגיכן האָבן זיך אָנגעהויבן די רעפּעטיציעס פון „בלאָנדזשענדע שטערן“ מיט קאַמינסקין אין דער ראָל פון לייבל ראַפּאַלעסקאָ.

קאַמינסקי איז זיך מודע: פאַר אָט דער ראָל האָט ער ניט מוירע געהאַט, ווײַל וויפל מאָל איז אים אויסגעקומען זי צו שפּילן: — קיין איין וואַנדער־טרופּע, קיין איין טעאַטער פלעגט ניט אויסמײַדן דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל, און זוני האָט אויסגעשפּילט די ראָל פונעם האָלענעשטער העלד אין קאָלערליי אומשטענדן און מיט פאַרשיידענע פּאַרטניאָרן. לאָזט זיך אָבער אויס, אַז מיכאָעלסעס „בלאָנדזשענדע שטערן“ קומען ניט אין קיין שום פאַרגלײַך מיט אַלע אַנדערע אינטערפּרעטאַציעס.

— וואָס איז אַזוינס „בלאָנדזשענדע שטערן“? — האָט מיכאָעלס געשמועסט מיט דעם נײַעם אַקטיאָר. — מיינסט אַוודע, אַז דאָס איז א טשיקאַווע געשיכטע פון צוויי פאַרליבטע הערצער, א רירנדיקער ראָמאַן פון רייזעלען מיט ראַפּאַלעסקאָ? ניין, ניט אין דעם גייט עס...

און קאַמינסקי האָט זיך ווי פאַרלוירן: וואָס הייסט, אַז ניט רייזעלע און ניט ראַפּאַלעסקאָ זײַנען אין די „בלאָנדזשענדע שטערן“ די הויפּט־העלדן? ווער זשע דען, אויב ניט זיי?

ערשט דערנאָך, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט איבערן ספּעקטאַקל, איז צו אים דערגאַנגען: מיכאָעלס שטעלט דעם אַקצענט דאַפקע ניט אַף דער ליבע פון רייזעלען און ראַפּאַלעסקאָ, וואָס איז שוין געוואָרן באַנאַל, ווי אַן אָפּגעריבענע מאָטבייע, נאָר אַף דעם סאָציאַלן און פּסיכאָלאָגישן מאָטיוו, וואָס ליגט אין גרונט פון שאָלעם־אַליכעמס ווערק, באַזונ־

דערס אַף דער טראַגעדיע פונעם פאָלקס־קינסט־
לער האַצמאַך. דאָס בלאָנדזשען ניט אַזוי די
יונגע העלדן, כאָטש זיי פאַרנעמען אַף דער
בינע דאָס געהעריקע אָרט, נאָר עס בלאָנדזשעט
ארום די נעשאָמע פונעם באַגאַבטן, אומגליק־
לעכן אַקטיאָר האַצמאַך, די לויטערע נעשאָמע,
אין וועלכער ס'האָבן זיך אײַנגעקלאַמערט די
שרעקלעכע נעגל פון דער געזעלשאַפט, ווו
אַלץ איז פאַרוואַנדלט אין אַ מיסכער.

און דאָ האָט מען געדאַרפט געפינען דאָס
נייטיקע פּינטעלע.

— ווי־אַזוי דאַרף מען שפּילן לייבל ראַפּאַלע־
סקאָ, אויב ער איז, ווײַזט זיך אַרויס, גאָר ניט
דער הויפּט־העלד? — פרעגט בא זיך אַליין דער
אַקטיאָר.

— אָט אַזוי וועסטו אים שפּילן, — ענטפערט
ער זיך אָפּ, — ווי בא שאָלעם־אַלייכעמען.

— און אַזוי, ווי עס וויל אים זען שלוימע
מיכאָעלס, — בױערט אין מויעך.

ס'איז געווען אַ שווער שטיקל אַרבעט, און
ניט אַלעמאָל האָט זי געבראַכט דעם אַקטיאָר
בלויז פרייד. אָבער בא אים איז געווען אַ גר־
טער לערער, וועלכער איז שטענדיק גרייט גע־
ווען קומען צו הילף. און דאָס איז געווען דער
איקער.

„אין דער ראָל פון לייבל ראַפּאַלעסקאָ —
האָט געשריבן איינער אַ רעצענזענט, — טרעט
אַרויס דער יונגער און באַגאַבטער אַקטיאָר
ז. קאַמינסקי. דאָס איז שוין אַן אויסגעפורעמ־
טער אַרטיסט, וועלכער איז זיכער און פילט
זײַנע קויכעס, און ער באַצויבערט מיט זײַן לי־
רישער וואַרעמקײַט, אינערלעכער ווירדע און
נאָבלקײַט...”

אָבער אין דער זעלבער צײַט, ווײַזט מען אָן,
„פעלט אים נאָך דראַמאַטיזם, און צום סאָף פו־
נעם ספּעקטאַקל ווערט ער ווי פאַרוועלקט; די
אײַנגעשלאָסענע סצענע פון „אוריִעל אַקאָסטאַ”
אינעם אַכטן בילד גיט זיך אים פּאַשעט ניט
אײַן. אָבער אין דער לירישער הויפּט־ליניע פון
דער פּיעסע האָט קאַמינסקי געגנוג אָרט צו אַנט־
פּלעקן זײַן טאַלאַנט — אַ פרישן און אינטערע־
סאַנטן”.

„...גיט זיך אים פּאַשעט ניט אײַן...” — מויערט
אין קאָפּ. „די סצענע פון „אוריִעל אַקאָסטאַ”
גיט זיך אים פּאַשעט ניט אײַן”... אָבער אַזוי
איז דאָך פאַרטראַכט אָט די סצענע! לעאָ ראַפּאַ־
לעסקאָ דאַרף דורכפאַלן! ס'איז אַזוי בא שאָלעם־
אַלייכעמען, און דאָס האָט הינטער זיך אַ באַ־
גרינדעטן מיין!

נאָר, צוריקגערעדט, אויב אַן אַקטיאָר נעמט
צום סאָף פונעם ספּעקטאַקל „וועלקן”, הייסט
עס, אַז עפּעס האָט ער פאַרזען, עפּעס ניט דער־
צויגן, ווײַל אַפילע לעאָ ראַפּאַלעסקאָס דורכפאַל
דאַרף מען אויך באַווײַזן איבערצײַגעוודיק —
און גראָד דאָס האָט ער ניט גענומען אין אַכט...
איז וואָס פאַר אַן אויספיר דערפון מאַכן?
איין און איינציקן: אַרבעטן, האָרעווען, זוכן!
און ער אַרבעט, ער האָרעוועט, ער זוכט.
אויב פריִער האָט מען נאָך אַמאָל געקאָנט זיך

אין דער ראָל פון סטעמפּעניו (קרימער יידישער קאָלווירטישער טעאַטער).

דערלויבן פאַרלײַכטערן די אָנגעשטרענגטקײַט,
אָפּלאָזן אַ ביסל די פּרוזשינע, דאַרף אַצינד, ווען
ער איז געוואָרן אַן אַקטיאָר פונעם מאָסקווער
גאָסעט, די פּרוזשינע זײַן שטענדיק, בא באַ־
ליביקע אומשטענדן, שטײַף אָנגעצויגן.

דער בעגעד זאָל זײַן ווי אָנגעמאָסטן...

נאָך די „בלאָנדזשנדע שטערן” האָט קאַמינסקי
אין „דער קאַפּריזער קאַלע” אויסגעפּילט די
ראָל פון הונגערמאַן (און ווידעראַמאָל איז זײַן
פּאַרטניאָר געווען בינאָמין זוסקין, וועלכער
האָט געשפּילט קאַפּצנזאָנען); אין „כאַסענע גע־
האַט” (לויט י.־ל. פּערעצן) — די ראָל פון אַ
פּראָגרעסיוון באָכער; אין דאָברושינס „די ווונ־
דערלעכע געשיכטע” — פונעם סערזשאַנט נע־
טשיפּײַלאָ; אין „פּריילעכס” האָט ער צוערשט
געשפּילט דעם כאָסן, דערנאָך דעם צווייטן
באַדכן (אויך דאָס מאָל באַנאַנד מיט זוסקינען).

אין די שפּעטערדיקע יאָרן זעען מיר זינאָווי
קאַמינסקיס נאָמען אַף די אַפישן פון דער עס־
טראַדע. זײַן באַליבטער זשאַנער ווערן מאָנאָ־
לאָגן, טעאַטראַליזירטע סצענעס, וועלכע ער
שאַפט מערסטנטייל אַליין אָפּן גרונט פון שאָ־
לעם־אַלייכעמס ווערק, און דער צושויער אין
צענדליקער שטעט פון לאַנד נעמט זיי זייער
וואַרעם אויף. אָדעס און טאַשקענט, וואָלגאָגראַד
און קעשענעוו, קאַווקאַז און קרים, ווילנע און
לעַנינגראַד, און נאָך און נאָך — 85 קאָנצערטן
אין מעשעך פון איין יאָר!

און אָט איז ער אַ גאַסט אין וואַרשע — אין דער שטאָט, מיט וועלכער ס'איז פאַרבונדן דער טריומף פון זײַן באַרימטער שטיף־באָבע און ווו ער איז געוועזן מיט זײַן מאַמען נאָך אין דער ווײַטער קינדהײַט. די הויפּטשטאָט פון דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק נעמט אויף דעם סאָוועטישן אַרטיסט מיט אָפּשײַ און קאָוועד. „אַן אייניקל פונעם באַוווּסטן טעאַטער־דירעקטאָר, אַקטיאָר און דראַמאַטורג אַווראָם־יִצחאָק קאַמינסקי און בעמיילע אַ גליד פון דער קאַמינסקי־מישפּאָכע, — האָט דעמלט געשריבן די „פאָלקס־שטימע", — איז דער גאַסט אונדז באַזונדערס ליב... בעמעשעך פון אָנדערהאַלבן שאָ האָט זינאָווי קאַמינסקי אויסגעפירט אַ פּראָגראַם, וואָס איז הויפּטזאַכלעך באַשטאַנען פון שאָלעם־אַלייכעמס „קאַסרילעווקע", „בלאָנדזשנדע שטערן", „אַרוף און אַראָפּ", סצענעס פון „מענאַכעם־מענדלען", און האָט באַוויזן, אַז ער איז אַ מײַסטערהאַפטער אינטערפּרעטאַטאָר פון די ווערק פון אונדזער גרויסן קלאַסיקער".

— יאָ, איך האָב זייער ליב שאָלעם־אַלייכעמען, — זאָגט קאַמינסקי, — נאָך מער, איך קאָן אָן אים ניט לעבן. איך האָב ליב זײַן שטראַלנדיקן הומאָר, זײַן נאָבעלע ליִרישקײַט, זײַן אימפּעטפולן טעמפּעראַמענט. סטעמפּעניו און טעוויע, לייבל ראַפּאַלאָוויטש און פּרויקע דער מעשאָרעס, וועלכע איך האָב ניט איין מאָל געשפּילט, אַפילע מענאַכעם־מענדל מיט זײַנע לופט־פּלענער, פון וועלכע ס'לאָזט זיך אַלעמאָל אויס אַ בוידעם, — זיי אַלע זײַנען בא מיר אײַנגעבאַקן אין האַרצן. און אויך מיט רעב אַלטערן, וואָס איז בא מיר איינע פון די לעצטע ראָלן אין די „דרײַ פּינטעלעך", וועלכע עס שפּילט איצט דער מאָסקווער יִדישער טעאַטראַלער אַנסאַמבל, בין איך געוואָרן דער סאַמע נאָענטער קאָרעוו...

אַ לעבן אַף דער בינע. פון געבוירן אָן ביז איצט. ניט יעדן אַקטיאָר פאַלט אויס אַזאַ מערקווירדיקער גוירל. און דאָס לעבן איז נאָך אין פולן גאַנג — ס'איז שעפעריש שפּרודלדיק און מיט דער גאַנצער מעסירעסנעפעשדיקײַט איבערגעגעבן דער טעאַטער־קונסט. און קלינגט איר אָן צו אים אַהיים, וועט איר זעלטן ווען אים דאָרט טרעפן. ווו ווערט ער דאָס פאַרפאַלן?

— וואָס הייסט ווו? — וועט מען אײַך זאָגן. — אַף אַ רעפּעטיציע.

ווי:אַזוי אַרבעט ער איבער אַ ראָל?

— דאָס איז אַ האַרבע פראַגע, — ענטפערט קאַמינסקי. — ווען מע לייענט פאָר אַ פּיעסע, טראַכסטו שוין, וואָס פאַר אַ ראָל וועט מען דיר געבן. און ווען דו באַקומסט זי, הייבסטו אָן אין איר אַרײַנדרינגען, לעבן מיט איר. דו קוקסט זיך אײַן אין איר וועלט, הייבסט זי אָן צומעסטן צו זיך, ווי אַן אָנצוג באַם שנײַדער: דאָ, ווײַזט זיך אַרויס, איז צו לאַנג, דאָרט, פאַרקערט, צו קורץ, און אַז דו טוסט שוין אָן דעם בעגעד, פילסטו, אַז אין איין אָרט קוועטשט עפּעס, אין אַ צווייטן באָמבלט זיך. און דו הייבסט אָן איבערמאַכן, פאַריכטן, פּרעסן — ביז דו באַשליסט, אַז ס'איז, ענדלעך, אַלץ אין אָרדענונג און מע קאָן שוין זיך באַווײַזן פאַר לײַטן, דאָס הייסט, אַרויסגיין אַף דער בינע...

דער מאָסקווער יִדישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל גרייט איצט אַ נײַע פאָרשטעלונג — דעם „פאַרקישעפטן שנײַדער" לויט שאָלעם־אַלייכעמען. זינאָווי קאַמינסקי פילט אויס די הויפּט־ראָל — שימען־עליען.

וואַרטן מיר טאַקע אַף אָט דער נײַער באַגעגעניש. און נאָך אַף איינער — אַף זינאָווי קאַמינסקיס טעוויע.

און ס'ווילט זיך גלייבן, אַז אָט די ביידע „בגאָדים" וועלן זײַן פאַר אים פּונקט ווי אָנגעמאָסטן!

צו אונזער קינסטלערישער בײַלאַגע

דער קינסטלער יוסף טשײַקאָוו

(85 יאָר פון געבוירן, 60 יאָר שעפערישע טעטיקייט)

נאַציאָנאַלע שאַפונג ווערט ניט אויסגעדריקט אין איר עטנאָגראַפישן אינהאַלט... דער ייִדישער קינסטלער וועט, באַהערשנדיק די קונסט־קולטור פון אַלע נאַציעס, געבן איר סינטעז דורך דער פּריזמע פון זײַן ספּעציפישן נאַציאָנאַלן מאַטעריאַל". אַזוי האָט געשריבן אין 1919 יוסף טשײַקאָוו. זײַן קלייִנע בראָשור, אַרויסגעגעבן אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוועטנמאַכט, איז געווען אַ פּראָגראַם־דערקלערונג פון אַ יונגן בויער פון דער נײַער געזעלשאַפט, אין וועלכער די ייִדישע קולטור האָט באַקומען אַלע מעגלעכקײַטן זיך צו אַנטוויקלען אין דער אייניהײַטלעכער מישפּאָכע פון די סאָוועטישע פעלקער. טשײַקאָוו, צוזאַמען מיט ליסיצקין, טישלערן און אַראָנסאָנען אין קיִעוו, שאַגאַלן אין וויטעבסק, אַלטמאַנען אין פּעטראָגראַד, שטערנבערגן אין מאָסקווע, האָט זיך ניט באַנוגנט מיט טעאָרעטישע לאָזונגען, ער האָט מיט לײַב און לעבן זיך אַרײַנגעטאָן אין דער פּראַקטישער אַרבעט צו שאַפן די קונסט פון דער רעוואָליוציאָנערער עפּאָכע.

טשײַקאָוו איז איצט אַלט געוואָרן 85 יאָר. אָף דעם שעפערישן אָוונט, געווידמעט זײַן יובילייִ, האָט דער פאָלקס־אַרטיסט פון פססר גריגאָרי ראָשאַל באַזונדערס אונטערגעשטראָכן די אוניווערסאַלקײַט פון אָט דעם אויסגעצייכנטן מײַסטער, דעם פאַרדינסטפולן קונסט־טוער פון רספסר. זײַענדיק באַקאַנט דעריקער אַלס באַדײַטנדיקער סקולפּטאָר, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אויך ווי אַ מײַסטער אין דער גראַפיק און אין דער אַרכיטעקטור, ער איז געווען טעטיק אַלס טעאַטראַלער מאָלער און אויך אין געביט פון דעקאָראַטיווער קונסט. און אָנגעהויבן האָט ער אַלס קינסטלער פון וויטראַזשן. דאָס איז געווען אין די יאָרן 1911 — 1912.

אַ זון פון אַ שנײַדער, איז אים גאָר ניט לײַכט געווען צו פאַרווירקלעכן זײַן טרוים צו באַקומען ספּעציעלע בילדונג. ער האָט אָנגעהויבן אַלס געזעל אין אַ גראַוויר־וואַרשטאַט. אַנטשיידנדיק פאַר זײַן ווײַטערדיקן גורל איז געווען די באַקאַנטשאַפט מיטן קינסטלער נאָכעם אַראָנסאָן, ווען ס׳האָט זיך אײַנגעגעבן אויסצופאָדערן פאַר אים אַ סטיפּענדיע.

פון 1910 ביז 1914 שטודירט י. טשײַקאָוו אין פּאַריזש. ער באַזוכט פריִער די הויכשול פאַר דעקאָראַטיווער קונסט און שפּעטער די הויכשול פאַר מאָלערײַ. שוין אין 1912 שטעלט ער אַרויס זײַנע אַרבעטן צוזאַמען מיט אַ גרופּע רוסישע מאָלער אין פּאַריזש.

טשײַקאָווס עסקיזן צו וויטראַזשן אָף ביבלישע טעמעס האָבן אַרויסגערופן באַם פּאַריזשער צושויער אַ לעבהאַפטן אינטערעס. עס איז ניט קיין צופעליקײַט, וואָס טשײַקאָוו, וועלכער האָט שוין אין דער קינדהײַט דורך זײַן זיידן, אַ קיִעווער „סויפער", זיך באַקאַנט מיט דער אַלטערטימלעכער ייִדישער פאָלקס־קולטור, האָט זײַנע ערשטע טריט אין דער קונסט געמאַכט אין געביט פון וויטראַזשן. דער דאָזיקער זשאַנער איז אויפגעקומען נאָך אין מיטלאַלטער. די ייִדישע רעליגיע האָט, ווי באַוווּסט, פאַרבאָטן דאָס פּלאַסטישע שאַפן, ניט דערלאָזט, אַלפי דין, קיין שום סטאַטועס און בילדער („אל תעשה לך פסל"), האָט דעריבער די פאָלקס־פאַנטאַזיע געקענט געפינען איר אָנווענדונג אין די אָרנאַמענטן צו אַלטערטימלעכע מאַנוסקריפּטן און ספאָרים, צו כפייצים פון רעליגיעזן קולט און בונט־קאָלירטע וויטראַזשן, מיט וועלכע מע האָט באַצירט די באָטעמעדראָשים. שוין דאָ, אין זײַנע ערשטע אַרבעטן, מײַדט טשײַקאָוו אויס סטיליזאַציע פונעם אַלטערטימלעכן נוסעך. אויסנוצנדיק נאַציאָנאַלע מאָטיוון פון דער אַלטער פאָלקס־קונסט, שאַפט טשײַקאָוו סימבאָלישע פילאָסאָפיש־פאַרטיפטע געשטאַלטן אין גײַסט פון דער שילדערונגס־קונסט פונעם 20־טן יה.

אין פּאַריזש האָט טשײַקאָוו, ווי די אַנדערע פון רוסלאַנד געקומענע קינסטלער, אַזוינע ווי שאַגאַל, סוטין, שטערנבערג, געלעבט אינעם רוישיקן „בינשטאָק" („לאַ רוש"). ער נעמט אָנטייל אין אַרויס־

געבן דעם „היימישן" לאַ־רושער זשורנאַל „מחמדים". דער זשורנאַל האָט אנטהאַלטן פאָטאָ־רעפּראָדוקציעס, אָנגעקלעפּטע אָף קאָלירט פּאַפּיר. אין די דיסקוסיע־אַרטיקלען זײַנען באַהאַנדלט געוואָרן פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלער אייגנאַרט אין דער קונסט. די יונגע קונסט־טעאָרעטיקער האָבן, באַזירנדיק זיך אָף די אַרויסזאָגונגען פונעם באַוווּסטן רוסישן קונסט־קרי־טיקער וו. סטאַסאָוו, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן אַ טיפן אינטערעס צום ייִדישן פאָלקלאָר, זיך פאַר־נומען מיט דער פּראָבלעם פון שעפעריש אויסנוצן די קינסטלערישע טראַדיציע פון די אומבאַקאַנטע אַל־טערטימלעכע פאָלקס־שעפער אין דער קונסט פונעם 20־טן יה. דער ציקל גראַפישע בויגנס צו „שיר־השירים", וועלכן טשײַקאָוו האָט דאַן פאַרטראַכט, איז פולשטענדיק אויסגעהאַלטן אין גײַסט פון די זוכענישן אין דער פּלאַסטישער קונסט פון יענע יאָרן. דער קינסטלער גיט דאָ אָפּ דעם געהעריקן גאָב דער שילדערונגס־טראַדיציע פון די אַלטע מאַנוס־קריפּטן. דעם טעקסט האָט געשריבן אַ סויפער, די אילוסטראַציעס זײַנען אײַנגעקראַפּלט אינעם בויגן פונקט אַזוי ווי די „בילדלעך" אין די רײַך־באַפּוצטע ראַשעטייוועס, וואָס אין די פאַרצײַטיקע ספרים און מאַנוסקריפּטן. באַנוצנדיק זיך מיט דעם דאָזיקן קאָמ־פּאָזיציע־פּרינציפּ, באַטאָנט דער קינסטלער זײַן פאַר־בונדנקײַט מיט דער מעסוירע פון די מיטלאַלטער־לעכע מײַסטערס. די לייזונג איז אָבער לעגאַמרע אַ הײַנטצײַטיקע, די אילוסטראַציעס זײַנען געגעבן אין גײַסט פון דערהויבענער סימבאָליק. ס'איז אַן אייגנ־אַרטיק „גראַפיש געזאַנג" וועגן ליבע. אינעם דאָ־זיקן פּרײַזקן ווערק דערשײַנט טשײַקאָוו אַלס איינער פון די יאָרשים פון דער נאַציאָנאַלער קולטור און גלײַכצײַטיק אַלס קינסטלער פון זײַן צײַט.

אין זײַנע ערשטע סקולפּטורישע אַרבעטן זוכט טשײַקאָוו, ווי די אַנדערע יונגע ייִדישע סקולפּטאָרן פון „לאַ רוש" (צאַדקין, שוואַרץ אאַ.), דעם נאַציאָ־נאַל־ייִדישן סטיל. אין אירע זוכענישן איז די דאָזיקע גרופּע קינסטלער געווען פאַרכאַפּט מיט דער טראַ־דיציע פון דער אַלט־מיזרעכדיקער סקולפּטור. צום גליק האָט טשײַקאָוו אויסגעמיטן סטיליזאַציע און די־רעקטע אַנטלײַונג פון די דאָזיקע קוואַלן. עמעס, זײַן ווערק „מיריאַם" (1913) איז אין אַ באַשטימטער מאָס אָנגעוויזט פון די רעליעפן פונעם אוראַלטן עגיפּטן. אָבער דאָ איז קיין שפּור ניט פאַרבליבן פון דער אַרכאַישער סטאַטישקײַט. די קאָמפּאָזיציע איז דורכ־געדרונגען מיט אַ דינאַמישן ריטם, ווי דער קינסט־לער וואָלט אָפּגעשטעלט אָף אַן אויגנבליק דעם עק־סטאַטישן טאַנץ פון דער ביבלישער מיריאַם האַנעוויאָ. טשײַקאָוו „רײַסט אויף" דעם טראַדיציאָנעלן שטיל־שטאַנד פונעם רעליעף, עס דאַכט זיך, דו שפּירסט דעם ריטם און די מוזיק פונעם טאַנץ, אַזוי אויס־דריקלעך איז די פּלאַסטיק פון די בייגעוודיקע פרויען־קערפּערס.

אָף ביבלישע מאָטיוון איז באַזירט אויך אַ צווייטע אַרבעט פונעם פּאַריזשער פּעריאָד, די סקולפּטור „יהודית".

צו פאַראַלגעמיינערונג דערהייבט זיך דער קינסט־לער אין זײַן סקולפּטור „דער קאָפּ פון אַ ייִדן" (1913). דאָס דאָזיקע געשטאַלט פאַרקערפּערט די טרוימען פונעם פאָלק וועגן אַ בעסערער צוקונפט.

וועגן דער צוקונפט האָט געטרוימט אַליין דער קינסטלער. און ס'איז קיין וווּנדער ניט, וואָס גלײַך נאָך דעם אָקטיאַבער־ניצאָכן האָט טשײַקאָוו אַלע זײַ־נע קויכעס אָפּגעגעבן דער בויונג פון דער נײַער קולטור פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

נאָך זײַן דעמאָביליזאַציע פון דער אַרמײ טרעפן מיר טשײַקאָוון אין קיִעוו. דאָ האָט ער זיך צוזאַמען מיט אַנדערע מאָלער און סקולפּטאָרן מיט גרויס ענטוזיאַזם אַרײַנגעטאָן אין דער קינסטלערי־שער אויספורעמונג פון די ערשטע סאָוועטישע יאָמ־טויווים, אין דער פאַרווירקלעכונג פון לענינס באַ־רימטן פּלאַן פון מאָנומענטאַלער פּראָפּאַגאַנדע. ער האָט געשאַפן די דענקמעלער פון קאַרל מאַרקסן און קאַרל ליבקנעכטן, וואָס זייער דערעפענונג איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַן עכטן פאָלקס־יאָמטעוו.

אין קיִעוו ווערט פאַרווירקלעכט טשײַקאָווס טרוים וועגן מאָדערנער נאַציאָנאַלער גראַפיק. ער נעמט אָנטייל אין די אויסגאַבן פון דער „קולטור־ליגע". איינער פון די וויכטיקסטע אויפטוען פון דער „קול־טור־ליגע" איז געווען דאָס אַרויסגעבן ייִדישע ביכער פאַר קינדער. פיל פון די דאָזיקע קינדער־ביכער האָט אילוסטרירט טשײַקאָוו. אין געשטאַלטן, וואָס זײַנען געווען נאָענט דער קינדערישער אויפפאַסונג, האָט ער איבערגעגעבן דעם ברייטן, גוטמוטיקן שמייכל פון לייב קוויטקאָ, דעם אַראָמאַט פון זײַן פאָלקסטימלע־כער, מיט אַ פײַנעם הומאָר באַהויכטער דיכטונג פאַר קינדער („לעמל נאַשער" און אַנדערע). אויך מענ־דעלעס ווערק פאַר קינדער „דאָס קעלבל" האָט טשײַ־קאָוו באַגלייט מיט בילדער, וועלכע זײַנען אין אוני־סאָן מיט דעם שרײַבערס פאַרטראַכט. דער קינסטלער האָט דאָ אין דער גראַפיק אויסגענוצט די לעבעדיקע אינטאָנאַציעס פונעם שטעטלדיקן שטייגער. דערבײַ האָט ער אַרויסגעוויזן פײַנעם פאַרשטאַנד פאַר די געזעצן פון דער ביכער־גראַפיק. די הילע, די ווי־ניעטקעס, די אָנהייב־ און שלוס־צייכענונגען שטעלן מיט זיך פאָר איין גאַנצעס. אין דער אַלגעמיינער מאָדערנער טאָנאַלקײַט פון די אילוסטראַציעס פלעכטן זיך אַרײַן גראַפישע עלעמענטן פון דער טראַדיציאָנעלער ייִדישער אָרנאַמענטיק. טרעפלעך ווערט אויסגענוצט גופע דער שריפט, וועלכער האָט מיקאַדמונים געשפּילט אַ זעלבשטענדיקע גראַפישע ראָל אינעם ייִדישן בוך.

אינטערעסאַנט זײַנען די אילוסטראַציעס צו דער זאַמלונג „לידער פאַר קלײנע קינדער". אין די בילד־דער לעבן אויף די פּערסאָנאַזשן פון די קינדער־לי־דער: די קאָמישע שרעטעלעך, דער פעטער שנייער, די לעמעלעך מיט מענטשלעכע אויגן, די ציגעלעך, אָן וועלכע עס איז זיך ניט באַגאַנגען דאָס ייִדישע שטובּיקע שטייגער־געמעל. טשײַקאָוו האָט אילו־סטרירט אויך די אין ייִדיש איבערגעזעצטע מײַסעלעך פון האַנס אַנדערסען.

די „קאָסמישע באַפאַרבונג" פון פּערעץ מאַרקישעס „שוועלן" האָט באַדינגט דעם גײַסט פון טשײַקאָווס אילוסטראַציעס צום דאָזיקן בוך (קיִעוו, 1919). אָף דער הילע זעען מיר, ווי הויך איבער דער ערד, עפּעס אין אַ מין אַבסטראַקטן רוים, שווימט אויף אַן אַנט־בלויזטע מענטשלעכע פיגור. די דינאַמישע שטריכן־צייכענונג, די געבראָכענע ליניעס און פלאַכן שאַפן די טאָנאַלקײַט פון „שטורעם", וואָס שפּיגלט אָף דעם

דראַמאַטיזם פון די רעוואָליוציאָנערע אופשטערונגען. אין די „אָנהייב"־ און שלוס־געמעלן צו יעדן לידער־ציקל ווערן פאַרקערפּערט די פאַראַלגעמײַנערטע געשטאַלטן פון מאַרקישעס דיכטונג, אין וועלכער ס'איז דערהויבן דער מענטש, זײַן אָרגאַנישע געבונדנקײַט מיט דער נאַטור. די ליבע־ליריק פונעם דיכטער מיט דעם כאַראַקטעריסטישן פאַר איר געשטאַלט פון דער „אַבסטראַקטער" געליבטער, וועלכע איז באַשאָנקען מיט א ניט־ערדישער שײנקײַט, באַקומט אין דער גראַפיק צום בוך א לײזונג, וועלכע איז ענגלעך צו דער, וואָס אין די אילוסטראַציעס צו „שיר־השירים".

און אָט זײַנען טשײַקאָווס אילוסטראַציעס צו מאַרקישעס פּאָעמע „די קופּע". גרויליקע פּאָגראָם־בילדער. וועגן זיי איז אומעגלעך צו ריידן מיט א רויק געמיט. טשײַקאָוו שאַפט ניט קיין אַבסטראַקטע סימבאָלן. דאָס זײַנען מאַמאַשעסדיקע פראַגמענטן פונעם געשעענעם, אָנגעהויפנט אײנס אַפן צווייטן אין די ראַמען פון איין אײנציקן בויגן. צווישן מענגעס מענטשן, וואָס טראָגן זיך אַרום אין פּאַניק, וואַרפן זיך דורך קוואָרים־מאַציייווס. צווישן ברוכשטיקער פון אומגעפאַלענע זעען זיך אַרויס אָפּגעריסענע סידורים־בלעטלעך. הויפנס טויטע קערפּער, און דערנעבן — סטיכיישע מיטינגען פון לעבעדיקע. די כאַאָטישע שילדערונג אַנטשפּרעכט דעם גרונט־טאָן פון דער פּאָעמע.

טשײַקאָווס גראַפיק צו די אויסגאַבן פון דער „קולטור־ליגע" איז א וויכטיקער עטאַפּ אין זײַן שעפערישער ביאָגראַפיע. אַף די דאָזיקע העכסט באַשיידענע לויט זייער אויסערלעכן אויסזען ביכעלעך, וועלכע זײַנען געווען געדרוקט אַף שלעכט פּאַפּיר, ליגט דער שטעמפּל פון די אומפאַרגעסלעכע רעוואָליוציע־יאָרן, ווען טשײַקאָוו, פּונקט ווי ליסיצקי אָדער שאַגאַל, האָבן זיך געפילט אַלס קריגער אַפן קולטור־פראָנט.

אין טשײַקאָווס גראַפישן „אויטאָפּאָרטרעט" (1919), וועלכער איז עטוואָס פוטוריסטיש לויט זײַן פאָרם, לאָזן זיך הערן די שטורמישע ריטמען פון יענער צײַט. אין זיי פילט זיך דער ענטוזיאַזם פונעם יונגן בויער פון דער נײַער וועלט. אינעם זעלבן יאָר האָט טשײַקאָוו אָנגעמאָלט דעם פּאָרטרעט פון זײַן קאָלעגע לויט דעם „מאָלערישן צעך" ע. ליסיצקין. דער מאָלער איז געוויזן אין פּראָצעס פון שעפערישער אַרבעט. טשײַקאָוו מײַדט אויס אויסערלעכע אימפּאָזאַנטקײַט. אַלע קינסטלערישע מיטלען דינען איין ציל: איבערגעבן די הערלעכקײַט פון וואָכעדיקער, טאָגטעגלעכער שווערער שעפערישער מי.

אינעם סקולפּטורישן פּאָרטרעט פון א צווייטן קינסטלער, דעם „קאָמיסאַר איבער קונסט" אין וויטעבסק מאַרק שאַגאַלן (1922) לעבט אוף דאָס געשטאַלט פונעם גרויסן טרוימער מיט דעם גוטמוטיקן שמייכל פון א אייביק קינד אַף די ליפּן. אין דעם דאָזיקן



מאַרק שאַגאַל (רעכטס) און יוסף טשײַקאָוו
אין דער טרעטיאַקאָווער גאַלעריי. מאָסקווע, 1973.

פּאָרטרעט האָט זיך אַרויסגעוויזן איינע פון טשײַקאָווס כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן — דאָס דענקען סקולפּטוריש.

טשײַקאָוו האָט פאַר 60 יאָר שעפערישער טעטיקײַט געשאַפן א ביז גאָר רײַכע פּאָרטרעטן־גאַלעריי: די מאָלער פאַוואָרסקי (האָלץ, 1928) און איסטאָמין (גיפּס, 1936); די דיכטער מאַיאַקאָווסקי (גראַניט, 1940) און קוויטקאָ (בראָנז, 1943); די קאָמפּאָזיטאָרן קריין (צעמענט, 1926) און כאַטשאַטוריאַן (בראָנז, 1972); די שרײַבער בערגעלסאָן (גיפּס, 1940); פּאָלעוואָי (האָלץ, 1971); טשוקאָווסקי (מראַמאָר, 1964); דער אַרטיסט מיכאָעלס (גיפּס, 1926) און פיל אַנדערע. די דאָזיקע געשטאַלטן צייכענען זיך אַלע אויס מיט דער קראַפט פון אינטעלעקט, מיט זייער גײַסטיקער שײנקײַט.

אינעם פּאָרטרעט פון דאָוויד בערגעלסאָן האָט דער קינסטלער בעקיוון אויסגעוויילט דעם גאָרעליעף, אַזוי אַז אַליין די טעכניק שליסט אויס ווייכע אָוואַל־ליניעס, באַשטימט פאָרויס די ווינקלדיקײַט. דער האַרטער דינאַמישער פּראָפיל, די אומרויקע פאַקטור פונעם גאָרעליעף, ווי זי וואָלט געווען געמאַכט מיט דער הילף פון א פּענדזל, דעקן אוף די ניט־געוויינלעכע אימפּולסיווקײַט פון דעם שרײַבערס נאַטור.

אין דעם קוויטקאָ־פּאָרטרעט איז טשײַקאָוו געלונגען גוווער צו זײַן די האַרבקײַט פונעם מאַטעריאַל (בראָנז) און דערגרייכן א ווייכע פּלאַסטישקײַט פון די פאָרמען. דערמיט ווערט באַטאָנט קוויטקאָס לי־

ריזם און פֿאָלקס־הומאָר, די ברייטקייט און אָפֿנהאַרציקייט פֿון זײַן נאַטור.

אַף וויפֿל טשײַקאָוו פֿילט דעם מאַטעריאַל, וואָס זײַן ווידערשטאַנד קומט אים אויס צו באַזיגן, איז צו זען פֿון דער גרויסער סעריע מאַיאַקאָווסקי־פּאָרטרעטן, וועלכע זײַנען געמאַכט פֿון מירמלשטיין, גראַניט, בראָנז, גיפּס. אין אַלע פּאָרטרעט־וואַריאַנטן ווערן די מאַטעריאַלן מאַמעש אָנגעגאָסן מיט בלוט און זיי הייבן אָן לעבן. אומעטום שטייט אויף פֿאַר אונדז דער לעבעדיקער, לײַדנשאַפֿטלעכער מאַיאַקאָווסקי, דער באַגײַסטערטער טריבון פֿון דער רעוואָלוציע.

טשײַקאָוו פֿאַרמאָגט אַ טיפֿן כוש פֿאַר דער מוזיק פֿון דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע און אַ זעלטענע פֿײַיקייט זי צו דערטראָגן צום צושויער. דאָס לאָזט זיך אין אַ גלײַכער מאָס פֿילן אין אַזאַ שעדעוור, ווי די סטאַטועטקע „דער טראָמפּייטער" (1927), און אין דעם גראַנדיעזן און דרייסטן פּאָרטראַכט — דעם זיבנמעטערדיקן „אָקטיאַבער־טורעם" (1927).

אַ פּלאַסטישער דאָקומענט פֿון דער עפּאָכע איז דער רעליעף „ייִדן אַף ערד" (קאָלירטער בעטאָן, 1929), אַף וועלכן עס איז צום ערשטן מאָל (אין דער סקולפּטור) פֿאַרפֿיקסירט געוואָרן די ייִדישע ערד־אײַנאָרדענונג אַף די קרימער און כערסאָנער פֿעלדער.

צוזאַמען מיט די דינאַמישע ריטמען פֿון די 20־ער יאָרן איז אינעם שאַפֿן פֿונעם סקולפּטאָר אָרגאַניש אַרײַן די ספּאָרט־טעמע, וועלכע ער טראַקטירט ווי דער אַפּאָטעאָז פֿון מענטשלעכער פֿיזישער און גײַסטיקער שיינקייט און קראַפֿט. די ספּאָרט־מאָטיוון זײַנען פֿאַרשיידנאַרטיק און גייען דורך ווי אַ רויטער פֿאָדעם דורך אַלע עטאַפּן פֿון טשײַקאָווס שאַפֿן. ניט אומזיסט האָבן די סאָוועטישע ספּאָרטלײַט באַלוינט דעם סקולפּטאָר מיט דער אָלימפּישער מעדאַל און אים אויסגעוויילט אַלס ערן־מיטגליד פֿון דער אָלימפּישער ספּאָרטיווער קאָמאַנדע.

אין די ספּאָרט־סקולפּטורן געלינגט טשײַקאָוון מײַסטעריש איבערצוגעבן די עמפּפֿינדונג פֿון באַוועגונג, פֿון שווונג. ער קלײַבט אויס באַזונדערס שאַרפֿע מאָמענטן, „שטעלט אָפּ דעם אויגנבליק", אַזוי אַז דעם צושויער דאַכט זיך, פּונקט ווי די באַוועגונג ווערט פֿאָרגעזעצט.

אַזאַ ווערק איז, צום בײַשפּיל, די סקולפּטור־גרופּע „פֿוטבאָליסטן" (1937), וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג אַף דער צווישנפֿעלקערלעכער אויסשטעלונג אין ניו־יאָרק (די דאָזיקע קאָמפּאָזיציע שטייט איצט אין הויף פֿון דער טרעטיאַקאָווער גאַלעריי). עס איבעראַשט די מײַסטערשאַפֿט פֿונעם סקולפּטאָר, ווען ס'האָט זיך אײַנגעגעבן אויסקשטעלן די גרופּע פֿוטבאָליסטן אַף איין־איינציקן שטיצפּונקט. די דינאַמיק איז דאָ דערפֿירט צו איר העכסטער מאַדרייגע. צוויי ספּאָרט־לײַט זײַנען פֿאַרפֿיקסירט אין מאָמענט פֿון אַ האַסטיקן שפּרונג. עס דאַכט זיך, אַז איינער פֿון זיי וועט אָט־אָט פֿאַלן, דער צווייטער שוועבט קימאַט אינדערלופֿטן. לויט דער טעכנישער און פּלאַסטישער שליימעס געהערט דאָס ווערק צו די בעסטע דערגרייכונגען אין דער סקולפּטור.

טשײַקאָווס סקולפּטורישע אַרבעטן זײַנען זייער פֿאַרשיידנאַרטיק. צוגלײַך מיט באַגײַסטערטע געזאַנגען דער מענטשלעכער אַרבעט, דער שיינקייט פֿונעם מענטשלעכן קערפּער, באַזונדערס פֿון דעם פֿרויִשן („דאָס מיידל מיטן מעדאַליאָן", „באַם שפּיגל"), טרעפֿן מיר בײַ אים ווערק, וואָס זײַנען פֿול מיט טיפֿן דראַמאַטיזם, מיט גרויסער דעמאַסקירנדיקער קראַפֿט, אַזעלכע, ווי, צום בײַשפּיל, דער גאָרעליעף „אַ שאַנדע די פֿאַשיסטן" (האָלץ, 1947).

עס איז אומעגלעך אַרומצוכאַפּן אין אַ זשורנאַל־אַרטיקל אַלץ, וואָס דער קינסטלער האָט געשאַפֿן פֿאַר 60 יאָר. מיר האָבן זיך באַמיט צו באַלײַכטן אייניקע וויכטיקער באַקאַנטע זײַטלעך פֿון זײַן שעפֿערישער ביאָגראַפֿיע, דעריקער דעם פּעריאָד פֿון די ערשטע רעוואָלוציע־יאָרן. די שטורמישע אַטמאָספֿער פֿון יענער צײַט האָט דערמוטיקט יוסעף טשײַקאָוון צו אומדערמידלעכע זוכענישן און אויפֿטוען. אין דעם דאָזיקן אָנהייב שטעקט דער סאָד פֿון זײַן שעפֿערישער יונגקייט.

פֿרידע ראַסקין



פיר אומבאַוווּסטע בריוו פון י.־ל. גאָרדאָן צום באַראָן גינצבורג

וועגן דעם אויטאָר און זײַנע בריוו

יעהודע־לייב גאָרדאָן (געב. ווילנע, 1830) איז דער אָנגעזעענסטער העברעיִשער דיכטער פונעם XIX יה. אויסער העברעיִש האָט ער געלערנט רוסיש, דײַטש, פויליש, פראַנצויזיש און אַנדערע שפּראַכן. אייניקע פון זיי האָט ער באַהערשט אַף אַזויפיל, אַז אין אַט די שפּראַכן האָט ער געשריבן אַ טייל פון זײַנע ווערק. אָנהייבנדיק פון 1853, אַרבעט ער אין פאַרשיידענע שולן פון פּראָווינציִעלע שטעט: אין פּאָנעוויעזש (1853—1860), אין שאַוול (1860—1865), אין טעלז (1865—1872). אין 1872 האָט מען אים אײַנגעלאַדן קיין פּעטערבורג, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס סעקרעטאַר אין דער „געזעלשאַפט פאַר פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן די ייִדן אין רוסלאַנד"[1] און אויך אַלס סעקרעטאַר פון דער פּעטערבורגער ייִדישער קעהילע. אין 1879 יאָר איז ער אַרעסטירט געוואָרן און מע האָט אים פאַרשיקט קיין פּודאָזש, אָלאָנעצער גובערניע. אין מאָמענט פון אַרעסט האָבן די געהיים־אַגענטן פון דער אָכראַנקע צוגענומען בא אים אַלע זײַנע קסאָוויאַדן און בריוו, וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין דער היים. ווען זײַן טאָכטער נאַדיע (נעכאַמע) האָט אים באַזוכט אין דער פאַרשיקונג, האָט זי אים מיטגעטיילט, אַז צווישן די מאַטיוון, פאַרוואָס מע האָט אים אַרעסטירט, איז געווען אָנגעוויזן אויך, אַז ער האָט מאַטעריעל געשטיצט סטודענטן „בונטאָווטשיקעס".

דער אַרעסט איז געווען אַ גורלדיקער ווענדפּונקט אינעם לעבן פון דעם דיכטער. ביזן אַרעסט האָט י.־ל. גאָרדאָן זיך געפונען אין העכסטן אויפשטײַג פון זײַן שאַפן. אין זײַנע ווערק מערקט זיך די האַשפּאָע פון די גרויסע רוסישע סאַטיריקער גאָגאָל, נעקראַסאָוו און סאַלטיקאָוו־שטשעדרין. ער האָט אָנגעשריבן דאַן זײַן בעסטע פּאָעמע „וועגן אַ פּינטעלע" (על קוצו — ריכטיקער וואָלט געווען: קוצה — של יוד). אָפּט האָט ער געדרוקט העברעיִשע לידער, געשריבן גלענצנדיקע אַרטיקלען אין העברעיִש, און הויפּטזעכלעך אין רוסיש, וועלכע זײַנען געלייענט געוואָרן דורך אַ ברייטן עולם.

דעם צווייטן סענטיאַבער 1879 איז י.־ל. גאָרדאָן צוריקגעקומען קיין פּעטערבורג. ער האָט אָבער פאַרלאָרן ביידע פריִערדיקע שטעלעס, געלעבט אין נויט, אַרײַנגעפאַלן אין פּעסימיזם און געקלאָגט זיך, אַז די מוזע איז פון אים אוועק (סילוק שכינה). זײַן מאַטעריעלע לאַגע האָט זיך געביטן צײַטווײַליק צום גוטן, ווען ער איז געוואָרן געהילפס־רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „האַמייליץ" (המליץ)"[2] אין די יאָרן 1880—1883.

אין 1881 האָבן די שעצער פון י.־ל. גאָרדאָנס טאַלאַנט אין פּעטערבורג און אין דער פּראָווינץ, אין צוזאַמענהאַנג מיטן 25־יאָריקן יוביל פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט, צונויפגעזאַמלט 50.000 רובל און אַרויסגעלאָזט פיר בענדער פונעם דיכטערס שאַפונג (כל שירי י.־ל. גורדון, 1884).

אין 1892 י. איז גאָרדאָן געשטאָרבן פון אַ ראַק. קיין שום שרײַבער פון דער האַסקאָלע האָט אַזוי ניט געווירקט אַף ביאַליקן און מענדעלען, ווי י.־ל. גאָרדאָן. דאָס האָט אָנערקענט ביאַליק.

מע מוז אָבער גלײַך אונטערשטרײַכן, אַז י.־ל. גאָרדאָנס פּראָגראַם־לאָזונג: „זײַ אַ מענטש אין גאַס, און אַ ייִד אין דער היים" (היה אדם בצאתך ויהודי באהלך)", וועלכן ער האָט פּראַקלאַמירט אין זײַן ליד „דערוואַך, מײַן פאָלק!" („הקיצה, עמי"), און זײַנע סערווילִיסטישע בא־

ציונג צום צאריזם האָבן ארויסגערופן אין דער ליטעראטור א פארביטערונג און א פרינציפּיע־לע קעגנערשאפט קעגן אים.

י.־ל. גאָרדאָן האָט וויינִיק געשריבן אין יידיש. ס'איז פאראן בלויז איין זאמלונג פון זײַנע לידער, וואס ער האָט בעקיוון איינפאך אָנגערופן „שיחת חולין (וואָכעדיקער שמועס — ל.וו.) ליעדער אין דער פאָלקספּראכע". די זאמלונג האָט אויסגעהאלטן פיר אויסגאבעס. אייניקע פון זײַנע העברעיִשע ווערק זײַנען איבערזעצט אין יידיש. שאָלעם־אליכעם, וואס איז געווען גאָרדאָנס א גרויסער פארערער און האָט זיך באציגן צו אים ווי צו א לערער, האָט איבער־געזעצט און אָפּגעדרוקט י.־ל. גאָרדאָנס ליד „אחותי רוחמה" אין יידיש, אין דער „פאָלקסבלאט" פארן 1884[3].

אין פראט פון בריוו שרײַבן קאָן מען פארגלײַכן י.־ל. גאָרדאָנען צו שאָלעם־אליכעמען. זיי האָבן ביידע ליב געהאט אין בריוו אויסגיסן דאָס הארץ, אין קעגנזאץ צו מענדעלען און פּערעצן, וועלכע זײַנען געווען אין דעם פראט אײַנגעהאלטן. גאָרדאָן האָט אָפט געשריבן צו זײַנע פילצאָליקע אדרעסאטן. שוין גלײַך נאָך זײַן טויט האָט י.־י. ווײַסענבערג צונויפגעזאמלט און פארעפנטלעכט אין צוויי בענדער 563 בריוו, וועלכע האָבן, לויט דער אלגעמיינער אָפּ־שאצונג פון דער ליטעראטור־קריטיק, א גרויסן קולטור־היסטאָרישן ווערט.

י.־ל. גאָרדאָנס פיר בריוו, וואס ווערן דאָ פובליקירט צום ערשטן מאָל, וועלן זיכער געפי־נען א געהעריקן אָפּקלאנג אין דער פאָרשונג, אף וויפל זיי באווײַזן, פון איין זײַט, דעם הויכן טאלאנט, און, פון דער צווייטער זײַט, די שווערע לאגע, אין וועלכער עס האָט געלעבט און געשאפן דער בארימטער העברעיִשער דיכטער פונעם XIX יה.

א פּאָר ווערטער וועגן די אדרעסאטן פון די בריוו און וועגן דער דאטירונג פונעם פערטן בריוו.

בלויז אף דעם דריטן בריוו איז אָנגעוויזן דער אדרעסאט — באראָן דאוויד גאָראציעוויטש גינצבורג (1857—1910). ווער עס זײַנען די אדרעסאטן פון די איבעריקע דרײַ בריוו, קאָן מען בלויז ארויסזאָגן א השערה. דער ערשטער און פערטער בריוו געהערן אוודאי דעם זעלבן אדרעסאט. בלויז דער צווייטער איז, קאָן זײַן, אדרעסירט דעם באראָן האראץ אָסיפּאָוויטש גינצבורג (1833—1909), דאווידס פאָטער.

אין וועלכן יאָר עס איז געשריבן דער פערטער בריוו איז שווער צו באשטימען. אלנפאלס, געהערט ער אויך צום לעצטן פעטערבורגער פעריאָד פון י.־ל. גאָרדאָן, דה. צו דער צײַט נאָך זײַן אומקערן זיך פון פארשיקונג. גענויער קאָן אונדז דערנעענטערן צו לייזן די פראגע א בריוו, וואס איז אינטערעסאנט אין פיל הינזיכטן און וואס געפינט זיך אויך אין גינצבורגס ארכיוו. דעם בריוו האָט געשריבן אין העברעיִש פון פעטערבורג אוראָם גינצבורג צו זײַן ברודער דעם באראָן דאוויד גינצבורג קיין טיפליס. דער בריוו איז דאטירט דעם 11־טן טיש־רע 642(5) (דה., דינסטיק, דעם 22 סענטיאבער [4 אָקטיאבער] 1881 יאָר). דאָ זײַנען פאראן עטלעכע פראזעס, וואס זײַנען נעגייע י.־ל. גאָרדאָנען. מיר וועלן ברענגען בלויז צוויי פון זיי, וועלכע האָבן א דירעקטע שײַכעס צו זײַן לעבן און שאפן. „היינט האב איך זיך אָנגעהויבן לערנען העברעיִש בא אונדזער לערער (מוהר"ר) גאָרדאָן. — הייבט אָן אוראָם גינצבורג זײַן בריוו. — מיר האָבן געלייענט דאָס ערשטע קאפּיטל פונעם בוך קויהעלעס... ער (דה. גאָר־דאָן — ל. וו.) האָט מיר געזאָגט, אז ער האָט איבערגעזעצט דאָס בוך אייכאָ אף רוסיש (ויאמר אלי כי הוא תרגם את מגלת איכה בלשון הרוסי)".

די בריוו פון י.־ל. גאָרדאָן, וועלכע מיר פובליקירן דאָ, ווי אויך די געבראכטע אויסצוגן פון אוראָם גינצבורגס בריוו, גיבן א נײַעם ביז אהער אומבאוווּסטן שטאָף פאר דער ליטע־ראטור־געשיכטע, ווי אויך אייניקע נײַע מאטעריאלן צו דער ביאָגראפיע פונעם דיכטער. אוי־סער זײַן אָנטייל אין דער איבערזעצונג פון דעם כומעש, האָט י.־ל. גאָרדאָן אליין איבערגע־זעצט אנדערע ביכער פון דער ביבל. אין צווייטן פעריאָד פון זײַן לעבן אין פעטערבורג איז ער געצוווּנגען געווען צו פארנעמען זיך מיט פריוואטער אונטעריכט. אָט די ידיעס זײַנען ביז איצט ניט באוווּסט. וועגן דעם איז גאָרניט געזאָגט געוואָרן אפילע אין די וואָגיקע ארבעטן פון פ. לאכאָווער[4], י. קלויזנער[5] און אנדערע.

ל. ווילסקער,
קאנדידאט פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן

באמערקונגען

[1] די „געזעלשאפט פאר פארשפּרייטן בילדונג צווישן די יידן אין רוסלאנד" («Общество для распространения просвещения среди евреев России») איז געגרינדעט געוואָרן אין 1863 אין פעטערבורג לויט דער איניציאטיוו פון י. ג. גינצבורג און א. מ. בראָדסקי. די פילאנטראָפּישע געזעלשאפט האָט געהאָלפן נויטבאדערפטיקע סטודענטן, אין איר האָט גענומען אן אקטיוון אָנטייל די באראָנען־מישפּאָכע גינצבורג.

[2] „המליץ". א העברעיִשע וואָכנשריפט אין די יאָרן 1855—1860, אָנהייבנדיק פון 1886 — א טעג־לעכע צײַטונג. „המליץ" האָט אין די יאָרן 1862—1871 געהאט א בײַלאגע אויך אין יידיש „קאָל מע־וואסער" (קול מבשר).

[3] זע „דאָס שלום־עליכם בוך", ניו־יאָרק, 2־טע אויפל. 1958, ז. 318.

[4] להובר פ. תולדות הספרות העברית החדשה (די געשיכטע פון דער נייער העברעיִשער ליטעראַטור), תל־אביב, 1944, קאַפּיטל 22, ז. 285.

[5] קלוזנר, י. היסטוריה של הספרות העברית החדשה (קאָנספּעקט פון דער געשיכטע פון דער נייער העברעיִשער ליטעראַטור), ירושלים, 1954, קאַפּיטל 27, ז. 94—135.

די בריוו פון י.־ל. גאָרדאָן*

מײַן כּאָשעווער האַר!

די דרײַ הונדערט רובל האָב איך באַקומען און אַרײַנגעלייגט זיי אין דער סטודענטן־קאַסע פון אוניווערסיטעט, אין וועלכער עס געפינט זיך איצט אַנערעך טויזנט רובל. און זײַט וויסן, מײַן האַר, אַז האַיאָר זײַנען פאַראַן ווייניק סטודענטן אין אוניווערסיטעט, וואָס ווענדן זיך נאָך הילף צו דער קאַסע. נאָר צוויי פון זיי האָבן דעם כוידעש באַקומען הילף. דאַקעגן זײַנען פאַראַן פיל אָרעמע סטודענטן אין אַנדערע לערן־אַנשטאַלטן: אין מעדיציניש אינסטיטוט באַקומען מאַטעריעלע הילף אַנערעך פינף און צוואַנציק סטודענטן. און ווײַל זייער קאַסע איז אָרעם און ליידיק, גיט מען זיי זייער ווייניק — פון פיר ביז זעקס רובל אַ כוידעש. עס זײַנען פאַראַן פיל אָרעמע סטודענטן אויך אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט און אין באַרג־אינסטיטוט, און זייער קאַסע איז אויך אַ מאָגערע. דערפאַר האָט דער קאָמיטעט אָנגענומען אַ באַשלוס צו געבן האַיאָר די סטודענטן פון אוניווערסיטעט נאָר אַ העלפט פון דער סומע, וואָס ער פלעגט געבן ביז איצט, און דאָס איבעריקע וועלן מיר געבן די סטודענטן פון אַנדערע הויכשולן. דערפאַר דאַרפט איר ניט איבערטראַכטן. טאָמער וועלן די אָנגעשטעלטע פון קאַסע מיסברויכן מיט די דרײַ הונדערט רובל, וועלכע אײַער זיידע, זאָל לעבן לאַנגע גוטע יאָר, האָט מענאַדעוו געווען לויט אײַער באַקאָשע, ווײַל צווישן די סטודענטן פון אוניווערסיטעט איז די צאָל נויטבאַדערפטיקע לעסאַטע ניט אַזוי גרויס. און ווען איר וואָלט געווען אַזוי גוט, וואָלט איר פאַרשפּרייט אײַער כעסעד אויך אַף די אָרעמע סטודענטן פון די אַנדערע אויבנדערמאָנטע לערן־אַנשטאַלטן, כאָטש זייער נויט איז עפּשער אײַך ניט אַף אַזויפיל באַוווּסט, נאָר זיי זײַנען אויך געבוירן אין גאָטס געשטאַלט און לײַדן די שאַנד פון הונגער.

מיט גרויס קאָוועד און הויכשעצונג

י.־ל. גאָרדאָן

דעם 28 פעווראַל (לויטן סטיל, וואָס איז דאָ בא אונדז אָנגענומען) 1877. ספּב.

(פּ.ס.) מײַן פאָטער (רופט מען) אָשער.

מײַן האַר באַראָן!

ווען איך האָב געהאַט דעם קאָוועד פּאָריקן פרײַטיק זיך זען מיט אײַך, האָט איר באַוויליקט מײַן באַקאָשע זיך מישטאַדל זײַן לעטויוועס מײַן איידעם (דאָקטאָר ריטענבערג), פאַר וועלכן איך זוך אַ שטעלע אין איינעם פון די היגע שפּיטאָלן. איר, מײַן האַר, האָט פאַר מיר ניט אַנטפּלעקט, מיט אַ וואָסער וועג קלײַבט איר זיך דערגרייכן דעם ציל. מײַן האַר איז פאַרנינפּטיק און ווייסט אַליין, וויאַזוי ער דאַרף זיך באַגיין. איך נעם זיך בלויז אָן מיט מוט דערמאָנען אײַך, אַז די זאַך איז דרינגענד און ניט אָפּלייגבאַר, ווײַל נאָך אין דער פאָריקער וואָך זײַנען פאַרבליבן בלויז צוויי וואַקאַנטע ערטער. און באַלאָנים זײַנען פאַראַן פיל.

זאָל מײַן האַר אויספילן פאַר מיר אָט דעם גרויסן כעסעד און טאָן לויט גאָטס גענאָד, און איך וועל אים דאַנקבאַר זײַן מײַן גאַנץ לעבן.

זײַן געטרײַער דינער

י.־ל. גאָרדאָן.

דעם 18־טן שוואַט, 642(5) יאָר**

מײַן טײַערער האַר!

איך האָב שוין געהאַט געווענדעט זיך צו אײַך מיט אַ באַקאָשע, און איר האָט מיר צוגעזאָגט צו שענקען פון אײַער געלט עפּעס דעם מעכאַבער פונעם בוך „יאַד לאַזאָהאָב (יד לזהב)". איך האָב אויך באַדייע צו שיקן פון דעם געלט, וואָס איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן בא מיר, דעם אַווטאָר פונעם בוך, וועלכער לעבט אין גרויסער נויט אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, ביכדיי ער זאָל קענען קריגן מאַצע אַף די פּייסעכדיקע טעג, וואָס קומען אָן.

איך האָב געהערט, אַז איר פאָרט אײַנגיכן אַוועק אין אַ ווײַטן וועג, און אַזויאַרום וועט דער מעכאַבער ניט האָבן די מעגלעכקייט צו פּראַווען דעם פּייסעך. בעכיין בעט איך אײַך מיר מויכל זײַן און ניט האָבן קיין פאַריבל, וואָס איך דערמאָן אײַך וועגן דעם.

פון מיר, אײַער דינער, שעצער און פאַרערער

י.־ל. גאָרדאָן

דעם 21 אָדער 645(5) יאָר***

מײַן טײַערער האַר!

נעכטן, נאָך דעם, ווי איך האָב זיך געזען מיט אײַער כּאָשעוון פאָטער, זאָל לעבן, האָב איך געוואָלט זיך זען אויך מיט אײַך, נאָר איך האָב אײַך ניט געפונען, און הײַנט האָב איך זיך פאַרקילט, עטוואָס קראַנק געוואָרן און קאָן ניט אַרויסגיין פון שטוב, דערפאַר דערלויבט מיר זיך ווענדן צו אײַך שריפטלעך און איבערגעבן אויך אײַך די זעלבע ביטע, וואָס איך האָב אויסגעדריקט אײַער פאָטער.

דרײַ יאָר איז פאָריבער פון דעם טאָג, זינט מע האָט מיך אײַנגעלאַדן לערנען די העברעיִשע ליטעראַטור און שפּראַך מיט אײַערע עלטערע ברידער.

מײַן געהאלט באקום איך לויט דער צאָל פון די לערנשאָען. שוין פון לעכאטכילעס אָן בין איך דערמיט ניט געווען צופרידן, ווײַל איבער דעם טראָגט מײַן ארבעט א צופעליקן כאראקטער, און מײַן פארנאָסע הענגט אין דער לופטן. און איצט, ווען ס'זײַנען שוין אריבער גוטע דרײַ יאָר, און אײַער ברודער אלפרעד, ווי ער האָט מיר געזאָגט, איז גרייט זיך לערנען נאָך א צוויי־דרײַ יאָר, און מיט דער צײַט וועלן אונטערוואקסן אויך אײַערע יינגערע ברידער, לעגאבע וועלכע איר וועט עפשער געפינען פאר בייטיק, זיי זאָלן אויך, ווען זיי וועלן עלטער ווערן, זיך לערנען בא מיר, האָב איך געוואגט בעטן בא אײַער פאָטער מיר באשטימען א געוויסן געהאלט, איך זאָל וויסן, וואָס עס שטייט מיר פאָר, און מײַן הארץ זאָל ניט דארפן שטענדיק זײַן אומרויִק: ווינטער — וואָס וועט זײַן זומער־צײַט, און זומער — וואָס וועט ברענגען דער ווינטער. מעגלעך, אז די הויצאָע וועט איבער דעם אין א געוויסער מאָס אויסוואקסן, נאָר איך בין פון מײַן זײַט גרייט אויספילן יעדע ארבעט, וואָס איר וועט אָף מיר ארופלייגן און וועלכע איך בין בעקויעך אויספילן, אויסער מעלאמדעס (לערנען העברעיִש). דערפאר בעט איך אײַך, מײַן כאָשעווער האר, איר זאָלט פאר מיר א גוט וואָרט זאָגן און איבעריידן לעטויוועס מיר מיט אײַער פאָטער, ער זאָל באפרידיקן מײַן באקאָשע.

אײַער דינער און פארערער

יעהודע־לייב גאָרדאָן

די נאכט נאָך פייסעך.

---

* די בריוו זײַנען געשריבן אין איווריט און ווערן דאָ פובליקירט אין א יידישער איבערזעצונג.

** דינסטיק, דעם 26 יאנוואר (לויטן אלטן און 7 פעווראל לויטן נײַעם סטיל), 1882 יאָר.

*** זונטיק, דעם 24 פעווראל (לויטן אלטן און 8 מארט לויטן נײַעם סטיל) 1885 יאָר.

כראָניק

מייער אקסעלראָדס גראפיק און טעאטער־עסקיזן אין סמאָלענסק

אין מעשעך פון אָנדערהאלבן כאדאָשים איז אין סמאָלענסקער קונסט־מוזיי אָף קאָניאָנקאָווס נאָמען באוויזן געוואָרן אן אויסשטעלונג פון דער שאפונג פונעם סאָוועטישן יידישן מאָלער, גראפיקער און טעאטער־דעקאָראטאָר מייער אקסעלראָד.

אָף דער עפענונג פון דער אויסשטעלונג זײַנען בײַגעווען סמאָלענסקער קינסטלער, ארטיסטן, שרײַבער, פאָרשטייער פון דער אָרטיקער פרעסע. עס איז אויך געקומען צו פאָרן פון מאָסקווע די אלמאָנע פונעם קינסטלער די יידישע שרײַבערן ריווקע רובין, וועלכע איז ארויסגעטראָטן פאר די פארזאמלטע מיט אן איבערזיכט פון מ. אקסעלראָדס שאפונג.

די אויסשטעלונג האָט געהאט גרויס דערפאָלג, עס האָבן זי באזוכט טויזנטער מענטשן. די ליבהאָבער פון דער קונסט האָבן איבערגעלאָזט אינעם אָפרוף־בוך פיל ווארעמע אָפרופן וועגן דער עקספאָזיציע.

איַיזיק שפילבערג,
סמאָלענסק.

אף דער אויסשטעלונג פון לייזער ראנס שאפונגען

אין דער הויפטשטאָט פון ווײַסרוסלאנד, אינעם לאָקאל פונעם פאריין פון די מינסקער קינסטלער, איז באוויזן געוואָרן אן אויסשטעלונג פונעם באקאנטן מאָלער און סקולפּטאָר לייזער ראן. עס זײַנען געווען פאָרגעשטעלט ראנס בילדער, סקולפּטורן און אָפּאָרטן.

די אויסשטעלונג פארמאָגט צוויי אָפּטיילונגען. אין דער ערשטער זײַנען געווען עקספּאָנירט בילדער און אָפּאָרטן, וואָס שילדערן די דערגרייכונגען פון דער רעפּובליק, נאטור־פּייזאזשן, די העראָיִשע פארגאנגענהײַט פונעם ווײַסרוסישן פאָלק.

באזונדערס האָבן אויסגענומען די בילדער „פראנצישעק סקאָרינא" — דעם גרינדער פון דער ערשטער דרוקערײַ אף דער ווײַסרוסישער ערד, „מינסק בויט זיך", „שטאָל־גיסער", „דאָס נײַע באזיגט" אא.

אין דער צווייטער אָפּטיילונג זײַנען געווען פאָרגעשטעלט בילדער אף יידישער טעמאטיק. צווישן זיי — די סקולפּטור־קאָמפּאָזיציעס „די ליקווידירונג פון מינסקער געטאָ", „א מוטער מיט איר קינד אין דער געטאָ", די סטאטועטקע „דער בוים פון לעבן"; די מײַסטעריש אויסגעפילטע אָפּאָרטן: „דער דיכטער אין געטאָ", „אונטערן שטעכיקן דראָט", „די פּרימאדאָנע", „פייגעלעך".

אין דער עקספּאָזיציע טיילן זיך אויך אויס די בילדער „פריילעכס", „מיכאָעלס", „א מאציִיווע דעם סקולפּטאָר בראזער", וועלכן די פאשיסטן האָבן דערמאָרדעט אין מינסקער געטאָ, און פיל אנדערע.

א שעפערישער באריכט פון א קינסטלערן

אין די זאלן פונעם וויסנשאפטלעך־פאָרשערישן מוזיי פון דער קונסט־אקאדעמיע פון פססר אין לענינגראד איז אָרגאניזירט געוואָרן אן אויסשטעלונג פון די שאפונגען פון דער פארדינסטפולער קינסטלערן פון רספסר אקאדעמיקער לידיִע בראָדסקאיא (די טאָכטער פונעם מאָלער־אקאדעמיקער איסאאק בראָדסקי).

אין דער גרויסער עקספּאָזיציע פון אירע 400 לײַוונטן, וועלכע זײַנען אהער צונויפגעזאמלט פון פיל אונדזערע מוזייען, באזינגט די מאָלערן די נאטור אין פארשיידענע ווינקעלעך פון לאנד — סיביר, קאווקאז, דעם ווײַטן מיזרעך, די רוסישע טײַכן.

די אויסשטעלונג איז אופגענומען געוואָרן מיצאד די צושויער ווי א שעפערישער באריכט פון דער באוווסטער קינסטלערן.

■ ■ ■

יִשׂראל סערעבריאַני

א קליינער טראַקטאַט וועגן גרויסער ליבע

„דורכן לעבן שלעפּ איך מיליאָנען גראַנדיעזע זוויבערע ליבשאַפטן"...
(מאַיאַקאָווסקי)

„ניטאָ קיין עכטע קונסט אָן דער ליבע צום מענטשן"
(ווינסענט וואַן גאָג)

אַמאָל איז אין דער העברעיִשער פּובליציסטיק געווען אין דער מאָדע דער זשאַנער פון א „מאמר". דער אויטאָר פונעם מאמר וויל, ערשטנס, ווייזן, אַז ער איז ניט אבי־וועֶר, אַז ער האָט עפּעס וואָס צו זאָגן, אַז ער איז מיט עפּעס ניט מאסקים, אַז ער איז באַקאַנט מיט דער גאַנצער סיטואַציע, אַז ער ווייסט וואָס ראַשע מאַכט און איז אויסן צו מיטיילן דער וועלט, אַז ער איז דאָ, ער שטייט אַף דער וואַך! ניט בלויז ער ווייסט די איוורע, נאָר אויך וואָס מע מיינט דערביי, און וואָס פאַר א פּשאַט מע קאָן דערפון מאַכן. אָט וויפל סוואַרעס און מיינען עס האָט פאַרמאָגט אין זיך דער דאָזיקער מערקווירדיקער זשאַנער.

איצט רופט זיך עס בא דער וועלט „עסיי". עמעס, פאַר דער דורכגעגאַנגענער צייט האָט שוין דער עסיי־מאמר דורכגעמאַכט א געוויסע עוואָלוציע, און בא היינטיקן טאָג שטייט ער אַף א סאַך א העכערער מאַדרייגע, ווי דער אַמאָליקער האַלב־באַטלאַנישער מאמר. דאָס איז אַזאַ מין זשאַנער, וואָס דאַרף זיין אָנגעשריבן קיילעכדיק און שפּיציק, אָבער אָן קיין שום גאַראַנטיעס פאַרן אַנאַליז, פאַרן פאַקט, פאַר דער דאַטע, פאַר דער כראָנאָלאָגיע און פּאָזיציע פונעם אויטאָר. פּאַשעט — דער אָביעקט פון דער אָפּהאַנדלונג האָט אַרויסגערופן באַם אויטאָר פון דעם עסיי א געוויסע שטימונג, וואָס האָט צעבונדן זיינע געפילן און געדאַנקען, אים א שטויס געטאָן צו דורכריידן זיך מיט עמעצן, טיילן זיך מיט דער דאָזיקער פאַרפלייצונג, וואָס איז אַרויס פון די ברעגן, און אַזוי־אַרום געפינען א באַרויקונג, א געוויסן טיקן אָדער אַמאָל אַפילו א גאָר אומדערוואַרטן סינטעז, וואָס זעט אויס ווי קימאַט אַן עמעס, אַן אַנטפּלעקונג. אין דעם עפּשער איז די באַרעכטיקונג פון דעם „שפּאָגל־נייעם" זשאַנער מיט זיינע אַלטע מאַמאַרישע טראַדיציעס...

בעעמעס, אין דער נאַטור גייט גאָרנישט ניט פאַרלאָרן, עס נעמט בלויז אַן אַנדערע פאָרמען...

איז אָט, וועל איך זיך אויך א פּרוּוו טאָן צו באַנוצן מיט דעם דאָזיקן אַלט־נייעם זשאַנער. א מענטש דאַרף אַלץ פּרובירן. עפּשער וועט גראָדע בא מיר זיך באַקומען עפּעס רעכטס, און פאַר די מענטשן וועט דערפון אַרויסקומען א טויווע...

מאָפּאַסאַן האָט געשריבן וועגן באַלזאַקן: „ער האָט געשאַפן אַן אייגענע ווירקלעכקייט, אַן אייגענע וועלט, און כאָטש זיין וועלט איז, ווי אונדזער אַלעמענס וועלט, ניט גאָר גוט איינגעאָרדנט, באַמערקן מיר עס ניט, ווייל מיר גלייבן שוין אין איר און האָבן זי ליב באַקומען.

מע געפינט כעסרוינעס אַפילו בא טאָלסטאָיען, בא שעקספּירן און בא נאָך אַנדערע גרויסע קינסטלערישע פּערזענלעכקייטן. איך רייד שוין ניט וועגן די כעסרוינעס, וואָס טאָלסטאָי אַליין געפינט בא שעקספּירן...

אָדער, וואָס דאַרף מען זוכן וויט. נעמט, אַשטייגער, די באַציִונג פונעם לייענער און קריטיקער צו שאָלעם־אַליכעמען. עס זיינען דאָ לייענער און קריטיקער, אַמאָל אַפילו הויך־געבילדעטע און קולטורעלע, וועלכע זוכן אָפּ כעסרוינעס בא שאָלעם־אַליכעמען: לעמאָשל — באַריידעוודיקייט, אידייענלאָזיקייט, ער הייבט זיך ניט אויף העכער פון זיינע פּערסאָנאַזשן אאַוו. ווען מע זאָל צוגיין צו דער דאָזיקער קריטיק מיטן טרוקענעם, „קאָמפּיוטאַרישן" אַנאַליז, קאָן מען אַפילו אַמאָל מאַסקים זיין מיט אירע אַרגומענטן. אָבער דאָס אַלץ פּלאַצט ווי א זייפנבלאָז, ווען מע הייבט אָן לייענען דעם שרייבער גופע.

שאָלעם־אַלייכעם האָט, ווי באַלזאַק, געשאַפן זיין אייגענע וועלט, זיין אייגענע ווירקלעכקייט, וואָס איז פּונקט אַזוי עמעס, ווי די ווירקלעכקייט גופע (מיר גלייבן אין איר און האָבן זי ליב באַקומען).

שאָלעם־אַלייכעמען האָט מען ליב, מע גלייבט אים, און דאָס מאַכט אַלץ קלאָר. דערקלערן עס מיט ריי־

נער לאָגיק קאָן מען ניט. ווי האַדל זאָגט: „מע דארף עס פילן"...

די ליבע צו שאָלעם־אלייכעמען, ווי ביכלאל די ליבע, וואָס יעדער עכטער שרײַבער רופט ארויס באם לייענער, גיט זיך ניט איבער בעירעשע. דאָס קאָן מען ניט יארשענען. אלץ קאָן מען עפשער קאָפּירן און קינסטלעך נאָכמאכן מער אָדער ווייניקער געלונ־גען, אָבער ניט די ליבע, וואָס דער שרײַבער רופט ארויס באם לייענער. דאָס איז דעם קינסטלערס אייגענער „סעקרעט", וועלכן ער נעמט מיט זיך מיט אפן אוילאָם־האַעמעס, ווײַל ער קאָן עס קיינעם ניט איבערגעבן, אפילע באם בעסטן ווילן.

שאָלעם־אלייכעם איז „באריידעוודיק", טײַנען אייניקע, און זיי ווילן זײַן לאקאָניש און קורץ.

שאָלעם־אלייכעם וויל קלוימערשט זיך ניט אופ־הייבן העכער פון זײַנע פערסאָנאזשן, און זיי ווילן גראָדע זיך אופהייבן א סאך העכער פון שאָלעם־אלייכעמען.

און וואָס באקומט זיך?

די שרײַבער, וואָס זײַנען ניט „באריידעוודיק" און קורץ, בלײַבן אמאָל שטעקן מיט זייער קורצקײַט, און קוים וואָס מע הערט זיי. די שרײַבער, וואָס הייבן זיך אוף העכער פון זייערע פערסאָנאזשן, בלײַבן אמאָל הענגען אין דער לופטן. די ערשטע — קוים וואָס מע הערט זיי; די צווייטע — קוים, וואָס מע זעט זיי.

ווײַל ניט אין דעם ליגט דער סאָד. טאָלסטאָי איז געראכט, ווען ער קאָנסטאטירט, אז קונסט און ליטע־ראטור איז אן „אנשטעקנדיקע" זאך. ווען דער שרײַ־בער אליין האָט ליב, וועט דער לייענער שוין אויך ליב האָבן אים.

„א הארץ פילט א הארץ" — דאָס איז ניט קיין באנאלע פראזע.

א שרײַבער דארף קומען מיט ליבע צו דעם לייע־נער, זײַן ציל איז צו פארגרינגערן מענטשן דאָס לעבן. אין זײַן ליד „דאָס וואָרט איז הייליק" שרײַבט האלקין:

אָט אזוי פלעגט מיר דער טאטע טײַנען...
צו פארדינען אין דער באק א קניפ,
צי א פײַנעם דריידעלע צוליב,
טוסטו ווערטער וויכטיקע פארקניפלען,
מוזסטו ערטער ליכטיקע פארקריפלען.
ווער האָט דיר געגעבן רעכט דערוף?
דײַנע דריידלעך, נו קאָרשט, פלאָנטער אוף!..
ניט אומזיסט פארמאָגסטו אזא האנט,
ניט אומזיסט אין האנט האָסט א טאלאנט.
א געשאנק איז דיר אזא געגעבן —
מענטשן צו פארגרינגערן דאָס לעבן.

לאָמיר נעמען די לידער פון אונדזער נעשאָמע־דיקסטן און הארציקסטן דיכטער־ליריקער אָשער שווארצמאן, — ניט נאָר זײַן ליד „די שווארצע מור־טער־נאכט", ווו די פאָרם און אינהאלט זײַנען אומ־צערײַסבאר, ווו יעדעס וואָרט אטאקירט דעם סוינע, און גלײַכצײַטיק פאָרט זיך עס מיט גרויסער מוטער־לעכער ליבשאפט („די שווארצע מוטער־נאכט צערײַסן ווערט פון ווײ"), נאָר אזא מין פרײַקע יוגנטלעכע ליבע־ליד, ווי „און ס'וואָלט דעם סאָד באנאכט די ערד". אָט איז זי, די דאָזיקע ליד:

און ס'וואָלט דעם סאָד באנאכט די ערד
דערציילט די ווינטן שטילערהייט,
וואָלט אינדערפרי געוווּשט דער וואלד,
און ס'וואָלט געגרעדט שוין קינד־און־קייט:
זי האָט אים ליב...
זי האָט אים ליב...
דער קוואל וואָלט אײַנגעווירעמט דעם טײַך,
וואָלט ער באטאָג אנטקעגן זון,
אין ברייטן פעלד, פאר ווײַטן שליאך
דערציילט דערפון:
זי האָט אים ליב!
זי האָט אים ליב!
ס'וואָלט יעדער מענטש מיך, ווי א פרײַנט,
באגריסט מיט ליבע בא זײַן שטוב,
און ס'וואָלט געשטראלט,
און ס'וואָלט געשײַנט:
זי האָט דיך ליב?!
זי האָט דיך ליב?!
כ'וואָלט אפן העכסטן פעלדזן־שפּיץ
ארופגעגאנגען, זיך געשטעלט
צו לאָזן וויסן מיט א בליץ
א האלבער וועלט:
זי האָט מיך ליב!
זי האָט מיך ליב!

מע קאָן דער דאָזיקער ליד פארגעבן א ריי קלאָץ־קאשעס: פארוואָס „א האלבע וועלט" און ניט „א גאנצע וועלט"? פארוואָס זײַנען אייניקע גראמען ניט גאָר קיין נײַע („שפּיץ" — „בליץ", „זון" — „פון"), אָדער ענג־דיאלעקטאלע („טײַך — שליאך")...

אָבער, ליבע פרײַנט, האָט ראכמאָנעס, פרעגט ניט קיין נאַזוּווע פראגן. דאָס איז אזוי גוט, אז מע בא־מערקט ניט קיין גראמען. און עפשער זײַנען די „שוואכקײַטן" גופע — א סימען פון גוטסקײַט, פון פאשעטקײַט, פון ניט געקינצלטקײַט, פון עכטקײַט פון געפיל און געדאנק?

אָט, קוקט זיך צו:

פריִער גייען ארום בלויז סוידעס און קלאנגען. דערנאָך רעדט שוין פון זײַן ליבע „קינד־און־קייט", און „יעדער מענטש", און ענדלעך קומט דער יונגער העלד אליין, שוין נאָך דער אלגעמיינער באשטעטי־קונג, נאָך אלע סוידעס און קלאנגען, און ערשט איצט איבערצײַגט ער זיך און לאָזט וויסן „א האלבע וועלט", פון דעם „העכסטן פעלדזן־שפּיץ", אז: „זי האָט מיך ליב! זי האָט מיך ליב!"

גיי, פרוּוו דערקלערן, פארוואָס דאָס איז גוט, פאר־וואָס דאָס קאָן גאָר אנדערש ניט זײַן, פארוואָס דאָס טרייסלט אוף, דרינגט ארײַן אינעם לייענערס הארץ. עפשער ווייסט עמעצער דעם סאָד, פארוואָס דאָס איז גוט. אדראבע, לאָמיר הערן!

מע דערציילט, אז מאיאקאָווסקין איז זייער געפעלן געוואָרן סוועטלאָווס ליד „גרענאדע", און ווען איינער א דיכטער האָט בא אים א פרעג געטאָן, פארוואָס, אייגנטלעך, געפעלט זי אים אזוי שטארק, דאָרטן זײַ־נען דאָך פאראן שוואכע שורעס און אפילע צווייפל־האפטע גראמען, וועלכע מאיאקאָווסקי אליין האָט אין קיין פאל ניט געדולדעט, האָט ער אָף דעם גע־ענטפערט:

— דאָס איז אזוי גוט, אז מיר באמערקן ביכלאל ניט קיין גראמען...

איך קער זיך ווידער אום צו שאָלעם־אַלייכעמען. מאָרדכע ספּעקטאָר האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז וועגן שאָלעם־אַלייכעמען קאָן יעדער לייענער, און אפילע ניט קיין לייענער, דערציילן און שרײַבן — סײַ די, וועלכע האָבן אים פּערזענלעך געקענט און סײַ אַזוינע, וועלכע האָבן אים קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען. ווען עס פלעגט געפּײַערט ווערן בא אונדז שאָלעם־אַלייכעמס א יובילייִ, און אויך בייס די פּיל־צאָליקע פאָלקלאָר־עקספּעדיציעס פון אונדזערע וויסנ־שאַפטלעכע אינסטיטוטן אין קיִעוו, מינסק און אַנד. ערטער, פלעגט מען זיך ניט איינמאָל אָנשטויסן אָף געוויינלעכע פאָלקס־מענטשן, וועלכע האָבן אײַך דער־וויזן בעויסעס־אומויפסים, אַז זיי האָבן אליין געזען שאָלעם־אַלייכעמען, אַז ער איז געווען בא זיי אין שטאָט אָדער שטעטל, כאָטש פונעם דאָקומענטאַלן, וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט איז עס אין קיין פאַל ניט מעגלעך געווען. אַלעמען זײַנען באַקאַנט פאַר־שיידענע מײַסעס און לעגענדעס וועגן שאָלעם־אַליי־כעמען, סײַ אַזוינע, וועלכע זײַנען שוין פאַרשריבן געוואָרן (אינעם באַוווּסטן „שאָלעם־אַלייכעם־בוך", וואָס איז אַרויס אין אַמעריקע, אין די זיכרוינעס פון וואָלף (וועוויק) ראַבינאָוויטש „מײַן ברודער שאָלעם־אַלייכעם" און אַנד.) און סײַ אַזעלכע, וועלכע גייען אַרום ווי עכטער פאָלקלאָר. דאָס איז ניט בלויז דער־פאַר, ווײַל שאָלעם־אַלייכעם איז א גרויסער שרײַבער, נאָר ווײַל דער לייענער גלייבט אין אים, האָט אים ליב באַקומען. די ליבע פונעם לייענער, און באַזונ־דערס פונעם ליטעראַטור־קריטיקער, איז א קאַרגע, אָבער א זיכערע און פונדאַמענטאַלע. דער פאָלקס־לייענער, כאָטש ער איז ניט קיין פּראָפעסיאָנאַל (און עפשער טאַקע דערפאַר), דערפילט גלײַך א פאַלשע האַווײַע אין א קונסט־ווערק.

מע דערציילט, אשטייגער, אַז ווען אין האָמליער מאַיאָנטעק פונעם פירשט פּאַסקעוויטש (איצט איז דאָרט א מוזיי און א פאָלקס־גאָרטן), האָט מען אַמאָל געבראַכט דעם אויסגעגאָסענעם פון מעטאַל דענקמאָל פונעם פירשט אָפן פערד רײַטנדיק, האָט מען ספּע־ציִעל גערופן אָף זאָגן מעווינעס א פּאָשעטן מענטשן פון פאָלק, ניט קיין באַהאַוונטן אין הילכעס קונסט. דער דאָזיקער ניט געבילדעטער, אָבער לעבנס־דער־פאַרענער פאָלקס־מענטש, האָט גלײַך אויסגעפונען א וועזנטלעכן כעסאָרן אין דער סקולפּטור — דאָס פערד איז געווען אָן פּאַדקעוועס. אזוי פירט זיך ניט, אַז בא א העלדישן רײַטער זאָל דער פערד זײַן ניט אונטערגעקאָוועט. די באַמערקונג, ווי מע דערציילט, איז אָנגענומען געוואָרן. איך ווייס ניט אָף וויפל דאָס אַלץ איז עמעס און אָף וויפל די דאָ־זיקע באַמערקונג איז טאַקע א ריכטיקע פונעם קינ־סטלערישן שטאַנדפּונקט, איך ווייס נאָר, אַז ביזן הײַנטיקן טאָג ווערט עס איבערגעגעבן בימעסוירע. איר קענט נאָך הײַנט הערן די געשיכטע, ווען איר וועט קומען קיין האָמעל, כאָטש דער רײַטער מיטן פערד איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן און קיין לעבעדיקע גוויעס־איידעס זײַנען שוין אויך ניטאָ...

דער שרײַבער דאַרף זײַן געטרײַ דעם עמעס פונעם לעבן. מיט דעם געווינט ער די ליבע און די סימפּאַ־טיע פונעם לייענער. וואָס שײַך דעם קריטיקער, גע־שעט מיט זײַן ליבע צום שרײַבער ניסים. ווי באַ־וווּסט, איז א קריטיקער באַרופן צו געפינען און באַ־ווײַזן דער וועלט אַלע גוטע מײַלעס פונעם שרײַבער. ווען ער האָט אָבער ליב דעם אָביעקט פון זײַן קרי־טיק, קאָן ער אפילע אויספּאַנטאַזירן זײַנע פּאָטענצי־עלע מעגלעכקײַטן, פאַרגרעסערן, אַזוי צו זאָגן, די מײַלעס.

דער קריטיקער האָט אָף דעם די פולע רעכט. דאָס וועט ניט זײַן קיין פעלשונג בענעגייע דעם עמעס, נאָר אַן אַנטפּלעקונג פון דערווײַל נאָך פאַרבאָרגענע אייגנשאַפטן.

דאָס זעלבע, פאַרקערט, ווען א קריטיקער האָט ניט ליב דעם אָביעקט פון זײַן פאָרשונג. און כאָטש קרי־טיק איז, לויט אונדזערע האַסאָגעס, א שטרענגע וויסנשאַפט, לייקנט זי אָבער ניט אָפּ קיין סוביעקטי־ווע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. א קריטיקער קאָן אויך „לאַכן" און „וויינען", ניט ווי אייניקע ווולגאַרע סאָציאָלאָגן האָבן אונדז אַמאָל געפּרווּוט אײַנריידן. אפילע ווען דער קריטיקער זאָל זיך סטאַרען עס אויסמײַדן, וועט עס אים ניט געלינגען, סײַדן ער איז ביכלאַל ניט פּײַיִק צו אָפּנעמען א קונסט־ווערק.

ווען א קריטיקער האָט פײַנט דעם קינסטלער, וועגן וועלכן ער שרײַבט, וועט ער אָפּזוכן די מינדסטע כעסרוינעס און זיי באַווײַזן דער וועלט. נאָך מער — ער קאָן אפילע אַמאָל איבערטרײַבן, „אויספּאַנטאַזירן" בלויזן, און דאָס וועט ווידעראַמאָל זײַן ניט גע־פעלשט. דער שרײַבער גופע האָט געגעבן מאַטעריאַל פאַר דער דאָזיקער קריטיק.

ליבעס זײַנען פאַראַן פאַרשיידענע — סײַ באַם קריטיקער, סײַ בא די לייענער, נאָר קימאַט בא אַלעמען ווערט די ליבע אַרויסגערופן פון דער זעל־בער סיבע און ברענגט צום זעלבן רעזולטאַט. שעפע־רישקײַט איז דאָרשט, און שעפערישקײַט איז דער קוואַל אָף צו שטילן דעם דאָרשט. אַלץ ווענדט זיך אָן דעם שרײַבער, וועמענס ווערק דער קריטיקער באַטראַכט. אַז מע האָט ליב דעם שרײַבער, דאַרף מען אויך ריידן וועגן זײַנע כעסרוינעס, און דאָס וועט אים גאָרניט „שאַטן".

לענין האָט ליב געהאַט טאָלסטאָיען, האָט ליב גע־האַט גאָרקין. דערבײַ האָט ער ניט פאַרשוויגן קיין איין כיסאָרן זייערן. און דאָך זײַנען פאַרבליבן בא אונדז אין זיקאָרן לענינס ווערטער וועגן די מײַלעס פון אָט די צוויי שרײַבער. לענין איז ניט געווען קיין אָנהענגער פון מאַיאַקאָווסקיס דיכטערישער מאַניר, דערבײַ האָט ער אונטערגעשטראָכן זײַנע גרויסע מײַ־לעס.

די געשיכטע פון ליבע איז נאָך ניט אָנגעשריבן, כאָטש זי שרײַבט זיך די גאַנצע צײַט, טאָגטעגלעך. אייניקע ליבעס און סימפּאַטיעס הייבן זיך אַמאָל אָן אויך פון אַנטיפּאַטיעס.

וועגן בלאָקן, מאַיאַקאָווסקין, יעסענינען, פּאַסטער־נאַקן און אַנד. דיכטער האָבן זיך ניט איין מאָל געביטן די מיינונגען בא דער קריטיק. דאָס איז דער־פאַר, ווײַל, ערשטנס, איז דער וועג פון די דאָזיקע דיכטער ניט געווען קיין גראָדליניקער און, צווייטנס, ווײַל די קריטיק גופע האָט נאָך געהאַלטן אין וואַקסן.

אַלס א פרישן בײַשפּיל קאָן אונדז אויך דינען די לעצטע פּאָלעמיק צווישן דעם אויטאָר פונעם היס־טאָרישן, קינסטלעריש־וואָגיקן ווערק „אונטער דער הייסער זון פון פּראָוואַנס" און זײַן קריטיקער־פּילאָ־לאָג.

פון דער דאָזיקער פּאָלעמיק האָבן געוווּנען ביידע צדדים. סײַ פּאַלקאָוויטש, וועלכער פּרוּווט זיך מיט זײַן קריטישן בלײַשטיפט מאַכן אָן אָרדענונג אינעם שרײַבערס קולטורעלער ווירטשאַפט, און סײַ זאַבאַרע, וועלכער איז איצט געצוווּנגען צו „גראָבן טיפער" בײַ זײַן ווײַטערדיקער אַרבעט איבערן ראָמאַן. דאָס זײַנען גוטע לײַדנשאַפטן, שטענדיק פּרוכטבאַרע פאַר דער ליטעראַטור. דער לייענער וועט דערפון אַ סאַך געניסן.

די באַציִונג צום שרײַבער און צו זײַן קינסטלערישן ווערק דאַרף זײַן דורכגעדרונגען מיט טיפן גלויבן — מיט ליבע.

איציק קיפּניס

מיט איציק קיפּניסעס טויט האָט די ייִדישע ליטעראַטור פאַרלוירן איינעם פון די באַדײַטנדיקע שעפער פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער קינסטלערישער פּראָזע. איציק קיפּניס איז געווען אַן אָנהייבער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. ער איז געבוירן געוואָרן דעם 12 דעקאַבער 1894 אין שטעטל סלאָוועטשנע, אין דער מישפּאָכע פון אַ גאַרבער.

זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט האָט קיפּניס אָנגעהויבן פון דיכטונג. אין 1923 איז דערשינען זײַן ערשט ביכל לידער „אָקסן". דער פּראָזע־בוך „כאַדאָשים און טעג" (1926) האָט אים געבראַכט אָנערקענונג פון אַן ערשטראַנגיקן מײַסטער.

דער גרונט־אינהאַלט פון קיפּניסעס שאַפן איז די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, דער בירגערקריג. די דאָזיקע טעמע האָט קיפּניס קינסטלעריש פאַרקערפּערט אין זײַנע הויפּט־ווערק אַף אַן אייגנאַרטיקן, נאָוואַטאָרישן אופן, פאַרבינדנדיק זי מיטן נאַציאָנאַלן מאָטיוו. אין „כאַדאָשים און טעג", „כײַעלע און פּיניעלע", „די שטוב", „אונטערוועגנס" און אין אַנדערע ווערק באַווײַזט ער דאָס שטייגערישע און אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישע, דאָס טראַגישע און קאָמישע אינעם לעבן פון די ייִדישע מאַסן. זײַן שאַפונג איז אַף דורך־און־דורך פאָלקסטימלעך, עכט הומאַניסטיש, דורכגעדרונגען מיט ליבע צו דעם פּאַשעטן פאָלקסמענטש. דערציילנדיק וועגן דעם לעבן פון די האָרעפּאַשנע מאַסן, אידענטיפיצירט זיך דער אויטאָר מיט זײַנע פאָלקס־טיפּן — רעדט מיט זייער לאָשן, אַנטפּלעקט זייער פּסיכאָלאָגיע, באַגלײַך ווי ער וואָלט דערציילט וועגן זיך אַליין. פונדאַנען נעמט זיך אויך דער שטאַרקער לירישער שטראָם אין קיפּניסעס שאַפן, וואָס מאַכט זײַנע ווערק אַזוי אומיטלבאַר און עמאָציאָנעל־ווירקעוודיק.

איציק קיפּניס איז געווען אַ גרויסער מײַסטער פון קינדער־פּראָזע. אין זײַנע דערציילונגען פאַר קינדער איז ער אויך אַזוי קינסטלעריש־וואָרהאַפטיק, ווי אין זײַנע פאָלקסטימלעכע ווערק פאַר דערוואַקסענע.

אַן עכטער קינסטלער, איז קיפּניס אַפן סאַמע אָרגאַנישן אופן פאַרבונדן מיט די קלאַסישע טראַדיציעס פון אונדזער ליטעראַטור. די קריטיק האָט ניט איין מאָל אָפּגעמערקט די פאַרבינדונג פון קיפּניסעס שאַפן מיט שאָלעם־אַלייכעמס טראַדיציע. דאָס איז באַמערקט געוואָרן גלײַך ווי עס איז דערשינען „כאַדאָשים און טעג". שאָלעם־אַלייכעמס האַשפּאָע האָט מען אײַנגעזען אין לירישן הומאָר, אין דער פאָלקסטימלעכער רעאַליסטישער שילדערונג, אין דער היימישקײַט מיט דער שטעטלשער סוויווע, אין דער מאָנאָלאָגישער דערציילערישער פאָרם.

דאָס קומען אין דער ליטעראַטור פון איציק קיפּניסן האָט באַגריסט דאַוויד בערגעלסאָן. ער האָט אין זײַן אַרטיקל וועגן „כאַדאָשים און טעג" פעסטגעשטעלט די שײַכעס פון קיפּניסעס לירישן העלד מיט „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס". עס איז אויך פאַראַן אַ געוויסע נאָענטקײַט פון קיפּניסעס שטילן טרויער, אין זײַן „אונטערוועגנס", מיט בערגעלסאָנס עלעגישער אינטאָנאַציע אין „נאָך אַלעמען", און באַזונדערס אין „אָפּגאַנג".

די ווירקונג פון די קלאַסיקער איז געווען פּרוכטבאַר פאַר קיפּניסן, וועלכער איז אָבער געגאַנגען מיט זײַנע אייגענע וועגן. פאָרזעצנדיק די פּראָגרעסיווע טראַדיציעס אין דער נײַער עפּאָכע, האָט קיפּניס פאַרנומען זײַן אייגן כאַשעוו און בעקאָוועדיק אָרט אין דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור און ער איז פאַרבליבן ווי אַ גרויסער שעפער.

קאָוועד זײַן אָנדענק!

דאָס איז טשיקאַווע

אין דער פרײַנטלעכער פעלקער־מישפּאָכע

עס דערמאָנען זיך די ערשטע כאדאָשים פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. די פאַשיסטישע האָרדעס זײַנען שוין געווען אפן לינקן ברעג פון דער נעווא, בא דער שליסעלבורגער פעסטונג. אין לענינגראד האָט זיך אָנגעהויבן די 900־טאָגיקע לעגענדארע עפּאָפּיי.

ס׳איז אומעגלעך איבערצוגעבן דעם ענטוזיאזם, דעם פארצענפאכטן ווילן צום קאמף, וועלכע עס האָט ארויסגערופן בא די דרייסטע קעמפער פון דער באלאגערטער שטאָט די ליד פונעם 95־יאָריקן קאזאכישן פאָלקס־דיכטער דזשאמבול דזשאבאיעוו, — „קינדער מײַנע, לענינגראדער!" דער אקין האָט די ליד געלייענט אף זײַן מוטערשפּראך, אף קאזאכיש, אין אלמא־אטא. דעם 4 סענטיאבער איז זי געווען אויסגעקלעפּט אף די ווענט פון די לענינגראדער הײַזער, אָן איבערגעזעצטע אין רוסיש. די הייסע דיכטערישע ווערטער זײַנען אופגענומען געוואָרן ווי א רוף פון אָן אלטן טאטן צו זײַנע זין, וועלכע ער באגלייט אין שלאכט.

אָט דאָס הייסט פעלקער־פרײַנטשאפט! קרישטאָל ריין, ווי א זונשטראל אין א טראָפּן קוועליקן וואסער, איז דאָס געפיל פון פרײַנטשאפט צווישן מענטשן פון פארשיידענע פעלקער.

מיר ברענגען דאָ ווײַטער נאָך אייניקע פאקטן.

אין 1972 איז אין קיִעוו דערשינען א בוך פונעם פוילישן קאָמוניסט יאנוש גראָכולסקי „די פרײַנטשאפט האָט פאר אונדז אויסגעטראָטן א וועג". דער אווטאָר שרײַבט: „איך האָב ליב צו זיצן ביז שפּעטער נאכט אין ביבליאָטעק. די רוישיקע שטאָט ווערט אלץ שטילער און שטילער, אף די בענק אונטער די אלטע קאשטאנביימער בלײַבן זיצן בלויז פארליבטע פּאָרלעך. אינעם שוואך באלויכטענעם צימער קומען ארײַן געשטאלטן פון די ביכער. אָט דערזע איך געשטאלטן פונעם בוך „דער אופשטאנד אין װארשעווער געטאָ". דער דאָזיקער פארצווייפלונגס־אקט פון די צום טויט פאַרורטיילטע ייִדן האָט געטראָפן ווי א דונער אין גאנץ פוילן. באגעגנענדיק זיך אין גאס, האָבן די ווארשעווער אײַנוווינער איינער צום אנדערן געזאָגט: „די געטאָ גיט זיך ניט אונטער!" דאָס האָט געקלונגען ווי א פּאראָל". א פּאראָל פון פעלקער־פרײַנטשאפט.

אין 1967 האָבן אין דער פראנצויזישער פּאָרט־שטאָט האוור זיך פארזאמלט סאָוועטישע און פראנצויזישע פרײַנט און אונטערגעשריבן אן אקט וועגן דער פארברידערונג פון לענינגראד און האוור. לעקאָוועד אָט דער געשעעניש איז אין האוור פארפלאנצט געוואָרן א „פרײַנטשאפט־בוים". דער דאָזיקער בוים איז שוין אויסגעוואקסן און געלאָזט טיפע וואָרצלען.

די ערשטע קאָמיטעטן פון פארברידערטע שטעט זײַנען געשאפן געוואָרן אין וואָלגאָגראד און קאָווענטרי (די ביידע שטעט זײַנען נאָך געלעגן כאָרעווע פון די פאשיסטישע באָמבעס). איצט, אין 30 יאָר ארום, האָט די דאָזיקע באוועגונג באקומען א באזונדערס ברייטן פארנעם. לענינגראד, אשטייגער, האלט אונטער א פארבינדונג מיט 20 שטעט פון דער וועלט, וואָלגאָגראד — מיט נײַן שטעט. 120 סאָוועטישע שטעט האלטן אונטער פרײַנטלעכע פארבינדונגען מיט 250 שטעט פון אנדערע לענדער. אין יול 1972 איז אין לענינגראד פאָרגעקומען דער VII וועלט־קאָנגרעס פון די פארברידערטע שטעט. צום קאָנגרעס זײַנען געקומען 1500 דעלעגאטן פון 50 לענדער.

די וועלט־פעדעראציע פון די פארברידערטע שטעט (די פעדעראציע איז געשאפן געוואָרן אין 1952 אין פראנקרײַך, אירע אָרגאניזאטאָרן זײַנען די געוועזענע אָנטיילנעמער פון דער ווידערשטאנד־באוועגונג) פאראייניקט איצט הונדערטער שטעט פון אייראָפּע, אזיע, אפריקע, אמעריקע.

פון אזא פרײַנטשאפט צווישן פעלקער, צווישן שטעט און לענדער האָט נאָך קיינמאָל די וועלט ניט געוווּסט.

עס בויט זיך איצט די צווייטע ריי פון דער נאפטלייטונג „פרײַנטשאפט", וועלכע וועט אין א יאָר ארום, אין 1975, טראנספּאָרטירן ביז 50 מיליאָן טאָן נאפט א יאָר אָנשטאָט די 8 מיליאָן 300 טויזנט טאָן אין 1964. גלײַכצײַטיק בויט זיך די גרעסטע אין דער וועלט גאזלייטונג, וואָס וועט דעם נאטירלעכן גאז, מיט וועלכן עס איז רײַך סיביר, טראנספּאָרטירן צום אייראָפּעיִשן טייל פון אונדזער לאנד, פון דאָרט — קיין טשעכאָסלאָוואקיע, פוילן, דײַטשישע דעמאָקראטישע רעפּובליק, אונגארן, בולגאריע. א גרויסן עקאָנאָמישן עפעקט וועט האָבן די פאראייניקטע ענערגיע־סיסטעם „שאָלעם". אירע עלעקטרישע סטאנציעס וועלן אויסארבעטן מער פון 50 מיליאָן קילאָוואט און 250 מיליארד קילאָוואט־שאָ א יאָר. די דאָזיקע בויונג פירט דער ראט פון עקאָנאָמישער קעגנזײַטיקער הילף, וואָס איז א קינד פון דער פרײַנטשאפט צווישן די פעלקער אין די סאָציאַליסטישע לענדער.

אפן האלב־אינדזל מאנגישלאק אין קאזאכסטאן (אפן מיזרעכדיקן ברעג פונעם קאספּישן יאם) האָט זיבן יאָר צײַט (פון 1850 ביז 1857) זיך געפונען אין פארשיקונג דער גרויסער אוקראַיִנישער דיכטער טאראס שעווטשענקאָ.

איינמאָל האָט ער אין דער נײַפּעטראָווסקער פֿעסטונג פֿאַרפֿלאַנצט אין דער פּראָטקלאַזער ערד א ווערבע־צווײַגל, האָפֿנדיק, אַז אין ווײַסטן העק, וואָס דינט אַלס אָרט פֿון פֿאַרשיקונג, וועלן נאָך אַמאָל בלײַען און וואַקסן סעדער.

אָף אָט דעם האַלב־אינדזל אַרבעטן איצט האַנט בא האַנט, ווי א פֿרײַנטלעכע מישפּאָכע, מענטשן פֿון 53 פֿעלקער פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד. דערפֿאַר רופֿט דאָס פֿאָלק מאַנגישלאַק „האַלב־אינדזל פֿון 53 ברידער". פֿאַר די לעצטע צען יאָר איז מאַנגישלאַק, אַדאַנק דער סאָלידאַרער אַרבעט פֿון די 53 ברידער, געוואָרן איינער פֿון די גרעסטע נאַפֿט־ראַיאָנען אין לאַנד. די 53 ברידער האָבן דאָ אויך געשאַפֿן א מעכטיקע סיסטעם פֿון פֿאַרוואַנדלען דאָס געזאַלצענע וואַסער פֿונעם קאַספּישן יאַם אין נאָרמאַלן טרינק־וואַסער.

קיין מאַנגישלאַק, צוהילף די 53 ברידער, שיקן אויסשטאַטונג און מאַטעריאַלן די אונטערנעמונגען פֿון העכער הונדערט שטעט פֿון די פֿאַרבאַנדישע רעפּובליקן.

ווען דער אוואַרישער סאָוועטישער דיכטער, לאָוריאַט פֿון דער לענין־פּרעמיע ראַסול גאַמזאַטאָוו איז צו זײַן 50־טן געבורטסטאָג געקומען צוגאַסט קיין קיִעוו, האָט דער היגער פֿאַרלאַג „ראַדוגאַ" אונטערגעטראָגן אים א מאַטאָנע: אין דער „שול־ביבליאָטעק" איז דערשינען גאַמזאַטאָווס א זאַמלונג אָף אוקראַיִניש „לידער פֿון די הויכע בערג".

אין זײַנע ווערק שילדערט דער דיכטער דאָס לעבן פֿונעם סאָציאַליסטישן דאַגעסטאַן, די ענדערונגען אין דער פּסיכאָלאָגיע פֿון די באַרגלײַט, די גרויסע פֿעלקער־פֿרײַנטשאַפֿט.

גאַמזאַטאָוו האָט פֿאַר די קיִעווער פֿרײַנט געלייענט זײַנע לידער אין רוסיש. „צוויי פֿערד — צוויי שפּראַכן — פֿירן דאַגעסטאַן פֿאָרויס, — האָט ער געזאָגט. — איינס פֿון זיי איז — די רוסישע שפּראַך, דאָס צווייטע — די אוואַרישע. מיר איז טײַער מײַן לײַבלעך־אייגענע אוואַרישע שפּראַך, מיר איז ניט ווייניקער טײַער אויך די צווייטע לײַבלעך־אייגענע שפּראַך — די רוסישע".

דעם כאַשעוון גאַסט האָט מען געבעטן, ער זאָל לייענען עפּעס אָף אוואַריש. ער האָט גערן אײַנגעשטימט. ווען ער האָט געענדיקט לייענען א ליד אָף אוואַריש, האָט ער זי באַלד געלייענט אויך אָף אוקראַיִניש.

אינעם קאַמף פֿאַר שאָלעם און זיכערהײַט פֿון די פֿעלקער ווערן געבוירן נײַע, סאָציאַליסטישע, יוישערדיקע, באַציִונגען צווישן די מענטשן.

י. גינעווסקי

בראָניק

„יאָרבוך — 1973"

אין סאָפֿיע איז דערשינען דאָס „יאָרבוך — 1973", וואָס עס גיט אַרויס די צענטראַלע פֿאַרוואַלטונג פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער קולטור־אויפֿקלערערישער אָרגאַניזאַציע פֿון די ייִדן אין דער בולגאַרישער פֿאָלקס־רעפּובליק.

די אַכטע, לויט דער צאָל, יאָרזאַמלונג שליסט אין זיך אײַן העכער עלף היסטאָרישע און וויסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישע אַרטיקלען, אין וועלכע דער אויטאָרן־קאָלעקטיוו: קלאַרע פּינקאַס, אליִאַ אײַליעוו און מאַריִאַ פּענטשעוואַ, רוסי בעליגאַוו, איוואַן אונדזשיִעוו און סאַלוואַדאָר איזראַעל, עלי עשקענאַזי, איסאַק מאָסקאָנאַ, ניקאָלײַ צוויאַטקאָוו, יאָסיף אַסטרוקאָוו, אַנאַ ראַשקאָווסקאַ און אַנד. באַלויכטן פֿאַרשיידענע אַספּעקטן פֿון דער געשיכטע פֿון די בולגאַרישע ייִדן. עס ווערט אין זיי דערציילט וועגן דעם פּאַטריִאָטיזם פֿון די בולגאַרישע ייִדן, וועגן זייער פֿרײַנטלעכער מיטאַרבעט מיטן בולגאַרישן פֿאָלק אין דעם קאַמף פֿאַר דער פֿרײַהײַט און אומאָפּהענגיקײַט פֿון זייער היימלאַנד.

צווישן די אילוסטראַטיווע מאַטעריאַלן, וואָס זײַנען אײַנגעשלאָסן אין דער זאַמלונג, טרעפֿן מיר פֿיל פֿאָטאָ־דאָקומענטן און רעפּראָדוקציעס פֿון א גרויסער רעוואָליוציאָנער־היסטאָרישער ווערט.

די געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך

דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט („ייִוואָ") אין ניו־יאָרק האָט אַרויסגעגעבן מאַקס ווײַנרײַכס א פֿירבענדיק ווערק „די געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך". דאָס איז א מאָנומענטאַלע אַרבעט, וועלכע דער באַוווּסטער געלערנטער האָט אָפּגעגעבן פֿופֿציק יאָר פֿון זײַן לעבן.

■ ■ ■

ד־ר מאַקס ווײַנרײַך איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1969.

געשטאָרבן אַן אָנגעזעענער געלערנטער־העבראַיִסט

אין עלטער פֿון 87 יאָר איז אין ירושלאַיִם געשטאָרבן איינער פֿון די גרעסטע העבראַיִסטן דער פּראָפֿ. וואַפּטאַלי טור־סינאַי. א היפּשע צײַט האָט טור־סינאַי געלעבט און זיך געלערנט אין ווין, ווו ער האָט דערנאָך געאַרבעט אַלס לעקטאָר אין אוניווערסיטעט (1913—1919).

דער געלערנטער האָט אַרויסגעלאָזט פֿיל ווערק וועגן העבראַיִשער פֿילאָלאָגיע.

זינט 1933 האָט טור־סינאַי אָנגעפֿירט מיט דער העבראַיִשער קאַטעדרע אין דעם ירושלאַיִמער אוניווערסיטעט. אין פֿאַרלויף פֿון 20 יאָר איז ער געווען דער פּרעזידענט פֿון דער אַקאַדעמיע פֿון דער העבראַיִשער שפּראַך.

שרײַבער און ווערק

נאטיצן אפן קאלענדאר

דעם 7 מײַ 1874, מיט 100 יאָר צוריק, איז אין ראָהאַטשאָוו (סמאָלענסקער גוב.) געבוירן געוואָרן פּיאָטער גערמאָגענאָוויטש סמידאָוויטש.

א מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון 1898, אן אָנטיילנעמער אינעם מאָסקווער דעקאבער־אופשטאנד פונעם פינפטן יאָר, אין דער פעווראל־רעוואָליוציע און אין דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאבער־רעוואָליוציע פון 1917, — אזא איז אין קורצן דער קאמפּס־וועג פון פּ. סמידאָוויטש. אפן צענטן צוזאמענפאָר פון דער רקפּ(ב), אין 1921, איז סמידאָוויטש אויסגעווײלט געוואָרן אלס מיטגליד פון דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע פון דער פּארטיי. אין מעשעך פון פיל יאָרן איז ער געוועזן א מיטגליד פון פּרעזידיום פונעם צענטראלן אויספיר־קאָמיטעט פון רספסר און פססר.

ווי עס איז גוט באַוווּסט, האָט די סאָוועטן־רעגירונג, באלד נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, אָנגענומען ענערגישע מאָסמיטלען צו פּראָדוקטיוויזירן די ייִדישע באַפעלקערונג, וועלכע איז באפרײַט געוואָרן פונעם צארישן טכום־האמוישעוו. די ערשטע זאָרג פון דער רעגירונג איז געוועזן — מאכן די ייִדן פאר אויס „לופט־מענטשן", אײַנאָרדענען זיי אף ערד און אין דער אינדוסטריע. דעם 29 אווגוסט 1924 איז צוליב דעם צוועק געגרינדעט געוואָרן באם פּרעזידיום פונעם נאציאָנאליטעטן־ראט פון דעם צענטראלן אויספיר־קאָמיטעט פון פססר דער קאָמערד. אלס פאָרזיצער פון קאָמערד איז באשטימט געוואָרן פּ. סמידאָוויטש, וועלכער האָט ניט פארלאָזט דעם דאָזיקן פּאָסטן ביזן סאָף פון זײַן לעבן.

פּיאָטער סמידאָוויטש האָט גענומען דעם אקטיווסטן אָנטייל אינעם אָרגאניזירן אפן ווײַטן מיזרעך די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט — ביראָבידזשאן. די באַפעלקערונג פון דער געגנט האָט אָנגערופן איינעם פון די ייִשווים מיטן נאָמען סמידאָוויטש. דער ראיאָן־צענטער סמידאָוויטש פארמאָגט איצט א באפעלקערונג פון העכער צען טויזנט אײַנוווינער, א היפּשע אינדוסטריע, וועלכע ארבעט דעריקער פארן אײַזנבאַן־טראנספּאָרט.

פּיאָטער גערמאָגענאָוויטש סמידאָוויטש איז געשטאָרבן דעם 16 אפּרעל 1936 אין מאָסקווע.

דעם 15 אפּרעל 1884 איז אין גראָדנע (ווײַסרוסלאנד), אין א געזינד פון אן ארבעטער פון א טאבעק־פאבריק, געבוירן געוואָרן דער ייִדישער ארבעטער־טוער, קריטיקער און היסטאָריקער שמועל (סעם) אגורסקי (פּסעוודאָנימען: בען־כאַים, שמועל סיינער, שמועל־אלעף).

אין 1905 איז ש.(ס.) אגורסקי, צוליב די פארפאָלגונגען פון דער צארישער זשאנדארמעריע, אנטלאָפן קיין ענגלאנד, פון דאָרט איז ער אין א יאָר ארום אוועקגעפאָרן קיין אמעריקע. א געוויסע צײַט האָט ער געארבעט אין טשיקאגאָ אלס שנײַדער, סטראכיר־אגענט און גלײַכצײַטיק געדרוקט זיך אין פארשיידענע ייִדישע פּראָגרעסיווע צײַטשריפטן. אין 1917 האָט ש.(ס.) אגורסקי צוזאמען מיט א גרופּע פּאָליטישע עמיגראנטן פון רוסלאנד פארלאָזט אמעריקע, געקומען קיין פּעטערבורג און גלײַך באקומען אן אופטראָג צו אָרגאניזירן ייִדישע קאָמיסאריאטן אין דער פּראָווינץ. אין סאָף 1918 איז ער באשטימט געוואָרן אלס קאָמיסאר פאר ייִדישע איניאָנים איבער דער וויטעבסקער גובערניע, אלס רעדאקטאָר פון דער וויטעבסקער ייִדישער באָלשעוויסטישער צײַטונג „פרײַער ארבעטער" און אלס צײַטווײַליקער שטעלפארטרעטער פונעם מאָסקווער קאָמיסאר פאר ייִדישע איניאָנים ש. דימאנשטיין. א געוויסע צײַט איז ער געוועזן פארוואלטער פונעם פּארטיי־ארכיוו באם צק פון דער קאָמפּארטיי פון ווײַסרוסלאנד און אָנפירער פונעם אינסטיטוט פאר ייִדישער פּראָלעטארישער קולטור בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון ווססר. ש.(ס.) אגורסקי האָט זיך עט־

לעכּע מאָל פּערזענלעך געטראָפן מיט װ. אי. לענינען און געהאַט מיט אים געשפּרעכן איבערהױפּט װעגן דער רעװאָלוציאָנערער באַװעגונג אין אַמעריקע. אין 1920, װען אין אַמעריקע האָט זיך אָנגעהױבן אַ באַװעגונג פֿאַר געבן סאָװעטן־רוסלאַנד פּראַקטישע הילף און ש. אַגורסקי איז געשיקט געװאָרן אין די פֿאַראײניקטע שטאַטן מיטן אױפֿטראָג צו אָרגאַניזירן דעם איניען, האָט ער פֿאַרן אָפּפֿאָר געהאַט אַ באַגעגעניש מיט װ. אי. לענינען.

שמואל (סעם) אַגורסקי איז געװען אַ טאַלאַנטפֿולער פּובליציסט און היסטאָריקער. אין אַ בוכפֿאָרם זײַנען דערשינען זײַנע װערק:

„די באַדײַטונג פֿון דער ערשטער ייִדישער קאָמוניסטישער קאָנפֿערענץ“. װיטעבסק, קאָמיסאַריאַט פֿאַר ייִדישע איניאָנים, 1918; „דער ייִדישער אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער באַװעגונג“ (1917 — 1921), מיט אַ פֿאָרװאָרט פֿון ש. דימאַנשטײן. מינסק, װײַסר. מעלוכע־פֿאַרלאַג, 1925; „אױפֿן היסטאָרישן פֿראָנט“ (קעגן דער אידעאַליזאַציע פֿון „בונד“). צענטרפֿאַרלאַג, מאָסקװע — כאַרקאָװ — מינסק, 1930; „די רעװאָלוציאָנערע באַװעגונג אין װײַסרוסלאַנד“. דאָרט, 1931; „דער מאָסקװער פּראָלעטאַריאַט אױף די באַריקאַדן“. דאָרט, 1931; „דער קאַמף קעגן „בונד“ (פֿון דער אַנטשטײונג פֿון דער „איסקראַ“ ביז דעם III צוזאַמענפֿאָר פֿון דער רסדאַפּ). מאָסקװע, פֿאַרלאַג „עמעס“, 1932; „די אָקטיאַבערשלאַכטן אין מאָסקװע“. דאָרט, 1933; „די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אױף ייִדיש אין 1875 — 1897. באַנד II. מינסק, װײַסר. װיסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע, 1935.

כּוץ דעם איז ש.(ס.) אַגורסקי געװען דער צונױפֿשטעלער פֿון אַ גרױסער צאָל זאַמלביכער, רעדאַקטאָר פֿון פּאָליטיש־ליטעראַרישע אױסגאַבעס. ער איז דער אױטאָר פֿון אַרטיקלען װעגן די דיכטער באָװשאָװער און עדעלשטאַט.

שמואל (סעם) אַגורסקי איז געשטאָרבן אין 1938 אין אַלמאַ־אַטאַ.

דעם 4 אַפּרעל איז געװאָרן 100 יאָר זינט אין אַמשינאָװ (הינטער װאַרשע) איז געבױרן געװאָרן דער ייִדישער שרײַבער הערש־דאָװיד נאָמבערג.

געקומען אין 1897 קײן װאַרשע, האָט ה.־ד. נאָמבערג באַזוכט י.־ל. פּערעצן און געלײענט פֿאַר אים זײַנע העברעיִשע שירים. פּערעץ האָט אים געראַטן צו שרײַבן אױף ייִדיש.

אין 1900 האָט ה.־ד. נאָמבערג דעביוטירט אין דער צײַטונג „יוד“ מיט דער ליד „דער נאָװי“ און אין אַ. רײזענס זאַמלבוך „דער צװאַנציקסטער יאָרהונדערט“ מיטן מײַסעלע „דאָס גליק“. פֿאַר אַן אומלעגאַלן זאַמלבוך האָט ער אָנגעשריבן צום ערשטן מאָל די ליד „ס׳לױפֿן, ס׳יאָגן שװאַרצע װאָלקנס“, װאָס איז געװאָרן פּאָפּולער אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַװעגונג.

אַ לענגערע צײַט האָט ה.־ד. נאָמבערג זיך געפֿונען אין אױסלאַנד (דײַטשלאַנד, שװײץ, אַמעריקע, אַרגענטינע, פֿראַנקרײַך אאַ.). דער גרעסטער טײל פֿון זײַן שאַפֿונג איז באַשטאַנען פֿון פּובליציסטישע אַרטיקלען און פֿעליעטאָנען, אין װעלכע ער האָט אַרױסגעװיזן אַ פֿײַנעם כּוש פֿאַר

דער ייִדישער שפּראַך, פֿאַר ייִדישע קולטור־פּראָבלעמען און געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגן (ה.־ד. נאָמבערג האָט אָנטײלגענומען אין דער טשערנאָװיצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ פֿון 1908 און איז געװען דער אױטאָר פֿון איר רעזאָלוציע, געװען פּאָרזיצער פֿונעם װאַרשעװער פֿאַרײן פֿון ייִדישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן). פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט ער זיך אינגאַנצן אָפּגעבן דער בעלעטריסטיק. פֿון זײַנע װיכטיקסטע דערצײלונגען דאַרף מען אָנרופֿן: „דער ראָװ און זײַן זון“, „פֿון אַ פּױלישער יעשיװע“, „פֿליגלמאַן“, „צװישן בערג“ אאַ.

עס זײַנען דערשינען צװײ אױסגאַבעס פֿון ה.־ד. נאָמבערגס שריפֿטן. אַ פֿולע אױסגאַבע אין פֿיר בענדער האָט אַרױסגעגעבן דער פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע“. נאָמבערגס דערצײלונגען זײַנען איבערגעזעצט אין רוסיש, פּױליש און אין אַנדערע שפּראַכן.

הערש־דאָװיד נאָמבערג איז געשטאָרבן דעם 21 נאָיאַבער 1927 אין אָטװאָצק (הינטער װאַרשע).

■ ■ ■



ליבע אין טראנשיי

ווערטער פון ארן ווערגעליס

מוזיק פון סערגיי טשעבאטאריאָוו





שוין לאנג זיך צעשיידט — וויפל יאָרן פאַרשוווּמען?
דער צײַט אונדזער ליבע מיר האָבן פאַרטרויט.
און איצט אין די שלאַכטן זיך ווידער געפונען —
און דאָך: צום לעבן? צום טויט?

מיר האָבן באַגעגנט זיך אין א טראַנשייע.
מילכאָמע. געפאַרן. און סרייפעס. און בלוט.
מיר היילן פון שווערע פאַרלוסטן די ווייען
מיט ליבע. מיט מוט.

דערמאָן ניט די פריידן. פאַרגיב מיר די ליידן.
עס עגבערט דער טרוים, וועלכן איך האָב געהאַט.
איך וואָלט אָפּגעגאַן צען מאָל מיט בלוט, זאָלסט,
מײַן מיידל,
ניט זײַן קיין סאָלדאַט.

מיט דער ליד, וועלכע מיר פאַרעפנטלעכן אין דעם הײַנטיקן נומער, הייבט זיך אָן דער וואָקאַלער ציקל, וואָס עס האָט געשאַפן דער קאָמפּאָזיטאָר סערגיי טשעבאָטאַריאָוו אויף די טעקסטן פון ארן ווערגעליסעס פּאָעטישן טאָגבוך „ליבע אין טראַנשיי“, אָנגעשריבן אפן פראָנט אין 1943.

דער אידייִש־קינסטלערישער פאַרטראַכט פון דעם מוזיקאַלן ציקל איז פאַרקערפּערט אין פינף טיילן. די מוזיקאַלע געשטאַלטן, וואָס דער קאָמפּאָזיטאָר אַנטפּלעקט אין זײַן קאָמפּאָזיציע, דערמאָנען די טראַגעדיע פון דער מענטשהייט אין די מילכאָמע־יאָרן, און מיר נעמען זי דעריבער אויף, ווי אַן אייגנאַרטיקן רעקוויִעם דער ליבע.

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

צו׳קונפט[1] און פארגאנגענ׳הייט[2]

	צוקונפט		פארגאנגענהייט		פילמאָליקע פארגאנגענהייט[3]	
איך	וועל	קויפן, שיקן[4]	האָב	געקוי׳פט, געשי׳קט[5]	פלעג	קויפן, שיקן[6]
דו	וועסט	″	האָסט	″	פלעגסט	″
ער,	וועט	″	האָט	″	פלעגט	″
זי, עס						
מיר	וועלן	″	האָבן	″	פלעגן	″
איר	וועט	″	האָט	″	פלעגט	″
זיי	וועלן	″	האָבן	″	פלעגן	″

די סטרוקטור פון צוקונפט איז הילפ׳ווערב „וועל״ (וועסט...) + אינפיניטי׳וו[7]. די סטרוקטור פון דער פילמאָליקער פארגאנגענהייט איז הילפוווערב „פלעג״ (פלעגסט...) + אינפיניטיוו.

אן אינפיניטיוו און א פערזאָניקער ווערב בא „מיר״ און „זיי״ זײַנען ענלעך[8]: מיר, זיי ארבעטן, לייענען — איך וועל (פלעג) ארבעטן, לייענען. ניט ענלעך זײַנען פאָלגנדיקע אינפי־ניטיוון: „געבן, וויסן[9], וועלן[10], גיין, שטיין, טאָן (טון)[11], זען, געשע׳ן[12], זײַן״. די פערזאָניקע זײַנען: מיר, זיי גיבן, ווייסן, ווילן, גייען, שטייען, טוען, זעען, געשע׳ען, זײַנען (זענען).

מיר ווילן וויסן, וואָס ווייסן זיי ניט. אויב זיי וועלן וועלן, וועלן זיי וויסן. מיר גיבן זיי דאָס, וואָס מיר האָבן. מיר וועלן זען, וואָס וועלן זיי אונדז געבן. מיר האָבן געגעבן, וואָס מיר האָבן געהאַט[13].

די סטרוקטור פון פארגאנגענהייט איז הילפוווערב „האָב״ (האָסט...) אָדער הילפוווערב „בין״ (ביסט...) + פּאַרטיציפּ[14]. לעמאָשל: איך האָב געזען, איך בין געפאָרן[15]. בא א פּאַר־טיציפּ איז געוויינט׳לעך[16] פאראן א פּרעפיקס „גע״ און א סופיקס „ט״ אָדער „(ע)ן״: געקוקט, געפאָרן, געקומען.

א סאך פּאַרטיציפּן האָבן א קלאנגענבײַט אינעם וואָרצל[17]. לעמאָשל: וויסן — איך האָב געוווּסט; וועלן — איך האָב געוואָלט; שטיין — איך בין געשטאנען; גיין — איך בין געגאנגען.

Перевод: 1) будущее время; 2) прошедшее; 3) многократное прошедшее; 4) куплю, пошлю; 5) купил, послал; 6) покупал, посылал; 7) инфинитив, «неопределенная форма» глагола; 8) похожи; 9) знать; 10) хотеть, желать; 11) делать; 12) совершаться, случаться; 13) что имели; 14) причастие, его функции в идише и в русском различны; 15) ехал; 16) обычно; 17) перегласовка в корне слова.

א וויגליד[1]

שלאָף, שלאָף, שלאָף![2]
דער טאטע וועט פאָרן אין דאָרף[3],
וועט ער ברענגען אן עפּעלע[4],
וועט זײַן געזונ׳נט דאָס קעפּעלע[5].

שלאָף, שלאָף, שלאָף!
דער טאטע וועט פאָרן אין דאָרף,
וועט ער ברענגען א ניסעלע[6],
וועט זײַן געזונט דאָס פיסעלע[7].

ווײַטער גייען פאָלגנדיקע גראַמען[8]: אן ענטעלע[9]... דאָס הענטעלע[10]; א יײַכעלע[11]... דאָס בײַכעלע[12]; א פייגעלע[13]... דאָס אייגעלע[14]; א העזעלע[15]... דאָס נעזעלע[16]... פאראן אויך אזא וואריא׳נט: דער טאטע וועט קומען פון דאָרף... וועט זײַן א געזונט אין קעפּעלע...

קעגנוואַרט און פארגאנגענהייט

מע זעט דאָס ניט, מע הערט דאָס ניט, מע שפּירט[17] דאָס ניט, מע נעמט דאָס ניט, נאָר לעבן קאָן מען אָן דעם ניט. וואָס איז דאָס? (לופט)[18]. מע האָט דאָס ניט געזען, מע האָט דאָס ניט געהערט, מע האָט דאָס ניט געשפּירט, מע האָט דאָס ניט גענומען, נאָר לעבן האָט מען ניט געקאָנט אָן דעם (אָדער: ...האָט מען אָן דעם ניט געקאָנט).

Перевод: 1) колыбельная песня; 2) спи; 3) поедет в деревню; 4) принесёт яблочко; 5) будет здорова головушка; 6) орешек; 7) ноженька; 8) далее идут следующие рифмы; 9) уточка; 10) ручонка; 11) супец (бульон) — ласкательное; 12) животик; 13) пташка; 14) глазёнки; 15) заинька; 16) носик; 17) ощущают; 18) воздух.

אף דעם גאנעוו ברענט דאָס היטל[1] — אף דעם גאנעוו האָט געברענט דאָס היטל.
דער, וואָס פרעגט[2], בלאָנדזעט ניט[3] — דער, וואָס האָט געפרעגט, האָט ניט געבלאָנדזעט.
ווו מע דארף צוקער, טויג ניט קיין זאלץ — ווו מע האָט געדארפט צוקער, האָט ניט געטויגט קיין זאלץ (האָט קיין זאלץ ניט געטויגט).

א גאסט קומט אף א ווײַל און זעט אף א מײַל — א גאסט איז געקומען אף א ווײַל און האָט געזען אף א מײַל.

אז עס ברענט באם שאָכן, ביסטו אויך אין א סאקאַ׳נע — אז עס האָט געברענט באם שאָכן, ביסטו אויך געווען אין א סאקאָנע.

ווען נייט[4] א שנײַדער[5] אומזי׳סט?[6] ווען ער מאכט[7] ניט קיין קניפל[8]. — ווען האָט א שנײַדער גענייט אומזיסט? ווען ער האָט ניט געמאכט קיין קניפל (ווען ער האָט קיין קניפל ניט געמאכט).

Перевод: 1) на воре шапка горит; 2) тот, кто спрашивает; 3) не блуждает; 4) шьет; 5) портной; 6) бесплатно, даром; напрасно, зря; 7) делает; 8) узелок (в идише здесь игра слов: шьет бесплатно — шьет зря).

פארטיציפן מיט „בין" (זײַן)

די ווערבן „בלײַבן[1], גיין, געלינ׳גען[2], גערא׳טן[3], געשען, דערשײַ׳נען[4], הענגען[5], וואקסן[6], ווערן[7], זינקען[8], זיצן[9], זײַן, טרעטן[10], לויפן[11], ליגן[12], פאלן[13], פארשווי׳נדן[14], פאָרן, פליִען[15], פרירן[16], קומען, קריכן[17], רינען[18], שווימען[19], שטארבן[20], שטיין, שטײַגן[21], שלאָפן[22], שפרינגען[23]" — קומען אין פארטיציפ מיטן הילפווערב „בין" (זײַן).

איך בין (ביסט...) געבליבן, געגאנגען, געלונגען, געראָטן, געשען, דערשינען, געהאנגען, געוואקסן, געוואָרן, געזונקען, געזעסן, געווען, געטראָטן, געלאָפן, געפאלן, געלעגן, פארשוווּנדן, געפאָרן, געפלויגן, געפראָרן (געפרוירן), געקומען, געקראָכן, גערונען, געשווומען, געשטאָרבן, געשטאנען, געשטיגן, געשלאָפן, געשפרונגען.

דאָס זײַנען פארטיציפן פון שטייענדיקע ווערבן (אינטראנזיטיווע)[24] — ווערבן, וואָס קו־מען אָן דירע׳קטע אָביעק׳טן און באטײַ׳טן מערסטנס[25] א צושטאנד[26], א באווע׳גונג[27]. פארטיציפן פון איבערגייענדיקע ווערבן[28] קומען אין פארגאנגענהײַט מיטן הילפווערב „האָב" (האָסט...).

Перевод: 1) оста(ва)ться; 2) уда(ва)ться; 3) уда(ва)ться; 4) появляться; 5) висеть, вешать; 6) расти; 7) становиться; 8) вязнуть, погружаться; 9) сидеть; 10) ступать; 11) бежать; 12) лежать; 13) падать; 14) исчезать; 15) летать; 16) мерзнуть, зябнуть; 17) лазить, ползать; 18) течь, протекать; 19) плавать; 20) умирать; 21) подниматься, возрастать; 22) спать; 23) прыгать, скакать; 24) непереходные глаголы; 25) большей частью; 26) состояние; 27) (пере)движение; 28) переходные глаголы.

פארטיציפן פון שטייענדיקע און איבערגייענדיקע ווערבן

אז מע שמירט[1], פאָרט מען — אז מע האָט געשמירט, איז מען געפאָרן. אלע שוסטער[2] גייען באָרוועס[3] — אלע שוסטער זײַנען געגאנגען באָרוועס. אז עס איז דאָ אין טאָפּ[4], איז דאָ אין טעלער[5] — אז עס איז געווען אין טאָפּ, איז געווען אין טעלער. אז מע קאָכט מיט שטרוי[6], בלײַבט דאָס עסן רוי[7] — אז מע האָט געקאָכט מיט שטרוי, איז דאָס עסן געבליבן רוי. אז מע האקט האָלץ, פאלן (פליִען) שפענער — אז מע האָט געהאקט האָלץ, זײַנען געפאלן (געפלויגן) שפענער. דער קארגער[8] ליגט אף דעם געלט[9], ווי א הונט[10] אף דעם ביין[11] — דער קארגער איז געלעגן אף דעם געלט, ווי א הונט אף דעם ביין. דער אוישער[12] שלאָפט, און זײַנע רע־ווא׳כים[13] גייען — דער אוישער איז געשלאָפן, און זײַנע רעוואָכים זײַנען געגאנגען. אף וואָס פאר א פור[14] מע זיצט, אזא ניגן[15] זינגט מען — אף וואָס פאר א פור מע איז געזעסן, אזא ניגן האָט מען געזונגען (אזא ניגן פלעגט מען זינגען).

מײַן ברודער עליעס קאנאפ׳קע[16] איז פריִער[17] געווען א קאנא׳פע[18], וואָס מע פלעגט אף איר זיצן. נאָר זינט[19] מײַן ברודער עליע איז געווא׳רן א כאָסן און האָט אָנגעהויבן[20] צו שלאָפן אף דער קאנאפע און איך אף זײַן בעטל[21], איז די קאנאפע געוואָרן א „קאנאפקע" (שאָלעם־אַלייכעם).

Перевод: 1) мажут; 2) все сапожники; 3) босиком; 4) горшок; 5) тарелка; 6) варят (готовят) соломой; 7) сырой;; 8) скупой; 9) деньги; 10) собака; 11) кость; 12) богач; 13) прибыли, барыши; 14) подвода; 15) мелодия; 16) диванчик; 17) раньше; 18) канапе́, диван; 19) но с тех пор как; 20) начал, стал; 21) кроватка.

די הילפווערבן, ווי אלע אנדערע הילפווערטער[1] (ארטיק׳לען, פרעפאָזי׳ציעס, בינדווערטער)[2], זײַנען אָן אקצענטן[3]. מע רעדט זיי ארוי׳ס[4] איניי׳נעם[5] מיט די ווײַטערדיקע ווערטער[6].

א גא׳סט איז געקו׳מען (אף א ווײַ׳ל) און האָט געזע׳ן אף א מײַ׳ל.

Перевод: 1) как все другие служебные слова; 2) предлоги, союзы; 3) без ударений; 4) их произносят; 5) вместе; 6) со следующими словами.

ווערבן מיט פּרעפיקסן

ווערבן קומען אָפט מיט פּרעפיקסן. די פּרעפיקסן זײַנען אָן אַקצענטן. פּאַרטיציפּן פון ווערבן מיט פּרעפיקסן זײַנען אָן דעם פּאַרטיציפּישן „גע־". לעמאָשל:

פּרעפיקסן	אינפיניטיוו	פּאַרטיציפּן
אַנט־	לויפן — אַנטלויפן[1]	געלאָפן, אַנטלאָפן.
באַ־	שרײַבן[2] — באַשרײַבן[3]	געשריבן, באַשריבן.
גע־	דענקען[4] — געדענקען[5]	געדענקט.
דער־	געבן — דערגעבן[6]	געגעבן — דערגעבן.
פאַר־	פליִען[7] — פאַרפליִען[8]	געפלויגן, פאַרפלויגן.
צע־	טרעטן — צעטרעטן[9]	געטראָטן, צעטראָטן.

אַנטוויינען[10], אַנטוויקלען[11], אַנטקרוינען[12], אַנטדעקן[13], אַנטשטיין[14], אַנטשעדיקן[15], אַנטשפּרעכן[16].

באַאַרבעטן[17], באַגיסן[18], באַדינען[19], באַזינגען[20], באַלוינען[21], באַלעבן[22], באַנייען[23].

דעראַרבעטן[24], דערזאָגן[25], דערזען[26], דעריאָגן[27], דערקלערן[28], דערקענען[29], דערשרײַבן[30].

פאַרברענען[31], פאַרגעבן[32], פאַרדעקן[33], פאַרוויקלען[34], פאַרטאָן[35], פאַרפאָרן[36], פאַרקויפן[37].

צעבײַטן[38], צעגיסן[39], צעגעבן[40], צעהאַקן[41], צעוואַרפן[42], צעזעצן[43], צעהענגען[44], צע־שנײַדן[45].

אַנטהאַלטן[46], באַהאַלטן[47], דערהאַלטן[48], פאַרהאַלטן[49]; באַלייגן[50], דערלייגן[51], פאַרלייגן[52], צעלייגן[53];

באַנעמען[54], דערנעמען[55], פאַרנעמען[56], צענעמען[57]; באַציִען[58], דערציִען[59], פאַרציִען[60], צעציִען[61].

אייניקע ווערבן קומען ניט אָן פּרעפיקסן. לעמאָשל: אַנטוואָפענען, באַוואָפענען, אַנטשול־דיקן[62], באַשולדיקן[63], אַנטשקלאַפן[64], פאַרשקלאַפן[65], באַשוכן[66], באַגליקן[67], געוועלטיקן[68], דערווידערן[69].

די ווערבן (אינפיניטיוו) „געבאָרן (געבוירן)[70], געווינען[71], געפינען[72]" זײַנען אין פּאַר־טיציפּ „געבאָרן (געבוירן), געוווּנען, געפונען". „הערן" און „געהערן[73]" זײַנען אין פּאַרטיציפּ „געהערט". פון „עסן" און „צעעסן[74]" זײַנען די פּאַרטיציפּן „געגעסן" און „צעגעסן".

אַ טויבער האָט געהערט, ווי אַ שטומער האָט דערציילט[75], אַז אַ בלינדער האָט געזען, ווי אַ קרומער[76] איז גיך[77] געלאָפן. דער זון האָט געוווּנען אַ מאַשין, און די שנור האָט געוווּנען (געבאָרן) אַ קינד. אַז מע האָט נעכטן געגעסן, איז מען הײַנט ניט זאַט[78]. אַז אַן אָרעמאַן[79] האָט געגעסן אַ הון[80], איז ער געווען קראַנק[81] אָדער די הון.

אין זאָאָפּאַרק האָט אַ קינד דערזען אַ כאַזער[82].

— וואָס איז דאָס פאַר אַ חיה?[83] — האָט דאָס קינד געפרעגט זײַן מוטער.

— דאָס איז אַ כאַזער.

— אַ כאַזער? — האָט זיך דאָס קינד געחידושט[84], — צווישן חיות זײַנען דען אויך פאַראַן כאַזיירים?

Перевод: 1) убежать; 2) писать; 3) опис(ыв)ать; 4) думать, мыслить; 5) помнить; 6) дода(ва)ть, добавлять; 7) летать; 8) залетать; 9) растоптать; 10) отнимать от груди; 11) разви(ва)ть; 12) развенчивать; 13) откры(ва)ть (что-нибудь новое), раскры(ва)ть, выявлять; 14) возникать, зарождаться; 15) обезвредить; 16) соответствовать; 17) обрабатывать; 18) обли(ва)ть, поли(ва)ть; 19) обслуживать, прислуживать;; 20) воспе(ва)ть; 21) награждать, вознаграждать; 22) оживлять; 23) обши(ва)ть; 24) дорабатывать; 25) договаривать, досказывать; 26) увидать; 27) догонять, настигать; 28) объяснять, разъяснять, объявлять, заявлять; 29) узнавать; 30) допис(ыв)ать; 31) сжигать; 32) зада(ва)ть, прощать; 33) закры(ва)ть, прикры(ва)ть; 34) завертывать, заматывать; запутывать; 35) израсходовать, истратить; 36) заезжать; 37) прода(ва)ть; 38) разменивать; 39) разли(ва)ть; 40) раздавать; 41) рассекать, разрубать; 42) разбрасывать; 43) рассаживать; 44) развешивать; 45) разрез(ыв)ать; 46) содержать в себе; 47) (с)прятать; (по)хоронить; 48) получать, поддерживать; 49) задерживать; 50) облагать; 51) добавлять, прибавлять; 52) закладывать; 53) раскладывать, разлагать; 54) понимать, охватить, обирать; 55) добирать, донимать; 56) занимать; 57) разнимать; 58) обтягивать; 59) дотягивать (до определенного времени или места); воспитывать; 60) затягивать; 61) растягивать; 62) извинять, прощать; 63) обвинять; 64) раскрепощать; 65) порабощать; 66) обу(ва)ть; 67) осчастливить, облагодетельствовать; 68) владычествовать, господствовать; 69) возражать; 70) рожать; 71) выигр(ыв)ать; рожать; 72) находить; 73) принадлежать; 74) разъедать; 75) рассказал; 76) хромой, кривой; 77) быстро; 78) сыт; 79) бедняк; 80) курица; 81) болен, больна; 82) свинья; 83) зверь, животное; 84) удивился.

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

© Журнал «Советиш геймланд», 1974 г.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Мальтинский, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай, И. Чичельницкий** (зам. главного редактора).

Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман.

Подписано к печати 18/IV 1974 г. Формат 70×108¹/₁₆. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125.
Цена 50 коп. Зак. 1260.

Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР
по делам издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.

Индекс 70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА
№ 5

1974

■

В НОМЕРЕ:

Магистральный путь нашей литературы — современность (выступления Х. Меламуда, Г. Полянкера, Б. Миллера, А. Гонтаря, С. Гордона, Х. Мальтинского, Т. Гена, Г. Ременика, А. Вергелиса).

М. Разумный. Рига — город мой родной (очерк).

Т. Ген. В гостях у поэта.

Публицистика. О современном сионизме. Документы XVI съезда Коммунистической партии Израиля.

Стихи И. Харика, А. Гонтаря, Р. Балясной, И. Бухбиндера, Д. Хайкиной, З. Тименчика, Я. Элькиса.

Е. Фаликман. Огонь и пепел. (роман).

Д. Хорол. Лирические тетради.

Э. Канцедик. Мать (рассказ).

Воспоминания. У. Гуральник. Вчера, сегодня, завтра.

Литературная критика.
Библиография. Вопросы искусства.

Х. Бейдер. Жизнь, прожитая на сцене.

Ф. Раскина. О скульпторе И. Чайкове. (к 60-летию творческой деятельности).

И. Серебряный. Небольшой трактат о большой любви.

Наши сообщения. Заметки на календаре. Хроника.

Э. Фалькович. Беседы о еврейском языке.